STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00807

DER LETSTER LODZSHER ROMAN

Zusman Segalowitch

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Florence & Marvin Gerber
in honor of
Jake Akiva Gerber

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. סעגאַלאָוויטש

דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

ביכער-סעריע

דאָס פּױלישע ײדנטום

79

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לײטער:

אבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ז. סעגאלאָוויטש

דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1951 — תשי״ב

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Z. SEGALOWICZ

DER LETZTER LODZER ROMAN

(LA ULTIMA NOVELA DE LODZ)

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA

Industria Argentina
BUENOS AIRES, 1951

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA
Buenos Aires, 1951

אינהאַלט

זייט

פון רעדאַקציע — 7
1. דער פאַבריקאַנט — 9
2. זיידנער ווערט פריי — 17
3. פאַבריצירטע שטימונג — 22
4. ערב־רעזיגנאַציע — 30
5. באַגינען אין פאַבריק — 39
6. אַ פריינט — 47
7. בייזע צינגער — 56
8. פרילינג אין לאָדזש — 64
9. זיבן צימערן — 76
10 גערעגל — 84
11. ליזאַ איליטאָוויטש — 91
12. אָפּגערעדט אויף זונטיק — 101
13. בייטאָג אין קאַפע — 110
14. אַ ביסל נאַטור — 123
15. אַ פאַרברענגעניש — 133
16. אַ סעודה פאַר צוויי — 155
17. באַנקראָט — 165
18. אין דער נאַכט אַריין — 174
19. מען שמועסט ווידער — 185
20. קאַפע „אַסטאָריאַ" — 197
21. נישטאָ די פירמע „זיידנער" — 207
22. יחוס — 218
23. נאַכט־וואַנדערער — 232

זייט

24. וואָס איז דאָס לאָדזש? — 250
25. ביים ים — 263
26. די גאָלדענע פעדעם — 281
27. אָלקער איז געקומען — 291
28. דערנענטערונג — 307
29. זאָרגלאָזע טעג — 317
30. דריי פּאַרציעס ים — 324
31. קום צעזאַר! — 337
32. אין שפּעטיקן זומער — 348
33. פלוצלינג — 360
34. צעטרייסלטער קיום — 368
25. מען גייט — 379
ביכער־רשימה — 387
פּרעסע־שטימען — 390

**
*

„דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן״ איז דאָס לעצטע גרעסערע ווערק פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש.

עס איז אייגנטלעך אַ נייע באַאַרבעטונג פון אַ ראָמאַן, וואָס ז. סעגאַ־לאָוויטש האָט אָנגעהויבן שרייבן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה און עס געדרוקט אין ווארשעווער „היינט״.

אין אַ בריוו פון 3טן נאָוועמבער 1946 פון תל־אביב, שרייבט סעגאַלאָוויטש:

„איך פאַרטראַכט אַ גרויסע אַרבעט וועגן אַ לאָדזשער ראָמאַן. דעם דאָזיקן ראָמאַן געדרוקט אין „היינט״ דעם גאַנצן זומער 1939. די מלחמה האָט עס איבערגעריסן און די מלחמה האָט אויך פאַרברענט דעם סוף פון מיין מאַנוסקריפּט צוזאַמען מיט די העלדן... איצט וועל איך פון דעם עפּעס מאַכן. פריער איז עס געווען אַ „יש״ און איצט איז דאָס „אַמאָל איז געווען״...

דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ אין יאָר 1947 אונטערן געענדערן נאָמען „פאַרן שטורעם״.

מיר פאַרעפנטלעכן דאָס דאָזיקע ווערק אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ אונטערן אָריגינעלן נאָמען אַזוי ווי דער דיכטער האָט עס אונדז בשעתו צוגעשיקט.

די רעדאַקציע

1

דער פאַבריקאַנט

פעליקס זיידנער.

אַ באַקאַנטע פיגור אין שטאָט. נישט פון די אויפגעקומענע פאַברי־קאַנטן. אַ יחסן. שוין דער פערטער דור פון אַ אַ משפחה, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַבריקאַציע. זיידנערס פירמע איז אַ זיכערע, זיינס אַ וואָרט איז אַ פעסט וואָרט. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער נאָך געווען אַ יונג בחורל. ער האָט דעמאָלט געלערנט אין דייטשלאַנד, האָבן אים די דייטשן אויף דער גאַנצער צייט פון קריג פאַרהאַלטן אלס קריגס־געפאַנגענעם. ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, איז ער צוריקגע־קומען קיין לאָדזש, האָט ער שוין זיין מוטער נישט געפונען, זי איז גע־שטאָרבן. דער פאָטער האָט געקרענקט און איז נישט אימשטאַנד געווען צו פירן די גרויסע פאַבריק.

ער איז געקומען צו דער ריכטיקער צייט, דער יונגער זיידנער. אין פוילן האָט זיך אָנגעהויבן בויאונג און אויפלעבונג. טראַדיציע פון אַרבעט איז ביי די זיידנערס געווען, מען האָט בלויז באַדאַרפט פרישע ענערגיע, אויף צו באַלעבן דעם אָפּגעשטאַנענעם אַפּאַראַט. פעליקס האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. עס איז אַוועק אַ יאָר, צוויי, דריי, מען האָט שוין אין לאָדזש געוווּסט, אַז ביי די זיידנערס גייט עס גוט.

מען האָט אויך געוווּסט צו דעם דערציילן, אַז דער אַלטער זיידנער איז שוין גאָרנישט ווערט, ער איז קראַנק און וועט נישט לאַנג אָנציען. דער קאָפּ און מאַרך פון דער פאַבריק איז דער יונגער פעליקס זיידנער. וועגן זיינע פאַבריקאַנטישע און סוחרישע איינפאַלן האָט מען דערציילט לעגענדעס, זיין ענערגיע און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט האָט מען באַוווּנדערט. אַפילו קאָנקורענטן האָבן אים געשעצט.

דערווייל איז דער פאָטער זיינער געשטאָרבן און דערווייל האָט ער חתונה געהאַט. געווען איז ער זייער אַ פאַרנומענער מענטש, אפילו קיין צייט נישט געהאַט חתונה צו האָבן, נאָר מענטשן פרעמדע און האַלב־פרעמדע האָבן זיך אַריינגעמישט אין זיין פריוואַטן לעבן, טאָג און נאַכט געדרייט דעם קאָפּ מיט שידוכים און זיי האָבן אויסגעפירט: אין דער אַלטער וווינונג פון די זיידנערס, אין די אָפּגעפרישטע און צוגעפוצטע צימערן, האָט אַרומגעשוועבט אַ שלאַנק־בלאָנד ווייבל. די איינציקע, וואָס האָט איבערגעאָנדערשט זיין נאָמען. ביי איר האָט ער שוין געהייסן נישט פעליקס, נאָר פעלעק. זי האָט זיך פאַרנומען אויף אים. ער האָט געמוזט נעמען און זיך אַנדערש פאַרקעמען די האָר זיינע, ער האָט געמוזט אָפּראַזירן די קורצע וואָנסן, וואָס ער האָט ביז איצט געטריי געטראָגן. ער האָט נישט געטאָרט קיין סך עסן ביים טיש:

— ווערסט ווערן דיק, ווי אַ פּאַס, און איך האָב פיינט דיקע מענער.

אַלס בחור האָט ער זייער ווייניק פאַרבראַכט מיט פרויען, האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווו מען דאַרף ווייניקער, אָדער מער נאָכגעבן. ער איז צו פרי אַוועק אין דער פאַבריק און דאָרט איז ער איינגעשלונגען געוואָרן. איצט איז אין זיין לעבן אַריין אַ יונגע פרוי. ער האָט נישט געוווּסט, צי ער האָט זי פיינט, צי ליב. ער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט. וועגן אַזעלכע קלייניקייטן האָט ער, לויט זיין באַגריף, נישט געדאַרפט טראַכטן.

אַלץ איז אין זיין לעבן געווען אויסגערעכנט. אַזויפיל און אַזויפיל וועב־שטולן, אַזויפיל אַרבעטער, אַזויפיל מעטער שטאָף. אַלץ אויסגערעכנט מיט אַ קאַלקולאַציע פון אויסגאַבן און איינקונפטן. ער האָט זיך געפילט שטאַרק אין דעם קוואַדראַט פון זיין לעבן, אין דער סימעטריע פון זיין טאָג־טעגלעכקייט, אָבער אינדערהיים, אין זיינע צימערן, דאָ איז ער געווען אַביסל פאַרלאָרן.

דאָס ווייבל...

סעלאַ האָט זי געהייסן. זי האָט אויך געשטאַמט פון אַ רייכער פאַבריקאַנטן ־משפחה און פון קיין זאָרג האָט זי אין איר יוגנט נישט געוווּסט. ערשט איצט האָט זי באַקומען די ערשטע זאָרגן:

— פעלעק! דו ווייסט, ווען איך וועל זיך אַרויסוואַרפן פון פענסטער?

פעליקס בייזערט זיך אָן אויף איר, זי זאָל נישט רעדן מער קיין נאַרישקייטן, אָבער סעלא מוז אירס זאָגן:

— ווען דו וועסט באַקומען אַ פליך, דעמאָלט וועל איך אַרויסשפּרינגען פון פענסטער.

זי איז געווען זייער יונג און פיין. די האָר בלאָנד און קורץ געשוירן. טונקל־בלויע אויגן האָט זי געהאַט, דאָס פּנים אַ קליין ביסל לענגלעך. אויסגעזען האָט זי, ווי אַ שיינע ענגלענדערין, פון די, וועלכע מען מאָלט אויף די אַנזיכט־קאַרטן, כאַטש נעם און וואַרף אַרויף אויף איר אַ שאָטלענ־דיש מאַנטעלע פון קראָטן־שטאָף, טו איר אָן אַ קליין באַשיידן היטעלע, גיב איר אין האַנט אַ רייזע־טאַש און לאָז זיך מיט איר וואַנדערן איבער דער וועלט...

זי האָט אָבער נישט געוואַנדערט. זי איז געזעסן אין לאַדזש אויף דער נאַווראָט־גאַס און געוואַרט אויף פעליקסן. קומט ער אויף מיטאָג און גייט אַוועק, קומט שלאָפן און גייט אַוועק, דעמאָלט וואַרט זי ווידער אויף אים. כאַפּט זי אים איינמאָל, טוליעט זיך צו צו אים און זאָגט:

— איצט ווייס איך שוין, צוליב וואָס איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט...

— צוליב וואָס?

— כדי איך זאָל וואַרטן אויף דיר. בייטאָג וואַרט איך, פאַרנאַכט, ביי־נאַכט, אינדערפרי... ווען? ווען וועל איך זיך שוין דערוואַרטן אויף דיר?

— טייערע! איך בין אַ פאַבריקאַנט...

— איז וואָס, אַז מען איז אַ פאַבריקאַנט?

ער האָט באמת נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט נישט גע־וואָלט ענטפערן, ער האָט פיינט געהאַט יעדן דרוק אויף זיך, נאָר סעלאַ איז איצט געווען אַזוי ליב, אַזוי קינדעריש עלנט און הילפסלאָז — ער האָט זי געמוזט מיט עפּעס פאַרגיטיקן. האָט ער זי גוט אויסגעקושט, ער האָט זי אַרומגענומען און געגלעט, געווען מילד גאַרנישט אויף זיין שטיי־גער. אָבער אויף מאָרגן, ווען ער האָט באַגעגנט זיין איינציקן פריינט דעם אינזשיניער אַלקער, האָט ער זיך פאַר אים באַקלאָגט:

— מיין ווייבל מאַטערט מיך מיט איר ליבע. איך בין נעכטן אַליין צעווייקט געוואָרן פון איר געפּיל. איך ווייס נישט, וואָס זי וויל פון מיר, כאַטש נעם און פאַרמאַך די פאַבריק און זעץ זיך אַוועק נעבן איר...

אַלקער האָט אים געענטפערט:

— מיט אַ פרוי באַדאַרף מען זיך אַביסל שפּילן...

— איך קאָן דאָס נישט.

— אַ קליין ביסעלע מוז מען זיך שפּילן...

— איך קאָן דאָס נישט, — האָט זיידנער נאָכאַמאָל אַרויסגערעדט שוין מיט אַ ברוגז, פונקט ווי אלקער וואָלט דאָ מיט עפּעס שולדיק געווען...

אָבער אַלקער האָט ווייטער גערעדט:

אַ פרוי איז ווי אַ קינד, מען דאַרף עס איינגעמען, נאָכגעבן, איבער אַ פרוי באַדאַרף מען הערשן, אָבער מען דאַרף וויסן ווי צו הערשן.

זיידנער איז נאָך מער אומגעדולדיק געוואָרן:

— דו רעדסט צו מיר ווי אַן אינטעליגענטע שוויגער...

— ניין, פעליקס, איך רעד צו דיר ווי אַ מאַן צו אַ מאַן, ווי אַ פריינט רעד איך. דו מוזט זיין געדולדיק צו דיין סעלא...

— איך קאָן נישט שפּילן אין קינדער־שפּיל...

— אויב דו קאָנסט עס נישט, וועט זיין שלעכט, פעליקס!

— מיט וואָס וועט זיין שלעכט?

— מיט דיין פאַמיליען־לעבן... דו ווייסט, אַז עס רייסט זיך איבער אַ פאָדעם אין דער קעטע, קאָן מען עס לייכט פאַרריכטן, נאָר אַז צווישן צוויי מענטשן רייסט זיך איבער דער פאָדעם, דעמאָלט איז זייער נישט גוט. אַז מען האָט חתונה, שרייבט מען אונטער אַ שווערן וועקסל, דו ביסט דאָך נישט קיין באַנקראָטשיק...

זיידנער האָט דעמאָלט אַ סך מינוטן געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלקערן:

— איך האָב די פאַבריק און זי האָט די שטוב, אַזוי דאַרף דאָס זיין איינגעטיילט, און איך בין נישט שולדיק, וואָס די פאַבריק פאָדערט מער צייט און אַרבעט, ווי די שטוב...

אַלקער האָט געלאַכט:

— דו מאַכסט חשבונות און גרעניצן: „פאַבריק", „שטוב". שטוב באַזונדער, פאַבריק באַזונדער.... ס'איז דאָך גאַרנישט אַזוי, ווי דו מיינסט. דיין ווייבל, דיין סעלא, איז דאָך אומדירעקט און אומבאַוווסטזיניק אַ שותּפטע צו אַלע דיינע געשעפטן, זי ווירקט דאָך אויף דיין געמיט און דיין געמיט ווירקט אויף דיינע ענינים... ניין, פעליקס, מען קאָן דאָך גאַרנישט אָפּטיילן, דו ביסט אויך אַ שותּף צו דער שטוב, צו דער קיך אפילו, צו אַלע קאַפּריזן פון דיין ווייבל, צו אירע היטעלעך און שיכעלעך. פון דיר און פון איר, פון איר וועלטל און דיין וועלטל דאַרף זיין איין וועלטל, איין משפּחה, אַ גאַנצקייט, אַ האַרמאָניע און דאָס הייסט: גוטער פאַמיליען־לעבן.

די באַזונדערקייט און אָפּגעזונדערטקייט ווירקט דאָ ווי א קאַלטער ווינט, וועלכער פאַרגליווערט אַלץ...

אויף זיידנערן האָבן די אַלע רייד וויניק געווירקט.

ער איז שוין געווען מיט די געדאַנקען ווייט פון זיין ווייבל, פון זיין שטוב און פון אַלקערן אַפילו. געטראַכט האָט ער אין דער רגע וועגן — אַ נייעם מוסטער, געטראַכט פון דער פאַבריק זיינער, פון קויפן און פאַרקויפן.

דאָס איז געווען ביי אים אַזאַ סיסטעם. ווי נאָר עמעצער נעמט אים דרייען דעם קאָפּ מיט אַ פילאָזאָפיע, ווערט ער אומגעדולדיק און כדי זיך צו ראַטעווען פון די אַלע נישט זיינע פּראָבלעמען, פאַרקירעוועט ער גלייך אין דעם געסל פון זיין פאַבריק, טראַכט בלויז פון זיינע געשעפטן און מיט דאָס איבעריקע לאָזט אים צורו...

נישט אומזיסט האָבן מענטשן געדעדט, אַז מיט פעליקס זיידנערן קאָן מען בלויז שמועסן וועגן געשעפט. זייער וויניק האָבן געטאַדלט די דאָזיקע איינזייטיקייט פון אַ מענטשן. פאַרקערט, פיל האָבן עס אונטערגעשטראָכן אַלס די בעסטע מעלה:

— אין לאָדזש, האָבן זיי געזאָגט, קאָן מען נישט אַנדערש און מען טאָר נישט אַנדערש, אין לאָדזש חלומט מען נישט. איין סעזאָן יאָגט נאָך דעם צווייטן סעזאָן. די וועב־שטולן זענען שטענדיק גרייט און דער פאַ־בריקאַנט דאַרף קלערן, וואָס צו וועבן...

פאַר זיידנערן האָט מען געהאַט גרויס דרך־ארץ. קודם־כל האָט ער געטריבן הונדערטער שטולן. אָבער נישט דאָס איז געווען דער עיקר. מיט הונדערטער שטולן איז מען נאָך נישט דער גרעסטער פאַבריקאַנט. מען האָט אָבער געוווסט צו דערציילן, אַז זיידנער איז זייער ראַיעל און זייער רייך, זיין וואָרט איז געווען אַ וואָרט. אויף זיינע מבינות האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. מען האָט געוווסט, אַז ער וועט קיינעם נישט נאַרן און זיך אַליין וועט ער אויך נישט לאָזן נאַרן. אַלץ, צו וואָס ער נעמט זיך, מוז האָבן אַ גוטן פונדאַמענט. וועגן זיינע געשעפטן האָט ער נישט געפּלאַפּלט, קיינמאָל זיך פאַר קיינעם נישט באַרימט. אַ מענטש אָן לייכטזיניקייט...

און נאָך מיט עפּעס האָט זיידנער אויסגענומען ביי די קלענערע און ביי די גרעסערע פאַבריקאַנטן. ער האָט אימפּאָנירט מיט זיין אויסזען. ער האָט געהאַט אַ געבענטשטן וווקס, אַ שלאַנקן, געזונטן קערפּער, אַ פיינעם קאָפּ מיט ערנסטע, טונקעלע אויגן. ביי יידן זאָגט מען אויף אַזאַ איינעם, אַז ער זעט אויס, ווי אַ פריץ. ער האָט זיך געקליידט מיט אַ געשמאַק. ער

פלעגט רואיק באַגעגענען זיינע קליענטן, רואיק דערלאַנגט די האַנט און קיינמאָל אויף קיינעם נישט געשריגן, נישט באַליידיקט. אָבער דאָרט, וווּ ער האָט זיך געפילט גערעכט, דאָרט פלעגט ער נישט אָפּטרעטן. דערפאַר האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַן עקשן.

דער אמת איז אָבער געווען אַזאַ, אַז פעליקס זיידנער איז נישט געווען קיין כעסן, נישט קיין שלעכטער און נישט קיין קאַרגער. ער איז געווען אַ פאַרנומענער מענטש. אַזאַ איינער, וואָס איז אינגאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן פון זיינע וועב־שטולן. ער איז געווען אַ שקלאַף ביי זיינע וועב־שטולן. די, וואָס האָבן אים געקענט פריער, האָבן זיך איצט געוווּנדערט: זיי האָבן זיך אַליין געפרעגט, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט קומען דערצו, אַז אַזאַ פריילעכער בחור איז איצט געוואָרן אַזאַ פארשטייפטער פאַבריקאַנט. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז זיידנערן האָט דערהרגעט זיין ערשטער דערפאָלג אין דער פאַבריקאַציע. דעמאָלט, ווען ער איז געקומען צוריק פון דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט, באַלד נאָך דער מלחמה, ווען עס איז געווען זייער אַ גוטע קאָניונקטור פאַר מאַנופאַקטור, דעמאָלט האָט זיידנערן אָפּגעגליקט, עס האָבן אים זיך איינגעגעבן עטלעכע קאָמבינאַציעס, ער האָט דעם טאַטנס פאַרלאָזענע פאַבריק געלאָזן אין גאַנג צו דער ריכטיקער צייט...

האָבן די איבעריקע פאַבריקאַנטן זיך געוווּנדערט:

— דער יונגער זיידנער, דער פעליקס, דאָס איז אַ מזיק, א גאון...

— ער האָט אונדז, אַלטע פאַבריקאַנטן, איבערגעשטיגן...

— ער וועט גיין ווייט, דער זיידנער...

דער יונגער פעליקס האָט געהערט די רייד און זיי האָבן אים געפאַנגען. אַז מען זאָגט אויף איינעם, אַז ער איז א מזיק, וויל ער טאַקע ווייזן, אַז ער איז נאָך אַ גרעסערער מזיק. מען האָט אים געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק, האָט ער גענומען גלייבן אין זיינע כוחות און אויסגענוצט האָט ער זיינע יונגע כוחות אויף איין פלאַץ, אין איין געביט, אין טאַטנס פאַבריק.

דער פאָטער זיינער איז אין גיכן געשטאָרבן. האָט פעליקס געוואָלט ווייזן גאַנץ לאָדזש, אַז ער איז אַ גוטער יורש. האָט ער דעמאָלט געאַרבעט א סך מער, ווי אַ מענטש באַדאַרף אַרבעטן, האָט ער דאַן אויפגעהערט צו זען די וועלט, אָפּגערוקט זיך פון פריינט, אויסגעמיטן האָט ער די לייכט־זיניקע פאַרוויילונגען, וועלכע ראַטעווען דעם מענטשן פון צופיל ערנסט־קייט...

אין איין זאַך האָט ער אָבער אַ טעות געהאַט. ער האָט געמיינט, אַז ווען ער וועט חתונה האָבן, וועט ער האָבן נאָך מער צייט פאַר זיין אַרבעט. מיט דעם חתונה־האָבן וועלן אַראָפּפאַלן אַ סך בחורשע זאָרגן. אין זיין היים וועט ער קומען אַ מידער פון דער אַרבעט. דאָ וועט ער זיך אויסרוען און ווידער אָנהייבן אַרבעטן.

אָבער אינדערהיים פלעגט אויף אים וואַרטן אַן אויסגערוטע, יונגע פרוי און דאָ פלעגט זיך אָנהויבן אַן אויספרעגן:

— פאַרוואָס לאָזט מען מיך שטענדיק זיין אַליין?

— פאַרוואָס איז די פאַבריק טייערער פון מיר?

די סעלאַ איז נישט געווען קיין בייזע. פון דער נאַטור האָט זי געהאַט אַ סך אונטערטעניקייט, זי האָט זיך געקאָנט צופּאַסן און אַ סך מוחל זיין. אָבער דאָ האָט שוין די אונטערטעניקייט אַליין פּראָטעסטירט. גאַנצע טעג איז זי געווען אַליין, זי האָט כסדר געוואַרט און געוואַרט אויף פעליקסן.

אַ גאַנצער יום־טוב איז עס געווען, אַז ער פלעגט זאָגן ביים אָונט־ברויט:

— סעלאַ, היינט גייען מיר אין קינאָ!

זי פלעגט אויפשפּרינגען און שנעל זיך לויפן איבערטון, ווער ווייסט אים, דעם פאַרנומענעם מאַן מיינעם: ער קאָן נאָך חרטה האָבן...

ווי אַ געפאַנגענער פויגל האָט זי אויסגעזען אין דער מינוט. מען האָט געעפנט דאָס שטייגל און דער פויגל ווייסט נישט פון איבעררעשונג אין וועלכער זייט צו פליען. אָבער אַ פרוי פאַרגעסט זיך:

— פעלקו! דער הוט געפעלט דיר?

פעליקס וויל פטור ווערן פון דער פראַגע, ענטפערט ער מיט אַ קורצן „יאָ".

— פעלקו! און דער שאַליק?

— יאָ!

דאָס איז גיכער געווען אַ שאָס מיט אַ פאַרסמטער קויל, איידער אַן ענטפער צו אַ יונגער פרוי. אָבער סעלאַ איז אַזוי צעטומלט פון „קינאָ", אַז זי באַמערקט נישט איצט, ווי שווער און קאַלט דער מענטש איז צו אירע סענטימענטן. זי לויפט ווידער צום שראַנק און כאַפּט מיט ציטערדיקע הענט פון דאָרט אַרויס אירע זיידענע שמאַטקעס...

ווען זיי זענען שוין אויף דער גאַס, כאַפּט זי אים די ערשטע אונטערן אָרעם און זיי שפּרייזן, ווי אַ געטרייע פּאָר, ווי אַ גאָר נאָענטע פּאָר. מענטשן

באַגריסן זיי און אַ סך פון די מענטשן טראַכטן אוודאי, אַז די ייִדנערס זענען אַ גליקלעך צוגעפּאַסט פּאָר, זיי זענען רייך, יונג און שיין, אַ מחיה צו קוקן אויף זיי.

אין דער אמתן איז געווען אַנדערש.

ביידע זענען ווייט געווען פון גליק. די סעלא, ווי זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי איבערגעריסן אַלע באַקאַנטשאַפטן מיט די קרובים אַפילו, כמעט אינגאַנצן איבערגעריסן, זי האָט זיך אַליין איינגערעדט, צי עמעץ האָט איר איינגערעדט, אַז דער מאַן איז אַלץ. אַן מאַן טאָר זי זיך נישט רירן פון אָרט, דער מאַן גיט איר פרייד און לייד, אַלץ — דער מאַן. אָבער באַלד האָט זי זיך איבערצייגט, אַז דער מאַן האָט פאַר זיך אַ באַזונדערע וועלט. אַ פאַבריק מיט וועב־שטולן, מוסטערן מיט גאַרן. ער האָט אַ קאַנטאָר, אַ לאַגער מיט סחורה.

אָבער איצט איז גוט. איצט, ווען זי גייט מיט פעליקסן אין קינאָ. ער איז הויך און שלאַנק, זי שפּאַרט זיך אָן אויף זיין אָרעם, זי פילט, אַז זיי זענען איינס. אָט דער פעליקס, וועמען מענטשן באַגריסן מיט אַזאַ דרך־ארץ, ער איז איר מאַן, איר פעליקס...

זי ווייסט אָבער נישט, וואָס אין דער רגע טראַכט פעליקס. ער איז איצט געגנוג העפלעך צו איר, ער הערט אויס מיט חסד אַלע אירע פּלאַפּלעייען. אָבער אין האַרצן פאַרדריסט אים די גאַנצע אונטערנעמונג. פון קינאָ וועט מען קומען נאָך צוועלף, מען וועט זיך לייגן שפּעט שלאָפן און ער מוז זיין באַגינען אין פאַבריק, ער קאָן זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויפן מייסטער. יאָ, ער מוז זיין באַגינען אין פאַבריק. וועט ער מוזן אַוועקגיין פון שטוב אַ נישט אויסגעשלאָפענער, וועט דער טאָג און די אַרבעט פון טאָג זיין געהרגעט...

אַזוי טראַכט ער און סעלא ווייסט פון גאָרנישט. זי זעט, אַז פעליקס איז היינט אַזוי גוט, מאַכט זי אים אַ שפּאָגל־נייע באַשטעלונג:

— פעליק, טייערער! נאָכן סעאַנס אין קינאָ וועלן מיר אַריינגיין אין דער „זשעמיאַנקא״.

פעליקס דערלאַנגט אַ ציטער פון דעם אומדערוואַרטן פאָרשלאָג, אָבער ער האָט אָנגעהויבן דעם אָוונט מיט גוטסקייט, פּרווט ער ווייטער מיט גוטן:

— סעלאָ! ליבע... עס וועט דאָך זיין צו שפּעט, איך מוז באַגינען זיין אין פאַבריק.

— פעלקו! אויף עטלעכע מינוטן וועלן מיר בלויז אַריינגיין. איך וועל אויסטרינקען אַ קליין טעפּעלע שאָקאָלאַד און דו וועסט אויסטרינקען אַ האַלבע שווארצע קאווע, מיר וועלן אַ קוק־געבן אויף מענטשן און באַלד גיין צוריק.

עס שליידערט אים אינעווייניק פון דעם „קליין טעפּעלע שאָקאָלאַד", פון דעם „אַ קוק־געבן אויף מענטשן". ער באַדאַרף דאָס אַלץ אויף כפרות. ער בעט זיך מיט גוטן:

— סעלאַ! עס וועט ווערן צו שפּעט.

קוקט זי אויף אים מיט אַזעלכע געטרייע אויגן און בעט זיך, ווי עס וואָלט אין לעבן געגאַנגען:

— פעלקו! אַן דיר גיי איך דאָך נישט אין ערגעץ. — דאָס מאָל האָט זי אויסגעפירט. נאָכן סעאַנס אין קינאָ גייען זיי אַריין אין קאַפע. דאָרט איז ליכטיק, דאָרט זענען פאַראַן אַ סך מענטשן. מען באַגריסט זיך מיט די זיידנערס. סעלא פּלאַפּלט מיט באַקאַנטע, פונקט, ווי זי וואָלט אַרויסגעקו־מען אַהערצו פון אַ וועלט, וווּ קיין מענטשן זענען נישט פאַראַן. זי טרינקט אויס איר קליין טעפּעלע שאָקאָלאַד, פעליקס טרינקט אויס זיין קאַווע, דאָס אַלץ קאָסט אביסל צייט...

פון קאַפע גייט מען האַלב־צוויי ביינאַכט. פעליקס איז נישט צופרידן, ער פילט זיך, ווי אַ פאַרברעכער קעגן זיך אַליין, קעגן דער פאַבריק. פאַר כעס שלאָפט ער נישט און אַזוי נישט קיין אויסגעשלאָפענער גייט ער צומאָרגנס אַרום אַ גאַנצן טאָג מיט אַ פאַרדראָס. אין אַזאַ טאָג, דוכט זיך אויס, אַז ער גייט צו רואין. די פאַבריק וועט זיך אָפּשטעלן און זי וועט פוסטעווען אַזוי, ווי ריכטערס ריזיקע פאַבריק קעגנאיבער. קיין זאַך האָט זיידנערן אַזוי נישט געשראָקן, ווי אַן אָפּגעשטעלטע פאבריק, דאָרט, וווּ טראַנסמיסיעס שווינדלען נישט פאַר די אויגן, דאָרט, וווּ בייטאָג און ביינאַכט איז פינצטער און שטום...

2

זיידנער ווערט פריי

צוויי יאָר נאָך דער חתונה האָט אים זיין סעלא געבוירן אַ מיידעלע. זיידנער האָט זיך דערפריייט. ער האָט זיך געטרייסט, אַז איצט וועט זיין ווייב זיין מער פאַרנומען און זי וועט אים לאָזן צורו מיט אירע פּרעטענזיעס.

ער האָט זיך געפרייט מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס פּיצעלע נײַ־געבוירענע לעבן וועט אים באַפרייען זיין צייט. ער דאַרף איצט אַ סך צייט, ער איז געוואָרן אַ שותף צו נאָך אַ פאַבריק. עס שטייען פאַר גרויסע געשעפטן.

און סעלאַ?

זי איז טאַקע די ערשטע פּאָר חדשים שטאַרק געווען איבערגענומען מיט דעם טעכטערל, איבערגענומען, אָבער נישט פאַרנומען, ווייל דאָס קינד איז געזויגן־געוואָרן פון אַן אַם און באַדינט איז עס געוואָרן פון אַ „ביאָניע״. זי אַליין, די מאַמע, האָט זיך צוגעקוקט, ווי די פּיטשינקע הענטעלעך און פיסעלעך ווערן גרעסער, ווי די אייגעלעך עפענען זיך אַלץ מער און דאַכט זיך, אַז דאָס קינד שמייכלט שוין. די מאַמע האָט זיך שטאַרק געפרייט, אָבער דער טאַטע איז אַלץ געווען פאַרנומען. ווי אַ פרעמדער איז ער געקו־מען אין זיין היים און ווי אַ פרעמדער פלעגט ער אַוועקגיין. בלויז איין מאָל האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיין קינד מיט מער אויפמערקזאַמקייט. דאָס מיידעלע איז געלעגן נאָכן באָדן אַ נאַקעטע אויף איר געלעגער, אירע פיסעלעך האָבן זיך געצאַפּלט פון הנאה, אירע הענטעלעך האָבן זיך גע־הויבן, דאָס אומבאַוווסטזיניקע לעבן האָט זיך געשפּילט מיט זיך אַליין. פעליקס זיידנער איז דעמאָלט געבליבן שטיין אַ לענגערע ווילע און האָט זיך צוגעקוקט, ווי זיין קינד שפּילט זיך. דאָס האָט אים גערירט. אַ וואַ־רעמקייט פון פרייד איז אים אין זיין האַרץ אַריין. פון גרויס איבערראַשונג האָט ער אויסגעקושט סעלאַן, וועלכע האָט זיך אויך געפונען נאָענט פון קינד...

איז סעלאַ צעטומלט געוואָרן פון זיין צערטלעכקייט, זי איז דאָך צו דעם שטאַרק נישט צוגעוווינט־געווען. זי האָט אים אָנגעקוקט, דעם פאַר־נומענעם און שטענדיק ערנסטן פעליקס, מיט גוטע אויגן און דערביי גע־זאָגט: דו ביסט דאָך גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, פעלעק!

מיט דער פראַזע האָט זי פאַרטריבן זיין צייטווייליקע שוואַכקייט. ער האָט זיך דערשראָקן, אַז סעלאַ וועט באַלד נעמען אַרויסלייענען דאָס גאַנצע צעטל טענות, וואָס זי האָט צו אים...

גיך און שנעל. ער האָט געפונען אַן אויסרייד, זיך אָפּגעזעגנט און פאַרלאָזט דאָס צימער. דערנאָך איז ער איינגאַנצן אַוועק פון שטוב.

ווייב, קינד, היים — די אַלע זאַכן האָט ער געהאַלטן פאַר קלייניקייטן. מענטשן האָבן קיינמאָל פון אים נישט געהערט, ער זאָל דערמאָנען זיין סעלאַ. און זי איז דאָך געווען אַ שיינע, האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס, זי

האָט פּיין געשפּילט קלאַוויר. מיט אַזאַ ווייב דאַרף מען זיך נישט שעמען.

— וואָס מאַכט אייער סעלאַ? — פרעגט מען ביי אים און ער ענטפערט:

— זי איז פאַרנומען מיט דעם קינד...

— און וואָס מאַכט דאָס קינד?

געזונט...

— עפּעס אַ פּיין מיידעלע, ווי הייסט זי?

האָט מען אין לאָדזש געהאַט אַ סענסאַציע. אין דער „זשעמיאַנסקאַ" האָבן הונדערטער לײדיקגייערקעס געהאַט שפּייז אויף עטלעכע טעג. איינע דער צווייטער האָט איבערגעגעבן דעם פאַקט, וואָס האָט געקלונגען אומגלויבלעך. מען האָט דערציילט, אַז בעת מען האָט געפרעגט ביי פעליקס זיידנער, ווי זיין טעכטערל הייסט, האָט ער נישט געוווּסט, ווי צו ענטפערן.

דאָס קינד איז שוין אַלט עטלעכע חדשים און דער טאַטע האָט פאַרגעסן, ווי עס הייסט. עטלעכע מינוט האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך דערמאָנט און דעמאָלט האָט ער אַרויסגערעדט:

— מיין ווייב רופט דאָס קינד „ראַמעטשקאַ".

— און ווי רופט איר אייער אייגן קינד?

— איך בין אַ פאַרנומענער מענטש.

מיט דעם ענטפער האָט ער געמיינט צו זאָגן, מען זאָל אים מער נישט דרייען דעם קאָפּ מיט זיינע שטוב־ענינים, ווייל ער קאָן נאָך בייז ווערן און ווער וויל עס איינרייסן אין לאָדזש מיט אַ וויכטיקן פאַבריקאַנט.

האָט מען טאַקע אַ לאַנגע צייט גאַרנישט געוווּסט ווי אַזוי די זיידנערס לעבן, די בלאָנדע סעלאַ האָט זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן, זי האָט דערצויגן איר טעכטערל. אַ שטוב איז ביי זיי געווען מיט צוגעמאַכטע טירן, קיין גאַסט האָט מען דאָרטן נישט איינגעלאַדן, צו גאַסט זענען זיי אין ערגעץ נישט געקומען. זיידנערן אַליין האָט מען געזען צווישן סוחרים, מען האָט געהערט וועגן זיינע געשעפטן. מען האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז ער איז זייער רייך, אַז ער ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג. אָבער גאַנץ אָפט פלעגט מען אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דער זיידנער האָט אַ פרוי מיט אַ קינד...

אַז מען זעט זיי נישט און מען הערט זיי נישט.

קיין גרויס אומגליק איז דאָס נישט געווען. אין דער גרויסער שטאָט איז שטענדיק פאַראַן וועגן וועמען צו רעדן און וועמען צו באַרעדן. די רכילות־פּראָדוקציע שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ.

דער אינזשיניער אַלקער, דער יוגנט־חבר פון זיידנערן, זאָגט, אַז די רכילות איז אַ פֿאַך. עס זענען פֿאַראַן קלובן און קאַוויאַרניעס, ווו מענטשן קומען זיך ספּעציעל צונויף, כדי צו טרייבן רכילות... אָבער וועגן די זיידנערס, וועגן זייער פֿאַמיליען־לעבן האָט מען אויפגעהערט צו רעדן.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין ווינטער, קורץ פֿאַר ניי־יאָר, האָבן זיך ביי אַ טישל אין דער קאַפֿע „זשעמיאַנסקע" אַוועקגעזעצט צוויי יונגע פֿרויען, איינע פֿון זיי האָט זיך דאָ געפֿילט זייער פֿריי, זי האָט כסדר זיך באַגריסט מיט באַקאַנטע. די צווייטע איז געווען אַביסל איבערראַשט פֿון דעם פּלאַץ, ווו זי איז אַריינגעפֿאַלן, כמעט ווי אַנגעשראָקן, נישט זיכער, ווי אַ יונגע גימנאַזיסטין...

צוויי בלאָנדע פֿרויען האָבן באַשטעלט שוואַרצע קאַווע. איינע פֿון זיי איז געווען אַ פֿאַלשע בלאָנדינקע, אירע האָר האָבן שרייאיק געגלאַנצט. די צווייטע האָט געהאַט אַ נאַטירלעכן קאָפּ האָר, זי איז געווען באַשיידן און צוריקגעהאַלטן...

די הונדערט ווייבער, וואָס זיצן טאָג־טעגלעך אויף די זעלבע פּלעצער אין דער „זשעמיאַנסקא", האָבן זיך צוגעקוקט צום טישל, ווו די צוויי בלאָנדינקעס זענען געזעסן. ווער די פֿאַלשע בלאָנדינקע איז, האָבן זיי געוווסט, דאָס איז דאָך מירקע טענענבוים. זי האָט שוין געהאַט עטלעכע ראָמאַנטישע סקאַנדאַלן, זי האָט זיך נישט לאַנג אָפּגעגט מיט דעם דאָקטאָר טענענבוים און פֿירט איצט אַ פּראָצעס מיט איר מאַן פֿאַר אַלימענטן. מען האָט געוווסט, וויפֿל זי פֿאָדערט ביי איר געוועזענעם מאַן און וויפֿל ער גיט. מען האָט אויך געוווסט, מיט וועמען זי פֿלירטעוועט איצט אויפֿדאָסניי. וועגן מירקען האָט מען אַלץ געוווסט, זי איז אַן אייגענער מענטש, זי קומט יעדן טאָג אין דער זעלבער קאַוויאַרניע, ווו אַלע איבעריקע רכילותניצעס קומען... אָבער ווער איז די צווייטע? זי איז דאָ נישט אַלעמען געווען באַקאַנט.

האָט מען זיך גענומען שושקען. טישל ביי טישל האָט אָנגעפֿרעגט. מען איז דערגאַנגען: די צווייטע, די עכטע בלאָנדינקע, די וואָס זיצט מיט מירקען, זי איז פֿעליקס זיידנערס ווייבל. שוין פֿינף יאָר נאָך דער חתונה, נאָר זי האָט זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן. זי האָט שוין אַ מיידעלע פֿון דריי יאָר, איז זי שטענדיק פֿאַרנומען מיט דעם קינד...

— הא, הא! דאָס איז זיידנערס ווייבל...

— מיט אַ היטעלע פֿון אַ פֿאַראַיאָרעדיקן פֿאַסאָן.

— זי האָט זיך געמעגט פאַרגינען אויף אַ בעסערן פּעלץ...

— אַ שאָד, זי איז דאָך אַ שיינע, פאַרוואָס זעט מען זי נישט אין געזעלשאַפט?

— זיידנער האָט נישט ליב צו ווייזן זיינע שטאָף־מוסטערן.

פון קאָפּ ביז די פיס האָט מען באַטראַכט די ניי־געקומענע, ווי אַ ווייסע טויב וואָלט אַריינגעפאַלן צווישן שוואַרצע קראָען.

און מירקע טענענבוים איז אירע אַ ווייטע קרובה, האָט זי זי גע־בראַכט אין דער „זשעמיאַנסקע״, זי האָט זי הייסט עס, אַרויסגעפירט אין דער וועלט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך עס אָנגעהויבן: סעלאַ זיידנער, די וואָס איז שטענדיק געזעסן אינדערהיים, איז איצט שוין שטענדיק געזעסן אין דער „זשעמיאַנסקא״. אין פאַרלויף פון חדשים איז זי אַן אַנדער מענטש געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון לויפן צו די שניידערקעס און צום פריזירער. זי איז שוין געפאָרן קיין אויסלאַנד און געפאָרן קיין זאַקאָפּאַנע, צום ים געפאָרן. ווינטער האָבן געמוזט זיין נאַרטעס און זומער האָט געמוזט זיין ים מיט פּליאַזשע. זי האָט אָפּגעהיט דעם סעזאָן און די מאָדע.

סעלאַ זיידנער איז געוואָרן אויס שטוב־זיצערין. די קליינע ראָמקאַ איז דערצויגן געוואָרן דורך אַ באָנע. דער מאַן אירער פעליקס איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און ער איז צופרידן מיט דעם, וואָס סעלאַ לויפט אביסל, ער איז דערווייל פריי געווען פון אירע שטענדיקע פּרע־טענזיעס...

איז זי אַלזאָ געלאָפן די סעלאַ, ביז זי האָט זיך אויסגעגליטשט. לאָדזש האָט געהאַט עטלעכע וואָכן צו רעדן פון אַ געשיכטע מיט זיידנערס ווייבל. אין זאַקאָפּאַנע איז פאָרגעקומען אַ סקאַנדאַל, אין וועלכן עס איז פאַרמישט געווען אַ פאַרטענצער פון אונגאַרן. דערנאָך איז ווידער געקומען צו אַ שטיקל סענסאַציע. זיידנער האָט זיך געגט און צום סוף איז סעלאַ פאַר־שוווּנדן געוואָרן פון לאָדזשער האָריזאָנט. אין איר האָט זיך פאַרליבט אַ בריליאַנטן־סוחר פון אַנטווערפּן. אַהין איז זי טאַקע אַוועק און מיטגענומען ס׳טעכטערל. זיידנער אַליין איז פאַרבליבן אין אַ גרויסער שטוב איינער אַליין, אָבער די, וואָס האָבן אים געקענט, זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער זעט נישט און פילט נישט זיין אַליינקייט. ער האָט זיך, ווי פריער, רואיק און זיכער געפירט זיינע געשעפטן. געווען אַן ערנסטער פאַבריקאַנט, געהאַלטן זיך מיט ווירדע און אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ. מען איז שוין פון לאַנג

געוועזן צוגעוווינט, אַז דער דאָזיקער מענטש חברט זיך נישט מיט קיינעם, פאַרברענגט נישט מיט קיינעם. ער איז פאַבריקאַנט, בלויז פאַבריקאַנט און נישט מער. זיינס אַ שטיקל סחורה איז אַ ראַיעלע זאַך און אַליין איז ער אויך אַ ראַיעלער מענטש.

אַליין געלעבט, אַפילו מיט זיין בעסטן פריינט אַלקער האָט ער זיך אויך אַלץ זעלטענער באַגעגנט, אַזוי אַז אַלקער האָט אויף אים אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט:

— זאָל ער פאַבריצירן...

אַז אַ מענטש האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך, ער פאַבריצירט; נאָר ווען לעבט ער און ווען אָטעמט ער, דער זיידנער, אַז שטענדיק איז ער פאַר־נומען?

פון צייט צו צייט פלעגן זיך מענטשן דערוויסן, אַז פעליקס זיידנער איז געוואָרן אַ שותף צו דער אָדער יענער פאַבריק. מען פלעגט איבערגעבן איינער דעם צווייטן מיט קנאה, ווי אַזוי זיידנער שטייגט אין לעבן. זיין אָנזען אַלס פאַבריקאַנט און סוחר איז כסדר געוואַקסן.

3

פאַבריצירטע שטימונג

אין לאָדזשער נאַכט־לאָקאַל „טאַבארין״ איז קיינמאָל נישט אינגאַנצן ליכטיק. דער אונטערנעמער האָט פאַרשטאַנען זיין געשעפט: דאָ קומען מענטשן פאַרברענגען און מען דאַרף זיי דערלאַנגען שטימונג, האָט ער אַזוי איינגעאָרדנט די לאָמפּן, זיי זאָלן געבן האַלב־ליכט און דאָס קאַרגע האַלב־ליכט פאַלט אַרויס פון פאַרבאָרגענע דיסקרעטע ווינקעלעך. אַ לאָמפּ זעט מען נישט פאַר די אויגן, עס שטראַלט נישט, עס שעמערירט נישט, עס בלענדט נישט. ביים ערשטן אַריינקום אין גרויסן זאַל מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז דער זאַל מיט די מענטשן זענען אין שלאָף, אָדער עס קומט אָן באַלד אַ ווייטלעכער פאַרטאָג. די פּאָדלאָגע איז דאָ אויסגעבעט ווייך, די ברייטע פאָטעלן זענען זייער נידעריק, די טישעלעך, די קאַנאַפּקעס, אַלץ איז דאָ צוגעפּאַסט ווי אַ דעקאָראַציע צו אַ באַצאַלטער „שעכערעזאַדע״. ווען די פּאָרלעך גייען טאַנצן, צעשפּריצט זיך אין זאַל אַ קאָלירטער רעפלעק־טאָר, אַ צעברעקלטער רעגנבויגן קריכט אויף די ווענט, אויפן סופיט. די

פאַרבן בייטן זיך און זיי קנייטשן זיך איין ציטערנדיק אין די ווייכע קלאַנגען פון דער מוזיק...

שטימונג...

אויב ס'איז פאַראַן ווו א ריזיקער שד, וואָס לאכט אויס אַלע אונטערנעמונגען פון מענטשן, מוז ער באַשטימט מער פון אַלץ לאַכן, ווען ער זעט די מי, וויפל דער מענטש לייגט אַריין אין דער שטימונג־פּראָדוקציע: ווען דער מענטש פּראָדוצירט פאַלשע ליכט. דעמערונג און פאַלשע פינצטערניש, ווען דער מענטש דערלאַנגט זיינע ברידער פּאַפּירענע שטערנס מיט אַ פּאַפּירענער לבנה, ווען ער מאָלט דעקאָראַציעס פון הימל און ים, פון באַרג און טאָל, ווען ער מאַכט־נאָך די קלאַנגען און פאַרבן פון דער נאַטור, ווען פּרויען און מענער פאַרליבן זיך אויף צו פלייסן...

דער שד מוז שטאַרק לאַכן, ווען די דערוואַקסענע מענטשן ווילן נאַרן און ווילן זיך אָפּנאַרן, ווי קליינע קינדער, אַבי דאָס שפּיל זאָל גיין.

אָבער אין נאַכט־לאָקאַל „טאַבאַרין" איז דאָ שטימונג. איינגערעדטע און אָפּגענאַרטע שטימונג. דער בלייכער זעט דאָ נישט אויס אַזוי בלייך — דער רעפלעקטאָר גיט אים אַן אַנדער פּנים. די פאַרעלטערטע פרוי ווערט דאָ אַ גאַנצע יחסנטע, אין דער דיסקרעטער באַלויכטונג פון זאַל, די מיאוסקייט ווערט דאָ פאַרטושט אין דער טונקלקייט. מענטשן טאַנצן, מענטשן טרינקען און פלירטעווען...

מענטשן נעמען דאָס, וואָס זיי זוכן דאָ... מען האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, הינטער וועלכער מען פּראָדוצירט פאַרוויילונג...

אַלץ איז דאָ צוגעגרייט געוואָרן מעכאַניש אין דער קיך פון דער אַדמיניסטראַציע. אַ דירעקציע זאָרגט דאָ פאַר אירע אינטערעסן און אַ מחנה קעלנערס וואַרטן אויף די געסט. אויף זייער לשון הייסן די געסט „פרייערס" און זיי שעצן די געסט לויט די וויין־באַשטעלונגען, וואָס זיי מאַכן. וואָס טייערער דער וויין, אַלץ מער כבוד דעם גאַסט... אָבער די געסט לאָזן זיך נאַרן באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק. עס לוינט זיי. אין נאָמען פון לאַנגווייליקייט, אין נאָמען פון גרויסן געניץ — זאָל מען זיי פאַרבלענדן די אויגן מיט פייערווערק־ליכט, זאָל מען זיי פאַרשיכורן מיט וויין און מוזיק. דאָ קומען מענטשן, וואָס האָבן אַן איבערפלוס פון געלט און מעגלעכקייטן, זיי ווערגן זיך מיט זייער רייכקייט און זיי מיינען, אַז דאָ, אין לאָקאַל וועלן זיי זיך באַפרייען פון דער שטענדיקער זאָרגלאָזיקייט, וועלכע דריקט אָפּט נישט ווייניקער ווי די שטענדיקע

זאָרג. דאָ קומען מענטשן ערב באַנקראָט. זיי זאָגן זיך: „אַלץ איינס, מען גייט פאַרטרינקען די זאָרג". דאָ קומען אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין אַלץ פאַרלוירן. כאַפּן זיי איינעם אַ רייכן, וועלכער צאָלט פאַר זיי און דערפאַר חנפעט מען שיכורערהייט און ניכטערערהייט.

דערפאַר טאַקע איז דאָ אַזוי טונקל די באַלויכטונג. דאָס איז געמאַכט געוואָרן, כדי איינער דעם צווייטן זאָל גוט נישט אָנקוקן; די גרימאַסע, וואָס ליגט ביי איינעם אין די פאַלדן פון זיינע ליפּן, זאָל זיך נישט אָנזען.

דאָ ווערט מען נעגנטער, מען רופט ספּעציעל אַרויס די געמאַכטע שענק־נאָענטקייט. דאָס וואָס מען קאָן אין דעם געוויינלעכן בייטאָג נישט דערגרייכן, וויל מען דאָס איצט כאַפּן ביינאַכט, אונטער דעם שלייער פון האַלב־ליכט, ביים קאָניאַק, ביי דעם קלאַנג פון דער מוזיק.

עס איז שוין צוויי ביינאַכט. אין „טאַבאַרין" זענען קיין סך טישלעך נישט פאַרנומען, אָבער די קעלנער זענען נישט באַזאָרגט דערפון, ווייל זיי האָבן היינט עטלעכע וויכטיקע געסט, אַזעלכע, וואָס קאָנען גוט באַצאָלן. פאַראַן דאָ אַ גרופּע דייטשן, דירעקטאָרן פון גאָר גרויסע אונטערנעמונגען, זיי טרינקען אַ סך. צווישן די דייטשן איז דאָ איינער אַ ריזיקער מאַן מיט אַ דיקן קאַרק און מיט אַ גרויסן בויך, אין וועלכן עס קאָן לייכט אריינגיין דאָס גאַנצע ביסל וויין פון נאַכט־לאָקאַל — ביי אַזאַ טיש איז אַ גרויסער פּדיון געזיכערט...

ביי אַ צווייטן טיש זיצט איין מענטש מיט אַ שמאָל פּנים און מיט לאַנגע הענט. אויף זיין טיש שטייט איין פלעשל קאָניאַק מיט איין גלעזעלע, אָבער די קעלנער זענען רואיק וועגן דעם דאָזיקן גאַסט. ער איז אַ גרויסער בוי־אונטערנעמער.

ער קומט אין דעם נאַכט־לאָקאַל איינמאָל אין צוויי וואָכן, רעגלמעסיק, זעצט זיך אוועק מיט אַ פאַרזויערט פּנים, באַשטעלט זיין מאַרקע קאָניאַק און טרינקט אַזוי גלעזעלע נאָך גלעזעלע, ביז ער דערוואַרעמט זיך. דעמאָלט פאַרבעט ער צו זיין טיש עטלעכע פאָר טענצערינס און נאָכדעם קומען שוין די פלעשלעך אליין. דער אַרכיטעקט שווייגט שוין נישט מער. זיין פּנים איז שוין מער נישט זויער. ער רעדט מיט זיינע פּאַרטנערקעס געמיינע רייד' און לאַכט דערביי אויפן קול מיט א נישט ליבן געלעכטערל, וואָס גייט אַרויס פון אַ שמאָלן האַלדז.

די מוזיק שפּילט. די קאָלירטע, ווייכע פייערן באַפלעקן פאַנטאַסטיש

די וועגט, דעם סופֿיט, די מענטשן, וואָס טאַנצן און די מענטשן, וואָס זיצן בײַ די טישלעך. די קלאַנגען שוועבן, די טאַנץ־מוזיק האָט נישט קיין אייביקייט. יעדע מעלאָדיע ווערט אַזוי פֿיל אויסגענוצט, אַז מען קען עס שוין מער נישט הערן. אָבער, ווען דער מאָטיוו איז נאָך ניי און פֿריש, ווען דאָס ביסל אומעט איז נאָך נישט אויסגעוועפּט דערפֿון, דעמאָלט האָט עס געגנוג רייץ: די מוזיק, די שפּעטקייט פֿון דער נאַכט, דער ווײַן און די קאַפּעטשקע זאָרג, וואָס יעדער בן־אדם פֿאַרמאָגט, זײַן ביסל אומ־צופֿרידנקייט. ווי פֿלאָך דער מענטש זאָל נישט זײַן, ערגעץ־ווו פּײַניקט אים עפּעס, נעמט די מעלאָדיע און רײַסט אים אָפּ פֿון זיך אַליין. ווײַט טראָגט זי אים נישט אוועק. ער בלײַבט דאָ אין לאָקאַל. ער באַנוגנט זיך מיט די פֿלאַכע וויצן. דאָך, עפּעס לאָזט אים נישט אינגאַנצן זײַן צופֿרידן מיט זיך און דער אויסגעטרונקענער אַלקאָהאָל ווירקט אויך — מענטשן ווערן דאַן צו פֿריילעך, אָדער צו אומעטיק. די געוווינלעכע מאָס פֿון טאָג און פֿון אַלע טעג פֿאַרשווינדט. נישטאָ קיין ניכטערקייט, נישטאָ קיין חשבון און קיין איינגעהאַלטנקייט.

דאָ, אין צוגעפּוצטן שענק, שיכורערהייט ווערט אַ מענטש ניכטער און ער איז זיך מתוודה פֿאַר אַ צווייטן שיכור אין אַלע זײַנע זינד:

— איך בין אַ שלעכטער מענטש, שלעכט קעגן מײַן ווײַב און שלעכט קעגן מײַנע קינדער, קעגן אַלעמען שלעכט...

אַזוי שרײַט דער דיקער דײַטש. ער איז רויט פֿון ווײַן און אויפֿ־רעגונג. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז לאַנג וועט ער נישט אויסהאַלטן, אָט באַלד וועט ער פּלאַצן.

צווישן די טישלעך דרייען זיך אַרום די פּאַרטענצערינס. כמעט אַלע פֿון זיי זענען שלאַנק, מיט אומעטיקע און פֿריילעכע אויגן, אַרויסרופֿנדיקע העזהניצעס און אַנדערע אַזעלכע באַשיידענע מיט אַ געמאַכטער אומשול־דיקייט פֿון נאַאיווע גימנאַזיסטינס. זיי טראָגן לאַנגע קליידער, ווי אויף אַ יום־טובדיקן באַל. ערזאַץ־דאַמען, וואָס האָבן אַ פֿליכט צו שמייכלען און צו מאַכן רייצנדער די שטימונג. זיי זיצן נישט אויף איין אָרט. אַ פּאַרטענ־צערין דאַרף שפּרייזן, זי מוז זיך באַוועגן און אַרומגיין, דעמאָלט זעט מען ווי שלאַנק זי איז און דאַן פֿאַרבעט מען זי צום טאַנץ...

טישלעך...

און בײַ איינעם פֿון די טישלעך, וואָס שטייט אין אַ ווינקל פֿון זאַל, ווי אין אַן אָפּגעזונדערטער לאָזשע, זיצן פֿיר מענער. זיי נעמען זיך פֿון

צייט־צו־צייט צו די גלעזלעך, מען זופּט אַביסל און מען וואַרפט אַרויס עטלעכע פראַזן, דערנאָך — געשוויגן. די אַלע פיר האָבן זיך באַקוועם אַריינגעזעצט אין די נידעריקע, ווייכע פאָטעלן, נאָר קיין סך רעדן זיי נישט. אפשר פון מידקייט? און אפשר איז די געזעלשאַפט נישט אינגאַנצן צוגעפּאַסט?

פון די פיר איז איינער דער אדוואָקאַט פאַזען, אַן אַלטער בחור. א לעב־יונג. בייטאָג איז ער אין געריכט, אָדער ביי זיך אין קאַנצעלאַריע, ביינאַכט איז ער אין „טאַבאַרין". דאָס טוט ער רעגלמעסיק, ער איז מיט אַלעמען אויפגעטראָגן, גריסט זיך מיט דער גאַנצער שטאָט און אַלע קאַבאַרעט־מיידלעך זענען אין אים פאַרליבט.

דער צווייטער איז דער אינזשיניער אַלקער. אַ גוטמוטיקער האַלב־לײדיקגייער, אַ מבין אויף קונסט און אַ מבין אויף לאַדזש. ער קריטיקירט שטאַרק די שטאָט און וויל פאַר קיין געלט פון דאַנען נישט אַוועקפאָרן.

דער דריטער איז פעליקס זיידנער און דער פערטער איז בערעק. דער בערעק האָט אויך אַ פאַמיליען־נאָמען. ער הייסט פוסבאַנק, אָבער אַלע רופן אים „בערעק". אַ נידעריקער מיט העכערע פּלייצעס. ווען מען דערזעט אים צום ערשטן מאָל, מיינט מען, אז ער האָט אַ הויקער. דער בערעק איז אַלט איבער פופציק יאָר, אָבער ער זעט אויס אַ סך יינגער. ער איז פאַר דער מלחמה און ביז דער מלחמה געשטאַנען ביים גראַנד־האָטעל אויף דער פּיעטריקאַווער גאַס און יעדן, וואָס פלעגט אַרויסגיין פון האָטעל אָדער פון „גראַנד־קאַפע", פלעגט ער איינרוימען אין אויער: —

— אפשר האָט איר אַן אַלטן אנצוג? איך צאָל גוטע פרייזן...

אַלע האָבן אים געקענט, אַלע האָבן אים גערופן „בערעק".

ער איז נאָך דעמאָלט געווען יונג און זייער פלינק. ער האָט גוט געוווסט, ווי אָנצוציען זיינע קונדן, ער האָט געקענט זייער פסיכאָלאָגיע:

— פאַניע פּרוסער! דעם אנצוג טראָגט איר שוין דעם צווייטן סעזאָן...

מער גאָרנישט. מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט, אָבער אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט שוין פּרוסער געזוכט בערעקן:

— קום אַרויף, בערעק! איך האָב עפּעס צו פאַרקויפן.

אָט דער בערעק האָט זיך אין צייט פון קריג גענומען צו געשעפט. ער איז געוואָרן רייך, האָט אַ פאַבריק און צוויי הייזער. פאַרבליבן איז ער אָבער אַ גראָבער־יונג. מאַכן קאַפּיטאַלן איז אים נאָך איצטער לייכ־טער, ווי אונטערצושרייבן זיך. חתונה האָט ער נישט געהאַט, ווייל דע־

מאָלט, ווען ער האָט געלט באַקומען, איז אים שווין פון זיינס גלייכן נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט געוואָלט יחוס און יחוס האָט ביי אים געהייסן נישט אויפגעקומענער פאַבריקאַנט; זאָל כאָטש זיין אַ טאָכטער פון אַן אָפּגעקומענעם פאַבריקאַנט, אָבער אַ נאָמען זאָל זיין; זאָל דער שידוך דעם פאַמיליען־נאָמען פוסבאַנק צונויפבינדן מיט אַ ביאַלער, מיט אַ ווינער, מיט אַ ראָזענבלאַט.

אָבער אַזוי איז נישט געגאַנגען. מיט בערעקן האָט קיינער נישט געוואָלט זיך מתחתן זיין, ווייל בערעק איז פאַרבליבן... בערעק. זיין געלט האָט אוודאי געררייצט, בערעקס געלט... אָבער בערעקס נידעריקע פיגורל מיט די אַרויפגעטאַנצטע פּלייצעס, מיט די פאַרגרעסערטע אויערן, זיין אויסזען און זיין האַלטן זיך...

ניין, זאָל ער זיך שטעלן ווידער ביי דעם „גראַנד האָטעל" און קויפן די אָפּגעטראָגענע אַנצוגן פון די לאָדזשער, אָבער צו די יחסנים זאָל ער זיך נישט שאַרן...

דער מענטש האָט נישט געהאַט אין זיך קיין איין סימפּאַטישן מאָ־מענט. געלט איז אַ גוטע זאַך, אָבער אָן דעם בערעק. פון אַלע שידוכים, וואָס מען האָט אים גערעדט, האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. די יונגע מיידלעך פלעגן אַריינפאַלן אין אַ געוויין, ווען מען האָט זיי פאָרגעלייגט אַזאַ חתן, די עלטערע, די פאַרזעסענע, האָבן געפּרוווט צוגיין צום חתן נענטער, מען האָט זיך מיט אים באַגעגנט און געלאָפן צוריק מיט פאַר־צווייפלונג, ווי אָפּגעבריטע...

בערעק איז געווען פאַרביסן. אויב „יחוס" וויל מיט אים נישט חתונה האָבן, וועט ער מיט קיינעם נישט חתונה האָבן.

ער האָט נישט געהאַט די ווויליגנגערישקייט פון אַנדערע אויפגעקו־מענע. דאָס געלט, וואָס ער האָט אַריינבאַקומען, האָט ער אָפּגעהיט, ווי אַ הונגעריקער הונט היט אָפּ אַ ביין.

ער האָט זיך געריסן העכער פון זיין וווקס, העכער פון זיין שטאַם און העכער פון זיין ווערט, אָבער עס האָט שטענדיק געמאַכט דעם איינ־דרוק, ווי ער וויל זיך שטעלן אויף אַ שטול, כדי אויסצוזען גרעסער, און פון אַזעלכע פּרוון פלעגט ער נאָך אויסזען קאָמישער. אַלע אויפגעקו־מענע גבירים פון זיין צייט האָבן זיך ווי נישט איז אַריינגעפּאַסט אין זייערע גלאַנציקע, גאָלדענע ראַמען. בערעקן האָט זיך דאָס נישט איינ־

געגעבן, מען האָט פון אים נישט געהאלטן. מיט זיין רייכקייט, אָדער אָן זיין רייכקייט — מען האָט אים גרינג־געשעצט.

ער האָט זיך געפּרוווט גרויסן מיט זיין געלט. אָט שלעפּט ער אַרויס פון טאַש־אַרויס א גאָלדענעם פּאַרטציגאַר, ער באַפּוצט זיינס א פינגער מיט אַ ברילִיאַנט. אָט באַווייזט ער אַ סך אסיגנאַציעס. ער באַרימט זיך מיט די שטייערן, וואָס ער צאָלט, מיט דעם אומזאַץ, וואָס ער מאַכט. מענטשן שמייכלען אָבער פון זיינע באַרימערייען און אין יעדן שמייכל איז פאַראַן אַן אָנדייטונג:

— דו ביסט בערעק, נישט מער.

ברוגז פלעגט ער נישט ווערן. חוצפּה האָט ער בלויז געהאַט אין האַנדלען. אָבער ווען עס פלעגט גיין אין ווירדע, אין אַמביציע — דאָ איז ער געווען נעבעכדיק. פאַר די „בעסערע" מענטשן האָט ער אין האַרצן געהאַט גרויס דרך־ארץ. אַ שוואַכקייט האָט ער געהאַט: ער פלעגט זיך אַרומדרייען אין די נאַכט־לאָקאַלן און קוקן, ווי אַנדערע טאַנצן און ווי אַנדערע טרינקען ווין. ער אליין פלעגט דאָ אָפּקומען מיט גראָשנס, מיט אַ גלאָז טיי, אָדער קאַווע. ער פלעגט אַזוי אַרום שוועבן פון טישל צו טישל און אָן צערעמאָניעס זיך זעצן דאָרט, ווו מען האָט אים נישט גע־בעטן, אָבער דאָס איז דאָך בערעק...

פלעגט מען זיך וויצלען אויף זיין חשבון:

— בערעק! שטעל אַ פלעשל ווין...

מען ווייסט שוין פון פריער, אז בערעק וועט זיך גיכער לאָזן אויפ־הענגען, אָבער מען בעט ביי בערעקן ווין.

יענער ווערט ערנסט:

— הערט־אויף מיט דעם ווין, דאָקטוירים זאָגן, אַז פון ווין באַקומט מען קראַנקע נירן.

אַביסל שפּעטער שטעלט אַ צווייטער ווין. מען גיסט אויך אָן פאַר בערעקן. טרינקט ער אויס און באַסמאַקעוועט זיך...

שפּאַסט מען:

— בערעק! וועסט באַקומען קראַנקע נירן...

— ניין! פון פרעמדן ווין קרענקט מען נישט.

ער האָט זיין נישט געשליפּענעם וויץ, אַביסל גראָב־יונגעריש, אַביסל ציניש. ווען מען כאַפּט אים ביי אַ נישט־פיינקייט, ווערט ער נישט רויט.

עס וווּנדערט בלויז, וואָס ער געפינט זיך אין „טאַבאַרין" ביי איין

טישל מיט פעליקס זיידנער. ווי קומען די צוויי צוזאַמען, ווי פּאַסט עס? זיידנער האָט דאָך אַ נעכטן, זיידנער האָט געהאַט אַ קינדער־שטוב, ער האָט געלערנט און געענדיקט אוניווערזיטעט אין דייטשלאַנד. כאָטש בערעק איז רייך, ווייסן דאָך אַלע, אַז זיידנער איז רייכער, אָבער לעצטנס איז זיידנער געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער האָט אַראָפּגעלאָזט פון טאָן. רעדט מיט אַלעמען, וואַרפט פון צייט צו צייט אַ וויץ און זיצט ביי איין טישל מיט אַזאַ נישט געשמאַקן בן־אדם, ווי בערעק פוסבאַנק.

און בערעק פרעגט דען מיט וועמען צו זיצן? ער קריכט צו צום טישל, וואַרפט אַריין עטלעכע ווערטער, כאַפּט אַ פּאַפּיראָס און רוקט זיך אַוועק צו אַנדערע מענטשן. ער באַמערקט פון וויטן באַקאַנטע:

— הא, האָ! זיי זענען אויך געקומען, מען דאַרף צו־גיין צו זיי.

ווען ער גייט אוועק, פילט מען זיך פרייער. אַלקער וואַרפט צו:

— ווער עס איז היינט פאַבריקאַנט...

פּאָזען זאָגט:

— די מלחמה, אַלץ די מלחמה, זי האָט איבערגעדרייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָבער קיין יחוס־שידוך האָט ער נישט געטון. לאַדזש האָט דאָך אַביסל כאַראַקטער.

זיידנער האָט ביז איצט געשוויגן. פלוצלינג פרעגט ער:

— וועגן וועמען רעדט איר?

— וועגן בערעקן, ער איז דאָך אויך אַ פאַבריקאַנט...

— וויפל האָט איר אַזעלכע, זייער ווייניק... איך קען גוט אונדזערע פאַ־בריקאַנטן, פאַראַן ערגערע און בעסערע צווישן זיי, אָבער אַזעלכע בע־רעקס — ווייניק...

עס איז אַוועק אַ שטיקל שמועס וועגן אַרבעט און פלייסיקייט, וועגן איבעריאָגן איינער דעם צווייטן. אין אַ קורצער צייט האָט מען אָנגערופן אַ סך נעמען, יעדן נאָמען אָפּגעווויגן און אָפּגעשאַצט. דערנאָך, ווען מען האָט ווידער אויסגעטרונקען צו גלעזעלעך קאָניאַק, האָט זיך זיידנער אָנגע־רופן, אָט אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין האָט ער געוואָרפן ווערטער:

— מיין עלטער־זיידע איז געווען אַ וועבער, מיין זיידע איז שוין געווען אַ פאַבריקאַנט, מיין טאַטע — אַ גרויסער פאַבריקאַנט און איך אַליין האָב עס שוין אַלץ גענוג...

די צוויי מיטזיצערס פון זיין טישעלע, פּאָזען דער אַדוואָקאַט און דער אינזשיניער אַלקער, האָבן איינצייטיק אָנגעשטעלט די אויגן אויף זיידנערן.

שיכור זענען זיי אַלע דריי נישט געווען, בלויז אַביסל באַרוישט, נאָר זיידנער רעדט, דאַכט זיך, מאָדנע רייד. וואָס הייסט, ער האָט עס געענוג? ער, זיידנער, דער גרויסער פאַבריקאַנט, וואָס אויסער פאַבריקאַציע זעט ער גאָרנישט, ער רעדט אַזעלכע ווערטער...

ער האָט עס גענוג!

וועגן דעם דאַרף מען עפּעס פרעגן, עפּעס דערגיין. וואָס מיינט אַזאַ זיידנער מיט אַזעלכע ווערטער?

אָבער פּאַזען האָט דערווייל באַמערקט זיינס אַ באַקאַנטע, אַן אַקטריסע, איז ער געלאָפן זי פאַרבעטן צום טאַנץ. זענען ביים טישל פאַרבליבן בלויז צוויי — זיידנער מיט אָלקער, און אָלקער האָט טאַקע געפרעגט:

— וואָס מיינסטו מיט די ווערטער דיינע: „דו האָסט עס גענוג!” ווילסט אַוועקוואַרפן די פאַבריק?

— אפשר יאָ און אפשר ניין...

זיידנער האָט געקוקט אין ליידיקן גלעזל אריין און מאָדנע געשמייכלט.

— וואָס איז דאָס ביי דיר, פאַרביטערונג, אָדער רעזיגנאַציע?

— גיכער רעזיגנאַציע, ערב רעזיגנאַציע, אָבער נעם זיך נישט איבער, אָלקער! דערווייל איז דאָס בלויז שפּאַס...

— און נישט דערווייל?

— איך טראַכט פון פאַרשידענע זאַכן.

4

ערב־רעזיגנאַציע

פּלוצלינג כאַפּט זיך זיידנער, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן דעם פּיקאָלאָ:

— הער זיך איין, קליינער! גיי אַרויס און זאָג מיין שאָפער, ער זאָל פאָרן אַהיים, איך וועל דאָ נאָך זיצן אַ ביסל...

און צו אָלקערן האָט ער זיך אָנגערופן:

— דעם שאָפער שיק איך אַוועק צוליב צוויי מאָטיוון: ערשטנס, וויל איך ער זאָל זיך אויסשלאָפן און צווייטנס וויל איך נישט, אַז פּאַזען זאָל קומען בעטן דעם אויטאָמאָביל פאַר זיינע דאָן־זשואַנישע רייזעס, איך האָב נישט ליב צו זיין אַ מיטהעלפער אין אַזעלכע ענינים...

אָלקער איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— וואָס מיר דאַרט פּאַזען מיט זיינע באַנאַלע אַוואַנטיורעס! דו אינטע־רעסירסט מיך מער, ווי פּאַזען. דו זאָג מיר בעסער, פונוואַנען עס נעמט זיך צו דיר די רעזיגנאַציע?

— ס'איז נאָך נישט קיין רעזיגנאַציע, איך האָב דיר דאָך געזאָגט, דאָס איז ערב־רעזיגנאַציע...

— אָבער, וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס איז געשען אַזוינס?

— וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן...

— דו האָסט מיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז דו ווילסט מיט מיר רעדן וועגן וויכטיקע זאַכן...

— אמת...

— טאָ ווי לאנג וועסטו אָפּלייגן?

— ביז איך וועל דיר זאָגן.

אין דעם איז בערעק ווידער צוגעקומען צו זייער טישל:

— פון גאַליציע קומען אָן אַ סך פּראָטעסטן.

— ווער פרעגט איך וועגן דעם?

ביידע, אָלקער און זיידנער, האָבן צוגלייך געוואָרפן די פראַגע און ביידע האָבן אַרויסגעוויזן דענערווירונג צוליב דעם, וואָס בערעק איז ווידער צוגעקומען.

אָבער בערעק האָט זיך אוועקגעזעצט, ווי נישט אים מיינט מען דאָס, און ער האָט גערעדט וועגן די פּראָטעסטן, וועגן די קאָמבינאַציעס פון די פּראָווינצער סוחרים, וועלכע באַראַבעווען לאָדזש. די איבעריקע צוויי זענען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שמועס, הגם זיי האָבן דאָס נישט גע־וואָלט... דאָרט, עטלעכע טריט פון זיי, האָט מען געטאַנצט, ווייַן געטרונקען, שטיל געלאַכט און די דריי האָבן גערעדט לאָדזש. איז פּלוצלינג צוריקגע־קומען פּאַזען:

— אָט דאָס איז מיט די לאָדזשער, שטענדיק וועגן די פּראָווינצער מיט זייערע וועקסלען, און צו זיידנערן:

— פּאַניע זיידנער! איך וואָלט וועלן בעטן ביי אייך די מאַשין...

זיידנער האָט געענטפערט:

—ליידער, איך האָב דעם שאָפער אוועקגעשיקט אהיים, זאָל ער זיך אויסשלאָפן.

דער אַדוואָקאַט פּאַזען האָט געמאַכט אַזאַ טרויעריקע מינע, ווי ער וואָלט

איצט, אין דער רגע אַלץ פאַרלוירן. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ער, פּאָזען, מאַכט פון קיין זאַך קיין גרויסן וועזן נישט, האָט ער צוגעוואָרפן אַ נישט־געשמאַקע, צווײדײטיקע אָנצוהערעניש וועגן זיין דאַמע, מיט וועלכער ער האָט זיך געוואָלט אַביסל דורכפאָרן אין זיידנערס אויטאָמאָביל, האָט געשמייכלט דערביי און איז אַוועק טאַנצן. בערעק איז אויך אַוועק, ער האָט שטענדיק איין ציל: אַרומשוועבן פון איין טישל צום צווייטן און אומעטום אָנשטעלן זיינע גרויסע אויערן.

אַרום האָט מען געטאַנצט. וואָס שפּעטער אין דער נאַכט אַריין אַלץ געשטיקטער די מעלאָדיעס. די טאַנצנדיקע זענען אַביסל מיד און באַרוישט פון די געטראַנקען. די מוזיקאַנטן זענען נישט אויסגעשלאָפן, אין לאָקאַל איז האַלב פינסטער. פון דער צוגעגרייטער קינסטלעכער שטימונג ווערט אַן אמתע שטימונג, מיט וועלכער מען וויל זיך נישט שיידן. דער באַוועגלעכער קרייז, וואָס איז אויסגעשניטן אין דער פּאָדלאָגע, דרייט זיך צוזאַמען מיט די מענטשן, וועלכע טאַנצן, אַ קאָלירטער פּעכער פון פאַרבן ציטערט דאָ און דאָרטן. עס שווינדלט לייכט אין די אויגן, עס פאַרדרימלט דעם בליק און עס וועקט אים.

זיידנער רעדט נישט. ער קוקט אויף די, וואָס טאַנצן, און דער אינזשיניער אַלקער קוקט אויף זיידנערן, ער פאָרשט אים פאַרזיכטיק. וואָס טוט זיך דאָ מיט דעם זיידנערן? ער פּטרט זיינע נעכט אין אַזאַ פּלאַץ. ער טרינקט און רויכערט כסדר, דערביי באַמערקט ער גוט, אַז זיידנער איז אַבסאָלוט נישט אויפגערעגט. מען זעט עס גאַנץ גוט, אַז זיידנער איז נישט אויפגערעגט. ער איז רואיק. אויסגערעכנט רואיק. דעם פּאַפּיראָס זיינעם פאַררויכערט ער לאַנגזאַם, מיט געדולד, מיט איינגעהאַלטנקייט ציט ער אַרויס דעם רויך מיט אַ געמאַכטער שפּילעוודיקייט. פּונקט, ווי איינער, וואָס האָט שטאַרק הנאה פון דעם ביסל רו, וואָס איז אים צוגעפאַלן... דאָס איז גאָרנישט דער זעלבער זיידנער, וועלכן ער פלעגט פריער זעלטן ווען באַגעגענען און וועלכער האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט פאַר קיין חבר פון די יינגלשע יאָרן, זיינע ליפּן זענען איצט נישט געפּרעסט, ווי פריער. פריער, אַז זיי פלעגן זיך באַגעגענען, איז געווען איין אויסדרוק אויף זיידנערס פּנים: שטייפקייט. דורך דער שטייפקייט האָט דער אויסדרוק גערעדט:

— טשעפּע מיך נישט, איך בין אַ פאַרנומענער מענטש.

און איצט קלינגט ער אַליין צו אַלקערן, באַשטימט אים אַ שעה, ווען זיך צו באַגעגענען. איצט זיצט ער דאָ אין „טאַבאַרין", אין דער שפּעטער

נאַכט אַריין. ער איז געדולדיק צום ביליקן בערעקן, ער איז געדולדיק צו דעם דאָן־זשואַנישן זעלבסט־באַרימער פּאָזען...

אַן איבערקערעניש איז פּאַרגעקומען אין אַ מענטשן — אָבער ווו איז די סיבה און וואָס איז די סיבה? וועגן דעם הויבט אַלקער נישט אָן צו וויסן. דאָס קאָסט אים געזונט. ער איז אַ נייגעריקער מענטש דער אַלקער און אויסער דעם האָט ער שטענדיק זיידנערן ליב־געהאַט, כאָטש ער האָט גע־רעכנט די לעצטע צייט, אַז זיידנער איז שוין אַ פאַרלאָרענער פּאַר יעדער פריינטשאַפט...

איצט שווייגן זיי בײדע. אַלקערן פאַרדריסט עס נישט. ער זאָגט אויף דעם זיין אויסטייטש: אויב צוויי מענטשן רעדן כסדר, אַבי צו רעדן, איז דאָס אָפט א סימן, אַז זיי זענען פאַרבונדן מיט שוואַכע פעדים, אָבער דע־מאָלט, ווען צוויי קאָנען גוט שווייגן, דעמאָלט איז עס זיכער וויכטיק...

צווישן די טישלעך האָט געבלאָנדזשעט אַ איינער, ער האָט זיך איינ־געקוקט אין די פּנימער, געזוכט באַקאַנטע. אַלקער האָט אים דערקענט און אויסגערופן צו אים:

— האָ! פּאַניע ווישעוויאַנסקי!

— פּאַניע אַלקער!

ער האָט זיך צוגעזעצט לעם די צוויי פריינט.

שמעון ווישעוויאַנסקי, דער אינהאָבער פון דער פירמע „פּרינט", וועל־כע האָט געוועבט און געדרוקט קרעטאָנען אין די מיליאָנען מעטער. איינער פון די פיינסטע און אײדלסטע פאַבריקאַנטן. ער איז ווי אַן אייגענער אין דער וועלט פון פאַבריקאַציע און אַן אייגענער צווישן דער אינטעליגענץ פון לאָדזש. וואָס טוט ער דאָ אין דעם לאָקאַל? זעלטן ווען האָט מען אים געזען אין אַזעלכע ערטער.

— וואָס טוט איר דאָ? ווי קומט איר אַהער? ווישעוויאַנסקי!

אויף די פראַגן ענטפערט ער:

— דאָס ווייב מיטן יונגן בחורל איז מיר אַוועקגעפאָרן קיין זאַקאָפּאַנע, דער עלטסטער זונדל מיינער איז אַוועק קיין ענגלאַנד. ער זיצט אין מאַנ־טשעסטער און קוקט זיך צו ווי דאָרטן וועבט מען, לאָדזש באַדאַרף גוטע פאַכלייט, און איך בין אַליין אינדערהיים. האָט זיך מיר פאַרגלוסט שפּעט ביינאַכט אָנשטעלן דעם ראַדיאָ, האָב איך געהערט היטלערן רעדן, האָב איך געהערט שרייען אַ ווילדע חיה, וועגן אונדז יידן האָט די חיה געשריגן און דערנאָך האָב איך שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן, איך בין געדאַנקלעך

אַריינגעפאַלן אין אַן אָפּגרונט פון שנאה, נישט אַרויסצוגיין און נישט זיך צו ראַטעווען...

ווישעוויאַנסקי האָט געהערט. ער האָט אָבער נישט באַמערקט, אַז די מיטזיצערס זיינע הערן אים נישט, זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויף אַ טענצערין, אַ סאָליסטין... אין זאַל איז טונקעלער געוואָרן און אַ יונגע פרוי, אַ שלאַנקע האָט געטאַנצט אַ וואַלס, אָריגינעל געטאַנצט, פיין געטאַנצט און פיין אויסגעזען, אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט געווען צו איר...

דאָך, שמעון ווישעוויאַנסקי האָט ווייטער גערעדט:

— צו וואָס האָט מען אויסגעטראַכט דעם ראַדיאָ? דאָס איז דאָך אַן אומגליק. פריער האָט אזא משוגענער געשריגן אין זיין שמאָל געסל, היינט רעדט ער צו דער גאַנצער וועלט דורך דעם ראַדיאָ און די וועלט הערט, די וועלט פארסמט זיך אַליין, זי וויל שנאה, זי וויל הריגה...

די טענצערין האָט געטאַנצט.

שפּעטער אַביסל איז אין זאַל ליכטיקער געוואָרן. דער ענגלישער וואַלס מיט דער טענצערין איז פאַרשוואונדן געוואָרן. איצט זענען די קעלנערס שוין צוגעלאָפן צו די טישלעך און אַריינגעגאָסן אין די גלעזלעך, דאָס וואָס עס איז געווען אין די פלעשלעך. שמעון ווישעוויאַנסקי איז שוין געזעסן ביי אַ צווייטן טישל. ער האָט געוואָלט רעדן וועגן היטלערן, וועגן זיין שלאָפלאָזער נאַכט. ער האָט געזוכט צוהערער.

און דער נאַכט לאָקאַל האָט באַלעבאַטים און זיי ווילן פאַרקויפן, וואָס מער וויין און מער קאָניאַק...

קיין לאַנגע שמועסן האַלטן זיך דאָ נישט, ווייל מען טאַנצט, מען טאַנצט...

די מוזיק שפּילט איצט אַ דינעטשקע מעלאָדיע, די מוזיק פאַרפּלאָנטערט די טענצערס אין אַ קנויל פון זייד־מוזיקאַלישע פעדעם, זי ווייזט זיי בלויז דעם ריטמישן וועג, זי פירט זיי, ווי בלינדע, די נישט אויסגעשלאָפענע נאַכט־העלדן. עס דאַכט זיך אויס, אַז די מוזיק דערציילט די לעצטע לעגענדע פון א פאַרשוואונדענער שעכערעזאַדע... די פּויק וויל נישט קיין שטאַרקן קלאַפּ געבן, די בלאָז־אינסטרומענטן שווייגן... בלויז פידל און פלייש גלעטן איינגעהאַלטן די לופט. די טענער זענען האַלב באַהאַלטענע. ווען מען זעט נישט די מוזיקאַנטן פאַר די אויגן, וואָלט מען זיכער געקאָנט גלויבן, אַז עס שפּילט זיך פון זיך אַליין...

כמעט דער גאַנצער עולם, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין „טאַבאַרין“,

כמעט אַלע האָבן געטאַנצט. די מעלאָדיע האָט אַלעמען פאַרכאַפּט און גע־צוווּנגען מיטשפּרייזן אין טאַנץ...

די נידעריקע טישלעך זענען איצט געווען אַליין, פאַרלאָזן. אויף די טישלעך זענען געשטאַנען ליידיקע און נישט ליידיקע פלעשלעך, נישט אויסגעטרונקענע גלעזלעך. עס האָבן זיך געוואַלגערט רעדיקיולן, אָפענע פּאַפּירן, צעזייטע פּאַקלעך. מאַרשאַלקעס האָבן זיך גענומען דינען. פּאַפּיראָסן האָבן געגלימט ביז צום סוף... פון אַלץ צוזאַמען האָט זיך גע־ווּעבט אַ מידע פאַרחלומטקייט. פּלוצלינג האָט זיידנער אַ קוק געגעבן אויף אַלקערן און אַלקער האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף זיידנערן. ביידע צו־זאַמען האָבן זיך צעשמייכלט און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז זיי זאָלן באַלד אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער. אויף דער באַוועגלעכער פּאָדלאָגע האָט זיך באַוויזן בערעק מיט אַ פּאַרטנערין. אים האָט אויך פאַרשמעקט דער טאַנץ און ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּאַרטנערין צוויי מאָל אַזוי הויך ווי ער. בערעק טאַנצט... און זיינע גרויסע אויערן טאַנצן־מיט. בערעק פירט זיין דאַמע ווי אַ בער און זי פילט זיך נישט באַקוועם, זי פילט, אַז מען קוקט שטאַרק אויף דער נישט גלייכער פּאָר. האָט זי נישט ווו אַהין צו טון די אויגן, קוקט זי אַראָפּ אויף בערעקס פּליך. ער האָט נישט קיין גרויסן פּליך, אָבער דערפאַר איז ער זייער רונד, ווי אַ באַשטעלטער, קוקט זי, די פּאַרטנערין, אויף בערעקס פּליך כסדר, כסדר און שמייכלט דערביי. עטלעכע פון די אַרומיקע העלפן איר שמייכלען.

— ווי געפעלט ער דיר? אַלקער!

— מיר דאַכט זיך, אַז ער פילט זיך נישט באַקוועם אינגאַנצן, זע נאָר, ווי ער הויבט די פיס, ווי אַ העלפאַנט.

— די לעכערלעכקייט קריכט שטענדיק אַליין אין פייער... ווער האָט אים געהייסן אויסקלויבן די גרעסטע פּאַרטנערין?...

און זיי האָבן זייער גוטמוטיק געלאַכט, די צוויי אַלטע פריינט. קענטיק, אַז זיי זענען ביידע צופרידן, וואָס זיי האָבן געפונען וועגן וואָס צו רעדן.

די שטימונגס־מוזיק האָט זיך געענדיקט, נאָר דער עולם האָט גענומען בעטן נאָך. זיי האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, געקוקט מיט רחמנות־בליקן צו די מוזיקאַנטן און אויסגעפּירט. בערעק האָט שוין אויף „ביס" נישט געטאַנצט, ער איז ערגעץ פאַרשוווּנדן אין דער טיפעניש פון זאַל.

זיידנער האָט באַצאָלט דעם חשבון און איז מיט אַלקערן אַרויס אויף דער גאַס. עס איז געפאַלן אַ שניי אין געדיכטע שטיקער.

— פונקט, ווי געצופּטער באַנוול — האָט זיידנער אַ זאָג געטון און אַלקער האָט געזען, אַז זיין אַלטער פריינט איז זייער גוט געשטימט. עס אַרט אים גאָרנישט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט און צוליב דעם וועט מאָרגן די אַרבעט זיין שווערער. זיי האָבן געשפּרייזט ביידע מיט גלייכע טריט. זיי האָבן נישט גערעדט וועגן דעם, אַז מען גייט נישט שלאָפן, נאָר ביידע האָבן עס אַליין פאַרשטאַנען, מען איז געגאַנגען אויף דער לײדיקער פּיעטריקאָווער גאַס און געלאָזן אויף זיך פאַלן דעם שניי...

אויף דער גאַס האָבן זיי אַ סך געשוויגן. געגאַנגען צוזאַמען, איינער פעסט לעם צווייטן און געשוויגן מער ווי גערעדט. דער טאַנץ־לאָקאַל האָט נאָך געשוועבט פאַר די אויגן און דעריבער האָט זיידנער זיך איצט צעלאַכט:

— דו האָסט געזען, ווי ער האָט אויסגעזען?...

— בערעקן... מיינסטו?

— יאָ...

— און גיב אַ טראַכט, ווען דער בערעק זאָל אפילו צונעמען אַלע גרעסטע פאַבריקן אין לאָדזש, וועט ער נישט ווערן פון דעם מיט קיין איין צענטימעטער העכער, דאָס איז אַ טראַגעדיע. און זי, די פּאַרטנערין! עפּעס אַן אָרעמע, האַלב־הונגעריקע מיידל, זי האָט אַזאַ שלאַנקע און אַזאַ הויכע פיגור...

אַ הויפן שניי האָט אים דערלאַנגט אין פּנים און איבערגעריסן דעם געשפּרעך. מען איז געגאַנגען ווייטער אויף דעם ווייכן, ווייסן טראָטואַר. אויף די געציילטע דראָזשקעס, אויף די אויטאָמאָבילן, אויף די באַלקאָנען און קאַרניזן — אומעטום איז די ווייסקייט געלעגן. פאַר דעם גרויען אָנבליק פון לאָדזש איז דער ליכטיקער שניי געווען צו ווייס, צו ניי און צו יום־טובדיק. אָבער דאָס איז דאָך בלויז ביינאַכט; ווי נאָר דער טאָג וועט זיך אָנהויבן, וועט פון דעם שניי ווערן דער אמתער תכלית.

בלייך האָבן געברענט די לאָמפּן און איבער די לאָמפּן האָט דער שניי טאַקע געטאַנצט ווי שטיקלעך באַנוול. געצופּטע, געפּליקטע. אַ ווייסקייט האָט זיך צעהוליעט ביינאַכט. דער שניי, ווייזט אויס, איז משוגע־געוואָרן און אין זיין וואַנזיניקייט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, וווּ צוויי מענטשן גייען גלאַט אין דער וועלט אַריין און איינער פרעגט ביים צווייטן:

— וויפל ביסטו שוין אַלט, אַלקער?

— שוין פיר און פערציק.

— בין איך מיט צוויי יאָר עלטער. עס רוקן זיך די יאָרן, מיר ווערן קרעטאָנען און די צייט ווערט די יאָרן...

אַלקער וויל אים דורך דעם שניי־שלייער אַריינקוקן אין די אויגן:

— דו ביסט מיר געוואָרן א גאַנצער פילאָזאָף, פעליקס!

— דאָס האָב איך זיך פון דיר אויסגעלערנט, דו האָסט קיינמאָל נישט געוואָלט ערנסט אַרבעטן, ביסט אַרומגעלאָפן מיט די מאָלערס, מיט די שרייבערס, אַז איך האָב געזאָגט:

— „פּאָזנאַנסקי״, האָסטו געזאָגט: „רפאל, רעמבראַנדט״.

— דו געדענקסט נאָך?

— אָי, אָי...

— און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט אַלץ פאַרגעסן.

— פאַרגעסן האָב איך עס טאַקע, נאָר איך דערמאָן זיך אַלץ, ביסלעכווייז דערמאָן איך זיך אַלץ...

— וואָס צווינגט דיך דערצו?

— איך ווייס נישט, דער קאָפּ איז פאַרשטאָפּט מיט מאַנופאַקטור און אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב עס שוין גענוג...

— ווען אַלע פאַבריקאַנטן וועלן אַזוי אָנהויבן רעדן, וועט לאָדזש האָבן אַ שיין פּנים...

— האָב נישט קיין מורא, אַלקער! לאָדזש וועט נישט אונטערגיין. איינער אָדער צוויי קאָנען זיך אַמאָל צעבונטעווען, די איבעריקע וועלן אַרבעטן און אַרבעטן. די באַנוול־פעדעם זענען דאָ איינגעוועבט אין די אָדערן פון די פאַבריקאַנטן. דאָס איז נישט קיין געלעכטער. דאָס זענען עטלעכע דורות, דאָס איז אַ ירושה־זאַך...

אַלקער האָט זיך געניגערט. ער האָט שוין געהאַט אַ פראַגע:

— און דו, פעליקס! דו ביסט פון די צעבונטעוועטע?

— דערווייל נאָך נישט... איך האָב פאַרשידענע פּלענער און דו קריך מיר נישט אין דער נשמה אַריין מיט דייגע פוקסישע פראַגן. ווען מען וועט דאַרפן וועל איך דיר אַליין אַלץ זאָגן.

און כדי איבערצובייטן די טעמע, האָט ער ביי אַלקערן אַ פרעג־געטאָן?

— דו געדענקסט נאָך מיין סעלאַן? שוין באַלד צען יאָר, ווי זי איז אוועק קיין אַנטווערפּן. די ראַמעטשקע איז שוין אַ מיידל פון העכער צוועלף יאָר. זי האָט מיר צוגעשיקט די טעג אַ פאָטאָגראַפיע. ווילסט זען?

ער האָט ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ פּאַק פּאַפּירן און פון

צווישן די פּאַפּירן אויסגעזוכט א פאָטאָגראַפיע. זיי זענען ביידע צוגעגאַנגען צו אַ ליכטיקן פענסטער.

אַלקער האָט באַטראַכט דאָס בילד פון זיידנערס קינד, אָבער אים האָט זיך מער געוואָלט קוקן אויף זיידנערן אַליין... זע נאַר, וואָס מיט דעם מענטשן איז געוואָרן. פריער האָט ער נישט געדענקט, ווי עס הייסט זיין איינציק קינד, און איצט צאַצקעט ער זיך מיט דער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז אָנגעקומען פון אַנטווערפּן.

עס איז שוין געווען פינף דער זייגער, אָבער די נאַכט האָט זיך נאָך נישט גערירט אויף קיין האָר פון איר אָרט. די פּיעטריקאָווער גאַס איז געווען באַלויכטן פון עלעקטרישע שטאָט־לאָמפּן און פון די נישט אויסגעלאָשענע שוי־פענסטער, אַ סך העלקייט האָט אויך צוגעגעבן דער שניי, וואָס האָט כסדר געשאָטן. די נאַכט אין לאָדזש איז ליכטיקער ווי דער טאָג. די פּיעטריקאָווער גאַס זעט אויס פריי און ברייט, עס לאָזט זיך שפּאַצירן אין אַזאַ גערוימקייט.

אַלקער מיט זיידנערן זענען שוין ווייט אַוועק. זיי זענען שוין פאַרביי־געגאַנגען דעם נומער צוויי הונדערט און דעם נומער דריי הונדערט, שוין ביי גייערס מאַרק. און נאָך אַ סך ווייטער.

— מיר וועלן דאָך נישט גיין ביז פאַביאַניץ — האָט זיך געכאַפּט אַלקער.

פון מיינעט וועגן.

— קום צוריק!

מען איז געגאַנגען צוריק. אויף די טראָטואַרן האָבן זיך אַלץ מער מענטשן־שאָטנס באַוויזן. דאָס האָבן פון פאַרשידענע גאַסן און געסלעך די אַרבעטער געאיילט אין די פאַבריקן אַריין. צווישן זיי אויך אַ סך פרויען מיט די פאַטשיילעס אויף די קעפּ, שוויַיגנדיקע מיט פאַרביסענע ליפּן. זיי האָבן געשטעלט זייער שנעלע טריט און האָסטיק דורכגעשניטן מיט זייערע שאָטנס די פרישע גירלאַנדן פון וויגנדיקן שניי. אויף די גאַסן זענען געלאָפן די ערשטע טראַמוואַי־וואַגאַנען, זיי זענען פול־געווען מיט אַרבעטער.

עס פאָרט פאַרביי האָסטיק אַן אויטאָמאָביל און זיידנער קאָנסטאַטירט:

— דאָס פאָרט בריקנער אין פאַבריק אַריין, דער דאָזיקער דייטש איז דער פלייסיקסטער פאַבריקאַנט אין לאָדזש...

אויף דער גאַס באַוויַיזט זיך אַ לאָסט־אויטאָ, ברייט און הויך, ווי אַ צוויי־שטאָקיק הויז. דער וואָגן איז איינגעדעקט פון אויבן ביז אַראָפּ אין

ברעזענטן, די ברעזענטן זענען פאַרשאָטן מיט שניי. עס דאַכט זיך, אַז אַ פאַרשנייטער בארג האָט זיך געלאָזט רירן אויף דער פיעטריקאָווער גאַס...

זיידנער רופט זיך ווידער אָן:

— דאָס פירט מען מאַנופאַקטור קיין וואַרשע. לאָדזש אַרבעט פאַר אַלעמען...

— דו האָסט פון דעם שטאַרק הנאה? — פרעגט אַלקער.

— שוין נישט, ווי אַמאָל...

— דו רעדסט אַלץ מיט רמזים, פעליקס!

— איך רעד, ווי עס רעדט זיך...

— אָבער דו לעבסט איצט אינגאַנצן אַנדערש, ווי קומסטו נישט שלאָפן אַ נאַכט?

— אָט אַזוי וויל איך...

5

באַגינען אין פאַבריק

פאַר דער צייט פון זייער געמיינזאַמען שפּריצן אויף דער ענדלאָזער פיעטריקאָווער גאַס, האָבן זיי וועגן אַ סך ענינים געצומען רעדן און קיין זאַך נישט געענדיקט. אַביסל האָט געווירקט דערצו די נישט אויסגעשלאָפענע נאַכט. געווירקט האָט אויך דערצו דער פאַקט, וואָס די צוויי אַלטע פריינט האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן כמעט ווי נישט באַגעגנט. מען איז פשוט אָפּגעוווינט געוואָרן איינער פון צווייטן. מען איז עלטער־געוואָרן און אַנדערש־געוואָרן...

דער שניי האָט אויך געשטערט. יעדעס מאָל אין מיטן פון שמועס לאָזט ער זיך פאַלן מיט דער הילף פון ווינטל גלייך אין פנים אַריין. אויף אַ רגע הערט מען אויף צו רעדן און אין דער רגע פאַסירט אָפט, אַז מען פאַרגעסט וועגן וואָס מען האָט נאָר וואָס גערעדט. און אָנגעהויבן רעדן האָט מען וועגן עטלעכע לאָדזשער פאַבריקאַנטן, וועגן זייערע געשעפטן און וועגן זייערע פאַמיליען־ענינים, וועגן בערעק פּוסבאַנק, וועגן אַדוואָקאַט פּאָזען, וועלכער לעבט און אָטעמט מיט דער באַרימערײַ, אַז אַלע ווייבער פון דער וועלט נעמען איין אַ כפרה פאַר אים...

— וואָס האָט ער פון דעם? — האָט זיידנער געפרעגט.

— די פוסטקייט האָט פון אַלץ עפּעס, אַפילו דאַן, ווען מען מאכט זי פול מיט אַ צווייטער פוסטקייט.

אין איין פראגמענט פון זייער שמועס איז אַפילו דערמאָנט־געוואָרן זיידנערס אָפגעגעטע פרוי...

— דו האָסט זי ליב געהאַט? — האָט אַלקער געפרעגט.

— ליב־געהאט? איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַלקער! אין יענע יאָרן, ווען איך האָב חתונה־געהאט מיט סעלען, האָב איך קיינעם נישט ליב־געהאַט. איך האָב געוואָלט זיין אַ פאַבריקאנט, א גרויסער פאַבריקאנט, דער גרעסטער. פעדעם פון מיינע קעטעס האָבן מיך געהאלטן, ווי קייטן... ליב־געהאַט? סעלען? גיכער האָב איך זי פיינט געהאַט, ווייל זי האָט מיך געצויגן צוריק פון דער אַרבעט, זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין מיין גלייכן וועג מיט אירע פּרעטענזיעס, מיט איר טריישאַפט, מיט אירע טרערן...

— אַ טייערער מאן ביסטו געוועזן...

— איך וויל דיר אַליין זאָגן, וואָס איך בין געוועזן. איך בין געווען אַ גוטער פאַבריקאנט, א מוסטערהאפטער פאַבריקאנט, די פאַבריקאַציע דאַרף האָבן אַזעלכע ווי איך, אָבער אין דער זעלבער צייט טאָרן אַזעלכע ווי איך נישט חתונה האָבן. מיין ווייב האָט געוואָלט די שטוב זאָל זיין דער עיקר און איך האָב געפילט, אַז די פאבריק באַדאַרף זיין דער עיקר... אָבער נישט אין דעם גייט עס, צי איך האָב ליב־געהאט, אָדער נישט ליב־געהאט סעלען. עס גייט אין עפּעס אַנדערש...

— צום ביישפּיל?

— סעלא האָט מיך ליב־געהאט און דאָס איז אַ גרויסע זאַך, ווען עמי־צער האָט דיך ליב... איך האָב עס פאַרזען.

— איך האָב דיך דעמאָלט געוואָרנט... געדענקסט?

— און איך האָב ביי קיינעם נישט געפרעגט... געדענקסט? אָבער ווען מען קומט דריי טויזנט נעכט אליין אין שטוב, מען איז אין די צימערן אַליין און מען גייט אוועק אַליין, דעמאָלט איז מען זיך מודה, אַז פריער איז מען בלינד געווען. איך האָב סעלען קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, אָבער מיט מיינע איינגערעדטע אַמביציעס האָב איך זי פון זיך געשטויסן און עס איז געקומען צו אַ סוף.

עס האָט זיך זיי ביידן אויסגעדוכט, אַז די פיס זייערע קלעפּן זיך צום שניי, אָבער אין דער אמתן האָבן זייערע פיס געזונקען פון מידקייט.

— מען דאַרף גיין שלאָפן — האָט אַלקער געזאָגט.

— יאָ — האָט זיידנער צוגעשטימט — אָבער ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, לאָמיר אַריינשפּרינגען אין טראַמוואַי און צופאָרן צו דער פאַבריק. איך וויל דאָרט זען אַ מוסטער, וועלכן מען נעמט היינט וועבן. עפּעס בין איך נישט צופרידן מיט איין פאָדעם, מוז איך איבעררעדן מיטן מייסטער... פאָר מיט מיר, אַלקער!

— גוט.

אין פינף מינוט שפּעטער זענען זיי שוין ביידע געווען אין טראַמוויי. דער וואַגאָן איז געווען העל באַלויכטן. די לאָמפּן האָבן אויסגעזען יום־טובדיק, נאָר אויף די בענק זענען געזעסן מענטשן מיט גאָרנישט קיין יום־טובדיקע פּנימער...

דאָס איז לאָדזש געפאָרן צו דער אַרבעט. פאַרכמורעטע פּנימער האָבן זיי געהאַט, די אַרבעטער. פון דעם צו העלן ליכט האָבן זיי אַלע אויסגעזען בלאַס, קרענקלעך. אַ סך פון זיי זענען געשלאָפן אין געבויגענע פּאָזעס, ביי וועמען פון זיי איז דער קאָפּ אַראָפּגעפאַלן אויף די קני, ביי אַ צווייטן איז דאָס מויל געווען אָפן. אין טראַמוויי־וואַגאָן האָט זיך געטראָגן אַ שווערער שוויס־גערוך, וואָס די דאָזיקע מענטשן האָבן מיטגעבראַכט פון זייערע ענגע היימען. אויף איין באַנק זענען געזעסן דריי פרויען, צוויי עלטערע, פופציק־יעריקע, און איינער גאָר אַ יונגע, פון אַ זיבעצן יאָר. אַלע דריי האָבן גע־טראָגן אויף די אַקסלען שווערע טיכער. אָבער אַנדערש האָבן די טיכער אויסגעזען אויף די אַלטע פרויען און אַנדערש אויף דעם יונגן מיידל. אויף די עלטערע פרויען האָבן די טיכער אויסגעזען, ווי אַ באַשטענדיקע זאַך, איינגעפרעסט אויף זיי און צונויפגעבונדן מיט זיי, אָבער צו דער יונגער אַרבעטערין האָט זיך די שווערע פאַטשיילע נישט געקלעפּט. אָט באַלד וועט זי עס אַראָפּשליידערן פון זיך און זי וועט אַנטלויפן צו איר יוגנט.

איינער פון די אַרבעטער האָט געהאַלטן אַ בלעכענע קענדל, אין קענדל איז געווען מילך. פון צייט צו צייט פלעגט אַ ווייסער טראָפּן אַרויסרינען. דער צווייטער האָט געהאַלטן אויף די קני אַ גרינע־ביר־פלאַש, אין דער פלאַש איז געווען קאַלטע קאַווע...

— זיי לעבן נישט קיין פריילעך לעבן, די אַרבעטער — האָט אַלקער אין דער שטיל אַ זאָג־געטאָן צו זיידנערן.

יענער האָט גאָרנישט געענטפערט.

דער וואַגאָן איז פול־געווען מיט שלאָף און מיט נישט דערשלאָפנקייט.

די, וואָס זענען וואַך־געווען, האָבן אויך געהאַט פולע אויגן מיט שלאָף. איינער געניצט און פינף מענטשן טוען אים נאָך. איינער ציט־אויס די הענט און קנאַקט־אויס די ביינער, נאָך צוויי טוען דאָס זעלבע. קיין איין וואָרט איז דאָ נישט געפאַלן, פונקט ווי דאָס וואָרט שלאָפט נאָך און מענטש איז שוין וואַך...

אַלץ צוזאַמען האָט געדריקט און גאָרנישט צוגעזאָגט. עס האָט זיך געוואָלט פרעגן, צוליב וואָס פאַרגייט די נאַכט און צוליב וואָס קומט דער טאָג? כדי די צעקנייטשטע מענטשן זאָלן נאָך מער קנייטשן באַקומען? אַלץ האָט געשוויגן.

אין וואַגאָן איז געווען נאַס, בלאָטיק, יעדער איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט מיטגעבראַכט אביסל שניי און דער שניי איז גלייך צעשמאָלצן געוואָרן. די ציכטיקע ווייסקייט האָט זיך שנעל באַהאַלטן פאַר דער טראַגישער אומציכטיקייט פון די מענטשן. פיל פון זיי האָבן געריכערט שרעקלעכן טאַבאַק, זיי האָבן געשפּיגן מיט ביטערקייט און ווידער געריכערט...

אַלקער מיט זיידנערן האָבן גאָרנישט גערעדט און אפילו דעמאָלט, ווען זיי זענען שוין אַרויס פון טראַמוואַי, האָבן זיי נאָך לאַנגע מינוטן געשוויגן, כאָטש רעדן האָט מען געדאַרפט. אַלקער מיט זיידנערן זענען טאַקע ביידע געווען לאַדזשער, אָבער דער נאַכט־וואַגאָן מיט די פאַרשלאָפענע אַרבעטער איז געווען פאַר זיי אַ ניי בילד און זייער נישט קיין פריילעך בילד. נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן ביידע וועגן דעם אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט, איז נאָך נישט געווען קיין באַווייז, אַז זיי האָבן וועגן דעם נישט געטראַכט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ביידע זענען איצט דורכגענומען און ערנסט. ביז דעם אַריינשטייגן אין טראַמוואַי זענען זיי געווען אַנדערש געשטימט.

די פאַבריק אויף סקאַרופּקאַ גאַס...

צוערשט אַ הויכער פאַרקאַן פון ציגל און נאָך דעם פאַרקאַן אַ גרויסער הויף מיט אַ סך געביידעס פון דעם זעלבן רויטן ציגל. דורך אַ שמאָל טירל זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין וועכטערס הייזל און פון דאָרט זענען זיי אַרויס אויפן הויף. עס האָט שוין גענומען טאָגן, די פענסטער פון די פאַבריקגעביידעס זענען געווען באַלויכטן און דורך די מאַטאָווע שויבן האָט מען געזען, ווי אינעווייניק שאָטנט שטאַרק, דאָס זענען די טראַנסמיסיעס געפלויגן...

זיי זענען אַריין אין איין געביידע, ווו עס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן

גאַנצע פּיראַמידן גארן. דאָ זענען געווען קנוילן פון פאַרשידענע קאָלירן. דער פארב־ריח מיט דער שווייסיקייט פון דער געשטיקטער לופט האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַלקער האָט שוין געוואָלט גיין אהיים, ער האָט איצט נישט געהאט קיין געדולד צו באַטראכטן די פאבריק, נאָר ווו איז זיידנער?

יענער האָט זיך געלאָזט גיין פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער. ער האָט געזוכט דעם מייסטער. דער מידער אַלקער האָט אָבער נישט געוואָלט אַוועקגיין אָן זיידנערן. עס וואָלט געווען נישט פיין פון זיין זייט; זיי האָבן צוזאַמען פארבראכט אין נאכט־לאָקאַל, צוזאַמען שפּאַצירט און דערצו נאָך איז זיידנער מיט אים געווען היינט אזוי גוטברודעריש...

אָן זיידנערן וועט ער נישט אַוועקגיין. האָט ער איצט געבלאָנדזשעט פון איין אָרט צום צווייטן. ער איז אַריין אין קאַנטאָר, זיך אַוועקגעזעצט און געגעניצט. גענומען אַ פּעקל מוסטערן, באטראַכט און צוריק גלייך אַוועקגעלייגט. אויפן טיש איז אויך געשטאַנען אַ קליינע קאָמבינירטע וואָג, מיט וועלכער מען וועגט דעם גארן, האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער וואָג און זי באלד אָפּגעשטויסן. ער האָט נישט געהאט אויף וואָס צו קוקן און נישט געהאט מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען.

אַלץ איז דאָ געווען אלט און פארשטויבט. איינטאָניק און לאנגווייליק. אַלקער האָט זיך געטראכט: „ווו איז ער, דער זיידנער? איך וויל אים זאָגן, אַז פאַבריקאציע איז זייער א נויטיקע זאך, אָבער עס איז נודנע, איבער־הויפּט דאָ, ווען עס ווילט זיך שלאָפן".

אָט אזוי האָט דאָס אַלץ אויסגעזען ביים אַלטן זיידנער. יענער האָט אויך אַזוי געיאָגט און געפּראַצעוועט און וואָס האָט ער מיטגענומען?

אפשר האָט דאָס שוין פעליקס פארשטאַנען און דערפאר פילאָזאָפירט ער אַזוי לעצטנס...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאץ און געגאנגען זוכן פעליקסן, און ווען ער האָט אים נישט געפונען, איז ער, צוליב צייט־פאַרטרייב, אַריין אין דער גרויסער האלע, ווו די וועב־שטולן שטייען...

— האָ, הא... סאַר אַ גערויש!

אַלקער איז שוין לאַנג נישט געווען אין אַזאַ גרויסער פאַבריק. דאָרט ווו הונדערטער וועב־שטולן באַוועגט זיך. ער איז אַריין און עס האָט אים אַ שטראָם אַ כאַפּ־געטון. ער איז אַריין און איז האַלב טויב געוואָרן פון דעם איינטאָניקן קלאַפּן. אַ מינוט האָט זיך אים געדאכט, אז דאָ קלאַפּט גאָרנישט, ווייל ער האָט שוין גאָרנישט געהערט. ווייט און טיף איז געווען די האלע

מיט אַ גרויסן גלעזערנעם דאַך צוגעדעקט. דער גלעזערנער דאַך איז גע־מאכט געוואָרן פאַר דער טאָג־ליכט. איצט איז נאָך נישט אינגאַנצן געווען טאָג און די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן באַלויכטן אַלע שרייפּעלעך און אַלע פּעדעם. די טראַנסמיסיעס זענען געפלויגן אונטערן גלעזערנעם דאַך און נידעריקער, איבער די וועב־שטולן, שטענדיק אויף דעם זעלבן אָרט, כאָטש עס האָט זיך יעדע רגע אויסגעדוכט, אַז באַלד וועט זיך דאָ עפּעס אָפּ־רייסן און אנטלויפן ווייט פון דער פאַבריק. די וועב־שטולן האָבן זיך באַ־וועגט. אַלע וועב־שטולן מיט די זעלבע באַוועגונגען, אַנדערע שרייפּעלעך זענען געפלויגן מיט דער גרעסטער קאָפּ־שווינדלערישער שנעלקייט, אַנדערע ווידער האָבן זיך געלאָזן אויסגעקלאַפּט זייער טיק־טאַק. מער האָט מען זיי נישט געהייסן, פאָלגן זיי געהאָרכזאַם.

צווישן די מאַשינען האָבן זיך די וועבערס געדרייט ווי לעבעדיקע שאָטנס. יעדער וועבער האָט דאָ זיין „קוואַרטיר". דריי אָדער פיר וועב־שטולן, דאָ איז ער באַלעבאָס און קאַפּיטאַן. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן פאָדעם, וואָס ווידערשפּעניקט, ער מוז גוט קוקן און כאַפּן דעם קלענסטן אָפּנויג פון דער מאַשין. געווען אַ רגע, ווען אַלקער האָט באַשלאָסן, אַז די מאַשינען לעבן דאָ מיט מער לעבן, ווי די מענטשן. זיי לויפן און קלאַפּן און דער מענטש איז דאָ ווי אַ ווייכער שאָטן. די וועבערס טראָגן דאָ טוכענע פאַנטאָפל, זיי רעדן נישט קיין וואָרט, ווייל, סיי ווי וועט דאָ קיינער דעם צווייטנס וואָרט נישט הערן. קומט דאָ ווער אַריין, קוקן זיי נישט אויף אים, זיי האָבן וווּ צו קוקן, זיי היטן די פּעדעם. דאָ וועבן זיך קרעטאָנען, דאָ וועבן זיך טישטעכער פאַר גאַנץ פּוילן און אויך פאַר אַנדערע לענדער. דאָ קרייצן זיך פּעדעם בלויע מיט העל־בלויע, ווייס מיט גרין, רויט מיט גרין...

וואָס טיפער מען גייט אַריין אין דער האַליע, אַלץ גרעסער זעט זי אויס. מען וויל נישט פאַרלאָזן דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן די שטולן, ווייל עס איז פאַראַן אַ מורא, אַז מען קאָן פאַרבלאָנדזשען און אַריינגעכאַפּט ווערן אין די טראַנסמיסיעס...

אַלקער האָט ליב יעדע זאַך צו געבן אַ נאָמען. ווען ער איז אַזוי גע־שטאַנען און באַטראַכט די האַליע מיט אירע אַלע באַוועגונגען, האָט ער ביי זיך אין די געדאַנקען אַרויפגעלייגט אַ חתימה אויף זיידנערס פאַבריק: „די סימפאָניע פון איינטאָניקייט".

ווען ער איז אַרויס פון דער גרויסער האַליע, האָט ער ביי דער טיר

געטראָפן זיידנערן. יענער האָט עפּעס גערעדט צו אים, נאָר אַלקער האָט גאָרנישט געהערט. ער איז נאָך אַלץ פאַרטויבט געווען פון מאַשינען־גערויש...

— איך הער נישט, פעליקס!

פעליקס האָט צו אים געוווּנקען, מען זאָל גיין, אַהיימגיין.

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. עס איז שוין געווען אביסל ליכטיק. דער שניי האָט שוין אויפגעהערט צו פאַלן און ער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרלירן אויף די טראָטואַרן זיין ווייסקייט. צענדליקער און הונדערטער טריט האָבן אים צעטראָטן, די הויז־וועכטערס זענען אַרויס מיט בעזימער

אויף דער פּיעטריקאָווער גאס האָבן זיך איינע נאָך די אַנדערע גע שלעפּט די גרינע טראַמוויען, לאַסט־וועגענער מיט געווענלעכע פורן האָבן פונאַנדערגעפירט פעק מיט סחורה, פאַרטיקע און נישט פאַרטיקע. איבער די מויערן האָבן זיך געקנוילט שוואַרצע שלאַנגען פון רויך, אַנדערע פון זיי האָבן זיך צעגאָסן אונטערן הימל און אויסגעזען האָט עס משונהדיק שרעקעוודיק.

— ווי געפעלט דיר מיין פאַבריק, אַלקער?

— וואָס ווייס איך אין די זאַכן? אַ פאַבריק...

— דו האָסט געזען די ערשטע שיכט אַרבעטער, די דריטע האָט גע־אַרבעט ביז פינף, אַ גאַנצע נאַכט...

— האָסטו, הייסט עס, אַן אייגענעם נאַכט־לאָקאַל...

— לאַך נישט, אַלקער! פאַראַן דאָ מאָמענטן, בעת די אַרבעט פאַרכאַפּט אינגאַנצן דעם מענטש, נאָר איך האָב עס שוין גענוג, פריער צי שפּע־טער — מען וועט מיט דעם ענדיקן...

— דו ווילסט טאַקע פאַרקויפן די פאַבריק און איבעררייסן מיט דיינע געשעפטן?

— עס קען זיין, מען וועט ביי מיר אַלץ צונעמען...

— ווער?

— דו האָסט גאָרנישט געהערט אין שטאָט וועגן מיינע וועקסלען, איך האָב אַ סך וועקסלען אין גאַנג...

— איך האָב געהערט וועגן דיינע וועקסלען, נאָר אַלע זענען זיכער, אַז דו שטייסט גוט און, ווי איז דער אמת? זאָג מיר, פעליקס!

— דעם אמת וועל איך דיר זאָגן אַ צווייט מאָל און איצטער האָב איך צו דיר אַ בקשה...

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך וויל דיך בעטן אַ קלייניקייט, דו קומסט דאָך צווישן מענטשן, צווישן אונדזערע לאָדזשער, דו ביסט אַ גאַנצן טאָג אין די קאַוויאַרניעס, איז נוץ אויס די געלעגנהייט, ווען מען רעדט וועגן אַנדערע, אָדער וועגן מיר, וואַרף דאַן אַריין אויך דיין וואָרט וועגן מיר...

— וואָס פאַר אַ וואָרט? איך פאַרשטיי דיך נישט.

— לאָז אַרויס אַזאַ קלאַנג, זאָג אַז דו האָסט באַמערקט, עפּעס געהערט, אַז...

— אַז וואָס?

— אַז פעליקס זיידנער איז ערב באַנקראָט.

אָלקער האָט זיך אָפּגערוקט אויף אַ מעטער צוריק און גוט באַטראַכט זיידנערן:

— ביסט משוגע... צו וואָס דאַרפסטו עס? וועלכער סוחר אָדער פאַבריקאַנט וועט וועגן זיך אַליין פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען?

— אָלקער, מאַך נישט פון דעם קיין טראַגעדיע און נעם עס אָן ווי אַ שפּאַס. טו דאָס, וואָס איך בעט דיך. גלויב מיר, דאָס וועט מיר גאָרנישט שאַדן, נישט מיר און נישט מיינע בעלי־חובות. איך האָב מיין פּלאַן... וועלכן פּלאַן? דאָס וועל איך דיר זאָגן אין אַ צייט שפּעטער. קוועטש נישט מיט די פּלייצעס, דו ביסט דאָך נישט קיין סוחר מיט קיין טרוקענער נשמה, דו גייסט דאָך אַרום מיט קינסטלער, האָסט אַליין אַ קינסטלערישע נשמה.

— וואָס האָט עס אַלץ צו דיין פאַבריק, צו דיינע וועקסלען?

— עס האָט מיט דעם גאָרנישט. איך זאָג דיר גלאַט אַזוי און איך בעט דיך דערביי, ווי אַן איינציקן פריינט, זאָלסט זיך נישט איבערנעמען מיט דעם, וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר און טון אַזוי ווי איך פאַרלאַנג. אָט אַזוי: עס זיצט זיך מיין פריינט אָלקער מיט עטלעכע פאַבריקאַנטן, מען שמועסט וועגן אַנדערע פאַבריקאַנטן, ווער עס שטייט גוט און ווער עס ליגט ניין איילן אין דער ערד. נעמט זיך מיין פריינט אָלקער און וואַרפט אַריין אַזאַ פראַזע:

— דאַכט זיך, אַז זיידנער האַלט שמאָל.

פרעגט איינער פון די מיטזיצערס מיט נייגעריקייט:

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

ענטפערט אָלקער מיט אַ געהיימער מינע:

— איך האָב עס געהערט...

אַלקער קוקט אויף זיידנערן. ניין! מען זאָגט נישט, אַז זיין פריינט זיידנער זאָל זיין משוגע. די אויגן זענען ביי אים נאָרמאַל, זיין גאַנץ האַלטן זיך איז נאָרמאַל. בלויז די בקשה זיינע איז אַ נישט נאָרמאַלע. אַלקער פרעגט ביי זיידנערן:

— דו זאָגסט, אַז איך בין דיר אַ פריינט?

— מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט מיר דער בעסטער פריינט.

— ווילסטו, אַז דיין בעסטער פריינט זאָל אַרומגיין איבערן שטאָט און פאַרשפּרייטן וועגן דיר אַזעלכע רכילות? פון אַזאַ אָריגינעלע פריינטשאַפט האָב איך נאָך נישט געהערט.

זיידנער האָט שוין אויסגעשטרעקט די האַנט צו אַלקערן, שוין צייט צו גיין און אָפּרוען נאָך אַזאַ נאַכט.

— אָט אַזוי האָב איך צו דיר גערעדט און אַזוי איז עס: זיידנער איז ערב באַנקראָט, מעגסט עס אַלעמען דערציילן און נאָך עפּעס מעגסטו דערציילן...

— וואָס נאָך אַזוינס?

— מעגסט דערציילן, אַז איך פאַרשפּיל לעצטנס אַ סך געלט אין קאָרטן.

איידער דער איבערראַשטער אַלקער האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן און פרעגן, איז שוין זיידנער אַוועק פון אים. מיט רואיקע טריט איז ער אַוועק פון זיין פריינט, ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט. אַלקער האָט אים געוואָלט נאָכלויפן, נאָר באַלד האָט ער אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און האָט אויך גענומען שפּרייזן צו זיך אַהיים. יאָ, אויב אַזאַ סאָלידער פאַ־בריקאַנט קען אַזוי פּטרן אַ נאַכט, איז ער טאַקע ערב באַנקראָט, אויב אַזאַ פעליקס זיידנער בעט אַליין מען זאָל פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז זיין פירמע גייט אונטער, איז דאָ עפּער שטאַרק נישט אין אָרדענונג...

6

אַ פּ ר יי נ ט

פאַראַן מענטשן, וועלכע זענען אַבסאָלוט נישט פעאיק צו שווינדלען. זיידנער איז באַשטימט פון די מענטשן. אַלקער קען זיידנערן גוט. פון זיין גאַנץ לעבן קען ער אים. פון קינדווייז, פון דער שולע אָן. זיין ערלעכקייט

האָט ער געירשנט פון זיין פאָטער און די ירושה היט ער אָפּ. אָבער וואָס קומט דאָ פאָר מיט זיידנערן? ער האָט אים איצט אויסגעזען, ווי אַ געהיימער מענטש. אַלקער האָט צונויפגעקליבן אין די געדאַנקען אַלע איינצלהייטן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, יעדעס וואָרט זיידנערס געפּאָרשט און גאָרנישט פאַרשטאַנען. די געשיכטע האָט אים אינטריגירט און אימפּאָנירט: ער ווייסט עפּעס פון אַ סוד, וואָס זיידנער באַהאַלט נאָך דערווייל פון אים, און פון אַלעמען, אָבער פריער צי שפּעטער וועט ער זיך אַלץ דערוויסן...

ער מוז זיך דערוויסן פאַרוואָס זיידנער איז לעצטנס געוואָרן אַ מאָדנער מענטש. ס'איז דאָך איצט אַ מחיה מיט אים צו רעדן און פאַרברענגען. ער האָט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ער האָט הומאָר, וואַרפט אַריין אַ וויץ און צייטנווייז — אַ גאַנץ טרעפלעכן וויץ, און דער עיקר: זיידנער האָט איצט צייט; ער קען זיך דערלויבן צו פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט אין „טאַבאַרין״ און אינדערפרי, ווען אַלע גייען אַוועק צו דער אַרבעט, גייט ער, זיידנער, דער אייביק־פאַרנומענער מענטש, שלאָפן. אין דעם טרוקענעם, אין דעם אָפּגעצוימטן איז פאַרגעקומען אַ פולקאָמע איבערקערעניש... אָבער די סיבה? וואָס איז די סיבה? אַלקער האָט אַלץ איבערגעקלערט און צו קיין זאַך זיך נישט דערטראַכט. ער איז געגאַנגען אַהיים. לאַנגזאַם געשטעלט די פיס, וועלכע זענען ווי מיט בליי באַהאָנגען געווען. די גאַס האָט שוין געלעבט. די אַרבעטער זענען שוין לאַנג אין די פאַבריקן, איצט זענען אין די קאַנטאָרן געלאָפן די אָנגעשטעלטע, ייִנגערע און עלטערע אָנגעשטעלטע, באַשיידן געקליידעטע און פּראַנטיש אויסגעפּוצטע, יונגע מיידלעך מיט בלייכע פּנימער און צוליב דער בלייכקייט האָט די ליפּן־פאַרב אויסגעזען רויטער, אומנאַטירלעכער. יידן מיט קליינע היטעלעך אויף די קעפּ האָבן זיך שוין געדרייט אין זייערע קאַפּאָטעס אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. זיי זענען שוין געשטאַנען אין די טויערן, די אייביקע פּרנסה־זוכערס, געוואַרט, געלויערט...

אומהיימלעך איז געווען דער פרימאָרגן. דער צעטראָטענער שניי איז געקראָכן אין זיין בלאָטיקער צעפלאָסנקייט אונטער די פיס, ער האָט פאַרשפּריצט די בגדים. אונטן שפּריצט בלאָטע, אויבן קנוילט רויך און פון אַלע זייטן גייט אַ קעלט. מענטשן שטופּן זיך, טרעגער שלעפּן פּעקלעך מיט מאַנופאַקטור. די פורן פאָרן כסדר אַריין אין די טויערן און פאָרן כסדר אַרויס. נאָך אַ טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אין דער קייט פון אָט

אזעלכע גרויע טעג. אָבער די גרויקייט דאָ איז נישט קיין טויטע, נישט קיין שטייעוודיקע. פּונקט ווי די טראַנסמיסיעס פון די גרויסע פאַבריקן וואָלטן דאָ אַריבערגעוואָרפן געוואָרן איבער דער פּיעטריקאָווער און אי־בער די זייטיקע גאַסן... זיי, די טראַנסמיסיעס, שלעפּן מיט דאָס גאַנצע לעבן פון דער גרויסער שטאָט: דעם רייכסטן פאַבריקאַנט און דעם קלענ־סטן מעקלער, וואָס שטאַרבט פון הונגער. אַלע לאָדזשער זענען איינגע־פלאָנטערט אין די אויסגעשפּינטע פעדעם. עס וועבט זיך דאָ א וועלט פון גרויסער רייכקייט און נאָך גרעסערער אָרעמקייט.

ווען נישט די טויטלעכע מידקייט, וואָלט אָלקער נישט געגאַנגען אַהיים. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: אפשר אונטערוואַרטן אביסל, אַרומשלעפּן זיך נאָך אביסל אויף דער גאַס, אַריינקוקן אין די שויפענצ־טער און דערנאָך אַריינגיין אין דער „זשעמיאַנסקאַ"? איצט וועט דאָרט זיין גוט. שטיל און רואיק. די טישלעך זענען ליידיק, די שטולן — ליידיק. אַ מחיה צו קוקן אויף די ליידיקע שטולן, דאַן ווען מען דערמאָנט זיך, אז נעכטן און אייערנעכטן, א גאַנצן חודש און אַ גאַנץ יאָר זענען אויף די שטולן געזעסן די זעלבע ליידיקגייערס. ווי דרעסירטע פּינגווינען זעען זיי אויס, די אַלע פּלאַפּלערקעס. איצט איז אָבער ליידיק אין קאַפע. מען קען אויסקלויבן דאָס בעסטע פּלאַץ, מען קען לייענען א זשורנאַל, אַ צייטונג, מען קען זיך אָפּרוען...

ס'וועט ווערן אויף דער נשמה פון דעם געדאַנק, אז מען קען אָפּרוען, און דער דאָזיקער געדאַנק פירט אים טאַקע אַוועק נישט אין קאַפע, נאָר אַהיים...

אפילו אַזאַ אָלקער ווערט אויך מיד. וועגן אָלקערן קען מען זאָגן, אַז ער איז אַ גוטער מענטש. די באַקאַנטע זיינע זאָגן אויף אים נישט: „גוטער מענטש", נאָר „גוטער יונג". דאָס איז היימישער. מען קען אויף אים נישט זאָגן, אַז ער האָט א סך אויפגעטון אין זיינע יאָרן, כאָטש ער איז אַ פעאיקער אינזשיניער. מען טאָר אים אויך נישט אָנרופן שלימזל, ווייל ער פאַרדינט נישט שלעכט און לעבט זייער פיין. דער דאָזיקער אַלטער בחור האָט אַן אויסגעפּוצטע וווינונג פון פיר צימערן, ער האָט עטלעכע גאָר גוטע בילדער, אַנטיקן פון העלפאַנטביין, בראָנז, פּאָרצעליי.

אָבער דער „גוטער יונג" פאַרנאַכלעסיקט אינגאַנצן זיינע מעגלעכ־קייטן. ער נעמט אָן קליינע שטיקלעך אַרבעט ביי אַנדערע אינזשיניערן און יענע נעמען צו דעם הויפּט־פאַרדינסט. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז

עס גייט אים נישט אין פאַרדינען. ער האָט ליב געזעלשאַפט, ער האָט ליב אַ גוטן וויץ און אביסל רכילות. ווי קען עס זיין אָן דעם? ווי לאנג־ווייליק וואָלט עס געווען אויף דער וועלט אָן רכילות...

אָלקער איז אַ גוטמוטיקער מענטש און זיין גוטמוטיקייט דערלאנגט ער אַלעמען, אפילו צו די, וועלכע ער האָט פיינט, און פיינט האָט ער בלויז איין טייל פון דער מענטשהייט, דאָס זענען די לאָדזשער ווייבער.

פאַר לאָדזשער ווייבער באַדאַרף מען פאררעכענען די עטלעכע הונ־דערט און אפשר גאנצע טויזנט פאַבריקאנטישע ווייבלעך, די רייכע און די גאָר רייכע, זיי האָט אָלקער פיינט. ער מאַכט פון דעם נישט קיין סוד, ער זאָגט זיי דאָס פשוט אין די אויגן. ווען ער רעדט וועגן זיי, אָדער ווען ער רעדט צו זיי, ווערט ער ערנסטער ווי אַלע מאָל. ער אנגאזשירט זיך דערביי מיט זיין גאנצער אמביציע. ער איז גרייט פאַר זיין מיינונג צו באצאָלן מיט אלץ, וואָס ער פארמאָגט.

— איך האָב זיי פיינט, ווייל זיי זענען צו קלוג, די לאָדזשער פרויען, זיי זענען טעכטער פון זייערע קלוגע און פעאיקע טאטעס, אָבער די טאַ־טעס האָבן זייער קלוגשאפט אויסגענוצט צו פאַבריקאציע און מסחר, אין קאמף פאַר לעבנס־עקזיסטענץ און די טעכטער האָבן זייער געירשנטע קלוגשאפט אַריינגעבראַכט אין זייערע פלירטן, אין זייערע ליבעס. דאָ קומען זיי אָן אַ טראָפּן נאַאיוויטעט... איך האָב זיי פיינט דערפאַר, ווייל זיי פילן נישט פיין. איך גלויב זיי נישט, קיין צו קלוגע פרוי קען מען נישט גלויבן.

אָבער, פאַניע אָלקער, מען טאָר דאָך נישט פאַראַלגעמיינערן. פאַ־ראַן זייער פיינע פרויען...

— וועגן די פיינע וועט מען רעדן אַ צווייט מאָל, זיי זענען פאַראַן. און נישט וויינ‍יק. איצט רעדט מען וועגן דעם לאָדזשער ספעציפישן טיפּ, זאָג איך אייך: זיי זענען פארליבט אין שאבלאָן און נאָכמאַכונג. אין לאָדזש, ווען איין פאבריקאנט נעמט פאבריצירן אַ געלונגענעם מוסטער, קומען באַלד אַ סך אַנדערע פאַבריקאנטן און מאכן־נאָך. די פאַבריקאַנ־טישע טעכטער מאכן־נאָך איינע דער צווייטער די פריזור, דאָס קלייד, דעם מאַנטל, האָר. גיט אַ קוק! היינט טרינקען זיי אַלע אין דער „זשעמ־יאנסקא" אַ האלבע שווארצע מיט קרעם אויף אַ באזונדער טעצעלע... ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל פעליא קאָן, די שיינע פעליא, האָט אַזוי גע־טון, און מאָרגן וועט פעליאַן איינפאלן צו טרינקען אַ קליין טעפּעלע מיט

שאָקאָלאַד, וועט איר זען, אַז די אַלע כלומרשטע בלאָנדינקעס וועלן טרינקען שאָקאָלאַד...

איינער רופט זיך אָן צו אַלקערן:

— הער שוין אויף מיט די לאָדזשער ווייבער, וועסט דאָך ווערן אַ מאַניאַק אויף דעם געביט...

— ער איז שוין אַ מאַניאַק.

ווען אַלקער דערהערט די מיינונגען, וואָס פאַלן אויף זיין חשבון, הויבט ער אויף די אויגן און לאַכט זיך פונאַנדער. זיין רונד פּנים ווערט אויף אַ רגע פאַראַנדערשט. ער וווּנדערט זיך אויף זיך אַליין, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, ער זאָל זיך אַזוי אויפרעגן צוליב ווייבער, צוליב לאָדזשער ווייבער. צום סוף ווארפט ער צו מיט רעזיגנאַציע:

— איך האָב געשפּאַסט...

כאָטש ער איז נישט קיין פאַבריקאַנט, דער אַלקער, און ער האָט מיט דער לאָדזשער פּראָדוקציע גאָרנישט צו טון, פונדעסטוועגן האָט ער שטאַרק ליב לאָדזש. ער וויל, אַז זיין לאָדזש זאָל זיין אויבנאָן, לאָדזש זאָל האָבן אַ גוטן נאָמען און לאָדזש זאָל גוט אָפּגעשאַצט ווערן. דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, דאָ געלערנט, דאָ אויפן בית־עולם ליגן באַגראָבן זיין טאַטע־מאַמע. לאָדזש איז זיין שטאָט. ער איז אינזשעניער און פאַרשטייט אַביסל אין אַרכיטעקטור. ווען מען לאָזט אים, וואָלט ער גאַנץ לאָדזש איבערגעבויט. אָפט רעדט ער זיך פונאַנדער וועגן זיינע אורבאַניסטישע פּלענער. מענטשן הערן אים אויס און שמייכלען פון דעם פאַנטאַזיאָר. דאָך האָבן אים אַלע ליב. ווען ער קומט אַריין אין קאַפע, פאַרבעט מען אים כמעט צו יעדן טיש. מיט אַלקערן איז גוט צו זיצן, עס ווערט שוין זיין אַ טעמע וועגן וואָס צו רעדן. אין דער הינזיכט איז ער געווען אַן אמתער מזיק. רעדן קען ער וועגן אַלץ און דערביי איז ער נישט פלאַך, נישט ליגנעריש. ער האָט א סך געלערנט און נאָך מער געלייענט; שוין געווען אין אַ סך לענדער און אומעטום האָט ער עפּעס געזען. דאָס אַלץ האָט ער געבראַכט קיין לאָדזש און אין לאָדזש, זאָגט ער, פילט ער זיך זייער גוט. אפילו דאַן, ווען ער פילט זיך דאָ נישט גוט.

— ס'איז מיין שטאָט און מיט דעם איז אַלץ געזאָגט.

און כאָטש ער האָט אַזוי פיינט די לאָדזשער ווייבער, דאָך האָט ער געגנוג גוטע באַקאַנטע צווישן זיי און די גאָר שיינע געפעלן אים, אַזוי ווי זיי געפעלן אויך אַנדערע. ווען ער וואָלט געגלויבט איינער פון זיי,

וואָלט ער שוין לאנג חתונה געהאט. אָבער דאָס וועט ער נישט טון. צופיל סודות ווייסט ער פון די לאָדזשער ראָמאַנען, צופיל מענער זעען אויס אין זיינע אויגן ווי אידיאָטן, און ער, אָלקער, וויל נישט פאַרגרע־סערן זייער צאָל. ער זאָגט וועגן זיך:

— ווען איך וויל אביסל היימיש פאַמיליען־לעבן, דעמאָלט גיי איך צו באקאנטע אויף אַ מיטאָג, אָדער אויף אָוונטברויט. איך קוק זיך צו און איך הער זיך צו. דער רעזולטאט איז שטענדיק כמעט דער זעלבער: מאַן און ווייב שפּילן קאָמעדיעס פאַר זיך אַליין, זעלטן, ווו מען באַגעגנט אביסל אויפריכטיקייט.

ער האָט געהאט זיין קוק אויף די זאכן פון לעבן און נישט געלאָזט זיך פון קיינעם פארפירן. דערביי האָט ער קיינמאָל נישט געמאכט דעם איינדרוק פון אן איינגעשפּאַרטן. די געבענטשטע געלאסנקייט האָט אים שטענדיק באגלייט....

אומאָפּהענגיק געווען.

די אומאָפּהענגיקייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין דער היים, אין די קינדער־יאָרן, אין די שילער־יאָרן.

זיין פאָטער איז געווען פון יענע יידן, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיט דער קאַפּאָטע, מיט חסידיזם, מיט פרומקייט. געווען אַ גרויסער זאָקן־פאַבריקאנט און אויך אַ גרויסער אפיקורוס.

דער פאָטער איז אָלקערן יונג אָפּגעשטאָרבן. עס זענען פארבליבן אין שטוב נאָך צוויי עלטערע ברידער און זיי, צוזאמען מיט דער מוטער זיינער, האָבן ווייטער געפירט די זאָקן־פאַבריק. אָלקער געדענקט נאָך יענע יאָרן, און אָפט דערציילט ער וועגן דעם:

— ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ וועלט פון זאָקן. אין פאַבריק האָט מען געאַרבעט זאָקן. דאָרטן זענען שטענדיק געלעגן גאנצע פּיראַ־מידן פון ווייסע, נאָך נישט געפארבטע זאָקן. דאָרטן זענען געשטאַנען טויזנטער קעסטלעך מיט פארפאַקטע זאָקן. שטענדיק האָט מען געיאָגט, טראַנספּאָרטירט און שטענדיק מורא געהאט פאַר באַנקראָטן. די מאַמע מיט די ברידער האָבן שטענדיק גערעדט וועגן זאָקן, בריוו האָט מען געשריבן וועגן זאָקן, דער טעלעפאָן האָט אויך וועגן דעם געקלונגען. אין שלאָף אפילו האָט מען גערעדט וועגן זאָקן.

אָלקער דערציילט אויך, ווי אַזוי ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון זאָקן־קאָשמאַר. ער האָט זיך גענומען לערנען פידל שפּילן, ער האָט לידער

געשריבן, געפּרוּווט מאָלן. מענטשן האָבן אפילו געזאָגט, אַז ער האָט טאַלאַנט, נאָר ער, אַלקער, פלעגט לאַכן פון דעם. ער איז געווען אַ מבֿין אויף זיך אַליין:

— איך ווייס, איך האָב אַלע טאַלאַנטן, אויסער טאַלאַנט.

אָבער פון די אַלע וואָגלענישן און גייסטיקע זוכענישן איז עפּעס פאַרבליבן. עס האָט זיך אויסגעשליפן אַ מענטש מיט געשמאַק, אַ מענטש מיט אַן אײַנערלעך ווערטל.

אין דער היים איז ער געווען דער ייִנגסטער. די מאַמע מיט די ברידער האָבן זיך געלאָזט אַ סך קאָסטן פאַר אים, כּדי ער זאָל זיך לערנען און „ווערן אַ מענטש". זיי האָבן אַליין נישט ווילנדיק באַשטעטיקט מיט דעם, אַז אויב ער וועט זיך נישט פאַרנעמען מיט די זאַקן, וועט ער זײַן אַ מענטש. זיי האָבן זיך מער געפרייט פון אים אַליין מיט זײַן אײַנזשיניערן־דיפּלאָם. אָבער וואָס ווייטער, איז אים די שטוב אַלץ פרעמדער געוואָרן. די ברידער פאַרנעמען זיך מיט די זאָקן ווי פריער און ער האָט זיך זײַנע ענינים.

וועלכע ענינים?

אביסל אַרבעט ער פאַר זיך און אַ טייל צייט גיט ער אַוועק די קינסטלער. ער העלפט די מאָלערס אײַנאָרדענען זייערע אויסשטעלונגען, פאַרקויפט זיי אַ בילד, מאַכט זיך אַ געלעגנהייט און עס איז דאָ מיט וועמען צו רעדן, רעדט ער דאַן וועגן קונסט. אין אַ שטאָט, ווו ס'זענען פאַראַן אַזויפיל מבֿינים אויף מאַנופאַקטור, איז ער נישט אינגאַנצן קיין אייגענער מענטש, נאָר מען האָט אים ליב פאַר זײַן זאָרגלאָזיקייט. ער איז אין אַזאַ פאַבריק־שטאָט אַ קאָנטראַסט צו די אַלע פאַרנומענע מענטשן, ער איז אַ ליבער קאָנטראַסט.

ער פּרעדיקט נישט די זאָרגלאָזיקייט. ער זאָגט קיינמאָל נישט די באַנאַלע פראַזע: „מען טאָר זיך נישט נעמען צום האַרץ". ער איז טאַקע זאָרגלאָז פון דער נאַטור, שטענדיק גוטמוטיק און וואָס עס זאָל נישט געשען, האָט ער שטענדיק זײַן רפואה:

— דאָס לעבן איז בילכער...

— און וואָס איז דאָס לעבן, אַלקער?

ער פילט, אַז מען וויל אים פאַרקריכן אין די ביינער מיט דער פראַגע. טאַקע, טאַקע אַזוי! אַזויפיל דורות און אַזויפיל חכמים האָבן שוין געפרעגט די פראַגע און קיינער האָט עס ביז היינט נישט געענטפערט.

מענטשן ווייסן דאָך נאָך נישט ביזן היינטיקן טאָג דעם אמת: וואָס איז לעבן?

זיי שפּרינגען אַריבער די פראַגע, זיי גייען דורך אומוועגן, אבי נישט צו גריבלען זיך, אַבי נישט צו מאַטערן דאָס געמיט. אנדערע זאָגן אַזאַ חכמה: לעבן איז אַ נאַרישקייט און די גרעסטע נאַרישקייט איז שטעלן די פראַגע: צוליב וואָס איז די נארישקייט?

אַלקער ענטפערט נישט דירעקט אויף דער פראַגע. ער קומט אָפּ מיט אַן איראָנישן וויץ:

— לעבן הייסט אָנשטאָפּן דאָס האַרץ און דעם מוח מיט באַנוול. ניין! איך וויל אייך נישט זאָגן, וואָס דאָס איז אזוינס לעבן און אפשר, וואַרט! איך האָב אַזאַ פּיצעלע געדאנק: לעבן הייסט פילן...

— ס'איז נישט קלאָר, אַלקער!

— איז נישט קלאָר... האַרץ קלאַפּט, אויגן זען, נשמה פילט — אָט דאָס איז לעבן. אָבער איך זע, אז איר פאַרשטייט נישט, אייך באַדאַרף מען דעם פינגער אין מויל אַריינלייגן. טאָ הערט זיך איין: לעבן הייסט וועגן אַלץ אַ ביסעלע צו וויסן און פון אַלץ עפּעס נעמען אַ ביסעלע, אַ פּינ־טעלע, אַ קליין עפּעסל געניסן. מען איז באגרענעצט אין לעבן, ווען מען ווייסט בלויז וועגן די מוסטערן פון די קרעטאָנען..

מען האָט אים איבערגעריסן. אַלקער איז דעמאָלט געווען צו גאַסט ביי אַ גרויסן פאבריקאנט, און איינער פון די געסט, אַ יונגערמאַן, אַ טאַטנס אַ זונדל, האָט אַריינגעוואָרפן אַ געגראַמטע פראַזע, וואָס האָט ביים עולם אַרויסגערופן אַ געלעכטער. דער יונגערמאַן האָט געזאָגט:

— די מאַנאַלאָגן זענען נישט פאַר מיין מאָגן.

אַלקער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף זיין גרינגשעצער, ער האָט זיך אויף זיין שטייגער צעשמייכלט:

— ווי האָט איר געזאָגט? „די מאָנאָלאָגן זענען נישט פאר מיין מאָגן". גאַנץ פיין, אַ געזונטער גראַם, דאָס קען אַוועקגיין פאר א שפּריכ־וואָרט... פיין געזאָגט; אָבער וועלכע מאָנאָלאָגן זענען יאָ פאר אייער מאָגן? וואַרט אַ רגע! איך האָב יאָ אַ מאָנאָלאָג, ספּעציעל צוגעפּאַסט פאר אייך און נאָך אַזעלכע ווי איר. ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט א שמייכל:

— זי האָט געטאנצט מיט הענריקן, האָב איך צו איר אַ וווּנק־געטון, זי זאָל מיט אים מער נישט טאנצן, דערנאָך האָב איך מיט איר געטאנצט. דעם גאנצן אָוונט האָב איך מיט איר געטאנצט. מיר האָבן געטאנצט א

צען מאָל טאַנגאָ, מיר האָבן געטאַנצט וואַלס, אַן ענגלישן וואַלס און פאָקסטראָט, מיר האָבן געטאַנצט ביז באַגינען און ווען מען פאַרלעשט נישט די ליכט אין לאָקאַל, וואָלטן מיר געטאַנצט נאָך אַ גאַנצן מעת־לעת, ווייל וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט אויסער טאַנץ און ווער טאַנצט נאָך אַזוי גוט ווי די אַנקאַ?

דער עולם האָט אָנגעהויבן צו לאַכן, ווען אָלקער האָט גענומען וואַרפן אַזוי פיל טאַנצנדיקע ווערטער. מען האָט אים אַפּלאָדירט, נאָר דאָס געשפּרעך וועגן לעבן און וואָס איז לעבן, האָט זיך איבערגעריסן.

אָלקער איז שוין מער נישט בייז געוואָרן. ער האָט שטענדיק געזאָגט צו זיך און צו אַנדערע, אַז מען באַדאַרף זיך בלויז כאַפּן צו דער ריכטיקער צייט, איז מען די מענטשן אַ סך מוחל, און אַז מען איז זיי מוחל, קען מען זיי דאַן גאַנץ פיין און גוטמוטיק אויסלאַכן. בלינדע ווייסן גאָרנישט פון קאָלירן, דיספּוטירן מיט זיי וועגן דעם איז אַן איבעריקע זאַך. אַ סך מאָל דאַרף מען זיך אַליין מאַכן בלינד און צובאָמקען מיט אַלעמען, אויב מען וויל נישט בלייבן אינגאַנצן אַליין... אָט דער אָלקער האָט שטענדיק געבענקט נאָך דער נאָענטקייט פון מענטשן. געמיינט האָט ער שטענדיק אַ בעסערן מין מענטש... און אויב ס׳איז נישטאָ דער בעסערער, מוז מען זיך גאַנץ אָפּט באַנוגענען מיט דעם, וואָס עס מאַכט זיך אונטער דער האַנט, מען מוז זיך צופּאַסן. איין שטריך האָט ער געהאַט אין זיין כאַראַקטער, וואָס נישט אַלע האָבן דאָס באַמערקט. און נישט אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען. ער פלעגט זיך שטאַרק צובינדן צו איינעם און שטאַרק זיך איבערנעמען מיט יענעמס איבערלעבונגען. עס האָט דעמאָלט אויסגעזען, אַז מיט זיך אַליין איז ער שוין פאַרטיק אינגאַנצן און איצט מוז ער זיך פאַרנעמען מיט דעם צווייטן. ער האָט געקענט געבן פריינטשאַפט. מיט ליבע און לעבן פלעגט ער זיך פאַראינטערעסירן מיט די זאָרגן פון אַ נאָענטן מענטש און איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות...

שטענדיק האָט ער געמוזט האָבן אַזאַ איינעם לעם זיך, כדי צו פיבערן, כדי צו זיין איבערגעגעבן און זיך אַליין, זיך פערזענלעך, צו פאַרגעסן...

איצט איז דער דאָזיקער אָביעקט געווען פאַר אים זיין חבר פון די יינגלישע יאָרן, דער פאַבריקאַנט פעליקס זיידנער... אַ האַרציקע נייגעריקייט האָט ער געהאַט צו זיין פריינט.

7

בייזע צינגער

אין לאָדזש האָט מען גענומען רעדן, אַז די אַלטע, רעיעלע פירמע פון די זיידנערס מאַכט שלעכטע געשעפטן. מען האָט נישט געוווסט, ווער עס האָט דעם דאָזיקן קלאַנג דער ערשטער געבראַכט. עמיצער האָט אַזאַ וואָרט אַריינגעוואָרפן און דער עמיצער איז געווען דער אינ־זשיניער אָלקער. ער האָט געפּאָלגט און נאָכגעקומען זיידנערס בקשה. זיידנער אַליין האָט דאָך פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל דאָס פונאַנדער־טראָגן. צוליב וואָס זיידנער באַדאַרף עס, האָט ער נאָך נישט געוווסט. אים, אָלקערן, האָט אינטריגירט די געהיימניס פון דער גאַנצער געשיכטע. ער האָט שוין געהאט דעם איינדרוק, אַז ער נעמט אָנטייל אין אַ טשע־קאָווער שפּיל, האָט ער געטון דאָס, וואָס מען האָט ביי אים געבעטן. רואיק, מיט אַ געהיימער מינע האָט ער איינעם איינגערוימט אַ סוד:

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיידנער האַלט שמאָל...

— איר זענט משוגע, אָלקער! זיידנער האַלט שמאָל! דער מענטש איז שטאַרק רייך...

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ סך פּראָטעסטן פון דער פּראָווינץ...

— אַזאַ פירמע גייט נישט אונטער אפילו צוליב אַ סך פּראָטעסטן, די זאַך איז נישט אמת.

אָלקער האָט זיך נישט געשפּאַרט. ער האָט געטון דאָס זייניקע און נאָך אין עטלעכע ערטער דערציילט ער די זעלבע זאַך:

— פעליקס זיידנער האַלט שמאָל, ער איז ערב באַנקראָט, אַזוי האָב איך געהערט פון אַ זיכער פּלאַץ.

מען האָט אים אויסגעלאַכט, אָבער אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען שוין אָלקערן אַליין איבערגעגעבן די סענסאַציע:

— איר האָט געהערט וועגן זיידנערן? מען זאָגט, אַז ער האָט אָפּגע־שטעלט, אָדער האַלט ביים אָפּשטעלן די צאָלונגען.

אָלקער ענטפערט:

— איך האָב עס אויך געהערט, אָבער איך גלויב נישט.

קיינער האָט נישט געגלויבט און אַלע האָבן גערעדט. ווי אַן אָנשי־קעניש איז עס געקראָכן פון איינעם צום צווייטן. אלטע באַנקראָטשיקעס האָבן הנאה געהאַט פון דער סענסאַציע, רכילות־טרייבער האָבן געהאַט זייער סעזאָן און באַלעבאַטים פון די פעסטע און זיכערע פירמעס האָבן געקוואָלן פון נחת: „זיידנער גייט צום גרונט און מיר האַלטן זיך פעסט". דאָס איז שוין אַזאַ געזעץ ביי די מענטשן, מען פרייט זיך אין דער שטיל, ווען דער צווייטער פאַלט — פאַרוואָס זאָלן די לאָדזשער פאַבריקאַנטן בעסער זיין ווי אַלע איבעריקע מענטשן פון דער וועלט? דאָ פאַלט דאָך נישט קיין פרעמדער, נאָר אַן אייגענער קאָנקורענט.

אָבער איינס איז געווען זיכער, קיינער האָט אים נישט מיטגעפילט. קיין משפחה האָט ער דאָ נישט געהאַט. עטלעכע וויטע קרובים זענען צוליב משפחה־ענינים געווען זיינע שונאים. איין שוועסטער האָט ער דאָ יאָ געהאַט, איז זי זייער רייך און אָפּגעזונדערט. זי זיצט אַ גאַנץ יאָר־אין די אויסלאַנדס און לאָדזש מיט איר ברודער גייט זי וויניק אָן. נישט געהאַט האָט זיידנער קיין פריינט, פריינט באַדאַרף מען אויסוועבן ווי אַ שטיקל סחורה, האָט ער אָבער געוועבט צופיל שטיקלעך סחורה און פאַר פריינט־זוכעניש קיין צייט נישט געהאַט. איצט האָט די רכילות זיך נוקם געווען. שטילערהייט איז זי געקראָכן, פון קיינעם נישט גערופן און פון קיינעם נישט אָפּגערופן. איין מעקלער באַגעגנט דעם צווייטן. ביידע האָבן נישט קיין גראָשן אויף חיונה, ביידע זענען הונגעריק, קייט מען אַ צווייטן:

— דו האָסט געהערט, מען זאָגט, אז פעליקס זיידנער גייט פליטה!

— אי, אי... אַזאַ פירמע!

אַ פאַבריקאַנט קומט אויף זיין מיטאָג־שעה. ער עסט און טרינקט, ערשט ביים קאָמפּאָט שרייט ער אויס:

— איך האָב פאַר דיר אַ נייעס, בראָנטשע!

— וואָס איז געשען? טייערער!

— פעליקס זיידנער איז שוין קאַפּוט...

— באַנקראָטירט?

— נאָך נישט, אָבער מען רעדט שוין...

און דער „טייערער" קוקט זיך איבער מיט בראָנטשען:

— דער קאָמפּאָט איז היינט געווען זייער געשמאַק.

די פאַראינטערעסירטע קרעדיטאָרן האָבן גענומען אויספאָרשן דעם ענין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז זיידנער צאָלט נאָך דערוויל.

„דערוויל".

זיידנער איז שוין געוואָרן אין גאַס אַ „דערוויל־מענטש", אַ „דער־וויל־פאבריקאנט". ער צאָלט נאָך דערוויל, נאָר מען איז נישט זיכער, צי ער וועט ווייטער צאָלן. מען האָט אים קאָנטראָלירט, נאָכשפּיאָנירט. מען איז אין געהיים געגאנגען צו אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער באנק, טאָמער וועט מען זיך ביי אים דערוויסן, ווי עס האלט מיט זיידנערן.

פון דער הויט איז מען געקראָכן, פאראינטערעסירטע און נישט פאַראינטערעסירטע. אַלעמען איז עס אָנגעגאַנגען. מען איז געלאָפן צו אָלקערן:

— איר גייט דאָך מיט אים אַרום, ער איז דאָך אייער פריינט.

אָלקער האָט געענטפערט:

— איך האָב שוין זיידנערן נישט געזען צוויי וואָכן.

און דאָס איז אמת געווען. זיידנערן האָט ער נישט באַגעגנט און יענער האָט צו אים נישט געקלונגען, און אויב זיידנער רופט אים נישט, איז אַ סימן, אַז ער באַדאַרף אים נישט. אויף דעם האָט ער געהאט גענוג טאקט, דער אָלקער, ער האָט גוט געזען, אַז די קאַטאַסטראָפע רוקט זיך אָן, אָבער העלפן האָט ער נישט געקענט...

אַ קאַטאַסטראָפע!...

און אפשר איז דאָס גאָר קיין קאַטאַסטראָפע נישט? ער, פעליקס זייד־נער, האָט אַזוי געהיים געשמייכלט, בעת מען האָט דעמאָלט אין דער „טאַבארין"־נאַכט גערעדט וועגן באַנקראָט. אָבער אָלקער איז געווען גע־דולדיק, ער האָט בלויז געזוכט אַ געלעגנהייט צופעליק צו באַגעגענען זיידנערן, טאָמער וועט ער זיך פון אים דערוויסן מער, וויפל ער ווייסט ביז איצט.

די זאַך איז נישט געווען אינגאַנצן קלאָר. אָבער דאָ און דאָרט האָט מען שוין דער פירמע „זיידנער" אָפּגעשטעלט דעם קרעדיט, מען האָט זיך שוין נישט געאיילט אָפּצושיקן די פּאַרטיעס גאַרן. עס האָט זיך געפונען אַ דרייסטערער, וועלכער האָט אָנגעקלונקען צו זיידנערן גופא, דער בעסטער שווינדל איז דאָך דער אמת, טאָ זאָל מען אים אַליין פרעגן:

— גוט מאָרגן, פּאַניע זיידנער...

— גוט מאָרגן, ווער רעדט?
— עס רעדט דאַווידזאָן...
— האָ! נאָכאַמאָל גוטמאָרגן. וואָס מאַכט איר?
— גאַנץ גוט, און וואָס מאַכט איר?
— אויך גוט. איר ווילט עפּעס רעדן וועגן געשעפט?
— יאָ...
— וואָס עפּעס אַזאַ לאַנגזאַמער „יאָ״?

— פּאַניע זיידנער! איך וועל, איך וועל זיין מיט אייך אָפנהאַרציק. אין שטאָט רעדט מען, אַז איר האָט עפּעס שוועריקייטן...

— האָט איר מורא מיר צו טרויען? טוט, ווי איר פאַרשטייט, פּאַניע דאַווידזאָן!

און זיידנער רייסט איבער דעם שמועס. דער דאַווידזאָן ווייסט שוין איצט אינגאַנצן נישט אויף וועלכער וועלט ער איז. צי איז ער בייז געוואָרן, דער זיידנער, ווי אַ מאַגנאַט, אָדער שפּילט אַ קאָמעדיע פאַרן באַנקראָט?

מען האָט אין שטאָט גוט אריינגעקלערט אין דעם ענין: פאַרוואָס האָט זיידנער שוועריקייטן?

אַנדערע האָבן זיך אַ ביסל פאַר זיך אַליין דערשראָקן: אויב אַזאַ פירמע קען פּלאַצן, איז מען דאָך מיט דער אייגענער פירמע אויך נישט זיכער.

זיידנערן פלעגט מען באַגעגענען בלויז אין קאָרטן־קלוב. בייטאָג מיט די געשעפטן און ביינאַכט — מיט די קאָרטן. אַזאַ איינער... מען רעדט וועגן אים, אַז ער האָלט שמאָל און דאָ קומט ער גאָר שפּילן אין קאָרטן...

אפשר איז די גאַנצע געשיכטע אַן אויסטראַכטעניש? מען האָט אים נאָכגעקוקט און גוט אין די אויגן אַריינגעקוקט, צי ער זעט נישט אויס ווי אַ באַנקראָטשיק. קיין טאָלק איז מען נישט דערגאַנגען.

ווי קומט עס?

ווי קומט עס, אַז אַזאַ זיידנער זאָל האַלטן שמאָל?

ער האָט אַ סך פאַבריצירט, אַ סך פאַרקויפט. ער האָט געהאַט גאָר גוטע סעזאָנען. אָבער דער מענטש האָט לעצטנס אַנדערש אָנגעהויבן צו לעבן. ער איז איצט זייער אָפט געפאָרן קיין וואַרשע. מען האָט דערציילט... מען האָט דערציילט, אַז ער האָט דאָרט אַן אַקטריסע און זי קאָסט אים אָפּ אַ סך געלט. קיינער האָט די אַקטריסע נישט געזען, מען האָט אפילו

איר נאָמען נישט געוווּסט, אָבער גערעדט האָט מען. דערנאָך קאָרטן — ווי קומט אַזאַ זיידנער אין קאָרטן־קלוב?

עס איז דאָך געווען אמת, אַז זיידנער פלעגט צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך קומען אין קלוב און שפּילן פלעגט ער דאָרט ביז פאַרטאָג. שפּילן פלעגט ער דאָרט אין לעצטן צימער, פון וועלכן די טירן זענען פעסט גע־ווען פאַרהאַנגען מיט זייער דיקע קאָטאָרן, כדי מען זאָל נישט דערגיין קיין סוד פון דאָרט, ווער עס געווינט און ווער עס פאַרשפּילט. הינטער די קאַטאָרן איז געווען דער „מיליאָנערסקער צימער", אַזוי האָט מען עס אָנגערופן. דאָרט האָבן געשפּילט די גאָר רייכע פאַבריקאַנטן. אַזעלכע „וואַזשנע" זענען זיי געווען. אין „מיליאָנערסקן צימער" פלעגן זיי אַריינ־גיין מיטן זעלבן גדלות און אָנגעבלאָזנקייט, ווי ביי זיך אין קאַבינעט. פּונקט ווי זיי וואָלטן דאָרט געהאַט צו דערליידיקן זייער וויכטיקע ענינים פאַר דער פאַבריקאַציע.

מען האָט דערציילט, אַז אין יענעם צימער ווערט געמאַכט קאָרטן־אומזאַץ אויף קאָלאָסאַלע סומען. מען האָט דערציילט פאַרשידענע פאַנ־טאַזיעס וועגן דעם רייכן קאָרטן־צימער און דאָס איז נישט קיין ווונדער: אויב מען האָט געגומען אַ צימער און מען האָט אים פאַרהאָנגען מיט שווערע קאַטאָרן, אַז פון דאָרט זאָל קיין שאָרך נישט דערגיין, האָט אַזאַ צימער געמוזט אַרויסרופן נייגיריקייט און השערות.

אין „מיליאָנערסקן צימער" האָבן אויך געשפּילט עטלעכע פּרויען. איינע אָדער צוויי פון זיי האָבן געהאַט געגוג געלט. די איבעריקע האָבן שטענדיק געמוזט געווינען פשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. אויסגעפּוצט זענען זיי געווען פאַר פרעמד געלט און געשפּילט האָבן זיי אויך פאַר פרעמד געלט, ווייל זיי זענען נאָך אַביסל שיין געווען. אלע האָבן פון דעם געוווּסט, נאָר די „אַלע" לעגאַליזירן גאַנץ אָפט פאַרשידענע געמיינקייטן און שפּעטער באַמערקט מען שוין גאָרנישט, אַז די געמיינקייט זיצט לעבן אַלעמען און איז מיט אַלעמען גלייך.

פעליקס זיידנער איז געווען אַ קליענט פון דעם דאָזיקן אַזאַרט־צי־מער. אין די פריערדיקע יאָרן האָט ער נישט געוווּסט, וואָס אַ קאָרט איז. ער, זיידנער, איז געווען אַ כהן פון אַרבעט. די פאַבריק איז געווען זיין טעמפּל. אויסער געשעפט האָט ער פון גאָרנישט געוווּסט.

אָבער שוין אַ יאָר צייט, שוין מער ווי אַ יאָר, ווי ער קומט אין קלוב.

זיין אויטאָ ברענגט אים אהער. ער קומט אַרויף, ווי אַ וויכטיקער מאַן. הויך, ערנסט, פיין געקליידט, די שלייפן זילבערן זיך שוין און דאָס גיט אים אָנזען. מען קען אויף אים נישט זאָגן, אַז ער קוקט אויף די איבעריקע פון קלוב, וועלכע שפּילן אין די אָפענע צימערן, פון אויבן־אַראָפּ, ווי דאָס טוען אנדערע פון די גרויסע פאַבריקאַנטן. פאַרקערט, ער באַגריסט זיך זייער העפלעך, אָבער אין דער באַגריסונג איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, ווי אַ דערמאַנונג: איך בין צו דיר העפלעך, אָבער נישט מער, איך האָב נישט קיין געדולד. אָט די דערמאַנונג ווערט באַגלייט דורך אַן איינגע־האַלטן שמייכעלע פון איראָניע און רעזיגנאַציע. פריער איז ביי אים נישט געווען דער שמייכל מיט איראָניע געמישט. פריער האָט ער אינ־גאַנצן קיין שמייכל נישט געהאַט. בלויז קעלט האָט געטראָגן פון דעם מענטשן. נישט איינער האָט געזאָגט וועגן אים, אַז מיט זיידנערן איז שווער צו רעדן, אז פאַר זיידנערן האָט ער מורא. איצט איז זיידנער אַ לאַנגזאַמער מענטש, ער דערלאַנגט געדולדיק די האַנט און הערט אויס אַ צווייטן.

בעת איבער לאָדזש זענען אַוועק קלאַנגען וועגן דעם, אַז פעליקס זיידנער האַלט שמאָל, אַז ער איז ערב באַנקראָט, איז מען אין קלוב זי־כער געווען, אַז ער וועט זיך דאָ מער נישט ווייזן. עס איז דאָך נישט שיין צו שפּילן און פאַרשפּילן דעמאָלט, ווען מען האָט וויכטיקע געלט־פאַרפליכטונגען.

איז מען שטאַרק איבערראַשט געווען, ווען זיידנער האָט זיך ווידער באַוויזן אין „מיליאָנערסקן צימער". ער איז אַריינגעקומען אַ רואיקער, ווי שטענדיק. אויסגעזען האָט ער , ווי אַ דערפרישטער. דאָס איז גע־ווען צוליב דעם, ווייל ער איז געקומען אין אַ זומערדיקן, העלן אנצוג. עס איז שוין געווען אָנהויב מאַי און אַלע האָבן איצט אויסגעזען אַביסל אַנ־דערש, ווייל יעדער איינער האָט געביטן זיין אָנטון...

ער האָט געפילט, אַז די מענטשן קוקן אויף אים היינט מיט אנדערע בליקן. אין שטאָט האָט מען דאָך אים שוין באַגראָבן אַלס פאַבריקאַנט. ער האָט געוווּסט פון די אַלע קלאַנגען וועגן אים, וועגן דער שטימונג, וואָס הערשט אַרום אים מיט אַלע זיינע געשעפטן. אַ שטימונג, וואָס ער, זיידנער, האָט אַליין וועגן זיך געשאַפן, אָבער די מענטשן האָבן געדאַרפט זיין מער ווי מלאכים, זיי זאָלן עפּעס איבערלייענען אויף זיין פּנים. מיט דער אַלטער רואיקייט האָט ער זיך געזעצט שפּילן אַ פּאָקער, מיט

רואיקייט געלייגט די אַסיגנאַציעס אויפן טיש. ער האָט פאַרשפּילט און זיך גאָר פון דעם נישט געמאַכט, אבסאָלוט גאָרנישט.

אַזוי, אַז שפּעטער, נאָכן שפּילן, האָט זיך איינער, אַ בייזוויליקער פּאַרטנער אָנגערופן צו אַ גרופּע מענטשן שפּילער:

— זיידנער שפּילט רואיק, ווי אַ תלין, און אַ תלין האַקט דאָך אַראָפּ נישט זיין אייגענעם קאָפּ.

דאָס איז געווען אַן אָנדייט אויף זיידנערן, אַז ער פאַרשפּילט נישט זיין אייגן געלט.

עס זענען אַוועק בייסיקע ווערטלעך אויפן חשבון פון זיידנערן. רכילות האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. אין יעדער שטאָט, אין יעדער סביבה, אין יעדער בראַנזשע, איז פאַראַן אַ מחנה מענטשן־פרעסער. זיי וואַרפן זיך שטענדיק אויף דעם שוואַכערן, אָדער אויף דעם, וואָס איז נעכטן שטאַרק געווען. אַזאַ איינער איז פאַר זיי פּשוט אַ צוקער־לעקעך. וועגן זיידנערן האָט מען נאָך אויף זיכער נישט געוווּסט, צי ער איז שוין אַ פּאַרטיקער, אָדער נישט. עס זענען געגאַנגען קלאַנגען, שטאַרקע קלאַנגען, אָבער אויף זיכער האָט נאָך קיינער נישט געוווּסט, צי ער איז טאַקע באַנקראָט. דאָך האָט מען אים שוין געפרעסן אַ לעבעדיקן...

אָט דער זיידנער.

נעכטן איז ער געווען דער בעסטער ביישפּיל פון אַרבעט און ערלעכקייט, מען האָט פון אים געהאַלטן, אויף זיין ראַיעלקייט האָבן מענטשן אַ סך געשטעלט. מענטשן האָבן אים די ערשטע באַגריסט. רעדן מיט זיידנערן וועגן געשעפטן איז געווען אַ פּראַקטישער פאַרגעניגן, ווייל מען האָט זיך ביי אים געלערנט... האָבן זיך פאַבריקאַנטן אָדער סוחרים צעקריגט, אָדער עס איז ערגעץ ווו צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ גרעסערער סכסוך, איז מען געקומען צו זיידנערן ער זאָל אויסגלייכן. מען האָט אים פאָרגעלייגט צו ווערן פּרעזעס פון פאַבריקאַנטן־פאַרבאַנד, ער האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט די כיבודים:

— איך בין אַ פאַבריקאַנט און לאָזט מיך אָפּ מיט די אַלע איבעריקע זאַכן.

ער איז געווען דער מענטש אָן אַ פלעק. דרך־ארץ פאַר אים.

און איצטער? איצט רעדט מען שוין אַנדערש:

— ער איז שטענדיק געווען אַ מרוק, אַ שלעכטער געווען.

— ער האָט דעם אַלטן טאַטן שלעכט באַהאַנדלט.

— זיין ווייב איז פון אים אַנטלאָפן און חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן.

— פוצט זיך אויס ווי אַ לאָרד, זעצט זיך אַריין אין טייערן אויטאָמאָביל און פאָרט אין קלוב אַריין פאַרשפּילן פרעמדע טויזנטער... אַזאַ באַנקראָטשיק.

האָט ווער געפרוט איינצוימען די אַלע רכילות:

— וואָס ווילט איר? זיידנער איז נאָך דערווייל נישט באַנקראָט.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז נישט?

— און פון וואַנען ווייסט איר, אַז יאָ?

— איך ווייס... און אויב איר האָט זיידנערס וועקסעלעך, מעגט איר זיי איינזאַלצן, איך ווייס... וואָס איך רעד.

אַלע רכילות טרייבער ווייסן, וואָס זיי רעדן, זיי ווייסן, אַז זיי קענען אָן רכילות נישט לעבן, דאָס איז אַ צוגאָב־פּאָך פון נשמהלאָזע מענטשן...

צו די אַלע קלאַנגען וועגן זיידנערן, צו די אַלע רכילות איבער אים, האָט זיך נישט איינמאָל צוגעהערט דער אינזשיניער אַלקער אַליין. ער האָט געשמייכלט און ער האָט געהאַט פון וואָס צו שמייכלען. דאָס האָט ער דאָך אַליין, ער, אַלקער אַליין, האָט געלאָזט אין גאַנג דעם ערשטן אָנזאָג, אַז זיידנער איז ערב באַנקראָט. אָט אַזוי האָט פאַרלאַנגט פון אים זיידנער אַליין, צוליב וואָס? דאָס ווייסט ער נאָך אַלץ נישט. אַלקער פילט אויף זיכער, אַז זיידנער באַדאַרף נישט באַנקראָטירן. ער מאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפטן. זיידנער גייט אָבער מאַכן אַ מאָדנע אַוואַנטורע, עפּעס אַן אָריגינעלע אַוואַנטורע וועט עס זיין. ער, אַלקער, וואָלט אַ סך געגעבן, ער זאָל זיך שוין דערוויסן, אין וואָס די אַוואַנטורע באַשטייט...

אָבער וואָס דאָס זאָל נישט זיין, האָט עס נישט צו טון מיט די רכילות־טרייבער און מיט די אַלע באַרעדערס. עס איז געווען צו לאַכן פון די מענטשן, צו לאַכן און צו שמייכלען. אָט די אַלע, וואָס האָבן איצט באַשמוצט זיידנערס נאָמען, האָבן גאָרנישט געהאַט צו אים, קיין איינער האָט נישט געהאַט קיין חוב ביי אים און זיי האָבן גערעדט און געבילט. אין דער נאַטור פון מענטשן ליגט עס שוין, מען מוז גריזשען דעם צווייטן. היינט איז דאָס זיידנער, מאָרגן וועט זיין ווערטהיים און איבער־מאָרגן קאַנטאָראָוויטש. רכילות, דאָס איז א מין טאָג־טעגלעכע שפּייז פאַר דער געמיינקייט...

אַלקער האָט געשמייכלט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער אַליין האָט אויך ליב צו טרייבן אביסעלע רכילות. אָבער זיינע אומשולדיקע,

גוטמוטיקע רכילותלעך האָבן דאָך נישט קיין שייכות צו די בייזוויליקע רכילות פון כלל. ער האָט ליב אַרויסצוכאַפּן אַ קאָמישן מאָמענט פון דער אַרומיקייט און עס פונאַנדערטראָגן. אויסלאַכן אביסל הייסט נאָך נישט באַגראָבן יענעם. דאָס איז דאָך אַ קעגנזייטיקע זאַך: מאָרגן וועט דער צווייטער אויך אַזוי טון, אָבער אין די סוחרישע רכילות איז פאַראַן אַ קרעמערישער חשבון: קליין מאכן, אָדער אינגאנצן פאַרניכטן אַ קאָנקור־רענט. באַרעדן אַ צווייטן מעג מען אביסעלע, באַשמוצן טאָר מען קיינעם נישט, און דער עיקר, מען טאָר נישט זיין בייזוויליק, אויסלאַכן מעג מען אויך, נאָר מען טאָר דאָס נישט טון מיט אַ שוואַכערן פון זיך...

8

פרילינג אין לאָדזש

עס איז שוין געווען פרילינג. די גרויע מויערן פון לאָדזש זענען פאַרבליבן ווי פריער גרוי און מאַט, אָבער די מענטשן אויף דער פּיעטרי־קאָווער גאַס, דאָס יונגוואַרג, די פרויען, אַלע האָבן זיך אויסגעפּוצט לכבוד דעם פרילינג און די צוויי טראָטואַרן פון דער גאַס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדע־אויסשטעלונג. די מאַנטעלעך און די היטעלעך, די העלע אַנצוגן און די קראַוואַטן, אַלץ איז דאָס אַן אויסשטעלונג פאַר דער פּיעט־ריקאָווער, טאַקע דערפאַר, ווייל דאָ איז פאַראַן א סך ענגשאַפט און אַ סך רויך, זענען דאָ די קאָלירן בויטיקער, בויטיק זענען די שמייכלען פון דער יוגנט. דאָ, אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, איז דער שפּאַציר־בולוואַר פון דער שטאָט. עס שאַדט נישט, וואָס דאָ פלאָנטערט זיך אַלץ צוזאַמען: דער ליידיקגייער מיט דעם אַרבעטער, דער מעקלער מיט דעם רייכסטן פאַבריקאַנט. מען שפּאַצירט מיט התמדה און יעדע פאַר מינוט ווערט דער שפּאַציר אָפּגעהאַלטן — אַ פור פאַרט אַריין אין א טויער, אָדער א פור פאָרט אַרויס פון א טויער. מען מוז בלייבן שטיין און זיך נישט רירן פון אָרט. מען האָט דרך־ארץ פאַר די איבערגעפּולטע לאַסט־פורן מיט די שטיקער סחורה — וואָס וואָלט לאָדזש געווען אָן דעם?

רויך...

מען לאַכט פון לאָדזשער רויך, וואָס וואָלקנט זיך און קנוילט זיך

איבער די דעכער און פאַלט אַראָפּ דערנאָך אין די גאַסן. דער לאָדזשער רויך גנבעט אוועק ביי די מענטשן אַ גרויסן טייל פון דער זון און פון הימל. אָבער פּרוווט צונעמען ביי די לאָדזשער דעם רויך, וואָס וועט זיי בלייבן? איין דלות, נישט מער. דער רויך איז דאָ א ברכה. ווען עס טרעפט אמאָל, לאָדזש פאַרשטרייקט, די מאַשינען שטעלן זיך אָפּ, די הויכע קוי־מענס שטייען ליידיקע, ווי פּוסטע זאַנגען — קיין רויך איז נישטאָ... די לאָסט־וועגענער פירן נישט פונאַנדער די שטיקער סחורה, די טרעגערס שלעפּן נישט די פּעקלעך איבער די גאסן, יאָ, דאַן, ווען די פאַבריקן שטייען, איז אין לאָדזש פאַראַן אַ בלויער הימל. אָבער ווער באַדאַרף אים, דעם הימל מיט זיין בלויקייט? אין לאָדזש איז דעמאָלט הונגער און אויפרעגונג. מען וואַרט דעמאָלט אויף דעם רויך, ווי אויף דער גרעסטער אויסלייזונג. מענטשן פרייען זיך: מען אַרבעט שוין. דער הימל איז שוין שוואַרץ, זאָל ער זיין נאָך שוואַרצער. פון אַלע פיר זייטן זאָלן רויכערן די קוימענס. זאָל זיין אויפלעבונג און באַוועגונג... ווען עס קומט דער פרילינג, ווערט די פּיעטריקאָווער גאַס אויף אַ בייעם אופן אויפגע־מונטערט. דאָ פאַרקויפט מען בלומען אין די טויערן. וואָס טונקעלער די גאַס, אַלץ העכער זעען אויס די נאַרציסן, דער בעז, די ראָזעווע און בלויע אַרבעס־בלום. קוקט מען דאַן אויפן פרילינג אין אַזאַ שטאָט ווי לאָדזש, זעט מען, — אַז די מענטשן טוען זיך זייערס און די נאַטור טוט זיך אירס. איינער פון צווייטן שטייט נישט אָפּ. די לאָדזשער זענען מזיקים אין וועגן, אין פּראָדוצירן, אין איבערקומען אַלע קריזיסן...

די נאַטור איז נאָך אַ גרעסערער מזיק.

זי דערשרעקט זיך נישט פאַר די ענגע טויערן, פאַר דעם רויך, פאַר דער געשטיקטער לופט. וואַקסט ערגעץ אַ ביימל אין אַ הויף פון דער פּיעטריקאָווער גאַס, באַווייזט עס אין פרילינג וואָס עס קען. עס גרינט און בליט, ווי אין זיין גרינעם לאַנד, ווו עס פאַלט דאָס גרינס אויף די ווענט פון די רויטע ציגל. וויל עס דער מענטש, צי ער וויל נישט, די נאַטור דערמאָנט אים אָן זיך.

אין לעצטן פרילינג איז פון אַנטווערפּן געקומען סעלאַ, די געוועז־ענע פרוי זיידנערס, זי האָט מיטגעבראַכט זיין טעכטערל ראָמאַטשקאַ, אַ פיין מיידעלע פון צוועלף יאָר.

סעלאַ איז געקומען זיך צו זען מיט די קרובים. זיידנער האָט זיך מיט איר באַגעגנט. עס איז דאָך געווען זיין קינד. סעלאַ איז עטוואָס

עלטער געוואָרן אויפן פּנים, עטוואָס פּולער, און ערנסטער איז געווען איר בליק. זי מיט זיידנערן האָבן זיך גאַנץ פרידלעך באַגעגנט, דאָס פאַרגאַנגענע איז פאַרגעסן געוואָרן און נישט דערמאָנט געוואָרן. אַט אַזוי באַדאַרף עס זיין צווישן פאַרנונפטיקע מענטשן. דער שיקזאַל האָט אָפּגעטון זיין שטיקל אַרבעט, ער האָט זיי געשיידט, טאָ זאָל מען נישט דערמאנען דעם שיקזאַלס אַרבעט...

דער עיקר איז דאָך דאָס קינד.

און דאָס קינד, דאָס מיידעלע ראַמאַטשקאַ האָט זיך פיין איינגעגעבן. אַ יונגע סאַרנעלע איז דאָס געווען. שיין, צאַרט, גראַציעז, אָבער נישט קיין שפּרינגערקע. דערצויגן און איינגעהאַלטן איז זי געווען. זי האָט שוין אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען עפּעס וועגן דעם קאָנפליקט צווישן איר מוטער און פאָטער. זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם ענין דאַרף זי גאָרנישט פרעגן און דאָ באַדאַרף זי זיך נישט מישן. דערפאַר האָט זי ליבלעך צוביידע געשמייכלט, סיי צום פאָטער און סיי צו דער מוטער...

מיט אַ טיף באַהאַלטענער אויפרעגונג האָט פעליקס זיידנער באַגעגנט זיין געוועזענע פרוי. ווען ער האָט זי דערזען, האָט זיך אים דערמאָנט די פאַרגאַנגענע צייט, זיין קאַלטקייט צו איר, זיין פרעמדקייט צו זיין אייגענער היים.

אָבער נאָך איין אויפרעגונג האָט ער דערביי דורכגעלעבט און די צווייטע אויפרעגונג האָט ער שוין נישט באַהאַלטן. ער האָט עס פאַר אַלעמען אַרויסגעוויזן. די צווייטע אויפרעגונג האָט אַרויסגערופן די קליינע ראָמטשע...

זיין טעכטערל, וועלכע ער האָט ביז איצט כמעט נישט געקענט. דאָס קינד האָט גערעדט פראַנצויזיש, אָבער געוווסט האָט עס אויך עטלעכע פּוילישע ווערטער און פראַזן...

— „טאַטוש"!

— „קאָכאַם"...

אַ מענטש וואָס איז שוין אַלט עטלעכע און פערציק, אַ מענטש, וואָס האָט שוין געהאַט אַ פרוי און האָט זיך געגט מיט איר, אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ טעכטערל און זי פאַר די אויגן נישט געזען, אַזאַ איינער האָט איצט דערזען זיין דערוואַקסן קינד מיט דער מאַמעס בלויע אויגן, מיט דער מאַמעס בלאָנדע האָר, אַזאַ איינער האָט איצט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערהערט: „טאַטוש".

דער „טאַטוש" האָט ליב און מאָדנע געקלונגען: אַ יידיש מיידעלע פון אַסימילירטע עלטערן, זי רעדט פראַנצויזיש, אָבער דערביי האָט זי זיך אויסגעלערנט עטלעכע פוילישע ווערטער, כדי צו אימפּאָנירן דעם פּאָטער אירן, — „טאַטוש!"

אויף וועלכער שפּראַך זי זאָל דאָס וואָרט נישט אויסרעדן, אַלץ איינס: זיידנער וואָלט עס געפילט אויף אַלע שפּראַכן. עס האָט טאַקע געקלונגען פאַר אים אַביסל פרעמד, אָבער עס איז אָפּט פאַראַן אַ פרעמ־דעניש, וועלכע איז נענטער פאַר אַלע נאָענטקייטן. ער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צום קינד, זיין געוועזענע פרוי האָט ברייט געעפנט די אויגן:

— פעליקס, איך דערקען דיך נישט...

— וואָס איז געשען? סעלאַ!

— איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז געשען, איך געדענק בלויז, אַז ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָסטו קוים אויף דעם אַ קוק געגעבן.

פעליקס זיידנער האָט געשמייכלט:

— אַך, דעמאָלט איז געווען...

— וואָס איז דעמאָלט געווען?

— דעמאָלט איז געווען... „דעמאָלט" און מער גאָרנישט, אָבער היינט איז ראַמטשאַ אַ פיין קינד און מער פרעג נישט!

צו סעלאַן האָט זיידנער געהאַט רעספּעקט, אָבער מער גאָרנישט. קיין טראָפּן אייפערזוכט נישט. אין יענער צייט, ווען זיי האָבן געלעבט צוזאַמען, האָט זיך אין אים קיין געפיל צו איר נישט איינגעפלאַנצט. אַזוי, אַז עס איז איצט נישט געווען וואָס צו דערמאַנען, עס האָט נישט וויי געטון...

אָבער סעלאַ איז די מוטער פון דער צוועלף־יעריקער ראָמטשאַ, דערפאַר אָבער קומט איר רעספּעקט. ער פלעגט זיך מיט איר באַגע־גענען, אָבער אַלץ צוליבן קינד, זאָל די געוועזענע פרוי זיינע רעדן וואָס זי וויל און וויפל זי וויל, זאָל זי דערמאנען דעם נעכטן און זאָל זי דערציילן וועגן אַנטוועריפן, וועגן בעלגיע, דאָס זענען אַלץ קליייניקייטן און דערביי איז עס געגוג לאַנגווייליק. אָבער ווי נאָר דאָס מיידעלע לויפט צו און נעמט קלינגען מיט איר יונגן קול, דעמאָלט ווערט אַלץ באַזוניקט. די קליינע איז קלוג און עמפּינדלעך, זי שפּרינגט צווישן דער

מוטער און דעם פאָטער. זי שענקט איינעם פון זיי אַ שמייכל און באַלד שמייכלט זי צו ביידע...

יעדן טאָג פלעגט ער קומען מיט זיין אויטאָ און צונעמען ראָמטשען. ער פלעגט אַרויספאָרן מיט איר אונטערן שטאָט און פלאַפּלען מיטן קינד, אַליין ווי אַ קינד. אָט דער מענטש, אָט דער קאַלטער, אין זיך איינגעפּרעסטער, פאַרנומענער פאַבריקאַנט, נישט צו דערקענען...

איינמאָל איז אַלקער מיטגעפאָרן אויף אַזאַ שפּאַציר. דאָס מאָל איז עס געווען פאַרמיטאָג. די גרויסע זון איז דאַן געווען פאַר אַלעמען ליכ־טיק. אונטערן שטאָט האָבן זיך געזען פעלדער און ביימער. די ליכטיקייט פון אַרום האָט אַלץ דורכגעשטראַלט.

פלוצלינג רופט זיך אָן די קליינע ראָמטשאַ:

— טאַטוש, לאָמיר פאָרן צוריק...

— פאַרוואָס? ראָמטשאַ!

— ווייל עס וועט זיין אַ גרויסער רעגן, זע נאָר וואָס פאַר אַ כמאַרעס עס גייען אויף אונדז...

דאָס זענען נישט געווען קיין כמאַרעס. דאָס איז איבער לאָדזש גע־האַנגען אַ ריזיקע רויך־געדיכטעניש, אַ שוואַרצער ים פון רויך־קנוילן איז דאָס געווען. די קליינע ראָמטשאַ האָט אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ בייזקייט, וואָס דערנענטערט זיך...

אָבער זיידנער מיט אַלקערן האָבן איינצייטיק דאָס קינד באַרואיקט:

— דאָס איז נישט קיין וואָלקן און קיין רעגן וועט נישט זיין. די שוואַרצקייט דאָרט אין דער הויך... דאָס איז... דאָס איז לאָדזש...

האָט ראָמטשאַ געפרעגט:

— קעס־קעסי לאָדזש?

האָבן די צוויי דערוואַקסענע מענטשן גענומען דערקלערן פאַר דעם צוועלף־יעריקן מיידעלע וואָס דאָס איז לאָדזש, און ליב־קאָמיש איז עס געווען, וואָס די צוויי מענער האָבן זיך געוואָלט פאַר איר אויספּיינען, זיי האָבן געוואָלט באַווייזן, אַז לאָדזש אַרבעט אַ סך, לאָדזש האָט אַ סך אַרבעטער און אַ סך פאַבריקאַנטן און אין גאַנצן לאַנד טראָגט מען לאָ־דזשער קליידלעך, לאָדזשער העמדער און לאָדזשער זאָקן. אין גאַנצן לאַנד ליגן אויסגעלייגט אויף די טישן לאָדזשער טישטוכער... יאָ, ראָמטשאַ...

— הע!

—דאָס בלאָנדע מיידל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און דערמיט האָט זי אַרויסגעוויזן איר אומגערן פֿאַר לאַדזש.

— וואָס? ראַמטשאַ! לאַדזש געפֿעלט דיר נישט?

— ניין! בלויז דער טאַטוש געפֿעלט מיר דאָ...

זיידנער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן אויף אַלקערן. ער האָט זיך נישט געוואָלט גרויסן קעגן אַלקערן מיט דער ליבע פֿון זיין יונג טעכטערל. אָבער די אויגן האָט ער אויפֿגעהויבן און איבער די בלאָנדע האָר פֿון זיין קינד איז די האַנט זיינע אַרומגעפֿאָרן לאַנגזאַם און צערטלעך.

אַלקער האָט צו זיידנערן גאָרנישט געזאָגט, אפילו קיין איין וואָרט אויך נישט, קיין פּיפּס נישט, אָבער עמעץ האָט געוווסט און עמעץ האָט געפֿילט, אַז אַלקער איז מקנא, מקנא אַ פֿאָטער, זיין פֿאָטער־געפֿיל...

דער אויטאָ איז געפֿאָרן... אין שטאָט אַריין. דער אויטאָ איז געלאָפֿן און גרויסע שטחים ליכט זענען מיטגעלאָפֿן... געפֿאָרן איז מען דאַן צו אדעלמובעק. דאָס איז אַ דאַטשע, וווּ זיידנער האָט געהאַט זיין ווילע, אַ צוויי־שטאָקיק הויז פֿון האָלץ געבויט. דאָס הויז איז פֿון דער צייט געווען שטאַרק אָפּגעלאָזט. די ברוינע פֿאַרב איז טיילווייז אָפּגעשפּרונגען. איין באַלקאָן איז געווען אויף דער העלפֿט אַראָפּגעריסן, די טעראַסע געבויגן און פֿאַרלאָזן.

זיידנער האָט זיך אַזוי ווי פֿאַרענטפֿערט:

— דאָס איז אַ ירושה פֿון מיין טאַטן, איך וואָלט עס נישט געקויפֿט.

אַלקער האָט אָבער געפֿונען אַ פֿאַרענטפֿערונג:

— אין דער צעפֿאַלנקייט און האַלב־איינגעפֿאַלנקייט פֿון אַ בנין איז פֿאַראַן אַ באַזונדערע שיינקייט...

— אפשר ביסטו גערעכט.

די קליינע ראָמעטשקאַ איז שוין לעם זיי נישט געווען, זי איז גע־לאָפֿן צו די קינדער פֿון דעם דאַטשע־וועכטער און כאָטש זי האָט זיך נישט געקענט שפּראַכלעך פֿאַרשטענדיקן מיט זיי, האָבן דאָך די קינדער געפֿונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, אַ סימן: זיי האָבן זיך זייער הילכיק געוויילט.

אַלקער האָט איצט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ער איז פֿאַר־בליבן מיט זיידנערן און ער איז צו אים צוגעטראָטן מיט אַ קאַטעגאָרישער פֿראַגע:

פֿעליקס, ביסט יאָ באַנקראָט, אָדער נישט באַנקראָט?

זיידנער האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ שמייכל.

— האַ! דו האָסט גוט אָפּגעאַרבעט דאָס שטיקל אַרבעט...

— נישט גוט און נישט שלעכט — האָט אַלקער געענטפערט — גאַנץ פּשוט: איך האָב ערגעץ־ווו אַריינגעוואָרפן אַ פראַזעלע: „מיר דאַכט אַז זיידנער האָלט שמאָל" און עס איז אַוועק איבער די גאַסן און געסלעך...

— גאַנץ גוט אַזוי.

— אָבער דו צאָלסט דאָך מיינע חובות און דיינע וועקסלען און צו וואָס איז די גאַנצע קאָמעדיע...

— האָב געדולד, אַלקער! אויב דו ביסט מיר אַ פריינט, מוסטו האָבן געדולד און וואָס שייך די שטאָט, זאָל זי רעדן, זאָל זי מיך איינשלינגען צען מאָל אַ טאָג, דאָס אַרט מיך נישט...

— אָבער וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן?

— אַ שפּיל אַזאַ, אַ שפּיל מיט זיך, און מיט אַלעמען.

— וואָס ביסטו אַן אַקטיאָר געוואָרן אויף דער עלטער?

— אפשר...

— אָבער, פעליקס! צוערשט האָט מיך דיין געהיימנישפולע אַוואַנ־טורע אינטריגירט, איצט הייבט עס מיך אָן צו באַליידיקן און צו דער־נערווירן...

— וואָס באַליידיקט דיך?

— דיין אומצוטרוי צו מיר...

— ניין! איך האָב צו דיר פולן צוטרוי, נאָר פאַר מיר אַליין דאַרף אַלץ קלאָר ווערן, ווען מיין פּלאַן וועט זיין ביי מיר אינגאַנצן פאַרטיק. דעמאָלט וועסטו אַלץ וויסן...

— וועלכער פּלאַן? וואָס טוט זיך דאָ?

זיידנער האָט בלויז פונאַנדערגעשפּרייט די הענט זיינע, פּונקט ווי ער וואָלט געזאָגט: „אָט אַזוי איז עס און נעם זיך נישט איבער, ווייל איך נעם זיך אויך נישט איבער".

דערביי האָט ער געשמייכלט, גוט געשמייכלט, צופרידן מיט זיך.

אַלקער האָט נישט פאַרשטאַנען זיידנערס שמייכל, אָבער רואיקער איז ער געוואָרן. אויב דער שטענדיק באַהאַלטענער אין זיך פעליקס שמייכלט אַזוי גוטמוטיק, איז דאָס אַ סימן, אַז קיין סכנה איז נישטאָ. אָבער ער וויל דאָך וויסן, וואָס דאָ טוט זיך ביי פעליקסן, אַרום פעליקסן. ער וויל נאָכאַמאָל פרעגן, ער מוז...

ראמטשע איז דערוויל צוגעלאָפן מיט איר פריילעכן אויסרוף:

— טאַטושו!

אַ ווייט־נאָענטער, גוטער אויסגעשריי „טאַטושו!" פרעמד אינגאַנצן פאַר אָלקערן און טייער פאַר זיידנערן... „טאַטושו!" און זיי האָבן שוין אינגאַנצן פאַרגעסן דעם דיאַלאָג זייערן. ביידע האָבן זיך אַ ריס געטון צו ראַמטשען, פונקט ווי זיי וואָלטן וועלן כאַפּן אַ געמיטלעך סאַרנעלע...

זי איז געקומען ווי אַ פרייד, אויף איר בלאָנד קעפּל האָט די זון געשפּילט...

נאָך איר זענען געגאַנגען די צוויי קינדער פון דעם ווילע־וועכטער. צוגעקומען איז אויך דער וועכטער אַליין מיט אַ פּאַק פרישע בעז־בלומען. שמעקעוודיקע צווייגן זענען דאָס געווען. צופיל אָבער געווען פאַר איין מענטש צו טראָגן אַזוי פיל צווייגן, האָט מען עס איינגעטיילט אין דריי חלקים. זיידנער, אָלקער און ראַמטשע, אַלע דריי האָבן באַקומען צו גלייכע חלקים. דער בעז איז געווען פריש און יונג. ראַמטשע האָט זיך מער געפרייט פאַר אַלעמען. אָלקער האָט באַקומענדיק די בלומען גענומען פילאָזאָפירן:

— ווי ווייט מיר זענען פון דעם און די נאַטור איז דאָך דער עיקר.

זיידנער האָט זיך געפילט נישט באַקוועם מיט דער מתנה פון פרילינג, אָבער לכבוד זיין טעכטערל האָט ער די בלומען פעסט געהאַלטן. זיי האָבן אַלע דריי שפּאַצירט אין דעם שטח פון דער ווילע. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט צוגענומען ראַמטשע, אירע פראַגן און ענטפערס, מיט איר נייגעריקייט און קינדערישער נאַאיוויטעט. אָלקער האָט זיך אַ סך געשפּילט מיט זיידנערס קינד, אָבער ער האָט אין דער זעלבער צייט נישט אויפגעהערט צו באַטראַכטן זיידנערן אַליין. דער מענטש איז פאַר אים געווען אַ רעטעניש: פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזוי פיל פּאַטערלעכע צערטלעכקייט און אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט צו דעם יונגן לעבן? ער האָט דאָך ראַמטשען נישט אויסגעהאָדעוועט, זי איז דאָך אויסגעוואַקסן אין דער פרעמד, אין דער שטאָט אַנטווערפּן...

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס הייזל אין גאָרטן, וווּ דער וועכטער האָט געוווינט. צוויי פענצטער זענען אָפן געווען. אויף די פענצטער זענען געשטאַנען אַ סך בלומענטעפּ. און אין איין פענצטער איז געהאַנגען אַ שטייגל מיט אַ קאַנאַריק, דער קאַנאַריק האָט געזונגען. ראַמטשע האָט פאַרהאַלטן די צוויי עלטערע מענער, זיי זאָלן זיך צוהערן צום קאַנאַריקס געזאַנג.

דער וועכטער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט אָנגעהויבן צו געבן דערקלע־רונגען וועגן זיין קאַנאַריק, דאָס איז אַ זעלטענער זינגער. ער איז שוין ביי אים אַ דריטער פון אַ דור. זיין זיידע איז אויסגעגאַנגען אין דעם זעלבן שטייגל, זיין פאָטער איז פאַרשווונדן געוואָרן, ווען דאָס שטייגל האָט זיך צופעליק געעפנט אליין פון זיך. אָבער דער איצטיקער זינגער שטייגט זיי אַלעמען איבער. די גאנצע געגנט ווייסט פון דעם קאַנאַריק. מענטשן זענען אים מקנא — ער האָט מיט גדולה גערעדט וועגן זיין זינג־פויגל. ער האָט גערעדט וועגן זיין הונט און וועגן זיין קאַץ; וועגן די קראָליקעס, וואָס ער האַלט אין שטאַל און וועגן די גאָלדענע פישעלעך אין זיין אַקוואַריום...

ער האָט זיידנערן מיט אָלקערן פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין:

— קומט אַריין, די פאַניענקע וועט זיך פרייען...

זענען זיי אַלע אַריין אינעווייניק אין דער שטוב פון וועכטער. דאָ זע־נען געהאַנגען אַ סך הייליקע בילדער. אין איין גרויס צימער האָט א גאנצע משפחה געלעבט, נאָר עס האָט זיך נישט געפילט קיין ענגשאַפט. יעדע זאַך איז דאָ געווען אויף איר פלאַץ און די פישעלעך האָבן זיך רואיק געשווומען אין דעם גלעזערנעם קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל...

ווען זיי זענען שוין צוריק אַרויס פון דעם וועכטערס שטוב, האָט זיידנער געפרעגט ביי אָלקערן:

— ווי רעכנסטו, אָלקער, איך בין גליקלעכער פאַר דעם וועכטער פון מיין ווילע? אים אָדער מיר, וועמען איז בעסער?

אָלקער האָט זיך נישט געאײַלט מיטן ענטפער. נאָך א מינוט טראַכטן האָט ער אָפּגעענטפערט. אָבער דער ענטפער זיינער איז נישט געווען קיין דירעקטער, נאָר מיט אַן אומוועגל, ווייל ער האָט ביי דעם זיידנערן א סך זאַכן לעצטנס נישט פאַרשטאַנען. אַפילו די איצטיקע פראַגע האָט ער נישט אינגאַנצן דייטלעך פאַרשטאַנען. ער האָט געענטפערט און דערביי נישט געקוקט אויף זיידנערן:

— דו ביסט אַן אנדער מענטש און דיין וועכטער איז אויך אַן אנדער מענטש, ביידע האָט איר אנדערע באַדערפעניש׳ן.

— וואָס גייען דיך אָן די באַדערפעניש׳ן? ביי וועמען פון אונדז אין די סומע פון גליק אַ גרעסערע?

אָלקער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און נישט געענטפערט. אויסער דעם האָט ראַמטשע זיי נישט געלאָזט רעדן. זי האָט נישט גע־

וואָלט פאַרליידן, וואָס די גרויסע רעדן אומפאַרשטענדלעכע רייד און פאַר־געסן דערביי, אַז זי, די יונגיטשקע, וויל, מען זאָל זיך מיט איר פאַרנעמען.

אירע בלומען האָט זי געגעבן אָלקערן, ער זאָל זיי האַלטן, און זי אַליין מיט איר שמאָלינקע פיגור שפּרייזט צווישן די צוויי מענער. איין הענטל אירס איז ביי זיידנערן אין דער האַנט, דאָס צווייטע — ביי אָלקערן. זי איז אינמיטן. זי פירט דעם פּאָטער אירן און דעם פּאָטערס פריינט. זי, די קליינע, די יונגע — די וועלט איז אירע...

מען האָט שוין געזאָלט פאָרן צוריק קיין לאָדזש. אין דעם האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען. פון יענער זייט פּאַרקאַן, אין דער צווייטער ווילע, האָבן מענטשן גערעדט הויך אויפן קול.

און באַלד האָט זיך דערהערט:

— פּאַניע זיידנער, גוט מאָרגן!

— פּאַניע אָלקער!

בערעק, בערעק פּוסבאַנק איז דאָרט געשטאַנען מיט נאָך עטלעכע פּערזאָן. ער איז צוגעלאָפן צום סאַמע פּאַרקאַן פון זיידנערס ווילע:

— פּאַניע זיידנער, ווינטשט מיר מזל־טוב, איך בין געוואָרן אייער שכן!

זיידנער האָט אים באַטראַכט און אויך באַגריסט מיט אַ „גוט מאָרגן".

— וואָס? פּאַניע בערעק... פּאַניע פּוסבאַנק, איר האָט געדונגען אַ זו־מער־וווינונג?

— אַ סך מער, פּאַניע זיידנער! איך האָב אָפּגעקויפט ביי בראַדערן די ווילע, אָט דאָס אַלץ איז שוין מיינס.

און ער האָט מיט זיין קורצער האַנט אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ שטיקער ערד ער פאַרמאָגט איצט. ער איז געווען אָנגעטון ווי אַ חתן אין אַ קליין שטעטל, און די געלע שיך האָבן קיין קאָנקורענט אין געלקייט נישט גע־האַט. ער האָט גיך גערעדט און אַ סך גערעדט. ער האָט אָפּגעקויפט די ווילע און ער גייט זי איבערבויען. אַכט וווינונגען וועט ער דאָ מאַכן און מען וועט עס פאַרדינגען. ער וואָלט נאָך אַ סך מער גערעדט, נאָר ראָמ־טשאַ האָט געטריבן צום אויטאָ. זי האָט ביי־ז געקוקט אויף בערעקן, דער־פאַר ווייל ער האָט פאַרהאַלטן איר פּאָטער און דערפאַר, ווייל יענער האָט אַזוי פיל גערעדט אויף אַ פרעמד לשון פאַר איר. ביז זיידנער האָט אויס־געשטרעקט צו אים די האַנט:

— אַדיע, בערעק! פּאַניע פּוסבאַנק... זאָלט איר קויפן אַ סך ווילעס...

— אָט די ווילע האָב איך געקויפט, ווייל עס איז אין שכנות מיט אייך. איך האָב ליב אַזעלכע שכנים, אַ קלייניקייט: זיידנער...

— אַ דאנק, פאניע... בערעק!

מיט דעם בערעקן איז שטענדיק שווער. נישט אַלע מאָל ווילט זיך אים אָנרופן „בערעק" און נישט יעדעס מאָל קען מען אים זאָגן „פאניע". דער פאניע קלעפּט זיך עפּעס נישט צו אים.

ווען זיי זענען שוין געווען ווייטלעך פון דעם „בערעק", האָט יענער נאָכאמאָל אויסגערופן:

— פאניע אָלקער! אויף איין רגע, איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

אָלקער איז צו אים צוגעגאַנגען און באלד צוריקגעקומען. זיידנער האָט אַ קוק געטון אויף אָלקערן מיט אַ שמייכעלע:

— ער האָט גערעדט וועגן מיר. ער האָט געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז איך האַלט שמאָל, אַז איך גיי באנקראָטירן... יאָ?

— האָסט געטראָפן.

— וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— איך האָב געהייסן פרעגן ביי דיר אַליין.

זיידנער האָט געלאכט און דערווייל זענען אַלע דריי אריינגעקראָכן אין אויטאָ.

בעת מען איז שוין געזעסן און דער אויטאָ האָט זיך שוין געטראָגן, האָט זיך דעמאָלט אויסגעדוכט, אז די דריי אנטלויפן פון דעם בערעק און אָלקער האָט זיך געלאָזט רעדן:

— בראָדער איז אויך אונטערגעגאנגען. די אַלטע פאבריקאנטן גייען אונטער און בערעק, די בערעקס פאַרנעמען זייערע פלעצער...

— די בערעקס זענען זייער יונג, זיי האָבן אַ סך כוח.

— און אַ סך גראָביונגישקייט...

— דאָס איז אַ קלייניקייט, אָלקער! זיין אייניקל וועט שוין זיין אַזאַ יחסן ווי... ווי פעליקס זיידנער און אַלץ וועט אים מיאוס ווערן. דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון עטלעכע דורות. מיין עלטער־זיידע איז דאָך אויך געווען אַ וועבער און היינט קוקט אויף מיר אזא בערעק, ווי אויף א געוואלדיקן יחסן. ער איז פול מיט קנאה צו מיין יחוס. דו האָסט געהערט, ווי ער האָט דאָס געזאָגט: „מיר זענען שכנים, פאניע זיידנער!" אַ גליק איז אים געשען...

ראָמטשאַ, וואָס איז געזעסן צווישן זייביידע, האָט זיי כסדר געצופּט פאַר די אַרבל זיי זאָלן שוין אויפהערן צו רעדן. זיי האָבן דאָך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָ זיצט אַ יונגע בת־מלכּה.

זיידנער קוקט זיך אום און כאַפּט זיך, אַז ער זינדיקט קעגן זיין טאָכטער:

— ראָמטשאַ, דיר איז לאַנגווייליק?

— טאַטוש! איך וויל נישט איר זאָלט רעדן וועגן דעם מסיע בערעק...

— מסיע בערעק! — שיסט אויס אָלקער.

— דו ווייסט, פעליקס, דאָס איז אַ פיינער נאָמען פאַר אים...

— מסיע בערעק מיט די סקאַנדאַליעזע געלע שיך. ווו פּאַקט עס אַזאַ בערעק אַזעלכע געלע שיך?

— אַלע לאַכן, ראָמטשע אויך.. .

ווי נאָר זיי ווערן אויפמערקזאַם צום קינד, ווערט גאָר אַנדערש אויפן האַרץ, גאָר אַן אַנדער שטימונג. עס ווילט זיך דאַן גלויבן, אַז די יוגנט בליט און לייכט נישט בלויז פאַר זיך אַליין, זי איז די פרייד פאַר די עלטערע...

— ראָמטשאַ! דער מסיע בערעק געפעלט איר נישט?

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין“.

מען לאַכט פון קליינינקייטן... אויף די קני ביי זיי אַלעמען ליגן די צווייגלעך בעז, אַזעלכע זאַפטיק־פרישע, אַזעלכע שמעקעוודיקע. דאָ אין דעם אינעווייניק פון אויטאָ האָט זיך דער בעז־ריח איינגעהאַלטן און ער פאַרשיכורט כמעט.

מען פאָרט צוריק קיין לאָדזש. ווען מען קוקט פון שאָסיי אויף דער פאַררויכערטער ווייטקייט, זעט עס אויס, ווי דאָרט אין דער גרויסער שטאָט וואָלט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה און אַלץ שטיקט זיך דאָרט אין רויך. עס נעמט אָן אַ רחמנות. דער אויטאָמאָביל וועט לויפן נאָך אַ מייל און ס'וועט שוין נישט זיין מער קיין ליכטיקייט, די באַרוישונג פון די פיר פאַרבראַכטע שעהען וועט זיך אויסמישן מיט דעם הור־האַ פון די ענגע גאַסן, מיט דעם רויך, מיט דעם יריד, עס וועט צוריקקומען די אַלטע טעמפּקייט. די אַלע, וואָס כאַפּן זיך אַרויס אַמאָל פון דער גרויסער שטאָט, פילן דאָס גאַנץ גוט, נאָר איינער דעם צווייטן זאָגט עס נישט. מען פאַר־שווייגט זיך אַליין און אין דער זעלבער צייט פאַרשווייגט מען די נאַטור און אַלע אירע ברכות.

דער צוריקקער פון אַזעלכע אויספלוגן איז שוין ווייניקער פריילעך און ווייניקער זאָרגלאָז. מען איז שוין מיד, די שטימונג ווערט אָפּגעשוואַכט. מען ווערט מיטאמאָל ערנסטער און נישט איינעם דאכט זיך, אז מען האָט אומזיסט געפטרט צייט און ווער ווייסט וויפל מען האָט דאָ פארלוירן אין די פּאָר שעה, ווען מען האָט פאַרלאָזט דאָ דעם גרויסן יאַריד. ווער ווייסט וויפל אנדערע האָבן פאר דער צייט געקויפט, אָדער פארקויפט און וויפל די אנדערע האָבן פאַרדינט?

און כאָטש זיידנער מיט אָלקערן זענען איצט נישט געווען אַזוי סוחריש געשטימט, דאָך זענען זיי שווייגנדיקער געוואָרן, ווען דער אויטאָ איז אַריין אין שטאָט און געלאָפן פאר די באַלוטער נישט היימלעכע הייזער.

ראָמטשע האָט געזאָגט, אז זי וויל שוין צו דער מאמען.

ביים אָנהויב פון דער פּיעטריקאָווער גאס האָט אָלקער געבעטן איינצוהאלטן דעם אויטאָ. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיידנערן און זיין טעכטערל. די קליינע האָט אים געוואָלט אָפּגעבן זיין טייל בעז־בלומען, אָבער אָלקער האָט עס איר אַוועקגעשענקט. די קליינע האָט זיך דערפרייט, ווייל זי וועט האָבן אַ געשאַנק פאר איר מאמע.

דער אויטאָ האָט זיך געטראָגן ווייטער. דער פאבריקאַנט פעליקס זיידנער האָט אָפּגעפירט זיין טעכטערל צו איר מאמע און צו זיין געגטער פרוי...

דער טאָג האָט זיך שוין געענדיקט. לאָמפּן האָבן זיך שוין אָנגעצונדן. דאָך האָט לאָדזש נאָך נישט געענדיקט מיטן טאָג. די גרויסע לאסט־וועגענער האָבן געפירט סחורה, טרעגערס האָבן אָפּגעטראָגן די לעצטע פּעק, פּעקלעך. די שטאָט איז שטענדיק פאַרנומען געווען מיט גאָר גרויסע און קליינע טראנזאקציעס. לאָדזש מיט די נאָענטע פאָרשטעט, אַ מיליאָן מענטשן זענען געווען איינגעוועבט מיט זייער פּרנסה אין די וועב־שטולן...

אַ טייל פון עולם אויף דער לאנגער, פּיעטריקאָווער גאס ,האָט שוין גענומען פריי שפּאַצירן, דער צווייטער טייל איז נאָך געלאָפן פאַרשמאַיעט, נאָך נישט געענדיקט די געשעפטן פון טאָג...

9

זיבן צימערן

פון זיינע געשעפטן, פון דער פאבריק, פון קאנטאָר מיט חשבונות פלעגט זיידנער קומען אַ מידער אַהיים. דאָס איז געווען די שטוב מיט די־ זיבן צימערן, וווּ ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. דאָס גאנצע לעבן

איז אים אַוועק אין דער דאָזיקער שטוב. אין פּאָרצימער, דאָ איז געהאַנגען א בילד, אַ שטיל לעבן פון בלומען מיט צוויי קריגעלעך, איינס א קליינס און איינס אַ גרעסערס. צווישן די בלומען איז געווען איין רויז פון א בלוי־טיקער פאַרב. די בונטע רויטקייט פון דער רויז האָט נישט געלאָזט דאָס בילד אַלט ווערן. דאָס האָט געצווונגען, אַז מען זאָל אויף דעם געמעלעכץ כאָטש אַ שנעלן קוק געבן. אין פּאָרצימער איז געווען אַ שפּיגל אויף דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער וואַנט. דער שפּיגל האָט געהאַט אַ ראַם פון שוואַרץ האָלץ, די ראַם איז באַדעקט געווען מיט פאַרשידענע שניצעכץ. אויך זענען דאָרט געשטאַנען עטלעכע שטולן מיט אַ טישל. ביי איין וואַנט — אַן אַלטמאָדישער הענגער, אַ הערשן־קאָפּ מיט הערנער.

דאָס פּאָרצימער און די אַלע איבעריקע צימערן זענען געווען געזבוג געלופטערט און גערייניקט. קיין שטויבעלע נישט געווען צו באַמערקן, קיין סימן פון אָפּגעלאָזנקייט נישט געווען, נאָר איינס האָט זיך דאָ געפילט: אַלטקייט, אָדער פאַרעלטערטקייט. צי די רואיקייט האָט עס געבראַכט אַזאַ געפיל, אָדער דאָס וואָס אין די דאָזיקע צימערן איז ווייניק לעבן און באַ־וועגונג געווען? מען האָט זיך פון איין איינדרוק נישט געקענט באַפרייען אַן איינדרוק פון נישט היימלעכקייט, נישט צוטריטלעכקייט און האַלב־לײדיקייט. אין קאָרידאָר האָט מען שוין געהאַט דאָס פּאָרגעפיל, אַז דאָרט ווייטער אין אַלע צימערן, וועט מען קיינעם נישט באַגעגענען און קיין זאַך וועט דאָרט נישט פריען און נישט דערוואַרעמען...

אין די דאָזיקע זיבן צימערן האָבן די פאַרשטאָרבענע זיידנערס גע־לאָזט אַ סך אַלט מעבל — אפשר האָבן עס די אַלטמאָדישע פאָטעלן מיט די אַלטע ראַמען פון די בילדער געזייט אזא שטימונג? צו יעדער טיר, וואָס מיר עפענען, האָבן מיר אַ באַזונדערן ווילן. צו די טירן פון זיידנערס וווינונג איז גיכער געווען אַן אומווילן, עס פלעגט אָפּפאַלן דער חשק צו פאַרבלייבן דאָ לאַנג.

עס האָט אויסגעזען, אַז דער יורש איז דאָ פאַרבליבן אין די צימערן, ווי אַ שומר פון אַ בית־עולם. ער זאָל דאָס היטן די ירושה...

גלייך פון פּאָר־צימער גייט מען אריין אין אַ גרויסן עס־צימער מיט א פאַרעלטערטן שפּייזע־שראַנק, מיט א קלענערער שראַנק, וואָס האָט א גלעזערנע טיר. דורך דער שויב פון דער טיר האָט מען געזען זילבערנע געשיר, קרישטאָלענע כלים און עטלעכע פיגורקעס פון פּאָרצעליי. אויף די ווענט זענען געהאַנגען בילדער אין שווערע באַגילדעטע ראַמען. א מבין

וואָלט דאָ גלייך פאַרשטאַנען, אַז וועגן די גאָלדענע ראַמען האָט מען דאָ מער געזאָרגט ווי וועגן דער קונסט פון די בילדער.

איבערן טיש — אַ ריזיקער קאַנדעלאַבער מיט אַ סך לאָמפּן. די עלעקטרישע לעמפּלעך זענען איינגעפּאַסט געוואָרן אויף די שטעלן, וועלכע האָבן פריער געדינט געווענלעכע ליכט. פון עס־שטוב האָבן דריי טירן געפירט אין די איבעריקע צימערן. איין טיר האָט געפירט צו אַ גרויסן אויפנאַמס־זאַל. צום אָנהויב, ביי דער סאַמע טיר איז געשטאַנען אַ קלאַוויר. אויפן קלאַוויר זענען געלעגן פּעק מיט נאָטן, צו וועלכע קיינער האָט זיך שוין לאַנג נישט צוגערירט. דאָ זענען אויך געהאַנגען אַ סך בילדער, אַלע אין גאָלדענע ראַמען. געשטאַנען אַ טיש, אַ קאַנאַפּקע מיט אַ האַלב טוץ שטולן. ווידער אַ שאַפע מיט אַ גלעזערנער טיר. דאָ זענען געווען זילבערנע אַנטיקן, טאַבאַק־פּושקעס, פּאַפּיראָסן־קעסטלעך, מונדשטוקן, עטלעכע פּייקעס, זילבערנע און גאָלדענע מטבעות.

אַ גרויסער טייל פון אויפנאַמס־צימער איז געווען פאַרנומען מיט גע־וויקסן. דאָ זענען געווען אָלעאַנדערס, אַ פיגוס, אַ גרופּע מירטן־ביימעלעך, ביים סאַמע פענצטער איז געשטאַנען אַ נידעריקע פּאַלמע, פּונקט ווי זי וואָלט קיין כוח נישט האָבן העכער צו וואַקסן, און ביים צווייטן פענצטער, אויף אַ באַזונדער טישעלע, איז געשטאַנען אַ רונדער קאַקטוס, גרויס ווי אַ קינדעריש קעפּל, אָבער אינגאַנצן רונד און פאַרמאַכט, מיט קורצע נאָדלען אויפן פאַרשלאָסענעם קערפּער, ווי עפּעס אַ פאַרשלאָסן שטעכעוודיק תיהלע...

דער דאָזיקער קאַקטוס איז שוין זייער לאַנג געווען אין דער משפחה. פעליקס זיידנער האָט אים געדענקט פון זיינע ערשטע יאָרן. ווען ער איז נאָך אַ יינגל געווען, האָט ער געהערט פון דער מוטער זיינער, אָדער פון דער באָבען, אַז דער פאַרמאַכטער, רונדער קאַקטוס בליט איין מאָל אין הונדערט יאָר. אַזוי האָבן מענטשן גערעדט וועגן דעם געוויקס, אָבער דאָס געוויקס אַליין האָט געשוויגן און קיינער האָט נישט געוווסט, וויפל דער קאַקטוס איז אַלט און ווען זשע וועט שוין קומען די גליקלעכע צייט פון זיין בליען?

אין דער לעצטער צייט האָט זיידנער אַלץ אָפטער געוואָרפן זיין בליק אויף דעם טישעלע, ווו דער קאַקטוס איז געשטאַנען. אומבאַוווסטזיניק האָט ער געקוקט אויף דעם רונדן געוויקס און סוף־כל־סוף באַשטימט ביי זיך, אַז עס איז עפּעס פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן אים מיט דעם קאַקטוס:

ביידע זענען זיי פארשלאָסן... און ביידע וועלן אפשר בליען איין מאָל אין הונדערט יאָר. ער האָט שוין צופיל אָנגעקוקט דעם קאקטוס: ער ווערט נישט עלטער און ער ווערט נישט יינגער. אזא קנויל פון אָפּגעזונדערטקייט און שווייגעניש. דאָס געוויקס האָט אינעווייניק ביי זיך אין האַרץ אויך אַזאַ קנויל פון אָפּגעזונדערטקייט און שווייגעניש. דאָס געוויקס האָט אים גערייצט און דענערווירט. געוועזן אפילו אַ צייט, ווען ער האָט עס שוין גע־האַט באשלאָסן אַרויסצוּוואַרפן פון צימער, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ באַשלוס. סוף־כל־סוף איז דער קאקטוס דער איינציקער קעגנ־שטאנד, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט אין זיינע צימערן.

פון אויפנאמס־צימער האָט אַ טיר געפירט אין שלאָף־צימער. דאָ זענען געשטאַנען מאָדערנע צוויי בעטן, צוויי נאַכט־טישלעך און אַ קליידער־שאַנק. דאָס שלאָף־צימער איז נישט געווען ענלעך צו די איבעריקע צימערן. יענע זענען געווען אין אַלטן סטיל, אָדער סטיללאָזיקייט. דאָס שלאָף־צימער האָט דאָ אַריינגעבראַכט סעלא. זי האָט געוואָלט די גאנצע שטוב איינריכטן אויף אַ מאָדערנעם אופן, אָבער דערווייל האָט זי זיך אויף דעם מאָדערנעם אופן אָפּגעגט...

פון עס־צימער האָבן טירן געפירט אויך אין די איבעריקע צימערן. דאָרט זענען געווען: „דעם טאַטנס קאבינעט", דאָס „קינדער־צימער". אין טאַטנס קאַבינעט זענען געווען שענק מיט ספרים און פעסטע לעדערנע איינבונדן. דער אַלטער זיידנער האָט נישט ליב געהאַט קיין בוך, וואָס האָט אויף זיך נישט געהאַט קיין לעדערנעם איינבונד. ער איז געווען גענוג געבילדעט, נאָר געלייענט האָט ער נישט, ווייל ער איז געווען אַ פאבריקאַנט, געווען שטענדיק פארנומען. איז אויב מען האָט שוין ביכער אין שטוב און אויב מען לייענט נישט די ביכער, טאָ זאָלן זיי כאָטש זיין שיין איינגעבונדן, וועט זיין אויף וואָס צו קוקן. ווען פעליקס זיידנער איז נאָך יונג געווען, פלעגט ער אָפט גוטמוטיק שפּאָסן פון טאַטן:

— צו וואָס דאַרפסטו ביכער, ווען דו לייענסט גאָרנישט?

— איך וועל עלטער ווערן, וועל איך זיך אַרויסציען פון די געשעפטן און דעמאָלט וועל איך לייענען...

דער פאָטער איז עלטער געוואָרן און צו די ביכער ביזן טויט זיך נישט צוגערירט. זיידנער שמייכלט צו זיך אַליין, ווען ער דערמאַנט זיך אזעלכע שמועסן פון זיין יוגנט. ער איז אין דער הינזיכט נאָך ערגער פון זיין

טאַטן, ער לייגט אפילו נישט אָפּ אויף שפּעטער דאָס לייענען, קיין זאַך גייט אים נישט אָן.

אין די זיבן צימערן האָט געוווינט איין מענטש — זיידנער. אין קיך האָבן אָבער געאַרבעט פאַר אים צוויי דינסטן. זיי האָבן זייער ווייניק גע־האַט אַרבעט. זיי איז אויך לאַנגווייליקער געווען ווי דעם באַלעבאָס פון די זיבן צימערן.

אָט אַזוי זענען געגאַנגען חדשים און אַזוי זענען אַוועק יאָרן. פון גע־וווינהייט האָט שוין זיידנער נישט געזען די טרעפּ, אויף וועלכע ער איז געגאַנגען, ער האָט זיינע צימערן נישט געזען. איינטאָניק זענען געווען די טעג און די נעכט, איינטאָניק די אייגענע היים. בלויז דאַן, ווען אין די הענט פלעגט אַריינפאַלן אַ נייער מוסטער, וועלכן מען קען גוט אויסנוצן, דאַן פלעגט ער אויפלעבן מיט זיין גאַנצן פלייס און איבערגעגעבנקייט.

און וואָס איז דער לוין דערפאַר?

זיידנער האָט נישט געוואָלט טראַכטן, די דינסט פלעגט אָפּשטויבן דאָס מעבל פון זיינע צימערן און ער אַליין פלעגט אָפּט טרייבן די געדאַנקען פון זיך, נישט געלאָזט זיי זאָלן זיך אָנזאַמלען צופיל און נישט דערלאָזט, זיי זאָלן עפּעס פאָדערן פון אים...

וואָס איז דער לוין פון דער גאַנצער אַרבעט? געלט? ער האָט שוין געהאַט גענוג געלט, וואָס האָט געקענט סטאַיען פאַר איין מענטש אויף עטלעכע לעבנס. אָבער ווען מען טראַכט אַריין, פאַרשטייט מען אַביסל אין וואָס עס גייט: די אַלטע אַמביציע פון יעדן איינעם, דער געוואַלדיקער ווילן איבערצושטייגן די אַנדערע. הע־הע! אים, זיידנערן, האָט זיך איינ־געגעבן. אַלע זענען אין עכטן סעזאָן דורכגעפאַלן, נאָר אים איינעם האָט עס אָפּגעגליקט.

וואָס פאַר אַ גליק איז דאָס?

פאַר וועמען שטאַלצירט מען? פאַר די קבצנים, אָדער פאַר דעם אויפ־געקומענעם בערעק פוסבאַנק?

אַזעלכע געדאַנקען קומען אָפּט און זיידנער פלעגט זיי יאָגן ווי נישט געבעטענע געסט און די נישט געבעטענע געסט קומען אַהיים אין זיינע זיבן צימערן. אין קאָנטאָר ביי אים האָבן זיי זיך נישט דערוועגט אַריינ־צוקומען. דאָ אין די רואיקע צימערן גנבענען זיך די געדאַנקען נענטער און נענטער... וואָס וועט זיין פון אַ פלייסיקן פאַבריקאַנט, ווען זיי וועלן אים באַזיגן? ער האָט זיך אָפּגעהיט פון טראַכטענישן, ווי פון אַ סכנה...

די זיבן צימערן האָבן געוואַרט אויף איין מענטש. די ווייכע דיוואַנען האָבן געוואַרט אויף זיינע טריט. די שפּיגלען האָבן געוואַרט אויף זיין געשטאַלט, דער גרויסער זייגער אין עס־צימער האָט געוואַרט אויף דעם מענטש, פאַר וועלכן ער דאַרף אויסקלאַפּן די סעקונדן און די שעהען, נאָר דער מענטש פלעגט דאָ קומען בלויז אָפּעסן, בלויז זיך אויסשלאָפן און דערנאָך אַוועקגיין מיט זיין אייביקער שווערקייט. ער האָט זיין היים נישט געזען, ער האָט זיך אליין נישט געזען.

איין זאַך האָט ער יאָ אָפּגעהיט, דאָס איז געווען זיין אויסערלעך אויסזען, זיין בגד האָט געמוזט זיין ריין און פיין. האָט מען נישט פאַרשטאַנען, צי דאָס איז ביי אים אַזאַ עסטעטישע נויטווענדיקייט, אָדער ער האָט עס געטון צוליב דעם, ווייל עס איז נויטיק צום געשעפט: זאָל ער נישט אויסזען ווי קיין קבצן, פאַר קבצנות האָט מען נאָך קיינמאָל קיין דרך־ארץ נישט געהאַט...

דאָ און דאָרט האָט מען אים צופעליק געזען. זיין אויטאָ פלעגט זיך אָפּשטעלן, ער גייט אַרויס, דער יחסן, עלעגאַנט, פיין און רואיק. מענטשן גייען פאַרביי, איינער דעם צווייטן ווייזט אָן: „זיידנער!" מען קוקט אים נאָך. ער באַמערקט עס און פרעגט זיך אליין: „צי האָט מען עפּעס פון דעם, וואָס די גאַס קוקט אויף דיר?"

מיט מענטשן האָט ער קיין סך נישט גערעדט. האָט ער זיך אליין אָנגעהויבן שטעלן פראַגן... ער האָט צופיל אָנגעהויבן רעאַגירן אויף קליינינקייטן, אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט פריער גאָרנישט באַמערקט. אינעווייניק האָט עפּעס געבריזט און געבונטעוועט...

פיזיש איז ער געווען געזונט, נאָר איינמאָל האָט ער זיך צוגעקילט און איז צו פרי אַרויס אין גאַס, האָט ער געכאַפּט אַ געשוויר אין האַלדז און געמוזט אָפּליגן זעקס וואָכן אין דער היים. פאַר דעם אייביק פאַרנומענעם פאַבריקאַנט זיידנער, איז דאָס געווען זייער אַ שווערע זאַך. ביי זיין גאַנצער פעסטער רואיקייט, האָט ער זיך דאָך אַ סך דענערווירט. ער פלעגט קלינגען אין קאַנטאָר, וואָס ביי דער פאַבריק און אויספרעגן וועגן אַלע קלייניקייטן. ווען ער האָט שוין געענדיקט דעם שמועס, פלעגט ער גאַנץ אָפט דאָס טעלעפאָן־טרייבל נישט אַוועקגעלייגן, נאָר זיך צוהערן: אין פאַבריק־קאַנטאָר איז דערגאַנגען דער גערויש פון אַזוי פיל וועב־שטולן, אַ טויבער ווייטלעכער אָפּקלאַנג פון די באַוועגלעכע וועב־שטולן איז דער־

גאַנגען צו זיינע אויערן. דאָס איז געווען פאַר אים אַ זיסער אָפּקלאַנג. זיינע וועב־שטולן!...

און טאַקע בלויז פאַר די וועב־שטולן האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער געזונט ווערן. אויב ער וועט צו לאַנג קרענקען, קען דאָס אַלץ אונטערגיין, אָבער ווען ער וועט געזונט ווערן, דעמאָלט האָט ער שטאַרקע פּלענער... ער וועט זיי ווייזן, די אַלע לאָדזשער פאַבריקאַנטן, וואָס מען קען נאָך אין לאָדזש אָפּטון...

שפּעטער, ווען אים איז בעסער געוואָרן, איז ער נאָך אויף צוויי וואָכן פאַרבליבן אין דער היים. דעמאָלט האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אין זיין שלאָף־מאַנטל איבער די זיבן צימערן. זיין שטוב, זיין טאַטע־מאַמעס שטוב... אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט עס איצט אַנטדעקט צום ערשטן מאָל. אין זיין קינדער־צימער איז נאָך געשטאַנען זיין בעטל, אפילו אַ טייל שפּילצייג איז נאָך דאָ פאַרבליבן פון די קינדערישע יאָרן. ביכלעך מיט גרויסע, קאָלירטע בילדער פון חיות און פייגל. ער האָט זיך קוים־קוים דערמאַנט אַלס קינד, אַלס שילער, אַלס שפּילער אין פוטבאָל. דאַכט זיך, אַז ער איז דעמאָלט געווען אַ רירעוודיקער, אַ לעבנסלוסטיקער. און איצט איז ער אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, אין דער פאַבריק, אין יאָגן זיך נאָך אייגנטום... ווערט ער כמעט ווי בייז אויף זיך און וויל וועמען אויף צו להכעיס טון. נעמט ער און זעצט זיך אַוועק אויף זיין קינדעריש בעטל, פונקט ווי ער וואָלט מיט דעם זאָגן:

— קוקט זיך איין, ווי איך מאַך זיך נאַריש, איך, זיידנער, דער גרויסער פאַבריקאַנט.

ער נעמט איינס פון זיינע אַמאָליקע שפּילצייגן, אַן אָנגעשטאָפּט בערעלע און לייגט אוועק צו זיך אויף די קני און קוקט אין בערעלעס גלעזערנע אויגן:

— האָ! גאָרנישט... אוועק העכער פערציק יאָר און גאָרנישט. אַמאָל האָב איך זיך געשפּילט מיט דיר און היינט שפּיל איך זיך מיט מוסטערן פאַר מיינע וועב־שטולן... ניין, היינט שפּיל איך זיך נישט, היינט בין איך אַ גרויסער פאַבריקאַנט. מענטשן שאַצן מיינע קאַפּיטאַלן און איך ווייס נישט, וואָס איך האָב פון דעם...

ער האָט אין זיינע צימערן געזוכט דעם נעכטיקן טאָג. ער האָט געזוכט אַ שותף צו זיין היינט און צו זיין מאָרגן...

כסדר געבלאָנדזשעט אין די צימערן פון זיין נעכטן. אין קינדער־צי־מער און ווידער אין פאָטערס קאבינעט. צוגעגאנגען איז ער צו דער שאנק מיט די ביכער און אַרויסגעצויגן אַ ספר אין א לעדערנעם איינבונד, אריינ־געקוקט, איבערגעלייענט עטלעכע שורות און דערביי זיך דערמאנט, אז אין די יונגע יאָרן האָט ער אַ סך געלייענט, אָבער אין דער לעצטער צייט, שוין א פופצן, אָדער א זיבעצן יאָר האָט ער קיין בוך אין דער האנט נישט גענומען און אויסגעאַרבעט האָט זיך ביי אים אַ מיינונג, אז מענטשן שאַפן ווערק און גיבן עס אַרויס אין בוכפאָרם, נאָר מען זאָל עס אַריינשטעלן אין שאנק. ער האָט געעפנט די שופלאָדן פון טאטנס שרייב־טיש און דאָרט געפונען אַלטע בריוו, אַלטע חשבונות און פאַרפליכטונגען פון פאַרשידענע סוחרים. די אַלע פאפירן האָבן שוין איצט קיין ווערט נישט געהאַט. אָבער די פאפירן זענען געלעגן אין אָרדענונג. יעדעס פאפיר אין א קאָנווערט מיט די נויטיקע באמערקונגען און אָנווייזונגען... דעם טאטנס פאפירן... וואָס פאר א וויכטיקע ערנסטקייט עס האָט געטראָגן פון זיי. און אין דער רגע איז אים אומגעריכט באפאלן א רחמנות אויף דעם פארשטאָרבענעם טאטן. צוליב וואָס האָט ער אַזוי אָפּגעפּטרט אַ לעבן? ער, זיידנער, האָט זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אז אין דער זעלבער צייט, וואָס ער באַדויערט דעם פאַרשטאָרבענעם, באדויערט ער שוין אין דער זעלבער צייט זיך אליין. דער אַלטער האָט פון קיין אָפּרו נישט געוווסט... בלויז קארלסבאַד. איינמאָל אין יאָר פלעגט ער פאָרן שווענקען די קישקעס און מיט דעם האָט זיך אלץ געענדיקט.

דער פאָטער זיינער איז אויך אַזוי געווען פאַרטון אין דער פאַבריק פונקט ווי ער, פעליקס. אפילו דאַן, ווען ער איז שוין געלעגן געפערלעך קראנק, האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— די פאבריק, די פאבריק...

ער האָט לייכט אויפגעציטערט, ווען ער האָט געדאַנקלעך דערזען דעם טאטן אויף זיין געלעגער מיט די דארע הענט, מיט די איינגעפאלענע אויגן. ער איז איצט געווען אליין מיט זיך, זיידנער, אליין מיט זיך אָן זיינע גע־שעפטן, ער האָט געהאַט א סך צייט און ער האָט אַ סך געטראַכט וועגן זיך, וועגן אַנדערע, וועגן לעבן. אין איין טאָג האָט ער איצט מער אי־בערגעטראַכט, ווי פריער — אין אַ יאָר אַ גאַנץ.

ער האָט זיך איצט דערמאנט זיין יוגנט־חבר אַלקער. דער אינזשי־ניער אַלקער פלעגט אים שטענדיק שטראָפן, אז מען טאָר זיך אזוי נישט

אָפּגעבן צו איין זאך — ווייל מען פארליִרט דעמאָלט אלע איבעריקע זאכן.
דער אינזשיניער אָלקער האָט א ווערטל:
— דאָס לעבן איז בילכער. .
דאָס לעבן איז בילכער פאַר אַלע פאַבריקן. פאַר אַלע אַמביציעס, פאַר אלע יאָגענישן נאָך רייכקייטן. אביסל פרייהייט און אביסל פרייקייט, גוט־מוטיקייט און זאָרגלאָזיקייט.

ווען האָט ער, זיידנער, פאַרזוכט פון די זאַכן? ער האָט זיך געשטעלט אַ סך פראַגן וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן. ער האָט זיך באַשולדיקט אַז ער האָט געזינדיקט קעגן זיך אַליין, אַז אַ סך פון זיינע יאָרן זענען אַוועקגע־גאַנגען אין אַ בייז געיעג. ער האָט געוואָלט איבערשטייגן אַלע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט קיין געמיינזאַמעס נישט געהאַט. ער האָט זיי געוואָלט איבערשטייגן אין ריינקייט און איצט האָט ער זיך דעם ערשטן מאָל גע־שטעלט די פראַגע: ווי וואָלט עס אויסגעזען, ווען ער פאַרמאָגט אַלע וועב־שטולן אין לאָדזש, וועט עס שוין גענוג זיין צום גליק?

10

געראַנגל

שפּעטער, ווען ער איז שוין אינגאַנצן געזונט געוואָרן און ער איז צוריק אַריין אין דעם יאָך פון זיינע געשעפטן, האָט ער זיך געוואָלט מאַכן נישט וויסנדיק וועגן די געדאַנקען, וועלכע זענען צו אים געקומען בעת זיין קראַנק זיין...

אָבער „ער" האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן. „ער" האָט ביי זיידנערן געהייסן דער געדאַנק, דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט אים געבראַכט דעם ספק אין זיין זיכערקייט.

„ער"...

זיידנער האָט וועגן אים געטראַכט, ווי וועגן אַ פּערזאָן, וואָס גייט אים שטענדיק נאָך. פאַר זיידנערן איז נאָך נישט קלאָר געווען, צי דער „ער" איז אים אַ געטרייער פריינט, אָדער גאָר אַ ווויסטער שונא. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם „ער" און דאָך האָט ער זיך צוגעהערט צו זיין גנבישן און פאַררעטערישן אונטערזאָג. איינמאָל האָט זיידנער באַ־

דאַרפט אויפשטיין זייער פרי. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פּינקטלעך צו דער צייט, אָבער עס האָט זיך געוואָלט נאָך אַ ביסעלע שלאָפן. האָט ער געקעמפט מיט זיך אַליין: שלאָפן ווייטער, אָדער אויפשטיין? אויפשטיין, אָדער נאָך אַ ביסעלע שלאָפן? אין דעם דאָזיקן געראַנגל פון מענטש מיט זיך אַליין, אין געראַנגל פאַר אַ טראָפּן שלאָף האָט זיך פּלוצלינג „ער" געמעלדעט און נישט געבעטענערהייט זיך אַריינגעמישט אין אַ פרעמדן ענין.

„ער" האָט געהייסן שלאָפן. איבערדרייען זיך אויף דער צווייטער זייט און געשמאַק אָפּנעמען דעם צוגאָב־שלאָף.

שפּעטער האָט זיידנער גוט באַדויערט, וואָס ער האָט זיך געלאָזן צורעדן פון „אים". זיידנער האָט פאַרשפּעטיקט אַ וויכטיקע טראַנזאַקציע און אַ קאָנקורענט זיינער האָט ביי אים אויסגעכאַפּט אַ געשעפט. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך דאָס נישט געקאָנט מוחל זיין. און עס איז אים אויסגעקומען צו פירן אַ דיספּוט מיט זיך אַליין: צי האָט ער געמעגט פאַרשלאָפן? האָ! די געשעפטן זיינע פירט ער דאָך פאַר זיך אַליין, פאַר זיין וווילטאָג, פאַר זיין רו און זיכערקייט — טאָ ווו איז עס די רו און ווו איז עס דער וווילטאָג? אַז שלאָפן אַ שעה לענגער זעט אויס, ווי גנבה, ווי אַ פאַרברעכן. עפּעס איז דאָ אומפאַרשטענדלעך.

אָט אַזוי האָבן אים זיינע אייגענע געדאַנקען עטלעכע מאָל געכאַפּט אויף דער ווענדקע. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן יועגן זיך און עפּעס אַ קליין פענצטערל האָט זיך געעפנט אין זיין וועזן און פון דאָזיקן קליינעם פענצטערל האָט אָנגעהויבן אַרויסקוקן די נשמה. אַ מענטש האָט אָפּגעאַרבעט יאָרן און יאָרן און קיינמאָל זיך קיין פראַגע נישט געשטעלט...

איצט האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַנדערש.

ער האָט זיך געכאַפּט, דערוויילנאָך נישט קלאָר, אומבאַוווסטזיניק, דערווייל נאָך אָן אַ באַשטימטקייט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז פאַרשקלאַפּט. ביי וועמען? ביי דער פאַבריק, ביי דער אַרבעט, ביי זיין אייגענער פליייסיקייט, ביי זיך, אין זיך האָט ער דעם געדאַנק נישט אַנטוויקלט, נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין אַ דיספּוט מיט זיך אַליין. אויף שפּעטער אָפּגעלייגט. דער געדאַנק האָט געבוירן אַ טאָפּלטן געפיל: פּראָטעסט און מורא. אָי, אַז ער וועט אָנהויבן אַזוי צו טראַכטן, וועט עס זיין שלעכט מיט אים. דער מענטש האָט זיך פאַר זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זיין אין אַ וויכטיקן ענין. אין אַן ענין, וואָס קאָן איבערדרייען זיין גאַנץ לעבן.

אָפט בייז געוואָרן אויף זיינע אייגענע געדאַנקען און זיי געטריבן פון זיך אַליין. אָן זיין ווילן פלעגן די געדאַנקען ווידער קומען, ווי שטי־פערישע קינדער, וואָס טוען אויף צו להכעיס. זיידנער האָט נישט געהאַט קיין שותפים צו זיינע געשעפטן, האָט ער מיט די געדאַנקען אויך קיין שותפות נישט געוואָלט מאַכן, פלעגן זיי אַליין קומען, די נישט געבעטענע, און געוועזן קאָנטראָלן פון זיין אַרבעט, פון זיין טאָג און נאַכט און פון יעדן טריט זיינעם.

ער האָט געפרוווט מיט שפּאַס:

— אַ פאַבריקאַנט טראַכט נישט...

— זיידנער טראַכט נישט...

אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. ער האָט שוין געהאַט צו טון מיט זיך. פריער האָט ער פון אַזאַ געדאַנקען־אָנשיקעניש נישט געוווסט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געאַרבעט. איצט האָט ער אינסטינקטיוו דער־פילט אַ געפאַר פאַר זיין אַרבעט. אין זיין פאַרגליווערטן גלייכגעוויכט איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע.

נישט געוואָלט זיך מודה זיין און דאָך, איז מיט אים שוין עפּעס געשען: ער האָט דאָך גענומען טראַכטן. אַ ביסעלע ווייטער טראַכטן פון דער פאַבריק, אַנדערש טראַכטן ווי פריער. זייטיקע געדאַנקען זענען מיט־געגאַנגען.

ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן, ווי עס לעבן אַנדערע. ווען ער איז געגאַנגען צו זיך אַהיים, איז ער נישט איינמאָל שטיין געבליבן ביים שכנס טיר און זיך צוגעהערט: דאָרט לאַכט מען, געסט זענען געקומען, קלאַוויר שפּילט, מען זינגט און מען לאַכט.

— וואָס גייט עס מיך אָן?

האָ! ווייזט אויס, אַז עס איז אים יאָ אָנגעגאַנגען.

גאַנץ פרעמדע זאַכן שטעלן אים אָפּ: איינער, אַ צווייטער פאַבריקאַנט האָט גענומען און איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ וועלט־רייזע, אויף אַ גאַנץ יאָר האָט זיך יענער אָפּגעזעגנט מיט לאָדזש און איז זיך אַוועקגעפאָרן אין דער וועלט אַריין, ווען ער האָט זיך וועגן דעם דערוווסט, האָט ער ביי זיך אַ טראַכט געטון, אַז יענער איז אַ משוגענער. דערנאָך האָט ער זיך ווידער פאַרקלערט: פאַרוואָס אַ משוגענער? אפשר האָט ער גוט געטון? ער וועט זיך אויסרוען, ער וועט זען די וועלט און ווען ער וועט קומען צוריק וועט ער זיך מיט באַנייטע כוחות ווידער נעמען צו דער אַרבעט...

אָבער דאָך, ווי נעמט מען עס און מען לאָזט איבער אַלע געשעפטן? עס קאָן דאָך אַלץ אונטערגיין. דעם פֿאַבריקאַנט, וואָס איז אַוועק אויף אַ יאָר פֿון לאָדזש, איז ער מקנא געווען און אין דער זעלבער צייט האָט ער אים נישט איינגעביסן. דער עיקר איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט צופֿיל געטראַכט וועגן אַזעלכע פֿאַקטן. פֿריער האָט ער זיך מיט אַזעלכע זייטיקע ענינים נישט פֿאַרנומען. זיידנער איז אויך געוואָרן נענטער, צוטריטלעכער צו מענטשן. נישט געוואָרפֿן זיך קיינעם אין די אָרעמס, דאָך אַ שמייכל האָט ער געוויזן, אַ גוט וואָרט אַרויסגערעדט. לעצטנס, ווען מען פֿלעגט קומען און בעטן ביי אים אַ סומע געלט פֿאַר וועלכן עס איז צוועק, האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט, וואָס פֿאַר אַ צוועק דאָס איז, גערעדט און אויסגעפֿרעגט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער ענין האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט פֿאַבריקאַציע...

די סעדערס ווייסן צו דערציילן אַזעלכע פֿאַקטן מיט ביימער:

עס שטייט זיך אַזאַ בוים אין סאָד מיט שוואַרצע פּוסטע צווייגן. די איבעריקע ביימער אַרום, גרינען און בליען, זיי גיבן פּרוכט, בלויז דער איין בוים איז אָפּגעשטאָרבן פֿאַר אַלעמען. עס שטייט אַזאַ טויטער בוים און בלויז פֿון נאַכלעסיקייט האָט מען אים ביז איצט נישט אויסגעהאַקט... פּלוצלינג געשעט אַ נס: עס קומט ווידער פֿרילינג און דער טויטער בוים מיט די שוואַרצע צווייגן באַדעקט זיך מיט גרינס און דערנאָך מיט ווייסע בליעכץ.

— פֿאַרוואָס זאָל דאָס אויך מיט אַ מענטש נישט פּאַסירן?

אמת, דער מענטש איז קאַרגער, ווי אַ בוים. דער מענטש קעמפֿט אָפֿט קעגן זיין אייגענער גוטסקייט. מען האָט איינער דעם צווייטן איינגערעדט, אַז גוטסקייט איז אַ שוואַכקייט, ווייל ער אָפֿט טאַקע, דער בן־אדם, זיין אַ שטאַרקע חיה איידער אַ גוטער מענטש.

פֿעליקס זיידנער איז בעסער געוואָרן. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען די פֿאַרענדערונג אין אים. געווען אַזאַ פֿאַקט אין פֿאַבריק: ער איז דאָרט געקומען זייער פֿרי. די אַרבעט איז געגאַנגען מיט דעם גאַנצן ברען, פֿון לינקס און פֿון רעכטס. פֿון אַלע פֿיר זייטן האָט טעמפּ געררוישט און געהוזשעט. אַלע דאָרט, די אַרבעטער, די מייס־טערס, די מענטשן אין קאַנטאָר, אַלע זענען געווען שווייגנדיק פֿאַרנומען. זיידנער איז געגאַנגען פֿון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער און די גאַנ־צע צייט איז אים נאָכגעגאַנגען דער פֿאַרשטיקטער גערויש פֿון די מאַ־

שינען, דאָס שלייפנדיקע געלויף פון די טראַנסמיסיעס. דער באַלעבאָס איז אַרומגעגאַנגען אין זיין פאַבריק און נאָך אים איז געגאַנגען די אייביקע געהאָרכזאַמקייט און דער גוט באַקאַנטער גערויש. יעדעס שרייפעלע, יעדער טיק־טאַק פון אַ שרייפעלע איז אים באַקאַנט, יעדע באַוועגונג, יעדער שאָרך... פלוצלינג האָט זיך אָבער זיידנער אָפּגעשטעלט. ער האָט דאָ דערהערט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים געמוזט אָפּשטעלן. געווען איז דאָס לעבן דער פאַרמאַכטער שאָפּע, וואָס געפינט זיך ביי דעם הינטערשטן אַרויסגאַנג פון דער פאַבריק צווישן קאַנטאָר און דער נופּעריי. אין דער דאָזיקער שאָפּע ליגן פּעק מיט וויגאָניע און אַנדערע אָפּפאַלעכץ. פון דער שאָפּע איז געגאַנגען אַ גערויש... נישט קיין קלאַנג און נישט קיין שאָרך, פון דער שאָפּע איז געגאַנגען אַ כראָפּעריי, עמיצער איז דאָרט געשמאַק געשלאָפן. דאָס איז געווען אַ שלאָף מיט כוח, אַ הערלאַישער שלאָף. אַ מענטש האָט זיך צוגעכאַפּט צום שלאָף און דער שלאָף האָט זיך צוגעכאַפּט צום מענטש. דער שלאָף און דער מענטש, זיי האָבן זיך אַרומגענומען מיט ליידנשאַפט, מיט טעמפּעראַמענט און מען האָט זיך געלאָזן כראָפּען אויף וואָס די וועלט שטייט... אַ בער איז דאָ געקומען ווינטערן ביי אים אין פאַבריק — נישט אַנדערש, אַזוי כראָפּעט נישט קיין קראַנקער און נישט קיין נעבעכל. אַזוי שלאָפט אַ תקיף ביי זיך אין דער היים...

עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די כראָפּעריי שטייגט אַריבער די שלייפעריי פון די טראַנסמיסיעס, די הודזשעריי פון די וועב־שטולן. איבער אַלץ האָט דאָמינירט דאָס שנאָרכעריי פון איינעם. מאָמענטנווייז איז עס שטיל געוואָרן, דער שלאָפער האָט פאַרקלענערט דעם טעמפּאָ פון זיין בלאָזעריי, די נאָזלעכער זיינע האָבן זיך אָפּגערוט און אָנגעזאַמלט פרישע כוחות פאַר מגושמדיקע קלאַנגען, עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן, איצט מיט נאָך מער התמדה, מיט מער איינגעשפּאַרטקייט און זיכערקייט. אין זיך. דאַכט זיך, אַז דאָס איז נישט איינער, נאָר אַ גאַנצע מחנה האָט זיך פאַרקליבן אין דער שאָפּע אַריין און זיי פּראַווען דאָ די אמתע אָרגיע פון שלאָף און שנאָרכעריי... עס האָט נישט אויפגעהערט.

זיידנער איז געבליבן פאַרגאַפט.

ביי אים אין פאַבריק אַזאַ אומאָרדענונג! ביי אים אין פאַבריק? אַ שלאָף־צימער גאָר? דער אַלטער זיידנער, דער פאָטער זיינער, האָט זיך אויפגעוועקט אין אים. און אפשר איז ער גאָר צוליב עפּעס אַנדערש פאַרבליבן שטיין? אים האָט איבערראַשט, ווי שטאַרק און ווי געשמאַק יענער

שלאָפט אויף די וויגאַניע־פּעק... ער האָט גאַנץ געניו איבערגעלעבט יע־נעמס הנאה פון שלאָף.

דאָס איז געווען אַן אַרבעטער, וועלכער האָט געאַרבעט ביינאַכט. ער האָט זיך געפּוילט גיין אַהיים, אָדער ער איז צו מיד געווען דערצו, האָט ער זיך דאָ אַוועקגעלייגט און ער שלאָפט און כראָפּעט. זיידנער האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון דעם פּלאַץ, קיינער זאָל נישט זעען, אַז ער האָט ביי זיך אין פאַבריק געפּאַקט אַזאַ אומאָרדענונג. ער האָט דערביי גע־שמייכלט און מיט קנאה צו זיך אַליין געמורמלט...

— אַ מענטש כראָפּעט, אַ כוח פון אַ מענטשן!

כאַטש נעם און קריך אַליין אַריין אין דער שאָפע און לייג זיך דאָרט אַוועק שלאָפן...

ער האָט זיך געגנוג געוואונדערט, ווען ער איז אַרויס פון פאַבריק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווו זיין שטרענגקייט איז אַהינגעקומען. אין פאַ־בריק דאַרף די אָרדענונג אָפּגעהיט ווערן, אָבער ער טראַכט גאָרנישט וועגן דעם... אין די אויערן רוישט כסדר דאָס שנאַרכען פון יענעם אַרבע־טער, וואָס איז געשלאָפן מיט אַזאַ כוח... די וועלט האָט ער איינגענומען, דער שלאָפער.

שפּעטער, אין אָוונט, ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך ווידער דערמאָנט די שלאָף־סימפּאָניע, וואָס ער האָט פאַרטאָג אויסגעהערט אין זיין פאַבריק. ער האָט געשמייכלט און זיך האַרציק געווונטשן, אַז ער אַליין זאָל זיך אַמאָל אַזוי געזונט אויסשלאָפן. אָבער צו אים איז דער שלאָף אין יענער נאַכט אומישנע נישט געקומען. אַ צו להכעיס איז דאָס געווען. כאַטש נעם און גנבע זיך אַרויס פון רייכן שלאָף־צימער, לויף אַוועק אין פאַבריק, גנבע זיך אַריין אין דער דומפּיקער שאָפע און שלאָף, שלאָף, ווי יענער מידער אַרבעטער...

נאָר אין זיין פאַבריק איז ער ביינאַכט נישט געשלאָפן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער שלאָפלאָזיקייט ביז צוויי דעם זייגער און ווען ער האָט דערפילט, אַז דער שלאָף וועט נישט קומען, האָט ער זיך צוריק אָנגעטון און איז אַוועק אין קלוב אַריין. געטראַכט האָט ער צו שפּילן אין קאָרטן. אָבער אין „מיליאָנערסקן״ צימער איז ער נישט אַריין... עס פּאַסט נישט. מען זאָגט דאָך, אַז עס איז ערב „באַנקראָט״, דאַרף מען די מענטשן נישט אויפרייסן די אויגן.

אָבער אין געווענלעכן זאָל זענען פאַר אים קיין פאַרטנערן נישט

געוועז. די שפּיל־טישלעך זענען געווען באַזעצט און די פּאַרנומענע אַזאַרט־שפּילער האָבן אים כמעט ווי נישט באַמערקט... די פּאַרנומענע מענטשן האָבן שנעל געענטפערט אויף זיין באַגריסונג און ווייטער געשפּילט...

האָט ער זיך געזעצט ביי אַ טישל און געבעטן אַ קאָניאַק. נעבן אים האָט זיך צוגעזעצט דער פּאַרוואַלטער פון קלוב. דאָס איז געווען אַ געוועזענער סוחר, פון אַ פיינער משפחה. ווען זיינע געשעפטן האָבן זיך געענדיקט, האָבן די רייכע יחסנים זיך דערבאַרעמט אויף אים און געגעבן אים דעם פּאָסטן אין קלוב.

— שוין פיר יאָר, פּאַניע זיידנער, ווי איך קוק זיך צו צו די מאַניאַקעס. איך זאָג אייך, עס איז אינטערעסאַנט, אַ שאָד, איך בין נישט קיין פּסיכיאַטער... דאָ קאָן מען אַ סך לערנען... קוקט זיך איין, פּאַניע זיידנער.

זיידנער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען, ווי איינער פון די קאָרטן־שפּילער פון אַ ווייטערן טישל האָט געכאַפּט זיין שטול און אים אַ וואָרף געטון פון זיך. דער שטול איז שולדיק, וואָס ער פאַרשפּילט. נישט אַנדערש, דער שטול איז שולדיק.

— פּאַניע זיידנער! יעדער איינער פון זיי האָט דאָ זיין משוגעת: איינער קלאַפּט אין טיש און רופט אַרויס דעם קאָרטן־מזל, דער צווייטער דערמאָנט זיין באָבען: אפשר וועט איר זכות ביישטיין, איינער שרעקט זיך פאַר דער אַכטעלע „טרעף" און דער צווייטער ווערט טרויעריק, ווען ער באַקומט דעם אונטער „פּיק". איך קען זיי שוין אַלעמען. קיין דרך־ארץ האָב איך נישט צו זיי, נאָר רחמנות רופן זיי אַרויס.

זיידנער האָט מיד אויסגעהערט און געשמייכלט:

— איך שפּיל אויך...

איר זייט נישט דער אמתער שפּילער, איר שפּילט זיך בלויז אין די קאָרטן, איר ברענט אָבער נישט... איר האָט נאָך נישט געזעען, ווי ביי אַנדערע ציטערן די הענט, די אָדערן טאַנצן, די ליפּן קרימען זיך אויס ביי זיי. איר האָט געדאַרפט זען אינדערפרי, ווען מען גייט אַוועק פון די טישלעך. די פּנימער בלייך, די האָר צעשויבערט. אינדערפרי, באַגינען, זעען זיי אויס ווי מערדער, מען איז איינער דעם צווייטן אַ בלוטיקער שונא. דער געווינער איילט זיך וואָס שנעלער אַוועקגיין מיט זיין געווינס, און דער פאַרשפּילטער שוויגט מיט אַזאַ כעס... אָפט האָב איך מורא, עס זאָל עפּעס נישט פּאַרקומען.

— וואָס קאָן דאָ פּאַרקומען? — פרעגט זיידנער.

— אַלץ איז מעגלעך — מאָרד, זעלבסטמאָרד, האַרץ־שלאַג.

פון ווייטן טישל הערט מען שרייען:

— האַ! איך האָב דיר געזאָגט, אַז דער שטול איז שולדיק, האַ! איך האָב גענומען די „פוליע״! האַ!

און דער מאַניאַק האָט זיך אומגעדרייט און געגלעט דעם שטול אויף וועלכן ער איז געזעסן, דער שטול, וועלכער האָט אים געבראַכט מזל...

זיידנער האָט זיך צוגעקוקט און גענומען לאַכן. מיט מענטשן איז גוט, זיי מאַכן לאַכנדיק און פון לאַכן קומט אַ בעסערע שטימונג, טרינקט ער נאָך קאָניאַק און שפּעטער דערפילט ער, אַז ער איז מיד און ער האָט דאָך אַ היים, אַ בעט, גייט ער שלאָפן. איצט וועט ער שוין שלאָפן אויף זיכער...

ליגט ער דערנאָך אויף זיין געלעגער און טראַכט פון די קאָרטן־שפּילער, און פון די מאַניאַקעס, וועלכע זיצן גאַנצע נעכט ביי די טישלעך. ער שמייכלט צו זיך אַליין...

— מיט מענטשן איז גוט, זיי מאַכן לאַכנדיק... מיט דער פּראָזע שלאָפט ער איין און אין אַ נאַכט אַזאַ חלומט זיך אים ווייניקער ווי אַלע־מאָל די פאַבריק. זייטיקע פרעמדע ענינים טרייבן אַרויס די וועב־שטולן פון זיינע געדאַנקען, פון זיין שלאָף און רו...

אינדערפרי גייט ער ווידער צו זיין אַרבעט, אָבער ווען ער קאָנ־טראָלירט זיך, פילט ער, אַז ער קומט שוין נישט אין זיין קאַנטאָר מיט דעם אַמאָליקן ערנסט און מיט דער אַמאָליקער איבערגעגעבנקייט... און קיין צו שטאַרקע זאָרגן האָט ער נישט פון דעם.

11

ליזא איליטאָוויטש

דער פאַבריקאַנט זיידנער האָט זיך קיינמאָל עפנטלעך נישט באַרימט מיט זיינע געלונגענע געשעפטן. ר׳האָט זיך אויך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, ווען ער האָט פאַרלוירן. ווי יעדער איינער האָט ער ליב געהאַט די אָנער־קענונג, אָבער אַזאַ אָנערקענונג, וואָס קומט נישט געצוווּנגענערהייט, אָן חניפה און אונטערטעניקייט. דאָס איז די באַלוינונג פאַר אַרבעט, פאַר

דרייסטקייט און מוט, אָבער ווען מען צווינגט עמיצן, ער זאָל דיר כבוד אָפּגעבן, דאָס איז איינע פון די ערגסטע זאַכן, דאָס איז מיאוס און נאַריש. שטאָלץ זיין פון אַזאַ כבוד קאָן בלויז זיין אַן איינגערעדטער נאַר. דאָס איז דאָך פּונקט אַזוי, ווי מען נעמט אַ הונט און מען צווינגט אים זיך צו שטעלן אויף די הינטערשטע לאַפּקעס. דער הונט האָט מורא, פאָלגט ער...

מיט די מענטשן פון זיין פּערסאָנאַל האָט ער זיך געהאַלטן זאַכלעך און ערנסט און דאָס האָט ביי אַנדערע אויסגעזען, אַז ער איז אַ ביסל שטרענג, כאָטש די אָנגעשטעלטע זיינע האָבן שטענדיק מודה געווען, אַז ער איז אַ גוטער באַלעבאָס. אַלנפאַלס האָט ער זיך קיינמאָל נישט גע־גרויסט מיט דעם, וואָס ער איז באַלעבאָס. דאָס האָט קיינער נישט באַ־מערקט...

אָרדענונג און פּינקטלעכקייט האָט ער געשעצט. ער איז אַליין געווען זייער פּינקטלעך. נאָך איין אייגנשאַפט האָט ער געהאַט: וועגן זיינע פלענער האָט קיינמאָל קיינער נישט געוווסט. ער האָט ליב געהאַט אַליין אַלץ צו באַטראַכטן, אויסהאָדעווען אַ פּלאַן און דערנאָך שטעלן אַלעמען פאַר אַ געשעענעם פאַקט. פון דעם האָט ער געהאַט זיין הנאה...

אין זיין פּערסאָנאַל איז דער עלטסטער געווען דער בוכהאַלטער, אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, אַ ייד פון ווילנער קאַנט, וועלכער איז נאָך אַלס יינגל געקומען קיין לאָדזש. אין דעם רוסישן פּאַס זיינעם איז ער געווען פאַרשריבן „גערש איליטאַוויטש", דאָך נישט געווען איז ער קיין „גערש". געהייסן האָט ער הערשל, אין לאָדזש איז ער געקומען זוכן אַרבעט, נאָכ־דעם, ווי ער איז לאַנג געווען עקסטערן און איז דורכגעפאַלן מיט זיינע עקזאַמענס. פון פאַרצווייפלונג האָט ער אויף אַלץ אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און איז אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטן צו פעליקס זיידנערס פאָטער, שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע. דער הערש איליטאַ־וויטש איז געווען זייער אַן איבערגעגעבענער בוכהאַלטער, זייער אַן אָרנטלעכער און האָט זייער געהאַלטן פון בילדונג. אין לאָדזש האָט ער חתונה געהאַט און אויסגעהאָדעוועט זעקס קינדער. דער איליטאַוויטש איז אפשר געווען דער איינציקער בוכהאַלטער אין דער גרויסער פאַבריק־שטאָט, וועלכער האָט געטראָגן אַזאַ גרויסע באָרד. הויך איז ער געווען, ברייט, אימפּאָזאַנט און גערעדט האָט ער שטענדיק וועגן בילדונג מיט יראת־הכבוד:

— „אָבראַזאָוואַניע", דאָס איז אַלץ...

פֿאַר בילדונג מעג מען טאַטע־מאַמע פֿאַרקויפֿן. האָ! האָ! בילדונג! נישטאָ קיין וויכטיקערע זאַך ווי בילדונג.

גערעדט האָט ער מיטן „ר" און גערעדט האָט ער לאַנגזאַם מיט געטאָקטע ווערטער. אויסגעזעהן האָט ער זיך אַ גאַנץ לעבן פֿאַר אַ גראַ־מאַטישן פֿעלער, ווי פֿאַר אַ שד, און קוים האָט עס ביי אים פּאַסירט, איז ער דערנאָך פֿון דעם נעכט נישט געשלאָפֿן. ווען מען פֿלעגט אַריינקומען צו זיידנערן אין קאַנטאָר, האָט יעדער איינער צום ערשטן מאָל געטראַכט, אַז נישט זיידנער און נישט קיין אַנדערער איז דער באַלעבאָס, נאָר טאַקע ער, איליטאַוויטש, מיט זיין פּרעכטיקער באָרד און מיט זיין גאַנצן פֿאַר־נעם. אָבער געווען איז ער נישט מער, ווי בוכהאַלטער, וואָס האָט פֿאַר קינדער־בילדונג אַוועקגעגעבן אַלע זיינע פֿאַרדינסטן...

ער האָט ביי די זיידנערס נישט שלעכט פֿאַרדינט. נאָר דער גאַנצער פֿאַרדינסט איז אַוועק אויף בילדונג פֿאַר די קינדער, אַזוי, אַז אויף אַנדערע זאַכן אין שטוב האָט זייער אָפֿט אויסגעפֿעלט.

דער בוכהאַלטער הערש איליטאַוויטש איז איצט געזעסן מיט פֿעליקס זיידנערן אין זיין קאַבינעט. זיידנער האָט אים ספּעציעל פֿאַרבעטן. דער בוכהאַלטער האָט געשוויגן, ער האָט געקוקט רואיק אויף זיין באַלעבאָס און געוואַרט אויף ווערטער פֿון אים. אוודאי וויל זיידנער עפּעס זאָגן וועגן דער בוכהאַלטעריע, קיין אַנדערע ענינים האָט דאָך נישט איליטאַוויטש.

זיידנער האָט אָנגעהויבן:

— פּאַניע איליטאָוויטש! עס קאָן זיין, אַז אין געשעפֿט וועלן אינגיכן פֿאָרקומען גרויסע ענדערונגען...

— וועלכע ענדערונגען?

—עס קאָן זיין, אַז איך וועל אַוועקגיין און עס קאָן זיין, אַז עס וועלן קומען אַנדערע באַלעבאַטים.

איליטאָוויטש האָט אַ צאַפּל געטון מיט זיין גרויסן קערפּער. איין האַנט זיינע איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דעם שרייב־טיש און איז געבליבן ליגן אַ פֿאַרגליווערטע. ער האָט קוים אַרויסגערעדט עטלעכע ווערטער דורך דער גראָער באָרד:

— וואָס ר'עדט איר? פּאַניע זיידנער! וואָס רעדט איר?

— איר דאַרפֿט זיך נישט איבערנעמען, איליטאָוויטש. איך וועל אַלצדינג טון פֿאַר אייך, איר זאָלט נישטליידן. אויב די פֿאַבריק וועט

בלייבן אין גאַנג, וועל איך זיך באַמיען מיט אַלע כוחות, אַז איר זאָלט אויף ווייטער זיין בוכהאַלטער און איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין...

שטיל איז געוואָרן ביי זיידנערן אין קאַנטאָר. דאָרט אין צווייטן צימער האָט מאַנאַטאָן געקלאַפּט אַ שרייב־מאַשין. דאָ לעבן טיש זענען געזעסן צוויי מענטשן און זיך אַנגעקוקט. אַ שווערע מינוט געווען פאַר זיי ביידן. זיידנער האָט רחמנות געהאַט אויף דעם אַלטן בוכהאַלטער, ער האָט גע־פילט, וואָס יענער לעבט איצט איבער: די פירמע זיידנער גייט אונטער:

די פירמע זיידנער...

פאַר איליטאָוויטשן איז דאָס געווען אַ טעמפּל. ער האָט דאָ זיין לעבן אָפּגעגעבן. ער האָט געפירט די חשבונות און ער איז שטענדיק שטאָלץ געווען אויף דער רעיעלקייט פון דער פירמע...

— אָבער זייט נישט פאַרזאָרגט, פאַניע איליטאָוויטש! איר באַדאַרפט זיך נישט איבערנעמען מער פאַר מיר, איך בין רואיק, איר זעט? איך בין רואיק...

איליטאָוויטש האָט נישט אויפגעהערט צו שטאַמלען:

— וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר? זיידנערס פאַבריק אָן זייי־דנערן, איך קאָן עס נישט פאַרשטיין...

פלוצלינג איז איליטאָוויטש רואיקער געוואָרן, ער האָט זיך פאַר־טראַכט אויף אַ האַלבע מינוט און באַלד אַ פרעג געטון:

— פאַניע זיידנער! איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט, איך ווייס דאָך, איך פיר דאָך די ביכער, איך ווייס דאָך, אַז די געשעפטן אייערע גייען נישט שלעכט.

— איר ווייסט און איר ווייסט נישט, עס זענען פאַראַן זייטיקע סיבות. ניין! איר ווייסט נישט אַלצדינג, פאַניע איליטאָוויטש! איר ווייסט אויף אַן אמת נישט אַלצדינג. איך האָב זיך פאַרפלאָנטערט אויסערן גע־שעפט מיט פּריוואַטע חובות. איך האָב געמוזט אומקערן דעם נדן מיין געוועזענער פרוי, איר קאָנט עס נישט וויסן. איך האָב פון אַלעמען מיין לאַגע באַהאַלטן און פון אייך אויך. אַ מענטש טוט אָפּ פאַרשידענע נאַ־רישקייטן — איך אויך און איצט קומט אויס אַ ביסל צו ליידן, עס מאַכט נישט, מען וועט איבערלעבן... איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: עס זענען פאַראַן זייטיקע סיבות.

דער בוכהאַלטער האָט זיך פון צער איינגעצויגן, קלענער געוואָרן און געשטאַמלט:

— עס קאָן זיין, אַז איך ווייס נישט, עס קאָן זיין...

— אָבער איר פּערזענלעך דאַרפט זיך נישט איבערנעמען. מיין פאָטער פלעגט מיר שטענדיק זאָגן, אַז איך זאָל אייך נישט פאַרגעסן, מיין פאָטער האָט אייך זייער ליב געהאַט.

איליטאָוויטש האָט ביי די ווערטער אויפגעלעבט און ער האָט געננומען רעדן מיט דרך־ארץ וועגן פאַרשטאָרבענעם זיידנער, ווי אַזוי ער פלעגט מיט אים פאַרברענגען, רעדן, דיספּוטירן און אָנפאַרטרויען זיך, דער אַלטער זיידנער פלעגט אים אָפט מיטנעמען אין זיין קאַרעטע מיט די צוויי פערד, מען פלעגט פאָרן איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס, מענטשן פלעגן נאָכקוקן...

דער אַלטער זיידנער, זיין קאַרעטע, די צוויי פערד...

דער בוכהאַלטער איליטאָוויטש האָט איצט פאַרגעסן די טרויעריקע ידיעה וועגן דער פירמע זיידנער, ער האָט זיין שרעק פאַר דער אייגענער צוקונפט פאַרגעסן, זיין גאַנצע רואיקייט איז צו אים צוריקגעקומען. די באָרד איז שטייפער און ברייטער געוואָרן, אַ קליינעקייט, דער אַלטער זיידנער! ער פלעגט זאָגן:

— הערש! מען וועט פאָרן אַ ביסל שפּאַצירן.

און אויפן וועג פלעגט מען רעדן וועגן אַלצדינג, נאָר נישט וועגן מסחר. דער אַלטער האָט ליב געהאַט, אַז איליטאָוויטש זאָל אים דערציילן וועגן אַלץ: וועגן דרייפוס־פּראָצעס, וועגן רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, וועגן ווילנע און דעם ווילנער גאון, וועגן רוסישן צאַר און וועגן פּורישקעוויטשן. איליטאָוויטש איז געווען ביי דעם אַלטן זיידנערן אַ גרויסער אויטאָריטעט און איליטאָוויטשן טאַקע האָט ער געשטעלט די פראַגע:

— איז טאַקע דיין קוראָפּאַטקין געווען אַ גאָרנישט און צוליב אים האָט דער צאַר פאַרשפּילט?

מען פלעגט פאָרן אין אַ פיינער קאַרעטע מיט דינע, גומענע רעדער און די גאַסן האָבן געטומלט... אָבער וואָס מיר גאַסן! זיידנער מיט זיין בוכהאַלטער האָבן דעמאָלט גערעדט וועגן פּאָליטיק.

זיידנער האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די זכרונות פון איליטאָוויטשן. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, וואָס דער פאָטער זיינער פלעגט זאָגן ביים טיש וועגן דעם בוכהאַלטער:

— איך האָב אים ליב, ווייל ער געדענקט אַלץ געטרוי, ער געדענקט אפילו, ווען די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, פונקט ווי ער וואָלט דערביי געשטאַנען. און אין דער קאַטש מיינער נעם איך אים מיט דערפאַר, ווייל ער האָט אַזאַ שיינע באָרד. איך פיל זיך מער יחסן, ווען מיין בוכ־האַלטער זיצט מיט מיר אין דער קאַרעטע, מען קוקט אויף אים און מען באַוווּנדערט די באָרד פון דער פירמע זיידנער...

דאָס אַלץ האָט זיך דערמאָנט איצטער פעליקס זיידנער, און זיין בוכ־האַלטער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן.

ער האָט גערעדט און זיידנער האָט דערווייל אויפגעעפנט אַ שופלאָד פון זיין שרייב־טיש, פון דאָרט אַרויסגענומען אַ קאָנווערט — דערנאָך האָט ער דאָס שופלאָד צוריק פאַרמאַכט און דעם קאָנווערט האָט ער דערלאַנגט זיין בוכהאַלטער:

— פאַניע איליטאָוויטש! דאָ האָט איר אַ סומע געלט, דאָס איז פאַר אייך...

פאַר מיר געלט? מיר קומט דאָך גאָרנישט...

— דאָס איז אַ פאַרגיטיקונג פאַר אייך, פאַר אַזוי פיל יאָרן ערלעכע אַרבעט...

— איך דאַנק אייך, פאַניע זיידנער, אָבער...

— איר דאַרפט מיר נישט דאַנקען, איך ווייס נישט, ווער וועמען עס דאַרף דאַנקען. איך וויל נאָר, איך בעט אייך, איר זאָלט קיינעם נישט דערציילן פון אונדזער פערסאָנאַל, ווייל נישט אַלעמען קאָן איך געבן אַזעלכע סומען און נישט אַלע האָבן אויף דעם פאַרדינט.

דער בוכהאַלטער האָט נאָך געוואָלט עפּעס רעדן, כאָטש ער איז גע־ווען שטאַרק צעטומלט, נאָר זיידנער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, ער האָט דערלאַנגט איליטאָוויטשן די האַנט און זייער האַרציק מיט אים זיך געזעגנט.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם דאָזיקן שמועס צווישן דעם שעף און זיין בוכהאַלטער איז זיידנער אַליין געזעסן אין קאַבינעט, ער האָט דורכגעקוקט פאַרשידענע פאַפּירן, דאָס איז געווען אין דער שעה, ווען דער פערסאָנאַל איז געווען אויף מיטאָג. מען האָט דאַן אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און עס איז אַריינגעגאַנגען אַ פריילין פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אַ ברונעטין, באַשיידן געקליידט, אַן איידלקייט איז געלעגן אויף דער גאַנצער געשטאַלט, דער בליק אַ מידער, אַ צוריקגעהאַלטענער,

קענטיק, אַז זי האָט היינט געמאַכט אַ דרייסטן טריט, פון וועלכן זי איז נאָך צעטומלט:

— גוט מאָרגן, הער זיידנער!... איך בין אילימאַוויטשעס טאָכטער, אייער בוכהאַלטערס טאָכטער...

זיידנער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאַץ, האָט געדריקט איר האַנט און געבעטן זי זאָל זיצן, אָבער זי האָט אָפּגעזאָגט:

— בלויז אויף אַ רגע בין איך צו אייך אַריינגעקומען.

— אָבער זיצט.

— עס לוינט נישט.

— ווייל איך אויך שטיין.

זי האָט זיך נישט געריכט, ווייזט אויס, אַז זיידנער וועט זיין אַזוי קאַטעגאָריש אין אַזאַ קלייניקייט. יאָ זיצן אָדער נישט זיצן, זי וועט דאָך באַלד אַוועקגיין, אָבער ווען זיידנער האָט נאָכאַמאָל געבעטן, זי זאָל זיך אַוועקזעצן, האָט זי זיך מער נישט אָפּגעזאָגט.

— איך בין אילימאַוויטשעס טאָכטער און איך בין אייך געקומען דאַנקען פאַר דער נעכטיקער איבערראַשונג, די סומע געלט, וואָס איר האָט נעכטן געגעבן מיין פאָטער... דאָס איז אַ גרויס געשעעניש אין אונדזער שטוב.

זיידנער האָט געשוויגן. ער האָט בלויז אָנגעקוקט דאָס פרייליין. זי איז געוואָרן מיד, כמעט אָנגעשראָקן, כמעט הילפלאָז אין איר האַלטן זיך און אין אירע ווערטער, און אַזוי ווי זיידנער האָט גאָרנישט געענטפערט אויף אירע רייד, האָט זי זיך אויף אַן אמת פאַרלוירן.

— נו, איך וועל שוין גיין, איר זענט דאָך פאַרנומען.

— ניין! איך בעט אייך, זיצט נאָך אַ ביסל, פרייליין אילימאַוויטש! עס איז מיר זייער אָנגענעם און ליב, וואָס איר זענט דאָ געקומען און דאַנקען באַדאַרפט איר מיר נישט, דאָס איז אַן איבעריקע זאַך, איך האָב געטון מיין געוויינלעכע פליכט און מער גאָרנישט.

— איך בין אייך געקומען דאַנקען דערפאַר, ווייל איך בין פערזענלעך פאַראינטערעסירט אין דעם ענין, איך וועל איצט האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אויף זומער און זיך אויסרוען. שוין פינף יאָר, ווי איך חלום וועגן דעם...

זיי האָבן זיך דאָ אין זיידנערס קאַבינעט צונויפגערעדט און פרייליין אילימאַוויטש האָט דערציילט, אַז זי איז אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק, זי

אַרבעט אין אַ גימנאַזיע און אויך אין פּריוואַטע הייזער. זי אַרבעט זייער פיל און אַלץ, וואָס זי פאַרדינט,* גיט זי אַוועק דער משפּחה. יאָ, זי אַרבעט א סך און עס איז שוין אמת צייט, זי זאָל זיך אָפּרוען...

פאַר דער צייט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט זיידנער באַמערקט, אַז זי האָט נישט די קינסטלעכע פאַרב אויף די ליפּן, אַז די ברעמען אירע זענען נישט אויסגעצופּט, אַז זי איז עפּעס אַנדערש, ווי די אַלע פרייליינס... און צום סוף, ווען זי האָט זיך שוין גענומען אָפּגעזעגענען, האָט ער איר פאָרגעלייגט, אַז ער וועט זי באַגלייטן. דער אויטאָ זיינער וואַרט אויפן הויף. זי האָט זיך געקווענקלט, נישט צוגעוווינט געווען צו אַזאַ אויפמערקזאַמ־קייט. צום סוף האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין זיידנערס אויטאָמאָביל, וועל־כער האָט אָנגעהויבן לויפן איבער לאָדזשער גאַסן. זיידנער האָט עפּעס גע־וואָלט פרעגן און געוואָלט עפּעס הערן, נאָר איידער מען האָט זיך אַרומ־געקוקט, איז שוין דער אויטאָמאָביל געשטאַנען ביי אַ טויער אויף דער ציגל־גאַס...

איצט האָט זיידנער באַדויערט, וואָס דער וועג איז געווען אַזוי קורץ. ער האָט אויף אַן אמת באַדויערט און אַרויסרעדן האָט ער באַוויזן בלויז איין פראַגע:

— ווי הייסט איר אויפן נאָמען, פריילין איליטאָוויטש? זאָל מען כאָטש וויסן, ווי איר הייסט...

— מיין נאָמען איז ליזאַ.

— ליזאַ איליטאָוויטש, — האָט זיידנער ווידערהאָלט און זיך גע־זעגנט לאַנגזאַם.

— מען קאָן זיך אַמאָל מיט אייך באַגעגענען?

זי האָט זיך נישט געריכט אויף דער פראַגע.

דערנאָך איז געקומען איר ענטפער:

— מיר דאכט זיך, אַז יאָ.

און שוין איז זי אין טויער און שוין איז זיידנער צוריק לעבן זיין אויטאָמאָביל. ער איז געווען צערודערט. ער האָט געטראַכט וועגן דער ליזאַ. אָט די האַלב־דערשלאָגענע און אויסגעמאַטערטע לערערין פון מאַ־טעמאַטיק האָט אים צערודערט. זי איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך אַליין דאָס נישט געזאָגט: ער האָט נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען. נאָר צען מינוט צוריק האָט ער געדריקט א דינע האַנט פון איינער, וואָס הייסט

ליזא און עס דאכט זיך אים איצט, אז ער האָט די האַנט אירע נאָך נישט אָפּגעלאָזט...

ווער האָט אים געבעטן, ער זאָל טראַכטן וועגן איר? וואָס האָט אים געצווונגען, אַז ער זאָל פּלוצלינג נעמען ציילן זיינע און אירע יאָרן? צו זיך האָט ער געזאָגט: זי איז אַלט פינף און צוואַנציק און איך זעקס און פערציק. איז וואָס, אַז זעקס און פערציק?

איז וואָס? איז וואָס?

די געדאַנקען האָבן גענומען טאַנצן און זיך נישט אָפּגעשטעלט.

דאָרט אין קאַנטאָר ביי זיך האָט ער נאָך באַדאַרפט אַ סך זאַכן צו דערליידיקן, איז זי געקומען... איליטאָוויטשעס טאָכטער. דערנאָך האָט ער איר פאַרגעלייגט זיין אויטאָמאָביל. צוליב וואָס האָט ער דאָס געטון? און ווען האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן?... קיינמאָל נישט, דערנאָך האָט ער זי געפרעגט ביים טויער, צי מען קאָן זיך מיט איר באַגעגענען... צום טייוול! צוליב וואָס האָט ער געפרעגט? האָט ער נישט אויסגעזען נאַריש ביי איר אין די אויגן און צי זעט ער נישט אויס נאַריש אין זיינע אייגענע אויגן?

ניין! נישט דאָס... נישט וועגן דעם וויל ער טראַכטן. ער וויל זיך דערמאָנען נאָכאַמאָל, ווי זי האָט אויסגעזען... די טונקעלע אויגן און טונקעלע האָר, זי באַנוצט נישט קיין פאַרב אויף די ליפּן, זי איז זייער סימפּאַטיש...

אָבער, וואָס גייט עס אים אָן?

אָט די פראַגע האָט ער זיך עטלעכע מאָל געשטעלט. צום ערשטן רואיק. דערנאָך אומרואיק. און שפּעטער שוין מיט בייזקייט צו זיך אַליין: וואָס גייט זי אים אָן?

אָבער, זי איז אים שוין יאָ אָנגעגאַנגען. אַנדערש וואָלט ער זיך נישט דערמאָנט אירע איידעלע הענט. ער האָט איצט נאָך איינמאָל דורכ־געלעבט דעם באַריר פון אירע פינגער און...

ליזאַ איליטאָוויטש... צום ערשטן מאָל האָט ער דערהערט דעם דאָ־זיקן נאָמען און שוין איז דער נאָמען אַזוי נאָענט, אַזוי וויכטיק... וואָס איז דאָס? ווי קומט עס צו אים? ער האָט האַסטיק אַ פּאָכע געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט מיט דער באַוועגונג וועלן אָוועקיאָגן די אָנ־שיקעניש...

ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער שאָפער מיט דער מאַשין וואַרט אויף אים. האָט ער נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט אין טויער, ווו די איליטאָוויטש איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

ער האָט זיך סוף כל סוף אַריינגעזעצט אין אויטאָ און זיך געלאָזט פירן.

אויף אַ רגע האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטן און באַלד זענען ווידער געקומען די זעלבע געדאַנקען און די זעלבע געשטאַלט האָט גע־שוועבט פאַר די אויגן... ווי שטיל זי איז אַריין צו אים אין קאַבינעט, ווי נישט זיכער זי איז געווען אַנטקעגן אים... מער פאַר אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן די נישט זיכערקייט אירע. ווי זאָגט אים שטענדיק אַלקער: „אַ מענטש, וואָס איז נישט זיכער מיט זיך, איז אַן אָרנטלעכער מענטש". ווען ער האָט איצט אַלקערן לעבן זיך, וואָלט ער אים דער־ציילט, אַז היינט איז אין זיין קאַבינעט אַריינגעקומען איליטאָוויטשעס דעם בוכהאַלטערס טאָכטער. זי איז אים געקומען דאַנקען פאַר אַ פאַרגיטיקונג, וואָס ער האָט געגעבן דעם בוכהאַלטער, זי הייסט ליזאַ, זי איז אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק, וועלכע אַרבעט זייער פיל אין אַ גימנאַזיע און האָט אויך פּריוואַטע לעקציעס, זי איז זייער אָפּגעמאַטערט און פריים זיך זייער וואָס זי האָט איצט די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן זיך אָפּצורוען. וווהין זי וועט פאָרן, ווייסט זי נאָך נישט אויף געווי, גיכער פאַר אַלץ וועט זי פאָרן צום ים...

זיידנער טראַכט אַזוי און זיידנער שמייכלט פון זיינע אייגענע גע־דאַנקען. אָט דער אַלקער, ווען ער וועט דערהערן, ווי ער, פעליקס, רעדט עפּעס וועגן אַ ליזע, ווען ער וועט דאָס דערהערן... וואָס וועט ער דעמאָלט זאָגן אויף דעם פאַבריקאַנט זיידנער?

— דו ביסט משוגע געוואָרן...

אָבער זאָל ער וואַרטן, דער אַלקער, ער האָט נאָך נישט אַלץ געהערט: די ליזע האָט קליינע הענט און ווען מען באַרירט אַזאַ קליינע האַנט, ציטערט מען אויף איינגאַנצן.

זאָל ער וואַרטן דער אַלקער. נאָך נישט אַלץ ווייסט ער. די איליטאָ־וויטש פאַרבט נישט די ליפּן און צופּט נישט די ברעמען. זי איז זייער באַשיידן, נישט אַנטשלאָסן...

און וואָס נאָך וואָלט ער דערציילט פאַר אַלקערן?

אָבער דער אויטאָ האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט אויף דער גאַווראָט גאַס. זיידנער איז געלאָפן עסן מיטאָג.

ער איז געווען מונטערער, ווי אַלע מאָל, און געגעסן האָט ער מיט מער אַפּעטיט, ווי אַלעמאָל...

12

אָפּגערעדט אויף זונטיק

שטענדיק, ווען דעם מענטשן איז גוט אויפן האַרצן, שיינט די זון, אָדער פאַרקערט, ווען עס שיינט די זון, איז דעם מענטשן גוט אויפן האַרצן. זיידנער האָט אינדערפרי נישט געוואָלט פאָרן מיט זיין אויטאָ. דער טאָג איז געווען זייער אַ ליכטיקער, אויף די לאָדזשער קאָטאַקאָמבע־גאַסן האָט דאָס מאָל נישט געפעלט קיין ליכט. די זון האָט באַלויכטן די גרינע טראַמוואַיען, די גרויסע פורן מיט די שטיקער סחורה, די זון האָט דורכגעשטראַלט די קנוילן רויך פון די קוימענס.

עס האָט זיך געוואָלט ביי זיך אַליין באַשטעטיקן, אַז אַלע זענען דאָ צופרידן. אפילו דער טרעגער, וואָס שלעפּט אַ פּאַק איבער זיינע כוחות — די זון קאָן אַזוי אָפּנאַרן, ווען זי באַלויכט אַלץ און אַלעמען.

ווען זיידנער איז ווידער געווען אין זיין קאַבינעט, איז דער בוכהאַל־טער מיט דער גרויסער ווייסער באָרד אַריינגעקומען עפּעס פרעגן, אָבער זיידנער האָט אים פאַרהאַלטן:

— אייער טאָכטער איז נעכטן געווען ביי מיר.

— איך האָב זי נישט געשיקט, זי איז געווען אַזוי גליקלעך, וואָס זי האָט איצט די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן און זיך אָפּרוען, אַז זי האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט איינהאַלטן, מיין ליזעטשקע.

— איך מוז אים פערזענלעך אָפּדאַנקען, דעם שעף דיינעם...

אַזוי האָט זי געזאָגט, די טאָכטער זיינע.

אין אַ ווייטערדיקן שמועס האָט איליטאָוויטש דערציילט, וואָס פאַר אַ טייער געראָטן קינד זי איז, זיין טאָכטער... זי אַרבעט פאַר דער משפחה, זי פאַרדינט, זי, אַלץ זי, זי האָט שוין חתונה געמאַכט די עלטע־רע שוועסטער און זי האָט אויך מיט אירע פאַרדינסטן געהאָלפן חתונה מאַכן די יינגערע שוועסטער, זי איז אַ פלייסיקע...

— יאָ, אָבער זי איז זייער אויסגעשעפּט — האָט זיידנער מיט אַ ווייכן טאָן אַרויסגערעדט — ווי לאָזט מען עס, אַז אַזאַ יונגע זאָל אַזוי פיל האָרעווען?

— אמת! פּאַניע זיידנער, זי איז זייער אויסגעשעפּט, אָבער דאָס, וואָס זי האָרעוועט אַזוי פיל, איז איר שולד און איר ווילן, קיינער האָט זי דערצו נישט געצוווּנגען. זי איז אונדז אַלעמען איבערגעגעבן ווי אַ קנעכט, זי האָט אַלע שעהען פון טאָג פאַרנומען, זי איז די בעסטע לערערין אין שטאָט.

דער אַלטער איליטאָוויטש האָט זיך געגרויסט מיט זיין טאָכטער און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געפילט אַ ביסל פאַרלוירן: טאַקע, זי האָרעוועט צופיל, זי ווייסט נישט און האָט קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין יוגנט. אויסער דעם איז פאַר דעם בוכהאַלטער אַבסאָלוט נישט קלאָר געווען די סיבה, וואָס דער שעף זיינער אינטערעסירט זיך אַזוי מיט זיין טאָכטער. פריער איז דאָך געווען אינגאַנצן אַנדערש, ער האָט אים ביז איצט קיינמאָל אַ וואָרט נישט געפרעגט וועגן זיין משפחה...

אין קאַבינעט איז שטיל געווען, ביידע האָבן נישט געקאָנט כאַפּן אַ פאָדעם פון אַ ווייטערדיקן שמועס, ביז זיידנער האָט זיך אויפגעהויבן:

— נו, גייט צו אייער אַרבעט, ליבער איליטאָוויטש! און זעט, אַז אייער טאָכטער זאָל אומבאַדינגט אַרויספאָרן...

— זי וועט פאָרן, איצט וועט זי שוין באַשטימט פאָרן.

דער בוכהאַלטער האָט זיך מיט דרך־ארץ פאַרנויגט און די באָרד זיינע האָט זיך צוזאַמען מיט אים אַרויסגעטראָגן פון צימער.

זיידנער איז פאַרבליבן אַליין. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט צוריק זיין רואיקייט באַקומען. די ליזאַ איליטאָוויטש איז אים געפעלן געוואָרן, נאָר מען דאַרף עס נישט אַרויסווייזן.

ער איז דאָך שוין נישט אַ בחור׳ל און ער וועט דאָך אין זיינע האַרץ־ענינים נישט זיין אָפּנהאַרציקער, ווי אין זיינע פאַבריקס־ענינים, און אַ שווייגער איז ער שטענדיק געווען... יאָ! — קודם־כל קיינעם נישט אויס־זאָגן. ער האָט שוין געוואָלט געבן דעם בוכהאַלטער זיינעם נאָך אַ סומע געלט, כדי עס זאָל אים לייכטער זיין דאָס לעבן, אים און זיין משפחה. ער האָט געוואָלט בעטן דעם אַלטן איליטאָוויטש, ער זאָל איבערגעבן אַ גרוס זיין טאָכטער, ער האָט געוואָלט אָפּטון נאָך נאַרישקייטן, אָבער גוט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן... דאָך, פון אָלקערן האָט ער ווידער גע־

טראַכט. וואָס וואָלט דער אינזשיניער אָלקער געזאָגט אויף דעם אַלעם? פאַר אים וועט ער דעם סוד נישט באַהאַלטן. אָלקער איז אַ ספּעציאַליסט אין די דאָזיקע ענינים. פון אים וועט מען אויך קאָנען הערן אַ מיינונג. ער האָט זיך געלאָזט לאַנגע מינוטן טראַכטן וועגן דער ליזאַ איליטאָוויטש. איר נאָמען און איר פאַמיליע האָבן געקלונגען אין זיינע אויערן, איר שמאָל פיגורל האָט געשוועבט פאַר די אויגן. אַ לייכטע אומרואיקייט האָט עס אים געבראַכט, נישט געוווינט געווען צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער דאָס טראַכטן האָט זיך אַליין אָנגעבעטן. דאָס טראַכטן וועגן ליזען האָט אָפּגעשטופּט די אַנדערע געדאַנקען וועגן געשעפט און עס האָט כסדר געוואָלט פאַרנעמען דעם אויבנאָן.

דערווייל האָט געקלונגען דער טעלעפאָן און אין טיר האָט מען געקלאַפּט, אין זיין קאַבינעט זענען כסדר געקומען מענטשן. ער איז ווי־דער געוואָרן דער פאַבריקאַנט זיידנער. זאַכלעך און ערנסט געענטפערט און קיינעם וואָלט עס נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז אין די חשבונות, וואָס ער האָט מיט די סוחרים, פלאָנטערט זיך איצט עפּעס אַ ליזע...

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט געטראַכט פון איר. דאָס איז געווען די ערשטע פרוי פאַר אַ סך יאָרן, פון וועלכער ער האָט אַזוי פיל געטראַכט.

געפילט האָט ער זיך מאָדנע, פונקט ווי מען וואָלט אים מיט עפּעס דורכגעברענט, דער ברען איז אַוועק, נאָר אַ סימן איז פאַרבליבן און דעם סימן זעט ער פאַר די אויגן. ער מוז וועגן דעם טראַכטן. אָוונט־צייט איז ער נישט איינגעזעסן אין שטוב, געטראַכט האָט ער, אַז ער וועט אַרויפגיין אין קלוב און שפּילן אין קאָרטן ביז פאַרטאָג, אָבער אויף דער גאַס האָט ער זיין מיינונג געביטן. אין קלוב וועט ער נישט גיין, ער קען שוין דאָרט אַלעמען, די קאָרטן־פיגורן זענען דאָרט אויסגעמישט מיט די פּני־מער פון די שפּילער מיט איין אונטערשיד, די פיגורן פון די קאָרטן בלייבן שטענדיק די זעלבע און די מענטשן באַקומען יעדע רגע נייע גרימאַסן. היינט וויל ער נישט די גרימאַסן.

ער האָט געפּרוווט טראַכטן וועגן זיינע ענינים, וועגן דער רעזיגנאַ־ציע פון צו זיין אַ פאַבריקאַנט, וועגן דעם פאַלשן באַנקראָט, וואָס ער גייט מאַכן. ער האָט אַרויסגערופן אין די געדאַנקען אַלע אַרגומענטן פאַר און קעגן זיין אַוואַנטיורע. גערעדט און דיספּוטירט אין זיך אַליין. אָבער אין דער אמתן האָט זיך איצט ביי אים אין די געדאַנקען גאָרנישט גע־

קלעפּט... ער וויל איצט נישט טראַכטן וועגן זיינע פּלענער. וואָס וויל ער יאָ? גאָרנישט. און אַז מען וויל גאָרנישט, גייט מען הין און צוריק איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס. ער איז לאַנג אַזוי געגאַנגען. ער האָט אָפּגעלאָזן זיין שטענדיקע אומאויפריכטיקייט צו זיך אַליין, אָפּגעלאָזן זיין עקשנות און זיך מודה געווען, אַז ער איז זייער איינזאַם. ווי אַזוי איז דאָס געקומען? מענטשן באַגריסן זיך מיט אים און ער באַגריסט זיך מיט מענטשן, אָבער נישט מער. פריער איז אים דאָס געפעלן געוואָרן און איצט איז זיך שוין שווער צו בייטן. ער וואָלט וועלן, עס זאָל זיין אַ ביסל אַנדערש... וואָס אַנדערש? ווי אַנדערש?

און פאַרוואָס איז דאָס היינט געקומען אַזאַ פאַרלאַנג, עס זאָל ביי אים אַנדערש זיין? צי האָט עס עפּעס אַ שייכות מיט דער באַגעגעניש, מיט דעם איליטאָוויטשעס טאָכטער?

עס וואָלט גוט געווען, ווען ער באַגעגנט איצט דעם איליטאָוויטשעס טאָכטער... דערביי נעמט ער שמייכלען: אַ ייד מיט אַזאַ גרויסער באָרד האָט גאָר אַזאַ טאָכטער, וואָס הייסט ליזאַ און די ליזאַ... יאָ, עס וואָלט גוט געווען, ווען ער באַגעגנט זי איצט. מען וואָלט אַ ביסל געגאַנגען און גע־שמועסט. ער כאַפּט זיך אויף דעם געדאַנק, אַז ער וואָלט שטאַרק וועלן, זי זאָל זיך דאָ פּלוצלינג באַווייזן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס.

ס'איז געווען אַזייגער צען אין אָוונט און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג, האָט דאָך אַ גרויסער עולם שפּאַצירט. אַ מאַי־אָוונט איז דאָס געווען. דורך די ענגע גאַסן, דורך די געסלעך, ווו עס שטייען גרויסע געביידעס פון די פאַבריקן, האָט זיך דאָך דורכ־געגנבעט דער ריח פון פרילינג, זיין פרישקייט האָט זיך דערנענטערט צו די מענטשן און זיי עפּעס אָנגעזאָגט און זיי פריילעך־אומרואיק געמאַכט. מען האָט מאַרשירט אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, מען האָט זיך אַליין אָפּגענאַרט מיט דעם מאַרשירן, ווייל מען איז צו גאָרנישט דערגאַנגען, מען איז געבליבן ביי דער ענגשאַפט...

פעליקס זיידנער האָט זיך באַגריסט פאַר דער צייט מיט עטלעכע באַקאַנטע, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט אים אַ ביסל רעדן. זיידנער האָט געטראַכט, אַז די דאָזיקע באַקאַנטע, וועלכע זענען שנעל פאַרביי אים דורכגעגאַנגען, האַלטן אים שוין פאַר אַ פאַרטיקן און עס לוינט שוין נישט אָפּצושטעלן זיך און פטרן צייט מיט אַזאַ איינעם, וואָס גייט צו גרונט. זיי האָבן דאָ, די לאָדזשער, זייער מאָראַל און זייער

גענעץ. ער איז אויך אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט, אָבער דאָס איז נישט אינ־גאַנצן ריכטיק. די פאַבריק זיינע מיט אַלע איבעריקע געשעפטן, אַלץ וועט עס אינגיכן איבערגיין צו אַנדערע און ער אַליין פרייט זיך מיט דעם געדאַנק, אַז ער ווערט פון דעם פּטור.

אָבער איצט איז ער מיד געוועזן צו טראַכטן פון זיך אַליין, פון זיינע געשעפטן און פון די גרויסע פאַרענדערונגען, וואָס ער גרייט אַליין צו פאַר זיך. פאַר די אויגן איז ווידער געקומען די... די ליזע איליטאָ־וויטש, זי האָט דורכגעשוועבט אין די געדאַנקען און אָפּגעצויגן זיידנערן פון אַלע זיינע טראַכטעניש. זיי ווינען, די איליטאָוויטשעס, אויף דער ציגל־גאַס. אויף דער גראָער ציגל־גאַס, וואָס האָט נישט קיין איין פיינעם בנין, קיין איין ביימל נישט, קיין איין ליכטיקן שוי־פענצטער — און די דאָזיקע גאַס אינטערעסירט אים איצט. די ציגל־גאַס איז אים איצט ליב געוואָרן.

מאָדנע איז דאָס לעבן. מען אַרבעט און מען שטרעבט אין אַ גרויסער שטאָט, מען טראַכט אויס פּלענער, מען קאָמבינירט מיט אָנגעשטרענגטע נערוון און עס פאַלט גאָרנישט איין, אַז אַזאַ גאַס, ווי די ציגל־גאַס, וועט פלוצלינג פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין די געדאַנקען... זיידנער האָט אַ בוכהאַלטער, ווייסט ער אַ גאַנץ לעבן, אַז דער בוכהאַלטער זיינער, דער הערש איליטאָוויטש, האָט אַ גרויסע באָרד. קריכט אים איצט די באָרד פאַר די אויגן און אונטער דער באָרד באַהאַלט זיך אַ געשטאַלט... די ליזע...

ער ווערט גוט בייז אויף זיך, וואָס ער קען זיך נישט אָפּטשעפּען פון איר געשטאַלט, אָבער די בייזקייט גייט שנעל אַוועק. אָט אַזוי... זאָל זיין, אַז דאָס איז גאָרנישט, נישט קיין געפיל און נישט קיין שטאַרק געפיל. אָבער ווער קען אים פאַרבאָטן צו טראַכטן? ער פילט זיך נישט שלעכט אין דער נעץ פון אַזעלכע קלערעניש. ער טראַכט וועגן איינער, וואָס איז זייער באַשיידן, וועגן איינער, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן.

לאַנג שפּאַצירט ער מיט „איר״, כאָטש זי איז לעבן אים נישט פאַראַן. ער שפּאַצירט צווישן אַ מחנה פרעמדע מענטשן, כאָטש צערייס זיך, פאַר זיך ווערטער פון זיי גאָרנישט באַקומען. שוין בעסער אַ ביסל טראַכטן וועגן איינער, וועלכע איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַריין פּלוצלינג אין זיין קאָבינעט...

נישט געוווינט געוועזן צו אַזעלכע סענטימענטן, דערפאַר האָט ער

זיך אַביסל געשעמט פאַר זיך אַליין, אָבער עס איז דאָך אַ טייערע זאַך, וואָס אַ מענטש קאָן זיך באַהאַלטן. זיין הארץ, דאָס איז דער זיכערער קעלער, ווו מ׳קען אַלץ פאַרשטעקן. איבעריקנס, ער וועט שוין מיט זיך דורכקומען. ער באַדאַרף בלויז פריער אַליין קאָנטראָלירן און דערגיין, וואָס דאָס איז פאַר אַ צוטשעפעניש, אָט דער סענטימענט צו דער ליזאָ איליטאָוויטש. עס וואָלט גוט געווען, ווען ער זאָל זי נאָכאמאָל באַגעגענען, אָנקוקן זי, צוהערן זיך צו איר.

אין דעם זעלבן אָוונט איז ער אַריין אין הויף פון פיעטריקאָווער הונדערט דרייצן. דאָרט זענען פאַראַן עטלעכע ביימער מיט זייער אַ סך טישלעך, מיט אַן אָרקעסטער. אויף דער קליינער עסטראַדע איז געשטאַנען אַ בלאָנדע פארבלענדעניש מיט אַ גרין קלייד. זי האָט געזונגען מיט אַ קעציש קול וועגן מענטשלעכער פאררעטערישער ליבע. זי האָט געזונגען און אַ גרויסער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט איינגעהאלטענעם אָטעם, פונקט ווי דאָס געזאַנג וואָלט זיך זיי אין האַלדז געשטעלט. די ביימער זענען געווען באַלויכטן מיט אַ סך ליכט. די בלעטער זענען פריש גרין. דער לאָדזשער שטויב האָט נאָך נישט באַוויזן זיי צו פאַרדעקן. ווען די זינגערין האָט אַראָפּגעלאָזט פון טאָן און געענדיקט זינגען שטילער, גאָר שטיל, ביז אַ צענטל קלאַנג, דעמאָלט האָט מען גוט געהערט, ווי פון וויטן קלאַפּט די אַרבעט אין אַ פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער וואָלטשאַנסקאַ, אָדער אויף א צווייטער גאַס. לאָדזש לאָזט זיך הערן אפילו ביינאַכט, אַפילו אין אזא גאָרטן, ווו מענטשן טרייבן זייער נע־בעכדיקן זומער־לעב.

זיידנער איז געזעסן אליין. ער האָט געקוקט און באַטראַכט דעם עולם און פון עולם האָט מען געקוקט צו אים. געציילטע האָבן דאָ און דאָרט אויף אים אויפגעהויבן די אויגן, אַנדערע האָבן זיך געגריסט צו אים און זיידנער האָט דייטלעך געזען, אַז זיי וויסן נישט, אויף וואָס פאַר אַן אופן זיי דאַרפן זיך איצט פאַר אים פאַרבייגן. צי איז ער נאָך אַ יחסן, אָדער ער איז שוין אויס יחסן? געלט, מאַכט... צי האָט נאָך דער זיידנער געלט? אויב נישט, טאָ זאָל ער דאָרט זיצן אויף זיין בענקל אליין און דרך־ארץ זאָל ער האָבן פאַר די, וועלכע האָבן זייערע קאַפּיטאַלן נישט פאַרלוירן. ער, זיידנער, האָט זיך געקענט דערלויבן צו שמייכלען פון די מענטשן. ער האָט יאָ געלט און אויב מיט געלט קען מען אויספירן א סך קאַפּריזן, וועט ער אויך זיין קאַפּריז אויספירן. ער וועט זיך שפּילן מיט די מענטשן,

ער וועט זיין פאַר זיי אַ קבצן און לאַכן וועט ער פון זיי, ווי א גביר...

בייז איז זיידנער נישט אויף קיינעם. זיי מעגן אים פיינט האָבן, אָדער ליב האָבן; זיי מעגן אים לויפן אנטקעגן אָדער אויסמיידן... ער איז שוין אַ קאַפּעטשקע גלייכגילטיק, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פון די אַלע פאַבריקאַנטן און סוחרים פרייוויליק אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך אויסגעשלאָסן פון זייער חברה און איצט זיצט ער פון ווייטן מיט אַ שמייכל... עס איז פאַראַן וואָס צו שמייכלען, ער האָט פריער זיך אַליין נישט געזען און זיינע קאָנקורענטן נישט געזען, ער איז געווען פאַרשלאָסן אין זיך, אַזוי ווי דער פאַרשלאָסענער קאַקטוס אין צימער ביי אים. איצט קוקט ער צו די טישלעך, ווער מיט וועמען עס זיצט, ווער וועמען עס גריסט פריער און אויף וועמען מען קוקט מיט רעספּעקט. יעדער „פירשט" פון דער מאַנופאַקטור האָט דאָ זיין סוויטע און זיין קאַמאַריליע...

פריער האָט ער דאָס נישט באַמערקט, איצט שעפּט ער נחת, ווען ער קען אביסל גרינגשעצן די אַלע, וועלכע זענען דאָ אַזוי אָנגעזען און מעכטיק. זיי האָבן קרעדיט, די אַלע גרויסע און זיכערע פאבריקאנטן, זיי האָבן פאַרמעגנס און פאבריקן... געלט און סחורה קען מען זיי באָרגן און פאַרטרויען. אָבער וועמען פון זיי קען מען אָנפאַרטרויען א וואָרט, אַ געפיל, אַן איבערלעבונג?

אפשר דעם בערעק פוסבאנק?

ער איז דאָ אויך פאַראַן אין גאָרטן. זיידנער זעט יעדע פאָר מינוט, ווי זיין צו גרויסער קאָפּ מיט די ארויפגעשפּרונגענע אויערן הויבט זיך אויף. ער טראָגט זיך פון טישל צו טישל. דאָ שטייט ער אביסל און דאָרט זעצט ער זיך צו. אומעטום האלט ער אָפן דאָס מויל און לאַכט, מען לאַכט מיט אים מיט... אָט דער פאַרשוין איז מיט אלעמען אויפגעטראָגן, ער ווייסט וועגן אלץ און פּלאַפּלט וועגן אלץ.

ער איז אַ פלאַכער, אויפגעקומענער גביר, פלעבעאיש גראָביונגעריש. אויסערלעך זעט עס אויס, אַז די געזעלשאַפט האָט אים פיינט, און וויל אים נישט איינשלינגען אין איר סביבה. בערעק ווערט גרינגגעשעצט, אָבער זיין רייכקייט שטייגט און די גרינגשעצונג צו אים פאַלט... מען ווערט צוגעוווינט צו זיינע אייזלשע אויערן. עס קען זיין, אז ער וועט זיך אויסגלייכן מיט די אלע און אפשר וועט ער נאָך אלעמען אריבערשטייגן. אָבער דערווייל איז ער נאָך אַ שקלאַף, דער בערעק. ער האָט פון ווייטן דערזען זיידנערן און זיך פאַרבויגט פאר זיך, ווי אַ שקלאַף בייגט ער זיך פאר א האר.

זיידנער האָט באַטראַכט דעם עולם און אויף יעדן פּנים האָט ער אַרויפגעלייגט אַ באַזונדער שטעמפּעלע. ער האָט אָפּגעשאַצט און אָפּגעשטעמפּלט איין טישל קאָווע־טרינקערס, און דאַן גלייך איבערגעטראָגן זיינע אויגן אויף אַ צווייט טישל.

ער איז געזעסן אַליין, געוועזן גוט און רואיק געשטימט, האָט ער זיך אויסגעקליבן אַזאַ באַשעפטיקונג: באַטראַכטן און טאַקסירן די אַנדערע...

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אַלקער האָט זיך באַוויזן אין גאָרטן:

— האַ! פעליקס... וואָס טוסטו דאָ?

— דאָס זעלבע, וואָס אַלע. איך זיץ אויף אַ שטול און קוק אויף אַלע מענטשן... און דו? פון וואַנען אַזוי שפּעט?

— פון קינאָ. געקומען דאָ זען פּנימער. אַ גרויסער עולם אין גאָרטן. אָבער וואָס קוויטשעט זי אַזוי, די זינגערין?

— זאָל זי קוויטשען, זי באַקומט דערפאַר צען זלאָטיס מיט אָונטברויט. יעדער מוז דאָך לעבן...

— ביסט געוואָרן אַ גרויסער מענטשן־פריינט, פעליקס!

— ניין! איך האָב אָנגעהויבן זען, וואָס אַרום מיר טוט זיך. איבערמאַכן וויל איך דאָ גאָרנישט, נישט איך האָב רעזשיסירט די וועלט מיט איר אָרדענונג, אָבער א צושויער אין טעאַטער מעג איך דאָך זיין.

— ווידער פילאָזאָפיע...

— זאָל זיין אַזוי, אָבער וואָס הערט זיך ביי דיר?

אַלקער דערציילט, אַז ער האָט איצט אַ סך אַרבעט. דער בוי־סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער ער אַרבעט נישט איבער די כוחות, ער כאַפּט נישט אַריבער די מאָס. אָ, ניין! ער וויל, אַז זיין אַרבעט זאָל אים עפּעס געבן, אָבער זיין אַ שקלאַף ביי דער אַרבעט, דאָס קיינמאָל נישט. אַרבעט איז בלויז אַ מיטל, מען זאָל קענען לעבן. כאַפּט מען זיך צופיל צו צו דער אַרבעט, דאַן לעבט מען נישט. לעבן איז גוט, ווען דער קאָפּ איז פריי, ווען מען פילט זיך אַליין און מען פילט אַנדערע.

דער עולם אין גאָרטן האָט גענומען שיטערער ווערן. די טישלעך האָבן זיך באַפרייט פון די מענטשן, די שטולן זענען געשטאַנען אין משונהדיקע זיג־זאַגן. עטלעכע שטולן זענען איבערגעדרייט. אַז דער מענטש גייט אַוועק, מעג די שטול זיינע שוין ליגן. געציילטע געסט זענען נאָך פאַרבליבן ביי זייערע טישלעך. זיידנער מיט אַלקערן האָבן זיך אויך נישט

געאײַלט אוועקצוגײן. אַלקער האָט עטלעכע מאָל אויפגעהויבן די אויגן און שטאַרק אָנגעקוקט זײַדנערן:

— דו קוקסט אויף מיר? האַ! דו פאָרשט מיך?

— יאָ, זײַדנער! איך וויל שוין אַלץ וויסן, דאָס איז נישט בלויז נײַ־געריקײַט. איך בין דיר דאָך אַ פרײַנט, אַן אמתער פרײַנט. ווען איך באַ־געגן דיך, קען איך וועגן קײן אנדערע זאַכן נישט רעדן מיט דיר. איך טראַכט שטענדיק וועגן דעם, וואָס איז מיט זײַדנערן און וואָס פּלאָנעוועט ער? ווי לאַנג וועלן עס אָנהאַלטן די סודות? איך זאָג דיר דעם אמת: דאָס הויבט אָן קאַליע צו מאַכן אונדזער פרײַנטשאַפט... זאָג, וואָס קומט דאָ פאָר מיט דיר?

— אלס פרײַנט, זאָגסטו, ווילסטו וויסן מײַנע סודות?

— גאַנץ ריכטיק, און דו האָסט דאָך צוגעזאָגט מיר אַלץ צו פאַרטרויען.

— און איך זאָג דיר, אַז אַלס פרײַנט מוזטו אויך האָבן אביסל געדולד, נאָך אביסל געדולד.

— לאָז מיך צופרידן מיטן געדולד, דאָס מוז נעמען אַ סוף!

— גוט! אָבער איצט לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן... זאָג מיר, זונטיק ביסטו פרײַ?

— יאָ!

— אַ גאַנצן טאָג און אפשר אויך אַ גאַנצע נאַכט...

— איך בין פרײַ, נאָר צו וואָס דאַרפסטו מיך אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט?

— איך האָב מיר דיר אַ סך צו רעדן, גאָר אַ סך זאַכן, און עס קען זײַן אַז דו וועסט מיר שטעלן אַ סך פראַגן, וועל איך דיר דאַרפן ענטפערן, וועט עס פאַרנעמען אַ טאָג מיט אַ נאַכט און אפשר ווײניקער און אפשר מער.

— ביסט געהײמניספול, ווי אַ געפערלעכער פאַרברעכער...

— פרעג שוין גאָרנישט, ווי געהײמניספול איך בין...

— ווער ווייסט? אפשר איז דאָס גאָר אַ קרימינעלע געשיכטע, דײַן גאַנצער ענין מיט דײַן קאָנספּיראַציע. אפשר שמעקט עס מיט תפיסה, מיט אַ פּראָצעס...

— און דו האָסט מורא? — האָט זײַדנער געשפּאַסט.

— קײן אַרעסטאַנט צוליב דעם וואָלט איך נישט וועלן זײַן.. .

— אַ שײנער חבר...

זײַדנער און אַלקער זענען בײדע געווען גוט געשטימט אײנער צום

צווייטן. גראָד דאָס נישט־דערזאָגטע האָט זיי צוגעגעבן איצט נאָענטע פריינטשאפט. איז מען אנטשוויגן געוואָרן, איז אויך דאָס שווייגן געווען ליב. אָבער אין גאָרטן איז שוין לײדיק געווען. די באָיס פון קאפע זענען געלאָפן און אַראָפּגעכאפּט די גלעזער מיט די לעפעלעך פון די טישלעך. עטלעכע נאַכט־שמעטערלינגען האָבן געפלאטערט אין דער לופטן, כל־זמן דאָ איז ליכטיק. עס האָט אויך פארבייגעשוועבט מיט אַ זשומעריי א מאַי־זשוק: זשו־זשו, ווו זענען זיי דאָס פארשוווּנדן געוואָרן, די אלע בירגער מיט די בירגערינס, די אַלע מיט די גלייכע און מיט די אויסגעקרימטע פיס?

אָלקער האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן:

— קום! שוין גענוג צו זיצן אין „פארק“.

זיי זענען שווייגנדיק אַרויס אויף דער גאַס.

13

בייטאָג אין קאַפע

פון פיעטריקאָווער הונדערט דרייצן ביז נאווראט גאס איז אינגאנצן עטלעכע טריט. האָט זיך זיידנערן נישט געוואָלט גיין אַהיים.

— צו נאָענט צו מיין שלאָף־צימער, מירן זיך דורכגיין אַ ביסל.

איז מען געגאנגען מיט דער גאס אַראָפּ און מען האָט געשוויגן. דאָס איז דאָס גוטע שווייגן. צוויי מענטשן גייען און רעדן נישט קיין וואָרט. זיי טראַכטן גאָר און עס טראַכט זיך אנדערש, ווען מען פילט, אז א מענטש איז דאָ לעבן דיר, אַ פריינט איז נאָענט און ווען בײדע ווערן זאט מיט טראכטעניש, רייסט איינער איבער דעם צווייטן מיט אַ פראַגע.

דאָס מאָל איז דאָס זיידנער און פרעגן פרעגט ער אַ מאָדנע פראגע, אָן אומגעריכטע:

— ווי איז ביי דיר מיט אַ פאַרליבעניש, אָלקער?

— וועגן ווייבער מיינסטו?

— יאָ...

— וועל איך דיר זאָגן. איך האָב זיי איינגעטיילט אין דריי טיילן: איין טייל אַנטלויפט פון מיר, פון צווייטן טייל אנטלויף איך אליין און דער

דריטער טייל געהער צו אנדערע. און די אַלע דריי קאַטעגאָריעס הויב איך נישט אָן צו גלויבן קיין איין וואָרט...

— קיין איין פרוי גלויבסטו נישט?

— ניין!

— בין איך מיט דיר נישט איינשטימיק. איך בין אין די זאכן נישט זייער פראקטיש, דאָך — אביסל אָריענטיר איך זיך. איך קוק לעצטנס מער אויף פרויען, ווייל איך האָב אין אַלגעמיין אָנגעהויבן מער צו קוקן אויף אלץ. פריער האָב איך בלויז געזען די מוסטערן פון מיינע מאַטעריאַלן, אָבער די, וואָס טראָגן די מאַטעריאַלן, זיי זענען מיך נישט אָנגעגאנגען. איצט זע איך אַנדערש...

— שוין לאנג צייט געווען, פעליקס, דו זאָלסט אנדערש זען. איך האָב דאָס דיר מיט יאָרן צוריק געזאָגט און אין דער לעצטער צייט האָב איך שוין אויף דיר מיט דער האנט אַ מאך געטון. אַ מאַניאַק, האָב איך גע־טראַכט, אַ מאנופאקטור־מאַניאַק, און גיי רעד מיט אים... פאר מיר זענען אזעלכע מענטשן לעבעדיקע מתים...

—טאָ באגריס מיך מיט תחית המתים...

— דו ווערסט אינטערעסאנט... האָ! דו ווערסט אינטערעסאנט, אפילו ווייבער אינטערעסירן דיך שוין...

— נישט קיין ווייבער, נאָר איינע...

— און דו האָסט געדולד צו טראכטן וועגן דעם?

— איך טראכט לעצטנס וועגן אלץ, האָב איך אויך דערצו געדולד. אָבער וואָס וועל איך מיט דיר רעדן וועגן ווייבער, אז דו האָסט זיי אלע פיינט.. .

איך קאָן מאַכן אַן אויסנאַם...

— ביסט גרויסמוטיק...

— פאַר דיר און פאַר דיין אויסגעווייטלטע...

— לויף נישט צו ווייט, איך האָב נאָך נישט קיין אויסגעווייטלטע, נאָר אין די לעצטע טעג איז עפּעס געשען...

אַלקער האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— זאָג שוין, וועמען האָסטו געזען און ווער איז דיר געפעלן געוואָרן? איך זע דאָך אַז דו גייסט זיך פאַרליבן.

— איך גיי זיך נישט פאַרליבן, ווייל מען גייט זיך נישט פאַרליבן, מען קאָן זאָגן: איך בין פאַרליבט, איך האָב זיך היינט, אָדער נעכטן פאַר־

ליבט, אָבער מען קאָן דאָך נישט גיין ערגעץ ספּעציעל און ספּעציעל זיך דאָרט פאַרליבן...

— טאָ זאָג מיר, אין וועמען האָסטו זיך פאַרליבט?

— אָט אַזוי פרעגן!

— איך וואַרט...

— איך שעם זיך צו רעדן, לאָז מיך אַ ביסל שווייגן, איך וועל זיך צופּאַסן צו זיך, צו דיר, צו דער נאַכט, דו מיינסט טאַקע, אַז דאָס איז אַזוי לייכט — נעמען און רעדן וועגן אַ מיידל, וואָס דו האָסט זי אינגאַנצן איינמאָל געזען? וואָס מיינסטו, איך בין אַ בחורל, וואָס באַרימט זיך מיט זיין דערפאָלג?...

— פעליקס! צי מיך נישט אויס די אָדערן.

— וואַרט אַ ביסל!

אַלקער האָט געוואָלט אַנטלויפן. זיידנער האָט אים צוגעהאַלטן פאַר דעם אָרעם און געלאַכט.

— געדולד, מיין טייערער, פאַר אַ פריינט מוז מען האָבן געדולד.

און דאַן איז געקומען אַ גאַנץ לאַנג שווייגן. ביידע האָבן געשוויגן. איינער האָט געטראַכט, ווי צו רעדן און דער צווייטער איז נייגעריק געווען צו הערן.

זיידנער האָט דאָס שווייגן סוף כל סוף איבערגעריסן:

— אייגנטלעך האָב איך וועגן דעם נישט געדאַרפט רעדן, דאָס איז מיינע אַ פּריוואַטע זאַך, גאָר און גאָר אַ פּריוואַטע זאַך... נאָר דו ביסט דאָך אַלקער. איך גיי דיר זונטיק פאַרטרויען נאָך וויכטיקערע זאַכן, וועל איך דיר דאָס אויך פאַרטרויען, איך ווייס דאָך, אַז דו קאָנסט שווייגן דאָרט, וווּ מען דאַרף שווייגן.

— איך בין אַ פאַסקודנער פּלאַפּלער, נאָר דאָרט, וווּ מען דאַרף שווייגן, דאָרט בין איך אייזן...

— איך ווייס דאָס... הער זיך איין... דו קענסט מיין בוכהאַלטער מיט דער באָרד? איליטאָוויטש הייסט ער.

— יאָ! אָט דער, וואָס רעדט שטענדיק, אַז „אָבראַזאָוואַניע" דאַרף זיין פריער ווי אַלץ?...

— אָט דער איליטאָוויטש האָט אַ טאָכטער און ביי טאָג איז זי געקומען צו מיר אין קאַבינעט, זי האָט געהאַט אַ פּריוואַטן ענין צו מיר, עפּעס אַ קלייניקייט צו דערליידיקן.

אַלקער האָט זיך אָנגערופן:

— דיין בוכהאַלטערס טאָכטער הייסט ליזאַ.

— דו קענסט זי?

— יאָ, און איידער דו רעדסט וועגן איר צוויי ווערטער, וועל איך זיך אַרויסכאַפּן און דיר זאָגן, אַז דאָס איז אפשר די אידלסטע און פיינסטע פריילין אין לאָדזש.

— וואָס רעדסטו?

— וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי? זי געפעלט דיר?

— איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען; ווען זי איז אַריין צו מיר אין קאַבינעט, האָב איך געוואָלט, זי זאָל לענגער בלייבן און ווען זי האָט באַדאַרפט אַוועקגיין, האָב איך איר פאַרגעלייגט מיין אויטאָ און אַליין זי באַגלייט ביז צו איר שטוב, אויף דער ציגל גאַס...

— בראַוואָ, פעליקס! דו ווערסט אַ מענטש, דו האָסט אַ סך פּאַר־שפּעקטיקט, אָבער דו ווערסט אַ מענטש...

באַלד איז אָבער אַלקער איינגעהאַלטענער געוואָרן. ער האָט דערפילט, אַז עס איז נישט קיין מאָמענט פאַר שפּאַס. ביי זיידערן הויבט זיך ערשט אָן דער פרילינג פון זיין לעבן. זיין אמתן פרילינג האָט זיידנער איינגע־וועבט אין די שטיקער שטאָף. ער האָט פּאַרשפּעטיקט, און איצט וויל ער צוריקכאַפּן — מען טאָר פון אים נישט שפּאַסן.

זיידנער אַליין פאַרשטייט דאָך זיין לאַגע. אַלקער הערט זיך גוט צו, וואָס זיין פריינט רעדט:

— גלויב מיר, אַלקער! אַז איך פאַרשטיי זיך און איך ווייס, אַז איך דאַרף זיך צופיל נישט איבערנעמען מיט אַזעלכע ענינים, אין מיינע יאָרן... מען קאָן דאָך ווערן לעכערלעך ביי זיך און ביי יענעם אין די אויגן. מען דאַרף זיך גוט פאַרטראַכטן. אָבער אַ פאַקט איז: דאָס מיידל איז מיר שטאַרק געפעלן.

— און דו טראַכסט וועגן איר?

— יאָ!

— און דו ווילסט ביי מיר אַן עצה?

— יאָ און ניין... קודם־כל וויל איך, אַז דו זאָלסט מיך אויסהערן.

— רעד, וויפל דו ווילסט, כאָטש אַ גאַנצע נאַכט...

— דו פאַרשטייסט, איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט. איך האָב פרויען געזעען בלויז מיט די אויגן. איך רעכן, אַז מען קאָן אַזוי זאָגן:

איך האָב זיי געזעען בלויז מיט די אויגן. אָבער אָן האַרץ. אָט די פרייליין אילינטאָוויטש האָב איך דערזען מיט האַרץ. דאָס איז פאַר מיר אַ ניי געפיל און אַזוי ווי איך בין לעצטנס דערגאַנגען צו אַ סך נייע געפילן, איז מיר אויך דאָס געפיל טייער. איך גיי און איך פרעג זיך, איך פרעג אויך ביי דיר, דו ביסט דאָך אַ מבין אויף אַלץ...

— אויף אַלץ און אויף גאָרנישט, פעליקס!

— אַ פאַרליבעניש זאָל עס זיין? צום טייוול! ווי קום איך צו די זאַכן און אין מיינע יאָרן, אָבער שוין עטלעכע טעג, ווי איך טראַכט וועגן איר. אין קאָפּ פּינקלט „ליזאַ" און „ליזאַ" און די ציגל־גאַס איז ביי מיר געוואָרן אַ טייערע גאַס. זאָג מיר, דו קענסט זי גוט?

— נישט אַזוי גוט און נישט אַזוי נאָענט, נאָר איך האָב געהערט וועגן איר דערציילן. וועגן איר אינטעליגענץ, וועגן איר טרייקייט צו דער משפּחה און דו ווייסט, פעליקס, זי איז שיין. אָט דער אַראָפּגעלאָזענער בליק אירער האָט אַזוי פיל רייץ. איר האַלטן זיך, די באַשיידנקייט...

— און זי פאַרבט נישט די ליפּן...

— און זי צופּט נישט די ברעמען...

ביידע האָבן זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט:

— אָלקער! מיר זענען נאָך גימנאַזיסטן, צי מיר האַלטן שוין נישקשה אין די יאָרן?

— פעליקס, ווער נישט צו ערנסט. דו ביסט מיר נאָך קיינמאָל נישט געוועזן אַזוי טייער, ווי איצט. דו ביסט דאָך געוואָרן אַ מענטש. אַן אמתער מענטש מיט סענטימענטן, מיט שוואַכקייטן, אַזוי ווי אַ מענטש באַדאַרף צו זיין...

— דו לאַכסט נישט פון מיר?

— איך בין שטאָלץ מיט דיר, דאָס אייז האָט גערירט און עס איז געקומען דער מאַי, אָט דאָ אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. איך זאָג דיר, זיידנער! דו ביסט פאַר מיר אַ סוד און אַ סענסאַציע. דאָ אין לאָדזש ביסטו פאַר מיר די אינטערעסאַנטסטע פּערזאָן. אַ פאַבריק האָסטו, גייסטו פון דעם פּטור ווערן... פאַרוואָס? דאָס איז דערוויייל פאַר מיר אַ סוד, האָסט אַ גוטן נאָמען, גייסטו באַנקראָטירן, ביסט שוין אַלט זעקס און פערציק יאָר, גייסטו זיך פאַרליבן... אַ סענסאַציע און מען קאָן דאָך קראַפּירן, ווען מען מוז אַזעלכע סענסאַציעס באַהאַלטן אין זיך און קיינעם נישט דערציילן...

— פּרוּוו עפּעס דערציילן, רעד איך נישט מיט דיר מער קיין איין

וואָרט.

— איך וועל שוויגן, איך מוז שוויגן. אָי, דאָס איז פּיין, די גאַנצע געשיכטע איז פּיין און דו ווייסט, זיידנער! איך בין דיך מקנא.

— מיט וואָס?

— אָט אַז מען פּאַקט אַ שטיקל געפּיל איז גוט. מען מעג זיין פאַר־גרעבט, פאַרפּעצט און פאַרפּויסטעוועט, מען מעג זיין, ווי טרוקן און ציניש, קומט אַ געפּיל, ווערט מען אַן אַנדער מענטש... מיט אַ צייט צוריק בין איך אַזוי ביינאַכט געגאַנגען אויף דער זעלבער פּיעטריקאָווער גאַס מיט בירנבוימען, אַ שרעקלעכער טיפּ, אַ מיליאָנער, וואָס זיין איינציקער זון שילט אים פאַר זיין קאַרגשאַפט, בין איך אַזוי געגאַנגען מיט אים, אָדער גיכער איז ער מיט מיר געגאַנגען. מיט מיר האָט מען ליב צו גיין, מען האָט גערעדט וועגן לאָדזש, וועגן געשעפט, וועגן געלט און איך ווייס נישט, איך געדענק נישט ווי אַזוי מען איז אַריבער אויף דער טעמע וועגן ווייבער און הער זיך איין, וואָס אָט דער געלט־פרעסער זאָגט צו מיר:

— וואָס פאַר אַ לעבן האָב איך אָפּגעלעבט, אַז קיינמאָל האָט נאָך מיר קיין פרוי נישט קיין קוש געגעבן מיט אמתער ליבע...

— איך מוז דיר זאָגן, זיידנער, אַז אין דער מינוט, ווען ער האָט עס מיר געזאָגט, דער בירנבוים, איז דער פאַסקודניאַק זיינער קלענער געוואָרן אין מיינע אויגן און עפּעס אַ מיטגעפיל האָט זיך געוועקט צו אים.

— אַ קוש מיט אמתער ליבע... — האָט זיידנער נאָכגערעדט — ווייזט אויס, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער ענין. אָבער דו, אָלקער, דו האָסט פיינט פרויען...

אָלקער האָט זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן:

— איך האָב זיי נישט פיינט, איך קאָן זיי נישט גלויבן. דאָס איז מיין אומגליק...

— אָבער אַזאַ, ווי די איליטאָוויטש, קאָן מען גלויבן?

— מיר דאַכט זיך, אַז יאָ...

— זי איז עפּעס אַן אַנדערע...

זיידנער האָט אַרויסגערעדט די לעצטע פראַזע און ער האָט זיך גע־וואָלט צוריקציען... וואָס רעדט ער אַזוי פיל וועגן אַ מענטשן, וועלכן ער האָט איינמאָל געזען? דאָס איז דאָך אַ גרויס נאַרישקייט, און דער אָלקער, דער פריינט זיינער, העלפט אים נאָך צו. ער האָט פאַרשנדיק אַ קוק געגעבן אויף אָלקערן: צי מאַכט יענער נישט חוזק פון אים?

— ער האָט איבערגעריסן דאָס געשפּרעך און איבערגעטראַכט אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעפּלאַפּלט פאַר דער לעצטער שעה. געוועז בייז אויף זיך פאַר דער אָפנהערציקייט...

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן:

זיי האָבן ווידער גערעדט וועגן איליטאָוויטשעס טאָכטער. אָלקער האָט זיך כסדר דערמאָנט פאַרשידענע קלייניקייטן פון די קורצע באַגעגענישן, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט. זיידנער האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו די אַלע ווערטער וועגן ליזען. שוין דריי מאָל זענען זיי צוגעגאַנגען צו דער נאַוואָראַט גאַס און דריי מאָל צוריקגעגאַנגען. געגאַנגען, גערעדט און גע־שוויגן.ביידע מענער זענען איצט געווען אויפגעלייגט, פאַרבענקט זענען זיי געווען. דורך דער דומפּיקער לופט פון די לאָדזשער גאַסן האָט זיך געגנבעט אַ שטראָם דערפרישונג, וואָס איז געקומען פון ערגעץ ווייט. אָלקער האָט עס דערפילט שטאַרקער:

— דער פרילינג האָט אין לאָדזש אַ שלעכטע אכסניה...

אַ טייל פון די לאָמפּן האָבן זיך אויסגעלאָשן. די גאַס איז גענוג ליידיק געווען. ליידיק, ברייט און פריי פאַר צוויי מענטשן מיט זייערע סענטימענטן. אויפריכטיק זענען זיי היינט געווען גענוג, אָבער דאָך נישט אינגאַנצן. מענטשן זענען קיינמאָל נישט אינגאַנצן אויפריכטיק. איינער פאַרן צווייטן האָט שטענדיק אַ קאָפּעטשקע מורא, טאָמער וועט דער צווייטער עפּעס צונעמען ביי אים, טאָמער וועט אים דער צווייטער אויסלאַכן. מענטשן זע־נען צו קלוג און צו נאַריש, זיי זאָלן עפענען דאָס גאַנצע האַרץ. אַ טייל פון אמת לאָזן זיי פון זיכערקייט וועגן ביי זיך, אין זיך.

די ווערטער בייביידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרהאַקן. די מידקייט איז שוין אָנגעקומען. עס האָבן זיך געוויזן די ערשטע סימנים פון אַ נייעם טאָג. איבער די דעכער האָט זיך לאַנגזאַם געזיפּט אַ העלקייט. הימל פירט אויך אַ חשבון: טאָג און נאַכט.

די צוויי פריינט האָבן אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען דעם קומענדיקן זונטיק.

אויף מאָרגן, נאָך דער באַגעגעניש מיט זיידנערן האָט זיך אָלקער אַריינגעכאַפּט אין „זשעמיאַנסקאַ“. ער איז זייער פאַרנומען געווען, אָבער דאָך האָט ער אויסגעקאָמבינירט אַ ביסל צייט, כדי צו פאַרברענגען אויף דער „בערזע“ פון „פליאָטקעס“. ער האָט געוואָלט זען מענטשן און ביי די

מענטשן אַרויסציען אַ ביסל אינפאָרמאַציעס וועגן איינער, וועגן אַ פריילין. דאָס אין „זשעמיאַנסקאַ" קאָן מען אַלץ זיך דערוויסן.

עס איז געגאַנגען אין ליזען איליטאָוויטש. אַלקער איז געווען מיט איר באַקאַנט. ער האָט עטלעכע מאָל שוין פריער מיט איר זיך באַגעגנט, וועגן אַ סך ענינים גערעדט, אָבער ער איז נישט געווען ביי זיך זיכער, אַז ער האָט וועגן איר די אמתע מיינונג.

זיידנער האָט דאָך וועגן איר גערעדט מיט אַזאַ ערנסט, ער איז נייגעריק געווען זיך צו איבערצייגן, פון וועמען איז עס זיין פריינט אַזוי איבערראַשט געוואָרן. פון גוטסקייט צו זיין פריינט האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער לערערין.

ער איז געקומען אין דער קאַפע. אפשר וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, וועט ער פאַרפירן אַ שמועס וועגן איר. ער דאַרף עס וויסן און אפשר דאַרף ער נישט וויסן, נאָר אַ געוויינלעכע מענטשלעכע נייגעריקייט טרייבט אים דערצו, ער זאָל זיך וועגן איר נאָכפרעגן. עס איז אים געגאַנגען אין דעם, ער זאָל קאָנען קומען צו זיידנערן און זאָגן: דו האָסט געטראָפן, די ליזע איז אַ פיין קינד... אָט בלויז אין דעם איז עס געגאַנגען.

ער וואָלט זייער נישט וועלן, אַז זיין פריינט זאָל זיך איבערנעמען מיט אַ גאָרנישט. און ער, אַלקער, האָט זיך געפילט באַרופן צו דעם, ער זאָל זאָגן מבינות. ער האָט געוווסט מיט וועמען ער האָט צו טון: זיידנער איז נישט קיין קאַלטער מענטש, אָבער ער איז נישט קיין יינגל, וואָס אַנטציקט זיך מיט יעדן מיידל. זיידנערן קאָן מען נישט אַזוי לייכט פאַרבלענדן די אויגן. אַלקער האָט געוואָלט וויסן, וואָס מענטשן זאָגן וועגן דער ליזע. און ער וועט געוויס געפינען אַזעלכע, וועלכע וויסן, ווער זי איז, וועלן זיי אפשר אויך וויסן וואָס זי איז, ווי זי איז? שטאַרק פאַרלאָזן זיך אויף דער מיינונג פון אַנדערע האָט ער אויך נישט געוואָלט, אָבער דאָך, עס איז שטענדיק גוט אויסצוהערן אַ מיינונג וועגן צווייטן, אפילו אַ נעגאַטיווע, אפילו בייזע פלאַפלעריי, אָדער חוזק. עס איז גענוג צו קאָנטראָלירן, ווי אַזוי די מיינונג ווערט אַרויסגעזאָגט, פון דעם אַליין קאָן איך בלייבן אַ שטיקל באַגריף.

מענטשן זענען עקספערטן אויף אַלצדינג, נאָר מען דאַרף קאָנען זיין אַן עקספערט אויף זייער עקספערטיזע. אַלקער האָט אַ סך מאָל געטראַכט, אַז ער פאַרשטייט זיך אויף מענטשן און אויף זייערע מבינות.

די קאַפע איז איצט געווען פול געפאַקט. פון איינס ביז צוויי איז דאָ

די טומלדיקסטע שעה. ניינציק פּראָצענט פון עולם זענען דאָ פרויען און די פרויען זענען אַלע בלאָנד. לאָדזש ווייסט אַ טאָלק אין פאַרב, די לאָדזשער פרויען שטייען נישט אָפּ.

ווען מען דערזעט מיטאַמאָל אַזוי פיל טלענירטע קעפּ, כאַפּט אָן אַ פאַרדראָס. וואָס פאַרדריסט? וועגן דעם גיט מען זיך נישט אָפּ קיין חשבון. עס פאַרדריסט אוודאי, ווען די ווייבער נעמען אין מיטן העלן טאָג און מאַכן זיך אַ גלאַנציקן מאַסקאַראַד, שטענדיק, יעדן טאָג די זעלבע אויסשטעלונג פון פריזירטע קעפּ. אַלץ איז דאָ צוגעפּוצט, צוגעפּוצט די שיינקייט און צוגעפּוצט די מיאוסקייט. דאָס נאַטירלעכע איז דאָ נישט צו געפינען...

די בלאָנדע קעפּ זענען שוין דערגאַנגען צו דער גרענעץ פון בלאָנדער פוסטקייט. ווען די באָבעס אונדזערע זאָלן אויפשטיין תחית־המתים, וואָלטן זיי נשתומם געוואָרן. סטייטש, די אייניקלעך זייערע, די היינטיקע פרויען, האָבן געגנומען די אַמאָליקע גוט אויסגעשייערטע קופערנע פאַנען און אָנגעטון עס אויף זייערע קעפּ? אַלץ קאָן מען שוין זאָגן אויף דער מאָדערנער פרויען־פריזור. מען קאָן זאָגן, אַז די קעפּ זעען אויס ווי גאָלדענע וואָזעס, ווי מעשענע טאַצן, ווי רוימישע העלמען, אָבער פאַר קיין פאַל קאָן מען נישט זאָגן, אַז דאָס זענען נאַטירלעכע קעפּ פון ווייבער... מען קאָן נאָך פאַרשטיין, ווען מען נעמט אַזאַ קינסטלעכן קאָפּ און מען שטעלט אַרויס אין פריזירערס שויפענצטער. אָבער גיין מיט דעם אין גאַס, טראָגן עס אַ גאַנצן טאָג, זיצן אין קאַפע און זיצן מיט דעם ביי אַ טיש צו גאַסט... ניין! דאָס שטויסט אָפּ. קוקסט אויף אַזאַ אומנאַטירלעכן קאָפּ און הויבסט אַליין אָן צו רעדן אומנאַטירלעכע רייד, די שטימונג, די סביבה פון אַרום ווערט אָנגעצויגן, שטייף, טרוקן... אַ מחנה גלאַנציקע קאַסקעס...

נאָר זאָל קיינער נישט פילאָזאָפירן. אויפן גאַס איז וואַרעם און דאָ דערלאַנגט דיר אין פּנים אַ קאָכעדיקע פאַרע. טישל איז צוגעקוועטשט צו טישל, שטול צו שטול. זיי אַ מזיק און שטופּ זיך אַדורך. די ווייבער הויבן יעדע רגע אויף די אויגן. אפשר דאַרף מען וועמען באַגריסן, אָדער מען דאַרף פון וועמען באַגריסט ווערן. צוליב דעם קומט מען דאָך אַהער...

אָלקער שטופּט זיך דעליקאַט אַריין צווישן די טישלעך, ער האַלט זיך אין איין באַגריסן, שמייכלט צו די, וואָס שמייכלען צו אים און איינעוויניק קאָכט אין אים: צופיל ווייבער און צופיל גאָלדענע, טלענירטע

קעפּ, מען טראָגט דעם ערזאַץ, דעם שקר אויפן קאָפּ. אפשר פאַרדריסט אים, וואָס יעדן טאָג זעט מען דאָ די זעלבע פּנימער און זיי זענען שוין גוט דערעסן.

עס איז הייס און די צוויי־פּיסיקע סאַרנעס זיצן אַרטיק אויף די בענק־לעך, ווי די פּענסיאָניערקעס, ווי די גימנאַזיסטינס און זיי עסן אייז־קרעם. קליינע הענטלעך האַלטן קליינע לעפעלעך. אַ מחיה צו קוקן, ווי די צאַרטע וועזנס עסן אייז־קרעם. דאָ באַהעפט זיך די איידלקייט מיט דער דער־צויגנקייט. מען עסט לאַנגזאַם, איינגעהאַלטן און אָפּגעהאַלטן. די מענטשן זענען געדולדיק און דער אייז־קרעם איז אויך געדולדיק, ער לאָזט זיך לאַנגזאַם אויפעסן...

מען רעדט און מען פּלאַפּלט. צייטנווייז דאַכט זיך, אַז די טישלעך מיט די שטולן פּלאַפּלען אויך. וויפל זענען דאָ פאַראַן ווייבער? אַ הונ־דערט פּופּציק, אָדער אַ צוויי הונדערט, נאָר פון זייער רעדן גייט אַ גע־רויש, אַ פאַרהילכונג. צען טויזנט גענדז זאָלן זיך צעשרייען וועט נישט זיין קיין קאָנקורענץ פאַר דער מחנה ליידיקגייערקעס...

פיינע, דערצויגענע, אָדער עס איז אַ געמאַכטע פיינקייט און אַ גע־מאַכטע דערצויגנקייט. אַלץ איינס. זיי רעדן. דורך דעם פּילטער פון די רויט־געפאַרבטע ליפּן. עס גייט אַ מבול פון פּראָזן, אָבער די „זשעמיאַנ־סקאַ" ווערט נישט דערטרונקען. קיינער ליידט נישט פון דעם, וואָס זיי פּלאַפּלען, די ווייבער. זאָל זיך אָלקער נישט בייזערן, אויב ער קאָן דאָס נישט דולדן, זאָל ער שוין אַוועקגיין פון דאַנען. אָבער ער גייט נישט אַוועק. ער זיצט שוין ביים אַדוואָקאַטן־טישל מיט עטלעכע יונגע אַדוואָ־קאַטן. ער וואַרפט גלייך, ווי ער זעצט זיך אַוועק, די ערשטע פּריינט־לעכע פראַזע:

— די גענדזלעך שרייען היינט ווי אונטערגעצונדענע.

— העי! אָלקער, איר הויבט שוין אָן מיט אייער שנאה צו די ווייבער, איר ווייסט דאָך, אַז איר וועט זיי דאָ געפינען, טאָ צוליב וואָס קומט איר אַהער?

— איך זוך אַ כלה...

מיט דער פראַזע זעצט ער זיך באַקוועם איין אויף זיין פּלאַץ, ווי אַן אייגענער מענטש. איצט מעג ער שוין רעדן, וואָס ער וויל, ער מעג שוין קריטיקירן:

— ווען די אַלע יונגע בחורים פון אונדזער צייט און פון אונדזער

קרייז, וואָלטן געווען אַ ביסל מער נאַאיוו, דעמאָלט וואָלטן זיך אַלע גע־קאָנט פאַרליבן דאָ אויפן אָרט. מען דאַרף בלויז אויפהויבן די אויגן און זיך אַרומקוקן, פון רעכטס און פון לינקס, פון אַלע פיר זייטן קוקן אויף אונדז אויגן פון לויטערער אומשולד... גיט נאָר אַ קוק אין די אויגן פון די פרויען! ווו זענען די דיכטער אונדזערע? פאַרוואָס קומען זיי נישט באַזינגען?

איינער פון די אַדוואָקאַטן רייסט אים איבער:

— אָלקער, אָלקער! וואָס וועט זיין פון אייך?

די איבעריקע פון טישל לאַכן אויפן קול: אָלקער האָט באַקומען אַן אָנפאַל פון זיין פרויען־האַס. מען קען אים דאָ שוין גוט, מען ווייסט זיין שוואַכקייט און נישט איין ליידיקגייער האָט הנאה פון אָלקערס ווער־טער איבער די ווייבער, מען ציט אים אָן, מען פּראָוואָצירט אים. שפּעטער כאַפּט ער זיך, אַז ער איז צו שאַרף, דעמאָלט ציט ער זיך צוריק.

אָלקער פאַרענטפערט זיך און זאָגט צו אַלעמען, אַז ער וועט באַלד אויפהערן, אָבער עפּעס מוז ער נאָך זאָגן:

— אָט די אַלע סאַרנעלעך פון רעכטס און פון לינקס, זיי זענען כיט־רע, דאָס איז אַ באַנדע, וואָס לויערט אויף אונדז, איר פאַרשטייט דען, וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציעס אין די קעפּעלעך ווערן געבוירן? איר גיט זיך דען אָפּ אַ חשבון, וואָס דאָ קומט פאַר...

— וואָס קומט דאָ פאַר? אָלקער! טייערינקער... וואָס קומט דאָ פאַר? זאָגט שוין!

— אַן אייביקע פאַרשווערונג פון די געפאַרבטע מאַלפּעס קעגן די מענער.

מען לאַכט ווידער. אָלקער לאַכט מיט אַלעמען און מען קאָן נישט דערגיין ביי אים, צי ער מיינט עס ערנסט מיט זיין האַס צו די פרויען, אָדער ער שפּאַסט. און פּלוצלינג נעמט ער דערציילן וועגן ליזאַ אילי־טאָוויטש. ער קאָן זי פערזענלעך, דאָך, נישט אַזוי גוט, אָבער פון אַנדערע האָט ער געהערט, אַז די ליזאַ איז אַ ווערטפולער מענטש און קיינער ווייסט נישט וועגן איר, אויסער געציילטע. די שטאָט פאַרשלינגט אַ מענטש מיט אַלע זיינע מעלות.

איין אַדוואָקאַט פרעגט:

— וועלכע ליזאַ איליטאָוויטש, די וואָס לערנט מאַטעמאַטיק אין דער העברעאישער גימנאַזיע?

— יאָ, די זעלבע, — ענטפערט אַלקער.

— איז וואָס? אַ לערערין...

— לויטער מאַטעמאַטיק, זאָגט אַ צווייטער. יאָ, פרידמאַן קען זי בעסער, זי לערנט מיט זיין טאָכטער.

פרידמאַן, אַ מיטל־יעריקער אַדוואָקאַט, האָט די גאַנצע צייט געלייענט אַ צייטונג. איצט רייסט ער זיך אָפּ פון לייענען, ווייל ער האָט געהערט, אַז מען האָט זיין נאָמען דערמאָנט.

— אַלקער האָט געפונען אַן אוצר, אַ לאָדזשער פריילין, וואָס געפעלט אים.

— ווער איז דאָס? — פרעגט פרידמאַן.

— דאָס איז די איליטאָוויטש, די לערערין פון אייער טאָכטער... ווי געפעלט זי אייך?

פרידמאַן ווערט ערנסט, ער באַטראַכט זיינע קאָלעגן מיט אַ קוים באַמערקבאַרער גרינגשעצונג:

— זי געפעלט מיר זייער און זייער, איך רעכן, אַז אויב מיר דערמאָנען דאָ איר נאָמען, דאַרפן מיר דערביי זיך אויפשטעלן פון אונדזערע ערטער... לכבוד איר פיינקייט און איידלקייט...

— אַזוי גאָר? אַזאַ מלאך איז דאָס?

— נישט קיין מלאך, נאָר אַ פולקאָמער מענטש. זי איז זייער געבילדעט און האָט אַ סך צו טון מיט לערעריי. נאָר דאָס אַלץ האָט ביי איר נישט צוגענומען איר פרויען־חן...

— טאָ פאַרוואָס קומט זי נישט אין דער „זשעמיאַנסקאַ“ — כאַפּט זיך אַרויס אַ „זשעמיאַנסקאַ־חכם“.

דעמאָלט ווערט שוין פרידמאַן אין כעס:

— הערט זיך איין, חברה! איר מיינט עס אויף אַן אמת מיט אייער איגנאָראַנץ? מען רעדט וועגן אַ ווערטפולן מענטש און איר מאַכט חוזק, „עפּעס אַ לערערין“ זאָגט איינער: „מאַטעמאַטיק בלויז“ וויצלט זיך אַ צווייטער. אַ לערערין איז ביי אייך גאָרנישט און וואָס זענען די אַלע ליאַלקעס, וואָס זיצן דאָ טאָג־טעגלעך, אָט די רכילותניצעס, אָט די געפאַרבטע און געשמירטע... אַלקער! איר זייט גערעכט, מען מוז זיי פיינט האָבן. ווען מען זאָגט „פרוי“ איז דאָס אַ צאַרטער באַגריף, אָבער ווען מען קוקט אָן אַזעלכע, ווי די, וואָס זיצן דאָ, ווייס איך אַליין נישט, וואָס פאַר אַ באַגריף דאָס איז.

אָלקער האָט טריאומפירט:

— בראַוואָ! פאַניע פרידמאַן... אָבער די ליזאַ איליטאָוויטש איז בע־סער פאַר זיי?

— מען טאָר עס אפילו נישט פאַרגלייכן. יענע איז אַ פולקאָמער מענטש און די דאַזיקע זענען פולקאָמע... קאָפּע־פלאַפּלערקעס.

מער האָט ער נישט געוואָלט רעדן, דער אַדוואָקאַט פרידמאַן. די צייטונג האָט אים שטאַרק אינטערעסירט און ער האָט זיך ווידער גענו־מען צום לייענען. דאָס גאַנצע געשפרעך איז דורכגעגאַנגען לייכט, קיי־נעם האָט דער ענין מיט ליזאַ איליטאָוויטש נישט אינטערעסירט, נאָר אָלקער האָט אויפגעכאַפּט מיט צופרידנהייט פרידמאַנס ווערטער. ער האָט באַדאַרפט אַ באַשטעטיקונג פאַר אַ פיינערער פרוי און האָט די באַשטע־טיקונג באַקומען. די איליטאָוויטש האָט אים איצט מער אינטערעסירט... ער איז געווען צופרידן פון דער איליטאָוויטש, פון זיידנערן און פון זיך אַליין. די גאַנצע געשיכטע האָט אים אימפּאָנירט, ווייל ער האָט געזען, אַז דאָס איז אין געוויסע הינזיכטן זיין איינפלוס. ער, אָלקער, רעדט דאָך שטענדיק צו זיידנערן, אַז דאָס לעבן איז בילכער און אין לעבן זענען פאַראַן אַ סך שענערע זאַכן, ווי די קרעטאָנען — זיין רעדן האָט גע־ווירקט — טאָ, ווי זאָל ער נישט זיין צופרידן?

וועגן פרויען האָט מען שוין מער נישט גערעדט. עס האָט זיך פון זיך אַליין איבערגעריסן. איינער האָט דאָרט אַריינגעוואָרפן עטלעכע ווער־טער וועגן דער אומרואיקייט אויף דער וועלט. דייטשלאַנד האָט זיך באַ־וואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס און די וועלט האָט שטאַרק מורא פאַר אַ מלחמה...

— קיין מלחמה וועט נישט זיין — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן, — דער מענטש איז צו קלוג געוואָרן, ער האָט איצט אַ בעסערן מיטל ווי מלחמה...

— וואָס פאַר אַ מיטל?

— פּראָפּאַגאַנדע. מען וועט שרייען און פאַרשרייען. אַזוי, ווי אויף אַ גרויסן יאַריד. מען וועט זיך דינגען מיט די ראַפינירטסטע שקרים און מען וועט עפּעס אויסדינגען, איר וועט זען...

גערעדט האָט מען דאָס אין אַ קאַפע, בייטאָג, ווען גאַנץ לאָדזש, די גאַנצע שטאָט מיט די פאַרשטעט, מיט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער

האָבן געוועבט און געשטריקט, ווען די קוימענס האָבן אַרויסגעלאָזן כמאַ־רעס רויך, וועלכע האָבן פאַרשטעלט די בלויקייט פון רוים. געווען אין דעם אַן אייזערנע עקשנות פון די מענטשן אין די פאַבריקן: וועבן...

14

אַ ביסל נאַטור

דער זונטיק איז געווען אַ ריינער און אַ ליכטיקער. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער זעלבער בעזעם, וואָס האָט דעם הימל ריין געמאַכט פון די וואָלקנס, האָט אויך איינצייטיק ריין געמאַכט די לאָדזשער גאַסן. ווייט פון ביידע זייטן האָט זיך געצויגן די פּיעטריקאָווער, ווי אַ פוסטער טונעל. די געוועלבער פאַרמאַכט, טראַמוויי־וואַגאָנען ווייניק און די לאַסט־פורן זעט מען אינגאַנצן נישט. מען זעט נישט די אַרויסגעשטעקטע שטי־קער פון די נישט פאַרענדיקטע שטאָפן, אפילו דער פאַרב־ריח איז פאַר־שווונדן פון דער גאַס. נישטאָ קיין טרעגערס און נישטאָ קיין פעקלעך. בלויז אויטאָס גלאַנציקע שוועבן אויף דעם ברוק. דער לאָדזשער עולם לאָזט זיך אַוועק אין דער אומגעגנט צו די וועלדלעך און צו די דאַטשע־ערטער. די פאַבריקאַנטישע זינדלעך זיצן אויפן אויטאָמאָבילן־טראָן און קירעווען מיט קוראַזש. דערוויל איז דאָס די העכסטע שטופע, וואָס אַזעל־כע קאָנען דערגרייכן. מיט דער צייט וועט מען אַזוי קירעווען מיטן אַעראָ־פּלאַן אין דער הויך, אָט דאָרט אונטערן הימל, ווו עס איז היינט אַזוי בלוי...

עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז דאָס איז די זעלבע לאָדזש. רואיקייט... און אין דער זעלבער רואיקייט איז פאַראַן אַ בענקשאַפט נאָך דער נעכטי־קער באַוועגונג און קלאַפּעריי. די שטאָט זעט אויס, ווי פאַרשעמט. פּונקט, ווי די יום־טובדיקייט זאָל דאָ נישט זיין אויפן אָרט, דאָך, פאַרפאַלן... עס איז זיין יום־טוב. אַלץ איז היינט באַלויכטן און צוגעפּוצט. אָט לויפט פאַרביי אַ גרויסער לאַסט־וואָגן דורך־און־דורך באַהאָנגען מיט גרינס. דער לאַסט־וואָגן איז אָנגעפּאַקט מיט קינדער, די קינדער זינגען. עס גלויבט זיך נישט. — ווי קומט לאָדזש צו אַזעלכע פאַרוויילונגען?

עס איז נאָך פרי. די פּיעטריקאָווער גאַס איז ליידיק דערוויל. קיין געשעפטן ווערן דאָ היינט נישט געמאַכט, אָבער שפּאַצירן וועט מען אַ סך. די ביידע זייטן פון דער גאַס וועלן זיין געדיכט אָנגעפּאַקט מיט אַ באַ־

וועגלעכן עולם. לאַנגזאַם וועט מען שפּרייזן און געוויס וועט מען פון דעם שפּאַציר דאָ אין ענגשאַפט האָבן די אמתע הנאה...

צוויי שטראָמען וועלן זיך שפּעטער רירן לאַנגזאַם אויף די טראָ־טואַרן. טריט נאָך טריט וועט אַ שטאָט שפּאַצירן. אפשר וועט איינער פון עולם אויפהויבן די אויגן און קוקן איבער אַלעמענס קעפּ, ער וועט זוכן די ווייטקייט, נאָר קיין ווייטקייט וועט נישט זיין. בלויז די אַלטע, אָפּגעַ־ריבענע שילדן און בלויז די זעלבע פּנימער, מיט וועלכע מען באַגעגנט זיך אויף דער פּיעטריקאָווער יעדן טאָג. דער איינטאָניקער מאַרש פון לאַנגווייליקן שפּאַציר וועט דויערן ביז שפּעט אין דער נאַכט. קיין אַנדער פאַרגעניגן איז דאָ נישטאָ. נישט אַלע האָבן אויטאָמאָבילן, מיט וועלכע מען לאָזט זיך אַוועק אויף אַ בעסערן שפּאַציר.

עס איז נאָך פרי. די שטאָט איילט זיך נישט. היינט רוט מען אָפּ. מענטש און מאַשין רוען זיך אָפּ. די טראַנסמיסיעס לויפן נישט אין זייער שטענדיקן גאַלאָפּ, די פעדעם באַהעפטן זיך היינט נישט. אינמיטן וועבן איז אַלץ געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט.

נישטאָ קיין רויך.

די קוימענס זעען אויס, ווי פאַרלאָשענע ציגאַרן, עס ציט נישט. די קוימענס, זיי האָבן נישט היינט די קרוינען פון שוואַרץ־געקנוילטן רויך איבער זיך, שטייען זיי ווי נישט קיין היגע, מיט זייערע לאַנג־לאַנגע רויטע ציגל־בייכער און איבער זיי — אַ זויבערע, אַ צולהכעיסדיקע בלויקייט. אין דער קלאָרער לופט זעט מען, ווי טויבן קאָלירטע מאַכן זייערע קאַראָהאָדן, מען זעט, מען פילט, אַז ערגעץ־ווו זענען פאַראַן נאָך שטיקער ערד, אויסער לאָדזש.אַזעלכע זוניקע זונטיקס קאָנען נאָך לאָדזש אַראָפּפירן פון וועג. אין אַזאַ טאָג נעמט מען טראַכטן און דאָ טאָר מען נישט טראַכטן. דאָ באַדאַרף מען אַרבעטן. די גאַסן האַלטן פּעסט די מענטשן, ווי צוואַנגען. די שמאָלע גאַסן זענען ווי די קאָרידאָרן פון דער תפיסה.

צווישן די אויטאָמאָבילן, וואָס זענען געלאָפן איבער דער פּיעטרי־קאָווער צו דער נאָוואָמיעסקער גאַס, איז אויך געווען דער אויטאָמאָביל פון פאַבריקאַנט פעליקס זיידנער, אַ טונקל־בלויער וואָגן. אַ פאַרמאַכטער וואָגן. אינעווייניק זענען געזעסן צוויי פריינט: פעליקס זיידנער מיט דעם אינזשיניער אַלקער.

זיי האָבן פריער געהאַט אָפּגעשמועסט, אַז זונטיק אינדערפרי פאָרן

זיי אַרויס קיין אדאלמובעק צו זיידנערן אין דער ווילע אַריין. דאָרט וועלן זיי פֿאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג. עס איז דאָך זומער און די לופט איז דאָרט פריש, פֿאַרוואָס זאָל מען נישט פֿאַרברענגען דעם טאָג הינטערן שטאָט?

עס איז אויך געווען נאָך אַ סיבה, פֿאַרוואָס די צוויי זענען געפֿאָרן צוזאַמען. פעליקס זיידנער האָט געהאַט צו דערציילן דעם אינזשיניער אַלקער זייער וויכטיקע זאַכן.

שוין לאַנג ווי אַלקער פרעגט אויס ביי זיידנערן וועגן זיינע געשעפטן און שוין לאַנג, ווי זיידנער לייגט אַלץ אָפּ דעם ענטפער... אָבער זיידנער האָט צוגעזאָגט זיין פריינט, אַז היינט וועט ער אים אַלץ פֿאַרטרויען. זיידנער וועט האַלטן וואָרט: אַ סימן, אַז זיי פֿאָרן איצט צוזאַמען. זיידנער איז אינדערפֿרי מיט זיין וואגן צוגעפֿאָרן צו אַלקערן און אים מיטגענומען...

ביז וואַנען מען איז נישט געווען אויף דעם ליכטיקן שאָסיי האָט מען כמעט ווי גאָרנישט גערעדט. אַלקער האָט בלויז געזאָגט:

— אַ שיינער טאָג...

ערשט אין עטלעכע מינוט, ווען די מאַשין איז אַרויס מיט אימפעט אויפֿן שאָסיי, האָט זיידנער אָפּגעענטפערט:

— טאַקע אַ שיינער טאָג!

ביידע פריינט האָבן זיך איבערגעקוקט און לייכט געשמייכלט איינער צום צווייטן. אויסגעזעצען האָט עס, אַז זיי ווילן נאָך מער שמייכלען, נאָר מען איז צוריקגעהאַלטן. מען איז דאָך עפּעס נישט קיין קינדער, דערוואַקסענע מענטשן איז מען, איבער די פערציקער. אַ סך מאָל טרעפט דאָך אַזוי: מענטשן ווילן זיך זאָגן גוטע ווערטער איינער דעם צווייטן, נאָר מען שעמט זיך, מען וויל זיך נישט צו שטאַרק אַנטציקן. זייערע בעסטע געפילן האָבן די מענטשן איינגעצוימט, ווייל מען געטרויט נישט איינער דעם צווייטן. מיט גוטסקייט קאָן מען זיך אַרויסווייזן אַלס אַ שוואַכערער און דאָס וויל מען אויסמיידן. זיידנער האָט געהאַט דעם שטאַרקסטן פֿאַרטרויען צו אַלקערן און אַלקער איז זיידנערן געווען בלינד איבערגעגעבן. דאָך איז צווישן זיי אויך געווען אַ ווענטל, דאָס מוז זיין. די אָפנהאַרציקייט איז שטענדיק צוריקגעהאַלטן, זי האָט מורא פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר אַנדערע...

זיידנער באַטראַכט די לאַנדשאַפט פון איין זייט און אַלקער באַטראַכט

זי פון דער צווייטער זייט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלטן זיך איינגעטיילט מיט די פּייזאַזשן.

— וואָס שווייגסטו? אַלקער!

— איך באַטראַכט די וועלט, און דו?

— איך ווייס אַליין נישט — זאָגט זיידנער — איך שווייג און מיר דאַכט זיך, אַז דו ווילסט אויך שווייגן, ביי דיר איז דאָס זעלטענער, ווי ביי מיר...

— גאַנץ ריכטיק — ענטפערט אַלקער — איך האָב פיינט אַ סך צו שווייגן, נאָר איצט איז נאָך דער שלאָף ביי מיר אין די גלידער... עס שווייגט זיך — טאָ שווייג, וויפל דו ווילסט אַליין...

דער טאָג איז געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי דער הערשער פון דער וועלט. סעדער, גערטנער און ערגעץ־ווו הינטער די גערטנער — אַ קוימען, אָדער צוויי קוימענס. נאָר די קוימענס האָבן איצט נישט געשטערט. זיי האָבן איצט נישט געהאַט די דעה... די דעה איז איצט געווען אין די הענט פון טאָג, ער האָט אַלץ פאַרדעקט מיט זיין ליכט. דער טאָג האָט געשוויגן. נאָר זיין שוויגן האָט גערופן מיט כוח אין דער ווייטקייט. אַזאַ שווייגנדיק רופן איז געווען שטאַרקער ווי דער רוף פון אַלע ביזנעס און באַשעפטיקונגען. באשר מען זיצט אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל, מיט אַ שוויגנדיקן שאָפער, וועלכער פאַרקלענערט און פאַרגרעסערט דעם טעמפּאָ פון מאָטאָר... באשר, אין דער אמתן ווילט זיך אַרויסלויפן צום טאָג און גיין צו אים, ווי אַ מענטש גייט צו זיין טאָג, צו זיין לעבן. ער האָט אַ סך פאַרגעסן, דער מענטש. ער האָט פון דער וועלט, פון דער גרויסער וועלט געמאַכט פאַר זיך קליינע וועלטלעך, אַזעלכע שטייגעלעך פאַר זיך און פאַר זיין נשמה. פאַרשידנאַרטיק זענען די וועלטעלעך, אַמאָל איז דאָס אַ קליין געוועלבל, אַ צווייט מאָל אַ גרויס געוועלב, אַ באַנק־קאַנטאָר, אַ פאַבריק. אַן אייזערנע קאַסע, געלט, אַלץ איינס: דאָס קליינע וועלטעלע נעמט צו ביים מענטשן די גרויסע וועלט. בלויז זעלטן כאַפּט ער זיך אַרויס פון שטאָט און ווען ער דערזעט דאָס ליכטיקייט פון פעלד, רופט ער אויס:

— היינט איז אַ שיינער פרימאָרגן. טויזנטער נאָך שענערע פרימאָרגנס האָט ער אין זיין פאַרבלענדעניש שוין דורכגעלאָזן. זיינע פרילינגס האָט ער נישט אָנגעזען, אויף זיינע ווייסע שנייען האָט ער נישט געטראָטן. דער פויגל, וואָס פליט פאַרביי, איז אים פרעמד, דאָס געוויקס, וואָס

וואַקסט און בליט פאַר זיינע אויגן, איז אים אויך פרעמד. ער איז אינ־גאַנצן אַ פרעמדער צו אַלע דערשיינונגען פון דער נאַטור, ווייל ער וועבט שטאָף, אָדער ער האַנדלט מיט קנעפלעך...

זיידנער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אַלקערס קני:

— אין שטאָט רעדט מען?

— וועגן דיר, מיינסטו, צי מען רעדט?

— נו, אוודאי וועגן מיר, דו גייסט דאָך נישט באַנקראָטירן.

— מען רעדט, פעליקס, מען רעדט אַ סך. נעכטן בין איך געזעסן ביי אַ טישל אין גראַנד־קאַפע מיט די זאַקן־פאַבריקאַנטן. בערעק איז אויך געווען און טאַקע בערעק האָט מער פאַר אַלעמען גערעדט וועגן דיר. שטענדיק, ווען איינער פאַלט, קומט ער ווייזן, אַז ער לעבט.

— ווען ער קאָן דאָס אָנשרייבן, וואָלט גוט געווען.

— ניין! שרייבן וועט ער שוין נישט קאָנען אין לעבן, דאָס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. ער האָט אַ גאָלדן מויל, נאָר די פינגער ביי אים פון בליי... דו האָסט אַמאָל געזען זיינע פינגער?

— אי, לאָז מיך... זאָג מיר בעסער, וואָס האָט ער גערעדט?

— שטעל זיך פאָר, אַז ער האָט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דיר און דיין גלייכן. ער זאָגט אַז אַלע אַלטע פאַבריקאַנטן מוזן אונטערגיין, ווייל ביי זיי אין די פאַבריקן זענען צופוילטע באַלקנס און נאָך אַזעלכע טיפּזי־ניקייטן... שטעל זיך פאָר — בערעק פוסבאַנק און אַ טעאָריע.

— אַזוי גאָר. בערעק פילאָזאָפירט שוין און מען הערט אים אויס, ווי אַן אייגענעם מענטשן, אַ חכם אין דער משפחה?

— אָט אַזוי איז דאָס, פעליקס! קיין יחוס־שידוך וועט ער שוין נישט טון, נאָר אַ יחסן וועט ער ווערן. מען וועט אים נאָך איינלאַדן אין די שענסטע הייזער און עס וועט אויפהערן מיט „בערעק", עס וועט קומען „פּאַניע פוסבאַנק". געלט האָט כוח, עס פאַרשטאָפּט אַלע מיילער... און וואָס זאָגסטו צו זיין טעאָריע וועגן די פאַרפוילטע באַלקנס?

זיידנער האָט אים געענטפערט:

— וועגן די פאַרפוילטע באַלקנס ווייס איך נישט, נאָר וועגן דעם, אַז די אַלטע פאַבריקן מוזן אונטערגיין, אין דעם איז פאַראַן אַ סך אמת.

— איך זע דאָס נישט, פעליקס! וויפל אַלטע פירמעס שטייען פעסט.

— אָבער די פעסטקייט איז שוין גאָרנישט קיין זיכערע. די אַלטע פאַבריקאַנטן זענען מערסטנטייל יורשים, זיי פאַרוואַלטן מיט דעם, וואָס

אַנדערע האָבן געשאַפן, זיי דרייען זיך אַרום אין די פאַבריקן, ווי שאָטנס און לעבן מיט טראַדיציעס. מען אַרבעט רעיעל, מען צאָלט חובות, אַ וואָרט איז אַ וואָרט, מען דרייט נישט... אַ סך גייען אונטער טאַקע דערפאַר, ווייל זיי דרייען נישט.

— אָבער דו אַליין ביסט דאָך דער בעסטער באַווייז, דו אַלס פאַר־שטייער פון אַן אַלטער פירמע, דו אַרבעטסט רעיעל און האַלסט זיך גרויסאַרטיק, דו האָסט די גאַנצע צייט פאַרדינט און אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדענונג... בלויז לעצטנס איז דיר איינגעפאַלן עפּעס אַן אידעע, אפשר אַ משוגענע אידעע, ווער ווייסט דיך דאָרט, איך האָב האָפענונג, אַז היינט וועל איך זיך אַלץ דערוויסן און דעמאָלט וועל איך קאָנען רעדן וועגן דעם...

— וועסט זיך אַלץ דערוויסן און וועסט קאָנען רעדן און לאַכן פון מיר, איך בין אויף אַלץ גרייט.

— עס וועט זיין פון וואָס צו לאַכן? פעליקס!

— פאַר אַנדערע יאָ, פאַר דיר — נישט. איך גלויב אין דיר, איך האָב דיך ליב פאַרשטיין, דו ביסט נישט קיין פאַבריקאַנט, דו האָסט דאָך ליב אַ ביסל פרייהייט. עס גייט טאַקע ביי מיר אין פרייהייט...

— אַ גוטע זאַך, די פרייהייט, איך זאָג דיר.

אַלקער האָט שוין נישט געענדיקט זיין פראַזע. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיידנערס ווילע־וועכטער האָט געעפנט דאָס טירל פון דער מאַשין. מען איז געקומען אויפן פלאַץ. אויפן פעלד איז געווען אַ סך זון און דאָ, ביי זיידנערן אין גאָרטן איז געווען אַ סך שאָטן. געמישטעביימער־גרופעס זענען דאָ געשטאַנען. דריי עלטערע בעריאָזעס האָבן אַריינגענומען אין מיטן אַ סאָסנע, פונקט ווי די סאָסנע איז זייער אַרעס־טאַנט. זי שטייט אַ שווייגנדיקע מיט איר ברוינעם קערפער, אירע גרינע נאָדלען מיט די צווייגן אינאיינעם זעען אויס ווי פאַרגליווערט, אָבער דערפאַר לעבן די בעריאָזעס, זייערע צווייגן זענען פאַרשאָטנט מיט טויזנ־טער בלעטער און יעדעס בלאַט איז אין באַוועגונג, עס ציטערט פון פרייד, פון התפעלות.

אַלקער האָט ליב די זאַך צו באַטראַכטן. האַ! אויך אַ דעמבעלע איז דאָ פאַראַן, צוויי ליפּעס און ווידער סאָסנעס, אַ שוואַרצע יאָדלע, אַ סך קאַשטאַנען־ביימער, בעז־ביימלעך, קוסטעס פון זשאַסמין און בלומען,

אַ סך בלומען. אַנדערע פון זיי זענען שטאַרק פאַרלאָזן און זיי וואַקסן ווילדער, אַנדערע זענען זייער אָפּגעהיט, אַרומגעשוירן און אַרומגעצוימט.

אַלקער האָט געקוקט אויף דעם אַלעם, ווי אַ מבין. ווען דער וועכטער וואָלט געווען נאָענט, האָט ער שוין פאַר אים עטלעכע נויטיקע אָנווייזונגען.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַן אַלטער באַנק און אָפּגעצויגן דעם אָטעם. אַך! עס וואָלט גוט געווען, ווען אַזאַ איינער, ווי ער איז, וואָלט געהאַט אַ שטיקל פּלאַץ, אַ ווילע מיט גרינס... נאַרישקייטן! ער איז אויך אַ שטאָטישער, ער איז אויך אַ פאַרסמטער. שוין בעסער נישט טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן. קומט אַזאַ געדאַנק, מוז מען אים באַלד פאַריאָגן. מען טאָר זיך נישט מודה זיין, אַז מען איז עלנד און אַז מ׳וויל עפּעס בעסערס, ווי דאָס, וואָס מען פאַרמאָגט. וואָס פאַרמאָגט ער? פיר צימערן מיט עטלעכע גוטע בילדער, עטלעכע פיינע מיניאַטיורן, אַנטיקן פון פאַרצעליי, אָבער דאָס וואַרעמט נישט.

אַ פריינט?

זיין כאַראַקטער איז אַזאַ, אַז ער קאָן בלויז זיין אַ פריינט, אָבער נעמען פריינטשאַפט, דערגרייכן פריינטשאַפט, דאָס איז אים נישט באַשערט. ער האָט אָבער איין שטריך אין כאַראַקטער, וואָס ראַטעוועט אים, ער נעמט אַלץ לייכט און אַזוי זאָל עס ווייטער גיין. דאָ אויף דער באַנק באַשליסט ער נאָכאַמאָל:

— אָט אַזוי זאָל ער ווייטער גיין...

ער איז פאַרבליבן אין גאָרטן און זיידנער איז אַריין צום וועכטער, דערנאָך איז ער מיטן וועכטער אַריין אין זיינע צימערן. אַ באַלעבאָס — האָט ער דאָרט אוודאי באַלעבאַטישע ענינים. דעם ווילע־וועכטערס הונט פון אַן אומבאַשטימטער ראַסע איז גאַנץ פרידלעך צוגעגאַנגען צו אַלקערן און האָט אים לאַנג באַטראַכט און באַשמעקט.

— מילא, דעם זיידנערן קען איך שוין לאַנג, אָבער וואָס טוסטו דאָ? וואָס פאַר אַ שותּף ביסטו? און וואָס פאַר אַ איינער ביסטו?

אַלקער האָט געוואָלט דעם הונט אַ גלעט טון, נאָר יענער איז פלינק אַוועק, ווי ער וואָלט וועלן מיט דעם זאָגן, אַז מיט קיין פרעמדע האָט ער נישט צו טון. דאָס האָט אויף אים נישט אָנגענעם געווירקט. ער איז איצט געווען סענטימענטאַל געשטימט. און דער הונט האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער.

אַ פרעמדער...

עס איז טאַקע זיידנערס ווילע און זיידנער איז זיין פריינט, נאָר פרעמד־שאַפט בלייבט פרעמדשאַפט... די לעצטע נאַכט איז ער שלעכט געשלאָפן און אויפגעשטאַנען איז ער צו־פרי. זאָל דאָס זיין די סיבה פון זיין איצטי־קער שטימונג?

און ווו איז זיידנער? וואָס טומלט ער דאָרטן מיטן וועכטער? ער איז שוין גרייט געווען זיך צו בייזערן אויף זיידנערן. אין דעם האָט זיך אויף אַ נידעריקן צווייג אַוועקגעשטעלט אַ גרויער פויגל, עטוואָס גרעסער, ווי אַ שפערלינג, נאָר אויפן קעפל האָט ער געהאַט אַ רויטן פלעק, דער פויגל האָט אָפּגעטרעלט אַ צוויי־דריי קלאַנגען און איז אַוועקגעפלויגן.

אָלקער האָט אַ שמייכל געטון:

— ווי קליין דאָס איז און ווי זאַרגלאָז!

און ער האָט געגומען פייפן. עס איז דאָך אַזוי: אויב אַ פויגל זינגט, באַדאַרף אַ מענטש פייפן.

זיין שטימונג האָט זיך געביטן צום בעסערן.

ער האָט דאָ אַרומגעבלאָנדזשעט אין גאָרטן. ער איז צוגעגאַנגען צו איין פּאַרקאַן און צום צווייטן. דער צווייטער פּאַרקאַן האָט אָפּגעטיילט בראָדערס ווילע פון זיידנערס. אָבער די ווילע געהערט שוין איצט צו בערעקן און בערעק האָט דאָ שוין באַוויזן אַ סך אויפצוטון. ער האָט אַרויפגעצויגן נאָך אַ שטאָק און צוגעבויט אַן אָפּיצינע. אַזוי גיך, אַזוי שנעל. אָ, די בערעקס מאַכן היינט אַלץ זייער גיך...

אין דעם האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גאָנג, אָבער גאָר נאָענט. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נענטער צום הויז. זיידנער איז געשטאַנען אויף דער טעראַסע און האָט מיט אַ שטעקעלע געקלאַפּט אין אַ גאָנג, וואָס איז געהאַנגען אויף דער טיר...

— וואָס איז דאָס? זיידנער! אַ פענסיאָנאַט ביי דיר?

— דער גאָנג איז אַ ירושה־זאַך. מיין מוטער האָט זייער ליב געהאַט די צערעמאָניע, אין אַמאָליקע זומערן פלעגן געסט צו אונדז קומען, פלעגט מען קלינגען אין גאָנג...

— אָבער דו קאָנסט שפּאַסן, ווען האָסטו זיך דאָס אויסגעלערנט?

— איך נעם זיך אָפּ פאַר אַ סך יאָרן, איך בין צו־ערנסט געווען, נעבעך...

— נעבעך, אַ טיש האָסט אָנגעשטעלט, שוין גאָרנישט קיין נעבעך.

אויף דער טעראַסע איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פולער טיש. ווײַן, שנאַפּס, פאַרשידענע פרוכט, קעזן, צובייסעכץ. דער ווילע־וועכטער האָט באַדינט, זײַן ווייב אויך, די קינדער זייערע אויך, עס איז געווען אַן איינ־געהאַלטענער, פריילעכער גערודער.

— ווען האָסטו דאָס אַלץ באַוויזן אָנצוגרייטן? פעליקס!

— דער ווילע־וועכטער איז נעכטן געווען ביי מיר אין לאַדזש און מיר האָבן עס אַלץ צוזאַמען איינגעקויפט. מיר ווען דאָ זײַן אַ גאַנצן טאָג. מיטאָג וועט מען ברענגען פון פענסיאָנאַט און איצט זעץ זיך עסן...

— אַ פיינע סעודה און אַן אַפּעטיט האָב איך אַ פיינעם.

— איך אויך, אַלקער! זינט איך האָב רעזיגנירט צו זײַן אַ גרויסער פאַבריקאַנט, האָב איך אַ בעסערן אַפּעטיט באַקומען.

נישט צו דערקענען געווען דעם זיידנערן. מונטער איז ער געווען און אויפמערקזאַם צו אַלע קלייניקייטן. ווען אַלקער וואָלט נישט געווען אַזוי הונגעריק, וואָלט ער אים מער באַטראַכט, אָבער דער הונגער האָט אים געצווונגען זיך ווייניקער צו פאַרנעמען איצט מיט באָאַבאַכטונג. די צוויי פריינט האָבן געשמאַק געגעסן זייער פרישטיק, געטרונקען אַ גלעזל און געטרונקען נאָך אַ גלעזל.

און ביי איינעם פון די גלעזלעך האָט זיידנער געזאָגט:

— אַ שאָד, וואָס דאָ איז נישטאָ אַ פרוי...

— אַ פריילייך, מיינסטו, — האָט אַלקער אַריינגעוואָרפן.

— אַ פרוי, אָדער אַ פריילייך... אַלץ איינס.

— ליזאַ איליטאָוויטש מיינסטו?

— פאַרוואָס נישט?

— לאָמיר אויסטרינקען פאַר איר געזונט!

די גלעזער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט און די גלעזלעך זענען ליידיק געוואָרן. אָבער דאָ האָט זיך זיידנער געכאַפּט, אַז ער האָט עפּעס דורכ־געלאָזן, ער איז גרייט געווען זיך אַליין אויסצופּאַטשן. עס איז געגאַנגען אין דעם, וואָס ער האָט פאַרגעסן צו טרינקען פאַר זײַן טאָכטערס גע־זונט:

— זי באַדאַרף זײַן די ערשטע.

האָט מען ווידער אָנגעגאָסן די גלעזלעך און ווידער אויסגעטרונקען, פאַר דעם טעכטערל אין אַנטוועדפּן.

— אַ פיין קינד! אמת? אַלקער!

— וואָס ווילסטו, איך זאָל דיר זאָגן, אַז דיין קינד איז נישט קיין פיין קינד?

— זאָג דעם אמת!

— אַזאַ יאָר אויף אונדזביידע, זיידנער! דאָס איז אַן אמתע יידישע ברכה. מיר זענען קנאַפּע יידן, אָבער אַ יידישע ברכה דאַרף מען אויסנוצן...

— יאָ, אַלקער, מיר זענען קנאַפּע יידן. אַנדערע דערמאָנען אונדז, אַז מיר זענען יידן, מיר אַליין פאַרגעסן עס. — ביז אַ צייט...

מען האָט געטרונקען און געלאַכט פון זיך אַליין. דער זומערדיקער טאָג מיטן קאָניאַק האָבן זייערס געטון. זיי האָבן געשאַפן שטימונג. די קינדער פון ווילע־וועכטער זענען אַרומגעגאַנגען מיט פולע הויפנס זיס־קייטן, וואָס זיידנער האָט פאַר זיי ספּעציעל געשיקט, וואַרעם און ליכטיק איז געווען, אַ שמעטערלינג האָט געפלאַטערט צווישן די בלומען. אין די ביימער און צווישן די צווייגן האָבן פייגל גערעדט אויף זייער לשון, דער קאָנאַריק ביים וועכטער האָט זיך צעזונגען... וואָס פעלט דער וועלט?

אַלקער האָט דערוויל פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז דאָ היינט געקומען און זיידנער איז אַוועק זיך צולייגן אַ ביסל. עס איז שטיל געוואָרן אין וואַלד. ווען די פרוי פון וועכטער איז געקומען און געוואָלט אויפ־רוימען, האָט זי דערזען, אַז אַלקער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן טיש און איז איינגעשלאָפן, איז זי פאַרזיכטיק צוריקגעגאַנגען. עטלעכע שפּער־לינגס האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיי האָבן געוואָלט באַטראַכטן זיידנערס ווערענדע. אויפן טישטוך זענען פאַרבליבן אַ סך ברעקלעך, האָבן די שפּערלינגס דאָס אויך געוואָלט באַטראַכטן.

שלאָפט אַלקער און די פייגלעך טאַנצן נאָענט פון זיין קאָפּ. זיי פּיקן אַריין, וואָס עס מאַכט זיך, אַ ברעקל קעז און אַ ברעקל זעמל — דעם קאָניאַק האָבן זיי נישט גערירט. פון צייט צו צייט פלעגט איינס פון די פייגל אויסטרעלן עטלעכע קלאַנגען. עס האָט אויסגעזעען, אַז ער רופט צונויף נאָך מיטגלידער פון דער פייגל־משפּחה:

— קומט, מיר האָבן דאָ געפונען אַן אוצר.

פון די נאָענטע ביימער, פון אונטער די צווייגן דערלאַנגט אַ שאָרך און נאָך אַ גרויער מזיק איז שוין דאָ אויף זיידנערס טיש. אַ ביסל ווייטער איז געלעגן אָנגעשפּאַרט דער קאָפּ פון אַ מענטשן. אַלקערס קאָפּ — ער איז גאָר געשמאַק געשלאָפן. די פייגל האָבן דעריבער געשמאַק געפּיקט און געשלונגען די ברעקלעך.

שטיל איז געווען. מענטשן זענען פאַרשווונדן, אויסבאַהאַלטן זיך, אפילו קיין קינד האָט נישט געוויינט, קיין הונט האָט נישט געבילט, קיין האָן האָט נישט געקרייט. אַלע האָבן זיך אָפּגערעדט נישט צו שטערן די רו, אויף קיין האָר נישט...

פון אַ סאָסנע איז אַראָפּגעפאַלן אַ טרוקענע שישקע, נאָר דאָס פאַלן האָט מען נישט געהערט. די שישקע האָט זיך דורכגעגנבעט דורך די צווייגן, אַריינגענורעט זיך אין גראָז און שאַ! קיינער האָט נישט געזען און קיינער האָט נישט געהערט.

שטיל איז געווען. דאָס, וואָס דער קאַנאַריק האָט אַ ביסל ווייטער אַזוי קלינגענדיק געזונגען, דאָס געהערט נישט צום טומל, דאָס גייט אַריין אין דער שטילקייט.

15

אַ פאַרברענגעניש

ביז מיטאָג זענען די צוויי פריינט געווען צוזאַמען. מען איז אַרומגעקראָכן איבער דעם גאָרטן, באַטראַכט דעם וועכטערס קראָליקעס, צוגעהערט זיך צו אַ ראַדיאָ פון אַ ווייטערער ווילע. דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט מיט אַ הייזעריקן טאָן האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט קאַליע צו מאַכן דאָס ביסל זומער, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דעם פּלאַץ. די לופט איז ווי געזעגט געוואָרן פון אַ טעמפּער זעג, די קליינע קולעכלעך פון די פייגל זענען צוליב דעם אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

דער געניאַלער ראַדיאָ איז געוואָרן אַ באַנאַלע אָנשיקעניש פאַר דער שטילקייט, וועלכע האָט איר אייגענע מוזיק פון קוים דערהערטע טענער. דער ראַדיאָ פאַרטויבט דאָס לייכטע געררויש פון דעם זשוקס מוזיקאַלישע פליגעלעך און דאָס געזאַנג פון די טויזנטער קאָמאַרן, ווען זיי זשומען אין די פאַרנאַכטן. די שטילקייט האָט איר אייגענע מוזיק פון בלעטערשאָרך, פון גראָז־ציטער, פון וואַסער־מורמל און פייגל־שפּראַך. די אַלע קלאַנגען פון דער נאַטור ווערן פאַרגרילצט פון ראַדיאָ — דער גרינער גאָט מוז גוט בייז זיין אויף דעם, אָבער ער קאָן זיך גאָרנישט העלפן. די איינציקע האָפענונג איז אויף אַ גרויסן ווינט, דעמאָלט, ווען אַלעביימער

נעמען רוישן מיט איינמאָל, שלינגט עס אויך איין דעם ראַדיאָס אָפּגעע־טעמפּטע טענער. עס קאָן זיין, אַזאַ שטורעם וועט זיך נאָכאַמאָל פאַר־מעסטן מיט די, וואָס פאַרשוועכן דעם אמתן פרילינג און די אמתע שטיל־קייט. ס'קאָן זיין, אַז די נאַטור וועט זיך אַרויסווייזן פאַר וויניקער גע־דולדיק, ווי דער מענטש איז...

נאָכמיטאָג. אַלקער און זיידנער זיצן אויף דער טעראַסע איינער אַנטקעגן אַנדערן, זיי לאָזן קנוילן רויך און שווייגן. עס דאַכט זיך, עס פילט זיך, אַז באַלד וועט זיך אָנהויבן דער ערנסטער שמועס, צוליב וועלכן זיי זענען אַהער היינט אַראָפּגעקומען. ביידע רויכערן און שווייגן. אַלקער קוקט אויף זיידנערן. ער שמייכלט און רעדט דערביי:

— פעליקס! דו קאָנסט זיך אַלץ נישט באַשליסן צו רעדן מיט מיר וועגן יענע וויכטיקע ענינים, וועגן דיינע פּלענער אויף דער צוקונפט, וועגן דיין פאַלשן באַנקראָט...

— איך האָב זיך שוין באַשלאָסן און איך וועל רעדן, נאָר, נישט איצט, נאָכמיטאָג, איך בין אַזוי ווי „פּאַ בורזשויסקי" מיד, לאָז איצט אָפּ! עס וועט נישט אַוועקלויפן. אַלע מיינע סודות זענען אָנגעגרייט פאַר דיר...

— טאָ רעד!

— לאָז מיך איצט, איך בעט דיך...

— אויב דו וועסט נישט רעדן, וועל איך אַוועקגיין און איך וועל מיט דיר איבעררייסן אויף שטענדיק.

— דו וועסט עס נישט טון!

— איך וועל עס יאָ טון...

אין דעם קומט צו גיין די דינסט פון אַ שכן און דערלאַנגט זיידנערן אַ צעטעלע. זיידנער לייענט עס איבער און גיט איבער דאָס פּאַפּירל אַלקערן, וועלכער האָט גענומען לייענען:

„פאַניע זיידנער! מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז איר זענט דאָ אַראָפּ־געקומען אין אייער ווילע מיט אייער פריינט אַלקער. מיר פאַרבעטן איך שטאַרק אויף אַ נאָכמיטאָג־טיי, ביי אונדז איז היינט אַ שטיקל שמחה: פינף און צוואַנציק יאָר נאָך אונדזער חתונה. עס זענען פאַראַן געסט, אַלע וואַרטן אויף אייך".

— וואָס זאָגסטו, אַלקער!

— וואָס זאָל איך זאָגן? איך בין נישט שולדיק, וואָס די לעווינזאָנס

האָבן מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק חתונה געהאַט... פון מיינעטוועגן האָט פון דעם שידוך גאָרנישט געזאָלט ווערן, פון מיינעטוועגן האָבן אַלע געמעגט חתונה האָבן... וואָס ווילן זיי פון מיר? און וואָס ווילן זיי פון דיר?

— הער אויף! מענטשן זענען העפלעך.

— פעליקס! פאַרטיידיק נישט די מענטשן מיט זייער העפלעכקייט, דו ווילסט זיך אַרויסדרייען און נישט רעדן מיט מיר וועגן דיינע עניינים, זאָג אָפן!

— אַ ביסל ביסטו גערעכט, אָבער נישט אינגאַנצן. די לעווינסאָנס, די אַלטע לעווינסאָנס זענען געווען אויפגעטראָגן מיט די אַלטע זיידנערס, פאַרשטייסט?

— איך וויל דאָ גאָרנישט פאַרשטיין.

דערביי האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ צו פעליקסן אויף „ניין". און די דינסט איז אַוועק מיט גאָרנישט.

— עס איז זייער העפלעך פון זיי — האָט זיידנער געזאָגט.

— אָבער וואָס! ווו וועלן מיר דאָרט קריכן...

— דער אַלטער לעווינסאָן איז געווען מיין פאָטערס בעסטער פריינט, כאָטש זיי האָבן שטאַרק קאָנקורירט איינער מיטן צווייטן, אָבער פריער, אין אַמאָליקע צייטן, האָט מען אינגאַנצן אַנדערש קאָנקורירט און מען איז געווען פריינט... יאָ, מיין פאָטער, וואָס האָט ער געהאַט פון אַלע זיינע געשעפטן? איך טראַכט זייער אָפט וועגן דעם, ווי שטאַרק די זעלבסט־אָפּנאַרעריי איז ביי מענטשן, דאָס איז דער גרעסטער כוח פון דער וועלט.

— אַ נויטיקער כוח, אָן דעם וואָלט מען גאָרנישט געבויט.

— איך רעד וועגן דעם איינעם, וואָס ווערט אַ שקלאַף ביי זיין אַר־בעט... איך בין געגאַנגען אין מיין פאָטערס דרכים, נאָר גאָט צו דאַנ־קען, איך האָב זיך געכאַפּט און אַרויסגעשפּרונגען פון מיין לעבעדיקן קבר... אַלקער! איך וועל דיר אויפקלערן, וואָס מיט מיר קומט פאָר און וואָס איך גיי איצט טון...

— איך וואַרט שוין לאַנג אויף דעם...

זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן אַריינצוגיין אין אַ שמועס וועגן זיידנערס וויכטיקע עניינים, איז מען זיי שוין ווידער געקומען רופן. לעווינסאָנס אַכצן־יעריקע טאָכטער מיט אירס אַ חברטע זענען געקומען פאַרבעטן די צוויי מענער.

— די עלטערן ווילן אומבאַדינגט, אַז איר זאָלט קומען, אַלע געסט

ווילן איך זען ביי אונדז אין דער ווילע און מיר, איך מיט מיין חברטע, בעטן אייך אויך...

די צוויי מיידלעך זענען דאָ ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, זיי זענען געשטאַנען אויף דער וועראַנדע און דער גאַנצער גאָרטן האָט צוליב זיי אויפגעלעבט. דאָס גרינס אַרום איז קאָלירט געוואָרן. אַלקער האָט גע־קוקט אויף זיידנערן און געשמייכלט, זיידנער האָט געקוקט אויף אַלקערן און געשמייכלט...

ביידע זענען זיי אויפגעשפרונגען, ווי גאַלאַנטע קאַוואַלערן, און גע־רופן די מיידלעך אויף דער וועראַנדע, געבעטן זיי זיצן, גאָר העפלעך געבעטן.

די מיידלעך האָבן נישט געוואָלט זיצן:

— קומט גלייך מיט אונדז — האָבן זיי געבעטן.

אַלקער האָט געפּרוווט ראַטעווען די סיטואַציע:

— מיר זענען דאָ ביידע פאַרנומען מיט אַ וויכטיקן געשעפטס־ענין, מיר זענען דאָ עקסטראַ צוליב דעם אַראָפּגעפאָרן.

— דאָ אויך געשעפט, שעמט זיך...

— מיר שעמען זיך טאַקע, אָבער אַזוי האָט זיך געמאַכט.

ער האָט געזוכט זיידנערס בליק, ער האָט צו אים געוואָלט ווינקען אויף „ניין". פאַר קיין פאַל נישט גיין צו די לעווינסאָנס.

אָבער זיידנער האָט אַזוי ווי אויף אומישנע זיין בליק אָפּגעקערט פון אַלקערן.

די פריילינס שטייען, זיי ווילן נישט אַוועקגיין: זיי רופן די נישט יונגע קאַוואַלערן און יענע זענען נישט דעצידירט.

אַלקער האָט זיך אָפּגעריסן שוין אַ ביסל בייזלעך און מער דעצי־דירט...

— עס איז זייער שיין פון אייך, מיר דאַנקען אייך זייער, אָבער מיר זענען מיד און פאַרנומען, מיר זענען דאָ געקומען געשעפטלעך.

די צוויי פריילינס האָבן זיך צעלאַכט:

— שוין ווידער געשעפטלעך... אַן אומגליק מיט אייך.

זיידנער האָט געבראַכט אַ נייעם אַרגומענט:

— די לעווינסאָנס זענען מיר זייער ליב, זייער טאָכטער אויך ליב און דאָס גלייכן די חברטע, אָבער דאָרט זענען פאַראַן פרעמדע מענטשן,

איך בין אַבסאָלוט נישט גענויגט איצט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון פרעמדע און אומבאַקאַנטע... ניין! מיר דאַנקען זייער.

לעווינסאָנס טעכטערל איז נישט אָפּגעשטאַנען:

— נישטאָ ביי אונדז קיין פרעמדע מענטשן, אַלץ אייגענע, ליבע, נאָענטע און ווער רעכנט זיך דאָס אויף זומער־וויונונג?

— ווער צום ביישפּיל איז דאָרט פאַראַן ביי אייך?

האָבן די מיידלעך גענומען אויסרעכענען:

— עס זענען פאַראַן די גראַוועדס מיט זייער יונגער שנור, דער אַל־טער און דער יונגער קאַפּלאַן, די קויפמאַנס, דער אַלטער פרומקין...

זיי האָבן יעדן אויסגערעכנטן נאָמען אַקצענטירט, אונטערגעשטראָכן אַזוי, אַז מען זאָל זען און פילן דעם יחוס. עס לוינט דאָך מיט אַזעלכע צו זיין אין איין געזעלשאַפט, עס איז אַ כבוד...

די צוויי מיידלעך האָבן זיך זייער שטאַרק באַמיט, אַז זייער שליחות זאָל נישט דורכפאַלן. מען האָט זיי געשיקט ברענגען געסט, מוזן זיי דאָס אויספירן.

— און ווער איז נאָך פאַראַן — איז זיידנער נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט עס געפרעגט אין שפּאַס, די געזעלשאַפט האָט אים שטאַרק נישט אינטערעסירט.

זיי האָבן אויסגערעכנט אַ צעטל פון דרייסיק מענטשן. מען האָט געקאָנט טראַכטן, אַז דער צעטל איז שוין פאַרענדיקט, אָבער די פריילין לעווינסאָן האָט נאָך איין גאַסט דערמאָנט:

— ביי אונדז איז אויך פאַראַן די געוועזענע לערערין מיינע, זייער אַ ליבע, איליטאָוויטש הייסט זי, די בעסטע לערערין פון מאַטעמאַטיק אין לאָדזש — ליזאַ איליטאָוויטש.

זיידנער מיט אַלקערן האָבן זיך איבערגעקוקט. אומגעריכטערהייט איז די איליטאָוויטש אַראָפּגעפאַלן אַזוי נאָענט. צי דאַרף נאָך זיידנער אַ בעסערע געלעגנהייט? ער האָט דאָך געוואָלט זי באַגעגענען און אַלקער וועט זיין נישט פריינטלעך, ווען ער וועט אים איצט אָפּהאַלטן.

— פאַרפאַלן — האָט זיידנער געזאָגט — מען מוז גיין.

און אַלקער האָט צוגעשפּאַסט:

— נישט אַזוי צוליב די געסט, נאָר צוליב דער דעלעגאַציע גייען מיר... אמת, פעליקס.

ער איז בייז געווען אויף פעליקסן, אויף די צוויי פלאַפּלערקעס, אויף

דער איליטאָוויטש און אויף דער גאַנצער וועלט... אָבער אונטערגעבן האָט ער זיך געמוזט און אַז מען גיט זיך אונטער, מוז מען עס פאַרשפּאָסן:

— פעליקס! די הענט אין דער הויך, מען האָט אונדז גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

אַלע האָבן געלאַכט, זומער לאַכט זיך לייכט, ווען מען איז צווישן גרינס, ווען מען מוז נישט אַרבעטן. דעמאָלט לאַכט זיך פון יעדער קלייינקייט. זיידנער האָט גענומען אונטערן אָרעם לעווינסאָנס טעכטערל. אָלקער האָט אונטערגעהאַלטן איר חברטע און מען האָט זיך געלאָזט פירן פון די צוויי יונגע מיידלעך. ווייט האָט מען נישט געדאַרפט גיין. עטלעכע צענדליק טריט און מען איז שוין געווען אין דעם טיפן הויף פון אַ פרעמדער ווילע. זיי אַלע זענען פריילעך באַגעגנט געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קורצע באַגריסונגען. זיידנער האָט געדריקט די הענט ביי אַ פּאָר צענדליק מענטשן, אָלקער איז געגאַנגען נאָך אים, ווי אַ געטרייער אַדיוטאַנט.

איצט האָט אָלקער צוריק באַקומען זיין גוטע שטימונג. ער האָט פּאָר יעדערן געהאַט אַ גוטן שמייכל און אַ שפּאַס. ער פלעגט שטענדיק זאָגן: „אויב מען שמייכלט נישט צווישן אַלע, באַדאַרף מען אינגאַנצן צו זיי נישט קומען, ווייל אויף שלאָגן זיך מיט זיי וועט קיין כוח נישט סטאַיען". ער האָט גוט אַרומגעקוקט זיך און גוט אויפגעכאַפּט דעם עולם און גלייך פאַרשטאַנען, וואָס מען קאָן פון זיי נעמען און וואָס מען דאַרף זיי געבן... יאָ, אין דער אמתן וועלן זיי גאָרנישט געבן און מען וועט זיי גאָרנישט דאַרפן געבן. אַ לייכטן שפּאַס און מער גאָרנישט...

אויף דעם גראָז זענען געשטאַנען עטלעכע טישלעך, אויף די טיש־לעך — גוטע זאַכן, די באַדינערס האָבן כסדר צוגעטראָגן טיי, ווייִן, קאַל־טע געטראַנקען. די לופט איז געווען ווי איינגעוויגט איבער די קעפּ. איין הויכע בלויקייט — אַ פאַרבלענדטע בלויקייט, קיין פּיצעלע וואָלקן און קיין ביסעלע רויך. אָלקער מוז דאָך עפּעס זאָגן:

— מען האָט דאָ נישט קיין איין קוימען... אַ מחיה.

קוימענס...

צוליב זיין פראַזע האָבן מענטשן אויפגעהויבן די אויגן און אַרומגע־קוקט זיך אויף אַלע זייטן און אַלע האָבן זיך איבערגעצייגט אין גרויסן וווּנדער: טאַקע, מען זעט נישט קיין איין קוימען, כאָטש מען האָט נישט

געקאָנט דערגיין, צי די מענטשן זענען צופרידן פון דעם, אָדער זיי באַ־דויערן עס.

האָט מען גענומען רעדן פון קוימענס. די פרויען האָבן אַלע גע־קרימט מיט די נעז, זיי זענען אינגאַנצן אומגליקלעך, וואָס מען האָט זיי פאַרמשפט צו לעבן אין אַ שטאָט מיט אַזוי פיל קוימענס. כאָטש נעם און דערלאַנג זיי גרויסע גערטנער מיט פאָנטאַנען, מיט וואַסערן, מיט שוואַנען און גאָנדאָלן און ערשט דעמאָלט וועט זיי אויך זיין לאַנגווייליק.
פון די מענער האָט גערעדט וועגן די קוימענס דער אַלטער פרומקין:

— לאָכט נישט פון די לאָדזשער קוימענס, זיי היטן אָפּ די שטאָט, ווי וואַך־זעלנער, זיי היטן עס אָפּ פון אונטערגאַנג...

— גאַנץ ריכטיק, — האָט ווער פון עולם איינגעשטימט.

— איך בין דאָ געקומען אַלס יינגל, פון אַ קליין ליטוויש שטעטל, דאָרט האָט געשווומען דער ניעמאַן און דער הימל האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געבאָדן אין טייך, נאַטור איז דאָרט געווען אַ סך, כאָטש נעם און שעפּ אָן פולע עמערס נאַטור... בין איך פון דאָרטן געקומען אַהער קיין לאָדזש, אָנשטאָט נאַטור האָב איך געהאַט רויך און נאָכאַמאָל רויך, האָט עס מיך געשטיקט. געמיינט, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן, דערנאָך האָב איך זיך צוגעוווינט און נאָך ווי זיך צוגעוווינט. דער לאָדזשער קוימען־פייזאַזש איז היינט פאַר מיר דער בעסטער פייזאַזש, פרוווט און שיקט מיך אַוועק צוריק אין מיין פאַעטישן שטעטל, איך וועל דאָרט אויסגיין פון לאַנגווייליקייט.

אָלקער איז געווען זייער צופרידן פון דעם אויספיר, וואָס דער אַלטער פרומקין האָט געמאַכט וועגן לאָדזש און ער האָט אַ געלעגנהייט אַ שטאָך צו געבן די ווייבער.

— אינטערעסאַנט, די פרויען, וואָס ליידן אַזוי פיל פון די קוימענס, פאָרן זיך צווי מאָל אַרויס פון דאַנען. זיי פאָרן צו דער זומערדיקער לאַנד־שאַפט און זיי פאָרן צו דער ווינטערדיקער לאַנדשאַפט, זיי פאַרברענגען גאָר־נישט שלעכט... ווער גיט אויף דעם אַלץ? דער לאָדזשער קוימען, באַ־דאַרף מען דאָך זיין אַ ביסל דאַנקבאַר דעם קוימען. ניין! ביי יעדער גע־לעגנהייט באַליידיקט מען אים, זיי קרימען מיט די נעז, אונדזערע דאַמען. עס וואָלט אָבער געווען פיל גלייכער, אַז זיי זאָלן אַ ביסל טראַכטן...

גערעדט האָט ער אין אַ גוטער שטימונג, באַליידיקן האָט זיך קיינער נישט באַדאַרפט, דערפאַר האָבן אַלע מיטגעלאַכט.

אָבער אָלקער האָט נאָך נישט געענדיקט:

— פאַר אונדזערע דאַמען האָט מען געדאַרפט אויסטראַכטן, אַ פאַר־בריק־שטאָט, אָן רויך, אָן קוימענס...

איינע פון די דאַמען האָט אים איבערגעריסן:

— און פאַר אָלקערן האָט מען באַדאַפט אויסטראַכטן אַ שלאָס אויפן מויל...

— איך וועל אייך אים פון צייט צו צייט אויסבאָרגן... גוט?

מער ווי געלעכטער האָט דער דיאַלאָג נישט אַרויסגערופן.

נישט אַלע געסט זענען געזעסן צוזאַמען. ביי פאַרשידענע טישלעך האָט מען פאַרבראַכט, עטלעכע זענען געזעסן אויף אַ באַנק ווייטלעך אַ ביסל פון אַלעמען, צוויי פאַרשווינען האָבן זיך געהוידעט אין וויג־שטולן. געפילט האָבן זיך אַלע פריי, נישט אָנגעצויגן. בלויז איין דאַמע, אָן עטלערע, אין ברילן, מיט געמישטע גרויע און שוואַרצע האָר איז געווען אַ ביסל אויפגערעגט. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פיין געשניצטן שאַכטל, אין שאַכטל זענען געלעגן צוויי טאַליעס קאָרטן:

— ווער שפילט אַ רעמי? האָט זי געפרעגט.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

די דאָזיקע דאַמע האָט שוין געהאַט אַ סך קנייטשן, און די קנייטשן זענען געווען עכט־יידישע, ווי ביי אונדזערע פאַרעלטערטע מומעס און באָבעס, ווען נישט די קאָרטן אין איר האַנט, וואָלט מען אויך געקאָנט זאָגן, אַז דאָס איז אַ רביצין, אַ פיינע, אָן אויסגעאיידלטע רביצין — אָבער די קאָרטן... מען האָט זי אויך געקאָנט אָננעמען פאַר אַ קאָרטן־לייגערין. זי איז געווען פול מיט בענקשאַפט, מיט אומגעדולד און אומ־רואיקייט. זי האָט געוואָלט שפילן אַ רעמי, פונקט, ווי אַ שיכור וויל טרינקען...

— ווער שפילט אַ רעמי?

זי האָט זיך פשוט געבעטן מיט די אויגן, אָבער דערווייל איז עס נישט געגאַנגען. די מענטשן האָבן עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. איצט דאַרף מען פאַרזוכן פון די גוטע זאַכן. איצט דאַרף מען אויסהערן און אויסברענגען אַ רכילות, דאָרט ווו עס קומען זיך צונויף אַ ביסל מענטשן, דאָרט דערוויסט מען זיך וועגן געשטאָרבענע, וועגן פאַרליבטע און פאַר־ראַטענע, וועגן אויפגעקומענע און אָפּגעקומענע...

שפּעטער, ווען מען ווערט מיד פון באַרעדעניש און אַרומרעדעניש,

דעמאָלט נעמט מען זיך צום רעמי. אָבער די דאָמע מיטן פאַרעלטערטן פנים וויל שוין שפּילן רעמי. זי בלאָנדזשעט אין גאָרטן, ווי אַ פאַרלוירע־נער שאָטן און דאָס שאַכטל מיט די קאָרטן לאָזט זי נישט אַרויס פון איר האַנט.

אָלקער איז געזעסן לעבן זיידנערן און זיידנער איז געזעסן לעבן ליזאַ איליטאָוויטש. אַ שווער שטיקל אַרבעט האָט זיידנער געהאַט. ער האָט כסדר נישט געפונען קיין ווערטער און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז וואָס לענגער דאָס וועט דויערן, אַלץ ערגער איז פאַר אים. וועגן וועטער וועט ער מיט איר נישט רעדן, ווייל דאָ זיצט אָלקער און אַז אָלקער הערט רעדן וועגן וועטער, מאַכט ער סקאַנדאַלן. וועגן מסחר און פאַבריק זאַכן וועט ער אוודאי מיט איר נישט רעדן, דאָ וועט ער מיט קיינעם וועגן פאַבריקאַציע נישט רעדן, און וועגן וואָס?

סוף כל סוף האָט ער געכאַפּט אַ פאָדעם.

— איר אַרבעט נאָך אַלץ אַזוי פיל, פרייליין איליטאָוויטש?

— אפילו היינט האָב איך אויך געאַרבעט. צוויי שילערינס האָב איך היינט אָפּגעפּטרט אויף צוויי באַזונדערע גאַסן. עס איז דאָך ערב די עקזאַמענס.

— און אַלץ מאַטעמאַטיק? — האָט זיידנער געפרעגט מיט אַ שמייכל...

— יאָ, דאָס איז דער שווערסטער קעגנשטאַנד פאַר די שילער.

— און פאַר דער לערערין.

ליזאַ איליטאָוויטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— דאָס איז גאָרנישט... נאָך עטלעכע וואָכן און איך וועל פאָרן זיך אָפּרוען. איך ווייס שוין ווהין איך וועל פאָרן. צום ים, אין קאַרוויא וועל איך פאַרברענגען. זון, איך באַדאַרף אַ סך זון. שלאָפן וועל איך זיך לייגן זייער פרי און אויפשטיין נאָך פריער, איך זאָל קיין איין שטראָל פון דער זון נישט פאַרלירן.

זי האָט אויסגעזעצן צו זיין זייער מיד, אפילו דער יום־טוב פון די לעווינסאָנס איז געווען צו שווער פאַר איר. עס האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק, אַז זי איז דאָ געקומען אומגערן. זיידנער האָט געטראַכט, אַז פאַר זיי ביידן איז דאָ נישט קיין פּלאַץ. ער וואָלט זי זייער וועלן זען אין אַ צווייטן אָרט, ווו עס זענען נישט פאַראַן אַזוי פיל מענטשן.

צו די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָ געוויילט אין גאָרטן, האָט ער גאָרנישט געהאַט. זיי זענען געקומען צו זייער יום־טוב און פילן זיך גוט,

נאָר די מידקייט פון דער איליטאָוויטש האָט אויף אים געווירקט. געווען אפילו אַ מאָמענט, ווען אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן, אַז די אַלע, וואָס ווילן זיך דאָ, זענען שולדיק אין דעם, וואָס די לערערין פון מאַטעמאַטיק איז אַזוי מיד. ער איז זיי שוין גרייט געווען צו האַסן.

אָבער די איליטאָוויטש שמייכלט און זי זאָגט:

— איך האָב איך זיך נישט געריכט דאָ צו באַגעגענען.

— ווי זאָל איך דאָס פאַרשטיין? איר... איר זענט צופרידן פון דעם, אָדער נישט?

— האָ, פאַניע זיידנער... איר שטעלט צו קאַטעגאָריש אייערע פראַגן און איך בין אַ ביסל אַ שעמעוודיקע...

— אַנטשולדיקט, פריילין איליטאָוויטש, איך בין אויך נישט זייער קיין דרייסטער...

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— אַנטקעגן אַזעלכע ווי איר...

מען האָט זיך איינער דעם צווייטן געגעבן אַזעלכע קליינע, נישט באַדייטנדע אַוואַנסן. ווערטער זענען ווי זיידענע שנירלעך, זיי פאַרבינדן, זיי פאַרקניפּן און זיי פלאָנטערן איין.

זיידנער האָט געפילט, אַז די וואָס זיצט לעבן אים, וויל פון איר פלאַץ נישט אַוועקגיין, זי קוקט אפילו נישט אויף קיינעם. ער קאָן האָבן די דרייסטקייט צו טראַכטן, אַז פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אינטערע־סירט ער זי, קיינער נישט מער אויסער אים. און ער וואָלט אויך גערן אַ מאַך געטון אויף אַלעמען מיט דער האַנט.

זיי דאַרט, די אַלע, פאַרבינדן אַזוי לייכט געשפּרעכן, זיי זענען ליב־לעך איינער צום צווייטן מיט דער גרעסטער לייכטקייט. אַ קאָמפּלימענט איז אַ קלייניקייט, אַ שמייכל צום צווייטן איז נאָך אַ קלענערע קלייניקייט. דאָס איז ביי זיי אַזוי נאַטירלעך, ווי דער גאָרנישט, צו ווערטער און געפילן איז נישטאָ קיין פליכט, נאָר בלויז די נויטווענדיקייט פון שאַבלאָן.

גייען זיי איינער צום צווייטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט ווערטער זיס ווי צוקערקעס, און וואָס קאָסט דען אַ קילאָ צוקערקעס?

ווען מען זאָל מעסטן לויט דער העפלעכקייט, זענען אויף דער וועלט גאָרנישט פאַראַן קיין אומטאַקטישע מענטשן. אַלץ איז אַזוי פיין... און איצט אין גאָרטן, ביי די לעווינסאָנס, צוזאמען מיט די בלומען בליט די „פיינקייט" ביז דער העכסטער מדרגה.

— פאַרזוכט אַ שטיקל טאָרט, פריילין איליטאָוויטש, פאַניע זיידנער! זייט ווי ביי זיך אין דער היים...

ווען די באַלעבאָסטע גייט אַוועק מיט איר טאָרט, רופט זיך אָן זיידנער:

— „זייט ווי ביי זיך אין דער היים“, אָבער אין דער היים, אין דער היים ביי זיך, עס איך נישט קיין טאָרט...

— איך אויך נישט, — האָט די איליטאָוויטש געענטפערט און מיט דעם קורצן דיאַלאָג וועגן טאָרט שליסן זיי נישט באַמערקטערהייט א שטיקעלע פאַרשווערונג קעגן טאָרט און קעגן די אַלע, וואָס עסן דעם טאָרט. זיי טומלען גאַנץ נישטקשהדיק, זיי האָבן זיך שוין צעוואַרעמט. מען האָט שוין אַרויסגעשלעפּט אין גאָרטן דעם גראַמאָפאָן, מען טאַנצט. די פאַבריקאַנטישע ווייבלעך, וועלכע זענען מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געווען שלאַנק, פאַרגעסן אינגאַנצן, וואָס דאָס איז פינף און צוואַנציק יאָר. פאַר דער צייט איז פון דער שמאָלינקער טאַליע געוואָרן אַ ברייטער זאַק, דער קאָפּ האָט זיך איינגעפעסטיקט אין די אַקסלען, די פיס זענען דיק געוואָרן און ווען זיי טאַנצן, טאַנצט אויך מיט אַ גוידערל... זיי זעען דאָס נישט, זיי ווילן דאָס נישט זען...

מען האָט שוין אויך פאַרבעטן ליזען צו טאַנצן, נאָר זי האָט אַזוי אויפריכטיק געזאָגט, אַז זי איז מיד, — מען האָט זי געלאָזט צורו.

— איר טאַנצט, פאַניע זיידנער?

— אַז איר וועט וועלן, וועל איך טאַנצן, אָבער נישט דאָ...

לעווינסאָנס טאָכטער איז צוגעקומען:

— פאַרוואָס זיצט איר אַזוי אָפּגעזונדערט?

— דאָס איז צופעליק— האָט זיידנער געענטפערט. — נישט מיר זענען אָפּגעזונדערט, נאָר אונדזער טישל.

לעווינסאָנס טאָכטער האָט שעלמיש געשמייכלט:

— איך פאַרשטיי: פאַננא ליזא איז אייך געפעלן.

— אוודאי אַזוי...

— דאַן וועל איך אייך נישט שטערן.

דאָס איז נישט געווען אַזוי דעליקאַט פון איר זייט, דערפאַר איז זי זייער דעליקאַט אַוועקגעגאַנגען.

זיידנער און ליזאַ האָבן דורכגעלאָזט אירע ווערטער, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיי נישט געהערט.

באלד נאָך לעווינסאָנס טאָכטער איז געקומען די באבריליטע דאמע מיט דעם קאָרטן־שפּיל, זי האָט אויסגעזען כמעט פאַרצווייפלט:

— ווער שפּילט אַ רעמי?

דאָ האָט מען זיך נישט אָנגערופן, איז די פרוי אַוועק זוכן ביי אַנדערע מזל.

מען האָט זיי רואיק נישט געלאָזט זיצן. די באַלעבאָסטע, די מאדאם לעווינסאָן, איז ווידער געקומען פאַרלייגן אַ שטיקל טאָרט:

— פאַרזוכט, פּריילין ליזא.

— פאַניע זיידנער! איר ווייסט דען, וואָס פאַר אַ טאָרט דאָס איז?

אָבער וואָס פאַר אַ טאָרט דאָס זאָל נישט זיין, פאַרזוכן האָט מען געמעגט. נישט אומזיסט האָבן צוויי מענטשן חתונה געהאַט און אָפּגע־לעבט פינף און צוואַנציק יאָר. דאָס מוז געקרוינט ווערן מיט אַ טייערן, מיט אַ זעלטענעם, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן טאָרט. מאדאם לעווינסאָן איז אַזוי געגאַנגען פון איין גאַסט צום צווייטן. די באַדינערין האָט נאָכ־געטראָגן אויף אַ טאַץ דעם אדון הגדול, דעם טאָרט און זי האָט עס אַלע־מען איינגעטיילט. אַלע האָבן פאַרזוכט און אַלע האָבן גערימט. אָט אַזוי זענען דאָך אייביק אויס די אויפנאַמעס, עס ווערט אַ מעלאַנזש אַזאַ, אַ צונויפמישעניש פון מענטש און טאָרט, טאָרט און מענטש, די באַלע־באָסטע איז צופרידן, די געסט אויך. איבערהויפּט זענען צופרידן די נאַשערס...

ביי איין טישל זענען געזעסן דריי עלטערע מענער. אַ צופאַל אַזאַ, אָבער ביי אַלע דריי זענען שטאַרק אָנגעוואַקסן די בייכער און דאָס האָט אויסגעזען אביסעלע לעכערלעך. פון די דריי איז איינער געווען אַ דאָקטאָר, אַ גינעקאָלאָג, דער צווייטער — אַ באַנק־דירעקטאָר און דער דריטער — אַ פאַבריקאַנט. גערעדט האָט מען וועגן די וויטאַמינען. דער דאָקטאָר האָט אויסגערעכנט וויפל אין יעדער שפּייז איז פאַראַן „לעבע־דיקייט". די איבעריקע צוויי האָבן זיך צוגעהערט מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט.

דערביי איז פאַרבייגעגאַנגען אָלקער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און לאַכנדיק געזאָגט:

— וויטאַמינען, האַ! אַ טייערע זאַך, זאָגט איר. די וועלט, דער מענטש איז געראַטעוועט, אָבער הערט זיך איין: מיין עלטער־זיידע האָט

געלעבט הונדערט מיט צוויי יאָר און ער האָט אפילו נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז „וויטאמין״...

אָפּגעזאָגט און איז אַוועק.

די דריי מיט די אָנגעוואַקסענע בייכער האָבן אים באַגלייט מיט אומצופרידענע בליקן. דער דאָקטאָר איז שנעל צו זיך געקומען און האָט ווידער אָנגעהויבן זיין וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט.

די דריי מענטשן זענען נישט געווען קיין נאָענטע פריינט. צופעליק האָבן זיי זיך דאָ באַקענט און צופעליק האָבן זיי דאָ אָנגעהויבן דעם וויטאַמינען־שמועס, אָבער דערפאַר זענען זייער נאָענט געווען צווישן זיך זייערע דריי בייכער. די ענלעכקייט פון דעם בויך־איבערוווּקס האָט פשוט צוגעצויגן און צוריקגעצויגן. עס האָט אויסגעזען, אז אויסער דעם, וואָס די מענטשן רעדן צווישן זיך, פירן אויך זייערע דריי בייכער א באַזונדערן בויך־שמועס, אַ פילאָזאָפיע אַזאַ פון קייען און פאַרדייען.

אין גאָרטן ביי די לעווינסאָנס האָט מען געלאַכט אויפן קול. מען האָט זיך דערציילט מעשיות, אַנעקדאָטן, דעראינערונגען וועגן די אַלטע פאַבריקאַנטן. אָקער האָט זיך דיסקרעט נישט דערנענטערט צו זיידנערן און זיידנער איז נישט אַוועק פון דער איליטאָוויטש.

ווען זיידנער זאָל פּיקן, אז ער דאַרף דאָ נישט זיצן לעבן איר, ער איז איבעריק, וואָלט ער לאַנג נישט געוואָרט...

ער האָט טאַקע געמאַכט אַזאַ שפּאַס:

— פריילין איליטאָוויטש! אפשר שטער איך אייך, אַט דאָרט פאַרברענגען אַ סך יינגערע.

— אָבער, פּאַניע זיידנער!

און מיט אַ שטיל קול האָט זי צוגעגעבן:

— איר זענט דאָ פאַר מיר דער אינטערעסאַנטסטער!

— אַ קאָמפּלימענט?

— אַ פאַקט... פּאַניע זיידנער!

— אָ, דאָס איז דאָך גאָרנישט מאַטעמאַטיש, נישט אויסגערעכנט און נישט אויסגעמאָסטן... וואָס בין איך? אַ בער, וואָס איז צוואַנציק יאָר געלעגן איינגעקנוילט אין באַנוול, אַ בער, אַ פאַרעלטערטער בער און איר זאָגט: „דער אינטערעסאַנטסטער״.

גערעדט האָט ער דאָס מיט אַ שמייכל, נאָר אונטערן שמייכל איז געווען א באהאלטענער צער פון חרטה. ער האָט עס אפשר אליין נישט

געפילט. ער האָט נישט געפילט ווי שטאַרק ער האָט געוואָלט אין דער רגע א גוט וואָרט, אַ גוט וואָרט פון דעם מיידל, וואָס איז געזעסן אנט־קעגן אים מיט אַזאַ מידן בליק. זי האָט אָפּגערוט פאַר אַ סך טעג פון שווערער אַרבעט.

זיי האָבן זיך א רגע אָנגעקוקט און זי האָט אים אזוי ווי אַ גלעט געטון מיט די אויגן:

— איך האָב אייך שוין געזאָגט: איר זענט דאָ פאַר מיר דער אינ־טערעסאנטסטער, איך האָב נישט קיין חרטה אויף מיינע ווערטער!

אָט די פראזע: „איך האָב נישט קיין חרטה" איז געווען דאָס גוטע וואָרט, אויף וועלכן זיידנער האָט געוואַרט. אויפן הארץ איז זייער ווויל געוואָרן, כאָטש ער האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן פארוואָס די וועלט, מיט דעם וועלטעלע פון די געסט, וועלכע האָבן זיך ארומגעדרייט, איז אים אַ סך ליבער געוואָרן.

ווו איז זי, די מאַדאַם לעווינסאָן, מיט איר טאָרט? ער וועט איר טון די גרעסטע טובה און אויפעסן ביזן לעצטן שטיקל. ווו איז די דאַ־מע מיטן קאָרטן־שאכטל?...

אָבער יענע דאמע איז שוין געזעסן ביי אַ טישל מיט נאָך עטלעכע און געשמאַק געשפּילט „רעמי". מיט דער קאָרטן־שפּיל האָט זי באגריסט און געקרוינט די פינף און צוואנציק יעריקייט פון די לעווינסאָנס חתונה האָבן — און זיידנער?...

ער איז געווען צופרידן, וואָס די לעווינסאָנס האָבן מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק חתונה געהאט. ווען נישט דער פאקט, וואָלט נישט געשען אַ צווייטער פאקט, ער וואָלט דאָ היינט נישט באגעגנט די פריי־ליין איליטאָוויטש...

עס האָט אים נישט פאַרדראָסן, וואָס איצט איז צוגעקומען צו אים לעווינסאָן און פארפירט אַ שמועס וועגן פארגאנגענע זאכן, וועגן די קינדער־יאָרן, וועגן פארשטאָרבענע טאטע־מאמע. עס האָט אים נישט געערגערט, וואָס מען האָט גערעדט וועגן פאַרשטאָרבענע...

עס איז אים געווען גוט אויפן הארץ. ער, זיידנער, אַ קאַלטער, איי־ביק פארנומענער פאבריקאנט, אזא איינער, אויף וועלכן מענטשן האָבן געזאָגט, אז אויסער פאבריקאציע ווייסט ער פון גאָרנישט, נישט ער טראַכט, נישט ער לעבט און פילט, — ער האָט היינט געכאַפּט א בליק פון א יונגער פרוי, איז ער גליקלעכער געוואָרן פון דעם בליק, גליקלע־

כער ווי פון אַלע זיינע שטאָף־מוסטערן, וואָס ער האָט ביז איצט, ביי אנדערע אַרויסגעכאַפּט...

די איליטאָוויטש האָט אים איבערגעגעבטן און אַליין איז זי געגאַנ־גען צו איר געוועזענער שילערין, צו לעווינסאָנס טאָכטער. אָבער זאָל זי גיין צו וועמען זי וויל, אים מאַכט עס נישט אויס, ער האָט זיך היינט שטאַרק באַפריינדעט מיט דער ליזא און ער איז זיכער געווען, אַז די פריינטשאַפט וועט אָנהאַלטן.

צו אים איז צוגעקומען אָלקער:

— פעליקס! אפשר וועט שוין זיין גענוג מיט דער שמחה?

וואָס ווילסטו, אָלקער? איך פיל זיך דאָ גוט.

אָלקער איז נישט געווען צופרידן. היינט האָט זיידנער געזאָלט פאַר אים אויפקלערן דעם גאַנצן פּלאַנטער פון זיינע געשעפטן. שוין עטלעכע חדשים, ווי ער וואַרט אויף דער דאָזיקער אויפקלערונג און מיטאַמאָל אַזאַ אָנשיקעניש: אַ שמחה ביי די לעווינסאָנס און עס האָט זיך פאַר־מאָסטן אויף דעם, אַז די שמחה זאָל זיך אַזוי גיך נישט ענדיקן, כאָטש די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעזעצט און פון טאָג זענען שוין פאַרבליבן שוואַכע רעשטלעך. יאָ, די שמחה האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט, די אַלע געסט זענען פאַרבעטן געוואָרן צו בלייבן אויף אָוונטברויט.

ליזא איליטאָוויטש האָט נישט געוואָלט בלייבן. פאַר איר וועט זיין צו שפּעט. באַלד אינדערפרי מוז זי אַרבעטן. אָבער אַלע זענען צו איר צוגעשטאַנען און אויך זיידנער האָט געבעטן. ער וועט זי שפּעטער באַגלייטן מיט זיין אויטאָ... זאָל זי בלייבן.

עס איז שוין געווען נאָך צוועלף. אין זיידנערס אויטאָ, וועלכער האָט געאיילט קיין לאָדזש, זענען געזעסן דריי פּערזאָן: זיידנער, אָלקער און אינמיטן צווישן די צוויי מענער האָט זיך געפונען די לערערין ליזאַ איליטאָוויטש. אָלקער האָט געשוויגן אינגאַנצן, ער איז געווען בייז דער־פאַר, ווייל דער טאָג איז אַוועק נישט אַזוי, ווי ער האָט באַדאַרפט אַוועק־צוגיין. די איליטאָוויטש האָט אויך געשוויגן, ווייל זי האָט צו לאַנג פאַר־בראַכט ביי די לעווינסאָנס, שטענדיק אין דער צייט שלאָפט זי שוין...

דער איינציק מונטערער איז געווען זיידנער. ער האָט גערעדט, גע־וואָרפן כסדר ווערטער און כמעט ווי נישט באַקומען קיין ענטפער אויף זיי. ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון דעם, ער איז געווען אין דער בעסטער שטימונג. ער האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, פאַרוואָס

די שטימונג איז ביי אים גוט. אפשר טאַקע, ווייל ער האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן.

וואָס מער אָלקער האָט געשוויגן, אַלץ מער האָט זיידנער געוואָלט רעדן, פשוט, ער האָט זיך געוואָלט רייצן מיט אָלקערן, וואָס האָט ער אַזוי נישט קיין געדולד, דער פריינט זיינער. ער וויל וויסן אַלץ פון זיידנערס עניגים, אָבער דאָס וועט דאָך נישט אַנטלויפן, אויב די פריינטשאַפט איז טאַקע אַזוי פעסט, מעג ער נאָך אַ ביסל וואַרטן...

— אָלקער, שווייג נישט, אויב נישט וועל איך בעטן דעם שאָפער, ער זאָל איבערדרייען די מאַשין...

— אין קאָפּ איז שוין ביי דיר לאַנג איבערגעדרייט...

— אמת, ווען עס וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט איך איצט געטראַכט וועגן מיין פאַבריק, איך וואָלט נישט געווען ערב באַנקראָט, אַ סך זאַכן וואָלטן אַנדערש געווען.

— קריגט זיך נישט, מיינע פריינט, איך האָב אַן איינדרוק, אַז איר קריגט זיך פון צופיל פריינטשאַפט...

ליזעס קול האָט זיך אָבער באַלד איבערגעריסן. אפשר פון מידקייט און אפשר האָט זי עפּעס פאַר זיך געטראַכט און זיך נישט געוואָלט אָפּ־רייסן פון די אייגענע געדאַנקען.

זיידנערס מיטפאָרער אין אויטאָ האָבן געוואָלט שווייגן און אים האָט זיך מער, ווי אַלעמאָל, היינט געוואָלט רעדן.

אפילו שפּאַסן האָט זיך אים געוואָלט:

— פרייליין איליטאָוויטש, איר ווייסט, פאַרוואָס אונדזער פריינט אָלקער איז אַזוי שוויגנדיק?...

— איך ווייס נישט...

— דערפאַר ווייל מיינע געשעפטן גייען זייער נישט גוט. איר פאַר־שטייט, ער נעמט זיך זייער שטאַרק איבער. אָט דאָס הייסט אַ פריינט...

ליזאַ האָט זיך דאַן געווענדט צו אָלקערן:

— ס'איז אמת, פּאַניע אָלקער? איר זענט טאַקע אַזאַ איבערגעגע־בענער?

— קיין שונא בין איך אים נישט, זיידנערן. נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן, איך ווייס נישט מיט וועמען איך האָב צו טון: פריער האָט ער יאָרן געשוויגן, קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזן און צו קיינעם אַליין נישט געקומען, איצט חכמהט ער זיך און וויצלט זיך, מיין פריינט זיידנער.

— וואָס פאַרגינסטו מיר נישט? איך וויל אויפריכטיק אַרויס פון דער תפיסה, וואָס הייסט פאַבריק, דו ביסט דאָך אויך שולדיק אין דעם, וואָס איך הויב אָן צו ווערן אַ ביסל לייכטזיניק, דו האָסט מיך אָנגערעדט דערצו.

— בין איך שולדיק, לאָז מיך צורו...

מער האָט מען נישט באַוויזן זיך צו צעווערטלען, ווייל אָלקער האָט שוין באַדאַרפט אַראָפגיין און זיידנער האָט אים אין איילעניש צוגעוואָרפן:

— איך וועל צו דיר אָנקלינגען.

— טו, וואָס דו ווילסט — האָט אָלקער געענטפערט און צוגעקלאַפּט מיט כעס דאָס טירל פון אויטאָ.

די איליטאָוויטש האָט דאַן געפרעגט ביי זיידנערן:

— ער איז אין כעס אויף אייך? אייער פריינט...

— דאָס איז פון אמתער פריינטשאַפט, גלויבט מיר.

— ס'איז גוט, ווען מען האָט פריינט, אפילו אַזעלכע, וואָס בייזערן זיך...

— איר האָט פריינט? — האָט זיידנער געפרעגט.

— איך? פריינט... מיין משפחה און מער קיינער נישט, איך האָב פאַר קיינעם נישט קיין צייט.

נישט באַוויזן האָבן זיי צו פאַרפירן אַ שמועס, ווייל דער אויטאָ האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט אויף דער ציגל־גאַס. מען איז געשטאַנען ביים טויער און פרייליין איליטאָוויטש האָט שוין געוואָלט קלינגען...

— וואַרט נאָך אַ רגע... אָט די איילעניש! דער אויטאָ לויפט אַזוי שנעל און איר קלינגט אַזוי שנעל, נישט אַלעמאָל איז דאָס ליב אַזוי... מיט דער שנעלקייט.

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן. אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך געשפּיגלט אין זיי, אָבער דער שמייכל איז מיד געוועזן, די גאַס, דאָס בלייכע עלעקטרישע ליכט, אַלץ איז מיד געווען. איר גאַנצע אויס־געמאַטערטקייט איז איצט געלעגן אויף איר פּנים, זי האָט זיך אָבער באַ־מיט עפּעס צו זאָגן:

— איר זענט אַזוי גוט צו מיר, פּאַניע זיידנער!

— און איר צו מיר זענט אויך נישט שלעכט...

— ווייל איך שאַץ אָפּ אייער גוטסקייט...

— יאָ, אָבער איך וואָלט אייך וועלן בעטן וועגן...

— וועגן וואָס?

— איך וואָלט אייך וועלן בעטן, איר זאָלט נישט קוקן מער אויף מיר, ווי אויף דעם רייכן זיידנער, ווי אויף דעם גרויסן פאַבריקאַנט, איך בין שוין נישט רייך און איך בין שוין באַלד אויס פאַבריקאַנט, איר האָט אוודאי געהערט וועגן מיין לאַגע...

— געהערט... און איך פיל אייך מיט, איר זענט מיר אַ נאָענטער מענטש... איר אַליין אָן אייער פאַבריק.

— דאָס איז זייער ליב צו הערן, פריילין איליטאָוויטש.

— איך האָב עס געזאָגט פון האַרצן...

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— ווען פאָרט איר קיין קאַרווי? — האָט זיידנער פלוצלינג געפרעגט.

— גלייך, ווי מען וועט פונאַנדערלאָזן די שולע...

— לאַנג וועט איר דאָרטן זיין?

— ביז מען וועט ווידער אָנהויבן לערנען.

— וואָס טוט מען דאָרטן אין קאַרווי?

— מען גייט צום ים, מען קוקט אויפן ים און מען באָדט זיך אין ים.

— און וואָס נאָך?

— מען פאַרגעסט אינגאַנצן די מאַטעמאַטיק, מען שלאָפט זיך אויס און ווער ווייסט, מען הויבט אפשר אָן צו חלומען פון אַ בעסער לעבן, דאָ אין שטאָט קאָן מען שוין אפילו נישט חלומען פון עפּעס בעסערס...

— איר וואָלט וועלן עפּעס בעסערס?

— איך וואָלט וועלן איין זאַך: נישט אַלט ווערן פאַר דער צייט.

— אַ באַשיידענער און גערעכטער פאַרלאַנג.

— אָבער דערווייל וויל איך, וואָס שנעלער זיין ביים ים.

— איך וועט נישט וווּנדערן, ווען איר וועט מיך פלוצלינג דערזען דאָרט אויף ביי אייער ים?

— מיך וועט עס דערפרייען...

— אויפריכטיק?

— זייער אויפריכטיק...

ערשט האָט זיך זיידנער געכאַפּט, אַז ער האַלט די גאַנצע צייט איר האַנט און זי האָט די האַנט נישט צוריקגעצויגן און ערשט האָט ער דער־פילט, ווי שטאַרק דאָס פרייט אים... ער האָט אַ קוק געטון אויף איר:

— איר זענט דאָך זייער מיד, אמת?

— דאַכט זיך...

— טאָ גייט שלאָפן...

ער האָט אַליין געקלונגען צום הויז־וועכטער, אַז ער זאָל גיכער עפע־נען דאָס טויער, דערביי צוגעוואָרפן אַ פראַזע:

— איר האָט זייער אַ גוטן הויז־וועכטער.

— מיט וואָס איז ער אַזוי גוט? — האָט זי געפרעגט — מיט דעם, וואָס ער עפנט נישט אַזוי שנעל...

— איך מיין טאַקע, אַז מיט דעם איז ער גוט...

— איר זענט אַן עגאָאיסט, איך פאַל פון די פיס... און אייך אַרט עס נישט...

— מיך אַרט עס זייער שטאַרק און אין דער זעלבער צייט וויל איך נישט, אַז איר זאָלט דאַרטן פאַרשווונדן ווערן אין טויער. איך זאָג אייך דעם אמת...

— איך גלויב אייך...

ער האָט איצט שטאַרקער געקלונגען און אומגעדולדיק געוואַרט, מען זאָל שוין גיכער עפענען דאָס טויער און זאָל זי גיין שלאָפן און זאָל זי זיך אויסרוען, עס גייט אים שטאַרק אָן, אַז זי זאָל זיך אויסרוען.

ווען ער איז אַליין געבליבן, האָט ער אַ קוק געגעבן מיט אומווילן אויף זיין אויטאָ. זאָל דער שאָפער פאָרן אַהיים און ער וועט גיין צופוס. מיד איז ער נישט, שלאָפן וויל ער נאָך נישט, וועט ער זיך אַ ביסל דורכ־שפּאַצירן איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס. ער האָט איצט גערעכנט: וויפל האָט עס געדויערט! ווי לאַנג האָט ער געהאַלטן איר קליין הענטל? דרייסיק סעקונדן? אַ מינוט, אָדער פינף מינוט? דאָס איז דאָך זייער וויכטיק צו ויסן, אויב בלויז דרייסיק סעקונדן האָט זי זיך נישט געקאָנט כאַפּן, דאָס קאָן קומען פון צעשטרייטקייט, פון מידקייט. אַ מינוט איז שוין עפּעס אַנ־דערש. אַ מינוט איז אַ סך צייט. און אויב ליזעס האַנט איז געווען אין זיינער דריי מינוט, אָדער פינף מינוט, דעמאָלט איז דאָס אַ גרויסע זאַך, הייסט עס, אַז צווישן זיי איז שוין פאַראַן אַ נישט אָפּגעמאַכטער קאָנ־טאַקט... די ליפּן האָבן געשוויגן, אָבער דערפאַר האָבן גערעדט זייערע

פינגער. קיין פרעמדע מענטשן שפּילן זיך נישט אַרום מיט די פינגער, מען דערלאַנגט זיך די הענט אויף שנעל. ער איז געווען אַזוי איבער־ראַשט פון דער גאַנצער געשיכטע, אַז ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיינע פינגער, ווי ער וואָלט וועלן זיי אויספאָרשן... טאַקע אַזוי! פאַרוואָס זאָלן זיינע פינגער אים נישט דערציילן דעם מיין פון ליזאַ איליטאָוויטשעס שמאָלע פינגער?

פעליקס זיידנער, נישט קיין אַנדערער, האָט געטראַכט פון אַזעלכע ליבע־נאַרישקייטן. ווי איז דאָס געווען אַמאָל? פריער, מיט אַ שטיקל צייט צוריק? וועגן וואָס האָט ער פריער געטראַכט, ווען ער פלעגט בלייבן אַליין מיט זיך, אויף דער גאַס? דעמאָלט פלעגט ער טראַכטן וועגן זיינע געשעפטן, ער פלעגט זיך איינשפּינען און איינוועבן מיט די פעדעם, וועל־כע גייען אַריין און אַרויס אין זיינע וועב־שטולן; וועגן זיינע קאָנקור־רענטן, וועגן איבערשטייגן און איבעריאָגן האָט ער שטענדיק געטראַכט. יעדעס פּיצעלע געדאַנק וועגן אַנדערע זאַכן פלעגט איינגעשלונגען ווערן פון דעם הויפּט־געדאַנק, פון מאַנופאַקטור... ער האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן, אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט זיין פאַבריקאַציע, האָט גאָר קיין ווערט נישט געהאַט. ער האָט פאַרמאָגט גענוג כּוחות צו הערשן איבער זיך און טון און אויספירן דאָס, וואָס ער וויל. אין שטאָט האָט מען אים געקענט אַלס אַזעלכן און עס איז אים שטאַרק אָנגעגאַנגען, אַז די מיינונג וועגן אים זאָלן מענטשן נישט בייטן. צו וואָס ער האָט באַדאַרפט די מענטשן מיט זייער מיינונג, וועגן דעם האָט ער זיך אַליין קיינמאָל נישט געפרעגט. די בלינדע אַמביציע האָט פיינט זיך אַליין אויסצופאָרשן...

אָבער איצט דאָמינירט איליטאָוויטשעס טאָכטער. דעם בוכהאַלטער זיינעם האָט ער פריער כמעט ווי נישט באַמערקט. גיכער האָט ער געזען זיין גרויסע באָרד, איידער אים אַליין. האָט ער גאָר אַ טאָכטער, דער בוכהאַלטער זיינער, און אַ טאָכטער, וואָס געפעלט שטאַרק. זיידנער האָט נישט געמאַכט קיין פּלענער וועגן איר, אין זיין באַציאונג צו איר איז נאָך געווען אַ סך אומבאַוווסטזיניקייט. ער האָט זיך בלויז אָפּגעשטעלט אויף קלייניקייטן, וועלכע זענען אים טייער געווען. דאָרט ביי די לע־ווינסאָנס אויף זומער־וווינונג איז זי לאַנג מיט אים געזעסן און געזאָגט האָט זי אים, אַז ער איז דאָ דער אינטערעסאַנטסטער, ביים טויער איז זי לענגער מיט אים פאַרבליבן און דער עיקר: איר האַנט. ניין! ס'איז קיין

האַנט, נאָר אַ צאַרט העגטל מיט פינף לעבעדיקע מידע פינגער. זי האָט אים פריער די פינף פינגער דערלאַנגט, ווי אַ צייטווייליקע מתנה און ווען זי האָט זיי צוגענומען, איז נאָך אַלץ עפּעס פאַרבליבן פון זיי ביי אים... עפּעס איז אים צוגעקומען זיידנערן, ער האָט עס נישט געקאָנט אָנכאַפּן, נישט אָפּוועגן. ער האָט בלויז געפילט אַ נייע וואָגיקייט אין דער נשמה. אומרואיק האָט עס געמאַכט, אָבער די אומרואיקייט אַליין האָט זיך נישט געוואָלט פאַרטרייבן. אַזאַ אומרואיקייט איז טייערער ווי די בעסטע רואי־קייט. ער האָט עטלעכע מאָל געפילט, אַז ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט די שטראָמען פון די נייע געדאַנקען. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער משוגענער אַלקער איז אַנטלאָפן אַהיים. מיט אים וואָלט איצט געווען גוט זיך אַ ביסל דורכצושמועסן.

אָבער ער איז אַליין געווען אויף דער גאַס. אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ מענטש אין גאַנץ פיינע יאָרן — ער האָט זיך געפילט הילפלאָז...

און דאָ איז נאָך געווען אַ סך פון נעכטיקן סקעפּטיציזם. אָט די אַלע מיידלעך מיט די ווייבלעך, זיי זענען פּוסט און יעדער איינער, וואָס האַלט זיך מיט זיי, איז אויך פּוסט.

האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין און נישט געוואָלט, אַז דאָס נייע געפיל זאָל באַזיגט ווערן פון דער אַלטער קאַלטקייט...

עס איז גוט געווען צו טראַכטן. ער האָט אַלע זיינע האַרבע געוווינ־הייטן, אַלע זיכערע צוימען אָפּגעלאָזן און אומגעוואָרפן. ער איז געגאַנ־גען פריי אויף דער ענדלאָזער פּיעטריקאָווער גאַס און זיך געקוויקט מיט סענטימענטן, וועלכע זענען געקומען אַליין, אומגעריכטערהייט, אָן אַ רוף, אָן זיין ווילן אפילו. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען ער יאָגט נישט אָפּ מיט אַ צייט צוריק דעם געדאַנק צו דערגרייכן מער און מער פאַר־מעגן, וואָלט ביי אים אין האַרצן נישט געווען איצט קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע סענטימענטן. אָבער איצט איז אין האַרצן ביי אים פאַראַן אַ ביסל פרייער פּלאַץ, די קאַלעקציעס מיט מוסטערן זענען אַרויס פון דאָרטן, גנבעט זיך אַהין, צום פרייען פּלאַץ אַ האַלבער נישט געוואָגטער שמייכל פון אַ פרוי, גנבענען זיך ווערטער האַלבע און נישט דערזאָגטע... וואָס אימפּאָנירט איר ביי זיידנערן? זי ווייס דאָך באַשטימט פון איר פאָטער און פון אַנדערע, אַז זיין לאַגע אַלס פאַבריקאַנט איז זייער אַ שווערע, ער אַליין, זיידנער, האָט אַלץ געטון, דערצו, אַז מענטשן זאָלן אים האַלטן פאַר אַן אונטערגעגאַנגענעם. זי ווייסט דאָך באַשטימט, אַז די פאַבריק גייט

דאָך אינגיכן איבער צו אַנדערע און וואָס איז מען ווערט אין לאָדזש אָן אַ פאַבריק? רייך איז ער שוין נישט פאַר דער איליטאָוויטש, יונג אויך נישט און דאָך קוקט זי אויף אים אַנדערש, ווי אויף אַ צופעליקן באַקאַנטן.

זיידנער האָט ווידער געמאָסטן אין די געדאַנקען ליזאַ איליטאָוויטשעס בליקן אויף אים, יעדעס וואָרט נאָכקאָנטראָלירט: ווען דאָס וואָרט איז געפאַלן און ווי איז עס אַרויסגעזאָגט געוואָרן? די קלענסטע באַוועגונג פון איר אויפמערקזאַמקייט צו אים האָט ער צען מאָל איבערגעמאָסטן. ביי די שווערסטע טראַנזאַקציעס זיינע אין לעבן האָט ער קיינמאָל אַזוי פיל נישט איבערגעטראַכט. שטענדיק האָט ער שנעל דעצידירט און געשטעלט אויף זיך, און היינט, ווען עס גייט עפּעס אין אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק, קאָן ער קיין צוויי געדאַנקען נישט צונויפבינדן. ווער איז זי, און וואָס איז זי? זי האָט פאַרן געזעגענען זיך לאַנג איבערגעלאָזן אירע פינגער אין זיין האַנט...

וואָס איז דאָס אַזוינס? פאַראינטערעסירונג מיט אים, אַכטונג צו אים, און צי ער איז אויף אַן אמת געפעלן איינער, אַ באַשיידענער און אַן ערלעכער?

ער האָט אָפּגעלייגט צו ענדיקן די געדאַנקען זיינע ביי זיך אינדערהיים, אין די זיבן צימערן, דאָך ווען ער איז שוין געלעגן אויף זיין געלעגער איז קיין סוף צו די געדאַנקען נישט געקומען און דער שלאָף איז אויך נישט געקומען. ווען דער קאָפּ זיינער איז שוין גענוג מיד געוואָרן פון די נישט צוגעוווינטע געדאַנקען, האָט זיך אָנגעהויבן דער מיש־מאַש אין מוח פון דעם ערב שלאָף: דער אויטאָ זיינער לויפט אויפן זגערזשער שאָסיי, מיט אים איז זיין פריינט אָלקער און עפּעס איינע, אַ נייע באַקאַנטע ליזאַ איליטאָוויטש... וואָס איז אָלקער בייז געוואָרן? וואָס איז ער פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ? און עפּעס אַ הויז־וועכטער אויף דער ציגל־גאַס, וואָס עפּנט אַזוי לאַנג דעם טויער נישט? אַ בייזער הויז־וועכטער. אַלע זענען בייז אויף זיידנערן, בלויז איינע נישט, די ליזע און דער בעסטער סימן, אַז זי איז נישט בייז אויף אים, זענען אירע איידעלע פינגער, וועלכע ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט אין האַנט געהאַלטן, וויקלט זיך אים אין מידן קאָפּ אַ לאַנגע קעטע, אַ דינע, אַ דורכזיכטיקע. שנעל־שנעל וויקלט זי זיך, דרייט זיך האַסטיק און שווינדלט פאַר די אויגן, דורך די דינע פעדעם שוועבט אַ פרויען־פּנים מיט מידע אויגן...

ווער האָט דאָ איינגעוועבט אַ געשטאַלט אַזאַ אין זיינע קעטעס?

16

אַ סעודה פאַר צוויי

זיידנער האָט אונטערהאַנדלט אין דורכגאַנג, וואָס פירט צום קיך מיט דער דינסט, וועגן דעם היינטיקן אָונט־ברויט. עס באַדאַרף זיין אַ פיינער אָונט־ברויט. בלויז פאַר צוויי פּאַרשוין, פאַר אים און פאַר אָלקערן. אָלקער זיצט דאָרט אין זאַל ביים קלאַוויר און קלאַפּט מיט איין פינגער. שטיל קלאַפּט ער. און די קלאַנגען, וואָס קומען אַרויס, מאַכן דעם איינדרוק פון פאַרשטיקטע.

— פעליקס! ווי לאַנג האָט מען שוין נישט געקלאַפּט אויף דעם קאַסטן?

— האָ! שוין זייער לאַנג... שוין גאָר לאַנג. די קלאַווישן האָבן שוין געדאַרפט איינשלאָפן פון אַזוי פיל שווייגעניש.

— אַ שאָד! יעדע זאַך, וואָס ווערט נישט אויסגענוצט איז אַ שאָד. דער קלאַוויר האָט דאָך אין זיך אַזוי פיל מוזיק, אַזוי פיל מוזיקאַלישע קאָמבינאַציעס און מען שטעלט עס אַוועק, ווי אַ טויטן קלאָץ, שטיי און שווייג, טאָג און נאַכט, שטיי און שווייג! עס נעמט עפּעס אַ רחמנות אויף אַזאַ טויטער שווייגעניש. יאָרן, זאָגסטו, שטייט אַזוי דער קלאַוויר און שווייגט און פאַר די דאָזיקע פאַרגאַנגענע יאָרן האָט מען דאָך אַזוי פיל מאָל געקאָנט אָנרירן מיט די קלאַווישן בעטהאָווענס נשמה, שאָפּענס נשמה, באַכס, מענדעלסאָנס, ליסטס נשמה. צו וואָס האָסטו געהאַלטן דעם קלאַוויר און אים פאַרמשפּט צו אַ לעבעדיקן טויט? וואָלסט עס בעסער אַוועקגעגעבן אין אַ שטוב, ווו עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן ליב מוזיק...

— ביסט גערעכט, נאָר איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן.

— קיינער וועט דיר שוין דיין פאַרלוירענע צייט נישט אומקערן. האָסט אַ לעבן געוועבט. קרעטאָנען ווערן צעריסן, וועבט מען נייע קרע־טאָנען, זיידנער דער פאַבריקאַנט ווערט אָפּגעטראָגן, וועבט מען קיין נייעם פעליקס נישט. נייז, ברודערקע, לולו! מען גייט שלאָפן און אַ סוף...

— הער אויף צו קראַקען, טייערער פריינט מיינער!

— יאָ, אָבער דער קלאַוויר איז מיר אַ שאָד, אַזוי פיל יאָרן געשוויגן, אַזוי פיל יאָרן אָן באַוועגונג.

— מיט מענטשן, מיין ליבער אַלקער, איז גאַנץ אָפּט פאַרקערט, מען לויפט, מען טומלט אין אַ משוגענער יאָגעניש. אָבער די גאַנצע באַוועגונג איז עפּעס אַ נוצלאָזע בייזאַך, דאַן ווען דאָס האַרץ גייט נישט מיט. איך האָב אויך אַזוי געלעבט. פאַרדאַן! איך וויל זאָגן: „נישט געלעבט" און איצט האָב איך זיך געכאַפּט... ווי רעכנסטו, עס איז שוין נישט צו שפּעט? איך פרעג דיך גאַנץ ערנסט.

— ניין! נישט צו שפּעט. ווען דו פרעגסט עס ביי בערעק פוסבאַנק, וואָלט ער דיר געזאָגט, אַז דו ביסט נאָך „אַ יונג מיט ביינער", ער האָט דאָך זיין לשון, דער בערעק. יאָ, דו ווייסט שוין די לעצטע נייעס?

— וואָס אַזוינס? בערעק האָט חתונה געהאַט מיט פּאָזנאַנסקיס אַן איייניקל?

— ער האָט אָפּגעשניטן די גרויסע אויערן? זאָג שוין!

אַלקער איילט זיך נישט. ער זיצט דאָך ביים קלאַוויר, קלאַפּט ער מיט איין פינגער און וויל עפּעס אַרויסקריגן אַן אייגנאַרטיקע מעלאָדיע, אַז זיידנער וואַרט אויף אַן ענטפער, גייט אים נישט אָן, אָדער ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן וואָס מען האָט גערעדט.

זיידנער שרייט אויס:

— זאָג, וואָס עס איז מיט בערעקן, ער האָט זיך אויפגעהאַנגען?

— ניין! בערעק האָט זיך שוין אויך מאָטאָריזירט. ער האָט געקויפט אַן אויטאָ, ער האָט גענדיקט די שאָפער־קורסן און פירט אַליין דעם וואָגן. נעכטן האָט גאַנץ פּיעטריקאָווער גאַס געקוקט אויף זיין וואָגן...

— וואָס פאַר אַ וואָגן איז דאָס?

— אַ סיטראָען, אַ געניצטער, ער האָט עס אָפּגעקויפט ביי אַ דייטש און אָפּגעפאַרבט אויף גראַנאַט. פונקט דער קאָליר פון דיין מאַשין, האָסטו באַדאַרפט זען, ווי ער גלעט זיין פריש־געפאַרבטן וואָגן, אַלץ איינס, ווי אַ בעל־עגלה גלעט זיין פערד. קומט ער ערגעץ צופאָרן און שטעלט זיך אָפּ, איז גלייך, ווי נאָר ער גייט אַרויס, מוז ער דעם אויטאָ אַ גלעט טון. דאָס איז אַזאַ שוואַכקייט ביי אים.

— מיר דאַכט זיך, אַז בערעק פוסבאַנק גייט פאַרביי זיינע הייזער, גלעט ער זיי אויך. אָבער ער מעג דאָס טון, ער גלעט דאָך זיין אייגנטום... זיין פאַרמעגן, זיינס גלעט ער. דו ווייסט דען, וואָס פאַר אַזאַ איינעם

הייסט: „מיינס". אייגנטום, דאָס איז זיין נשמה — טאָ ווער קאָן עמיצן פאַרבאָטן צו גלעטן זיין אייגענע נשמה?... אַזוי, האָט ער שוין אַן אייגענעם אויטאָ... שטעל זיך פאָר, אַלקער! איך פאָר אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס און בערעק פּוסבאַנק פאָרט אויף מיט זיין אויטאָ, מיט אַמאָל קלאַפּן מיר זיך אָן און איינער פון אונדז ווערט דערהרגעט. ווי רעכנסטו? איך צי בערעק?

— איך וואָלט וועלן, אַז דו זאָלסט בלייבן לעבן...

— דו ביסט מיר אַ גוטער פריינט — האָט זיידנער געזאָגט — צום גליק וועט עס נישט געשען. מיין אויטאָ איז שוין נישט מיינער, איך וועל שוין שפּרייזן צו פוס אויף דער פּיעטריקאָווער.

— זעסט, דאָס פאַרדריסט מיך שוין. מילא, די פאַבריק גייסטו ליקווידירן, דאָס איז דיין משוגעת, אָבער דעם אויטאָ, דאָ ברענגסטו מיר שוין דירעקטן שאָדן, איך האָב זיך אַזוי פיל מאָל באַנוצט מיט דיין מאַשין.

— דו דאַרפסט דאָך נישט זיין קיין גרעסערער יחסן פאַר מיר, איך וועל גיין צו־פוס, וועסטו אויך גיין צו־פוס. אָדער חבר זיך מיט בערעקן, וועט ער דיר אויסבאָרגן זיין איבערגעפּאַרבטע דרינדע...

— דו רעכנסט, אַז בערעק וועט באָרגן זיין מאַשין?

— עס ווענדט זיך וועמען... מיר וואָלט ער באַשטימט געבאָרגט.

— נישט דיר, נאָר דעם יחוס דיינעם, ער שטאַרבט פאַר דיין יחוס... ער גייט אויס פאַר אַ ביסל יחוס...

אַלקער האָט ווידער גענומען קלאַפּן מיט איין פינגער איבער די קלאַווישן. איצט איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ שפּאָגל־נייער קאָמפּאָזיציע: „בערעק, בערעק! גדיע טי ביל?"

— דו ווייסט, פעליקס, ווען איך קוק לעצטנס אויף אים, האָב איך דעם איינדרוק, אַז ער ווערט העכער, ער וואַקסט...

— דו מאַכסט שפּאַס, אַלקער!

— ניין, איך שפּאַס נישט, פאַרשטייט זיך, אַז פיזיש וואַקסט ער נישט, ער איז שוין אַ פּופּציקער, אָבער ער וואַקסט דאָך, דאָס איז אַזאַ אַפּטישע געגנאַרעריי ביי אונדז אַלעמען. ער איז טאַקע אַ קליין־געוויקסיקער, אָבער דעם כוח, וואָס ער האָט, דעם ספּריט, די ענערגיע, די הייזער, די פאַבריק און איצט דעם אויטאָ — דאָס אַלץ מאַכט ווילנדיק, צי נישט ווילנדיק אַן איינדרוק און בערעק זעט אונדז אויס העכער. זיינע גרויסע

ווילדע אויערן זענען אונדז אויס קלענער, אַזוי צי אַזוי, ער איז דאָך אַ וואַזשנער פּאַרשוין...

זיידנער האָט געלאַכט. ער האָט געפילט, אַז אָלקער זאָגט עס נישט ערנסט. אָלקער האָט פיינט געהאַט דעם רייכן ליליפּוט, אַזוי ווי ער, זיידנער, און גערעדט האָט עס אָלקער דערפּאַר, ווייל ער האָט זיך פּשוט געשפּילט מיט זיינע פּראָזן. איינצייטיק זיך געשפּילט מיט אַ קאָמישן טיפּ, וועלכער קריכט פון דער הויט, אַבי נישט צו זיין אַזוי קאָמיש. אַלץ, וואָס ער ציט אַרויף אויף זיך, מאַכט אים קאָמישער, די בונטע קאָסטיומען, די שרייאיקע קראַוואַטן, די קורצע ספּאָרט־הויזן — מען מוז פון אים לאַכן און די, וואָס לאַכן נישט, זענען אָפּהענגיק פון דעם דאָזיקן קריפּל, וואָס דער בלינדער גורל האָט אים צוגעטראָגן געלט, אַ סך געלט.

— אָבער לאָמיר אים לאָזן, געננוג אויף היינט מיט דעם בערעק.

אָלקער האָט עס געזאָגט און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, האָט אָנגעצונדן נאָך אַ לאָמפּ און געגאַנגען צו די ווענט באַטראַכטן די בילדער. איידער ער האָט נאָך אַ בילד גוט געזען, האָט ער אָנגערופן דעם מאָלער:

— הירשבערג...

— טרעמבאַטש...

— זשמורקע, אַקסענטאָוויטש...

ער האָט נישט געזאָגט, צי די בילדער זענען גוט אָדער שלעכט, ער האָט בלויז געזאָגט, ווער דאָס האָט געמאָלט. ביי איין קליין בילדל איז ער פאַרבליבן לענגער שטיין. ער האָט געזוכט און נישט געפונען דעם נאָמען פון מאָלער. פון נאָמען זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע קליינע צייכנס, אָבער די גאַנצע געמאָלעכץ איז געווען אין אָרדענונג: עטלעכע יונגע פּאַסטוכער זיצן אין פעלד און קוקן, ווי עס באַקן זיך זייערע קאַרטאָפל, נישט ווייט פּאַשען זיך קי. ס׳איז פאַרנאַכט, די נאַטור איז מעלאַנכאָליש, איינער פון די פּאַסטוכער קוקט אין דער וועלט...

אָלקער איז פון בילדל נישט אָפּגעטרעטן:

— די לאַנדשאַפט איז אַ טיראָלער, אָבער אַ שאָד, וואָס דער נאָמען פון מאָלער פעלט, דאָס איז אַ טייערע קינסטלערישע זאַך...

— נעם עס! — האָט זיך זיידנער געווענדט צו זיין פריינט.

— ווער בעט עס דיך? ס׳איז דאָך דיין בילד, אַ ירושה־זאַך.

— נעם עס! ווייל אויב דו וועסט עס נישט נעמען, וועלן דאָס אַנ־דערע צונעמען, דאָס איז שוין נישט מיינס...

אַלקער האָט אים אָנגעקוקט.

— וואָס הייסט, ס'איז נישט דיינס?

— נאָכן אָוונט־ברויט וועלן מיר וועגן אַלץ רעדן און קוק נישט אויף מיר מיט אַזעלכע איבערראַשטע אויגן, קוק בעסער אויפן בילד, וואָס דיר געפעלט... אָדער וואַרט!

זיידנער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און האָט אַראָפּגענומען דאָס בילד, ס'איז נישט גרויס געווען. דערנאָך האָט ער אויסגעפונען אַ פּאַפּיר מיט אַ שפּאַגאַט. ער האָט דאָס בילד זאָרגפול איינגעפּאַקט און עס אַוועק־געלייגט אויפן קלאַוויר.

— ווען דו וועסט גיין אַהיים, וועסטו דאָס מיטנעמען. דיר געפעלט עס און איך האָב נישט קיין אַנונג אין די זאַכן. אויסער דעם פאַרדריי איך דיר אַזוי פיל דעם קאָפּ, זאָל דאָס זיין אַ פאַרגיטיקונג פאַר דיר.

— דאָס בילדל וועל איך צונעמען. עס געפעלט מיר און איך קאָן נישט ביישטיין, נאָר אויב דו וועסט נאָכאַמאָל דערמאָנען דאָס וואָרט „פאַרגיטיקונג", וועל איך דיר פאַרגיטיקן מיט דעם, וואָס דו וועסט מיך מער נישט אָנזען.

— נו, גוט! גוט... איך האָב געשפּאַסט.

— וועל איך דיר אין שפּאַס זאָגן אַ דאַנק...

— גאַנץ פיין פון דיין זייט.

מען האָט מער וועגן בילדל נישט גערעדט.

אַלקער איז געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, זיידנער האָט אים באַגלייט.

— דו געדענקסט, פעליקס, ווען איך פלעג צו דיר קומען, ווען מיר זענען נאָך ייִנגלעך געווען? ייִנגלעך שפּרינגעוודיקע, זאָרגלאָזע און פריי־לעכע, דיין מוטער פלעגט זיך בעטן ביי אונדז: „שטילער, קינדער, שטילער!"

— היינט שטערט זיי שוין קיינער נישט. נישט דעם פאָטער און נישט דער מוטער מיינער. „שטילער! קינדער..." היינט איז זיי שוין שטיל...

— אָבער נישט וועגן טויט. פעליקס, הער אויף... וועגן אַלץ קאָנסטו רעדן צו מיר.

— האָסט מורא?

— איך האַלט די רייד וועגן טויט פאַר אַרויסגעוואָרפענע רייד, אַ שאָד יעדע מינוט און דאָ אין די דאָזיקע צימערן, ווו אַ דור איז אַוועק, מאַכט עס אַ שווערן איינדרוק.

זיידנער האָט אָנגעצונדן אין עס־צימער אַלע לאָמפּן און אינגאַנצן זענען געזעסןביים טיש צוויי מענטשן. פון די איבעריקע צימערן האָט געטראָגן מיט עלנדער ליידיקייט. נאָר אויף דער גאַס האָט גערוישט אין דעם זומערדיקן אָוונט, דאָ איז דערגאַנגען די עכאָ פון גאַס־לעבן און אַזאַ גערויש ווירקט אָפּט גאַנץ גוט אויפן געמיט. דאָס נעמט אַ סך צו פון דער איינזאַמקייט: מען איז טאַקע פאַרשלאָסן אַליין אין צימער, אָבער די מענטשן־משפחה איז נאָענט, זי שפּאַצירט דאָ נישט ווייט.

ליכטיק, איבער ליכטיק איז געווען אין עס־צימער, און דאָך איז דאָ איין זאַך געווען מער, ווי אַלץ באַלויכטן: דער עלנד. די איינזאַמקייט האָט דאָ לאַנג געוווינט און זי האָט געלאָזן ציטערדיקע שאָטנס, מען האָט זיי נישט געזען, די שאָטנס, נאָר בלויז געפילט... נישט אומזיסט האָט זיידנער אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן. ער האָט מיט די ליכט געוואָלט פאַרטרייבן דעם קלענסטן שפּור פון דער אומהיימלעכער שטימונג, וועלכע האָט זיך דאָ פון יאָרן איינגעבירגערט. די לאָמפּן האָבן העל געלויכטן, אין דער העלקייט איז אויך געווען אַ נייגעריקייט: צוליב וואָס און צוליב ווען האָט מען דאָ היינט אַזוי ליכטיק געמאַכט? די בילדער זענען אַזוי ווי אַרויסגעשפּרונגען פון דער וואַנט: „קוקט אונדז אָן!“ יאָרן גייען אַוועק און אויסער דער דינסט האָט קיינער נישט אָנגעזען דאָס צימער מיט די שאַפּקעס, ווו קרישטאָל האָט שעמערירט, ווו דאָס אַלטע זילבער איז געדולדיק געשטאַנען. אַלץ האָט דאָ אויסגעזען, ווי אין אַ פאַרגעסונג. אונטערן רונדן טיש איז געלעגן אַ דיקער טעפּיך. ער האָט זיך געצויגן כמעט ביז די ווענט, אַז די טריט פון אַ מענטשן האָט מען דאָ נישט געהערט. אָלקער האָט שוין געהאַט אַ פּראָזע וועגן דער שטימונג, וואָס האָט זיך ביי אים געשאַפן ביי זיידנערן אין די צימערן: „שפּיטאָל־שטילקייט“. אָבער זאָגן דאָס אויפן קול האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך אויס־געקליבן עפּעס אַנדערש. ער האָט געמאַכט זיין קונסט־אינספּעקציע. וועל־כע חפצים האָבן דאָ דעם ווערט פון אַנטיקן און וויפל זענען דאָ פאַראַן קליינבירגערלעכע באַנאַליטעטן.

זיידנער האָט אים געלאָזט צורו, ביז מען האָט שוין געקאָנט גיין צום טיש.

ביים אָוונט־ברויט האָבן זיי גאַנץ גענוג געטרונקען און צווישן איין גלעזל און דעם צווייטן האָט זיידנער געפרעגט אָלקערן:

— די איליטאָוויטש איז דיר ביי די לעוווינסאָנס געפעלן געוואָרן?

— זייער... די באַלעבאָטים לאָדן איין אַזאַ איינע פון מיטלייד, זיי טראַכטן זיך: אָ, זאָל זי קומען די לערערין, זי איז דאָך זייער אַ סימפּאַ־טישע, זאָל זי קומען און עפּעס פאַרזוכן פון טיש, זאָל זי פאַרברענגען צווישן מענטשן און אין דער אמתן ווייסן זיי נישט, אָדער זיי ווילן נישט וויסן, אַז צווישן זייערע מענטשן איז זי דער פיינסטער מענטשן־עקזעמ־פּליאַר. ניין! אַזעלכע, ווי ליזאַ איליטאָוויטש באַהאַלטן זיך בלויז אין שאָטן, אָבער זיי זענען נישט אין שאָטן, זיי שיינען אַרויס.

דו רעדסט ריכטיק, זי האָט זיך מער אַרויסגעזען, ווי אַנדערע. אַלנ־פאַלס, איך האָב קיין אַנדערע נישט געזען. זי איז געווען גענוג מיד פון דער גאַנצער וואָך; בעת איך בין לעבן איר געזעסן, האָב איך זיך באַמיט, וואָס ווייניקער צו רעדן, זי זאָל נישט דאַרפן קיין סך ענטפערן. זי גע־פעלט מיר זייער...

— און מיר אויך.

— זאָלסט נאָר נישט קאָנקורירן מיט מיר.

— עס האַלט נישט דערביי. איך האָב נישט דיין שטאָלצע פיגור און דער יחוס שפּילט אויך אַ ראָל: דיין טאַטע איז געווען אַ מאַנופאַקטור־פאַבריקאַנט, אַ ייד מיט אַן אייגענער קאָטש און מיין טאַטע איז געווען אַ זאָקן־פאַבריקאַנט... דו פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי, אַז דו חכמעסט זיך...

— און אויסער דעם האָב איך גרינע אויגן. די ווייבער האָבן מורא פאַר מיינע אויגן. איך בין נישט קיין אַמאַנט, איך בין אַזאַ רונדער, נישט קיין שלאַנקער און נישט קיין שווייגער. איך רעד אַ סך און דאָס פאַר־דריסט זיי, ווייל אויב איך רעד, קאָנען זיי דאָך נישט רעדן, איז דאָס קאָנקורענץ, האָט מען נישט ליב אַזעלכן.

אויפן טיש זענען געווען געשמאַקע שפּייזן. אויך צום טרינקען איז געווען גאָר אַ סך. אָבער שטימונג האָט זיי געגעבן די טעמע וועגן דער איליטאָוויטש. אָלקער האָט געזאָגט: מערקווירדיק! זי איז אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק, אָבער אַליין איז זי אַבסאָלוט נישט קיין מאַטעמאַטישע, דאָס איז אַ פרוי מיט אַלע צערטלעכקייטן, אַ פרוי, וואָס קאָן מער פילן,

ווי חשבונען און דאָך, דאָס לעבן שפּאַנט איין די מענטשן אין נישט צוגעפּאַסטע וועגענער און שלעפּ, שלעפּ, טו, וואָס דו ווילסט נישט טון.

— זי אַליין רעדט זיך איין, אַז מאַטעמאַטיק איז איר באַרוף...

— זי האָט דען אַ ברירה? זאָל זי פּרווון פּיינט האָבן איר אַרבעט, דעמאָלט איז איר נאָך ערגער.

— מערקווירדיק און ווונדערלעך — האָט זיידנער געזאָגט און האָט זיך אויף עטלעכע לאַנגע סעקונדן פאַרטראַכט...

— וואָס האָסטו געמיינט מיט דעם „מערקווירדיק" און וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט?

זיידנער האָט געענטפערט:

— פאַראַן אַזוי פיל לערערס פון היסטאָריע, פון געאָגראַפיע, פון מאַ־טעמאַטיק. איך האָב כמעט אַ לעבן אָפּגעלעבט און קיינמאָל פון קיין לע־רער נישט געטראַכט.

— און פון קיין לערערין אויך נישט...

— נישט געטראַכט און נישט דערמאָנט קיינמאָל די דאָזיקע פּראָ־פעסיע... מיטאַמאָל קומט איינע.

— מיטאַמאָל קומט איינע... לחיים, פעליקס!

— לחיים! דו ווייסט ווען איבערצורייסן מיינע רייד, איז זי אַ לע־רערין און דערביי האָט מען אַזעלכע סאַמעטענע, טונקעלע אויגן, וועלכע זענען איינגעראַמט אַזוי פיין אין נאָך מער טונקעלע ברעמען און דערביי איז דער בליק מיד און באַחנט... העלף מיר אַרויס, אַלקער, דו האָסט דאָך מער צו טון מיט פּאָעזיע ווי איך, איך וויל געפינען עפּעס אַ פאַר־גלייך צו איר בליק.

— צו וואָס אַ פאַרגלייך? איר בליק געפעלט, ער גיט צוטרוי און דאָס איז אַלץ. איך זע, אַז דו טראַכסט און דו רעדסט שוין צופיל וועגן דער איליטאָוויטש. זאָג דעם אמת, ביסט פאַרליבט? דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט שעמען, איך אַליין מאַך אָפּט חוזק פון אַלע ליבעס, אָבער ווען עס וואָלט זיך געמאַכט אויף מיין וועג... ווען איך באַגעגן מיין טיפּ... ווער ווייסט...

זיידנער האָט אים געלאָזט ענדיקן, דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— צי בין איך פאַרליבט אין דער איליטאָוויטש? איך ווייס נישט און איך וויל גאָרנישט וויסן. איך בין איצט אַן אַנדער מענטש. שוין חדשים, שוין העכער אַ יאָר צייט, ווי איך בין אַן אַנדער מענטש. פריער

האָב איך מיין האַרץ פאַרמאַכט פאַר אַלצדינג. איך בין געווען פאַבריקאַנט און בלויז פאַבריקאַנט, מער האָב איך גאָרנישט געזען און גאָרנישט גע־פילט. עד! אַלקער... דו האָסט מיך אַ סך מאָל געשטראָפט און פאַרגע־וואָרפן, וואָס איך בין אַזוי אין געשעפט אַריינגעטון, אָבער אין דער אמתן, ווייסטו נאָך נישט, וואָס דאָס איז אַן אמתער פאַבריקאַנט, אַן אמתער, אַן איינגעשפּאַרטער ביז גאָר... דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַן ערב־סעזאָן, אַ שלעכטער, אָדער אַ גוטער סעזאָן. מען לאָזט זיך אַראָפּ, ווי אַ געניטער קאַפּיטאַן מיט אַן אונטערוואַסער־שיפל אין דער טיפעניש פון ים, קיין טראָפּן לופט און וואַסער טאָר נישט אַריינדרינגען... אפילו פון אַ פענצטער איז אַ זינד אַרויסצוקוקן, טאָ ווער קוקט דעמאָלט אַריין אין האַרצן ביי זיך? איך בין געווען זייער פלייסיק, אָבער די פלייסיקייט איז געווען אַ באַגרענעצונג פאַר זיך אַליין... צום גליק איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט, איך האָב אָטעם אָפּגעצויגן... איך לעב, באשר איך בין פון דער נאַטור אַ רואיקער מענטש, אַנדערש וואָלט איך געשריגן פון מיין אויפ־וואַכונג, דאָס איז מיין פרייד. איצט איז מיין האַרץ אָפן און איך ווייס נאָך אַליין נישט פאַר וועלכע קאַפּריזן עס איז אָפן. און די איליטאָ־וויטש, מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט זיך באַוויזן אויף מיין וועג צו דער ריכטיקער צייט, אין איין זאַך אָבער קאָנסטו זיין זיכער, איך וועל זיך האַמעווען און צוימען, כדי איך זאָל שפּעטער נישט אויסזען נאַריש אין מיינע אייגענע אויגן. איך האָב צו איר אַ געפיל, גאָר אַ ניי געפיל פאַר מיר, נאָר איך וויל און מוז זיין דער באַלעבאָס אויף מיין געפיל...

— אַלנפאַלס זע איך, אַז דאָס איז ביי דיר ערנסט.

— זייער ערנסט, אַלקער! און דו, אַלס פריינט, וועסט ביי מיר אַלץ וויסן, אפילו מיינע האַרץ־ענינים, איך בין צופיל יאָרן געווען אַליין, איך מוז עמיצן האָבן לעבן זיך, דו באַדאַרפסט זיך דערביי גאָרנישט מאַטערן, נישט אָנשטרענגען און נישט ברענגען קיין קרבנות... אפשר אַמאָל אַ שעה צייט אויסהערן מיינע נאַרישקייטן, איך וועל דיר גערן אָפּצאָלן מיט דער זעלבער פריינטשאַפט. טראַכט איך וועגן אַזאַ איליטאָוויטש, ווילט זיך מיר אויך, דו זאָלסט וויסן וועגן דעם. צו וואָס באַדאַרף איך דאָס, קאָן איך נישט זאָגן, אָבער איך פיל, אַז דו ביסט מיר נויטיק.

— וואָס באַדאַרפסטו אַזוי פיל רעדן, פעליקס? דו זעסט, איך בין דיין פריינט.

— יאָ, גאַנץ ריכטיק, אָבער אַזאַ עניך, ווי מיין געפיל צום בוכהאַל־טערס טאָכטער, קאָן דיך לאַנגווייליקן, ווייל איך אויך, אַז דו זאָלסט זיין מיין פּאָרטרויאונגס־מאַן.

— אַזאַ האַרץ־סעקרעטאַר, איך נעם אַן דעם פּאָסטן און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז מיין אמתער באַרוף. איך דאַנק פאַר פּאַרטרויאונג, פעליקס, און לאָמיר אויסטרינקען.

צוויי גלעזלעך האָבן זיך זייער אויפריכטיק אָנגעקלאַפּט. אָבער די סעודה האָט זיך שוין געענדיקט. דער ערשטער איז אויפגעשטאַנען אַל־קער. ער האָט ווידער געטון דאָס זייניקע: געקראָכן צו די ווענט און גע־קוקט אויף די בילדער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טישעלע, ווו דער קאַקטוס איז געשטאַנען.

— מען האָט דיר געזאָגט, אַז ער בליט איינמאָל אין הונדערט יאָר?

— יאָ! איך געדענק נישט, ווער דאָס האָט געזאָגט, די מוטער מיינע, צי אַ באָנע.

— איך רעכן, אַז דער וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם ליגן, איז גע־ווען אַ קלוגער ליגנער.

— מיט וואָס איז ער געווען אַזוי קלוג?

— ווייל ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ טערמין פון הונדערט יאָר. גיי וואַרט הונדערט יאָר און גיי קאָנטראָליר אים אויב ס׳איז אמת, אַז דער קאַקטוס בליט בלויז איינמאָל אין הונדערט יאָר. איז ער, דער קאַק־טוס, זייער אַ גרויסער עגאָאיסט. דאָס איז דאָך אומדערהערט: בליען איינ־מאָל אין הונדערט יאָר, דעמאָלט ווען אַ מענטש לעבט דורכשניטלעך זעכציק אָדער זיבעציק יאָר... ווער קאָן זיך דאָס דערוואַרטן אויף דעם?

אַלקער איז געשטאַנען ביים טישל און געקוקט אויף דעם קאַקטוס. וואָס האָט די נאַטור געמיינט מיט דעם, וואָס זי האָט אין דער געוויקסן־משפחה באַשאַפן אַזאַ באַשעפעניש? אַ פאַרזעעניש, פאַרמאַכט פון אַלע זייטן, בלינד, שטום און טויב, אָן טעם און ריח, ענלעך צו דער גרויקייט פון דער עלנדער צייט, וואָס גייט אַוועק אָן פאַרלאַנג און אָן פרייד. ענלעך צו די יאָרן פון זיין פריינט פעליקס זיידנער, וואָס האָט ער געהאַט פון זיינע יאָרן? און וואָס האָט ער געהאַט פון די שטומע צימערן? שוין בעסער אינגאַנצן נישט האָבן קיין שטוב מיט דער ליידיקייט אינאיינעם. אויב מען האָט שוין יאָ אַ שטוב, מוז מען דאָ ליב האָבן יעדן חפץ און אויב

עס הענגט אַ בילד אויף דער וואַנט, מוז מען וויסן, וואָס פאַר אַ בילד דאָס איז...

דער קאַקטוס שווייגט און אויב ער וואַקסט, איז עס דאָס וואַקסן פון גרויען גאָרנישט, פון פאַרלאָזנקייט און אַבסאָלוטער האָפענונגסלאָזיקייט. ער, אַלקער, וואָלט שוין לאַנג אַזאַ געוויקס אַרויסגעוואָרפן, ער וואָלט אין אַזעלכע צימערן קיין איין נאַכט נישט פאַרבליבן ווייל דאָס הייסט: נעמען און אַליין פאַרגרעסערן די איינזאַמקייט מיט אומהיימלעכקייט.

— פעליקס!

ער האָט געררופן זיידנערן, ער האָט אים געוואָלט זאָגן וועגן אַלץ, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט.

— פעליקס!

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

ער האָט נישט באַמערקט, ווי זיידנער איז אַרויס פון צימער, דער־פאַר האָט ער באַמערקט, ווען זיידנער איז צוריקגעקומען מיט אַ פלעשל קאָניאַק אין דער האַנט און מיט צוויי גלעזלעך.

— אַלקער! קום אַהער און זעץ זיך דאָ ביים טישל, זעץ זיך אין פאָטעל און הער זיך איין, וואָס איך וועל דיר דערציילן, דו האָסט לאַנג אויף דעם געוואַרט, מער וועלן מיר שוין נישט אָפּלייגן, הער זיך איין!

— דו גייסט זיך מתודה זיין?

— כמעט...

— איך הער...

17

באַנקראָט

— דו, אַלקער, — האָט זיידנער אָנגעהויבן — דו ביסט אין דער רגע מיין צווייטער איך". מיט מיין אייגענעם „איך" פיר איך שוין אַ דיספוט העכער אַ יאָר צייט, איך האָב אים שוין גוט אויסגעמאַטערט, מיין „איך", און כל־זמן איך בין צו אַ פעסטן באַשלוס נישט געקומען, האָב איך מיט דיר וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן. איצט איז די זאַך שוין פאַרטיק און מען קאָן שוין אפילו צוריק נישט כאַפּן. מיט איין וואָרט: איך ליקווידיר די מאַנופאַקטור־פירמע „זיידנער", איך ווער אויס פאַבריקאַנט...

אַלקער האָט וועגן די זאַכן שוין עטלעכע מאָל געהערט פון זייד־נערן, אָבער דאָס זענען אַלץ געווען האַלבע ווערטער. איצט האָט אים איבערראַשט זיידנערס קאַטעגאָרישער טאָן. הייסט עס, אַז ער גייט טאַקע אַלץ ליקווידירן. אַלץ אָדער גאָרנישט. פריער האָט ער זיך באַגראָבן אין דער פאַבריקאַציע, איצט אַנטלויפט ער אינגאַנצן פון דעם, איין משוגעת פאַרבייט די צווייטע. אַלקערן האָט געהויבן פון פלאַץ און ער איז אויפ־געשפרונגען, אָבער באַלד זיך אַוועקגעזעצט, ווי ס'לשון וואָלט אים אָפּ־גענומען.

די צוויי האָבן אַ ביסעלע געשוויגן, די צוויי האָבן שוין צופיל גע־שוויגן. זיידנער האָט פויל צוגערוקט די האַנט זיינע צום גלעזל קאָניאַק און צוגעטראָגן צו די ליפּן, מען האָט נישט געוווסט, צי ער טרינקט דעם קאָניאַק, צי ער האַלט עס גלאַט אַזוי, אָדער ער מאַכט זיך אַזאַ אָנשטעל, אַז ער טרינקט. אַלקער האָט זיך פאַרקוקט אויפן וואַנט אויף עפּעס אַ געמאָלעריי.

די צוויי האָבן שוין צופיל געשוויגן. דאָך, זיידנער האָט נישט אויס־געהאַלטן:

— דו האָסט געהערט אַלקער! איך ליקווידיר די פאַבריק...

— איך האָב געהערט...

— טאָ וואָס זאָגסטו דערצו...

— ס'איז נישט מיין פאַבריק און נישט מיין משוגעת די דאָזיקע ליק־ווידאַציע.

ער איז ווידער אויפגעשפרונגען און אויסגעשריגן:

— איך פאַרשטיי דיך נישט, פעליקס!

— זיץ רואיק, אויב דו וועסט זיך אַזוי יעדע רגע אויפהויבן פון דיין פלאַץ, וועט פון אונדזער היינטיקן שמועס גאָרנישט אַרויסקומען און איך וועל בלויז באַדויערן די פאַרפאַלענע צייט.

אַלקער האָט זיך אַוועקגעזעצט, געווען רואיק און געהערט רואיק.

— דיך האָב איך דאָ פאַרבעטן, דו זאָלסט זיך נישט איבערראַשן, דו זאָלסט נישט פּראָטעסטירן און קיין מוסר מיר נישט זאָגן. איך בין אַ דערוואַקסענער מענטש און איך בין פאַר זיך פאַראַנטוואָרטלעך. דיך האָב איך דאָ פאַרבעטן, דו זאָלסט זיין מיט מיר, מיט מיינע רייד, מיט מיין אמת, וועלכן איך האָב אַליין אויסגעהאָדעוועט און פון וועלכן איך וויל נישט אָפּטרעטן... מיין אמת איז מיין ווילן און איך וויל דאָס מער

נישט, איך וויל נישט די פאַבריק מיט אַלע מײנע געשעפטן, מיט אַלע קלאָפּאָטן פון פאַבריקאַנט, פרעג נישט, ווי אַזוי איך בין דערגאַנגען דערצו, ווייל איך ווייס אַליין נישט. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז פון מידקייט, מיין אייגענע מידקייט, אָדער די מידקייט פון עטלעכע דורות פאַבריקאַנטן. אין איין שיינעם טאָג האָב איך זיך אַ פרעג געטון: צו וואָס איז דאָס אַלץ? צו וואָס איז דאָס אַלץ? צו וואָס אַזאַ עקשנות? צו וואָס דער אָפּזאָג פון אַלץ פאַר איין זאַך, פאַר פאַבריקאַציע?... אין אַנדערע, אין שפּעטער־דיקע טעג איז ווידער געקומען די פראַגע, איך האָב זיך אַליין קיין ענט־פער נישט געגעבן, נאָר פאַרטראַכט האָב איך זיך אַלץ מער. איך האָב אָנגעהויבן פאַרלירן דעם אימפּעט צו מיין אַרבעט. נישט מיט אַמאָל, נאָר זייער לאַנגזאַם. איך האָב נאָך געהאַט מיין פאַבריקאַנטישע אַמביציע, נאָר איך האָב אַלץ מער געשמייכלט פון זיך אַליין. איך האָב נישט גע־ווּוסט און איך ווייס ביז איצט נישט, ווי אַזוי די רעזיגנאַציע איז געקו־מען צו מיר... זי האָט זיך אונטערגעגנבעט און זיך אַריינגעגנבעט אין מיין נשמה, איינגענעסטלט אין אַ פרעמדער, כמעט קאַלטער נשמה און געפּרעגט, גענאָגט, געגעבן. גערופן צו עפּעס אַנדערש און געטריבן פון דער באַשטענדיקייט. דו פאַרשטייסט דען, וואָס דאָס באַדייט? אַריינקומען אינ־דערפרי אין אַזאַ אונטערנעמונג, ווי מיינע, און פרעגן ביי זיך אַליין: צו וואָס קומסטו דאָ און צוליב וואָס פּטרסטו דאָ דיינע אַלע טעג... דערנאָך קומען אַליין צוריק אין מיינע פּוסטע צימערן און ווידער פראַגעס און ווידער ספקות. אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ יאָר צייט. איך האָב גענומען פאָדערן פון זיך אַליין אַ באַשלוס. בלייבן, ווי פריער, אָדער אָנהויבן אַ ניי לעבן? וואָס דאָס איז פאַר אַ ניי לעבן האָב איך נישט געוווּסט און איך ווייס דאָס איצטער אויך נישט, נאָר דאָס אַלטע האָט געדריקט און געוואָרן צו שווער פאַר מיר...

— דו האָסט זיך עפּעס איינגערעדט...

אַלקער האָט אים איבערגעריסן און זיידנער האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ בקשה־בליק, ער זאָל דאָס מער נישט טון. ער האָט ווייטער גערעדט:

— ביי מענטשן פּאַסירט עס, עס טרעפט, אַז איינער לעבט אָפּ צענ־דליקער יאָרן מיט זיין ווייב און פּלוצלינג ווערט אים מיאוס. ווי אַזוי? פאַרוואָס? מען קאָן נישט פאַרשטיין, די פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך ביי אים געעפנט... עס פּאַסירט, אַז צוויי שותפים צעקריגן זיך נאָך לאַנגע

יאָרן גוטן צוזאַמענלעבן. איך בין געווען אַ גראַדליניקער מענטש פון אַרבעט און די גראַדליניקייט האָט שוין אַזאַ טבע, זי פאַרטראָגט נישט דעם קלענסטן אָפּנויג, דעם קלענסטן פאַרטראַכטן זיך, און איך, מיין פריינט, אַלקער! איינמאָל האָב איך זיך געכאַפּט אויף אַ געדאַנק, אַז אייגנטלעך בין איך אַ פינצטערער שקלאַף, אַ פרייוויליקער שקלאַף, וואָס טו איך אויף דער וועלט? איך וועב קרעטאָנען, איך האַלט אין איין וועבן און טויזנטער מענטשן נוצן עס אויס פאַר זיך, מען נייט, מען שטעפּט קליידער און קליידער, מען צערייסט און מען נייט נייע און איך, אַזאַ איינער פון דער פאַבריקאַנטן־וועלט, שטעל צו נייעם מאַטעריאַל. איך וועב, איך וועל וועבן און תכריכים וועל איך זיך אויך אויסוועבן, אין קבר וועל איך וועבן און אויף יענער וועלט אויך וועבן... אמת איז, אַז איך האָב געמאַכט פון דעם געלט, אַ סך געלט, אָבער איך האָב זיך געכאַפּט, אַז נישט דאָס געלט איז דאָ דער עיקר, נאָר די אַרבעט, עפּעס אַ ליידנשאַפט אַזאַ צו אַרבעטן, אַן אַזאַרט, אַן איבעריאָגעניש און דערביי אַ פאַרטונקלעניש פון האַרץ און מוח. דערביי האָב איך שטענדיק מורא געהאַט, שטענדיק געציטערט פאַר אַ קריזיס, פאַר צופיל וועקסלען־פּראָטעסטן, פאַר שרפות, פאַר אומרוען, געציטערט, אַז די פאַבריק זאָל פון דעם נישט ליידן, די פאַבריק, מיין הייליקער טעמפּל, מיין פאַבריק, מיין אַלץ. יאָ, וואָס איז דאָס מיין אַלץ און וואָס איז דאָס מיין פאַבריק. איך האָב זיך דאָך געשטעלט די פראַגע. איך האָב זיך אָנגעהויבן שטאַר־קער און שטאַרקער צו פאַרטראַכטן. איך וועל חוזק און דיר זאָגן, אַז איך בין קראַנק געוואָרן אויף פאַרטראַכטעניש. איך ווייס נישט, צי די מעדיצין און פסיכיאַטריע ווייסט פון אַזאַ קרענק. איך אַליין וואָלט אָנגע־רופן די קראַנקהייט: „פאַרשפּעטיקטע מאָזלען". איך האָב גענומען מאָז־לען אויף טראַכטן, אויף פילן, אויף זען און באַמערקן. איך האָב גענו־מען איבערלעבן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן שוין לאַנג דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט... דאָס איז געווען אַ קראַנקהייט נישט קיין געפערלעכע, אין הינערפלעט בין איך נישט אַריינגעפאַלן, דאָס באַוווסטזיין האָב איך נישט פאַרלוירן. פאַרקערט, איך האָב עס אַלץ מער און מער באַקומען; דעם אַפּעטיט האָב איך נישט פאַרלוירן, דעם זכרון אויך נישט פאַרלוירן — אַלעמען האָב איך געדענקט, נאָר זיך אַליין האָב איך נישט געדענקט. אין דעם גאַנג פון דער קראַנקהייט האָב איך זיך דערוווסט, אַז איך בין אַ געזונטער מענטש, וועלכער האָט זיך אַליין לעבעדיקערהייט אין קבר

אַריינגעלייגט. צי פֿאַרשטייסטו, אַלקער! דאָס טרעפֿט דאָך אַמאָל אין אַ יובל: אַ שטומער נעמט רעדן, אַ בלינדער נעמט זען, האָט עס איצט אויך פּאַסירט אַ זעלטענער פֿאַל, אַ פֿאַרשטאָפּטער מוח, פֿאַרשטאָפּט מיט ווי־גאַניע, האָט פּלוצלינג גענומען טראַכטן און אין טראַכטן האָב איך גע־וואָלט מיט זיך אַליין דורכקומען, איך האָב געוואָלט אַ פּשרה, אַ ביסל טראַכטן און אַ ביסל פֿאַבריצירן. ווייס איך אָבער צו גוט מיין כאַראַקטער: אויף צוויי פֿערד קאָן איך נישט רייטן. מיין כוח אין פֿאַבריק איז באַשטאַ־נען פֿון מיין עקשנות, איך קאָן אפילו זאָגן, פֿון מיין טעמפּער עקשנות, וועל איך אָפּלאָזן די טעמפּע עקשנות, וועלן זיך די קעטעס נעמען רייסן, וועלן די מוסטערן נישט טויגן, וועלן זיין באַנקראָטן און אַלערליי צרות. איך מיט מיינע וועב מאַשינען, איך — אַ טייל פֿון זיי, אין דער גאַנצקייט און שותפֿות מיט זיי, אָט דאָס איז געווען די פֿירמע זיידנער. זי האָט זיך געוויקלט אַרום מיר, ווי אַ טראַנסמיסיע, זי האָט מיך פֿאַרשפּינט און פֿאַרוועבט. עפּעס אַ מין דיקטאַטאָר איבער מיין ווען... די פֿירמע זייד־נער, אַ דעספּאָט איבער מיר און איך האָב אַלץ געפֿאָלגט, ווי אַ לעמעלע און נאָך דערצו געווען שטאָלץ, פּונקט, ווי איך אַליין וואָלט עס געווען דער מעכטיקער דיקטאַטאָר...

אָבער עטלעכע פּעדעם האָבן זיך איבערגעריסן. איך האָב גענומען טראַכטן און אין דעם איז באַשטאַנען מיין קרענק. מען האָט עס געדאַרפֿט דורכקומען, אַזוי ווי מען מוז דורכקומען אַ מאָזל־קראַנקהייט.

— אָבער „מאָזלען" איז אַ לייכטע קראַנקהייט — האָט אַלקער דאָך זיך אַריינגעמישט — עס פֿאַרגייט שנעל...

— אָבער מיר איז עס נישט פֿאַרגאַנגען, עס האָט אַרויסגערופֿן קאָמ־פּליקאַציעס. איך האָב זיך אויפֿגעהערט ווי פֿריער צו יאָגן נאָך דער אַר־בעט, איך האָב אַ סך מאָל געשלאָפֿן לענגער און איך האָב אָנגעהויבן צו קומען אין קאַבאַרעט, אין קאָרטן־קלוב... דו ווייסט דאָך די אַלע מיינע שוואַכקייטן פֿון דער לעצטער צייט... מיט איין וואָרט: איך האָב אָפּגע־שלאָגן מיין שטייפֿקייט, מיין אויסגעהאַלטנקייט, אַ ביסל אָפּגעלאָזן, אָבער פֿאַר מיר איז אפילו דאָס ביסעלע געוואָרן געפֿערלעך, ווייל אויב איך האָב אין מיין לעבן עפּעס דערגרייכט, אָדער אַ סך דערגרייכט, איז דאָס געווען נאָר צוליב מיין אַבסאָלוטער איבערגעגעבנקייט צו מיין זאַך, צו מיין פֿאַבריקאַציע; צו אַלע אַנדערע זאַכן בין איך געווען בלינד, טויב און שטום, פּונקט ווי דער קאַקטוס דאָ אויף מיין טיש, אָבער נאָכדעם,

ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אין מיר דער געראַנגל, דאָס טראַכטעניש, האָב איך שוין נישט געוואָלט זיין בלינד, איך האָב געוואָלט זעען, הערן און רעדן און דאָ וויל איך אויסנוצן דיין שטענדיק ווערטל: „דאָס לעבן איז בילכער". איך קאָן דיר זאָגן, אַז איך האָב די לעצטע צוואַנציק יאָר נישט געלעבט. האָב איך באַשלאָסן צו ראַטעווען דאָס, וואָס מען קאָן נאָך ראַטעווען פון אַ מענטשנס לעבן. איך האָב באַשלאָסן אָוועקצוואַרפן די פאַבריק מיט דעם באַנוול, מיט דעם סחורה־לאַגער, מיט מיין גוטן נאָמען אַלס פאַבריקאַנט — אַלץ אָוועקצוואַרפן. און איצט, ווען עס איז שוין אַ באַשלאָסענע זאַך, זאָג איך דיר: עס איז מיר גוט. פריער בין איך געווען באַלעבאָס איבער דער פאַבריק, איצט בין איך באַלעבאָס איבער זיך אַליין. אַ שאָד מער נישט, וואָס מען קאָן שוין נישט כאַפּן צוריק די פאַרגאַנגענע יאָרן... אַ גרויסע שאָד. איך פאַרשטיי איצט, וואָס טאָג איז, וואָס אַ שעה איז, וואָס שלאָפן און וואָך זיין איז. פריער האָב איך גענומען די יאָרן און געפּאַקט אין דעם באַנוול אַריין און עס איז פון זיי פאַר־בליבן אָפּפאַל: וויגאַניע. וואָס קאָן איך מאַכן פון מיינע פאַרגאַנגענע יאָרן?

אויסגעזען האָט עס, אַז זיידנער איז אויפגערעגט און דערפאַר אפשר האָט ער גענומען און ווידער אָנגעגאָסן צוויי קאָניאַקס:

— טרינק, אַלקער! ביי מיר איז דאָס אַ היסטאָרישער אָוונט. איך וועל מער פאַר קיינעם נישט רעדן, ווי איך רעד צו דיר... און איך גלויב, אַז דו וועסט מיך אָנטשולדיקן, וואָס איך האָב צו לאַנג גערעדט און אפשר בין איך נישט געווען בכוח דיר אויפצוקלערן דעם גאַנצן ענין מיינעם געגנוי און געגנויער, איך בין דאָ נישט שולדיק, פאַבריקאַנטישע שמועסן איז מיר לייכטער געווען צו פירן, איצט איז עפּעס אַנדערש. איך האָב אַ יאָר געטראַכט פאַר זיך און אַ שעה גערעדט צו דיר... טרינק, אַלקער.

נאָכדעם, ווי אַלקער האָט אויסגעטרונקען זיין גלעזל, האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּרייזן איבערן גאַנצן זאַל. געשפּרייזט האָט ער אויף אַ גרויסן, ווייכן טעפּיך, זיינע טריט האָט מען נישט געהערט, נאָר זיין אויפרעגונג האָט זיך געפילט. ער האָט גערעדט צו זיידנערן, נאָר עס האָט אויך געקאָנט דוכטן, אַז ער רעדט צו זיך אַליין:

— איך בין נישט קיין פאַבריקאַנט, נאָר איך פאַרשטיי אַ ביסל זייער פּסיכאָלאָגיע, זייער אַמביציע, דאָס וואָס פעליקס זיידנער האָט דאָ גערעדט היינט איז פאַר מיר אינגאַנצן ניי, דאָס איז פאַר מיר אַן איבעררעשונג און

אויב פֿאַר מיר איז דאָס אַן איבעררּאַשונג, דאַן שטעל איך זיך פֿאָר, ווי דאָס וועט אויף אַנדערע ווירקן...

— וועמען מיינסטו די „אַנדערע"? די פֿאַבריקאַנטן מיינסטו?

— יאָ!

— אָבער, אַלקער! פֿאַר זיי בין איך דאָך אַ פּשוטער באַנקראָטשיק, וואָס וועלן זיי דאָ נישט פֿאַרשטיין? איך האָב געטריבן אַ גרויסע פֿאַבריק, איך בין פֿאַרקראָכן אין חובות און אַ סוף, און ווען אפילו עטלעכע וועלן וויסן פֿון מיין „פֿאַנטאַזיע", וועלן זיי זאָגן, אַז איך בין משוגע געוואָרן, וועל איך אויף זיי זאָגן, אַז זיי זענען פֿון שטענדיק אַן משוגע... וועלן מיר זיין קוויט און זיי גייען מיך נישט אָן. אָבער דו, אַלקער! אויב דו וועסט מיך נישט פֿאַרשטיין, וועט עס זיין פֿאַר מיר אַ קלאַפּ...

— וואַרט, איך האָב נאָך נישט אַלץ איבערגעטראַכט.

— דו מוזט פֿאַרשטיין.

— איך פֿאַרשטיי... אָבער נישט אינגאַנצן: איבער נאַכט ווערט מען אַן אַנדער מענטש?... איבערנאַכט?

— אַלקער! נישט איבער נאַכט, נישט איבער איין נאַכט, דאָס איז מער, ווי דריי טויזנט נעכט, זינט איך האָב זיך געגט מיט פּעלעץ, בין איך דריי טויזנט נעכט געקומען אין אַ ליידיקער שטוב, שטענדיק די זעלבע טרעפּ, דער זעלבער קרעכץ פֿון שליסל, שטענדיק די אַליינקייט. איך האָב עס נישט געפֿילט, נישט געוואָלט פֿילן, געלאַכט פֿון יעדן געפֿיל. איך האָב געלאַכט פֿון דער וועלט, איך האָב געלאַכט פֿון מענטש. איך האָב זיך געהאַלטן שטאָלץ. אַ יחסן אַזאַ, וואָס לעבט אָן ווייב, אָן קינד, אָן פֿריינט. רואיק האָב איך געוואָלט זיין, ווען די אומרואיקייט האָט זיך שוין אָנגערוקט. נישט געוואָלט טראַכטן, נאָר עס האָט זיך אַליין געטראַכט און גלויב מיר, אַלקער! אַז פֿון אַזעלכע דריי טויזנט נעכט האָט געמוזט עפּעס אַרויסקומען, אָדער איך האָב געמוזט ווערן אַ פֿאַרגליווערטער אי־דיאָט, אָדער איך האָב געמוזט טון דאָס, וואָס איך האָב איצט אָפּגעטון.

— וואָס האָסטו אָפּגעטון?

— איך האָב ליקווידירט מיין פֿירמע, איך האָב באַנקראָטירט און איך גיי אינגאַנצן אַוועק פֿון דער פֿאַבריקאַציע...

— דו האָסט טאַקע באַנקראָטירט?

— יאָ און ניין... איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מיינע בעלי־חובות, איך בין דורכגעקומען מיט זיי. שוין אַ וואָך צייט ווי עס זיצן אַדוואָקאַטן פֿון

זייער צד און פון מיין צד, מען רעכנט און מען רעכנט. איך גיב זיי אַוועק די גאַנצע פאַבריק און מיין אָנטייל אין אַנדערע געשעפטן, זיי זענען צו־פרידן, מיינע בעלי־חובות, זיי האָבן נישט געמאַכט קיין שלעכט געשעפט. די פאַבריק גייט גוט, זיי וועלן נישט דערלייגן קיין איין פּראָצענט פון זייער חוב. זיי זענען צופרידן און איך בין אויך צופרידן.

— מיט וואָס ביסטו אַזוי צופרידן?

— מיט דעם, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון דעם. איצט בין איך אַ פרייער מענטש...

— אַ פרייער קבצן.

— אַלקער! דו שעמסט זיך מיט קבצנות? דו מיט דיין קינסטלער־נשמה, וואַגאַבונד און אויסלאַכער און מיטאַמאָל קבצן. אַ מענטש פּילט און לעבט, אַ מענטש רייסט זיך צום לעבן און מיטאַמאָל קבצן... גלויב מיר, אַז פון דיר האָב איך דאָס נישט געוואַרט.

— דו האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען...

— וואָס האָב איך דאָ צו פאַרשטיין? עס מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, אַז אַן דער פאַבריק בין איך שוין גאָרנישט.

— יאָ, אָבער, אַז מען האָט שוין געלט, באַדאַרף מען עס נישט אַוועקגעבן און נאָך אויף אַזאַ משונהדיקן אופן. איך פאַרשטיי נישט, וואָס וועט האָבן די וועלט פון דעם, אַז עס וועט צוקומען נאָך איין קבצן...

— הער שוין אויף מיט דעם פּאַסקודנעם וואָרט.

— איז נישט קבצן, איז „אָרעמאַן". וועסט נאָך דערפילן דעם טעם, וואָס דאָס איז אַזוינס...

— ניין! אַלקער... דו האָסט שוין אַ טעות, איך בין ווייט נישט קיין קבצן. איך האָב געלט און גאַנץ גענוג געלט. איך בין אַ פאַרזיכערטער מענטש. איך האָב זיי אַוועקגעגעבן די פאַבריק און אַלע מיינע איבעריקע געשעפטן און דאָס געלט האָב איך זיך איבערגעלאָזן. וואָס האָסטו גע־מיינט? איך בין געוואָרן אַ בעל־תשובה... איך וויל בלויז אַנדערש לעבן...

— ווי אַזוי לעבן?

— דאָס ווייס איך נאָך אַליין נישט, אָבער דאָס, וואָס איז געווען ביז איצט, איז געווען געשטיקט לעבן, זעלבסטגענאַרעריי, שווערע, בלייערנע אַמביציעס. עס איז אַ סוף מיט דעם, איצט איז גוט. אַלקער, טרינק נאָך אַ גלעזל... לחיים! גיב נאָר אַ קוק, ווי עס גייט ביי מיר, עס טרינקט זיך געשמאַק, עס הויבט זיך פריי די האַנט... איך וואָלט אויך וועלן טאַנצן,

נאָר זאָל שוין זיין אָן טאַנץ. דאָס קליידט שוין נישט צו מיר. דו דאַרפסט דאָך מיר גלויבן, ווען איך זאָג: „איך בין צופרידן". זאָג אַליין, ווען האָב איך אַזוי פיל גערעדט? ווען האָסטו מיך געזען אין אַזאַ שטימונג?

— קיינמאָל נישט...

— האָסטו דאָך פאַר זיך אַ נייעם מענטשן, טאַ באַגריס, שריי אויפן קול „אוראַ!", זאָג, אַז איך בין גערעכט, נאָר איך זע, אַז דו פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט...

— איך פאַרשטיי און פאַרשטיי נישט, איין זאַך פאַרשטיי איך אוודאי נישט...

— וועלכע זאַך?

— איך פאַרשטיי נישט, צוליב וואָס האָסטו באַדאַרפט דיין גאַנצע פאַנטאַזיע, אָט די מאַכאַרייקע מיט דעם, דו האָסט דאָך געקאָנט נעמען און פאַרקויפן די פאַבריק, פּשוט פאַרקויפן און אויס פאַבריקאַנט, אָט אַזוי וויל איך און אַ סוף...

— אָט זעסטו, אַלקער, אין דעם ליגט דער גאַנצער סענס פון מיין ענין. אָט אַזוי האָב איך נישט געטאָרט מאַכן. דאָס וואָלט געווען ווי אַן אַרויסרוף, ווי אַ פּאַטש אין פּנים גאַנץ לאָדזש, נעמען און פאַרקויפן, מאַכן זיך פאַר אַ יחסן, ניין! איך האָב געלעבט מיט זייער לעבן און איך וויל שטאַרבן מיט זייער טויט...

אַלקער האָט אים איבערגעריסן:

—איך פאַרשטיי ווידער נישט.

— ווי אַזוי שטאַרבט אַ פאַבריקאַנט און ווען שטאַרבט אַ פאַברי־קאַנט, — ווען ער ווערט באַנקראָט. דאָ אין לאָדזש איז דאָס אַ נאַטיר־לעכער טויט, אָבער ווען איך טו אַנדערש, ווען איך פאַרקויף די פאַבריק, וואָלט עס באַדייט, אַז איך טאַדל די גאַנצע בראַנזשע און איך האָב ליב לאָדזש מיט איר פלייסיקייט און פאַרנעם. זאָלן זיי וועבן פאַר גאַנץ פוילן און פאַרן עקספּאָרט און זאָלן זיי נישט נעמען טראַכטן צופיל, אַזוי ווי איך, ווייל דעמאָלט וועלן מענטשן אַרומגיין נאַקעט...

אַלקער האָט זיך צעלאַכט:

— איך הויב שוין אָן צו פאַרשטיין... ניין! איך הויב שוין אָן צו פילן, אין דיר איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש, ניין, אַן ערד־ציטערניש, אַ קאַטאַסטראָפע...

— וואָס האָט זיך גוט געענדיקט — איך בין צופרידן און דו?

— פרעג נישט און לאָז מיר אַלץ אַליין איבערקייען.

אָלקער האָט יאָ אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט געזען פאַר זיך אַן אַנדער זיידנער און דער זיידנער איז אים נענטער, טייערער. זיי זענען נאָך לאַנג געזעסן און גערעדט. די לאָמפּן אין גרויסן זאַל האָבן געברענט ליכטיק, פון גאַס האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ קומט פאָר היינט אַ טומלדיקע שמחה.

האָט זיך אָלקער אָנגערופן:

— צו וואָס אַזוי פיל ליכט? פעליקס!

דערביי האָט ער זיך אויפגעהויבן און אויסגעלאָשן די לאָמפּן. בלויז איין פייערל האָט ער איבערגעלאָזן. וועגן גיין אַהיים נישט געטראַכט. געווען ביי זיי ביידן צופיל שטימונג.

18

אין דער נאַכט אַריין

— זאָגסטו, אַז דו ביסט אַ פאַרזיכערטער מענטש, פעליקס! דו האָסט געלט און ווי רעכנסטו צו לעבן?

— איך זאָג דיר, אַז איך ווייס נאָך גאָרנישט, עס קאָן זיין, אַז איך וועל אַוועקפאָרן אויף שטענדיק, עס קאָן אַלץ זיין. נאָר וועגן מיין געלט, וויל איך דיך בעטן, אַז וועגן דעם זאָלסטו קיינעם נישט רעדן, פאַרקערט, דו זאָג ביי יעדער געלעגנהייט, אַז איך בין פאַרבליבן ביי גאָרנישט. אַ קבצן. זיידנער איז אַ קבצן.

— שוין ווידער אַ סוד, אַ געהיימניס... וואָס, דו האָסט מורא פאַר עמיצן, מען וועט ביי דיר דיין געלט צונעמען?

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט, איך בין קיינעם קיין גראָשן נישט שולדיק און דאָך וויל איך, מען זאָל מיך האַלטן פאַר אַ קבצן. איך וויל זען, ווי אונדזער וועלטל פון פאַבריקאַנטן און סוחרים וועלן איצטער קוקן אויף מיר, דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ שפּיל אַזאַ. איך בין געווען ביז איצט צו ערנסט, וויל איך זיך אַ ביסל שפּילן און דו מוזט מיר דערביי צוהעלפן.

— ווידער איך?

— האָסט נישט קיין שווערע אַרבעט, ביי אַ געלעגנהייט באַדאַרפסטו בלויז אַ קרעכץ געבן אויף מיין ביטערן גורל און מער גאָרנישט.

— ווילסט זיך רייצן מיט דער וועלט, אָבער, דאָס איז שוין אַ נאַריש־קייט, גיב אַ שפּיי אויף אַלץ און גיי דיר דיין וועג, אָדער, ווי דו רופסט עס: אויף דעם נייעם וועג, צו וואָס באַדאַרפסטו די קאָמעדיע?

— לאָז עס פאַר מיר, איך וויל זיי זעען פון אַלע זייטן. איך וויל זעען, ווי זיי קוקן אויף דעם געפאַלענעם זיידנער... דאָס וועט מיר נישט שאַדן, דאָס איז לעבנס־דערפאַרונג, און דאָס איז מיין... קאַפּריז.

— זאָל זיין אַזוי...

שוין געווען צוועלף ביינאַכט. רואיק אויף די גאַסן, רואיק אין די שלאָפנדיקע הייזער... לאָדזש פון אַרבעט וואָלט זיך געוווּנדערט, ווען מען הערט אונטער אַזאַ שמועס אין אַ שטוב פון אַ גרויסן פאַבריקאַנט. דאָס זעט דאָך אויס, ווי אַ וועלט־איבערקערעניש. וויפל טויזנטער חלומען עס פון אַזאַ פאַבריק, פון אַזאַ פאַבריקאַנטישן נאָמען און דאָ קומט איינער און מאַכט פון דעם גאַנצן ענין עפּעס אַ קאָמעדיע, אַ מאַסקאַראַד.

אין האַלב־טונקעלן צימער זענען אין טיפע פאָטעלן געזעסן צוויי מענטשן. איינער האָט זיך אָפּגערוט, ווייל ער האָט לאַנג גערעדט און דער צווייטער האָט זיך אָפּגערוט, ווייל ער האָט לאַנג געהערט. איצטער האָבן זיי איינער דעם צווייטן נישט געשטערט. געשוויגן און גערויכערט. אַ וואַנט־זייגער האָט געקלאַפּט די מאָנאָטאָנע סעקונדן און פון נאָענט־ווייט האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע גערוישן פון מאַשינען. לאָדזש האָט אויך ביינאַכט געוועבט.

דער ערשטער האָט איבערגעריסן די שטילקייט אַלקער. פאַר אים איז שוין געווען צו שווער צו האַלטן פאַרמאַכט ס׳מויל.

— הייסט עס, אַז מיט דער פאַבריק איז געענדיקט...

— געענדיקט...

— קאַטעגאָריש.

— נאָך מער ווי קאַטעגאָריש. די פאַבריק איז שוין נישט מיינע, דאָס ירושה־הויז שוין נישט מיין, די ווילע אין אדעלמאַוועק — אויך נישט מיינע, אפילו די שטולן, אויף וועלכע מיר זיצן...

— אַלץ?

— הייסט עס, אַ פאָלקאָמער באַנקראָט...

— יאָ, אָבער וועגן דעם איז נאָך פאַראַן צו פילאָזאָפירן. עס קאָן זיין,

אַז באַנקראָט בין איך געווען ביז איצט, מיט לייב און לעבן געווען באַנקראָט, איך בין דאָך נישט געווען אויף דער וועלט, נאָר עפּעס אין אַ פאַבריק...

אַלקער האָט איבערגעשלאָגן זיינע רייד:

— כאָטש עס שווינדלט מיר אין קאָפּ פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב זיך אין היינטיקן אָוונט דערוווסט פון דיר, דאָך מוז איך דיר זאָגן, אַז דער גאַנצער ענין הויבט מיר אָן שטאַרק צו געפעלן ווערן. נישט איך בין גליקלעך געווען, אַז דו ביסט געווען אַ גרויסער פאַבריקאַנט, און נישט איך וועל אומגליקלעך זיין, ווען דו וועסט אינגאַנצן קיין פאַברי־קאַנט נישט זיין... טו מיט דיינע געשעפטן וואָס דו ווילסט און ווי דו פאַרשטייסט, אָבער אַ פריינט זיי מיר און איך וועל דיר זיין אַ פריינט... די גאַנצע געשיכטע קלינגט אַזוי נישט לאַדזשעריש, אַז דאָס מוז מיר געפעלן ווערן. איך שווער דיר, עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן. זע נאָר! וואָס אַ פעליקס קאָן דאָס אַנדרייען אַ רעדל. פאַבריקאַנט און אויס פאַבריקאַנט, אַ רייכער און אַ פאַרשטעלטער קבצן. זע נאָר, גיב נאָר אַ קוק, און איך האָב געמיינט, אַז דער מאַרך איז ביי אים פון באַנוול און דאָס האַרץ איז אַ פעסטער וועקסל. בראַוואָ!

— בראַוואָ! — האָט אַלקער נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון — בראַוואָ. איך קלאַפּ דיר איבערן פּלייצע, פעליקס, דו פילסט, איך קלאַפּ דיר אי־בערן פּלייצע...

דער ענין איז אים שוין איצט אינגאַנצן קלאָר געוואָרן, אָבער דער אַלקאָהאָל פון אַלע גלעזלעך האָט זיך אָפּגערופן מיטאַמאָל?

— עס הויבט דיר אָן צו געפעלן ווערן מיין משוגעת, אַלקער?!

— יאָ... אַ פייער אויף זיי, מיט די פאַבריקן און מיטן וועבן.

— איך האָב געוווסט, אַז דיר וועט עס געפעלן, נאָר אין אָנהויב האָסטו זיך געבונטעוועט.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, כל־זמן איך האָב זיך נישט דער־וווסט פון דיר, אַז דו ביסט פאַרבליבן ביי געלט, האָט עס מיך פאַר־דראָסן, ווייל געלט... איז מעגלעכקייט, געלט מיט פרייהייט, געלט אָן קאַרגשאַפט איז אַ גוטע זאַך...

שיכור זענען זיי נישט געווען. גיכער איז עס געווען אַן אָנרעגונג צו מונטערקייט, אַ ווילן עמיצן אויסצולאַכן פון גאַנצן האַרצן.

ווי צוויי יינגלעך האָבן זיי זיך געפילט. צוויי יונגע בחורים, וואָס

טרינקען „ברודערשאַפט". זיי האָבן זיך ווידער אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך.

— שאַ!

אַלקער האָט אָפּגעשטעלט די פּאַטעטישע ווערטער, ער האָט אויפ־געהויבן די אויגן און אַריינגעקוקט אין זיידנערן:

— לאָמיר רעדן וועגן תכלית, וואָס וועסטו איצטער טון, גלאַט זיך אַרומדרייען אויף דער וועלט.

—איך ווייס נאָך גאָרנישט, איך בעט דיך היינט נישט רעדן וועגן תכלית. היינט איז יום־טוב. מיט זיך בין איך שוין דורכגעקומען, מיט דיר אויך, רעכן איך, אַז אויך מיט דעם תכלית וועט מען דורכקומען... איך בין איצט, ווי אַן אַרעסטאַנט, וועלכן מען האָט באַפרייט פון תפיסה און איך וועל מיט אַלע מעגלעכקייטן זאָרגן, מער אין תפיסה נישט אַריינ־צופאַלן. איך ווייס נישט, וואָס איך וועל טון און צו וואָס איך וועל זיך נעמען, איינס אָבער ווייס איך, איך וועל נישט דערלאָזן, אַז עפּעס זאָל הערשן איבער מיר, איך וועל אַלץ נעמען לייכט, לייכט.

אַלקער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— דו קאָנסט אויך ווערן אַ שקלאַף ביי דער לייכטקייט, וועסט ווערן לייכט, ווי אַ פּעדערל און ערגעץ אַוועקפליען...

— און דו וועסט מיטפליען?

— עס קאָן זיין...

זיי זענען ביידע געוועזן אויפגעלייגט. פּלוצלינג האָט זיך פעליקס זיידנער עפּעס דערמאָנט:

— אַלקער! קום אַהער און גיב אַ קוק.

זיידנער האָט אויפגעעפנט אַ שופלאָד פון אַן אַלטן קאָמאָד און ער האָט פאַרבעטן אַלקערן אַריינקוקן אין שופלאָד. דאָרט זענען געשטאַנען עטלעכע שאַכטלען מיט אויסלענדישע סיגאַרן. טייערע סיגאַרן, די בעס־טע, האַנאווער... פאַרשימלטע...

— דעם טאַטנס סיגאַרן. ער האָט זיי נישט באַוויזן אויסצורויכערן און אָט אַזוי שטייען זיי ביז היינט...

— אַנטקעגן וואָס וויזטו עס מיר?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי.

שפּעטער איז זיידנער געגאַנגען באַגלייטן אַלקערן. עס האָט זיך אים נישט געוואָלט בלייבן אַליין אין די צימערן. דער אָוונט איז פאַר אים

געוועזן אַ פריילעכער אָוונט, ער האָט פריער נישט מורא געהאַט פאַר אַלקערן. אָבער ער האָט געמיינט, אַז יענער וועט אים נעמען מוסרן און שטראָפן — וואָס פאַר אַ פאַנטאַזיעס פון אַ משוגענעם...

נאָר אַלקער איז פאַרבליבן דער גוטער אַלקער, ער האָט זיך גיך אָריענטירט און גיך פאַרשטאַנען דעם צווייטן...

דערפאַר האָט ער אים אַזוי פעסט געהאַלטן אונטערן אָרעם, ווי ער וואָלט צו אים מיט דעם געזאָגט: „דו ווייסט איצט מיינע אַלע סודות!" און אַלקער אַליין האָט טאַקע פון דעם געהאַט אַ גרויסע הנאה. ער ווייסט אַ סוד אין לאָדזש, וואָס קיינער הויבט נישט אָן צו טראַכטן וועגן דעם... זיי האָבן דאָך שוין זיידנערן באַגראָבן. זיי קאָנען שפּרייזן אויף אים, ווי אויף אַ ברעט, וואָס מען לייגט אַוועק אויף אַ בלאָטיקן וועג און צום סוף איז זיידנער רייך, ער לאַכט פון זיי, ער גייט נאָך שפּילן פאַר זיי אַ קאָמע־דיע פון אַ קבצן.

אַ טייערער סוד. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס מען טאָר וועגן דעם אַ פּיפּס נישט טון.

געוועזן אַ זומערדיקע נאַכט. געגנוג מענטשן האָבן נאָך שפּאַצירט, פאַרלעך זענען געגאַנגען געאָרעמט. אַ חסידישע משפּחה איז געגאַנגען פון אַ שמחה, פון אַ חתונה, צי פון אַ ברית. די גאַנצע משפּחה, צוויי יונגע מענער מיט לאַנגע קאַפּאָטעס מיט זייערע פרויען, אויסגעפּוצטע פרויען, אַ זיידע מיט אַ גרויער באָרד, אַ באָבע מיט אַ יום־טובדיקן שוואַרצן שאַל, עטלעכע קינדער זענען נאָכגעגאַנגען, איין קינד איז איינ־געשלאָפן, גאָר אַ קליינס, האָט עס אַ שוועסטער, אַן עלטערע געטראָגן אויף די הענט.

זיידנער האָט געקוקט אויף זיי און צוגעוואָרפן איין וואָרט:

— אַ משפּחה.

— זיי האַלטן זיך פעסט און צוזאַמען די יידישע משפּחות, האָט אַלקער געזאָגט.

די לבנה איז געשטאַנען אויף אַ שטיק הימל, נישט גערירט. זי האָט אַריינגעקוקט אין דעם לאַנג־לאַנגן קאָרידאָר פון פּיעטריקאָווער גאַס. אָבער גרויסע כמאַרעס רויך פון די לאָדזשער קוימענס האָבן זיך גע־ריסן צו איר פון אַלע זייטן, געוואָלט פאַרשטעלן, פאַרציען און פאַר־דעקן. עפּעס בייזע שוואַרצע קנוילן רויך האָבן געפירט מלחמה מיט דער ליכטיקייט פון דער לבנה:

— דו ביסט נישט פאַר לאָדזש און לאָדזש איז נישט פאַר דיר...

האָבן זיך די ערשטע כמאַרעס אויסגערויכערט, זענען געקומען אַנ־דערע און עס איז כסדר אָנגעגאַנגען אַזאַ הימל־שפּיל פון לאָדזשער רויך און גאָטס לבנה.

ביידע פריינט האָבן אַ ביסל צייט געשוויגן. זיי האָבן געקוקט צים הימל, צו דער ווייטקייט פון דער גאַס. און אפשר האָבן זיי געזוכט וועגן וואָס צו רעדן...

דאָס בייטאָגיקע אין דער נאַכט האָט זיך שוין געענדיקט. פון דער „זשעמיאַנסקאַ" זענען שנעל אַרויס די לעצטע געסט. פון אַ קינאָ האָט זיך אַרויסגעשאָטן אַ שטראָם אַ גרויסער. דער שטראָם האָט מיטגעטראָגן אַ געדעמפּטן שוויס־ריח פון גרויסן זאַל, ווו די מענטשן האָבן אַלע צוזאַמען זיך געפּרעסט. אַ סך באַקאַנטע פון זיידנערן האָבן זיך צו אים געגריסט. אַנדערע פון זיי האָבן זיך גאָר העפלעך געגריסט, אָט אַזוי, ווי מען גריסט זיך צו אַ יחסן.

זיידנער האָט געלאַכט גוטמוטיק:

— זיי ווייסן נאָך נישט, אַלקער!

— וואָס ווייסן זיי נישט?

— אַז איך בין שוין אַ פאַרלאָשענער שטערן, אַ צעשאָטענער פּלאַ־נעט, אַ געפאַלענער פאַבריקאַנט... שוין נישטאָ קיין פירמע „זיידנער", נישטאָ. און ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, וועט מען זיך שוין אַזוי נישט פאַרנויגן, מען וועט שוין וואַרטן, אַז איך זאָל דער ערשטער באַגריסן און נישט אַלעמאָל וועלן זיי ענטפערן.

אַלקער כאַפּט אונטער:

— פאַר יעדע הונדערט טויזנט זלאָטיס פאַרנויגט מען זיך אַ ביסל טיפער און טיפער. שטעל זיך פאָר, ווען אין לאָדזש וואָלט געוווינט ראָטשילד, פאָרד, אָדער וואַנדערבילד, ווי טיף וואָלט מען זיך דאָ גע־דאַרפט פאַר אים פאַרנויגן.

— און ווי וואָלט עס געווען, ווען פון קינאָ „קאָסינאָ" גייט אַרויס אַ לעגענדאַרישער מאַהאַראַדזשאַ, וועלכער פאַרמאָגט גאַנצע פודן מיט ברילייאַנטן...

— פאַר אַזאַ מאַהאַראַדזשאַ וואָלט בערעק זיך איינגעבויגן ביז אין דער ערד אַריין...

— אָט אַזוי איז די וועלט און נישט בלויז לאָדזש. אומעטום איז

געלט דער באַלעבאָס איבער אַלץ. דאָס איז באַנאַל איבערצוחזרן. איך גיי מיר אויף דער גאַס און פילאָזאָפיר. איך דערלויב זיך אויף אַזעלכע און אַזעלכע אַרגומענטן, ווייל איך האָב ערגעץ־ווו באַהאַלטן רייכקייט, אַנ־דערש וואָלט איך גערעדט, ווען איך בין אַ פּאַרמאַטערטער אַרבעטער, אָדער אַ קבצנישער מעקלערל...

אָלקער נעמט לאַכן און רופט אויס:

— פעליקס!

— וואָס? מיין טייערער!

— מיר דאַכט זיך, אַז אַ פאַבריקאַנט איז געשטאָרבן און אַ נייער פילאָזאָף איז געבוירן.

— אַזוי ווייט וועט עס נישט גיין, אָלקער! איך קוק זיך איצט צו. איך קוק אויף אַלעמען. פּונקט, ווי איך וואָלט וועלן דערגיין, ווער איז בעסער פאַר מיר און ווער ערגער. איך קוק מיט נייגעריקייט אויף די קליינע פאַבריקאַנטן, אויף די קליינע סוחרים, אויף די דאָקטוירים, אויף די אַדוואָקאַטן, אויף די משרתים מיט אַמביציע רייך צו ווערן, זיי אַלע זענען נישט בעסער פון בערעקן. זיי מאַכן עס בלויז געשיקטער, אַ געמיינע וועלט פון חניפה...

— אָט אַזוי איז דאָס אומעטום אויף דער ערד.

— און אַזוי וועט עס אייביק זיין.

„וועלט" און „אייביק", דאָס זענען גאָרנישט קיין לאָדזשער שמועסן. די צוויי פריינט זיידנער מיט אָלקערן האָבן זיך דאָ אַזוי ווי אויסגעטיילט פון כלל. דאַכט זיך, אַז זיי ווילן נעמען באַלד קריטיקירן די אַלע, וואָס לעבן דאָ, די אַלע, וואָס יאָגן זיך נאָך געלט אָדער פרנסה... אָבער ביידע ווערן זיי שטיל, עס זעט אויס, ווי זיי מעסטן און ציילן די טריט זייערע און קיין איינער פון זיי וויל קיין טעות נישט האָבן.

אין דער אמתן זענען דאָס געווען צוויי עלנדע מענטשן, און די נאַכט איז געווען ווי אַ דריטער שותף צו זיי, האָט מען געזוכט פעדעם, וועלכע זאָלן פאַרקניפּן דעם שותפות, האָט מען געזוכט ווערטער, גע־דאַנקען, פראַזן, זיי האָבן זיך כסדר איבערגעריסן די פעדעם, פּונקט, ווי שלעכטע גאַרן אין אַ קעטע: האָט מען אויפגעהערט צו רעדן, האָט עס אויסגעזעען, ווי אַ וועב־שטול וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. זיי זענען שוין איצט געווען פון די לעצטע, געציילטע שאָטנס אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. די ליידיקייט האָט אַזוי ווי געטרייסט און נישט אָפּגעלאָזט, ווייל

די גאַס איז בייטאָג איבערפולט מיט באַוועגונג, די גאַס, די פּיעטרי־קאָווער, וואָס ציט זיך קילאָמעטערס לאַנג , זי ווערט צעטראָטן פון טויזנ־טער טריט און צערעדלט פון טויזנטער רעדער. אָפּט כאַפּט אַריין אַ באַ־וועגונג אַן איינעם און לאָזט אים נישט אַרויס. זי לעבט די גאַס פון פאַבריקאַציע און האַנדל, די שוועבן, די קלאַנגען פון דער מאַנופאַקטור־סימפאָניע, קאָלירן און מוסטערן, וואָל און באַנוול, דיסקאָנטעס, פּראָ־טעסטן, באַנקראָטן, געווונענע און דורכגעפאַלענע קאַלקוליאַציעס. טויזנ־טער פעק געפּרעסטע פון באַנוול, טויזנטער זעק מיט געוואַשענעם וואָל, לאָדזש נעמט אַריין אַזוי פיל רוי־שטאָף און וואַרפט אַרויס אַזוי פיל באַלנס מיט פאַרטיקע סחורה...

איצט איז אָבער נאַכט און די פּיעטריקאָווער גאַס ציט אָפּ דעם אָטעם. דער מיטן פון דער גאַס איז ליידיק, די טראָטואַרן זענען פריי, בלויז אין דעם אַרום פון דער פּיעטריקאָווער גאַס און ווייטער, ווייטער אין אַלע פּעריפעריעס זענען גרויסע געביידעס באַלויכטן און מען וועבט. אַרבע־טער רוען נישט, בייטאָג און ביינאַכט. מען וועבט, מען וועבט.

איז וואָס דאַרטן, וואָס צוויי שפּאַצירן און ווילן זיך אויסרעדן און ווילן זיך אויסשווייגן.

פלוצלינג פרעגט זיידנער:

— דו וועסט זיין פאַרנומען אַ גאַנצן זומער, אַלקער?

— מען בויט אַ ביסל, עס איז דאָך איצט דער בוי־סעזאָן.

— איך וויל שפּעטער אַ ביסל אַרויספאָרן, איך וויל פאַרזוכן דעם ריכטיקן טעם פון אויסרוען זיך...

— וווהין רעכנסטו צו פאָרן, פעליקס?

— צום ים רעכן איך...

— קיין קאַרווי?

— דאָרט פאָרט אויך די איליטאָוויטש?...

— איז זייער גוט, וואָס זי פאָרט אויך.

— ווינטש איך דיר גליק, פעליקס!

— דאַנק איך דיר, אָבער אָן חכמות, עס וואָלט גוט געווען, ווען דו פאָרסט אויך אַראָפּ קיין קאַרווי אויף עטלעכע וואָכן. איך שטעל זיך שוין פאָר די פרייד, וואָס מיר געניסן צוזאַמען דאָרט. קודם־כל וועלן מיר אין די פרייע טעג אַרומרעדן און באַרעדן די גאַנצע וועלט, איך מיין אונדזער וועלט, די פאַבריקאַנטן אונדזערע מיט זייערע געשעפטן...

— מיר וועלן זיך אויסגעפינען בעסערע אונטערהאַלטונג... הערסט, פעליקס! אין לאָדזש האַלט מען מיך פאַרן גרעסטן אויסלאַכער, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. ווען איך בין אַליין מיט זיך, ווען איך שאַץ אַ סך זאַכן איבער, קום איך צום באַשלוס, אַז איך האָב מער רחמנות אויף די אַלע, מער רחמנות, ווי אויסלאַכונג. די זאַך קומט דאָך פאָר אַזוי: צום ערשטן וויל דער מענטש אַ שטיקל ברויט, דערנאָך וויל ער אַ בגד און נאָך אַ ביסל שפּעטער וויל ער אַ בעסערן בגד, אַזאַ בגד, אַז אויך אַנדערע זאָלן עס באַוואונדערן, דערנאָך וויל ער אַלץ בעסער און בעסער. ער וויל שוין אויך מען זאָל זיך צוהערן צו זיין וואָרט, צו זיין מיינונג און יעדער איינער איז עפּעס וואונדערבאַר־נאַריש זיכער, אַז זיין מיינונג איז די קליגסטע. געפעלט נישט ווען זיין מיינונג, ווערט ער יענעם אַ שונא און עס הויבן זיך אָן רכילות, אינטריגעס... אָט אַזוי איז עס אין אונדזער גרויער לאָדזש און אַזוי איז עס אויך ביי דיכטער, ביי מאָלערס, ביי די גרעסטע פירער פון דער וועלט. אָט אַזוי איז עס פון קדמונים. אַ ביסל בעסער איז דער, וואָס פאַרשטייט עס און שמייכלט פון דער וועלט, און שמייכלט פון דעם, וואָס טראַכט, אַז מען קאָן דאָ עפּעס איבערמאַכן. דו ביסט נאָר וואָס אַוועק פון דיין ענגשאַפט, וואָס דו האָסט זיך אַליין געשאַפן, האָסט פאַרזוכט די ערשטע ביסל פרייהייט און שוין, דו לאַכסט שוין פון אַנדערע...

— ווייל איך מוז זיך אויסלאַכן, אַלקער!

—טאָ לאַך! אָבער אָן בייזקייט און אָן פאַרביסענע רכילות.

— איך מיין נישט, מיר זאָלן זיך בלויז פאַרנעמען מיט רכילות, איך טראַכט אָבער, אַז באַרעדן הייסט — אויסלאַכן, און מיר ווילט זיך טאַקע אַ סך אויסלאַכן, זיך אַליין וויל איך אויך נישט שאַנעווען...

— און וועגן בערעקן וועלן מיר רעדן?

— זעסטו, וועגן בערעקן איז לויט מיין מיינונג נישטאָ וואָס צו רעדן. בערעק איז אַן אָפענע קאָרט, אַ צווייטל פּיק, לאָמיר זאָגן, מען זעט גלייך, מיט וואָס מען האָט צו טון. בערעק איז נישט קאָמפּליצירט, ער איז בלויז קאָמיש, בערעק איז לויט זיין אויפגעקומענקייט אַ טאַנדעטניק, אַ ביליקער סוחר ביי אַ גרויסער רייכקייט, כאָטש אַנדערע זאָגן, אַז ער רייבט זיך אויס, ער ווערט אַנדערש — איך זע דאָס נישט.

— און איך זאָג דיר, אַז ער ווערט אַנדערש. דאָס איז נישט זיין פאַרדינסט, דאָס איז צוליב זיין געלט. דאָס געלט מאַכט אים אַנדערש,

מענטשן מאַכן אים אַנדערש, מען וועגט אים אויף אַ פאַלשער וואָג, אָן זיין געלט וועגט ער גאָרנישט, מיט זיין געלט וועגט ער צופיל, אַזוי, אַז פאַר דער וועלט גלייכט זיך עס אויס. עס איז פאַראַן אַ בערעק פוסבאַנק און טו אים עפּעס, רוף אים קנאַקניטל און מייד אים אויס, ווען ער האָט געלט, דאָס הייסט, ווען ער האָט אַ גאָלדענעם שליסל צו אַלע טירן... די טירן עפענען זיך שוין אַליין פאַר אים.

זיידנער רייסט איבער אַלקערן:

— נישט בערעק איז דאָ אינטערעסאַנט, נאָר די סביבה. די סביבה, וואָס חנפהט און וויל שטענדיק עפּעס פאַרדינען. אָבער עס וועט געווען זיין צו רעדן וועגן בערעקן... דו זעסט, ער האָט אונדז שוין באַזיגט, מיר רעדן כסדר וועגן אים. דו זאָג מיר בעסער, וועסט זיך קאָנען אָפּרייסן אויף עטלעכע וואָכן פון דיין בויען? איך וויל דו זאָלסט זיין מיט מיר. מיר וועלן זיך צוזאַמען ביים ים אויסרוען...

— גוט! איך וועל זיך באַמיען צו זיין ביים ים און מיר וועלן רעדן וועגן אַלעמען און וועגן בערעקן אויך. צייט וועט דאָרט זיין גענוג, וועלן מיר זיך דאָרט באָדן. אַי, וואָלט איך זיך שוין געוואָלט גוט אויסבאָדן פון לאָדזש... אַי, לאָדזש, לאָדזש! איך האָב דיך ליב און פיינט... ביסט אַ קלוגע שטאָט און ווי זאָל מען פיינט האָבן די קלוגשאַפט? ביסט אַן ענגע, פאַררויכערטע שטאָט און ווי זאָל מען ליב האָבן די ענגשאַפט? דאָך אַ וווּנדערבאַרע שטאָט פון פלייס און קאַלקולאַציעס. איצט איז דאָ שטיל אויף דער פיעטריקאָווער, אָבער אין שעהען אַרום וועט זיך אויפסנייי אָנהויבן די געדיכטע באַוועגונג אויף די טראָטואַרן. עס וועלן לויפן די מעקלערס, די האַלבע סוחרים, די אָנגעשטעלטע, די סוחרים. יעדער איינער מיט פאַרשפּיצטע אויגן און אָנגעשטעלטע אויערן. דאָס זעט אויס, ווי אַ געיעג אין אַן אַלטן וואַלד. אַלץ זוכט, אַלע זוכן. די פּראָווינצער לויפן אַרום פון איין סקלאַד אין צווייטן, זיי זוכן די שטאָפן, וואָס קאָנען בעסער אַוועקגיין, זיי זוכן קרעדיט אויף לענגערע טערמינען. דאָך אַמ־מיינסטן בייגערן מיך די יידן אונדזערע מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס און גרויסע בערד. זיי ווילן לעבן, ווי אַלע, ווי מיר אַלע, אָבער די בערד ווילן זיי נישט אָפּגעבן, אפילו פאַרן בעסטן געשעפט. אַלע זענען איינגע־שפּאַרט, ווען עס גייט אין לעבן, אָבער זיי זענען נאָך דערצו איינגע־שפּאַרט אין זייערע מנהגים...

— איך קען זיי אַזוי ווייניק, אַלקער!

— און ווער קען זיי יאָ? דאָס זענען מענטשן מיסטישע, עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי כאַפּן זיך אַרויס פון זייערע חדרים, כדי צו געפינען אַ ביסל פרנסה און דערנאָך איילן זיי צוריק צו זייערע היימען, צו די משפחות, צום חסידיזם און פרומקייט. מיר אַלע האַלטן נישט פון זיי, אָבער זיי האַלטן פון אונדז נאָך ווייניקער. זיי נייגערן מיך זייער אָפּט, איך האָב ליב אַוועקצוגיין אויף די גאַסן, וווּ זיי לעבן קאָמפּאַקט, איבער־הויפּט אויף דער קאַמיענגאַ גאַס. אָט לויפט איינער אַרויס פון אַ טויער, אָט לויפט אַ צווייטער אַרויס פון אַ טויער, פּונקט ווי ער וואָלט פון אַ געהיימער נעסט אַרויס. פאַרבאַרגענע און אָפּגעזונדערטע. — אָבער שבת, די געלאַסענע רואיקייט זייערע, די ציכטיקע בגדים, מיט וואָס פאַר אַ וויר־דע זיי גייען פון דאַוונען. לאָדזש זעט מיר דעמאָלט אויס שענער...

אַלקער האָט געענדיקט און זיידנער האָט אָנגעהויבן:

— איך האָב אויך נישט קיין טענות צו לאָדזש. לאָדזש איז אַרבעט־זאַם און אינטערעסאַנט. איך האָב געזען אויך אַנדערע שטעט. לאָדזש האָט זיך נישט וואָס צו שעמען. מענטשן לעבן דאָ ווי אומעטום, נאָר אין גרעסערער ענגשאַפט... איך וויל קיינעם נישט אָנקלאָגן און קיינעם נישט אָנרירן, איך האָב איצט צו טון בלויז מיט זיך. דו דאַרפסט עס פאַרשטיין און אַ סך מיר מוחל זיין. דו באַרעכן נאָר, וואָס איך האָב אָפּגעטון, איך האָב איבערגעדרייט מיין לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. באַמי איך זיך איצט אַוועקצושטעלן זיך צוריק אויף די פיס און גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער.

ער האָט אויפגעהערט צו רעדן און אַלקער האָט געקאָנט טראַכטן, אַז זיין פריינט איז נאָך נישט אינגאַנצן זיכער אין זיין נייער לאַגע, נאָך נישט אינגאַנצן רואיק. די ערד־ציטערניש איז פאָרגעקומען, אָבער אונ־טער דער ערד קומען פאָר גרעסערע און קלענערע ציטערנישן.

ביי דער נאַוואָראָט גאַס האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט. אַ קוק געטון איינער אויפן צווייטן און זיידנער האָט אַ זאָג געטון:

— געַנוג אויף היינט? ווי רעכנסטו?

— פון מיינטוועגן...

— טאָ האָב מיר אַ גוטע נאַכט, קלינג אָן מאָרגן, אַלקער!

— גוט, גוט.

19

מען שמועסט ווידער

אָלקער איז נאָך נישט אָפּגעגאַנגען קיין צוואַנציק טריט, האָט ער דערהערט, ווי זיידנער רופט אים, זיידנער האָט אים אָנגעיאָגט:

— וואָס איז? — האָט אָלקער געפרעגט.

— איך האָב מורא, מיין טייערער, אַז איך וועל נישט קאָנען שלאָפן, אָדער איך האָב היינט צופיל גערעדט, אָדער איך האָב זיך נאָך איינגאַנצן נישט אויסגערעדט, מירן נאָך גיין אַ ביסל, דו ווילסט, ביסט נישט מיד?

— איך בין נישט מיד, און ווען איך זאָל זיין מיד, וואָלט איך אויך מיט דיר געגאַנגען, ווייל היינט איז דיין נאַכט, דיין בענעפיס. דו האָסט זיך פונאַנדערגעטרייסלט, וועט עס געדויערן אַ ביסל צייט ביז דאָס נייע אין דיר וועט ווערן געוועגלעך און דעמאָלט וועסטו שלאָפן רואיק.

זיידנער האָט זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט:

— ווייזט אויס, אַז איך האָב אין מיין כאַראַקטער עפּעס געהאַט אַזוינס, וואָס האָט נישט געשטימט מיט מיין אַרט לעבן ביז איצטער. אַנדערש פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי איך האָב געקאָנט אַוועקגיין פון מיין פונדאַמענט.

— האָסט שוין חרטה?

— מאַך זיך נישט נאַריש, איך טראָג שוין מער נישט קיין פאַבריק אויף מיינע פּלייצעס. איך ווייס נישט, צי אַ סך וועלן מיך פאַרשטיין, ווי גליקלעך איך בין פון דער פרייהייט, וועלכע וואַרט אויף מיר, איך אַליין באַגרייף עס נאָך נישט... מאַך זיך נישט נאַריש מיט אַזעלכע פראַזן, ווי „חרטה". אַ בלינדער איז זעעוודיק געוואָרן, וועט ער דען וועלן צוריק בלינד ווערן? צי מיינסט, דאָס איז אַ שפּאַס ביי מיר, ווען איך האָב אַ געשריי געטון „גענוג!", גענוג צו וועבן. אין די טויזנטער, צענדליקער טויזנטער שטיקלעך סחורה, וואָס איך האָב אַרויסגעלאָזט, זענען איינגעוועבט געוואָרן מיינע טעג און מיינע נעכט, דאָס איז געווען אַ שפּינוועבס־נעץ, אין וועלכער איך האָב זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט. עס איז מיר געשען אַ גליק, איך האָב געוווּנען דאָס גרויסע געווינס און דו פרעגסט מיך, צי איך האָב חרטה?

— וואָס עס טוט זיך ביי דיר אין האַרצן, ווייס איך נישט, איך קאָן בלויז מאכן השערות...

— ביסט אַ קנאַפּער פּסיכאָלאָג.

— עס קאָן זיין...

— דו זעסט פאַר זיך אַ מענטש, וועלכן דו האָסט פריער נישט געזען. פלעגן מיר זיך אַמאָל באַגעגענען, ביסטו מיר געווען אַ לאַסט. וואָס דאַרף איך אים, דעם אַלקער, ער איז דאָך נישט פון מיין בראַנזשע, און פאַר מיין בראַנזשע האָב איך אַלץ אָפּגעגעבן. איצט גיי איך אַרום מיט אַלקערן גאַנצע נעכט, איך פאַרשיט אים מיט ניין מאָס רייד, ווייל איך מוז זיך אויסרעדן, איך דאַרף זיך אַ ביסל פאַרטיידיקן. אַ קליינינקייט: איך האָב גענומען און חרוב געמאַכט אַ געזונטע פירמע, אַ פירמע פון עטלעכע דורות, דאַפּסטו פאַרשטיין, אַז איך מוז זיך אויסרעדן, דאָס איז מיר נויטיק צו מיין גלייכגעוויכט. וואָס מיינסטו, מיטאַמאָל ווערט מען אַן אַנדער מענטש? אַלקער! דו הערסט מיך, צי דו שלאָפסט שוין גייענדיק.

— איך הער, איך הער, כאָטש איך האָב שוין באַלד קיין כוח נישט, אָבער רעד אַרויס אַלץ. זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז איך בין אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און דו רעדסט דורך דעם אַפּאַראַט צו דער גאַנצער וועלט...

— איך האָב דאָס געמוזט טון...

— אָבער, פעליקס! הער זיך שוין אויף צו פאַרטיידיקן, איך, אַלקער, באַפריי דיך פון יעדער שטראָף... אָבער לאָז מיך אויך רעדן אַ וואָרט, צוויי ווערטער און הער זיך איין! די שטעכווערטלעך מיינע צו דיר וואַרף איך אומישנע, כדי דיך אַ ביסל צו פּראָוואָצירן און צווינגען דו זאָלסט נאָך מער רעדן, וואָס מער דו רעדסט, אַלץ מער עפנסטו זיך און פאַר מיר איז עס אַ גוטע געלעגנהייט דיך בעסער צו זען און קאָנטראָלירן. דאָס, וואָס דו האָסט אָפּגעטון מיט דיין פירמע, איז פאַר מיר איינע פון די שענסטע אַוואַנטיורעס, וואָס אַ פאַבריקאַנט קאָן אָפּטון. איך האָב ליב לאָדזש, נאָר איך בין דאָך נישט קיין פאַבריקאַנט, טאָ וואָס אַרט מיך, אַז דו וועסט אויך קיין פאַבריקאַנט נישט זיין? איך בין אַ האַלבער לײדיקגייער, טאָ וואָס אַרט מיך, אַז עס איז צוגעקומען נאָך אַ לײדיקגייער און אַזאַ ליבער לײדיקגייער? דו ביסט דאָך מיין יוגנט־חבר, דו ביסט מיר זייער נאָענט געווען אַמאָל און וועסט עס איצטער ווידער זיין...

— אוודאי.

— טאָ זאָל זיין מיט גליק! גלויב מיר: דאָס איז היינט געווען אַ

זעלטענער אָוונט, גאָרנישט קיין לאָדזשער אָוונט, דאָס זעט דאָך גיכער אויס, ווי אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן, אי, ווי דאָס לעבן איז געפּלאָנטערט און פאַרפּלאָנטערט. גיי און טרעף, אַז זיידנערן ווערט מיאוס ווערן די פאַבריקאַציע, גיי און טרעף.

— עס געפעלט דיר, זע איך...

— עס הויבט מיר ערשט אָן צו געפעלן ווערן, פעליקס! דו טוסט אָפּ אַ פיין שטיקל אַרבעט.

— גוט, וואָס דו רעדסט אַזוי, שריי אויף דער גאַנצער גאַס, אָדער שריי אַריין אין מיר, אין מיין גאַנצן וועזן, אַז איך בין גערעכט, אַז איך טו גוט, אַזוי אַז דער קלענסטער צווייפל זאָל שוין צו מיר נישט קומען. דו מיינסט טאַקע, אַז עס איז לייכט אָוועקצוגיין פון אַזאַ פאַבריק, פון זיך אַליין... יעדעס שרייפּעלע איז נאָענט, דער גערעמפּטער ריח פון געפאַרבטן וואָל איז אין די נאָז־לעכער פאַרבליבן און די אַלע קאַלקוליאַציעס און אַריינטרעפן מיט אַ מוסטער... דאָס איז ביי דיר אַ קליינינקייט, מען איז דיך מקנא, מען האַלט פון דיינע איינפאַלן... דאָס איז ביי דיר אַ קליינינקייט.

— אפשר נישט אָוועקגיין, פעליקס? אפשר בלייבן פאַבריקאַנט?...

— גזלן אָלקער! רייץ נישט...

— ניין! איך רייץ זיך נישט, איך מאַך דעם לעצטן שפּאַס. ווערט אַ זאַך מיאוס, מוז מען פון דעם אָוועקגיין, ווי שווער עס זאָל נישט זיין. זאָל דיין פאַבריק דיר נישט שטיין אין האַלדז און נישט פאַרדעקן דיין נשמה...

— די פאַבריק מיינע, זי איז מיר אַרויסגעפאַלן פון מויל, ווי אַ צעפוילטער צאָן, זי האָט זיך אָפּגעריסן ווי אַ שווערער באַלאַסט פון מיין פּלייצע.

זיי האָבן ביידע נישט גערעדט, זיי האָבן דעקלאַמירט און געוועזן זענען זיי זייער אויפגעמונטערט. די פרייהייט האָט זיי פריילעך געמאַכט.

— אַזאַ משוגענע וועלט...

— וואָס מיינסטו מיט דעם, פעליקס?

— אַ קליינער פאַבריקאַנט, אָדער אַ גרויסער, אַ גרויסער פאַבריקאַנט, אָדער אַ גאָר אַ גרויסער? אין וואָס איז דאָ געגאַנגען? צוליב וואָס האָב איך מיינע נעכט נישט געשלאָפן? איך פרעג דיך, צוליב וואָס?

— פרעג זיך, וואָס פרעגסטו מיך...

— איך האָב די נעכט נישט געשלאָפן, ווייל איך האָב געציטערט, אַז פרומקין וועבט מער פאַר מיר, אַז אַבראַמאָוויטש האָט בעסערע מוס־טערן פאַר מיר. נייןן! דאָס האָט אויפגעהערט. איך בין פאַר מיינע קאָנ־קורענטן געשטאָרבן און זיי זענען פאַר מיר געשטאָרבן, איצט מעגן זיי שוין וועבן וויפל זיי ווילט זיך און איך וועל מאָרגן שלאָפן ביז צען אינדערפרי, איך וועל זיך לאַנגזאַם אָנטון און איך וועל אַרויסקוקן פון פענצטער: אַ שיינער טאָג אָדער אַ מיאוסער טאָג? ס'איז דאָך זייער וויכ־טיק, ס'איז דאָך מיין טאָג. פריער פלעג איך קוקן אויפן קאַלענדאַר, ווייל איך האָב חובות. און ווען זענען זיי פעליק די וועקסלען, צי וועט מען באַצאָלן? צי וועלן נישט קומען קיין פּראָטעסטן? וועגן די וועקסעלעך האָב איך געזאָרגט און פון די טעג מיינע, וועלכע זענען כסדר געגאַנגען צום פּראָטעסט, זיי האָב איך נישט באַמערקט...

— דו רעדסט דאָך גאָר פיין, פעליקס! פון ווען אָן האָסטו עס אַזאַ לשון באַקומען?

— איך וויל זיך אויספּיינען פאַר דיר.

— גאַנץ ריכטיק, איך בין טאַקע אַ שטיקל מבין אויף די זאַכן, אָבער, ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי לאַנג דעקלאַמירן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס?

— איך קאָן דיך שוין אָפּלאָזן...

— און איך אויך, כאָטש עס ווילט זיך נישט שלאָפן. אַ שאָד, וואָס די סלופּעס קאָנען נישט רעדן...

— אָבער דו קאָנסט דאָך רעדן צו זיי.

— זיי וועלן צו אַלץ איינשטימען, זיי וועלן נישט רעאַגירן און נישט אָפּאָנירן, אַ מענטש איז בעסער. ער הערט דיך אויס און ענטפערט דיר...

— יאָ! און ער לאַכט דיך אויס, ער קריכט דיר אין די ביינער, אָנשטאָט צו זען זיינע אייגענע פעלערן, זוכט ער חסרונות ביים צווייטן...

— דו רעדסט מיינע רייד, פעליקס!

— דאָס זענען די רייד פון דער רואיקער נאַכט, זי איז זייער פאַר־נונפטיק...

— נו, גיי שוין שלאָפן, באַנקראָטשיק.

— פּרייוויליקער באַנקראָטשיק, דאַרפסטו זאָגן.

זיי האָבן זיך געשפּילט מיט ווערטער, געוועזן זייער גוט איינער צום צווייטן, אין דעם שפּאַסן זייערן האָט זיך געפילט איבערגעגעבנקייט.

זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט, דערביי אָפּגערעדט, וואָס אָפּטער זיך צו באַגעגענען. זיידנער האָט אפילו צוגעגעבן:

— איצט וועסטו זיין דער פאַרנומענער און איך וועל זיין דער ליידיק־גייער.

אויף דעם האָט אָלקער געענטפערט:

— אַזוי פאַרנומען, ווי דו ביסט געווען, וועל איך קיינמאָל נישט זיין, איך וואָלט פון זינען אַראָפּ, איך מאַך עס שטענדיק אויף דער העלפט: אַ ביסל פריי און אַ ביסל פאַרנומען... אַ משוגענער וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל זיך איינזינקען מיט קאָפּ און לייב און לעבן אין אַן אונטערנעמונג... יאָ, און ווו איז פרייהייט און ווו איז פרייקייט? ווו איז שפּאַס און ערנסט, ווו איז בוך, בילד, וועלט, פּאָליטיק? מען דאַרף דאָך האָבן אַ ביסל צייט כדי אויסצולאַכן די קלוגע און די נאַרישע וועלט, מען דאַרף אויך זיך אַ ביסל אויסלאַכן, מען דאַרף טראַכטן, איך מיין נישט — קנייטשן דעם שטערן, אָבער גאַנץ רואיק טראַכטן, דאָס איז אַ גרויס פאַרגעניגן... ניין, פעליקס, איך בין שטענדיק צו דיין דיספּאָזיציע, פאַר פיינער לייכטזיניקייט וועסטו מיך שטענדיק האָבן, פאַר אַ ביסל ערנסטקייט אויך, איך זאָג דו האָסט געטראָפן מיט דיין חבר...

— געטראָפן מיט אַ באַרימער.

— זאָל זיין אַזוי, אָבער געטראָפן האָסטו? אַ גוטע נאַכט!

אָלקער האָט אויסגעקירעוועט זיינע רונדע, באַוועגלעכע פּלייצעס און שוין געמאַכט עטלעכע טריט.

— אָלקער! — האָט זיידנער אים גערופן...

— וואָס ווידער?

— פאַרגעס נישט, אַז פאַר אָלעמען בין איך אַ קבצן, איך בין גע־בליבן ביי גאָרנישט...

— גוט, גוט... מאָרגן וועט גאַנץ לאָדזש וויסן, אַז דו ביסט אַ גרוי־סער קבצן, אויף מיר מעגסטו זיך פאַרלאָזן. דיינע פריינט וועלן האָבן קלעמעניש דערפון, זיי וועלן דיר העלפן מיט אַ קרעכץ, דיינע שונאים וועלן האָבן נחת...

אָט אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט עטלעכע נעכט צוזאַמען. אָוונט־ברויט האָט מען געגעסן ביי זיידנערן אין די זיבן צימערן, פאַרטרונקען מיט אַ גלעזל קאָניאַק און פאַרביסן מיט ניין מאָס רייד. זיידנער האָט יאָרן געשוויגן, ער האָט זיך געמוזט אויסרעדן און אָלקער האָט געמוזט הערן.

דאָס וואַסער איז אַרויס פון די ברעגן און פאַרגאָסן זיידנערס זיבן צי־מערן, די גאַסן די נאָענטע און די נאָענטע געסלעך, אָבער וואַסער פאַלט אָפּ און דער טייך ווערט ווידער טייך אין זיין רואיקן צושטאַנד. אַזוי האָט ביי זיך אַלקער געטראַכט.

ער איז אַוועק מיט אַ שמייכל אויף לינקס און זיידנער האָט זיין שמייכל אַוועקגעטראָגן אויף רעכטס. ער האָט געהאַט הנאה פון זיינע לאַנגזאַמע טריט, עס האָט אים געלאָקט די גאַס, די ליידיקייט. אָט גייט ער אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון גאַס, ווייל דאָרט זעט זיך אַ באַ־לויכטן פענצטער. אין העלן שוי־פענצטער זענען אַרויסגעשטעלט קראַ־וואַטן, פיל־פאַרביקע העמדער, נאָז־טיכלעך. ער קוקט אויף די אַלע זאַכן און האָט דערפון פאַרגעניגן. פריער איז אַזוי נישט געווען. אַז ער איז געגאַנגען אויף איין טראָטואַר, איז ער שוין פון דער גלייכער ליניע נישט אָפּגעטראָטן. פונקט, ווי אויסגעמושטרירט איז זיין שפּרייזן געווען. ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען, פאַרטראַכט און איינגעזונקען אין זיך אַליין. זיינע טעג האָבן זיך געצויגן לויט די מוסטערן פון זיינע שטאָפן, וואָס ער האָט געוועבט. געענדיקט איינס און גלייך אָנגעהויבן אַ צווייטס. איצט פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרבלענדעניש, אַ קראַנקהייט, וואָס האָט געדויערט צוואַנציק יאָר. די בעסטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן. דאָס האָט זיך געענדיקט, איז ער צופרידן פון דעם. עס איז פאַראַן אַ גרויסע וועלט און ער וועט איצט אַריין אין דער גרויסער וועלט און נעמען פון איר דאָס, וואָס עס וועט זיך לאָזן נעמען. ווי זאָגט אַלקער? „דאָס לעבן איז בילכער". בילכער פאַר דער פאַבריק, בילכער פאַר דעם נאָמען פון אַ גרויסן פאַבריקאַנט. „דאָס לעבן איז בילכער". און ער ווייסט נישט אַליין, ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס האָבן עס איצט אויף אים פון שאָטן אַרויסגעקוקט די אויגן פון דער ליזאַ איליטאָוויטש? ווי קומט זי עס אַזוי פּלוצלינג אין זיינע געדאַנקען?

ער האָט נאָך אַזוי פיל שווערקייטן און קלאָפּאָטן מיט דער ליקווידאַ־ציע פון זיינע אַלע געשעפטן און אַלע מאַיאָנטקעס און מיטאַמאָל די אויגן פון דער איליטאָוויטש, אַ נייע שותפטע...

ער גייט אַהיים און פּלוצלינג דערלאַנגט אַ שווינדל פאַר די אויגן און עפּעס נעמט דריקן ווייטיקלעך צום האַרצן. וואָס איז געשען? ער האָט אין די געדאַנקען זיין פאַבריק דערזען, דערזען דעם הויף, די גרויסע באַלויכטענע האַליעס, ווו די וועב־שטולן שטייען און גייען. איצט ענדיקט

איין שיכט אַרבעטער און באַלד וועט קומען די צווייטע שיכט. עס ציען זיך די קאַלירטע פעדעם אין די קעטעס, עס קלאַפּן די מאַשינען, עס גייט די סימפאָניע פון באַוועגונג און אַרבעט... און דאָס אַלץ איז שוין נישט זיינס, ער האָט עס אַליין פאַרשאַכערט צוליב עפּעס אַ פאַנטאַזיע פון באַפרייאונג. אַ קראַמף איז אים דורכגעגאַנגען דורך זיין גאַנצן קערפּער, אַזוי, אַז ער האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף זיינע פיס, שיעור נישט אומגעפאַלן... די אַלע פריערדיקע אַמביציעס האָבן אים אַרומגעכאַפּט און געגומען שטיקן. די פאַבריק האָט איצט אויסגעזעען אין זיינע געדאַנקען, ווי אַ פּאַלאַץ, וווּ ער האָט פריי געהערשט, האָט ער גענומען און פריי אָפּגעגעבן די הערשאַפט... איז דאָס נישט געווען קיין משוגעת?

ער איז קוים אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך אָנגעהויבן צו באַרואיקן. יאָ... אַזעלכע מאָמענטן וועט ער נאָך אַ סך האָבן. ער איז צופיל פריער געווען איינגעשפּאַנט אין זיין אַרבעט, און די איינגעשפּאַנטקייט האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַן ענג געסל פון לעבן. פון דעם דאָזיקן ענגן געסל האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגיין און ער איז שוין אַרויסגעגאַנגען, אָבער די פאַרגאַנגענהייט לאָזט נישט אַזוי גיך אָפּ. צו שטאַרק איז עס אים איינגעבאַקן אין האַרצן.

איינמאָל, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געהאַט אַ נייע אויפרעגונג. דער אַלטער הויז־וועכטער איז אַריינגעקומען און עפּעס גענומען שטאַמלען, דאָס איז געווען נאָכמיטאָג.

— מען רעדט... פּאַניע זיידנער... מען רעדט אויף אייך מאָדנע רייד, אַז איר גייט אַוועק, אַז אַלץ, וואָס אייערס ווערט פאַרקויפט...

— וואָס גייט עס דיך אָן? יאָן!

— איך האָב נאָך געאַרבעט ביי אייער פאָטער, מיין פאָטער האָט געאַרבעט ביי אייער זיידן, באָזשע קאָכאַני! ווי וועט עס זיין?

דער אַלטער הויז־וועכטער, אַ דיקלעכער, מיט אַ רונדן פּנים, מיט פיינע וואָנצן, ענלעך געווען צום פּוילישן קעניג יאַן סאָביעסקי. ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג, געווען איז ער אינגאַנצן צעבראָכן. ער האָט געקוקט אויף אַלע חפצים, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די אויגן, געקוקט אויף זיידנערן און אַלץ באַדויערט, באַדויערט...

זיידנער איז צו אים צוגעגאַנגען נענטער, ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יאַנס אַקסל און טריי גערעדט צו אים, ווי צו אַ ברודער גערעדט, מיט האַרץ:

— דיר וועט גאָרנישט שאַדן. איך וועל זאָרגן דערפאַר, אַז דו מיט דיין משפחה זאָלסט גאָרנישט ליידן, דו וועסט בלייבן אויף דיין פּלאַץ, וועסט זיין דער זעלבער יאַן, איך פאַרזיכער דיר, איך שווער דיר...

— יאָ...

דער יאַן האָט זיך צעכליפּעט:

— אָבער איר ווערט דאָך אויס זיידנער.

— ניין, יאַן! איך וועל אויך בלייבן דער זעלבער זיידנער, אפשר נאָך אַ בעסערער.

דער אַלטער הויז־וועכטער איז אַוועקגעגאַנגען איינגעאַנצן אַ צעבראָ־כענער און זיידנער איז פון דעם באַזוך אויך געווען צעבראָכן. ער האָט האַסטיק געשפּרייזט און געזוכט פאַרענטפערונג און זיך געטרייסט און אפילו געשמייכלט צו זיך אַליין, געשמייכלט פון דער קאַשע, וואָס ער האָט פאַרקאָכט.

גאָרנישט... ער וועט עס איבערקומען.

דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן און עס איז גוט, וואָס אַנדערע זעען נישט די נאַרישקייטן, וועלכע שפּרינגען אַרויס, ווי אָפּגעריסענע לצים אין אונדזערע נשמות, זיי וואָלטן נישט אויפגעהערט צו לאַכן, די אַנדערע, ווען זיי וויסן עס און זיי, די אַנדערע, האָבן דאָך אויך זייערע נאַריש־קייטן. ווען מען זאָל דאָס אַלץ זען, וואָלט די גאַנצע וועלט געלאַכט, מען וואָלט גאָרנישט געטון, בלויז געלאַכט און געלאַכט, ביז די לאַכנדיקע וועלט וואָלט איינגעאַנצן אונטערגעגאַנגען.

זיידנער האָט אָבער איינס נישט פאַרשטאַנען, בעת ער האָט פריער מיט אַזאַ ציטער דערמאָנט זיין פאַבריק, די פאַבריק, פון וועלכער ער האָט זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט, ווען ער האָט דורכגעלעבט אַזאַ רגע פון בענקשאַפט און חרטה, איז דעמאָלט באַלד נאָך דער ערשטער צעטרייס־לונג געקומען אַ געשטאַלט פאַר די אויגן, ליזאַ איליטאָוויטשעס גע־שטאַלט. איר בליק איז אויף אים אַראָפּגעפאַלן און איר בליק האָט טאַקע פאַרטריבן די פיינלעכע מינוט... וואָס? ווי אַזוי? ווי קומט זי אַהער? ווער האָט זי אַרויסגערופן? ער איז געווען זייער צופרידן פון דער דאָזיקער דערשיינונג, ער איז געווען איבערראַשט פון דעם. שוין האָט ער פאַרגעסן דעם אויגנבליק פון שוואַכקייט און שוין געטראַכט פון קאַרווי. זי וועט דאָרט אַוועקפאָרן, ווי נאָר מען וועט אָפּלאָזן די קינ־

דער פון די שולן. ער וועט דאָרט קומען אומגעריכט — ווי וועט זי אים באַגעגענען?

צי וועט זי זיין מיט אים אין איין געזעלשאַפט? צענדליקער קליינע פראַגן צו זיך אַליין זענען אויפגעקומען אין זיינע געדאַנקען. אַזאַ גרויסע פאַבריק געהאַט מיט אַזוי פיל וועב־שטולן, מיט אַזוי פיל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און וואָס? אַזאַ שוואַכע לערערין וויל דאָס אַלץ פאַרשטעלן, אָדער פאַרבייטן?

ער האָט זיך קיין רו נישט געקאָנט געפינען. אין אַנדערע ענינים האָט ער געקאָנט אַזוי זיכער און ריכטיקער חשבונען און דאָ, ביי דער איליטאָוויטש האָט זיך עס פאַרעקשנט און ער ווייסט נישט, ווי צו פירן די געדאַנקען ווייטער. אפשר זאָל ער נישט פאָרן קיין קאַרווי? דאָרטן איז מען דאָך אַ גאַנצן טאָג פריי, וואָס וועט ער דאָרט מאַכן אַ גאַנצן טאָג? ער וועט פאַרברענגען אין שמועס מיט דער ליזע? און פון וואַנענט ווייס ער, אַז זי וועט דאָס וועלן... זי פאָרט דאָך אָפּרוען און אויב אפילו יאָ, איז וואָס וועט ער מיט איר רעדן? ער האָט דאָך אַלץ פאַרגעסן. טעאַטער — פאַרגעסן, ליטעראַטור — פאַרגעסן, געזעלשאַפטלעכע פראַגן — ער ווייסט דאָך גאָרנישט פון די זאַכן. די פאַבריק בלויז איז איינגעוועבט אין זיין וועזן, דאָס איבעריקע איז אויסגעוועבט פון אים. ווי אַ פאַרלוירענער יינגל האָט ער זיך געפילט, אַזאַ איינער, וואָס הויבט אָן צו שטעלן די ערשטע טריט אין לעבן און באַגעגנט דאָס ערשטע מיידל...

ער האָט אַ בליק געוואָרפן אויף די ביכער אין די טייערע איינבונדן. אפשר נעמען זיך צום לייענען, אָנכאַפּן אַ ביסל געדאַנק, פראַזן, אָט אַזוי, ווי פאַר די עקזאַמענעס, אָפּנאַרן די לערערס... אפשר בעטן אָלקערן, ער זאָל געבן אַ ביסל געשפּרעך־מאַטעריאַל.

די פאַבריק איז דאָך שוין נישט זיינע. קיין געשעפטן האָט ער שוין נישט. איצט איז אָנטקעגן אים אַ גרויסע ליידיקייט, אַ פרייע ליידיקייט, באַדאַרף מען דאָך מיט עפּעס די ליידיקייט פול מאַכן. מען דאַרף, מען דאַרף. ער האָט געשמייכלט און געליטן אינאיינעם.

אָנשטאָט די גרויסע פאַבריק מיט די וועב־שטולן, מיט די טראַנסמיסיעס, האָט גאָר פאַר די אויגן געשוועבט די געשטאַלט פון אַ פרוי מיט אַ שמאָל פיגורל... ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין געוועזן אייגנטום און איז אומרואיק געוואָרן דערפון, וואָס זיין פאַבריק געהערט שוין אָן צו אַנדערע...

איז געקומען די ליזאַ איליטאָוויטש, אַ שוועב געטון פאַר די אויגן און צוגענומען די מורא.

מאָדנע איז דאָס אַלץ.

אייגנטום, ליבע, אומרו.

אַט וועגן די זאַכן האָט ער איצט רואיק־אומרואיק געטראַכט ביז דער פאַרנאַכט איז אַריינגעקומען. די פענצטער זענען אָפן און ער האָט אַרויסגעקוקט אַ ביסל אויף דער באַרואיקטער גאַס. ער האָט אַ קוק געטון צו די שטערן, צו די גאָלדענע, ווייטע פינטעלעך, וועלכע האַלטן זיך אַזוי הויך און ווער ווייסט, עס קאָן זיין, אַז זיי קוקן אפשר אויך אויף לאָדזש אַראָפּ. אַליין האָט ער פון זיין קוק צום הימל גאָרנישט געפילט, נאָר די אויגן זיינע, דעם מענטשנס אויגן, האָבן אַלץ ליב צו זען. גרויסע און קליינע שטערן, אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטן, ווי מענטשן יחסנים. מענטשן, וואָס טראַכטן אַליין איבער זייער לעבן און גליען עס אַליין אי־בער. געווען דערביי אַן אומרואיקע רגע, ער האָט דערפילט דעם ציטער פון מענטש אין זיך. אַ פעסטע, אַ גליענדע רגע. ער האָט עס אָבער שנעל אין זיין אומבאַוווסטזיניקייט דורכגעלאָזן.

נישט געהאַט, וואָס צו טון מיט זיך. לאָזן זיך אינגאַנצן טראַכטן, וועגן אַלץ און אַלעמען האָט ער נישט געוואָלט . ער האָט פשוט מורא פאַר די געדאַנקען, ווי אַ מענטש, וואָס האָט מורא פאַר אַ צו גרויסן וואַ־סער־שטראָם, אָדער פאַר אַ צו גרויסן פייער־פלאַם. האָט ער זיך אַוועק־געזעצט רעכענען. דעם באַדאַרף ער באַצאָלן און ביי דעם צווייטן דאַרף ער באַקומען געלט. ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום חשבון, דאָס איז געווען, ווי אַ רעטונג, ווי אַן אָפּוועגדונג פון זיך אַליין. ער האָט לאַנג אַזוי גע־שריבן ציפער, אונטערגעצויגן די גאַנצע סומע און דערנאָך זיך גע־נומען צו אַ צווייטן חשבון. אָבער דאָס זענען שוין געווען אַנדערע חשבו־נות, נישט ווי אַמאָל. דעמאָלט האָט ער געחשבונט פאַר דער פירמע „זיידנער" און איצט האָט ער געחשבונט פאַר זיך אַליין, פאַר פעליקס זיידנער. יאָ, ער חשבונט פאַר זיך אַליין, ער טראַכט פאַר זיך אַליין און מאַכט פלענער פאַר זיך אַליין. די פירמע זיינע רוקט זיך אָפּ פון אים, ווי אַ גרויסע כמאַרע, וואָס פאַרשטעלט די זון, ווי אַ וואַנט, ווי אַ באַרג.

אויס פירמע „זיידנער".

ער האָט זיך געשפּילט מיט דעם געדאַנק, געוואָלט זיך רייצן מיט עמיצן פון זיינע קאָנקורענטן, געוואָרן זיכער ביי זיך, ווי איינער, וואָס

האָט אויסגעפּירט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט און אין דער זעלבער צייט אַ קאָפּעטשקע ספק, אַ שנירעלע נישט־זיכערקייט. דעם נייעם היינט זיי־נעם האָט ער נאָך אין האַרצן נישט אַריינגענומען, דער נעכטן מיט דער טעמפּער איינגעווינטקייט איז נאָך געזעסן אויפן קאַרק. מען האָט גע־דאַרפט האָבן אַ סך כוח אַ טרייסל צו טון מיט די פּלייצעס, דעם נעכטן פון זיך אַראָפּצושליידערן און אים צעשמעטערן אויף שטיקלעך... דער קאַלטער, דער גרויער נעכטן, וואָס האָט אויפגעפרעסן יאָרן פון אַ מענטש... דער דאָזיקער שלעכטער נעכטן איז דאָך אָבער אויך געווען פאַרבונדן מיט לעבן, ווי צעברעכט מען עס אויף שטיקלעך?

מער חשבונען האָט ער נישט געוואָלט, געשפּרייזט האָט ער און גע־מאָסטן זיינע זיבן צימערן.

פון צימער אין צימער האָט ער געשפּרייזט און אין קאַבינעט, האָט ער זיך דערמאָנט דעם פאָטער, ווייל דאָ פלעגט יענער אָממיינסטנס פאַר־ברענגען. פון קאַבינעט איז ער שנעל אַרויס, ווייל ער האָט נישט גע־וואָלט טראַכטן פון געשטאָרבענעם. אין דעם צימער, ווו זיין קינדהייט איז אַוועק, האָט ער זיך היינט ווידער אַוועקגעזעצט אויף דעם קינדערשן בעטל, ווו ער איז אַמאָל געשלאָפן, און דערביי האָט ער אַ טראַכט געטון, אַז דאָס איז שוין געווען זייער, זייער לאַנג, אַזוי לאַנג, ווי דאָס וואָלט קיינמאָל נישט געווען... די קייט פון זיינע יאָרן האָט זיך ביי אים שוין לאַנג איבערגעריסן, די רינגעלעך פון זיינע טעג האָבן זיך צעשאָטן אין דער גרויסער האַלע פון פאַבריק, אין די שאָפּעס, ווו עס וואַלגערן זיך פאַרשידענע אָפּפאַלעכץ... ווער וועט עס די רינגעלעך אויסגעפינען?

די מענטשלעכע בענקעניש האָט זיך איצט אַלץ מער צוגעגנבעט צו אים. העי! וואָס מאַכסטו און וואָס ווילסטו? מענטש! ווילסטו פריי זיין, ווילסט נישט זיין פאַרשקלאָפט ביי עפּעס אַ פאַבריק, דעמאָלט מוזטו פריי זיין פון דער פאַבריק און פרייהייט מענטשלעכע אַליין איז אויך נישט קיין הפקר־זאַך. מען צאָלט דערפאַר מיט אומרו. דאָס איז אַ טייערע זאַך די פרייהייט, נאָר די טייערקייט טוט גאַנץ אָפט אַזוי וויי...

רואיק איז ער געווען אַ ביסל, נאָר אומרואיק אויך אַ ביסל. ער האָט נישט געוואָלט קיין סך טראַכטן, דאָך דאָס טראַכטן איז אַליין געקומען...

אָפּגעריסן זיך פון די געדאַנקען, געזוכט מיט וואָס צו פאַרנעמען דעם בליק.

אין זאַל האָט ער אַ קוק געגעבן אויף דער וואַנט, דאָרט איז איין

אָרט לײדיק געװען... האָ! ער האָט דאָך אַראָפּגענומען דאָס בילדל מיט די יונגע פּאַסטוכער און עס אַװעקגעשענקט אָלקערן, אָבער יענער האָט דאָס בילד פאַרגעסן מיטצונעמען, װעט מען עס אים אינדערפרי באַדאַרפן אַװעקשיקן. מען װעט אינגיכן די אַלע בילדער אַראָפּנעמען, ער װעט די שטוב ליקװידירן, די גאַנצע פאַרגאַנגענע צייט זײַנע. עס װעט זײַן אַ נײַ לעבן, װעגן דעם האָט ער זיך איצט נישט באַמיט אַרײַנצוטראַכטן. די נאַכט איז שױן געװען אַרום און אַרום, זי איז געקומען קאָנטראָלירן, צי אַלץ איז דאָ אין אָרדענונג. זײַדנער איז געלעגן אויף אַ קאַנאַפּע. ער האָט געטראַכט פון דעם הויז־װעכטער יאַן, װעלכער האָט זיך דאָ היינט צע־װײנט. ער האָט געהאַט אַ סך צייט, האָט ער װעגן אַלץ געטראַכט. ער האָט זיך אפילו אויף אַ רגע פאַרגעסן און אַרײַנגענומען אין קאָפּ עפּעס אַן ענין פון דער פאַבריק.

דערנאָך איז אין זכרון דורכגעגאַנגען דער גאַנצער קאַלײדאָסקאָפּ פון די פאַרגאַנגענע טעג. זײַן געשפּרעך מיט אָלקערן און אָלקער אַלײן. זײַן פרײַנטשאַפט, זײַן איראָניע און זײַן אײַנשטימיקייט... אַ מאָדנער איז דער אָלקער, אַ רואיקער און אַן אומרואיקער אינאײנעם, אָן אים װאָלט נישט גוט געװען...

זײַדנער האָט איצט גענומען זען דאָס לעבן און ערשט איצט האָט ער גענומען פאַרשטיין, װאָס דאָס איז אַ פרײַנט און נאָך אַזאַ פרײַנט, װי אָלקער. אָלקערן טאָר מען נישט אָפּלאָזן. דאָס איז אַן אוצר. דערנאָך איז אין זכרון געקומען ליזאַ איליטאָװיטש, קאַרוױ, דער ים, װעלכן ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען. װײַזט אויס, אַז די זאַכן, װעגן װעלכע ער האָט געטראַכט האָבן נאָכאַמאָל צעטומלט זײַן געמיט. איז ער בײז גע־װאָרן אויף זיך, אויף די געדאַנקען, װאָס מאַטערן אים. ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז מען מוז גײן אויפזוכן אָלקערן, אָן אָלקערן װעט ער היינט זײַן גלײַכגעװיכט נישט צוריקשטעלן. שוין געװען צען אין אָװנט, װען ער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס. אויף דער אַלטער פּיעטריקאָװער גאַס, װעלכע איז דאָס האַרץ פון לאָדזש. די גאַס איז נאָך פול געװען אין דער זומערדיקער נאַכט. דער עולם האָט נאָך שפּאַצירט. פּיס האָבן גע־שאַרקעט און געשײַערט דעם אַספאַלט. געלעכטער האָט דאָ און דאָרטן אָפּגעהילכט. זײַדנער איז אַזוי װי אויפגעמונטערט געװאָרן פון דער מענטשן־באַװעגונג. אָבער, װוּ איז אָלקער? מיט אים װעט נאָך מונטערער זײַן. ער איז אַרײַן אין אײן קאַפע, אין דער צװײטער, אין דער דריטער.

ער האָט געזוכט דאָס רונדע פּנים פון זיין פריינט, אַלקער איז נישט געווען, איז ער ווידער אַרויס אויף דער גאַס, וועלכע האָט אָנגעהויבן שיטערער ווערן. ער האָט געוואָרפן די בליקן אויף רעכטס און אויף לינקס און פּלוצלינג באַמערקט אַלקערן. יענער איז האַסטיק געלאָפן, פונקט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ וויכטיקן ענין צו דערליידיקן:

— אַלקער! ווו לויפסטו?

— האַ! פעליקס...

— ווו לויפסטו?

— איך לויף אין „אַסטאָריע״, איך האָב אָפּגערעדט מיט דעם מאָלער יצחק ברוינער, דאָרט וועל איך אים באַגעגענען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן „אַסטאָריע״?

— דו קענסט נישט „אַסטאָריע״ אויף ווינקל פּיעטריקאָווער און מיטל־שטאָט־גאַס? דאָס איז אַזאַ יידישע צוקערניע. אַ יידישע פאַר יידי־שע יידן. אינדערפרי עסן דאָרט די אָנגעשטעלטע פרישטיק. שפּעטער קומען די מעקלערס מיט פראַבקעס וואָל, מען קומט דאָרט דיסקאָנטירן אַ וועקסל, דורכפירן אַ געשעפטל און צען־עלף אין אָוונט קומען דאָרט מענטשן פון אַלע מינים. עס קומען יידישע זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן, מאָ־לערס, עס קומען כלל־טוערס און לעקטאָרן... מען קומט, קום אויך אַריין אַהין. קום! דו וועסט דאָרט דערזען אַ נייע וועלט. פאַר דיר אוודאי און אוודאי אַ נייע וועלט.

זיידנער האָט זיך געוואַקלט און אַלקער האָט גענומען לאַכן:

— וואָס, עס פּאַסט דיר נישט, דו ביסט דאָך שוין נישט קיין יחסן, ביסטו אַ קבצן פאַר דער גאַס, טאָ קום צו די קבצנים...

— איך ווייס אַליין נישט, אַלקער!

— אָבער איך ווייס, קום...

זיי זענען אַריין אין דער „אַסטאָריע״.

20

קאַפע „אַסטאָריאַ״

פעליקס זיידנער איז אַריינגעקומען אין „אַסטאָריאַ״. אַלקערן האָבן דאָ אַלע געקענט, אַן אייגענער. אָבער זיידנער, פעליקס זיידנער, ווי קומט ער דאָ?

— זע נאָר, ווער דאָ איז פאַראַן!... אַי, די יחסנים קייקלען זיך באַרג אַראָפּ...

— זע נאָר, ווי ער קוקט זיך אַרום, ווי אַ מויז אין אַ פּאַסטקע.

זיידנער האָט זיך טאַקע אַרומגעקוקט און געווען איבערראַשט און געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך וואָס שנעלער אַרויסצורוקן פון דאַנען. די ערשטע פּנימער, וואָס ער האָט דאָ דערזען, האָבן אים אויסגעזען נישט היימלעך, נישט אַרומגעוואַשן, די בגדים אָפּגעטראָגן, צעקנייטשט, עפּעס אַלטמאָ־דיש, בטלניש און ווי זיי זיצן דאָ, ווי זיי האַלטן זיך, ביי נישט זויבערע טישלעך. וואָס איז דאָ אַ קלויז? ווי זיי רעדן אויפן קול, איינער שרייט איבער דעם צווייטן. ער האָט טאַקע געוואָלט גיין צוריק, דאָך אָלקער האָט אים שוין אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און אַ ווונק געטון צום קעלנער. דער קעלנער איז צוגעקומען נענטער:

— צוויי גלאָז טיי און אַ... טישטוך.

דער קעלנער האָט געענטפערט:

— אָלרייט...

פעליקס זיידנער האָט אַ שמייכל געטון פון דעם שנעלן זשאַנגלערישן „אָלרייט!"

— וואָס, ער רעדט ענגליש?

— ער רעדט אויף צען שפראַכן. ער איז שוין דורכגעפאָרן די גאַנ־צע וועלט. זיין נאָמען איז זעליגער. שוין געהאַט געלט, איצט האָט ער אַ פרוי אַן אַקטריסע, זאַריצקי הייסט זי, זי שפּילט יידיש טעאַטער. ער קען גאַנץ לאַדזש און ווייסט וויפל יעדער איינער פאַרמאָגט. פאַרשטייסט, פעליקס! איך וועל דיר דאָ יעדן איינעם פון דער „אַסטאָריע" אָפּמאָלן אין קורצע ווערטער, דו זאָלסט וויסן מיט וועמען דו זיצסט דאָ...

— צו וואָס באַדאַרף איך דאָס?

— אַז מען וויל נישט וויסן פון אַ פאַבריק...

— הער אויף!

— איך מיין, אַז דאָ איז אינטערעסאַנט, וועסט זען. דאָ וועט דיר גע־פעלן ווערן, וועסט זען.

זיי האָבן באַקומען טיי. זיי האָבן זיך ביידע אַרומגעקוקט. אָלקער האָט געזוכט זיינע באַקאַנטע און פאַר זיידנערן איז דאָ אַלץ געווען אומ־באַקאַנט. אין דעם איז צום טישל צוגעשפּרונגען איינער מיט אַ לאַכנדיקן פּנים, אַ פּנים, אַ ביסל אַ כינעזישער. אַ יונגער פּנים, נאָר אויפן קאָפּ

שוין גאָר ווייניק האָר און אין מויל ווייניק ציינער. הויך געגוג, ברייט־פּלייציק און גוטמוטיק. ער האָט אויסגערופן:

— האָ! אַלקער... ביסט דאָ שוין לאַנג?...

— האַ! איצעק! זיי באַקאַנט מיט פעליקס זיידנער. פעליקס! דאָס איז דער מאָלער איצעק ברוינער.

ברוינער האָט אַ קוק געטון אויף זיידנערן און גלייך געפרעגט:

— איר זענט געווען אויף מיין לעצטער אויסשטעלונג?

— ניין! — האָט זיידנער מיט אַ שמייכל געענטפערט — נישט אויף דער לעצטער און נישט אויף דער ערשטער, איך בין ביז איצט נישט געגאַנגען אויף אויסשטעלונגען.

דאָך איצעק ברוינער האָט שוין נישט געהערט, וואָס זיידנער האָט געענטפערט. ער איז שוין אַוועקגעשוווּמען... אַוועקגעלאָפן צו אַ צווייטן טישל.

— אַ מאָדנער טיפּ — האָט זיידנער געזאָגט צו אַלקערן.

— אַ פּרעכטיקער יונג — האָט אַלקער אָפּגעענטפערט.

— מיט וואָס אַזוי פּרעכטיק?

— אַ קינסטלער, אַ בראַדיאַגע, אַן אומרואיקער און אַ גוטער חבר, אַ פאַנטאַזיאָר, אַ טעמפּעראַמענט, אַ יורש פון עטלעכע דורות חסידישן ברען, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע און גענומען שלינגען פרייהייט און פרייקייט. נישט אַנצוזעטיקן אַזאַ איינעם מיט פרייהייט.

— אָבער פאַרוואָס שטעלט ער נישט אַריין די ציין?

— ער שטעלט זיי יאָ אַריין, שוין עטלעכע מאָל אַריינגעשטעלט, דאָך ער צעגריזשעט זיי די אַריינגעשטעלטע ציין, ער שלינגט זיי אַראָפּ, ער וואַרפט זיי אַרויס, דער טייוול ווייסט אים, וואָס ער טוט מיט זיי, אָבער אַ קינסטלער איז ער אַן עכטער. דאָ אין לאָדזש זענען אויסער פאַבריקאַנטן פאַראַן אויך מאָלערס, גרויסע טאַלאַנטן, אַ טייל פון זיי זענען אַוועק אין דער וועלט און גרויס געוואָרן אין דער וועלט, אַ טייל לויפן דאָ אַרום און מאַכן אויסשטעלונגען און מאַטערן זיך און ווערגן זיך מיט די קרעטאַנען, וועלכע ווערן בעסער פאַרקויפט, ווי פיין געמאָלטע בילדער. דו זעסט, אָט דער, וואָס זיצט דאָרט אין ווינקל, דאָס איז באַרטשינסקי, אָט דער קאָן נעמען דעם לאָדזשער וואַלד פון די קוימענס און זיי באַגייסטערן מיט אַ ביסל פאַרב און געבן זיי נשמה. ער איז שוין נישט אַזאַ טומלער, ווי ברוינער. אַ געלאַסענער איז ער, שטאַמט אויך

פון אַ חסידיש הויז, אַזעלכע זענען דאָ אין לאָדזש נישט ווייניק און דיכ־טער זענען פאַראַן, משה בראָדערזאָנען קענסטו?

— ניין!

— ער וועט באַלד אוודאי אַריינקומען. פאַרן שלאָף מוז ער קומען אין „אַסטאָריאַ". דו וועסט זען אַ פּנים מיט אַ בלאַסקייט פון אַ פּיעראָט, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, אויסגעבענקטע אויגן. הער זיך איין, ער איז דער מייס־טער, דער זייד־וועבער פון דער יידישער שפּראַך, אַ ווירטואָז אין דער הינזיכט, אָט דער זעלבער בראָדערזאָן האָט עס אין לאָדזש געשאַפן דעם קליין קונסט־טעאַטער „אַראַראַט". דו ביסט דאָרט נישט געווען, דו האָסט עס נישט געזען און איך זאָג דיר, אַז די גרויסע וועלט וואָלט זיך נישט פאַרשעמט פאַר אַזאַ פיינער אַרבעט. דו קענסט נישט די חברה, די אַלע מאָלערס און שרייבערס פון לאָדזש, דו קענסט זיי נישט. עס קאָן זיין, אַז דער לאָדזשער רויך האָט זיי אַלעמען געשאַפן, עס קאָן זיין, אַז זיי זענען דאָ אַרויסגערופן געוואָרן אַנטקעגן דעם לאָדזשער רויך, אים צו להכעיס...

מען האָט נישט געקאָנט באַמערקן, צי זיידנער הערט, וואָס אָלקער רעדט, אָדער נישט. זיידנער האָט זיך כסדר אַרומגעקוקט און זיך כסדר צוגעהערט, וואָס אַרום אים טוט זיך. די „אַסטאָריאַ" איז אים, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. עס האָט אים גענומען נייגערן די גאַנצע אַרומקייט. די קאַפע „אַסטאָריאַ" האָט געהאַט עטלעכע גרויסע זאַלן, וועלכע האָבן זיך געצויגן איינס נאָך דאָס אַנדערע. באַלויכטן איז אַלץ געווען מיט דער פולער ליכט, פול איז געווען אין אַלע זאַלן, שמועס האָט אָנגעהאַלטן ביי יעדן טיש. פּלוצלינג האָט זיך זיידנער אָנגערופן:

— הער נאָר! אָט יענער מיטן טונקעלן פּנים ביי דעם דריטן טיש. דאָס איז נישט קאַבאַקער?

— יאָ, קלמן קאַבאַקער.

— וואָס טוט ער דאָ? איך געדענק אים, ווען ער איז געקומען אַהער פון רוסלאַנד. ער האָט דאָ געבראַכט אַ סך געלט, גאָר אַ סך געלט, מען האָט דעמאָלט גערעדט, אַז ער וויל אָפּקויפן גאַנץ „שייבלער". וואָס טוט ער איצט? וואָס איז מיט אים?

— איצטער? ער איז אַ קליינער פאַבריקאַנטל, ער טרייבט עטלעכע שטולן אין פאַביאַניץ, זיינע קאַפּיטאַלן האָט ער שוין לאַנג געפּטרט...

— וואָס? געהאַט אַ סך פּראָטעסטן?

— אפשר דאָס אויך, נאָר דער עיקר, ער האָט נישט געוואָלט אַר־בעטן, ער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט די קינסטלער, מיט די שרייבער, ער איז געוואָרן זייער מעצענאַט און מען האָט צוזאַמען פאַרטרונקען אַ פאַרמעגן...

— וואָס רעדסטו?

— דאָס איז אמת, פעליקס! ווי איצט איז נאַכט. קלמן קאַבאַקער האָט גֿעפּטרט זיין גרויס פאַרמעגן אין אַ האַרציקן שותפות מיט יצחק ברוי־נער, מיט משה בראָדערזאָן, מיט די אַקטיאָרן פון „אַראַראַט", מיט דער „ווילנער טרופּע", מיט אַלע אונדזערע יידישע ציגיינער און נאָך היינט, אַז ער פּאַקט אַ ביסל געלט, זוכט ער אויף אַ חברה און מען לאָזט זיך ווילגיין. אַ טייערער ייד... ווי רעכנסטו?

— איך רעכן דערוויל גאָרנישט, איך קוק און איך הער...

כמעט די אַלע געסט, וואָס זענען אַריינגעקומען אין „אַסטאָריאַ", כמעט אַלע, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיך געגריסט מיט אַלקערן.

— אַלע קענען דיך, אַלקער!

— ווייל איך קען אַלעמען... ווי געפעלט דיר דאָ? פעליקס!

— איך קוק און איך הער... מען איז דאָ פשוט און מען רעדט אַזוי פיל יידיש, אַזוי הויך און פריי יידיש, אין „זשעמיאַנסקע", ווען מען רעדט אַזוי פיל יידיש, וואָלטן דאָך אונדזערע יידן געחלשט...

אָט אַזוי האָבן די צוויי פריינט אַ ביסל גערעדט און אַ ביסל גע־שוויגן, געקוקט און באַטראַכט דעם אייגנאַרטיקן עולם פון בטלנים, סוח־רימלעך און קליינע פאַבריקאַנטן. אַ געמיש פון יידישע קינסטלער מיט כלל־טוער. איין זאַך האָט דאָ אַלעמען פאַראייניקט: דער פרייער טאָן, דער יידישער טאָן. די קעלנערס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די געסט, ווי שותפים צו די געשפּרעכן. ווייל עפּעס אַ גאַסט, וועט מען אים דער־לאַנגען וואָס ער וויל, און זאָל עס אָנגיין ווייטער די פאַרברענגעניש. דער באַוועגלעכסטער צווישן די קעלנער איז זעליגער. ער גייט נישט, ער וויגט זיך איבער דער פּאָדלאָגע, ווי אַ מאַטראָס, ער איז טאַקע געווען קעלנער אויף אַ סך שיפן און דורכגערייזט אַלע ימען. פאַרבייגייענדיק וואַרפט ער צו אַ פראַזע צו זיידנערן:

— איך האָב געוווסט, פּאַניע זיידנער! אַז איר וועט צו אונדז קומען.

זיידנער לאַכט:

—פון וואַנעט האָט איר דאָס געוווסט?

— וואָס הייסט: „אַסטאַריאַ" וועט דאָך נישט גיין צו אייך.
ער פאַרשווינדט און זיידנער רופט זיך אָן:
— ער איז זייער פריי מיט מענטשן.
— דאָס איז נאָך גאָרנישט, מיין טייערער פעליקס! אין צוויי וואָכן שפּעטער וועט ער דיר קלאַפּן איבערן פּלייצע און דו וועסט זיך נישט באַליידיקן... שאַ! אָט איז בראָדערזאָן.
— בראָדערזאָן! זעצט זיך צו לעבן אונדז, זייט באַקאַנט!
בראָדערזאָן זעצט זיך אַוועק און נעמט גלייך רעדן:
— איך קום פון קאָנצערט־זאַל. ווידער געהערט די „ניינטע". שוין אַ סך מאָל ניין געהערט די „ניינטע", אָן אייביקע זאַך מוזיק, די נשמה באָדט זיך אויס אין דעם פון אַלע גרויקייטן, דאָך איידער איך בין אַוועק אויפן קאָנצערט, בין איך געזעסן אין רעדאַקציע און געהערט היטלערס אַ דרשה, אַ מאָדנע חיה, מיט ווערטער... מיט ווערטער אין אַ היגטישן פּיסק. אויב דאָס זאָל זיין פירער פון מיליאָנען, טאָ זאָל ער ברענען מיט בעטהאָווענען אינאיינעם. איר הערט! ווען איך הער רעדן אַזאַ דיקטאַטאָר, נעם איך צווייפלען אין אַלע גרויסע מענטשן און אין אַלע געשיכטע־מאַכערס. געשיכטע מאַכט זיך אַליין, דאָס איז אַ שטראָם אַזאַ פון יאָרן־דורות, אָבער זיי, די צעזאַרס און נאַפּאָלעאָנס, דאָס זענען עפּעס פאַרגרע־סערטע געשטאַלטן. פון קנעכט פאַרגרעסערטע, פון פאַלשע באַזינגער און היסטאָריקער פאַרגרעסערטע. איך גלויב נישט. איך גלויב בלויז דאָס פּלאַסטישע פון דער ירושה, וואָס די פאַרגאַנגענהייט לאָזט אונדז איבער. פּעטראַרקעס און דאַנטעס פערזן, מיקעל־אַנדזשעלאָס געשניצטער שטיין... אָט דאָס איז אמת. מער גאָרנישט...
אַלקער האָט זיך אַריינגעמישט אין זיינע רייד:
— און משה, משה פון באַרג סיני?
— משה איז גרעסער געווען פאַר זיין צייט און פאַר אַלע צייטן, וואָס וועלן נאָך זיין, מען וועט אים נישט אָניאָגן, איינער...
משה איז טאַקע גרויס געווען און משה בראָדערזאָן האָט באַמערקט זיינע נאָענטע חברים ביי אַ וייטערן טיש. דאָרט זענען געזעסן יצחק ברוינער, באַרטשינסקי, שפּיגל דער מאָלער און דער יונגער דיכטער ישראל ראַבאָן. עס האָט אים אַ צי געטון צו זיי...
— איר וועט מיך מוחל זיין, איך מוז צוגיין צו דער חברה. קומט אויך צו זיי, אָדער וואַרט, איך וועל זיי צורופן אַהער, איר וועט דערלויבן.

עס האָט געדויערט אַ מינוט. מען האָט צוגערוקט נאָך אַ טישל, צוגעשטעלט נאָך שטולן און זיידנער איז שוין געזעסן אין אַ געזעמל, פון וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געחלומט. ער איז געווען נייגעריק צו די אַלע נייע מענטשן. אָבער ער האָט זיך נישט געפילט אינגאַנצן גוט. נישט איינגעוווינט געווען צו אַזוי פיל פאַרשוינען מיטאַמאָל, צו זייער הויך רעדן און צו די אַלע טעמעס. ער הערט זיך צו, וואָס דער ישראל ראבאן רעדט. ראבאן איז אַ געבוירענער אין לאָדזש. פון דער באַלוטער געדיכטעניש געקומען. אַ פאַרשטיינערט פּנים, אונטער וועלכן עס ליגן באַהאַלטן די סמנים פון אַ הונגער־יוגנט. אַ שונא פון די רייכע, אָבער אויך נישט קיין קלענערער שונא צו די אַלע אויפגעקומענע משיחים, צו אַלע מענטשן־רעטער, וועלכע ראַטעווען זיך די ערשטע. ער, ראבאן, האָט געהאַט פאַרבאַרגענע און נישט־פאַרבאַרגענע חשבונות מיט אַלעמען און מיט דער גאַנצער וועלט. איצט רעאַגירט ער אויף בראַדערזאָנס ווערטער וועגן היטלערן:

— ווען איך הער דעם דאָזיקן שענק־מנוול רעדן, האָב איך איין פאַרלאַנג, אַט דעמאָלט ווען ער עפנט זיין פּיסק, אַט דעמאָלט אים אַריינ־גיסן אין האַלדז אַ קאָכעדיקן לעפל בליי. אַט דעמאָלט, איר פאַרשטייט!

ער האָקט מיטאַמאָל אָפּ. מען זעט, אַז ער האָט דורכגעלעבט אַ ווילד־הייסן פאַרלאַנג, וואָס וועט קיינמאָל נישט מקוים ווערן. דער קעלנער זעליגער איז ווידער מיט עטלעכע גלעזער טיי:

— טרינקט און לייגט אַריין אַ סך צוקער, ווייל קיין מלחמה וועט נישט זיין...

— און אויב עס וועט יאָ זיין? זעליגער!

— און אויב עס וועט יאָ זיין, באַדאַרפט איר שוין טרינקען ביטע־רע טיי.

— און אויב אַ מלחמה וועט דאָך זיין? זעליגער!

— אויב אַ מלחמה וועט יאָ זיין, וועלן מיר נישט זיין.

פון זיין לעצטער פראַזע פאַלט אויף אַלעמען אַ נישט־זעעוודיקער שאָטן, נאָר עולם פאַרטומלט עס. מען וואַרפט זיך מיט ווערטער. קיין איין טעמע ווערט נישט פאַרענדיקט, ווייל באַלד שפּרינגט אַרויס אַ נייע טע־מע און מאָדנע זענען זיי די אַלע מיטזיצערס ביים טישל, ווו אָלקער און זיידנער זיצן. די דאָזיקע ווייסן אַלץ און קענען וועגן אַלץ רעדן. אין איין האַלבע שעה האָט מען אָנגערירט צען טעמעס. מען האָט אויסגעלאַכט

עטלעכע זאַטע, שוין צו־זאַטע גבירים פון שטאָט, וועגן אַ טעאַטער־פאָר־שטעלונג גערעדט, וועגן אַ ליד אין אַ זשורנאַל, וועגן אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג און וועגן די יידן אין די קאַפּאַטעס. ביי די קאַפּאַטעס האָט מען זיך לענגער פאַרהאַלטן.

— זיי זענען קלוג, — האָט איינער ביים טיש געזאָגט — זיי זענען קליגער פאַר אונדז אַלעמען.

— מיט וואָס זענען זיי אַזוי קלוג? — האָט דער צווייטער געפרעגט.

— זיי זענען שוין קלוג מיט דעם, ווייל זיי ווילן קליגער נישט זיין, ווייל זיי ווייסן, אַז מען קאָן שוין קליגער נישט זיין. אין וואָס באַשטייט, רחמנא ליצלן, אונדזער קלוגע אויפגעקלערטקייט? מען בינדט אויס רעגלמעסיק יעדן טאָג דעם קראַוואַט. מאַכט עס דער קאַפּאַטע־ייד אויף זיין שטייגער, ער פאַרקנעפּלט זיך אָן אַ קראַוואַט און גייט ווייטער.

דער עולם האָט גערעדט און זיך געוויצלט, זיידנער האָט געשוויגן און אַלקער האָט געלאַכט. פון יעדע קלייניקייט האָט ער געלאַכט און דערביי געקוקט אויף זיידנערן. ער האָט געוואָלט, אַז זיין פריינט זאָל אויך לאַכן. זאָל זיך זיידנער דאָ נישט פילן שלעכט, ווייל ער איז דאָך אַריינ־געפאַלן אין אַ גוטער צאַפּלדיקער חברה. אין „אַסטאָריאַ" קומען אַלע.

אָט קומט אַריין שמעון ווישעוויאַנסקי, ער איז דער פאָרזיצער פון „אָרט". ער חלומט פון יידישע קוואַליפיצירטע אַרבעטער. מיט אים קומט אויך לעקעך. ער איז דער וויצע־פאָרזיצער פון „אָרט". ער איז עטיגאַנס שוואָגער און שותף. מיט זיי קומט אויך, פרידריך, דער סעקרעטאַר פון „אָרט". זיי אַלע דריי זענען זייער אויפגעלייגט היינט. זיי זעצן זיך אַוועק און שמועסן צווישן זיך און אין „אַסטאָריאַ" דערוווסט מען זיך באַלד די סיבה, פאַרוואָס די דריי זענען איצט אַזוי אויפגעלייגט. זיי האָבן היינט געהאַט אַ גוטן טאָג: אשר קאָן, דער הערשער פון ווידזעוו, דער גרעסטער לאָדזשער פאַבריקאַנט, האָט היינט אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר, אַז ער שענקט אַוועק פאַר דער לאָדזשער אָפּטיילונג פון „אָרט" זיין גרויסן פּלאַץ אויף וואָלטשאַנסקע גאַס, נומער צוויי הונדערט פינף און צוואַנציק, דעם פּלאַץ מיט אַלע געביידעס אויף דעם פּלאַץ שענקט ער אַוועק צו דער יידישער געזעלשאַפט. וועט מען דאָרט איצט בויען און איבערבויען אויף דער וואָלטשאַנסקע גאַס, מען וועט אויסבויען פאַך־שולן און ווערק־שטאַטן פאַרן יידישן אַרבעטער... אָט דערפאַר טאַקע זענען זיי איצט אויפ־

געלייגט, דער ווישעוויאַנסקי מיט דעם לעקעך, זיי דערציילן מיט פרייד די געשעעניש...

פון איין טישל צום צווייטן איז געגאַנגען די נייעס:

— איר האָט געהערט? אשר קאָן האָט אָוועקגעשענקט פאַרן „אָרט" אַזאַ פאַרמעגן...

— איר האָט געהערט?

אַלע האָבן עס געהערט און אַלע האָבן געהאַט נחת פון דעם. אויך זיידנערן איז דאָס געפעלן געוואָרן. אָבער ער האָט זיך אַלץ געוווּנדערט, וואָס די אַלע נייעסן קומען אָן אין דער „אָסטאַריאַ" און ווי קומט דאָ אַזאַ יחסן, ווי שמעון ווישעוויאַנסקי? ווי קומט דאָ אַריין לעקעך? אַזאַ קאַפּע מיט די נישט זויבערע טישלעך איז אַזאַ זאַמל־פּונקט און אַלע פילן זיך דאָ גוט, פריי, היימיש. אָט די דאָזיקע קאַפּע, דאָס איז דאָך, דאָס זעט דאָך אויס ווי אַ וויכטיקער נערוו פון דער שטאָט לאָדזש, פון די יידן.

ער האָט זיך כסדר געוווּנדערט.

דערווייל איז צום טישל צוגעקומען קלמן קאַבאַקער. ער האָט זיך מונטער באַגריסט און אויסגערופן:

— מען גייט אין „טאַבאַרין"...

מען גייט אין „טאַבאַרין". דאָס האָט באַדייט, אַז ער, קאַבאַקער, האָט היינט געלט און ער רופט אויף זיין חשבון אַלעמען אין נאַכט־לאָקאַל. די חברה שרייבערס און מאָלערס האָבן זיך גענומען איילן... אוודאי גייט מען אין „טאַבאַרין". מען גייט, מען מוז גיין, ווייל קאַבאַקער רופט און מען טאָר אים נישט אָפּזאָגן אין זיין גרעסטן פאַרגעניגן. קאַבאַקערס גרעסטער פאַרגעניגן איז אויסגעבן געלט.

דער גאַנצער עולם, וואָס איז געזעסן מיט זיידנערן און אָלקערן איז אַרויס אויף דער גאַס. אַלע זענען געגאַנגען אין „טאַבאַרין". זיידנער האָט זיך אָפּגעזאָגט און אָלקער איז געגאַנגען באַגלייטן זיידנערן. ער האָט צוגע־זאָגט קאַבאַקערן, אַז ער וועט קומען שפּעטער.

— ווי געפעלט דיר? — האָט אָלקער געפרעגט ביי פעליקסן, ווען זיי זענען פאַרבליבן אַליין, ווי געפעלט דיר „אָסטאַריאַ" מיט דער חברה?

— איך קאָן דיר נאָך גאָרנישט זאָגן אויף דעם, איך בין פשוט צע־טומלט, דו גיסט זיך דען אָפּ אַ חשבון, וואָס מען האָט דאָ אין עטלעכע שעה אַריינגעפּויקט אין מיין פאַבריקאַנטישן מוח. קונסט, מאָלעריי, פּאָלי־טיק, אשר קאָנס מתנה, איך וועל שוין האָבן מיט וואָס נישט צו שלאָפן.

— ווי געפעלט דיר דער קאבאקער? פאַקט ער אַ פּאָר גילדן, שלעפּט ער אַלעמען אַ הוליע טון, היינט אויך, ווען ער איז געווען ביי גרויסע געלט, איז גאָר געווען יעדע נאַכט אַ שמחה. דו ווייסט, פון וואָס די מאַ־לערס האָבן געלעבט אין יענע טעג? קאבאקער פלעגט אָפּקויפן ביי אַזאַ איינעם דאָס בעסטע בילד. שפּעטער, ווען דער מאָלער האָט ווידער גע־ווּמען הונגערן, האָט אים קאבאקער אָפּגעגעבן דאָס בילד, ער זאָל דאָס פאַרקויפן אַ צווייטן מעצענאַט און אויב אַזאַ האָט זיך נישט געפונען, האָט קאבאקער ווידער אָפּגעקויפט דאָס בילד. דאָס האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג, ביז ביי קאבאקערן איז דאָס געלט אויסגעגאַנגען.

זיידנער האָט געפרעגט:

— דאָס קומען זיי אָפּט אַזוי די אַלע אין „אַסטאָריאַ”?

— יעדן אָוונט...

— און אַלע מאָל האָבן זיי וועגן וואָס צו רעדן...

— אוודאי, זיי גייען אַלע אַוועק אַהיים נאָך נישט אינגאַנצן אויס־גערעדטע...

— מזיקים!

— זיי געפעלן דיר?

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט „מזיקים”. דאָך, צי איך פּאַס זיך אַריין אין אַזאַ חברה, דאָס איז אַ גרויסע פראַגע. איך בין זיי מקנא זייער באַוועגלעכקייט, זייער פרייקייט צו אַ צווייטן, איך בין אַ בער אַנטקעגן זיי...

— אין אַ צירק באַדאַרף זיין אַ בער אויך. די גאַנצע וועלט איז אַ צירק, אָבער איין זאַך מוזטו מודה זיין, פעליקס!

— וואָס איז אַזוינס?

— אַ גאַנצן אָוונט האָסטו נישט דערמאָנט דיין פאַבריק, אָדער דיין אונטערגעגאַנגענע שיף, אָדער דיין שיף, וואָס דו האָסט אַליין פאַרזונקען. וויפל איז דאָס ווערט. די „אַסטאָריאַ” קען אויסהיילן פון אַ סך זאַכן. וואָס זאָגסטו צו אַזאַ „אַסטאָריאַ”?

— אויב אַזוי, אַלקער, וועל איך דאָרט קומען אָפטער.

— זאָל זיין מיט גליק, פעליקס! אַ גוטע נאַכט.

אַלקער איז געלאָפן קיין טאבארין, קאבאקער לאָזט זיך היינט ווילגיין...

21

נישטאָ די פירמע „זיידנער"

זיידנער אַליין איז אויף אַ קורצער צייט אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן — אַזוי טוען אַלע באַנקראָטשיקעס, מען פאָרט אַוועק אויף אַ צייט, כאָטש אין דער אמתן איז ביי אים נישט געווען קיין באַנקראָט: ער האָט זיך נאָך פאַרן ערשטן פּראָטעסט אויסגע־גלייכט מיט זיינע לעצטע בעלי־חובות, ער האָט זיי אַוועקגעגעבן זיין פאַ־בריק און מיט דעם האָט עס זיך אַלץ געענדיקט. זיידנער איז אויף א קור־צער צייט אַוועק, זאָל דאָס אויסזען, אַז די חרפה האָט אים אַרויסגעטריבן פון זיין שטאָט, וווּ ער האָט געאַרבעט און געדרייט אַ וועלט. אויסער אַל־קערן האָט קיינער נישט געוווּסט דעם אמת, אַז דער זיידנער האָט גענומען און זיך פרייוויליק געמאַכט פאַר אַ באַנקראָטשיק. דאָס איז אפשר געווען זיין לעצטער קאַפּריז אַלס פאַבריקאַנט. זיידנער האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף זיינע וועב־שטולן. זאָלן וועבן אַנדערע, פאַר אים איז דאָס גענוג. ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיין קיין דעזערטיר, געהאַט האָט ער אחריות פאַר דער בראַנזשע, דערפאַר האָט ער דאָס אויסגעהאָדעוועט אַזאַ פּלאַן פון אַ פרייוויליקן באַנקראָט. בלויז ער און אַלקער האָבן געוווּסט וועגן דעם פּלאַן.

ער איז אַראָפּ פון פּלאַץ. ער האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל אים נישט באַדויערן און אויסדריקן מיטגעפיל צו זיין אומגליק, וואָס איז גאָר קיין אומגליק נישט געווען. דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעטראָגן פון שטאָט. זאָל נאָר אריבערגיין די ערשטע איבערראַשונג וועט ער קומען צוריק און זיך האַלטן אין שאָטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָפּגעקומענעם.

די פאַבריק איז איבערגעגאַנגען צו אַנדערע באַלעבאַטים, אָבער אַלץ איז דאָרט פאַרבליבן ווי פריער, די זעלבע וועבערס און דער זעלבער פער־סאָנאַל אין קאָנטאָר און אין סקלאַד. דער בוכהאַלטער איליטאָוויטש איז אויך פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן. אָבער „זיידנער", די פירמע „זיידנער" איז שוין נישט געווען. ערגעץ־ווו האָט מען עס באַדויערט, אין אַ צווייטן ערגעץ־ווו האָט מען אַ זיפץ געטון און מיט דעם ענדיקן זיך אַזעלכע ענינים. דערביי איז אינטערעסאַנט איין קלייניקייט: בעת מען האָט זיך דערוווּסט

אין שטאָט, אַז זיידנער גייט אַראָפּ, האָט מען דעמאָלט דערמאָנט זיין פאָטער:
— אַ גליק, וואָס דער טאַטע האָט עס נישט דערלעבט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן...
— דער אַלטער זיידנער איז צו דער ריכטיקער צייט געשטאָרבן, איצט וואָלט ער סיי ווי נישט איבערגעלעבט דעם חורבן.
דעם אַלטן, דעם פאַרשטאָרבענעם, האָט מען באַדויערט און דעם לעבעדיקן זיידנער האָט מען אַזוי ווי איגנאָרירט. די פירמע איז אַ שאָד געווען, דעם באַלעבאָס פון דער פירמע האָט מען דורכגעלאָזט:
אַ גרויסער טייל פון דער ליבהאַרציקער מענטשהייט האָט זייער ליב צו באַגראָבן דעם צווייטן, נאָר ווען מען גייט צוריק פון בית־עולם, הויבט זיך אָן די באַדויערונג, מען געפינט זכויות פאַרן באַגראָבענעם, מען געפינט שבחים. אַזוי איז אויך געווען מיט זיידנערן. מען איז שוין געגאַנגען צוריק פון זיין לויה.
אמת, נישט פון זיידנערס לויה, נאָר פון דער פירמע „זיידנער״.
געערדט האָט מען וועגן דער אַלטער פירמע גופא. און אויב מען האָט דערמאָנט פעדיקס זיידנער, איז דאָס געווען געערדט וועגן איינעם, וואָס וועט שוין תחית המתים אויך נישט אויפשטיין. בייזוויליקייט האָט אויך נישט געפעלט און נישט דערפאַר, ווייל זיידנער האָט עס פאַרדינט מען זאָל אויף אים רעדן שלעכטס, נאָר דערפאַר, ווייל עס זענען פאַראַן שלעכטע און נאַרישע מענטשן. גאָט האָט אויך די זאַכן באַשאַפן: שלעכטס און נאַרישקייט. גייט עס נישט פאַרלוירן, טראָגן עס אנדערע פאַרשווינען אין זיך און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס עס מאַכט זיך, לאָזן זיי ווי די שלאַנגען אַרויס דעם גיפט פון זיך און זיי האָבן הנאה, ווען זיי סמען אַ צווייטן. דאָס איז די שלאַנג, מען וועט זי נישט איבערמאַכן. איצט איז געווען אַזאַ גוטע געלעגנהייט: אַ גרויסער און שטאַרקער איז געפאַלן, איינער פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן אין לאָדזש. אַ זיכערע אונטערנעמונג איז אונטערגעגאַנגען. די אָרנטלעכע פאַבריקאַנטן, די מער מענטשלעכע האָבן באַדויערט און מיטגעפילט. זיי ווייסן, וואָס דאָס הייסט אַרבעטן און איינהאַלטן אַזאַ אונטערנעמונג, זיי קאָנען אויך פאַרשטיין דעם קראַך. אָבער די גיפט־מענטשן, די שלעכטע, זיי האָבן צורעכט געמאַכט דעם קרבן...
צורעכט געמאַכט זיידנערן.
אין זיין פריוואַטן לעבן האָט מען זיך געגריבלט. חסרונות האָט מען

אויף אים געזוכט... נעכטן איז עס געווען א מענטש מיט אַלע מעלות, איצט זענען אַלע קלוג געוואָרן אויף דעם חשבון פון זיין געפּאַלנקייט.

דאָס איז אַ טאָג־טעגלעכע שפּייז פאַר אַלע מענטשן. זיי מוזן שטענדיק עמיצן דערנידעריקן.

— וואָס זאָגט איר צו זיידנערן?

— מען האָט זיך געמעגט אויף דעם ריכטן, אָט די שוויגנדיקע זענען די ערגסטע. די פאַבריק אַרבעט, די פירמע בליט, נאָר אין א שיינעם טאָג דערוו־סט מען זיך, אַז אַלץ איז דאָרט צעפוילט...

— איך האָב זיי נישט ליב, די יחסנים. וואָס טויג מיר זיין יחוס, ווען ער טוט דאָס זעלבע וואָס אַלע, ווען עס קומט צו שווינדלען.

— ער האָט אַליין חרוב געמאכט. די לעצטע צייט האָט ער גענומען אַנדערש לעבן, געלאָפן אין די נאכט־לאָקאַלן, ווער ווייסט דאָרט מיט וועמען, געשפּילט אין קאָרטן און פארלאָזט די פאבריק.

געווען זענען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אים און געזוכט אַ זכות פאר זיינעטוועגן. די בעסערע האָבן אויך נישט געשוויגן.

— זיידנער איז אַן אָרנטלעכער מענטש...

— ער האָט געקענט ערגער האנדלען.

— אָבער ווער האָט אים געהייסן אויסצאָלן דעם גאנצן חוב און אַליין בלייבן אַ קבצן?

— מן הסתם איז קיין אַנדערע ברירה נישט געווען.

— ער האָט געוואָלט זיין אַ פיינער מענטש, זיין פאָטער האָט ביי קיינעם גאָרנישט צוגענומען, איז ער געגאַנגען אין טאַטנס דרכים...

— גאַנץ פיין פון זיין זייט...

— גאַנץ פיין, אָדער גאַנץ מיאוס, ביי וואָס איז ער פאַרבליבן, ביי אַ גוטן נאָמען — ווער דיסקאָנטירט עס?

— אַלקער! וואָס זאָגט איר צו אייער פריינט?

ענטפערט אַלקער:

— מיך אַרט נישט, אַז אין לאָדזש איז פאַראַן מיט אַ פאַבריקאַנט ווייניקער. מיין פעלקיס איז אַן ערלעכער מענטש און אַזאַ וועט ער פאַרבלייבן און איך, אַלקער, בין זיין בעסטער פריינט, וועלן מיר שאַפן אַ נייע פירמע.

— וועלכע פירמע?

— אַ פירמע פון ערלעכע מענטשן.

— איר וועט אַרויסלאָזן אַקציעס?

— ניין, קיין אַקציעס וועלן מיר נישט אַרויסלאָזן, נאָר מיר וועלן אויסשמידן אַ סך שלעסער און מיט די שלעסער וועלן מיר פאַרשליסן אַ סך מיילער וואָס טרייבן רכילות און פּלאַפּלען שלעכטע ווערטער... פאַרשטאַנען?

ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין פריינט זיידנער, פלעגט ער אָפּקומען מיט אַ וויץ און צו־נישט־געמאַכט דעם גאַנצן געשפּרעך.

זיידנער איז נאָך געווען אין וואַרשע.

לאָדזש האָט ווייטער געאַרבעט. צענדליקער טויזנטער וועבער האָבן געוועבט, פורן און שווערע אויטאָס האָבן פונאַנדערגעפירט די פאַרטיקע שטיקלעך שטאָף, משרתים האָבן עס געשטעמפּלט, סאָרטירט און פאַרפּאַקט, עס איז געגאַנגען אַ גרויסע עקספּעדיציע. די באַן האָט געבראַכט אַ סך פּראָווינצער סוחרים און זיי צוריק אַוועקגעפירט... מען פאָרט פון גאַנץ פּוילן נאָך פּעקלעך. מען קויפט פּעקלעך און מען „כאַפּט" פּעקלעך פאַר וועלכע מען באַצאָלט נישט שפּעטער. ווען לאָדזש וואָלט אויסרעכענען וויפל די פּראָווינץ האָט שוין צוגענומען סחורה און נישט באַצאָלט דערפאַר, וואָלט מען דאַן געקענט נאָך אַזעלכע צען שטעט אויפבויען. אָבער לאָדזש איז פון דעם נישט אונטערגעגאַנגען, עס גייען בלויז אונטער געציילטע פאַבריקאַנטן און אויף זייער אָרט קומען אַנדערע.

לאַנג האָט מען נישט גערעדט וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער פירמע „זיידנער". אַ גרעסערער, אָדער קלענערער פאַבריקאַנט. עס איז, ווי אַ שרייפעלע, אָדער ווי אַ שרויף, עס ווערט פאַרביטן מיט אַ צווייט שרייפל און די מאַשין גייט ווייטער...

דאָ און דאָרט איז זיין נאָמען דערמאַנט געוואָרן. ביים אָנהויב איז זיידנער אַליין געווען די ערשטע טעמע. איצט האָט מען שוין אים בלויז דערמאָנט, ווען עס האָט אויסגעפּעלט אַן אַנדער טעמע. עס איז נאָך פאַרבליבן אַ רעטעניש, מען האָט נישט געקענט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיידנער האָט זיך אַזוי אומגעריכט אַראָפּגעקייקלט באַרג־אַראָפּ. די חשבונות וואָס די לאָדזשער האָבן געמאַכט וועגן אים, האָבן עפּעס נישט געשטימט. לויט די אויסרעכענונגען פון די נישט געבעטענע עקספּערטן האָט זיידנער פאַר קיין פאַל נישט געדאַרפט אַזוי ענדיקן.

דאָס מאָל זענען זיי געווען גערעכט. אָבער די אַלע שמועסן וועגן אים

זענען ביסלעכווייז אַוועק. לאָדזש האָט געוועבט אָן זיידנערן. טראַנסמיסיעס האָבן זיך געגליטשט, מאַשינען האָבן זיך האַסטיק באַוועגט און פעדעם פון אַלע קאָלירן זענען זיך צונויפגעלאָפן, איינגעשפּינט איינס אין אַנדערן, פאַראייביקט זיך אין אַ געוועבטן צוזאַמען און דערנאָך אַוועק אין סקלאַד, ווי אַ שטיקל סחורה און דערנאָך אויף די באַנען אין דער פּראָווינץ אַריין. אין שטאָט און שטעטל, אין די שניט־געוועלבער און געמאָסטן איז עס גע־וואָרן מיט אַ מעטער־מאָס און געשאָרן געוואָרן מיט שער... ווער עס קען גוט לאָדזש מיט די פאַבריקן, מיט די טויזנטער און טויזנטער און טויזנ־טער וועב־שטולן, דעם שוועבט עס שטענדיק פאַר די אויגן, ווי אַ גרויסער נעץ פון שפּינוועבס. עס שווינדלט פאַר די אויגן, עס כאַפּט אַריין דעם בליק אונדזערן, טיפער און טיפער, אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער נעץ. דאָס איז מאַנטאַן, אָבער דאָך פרייט עס: אַרבעט פרייט. דעם גאַנצן טאָג אין לאָדזש האָט מען אַזאַ איינדרוק, אַז אַלע לויפן צו דעם שפּינוועבס, יעדער איינער וויל אַריינפאַלן און געפאַנגען ווערן פון דער נעץ. מען וויל נישט בלייבן פון דרויסן. מען וויל זיין אַ שותף צו דער באַוועגונג, צו די קאַלקולאַציעס, צום גוטן און צום שלעכטן סעזאָן, צו די פאַרדינסטן און צו די באַנקראָטן. די לאָדזשער ווילן שטענדיק זיין אין נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט לאָדזש. אויב נישט קיין שותף צו די קוימענס, טאָ צו וואָס ווינט מען אין אַזאַ פאַררויכערטער שטאָט?

אין גיכן איז זיידנער צוריקגעקומען פון וואַרשע און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין די קאַוויאַרניעס, ער האָט שפּאַצירט אויף דער פּיעטריקאָווער. דער אויטאָ זיינער איז אים שוין איצט נישט נאָכגעפאָרן, שוין נישט געווען קיין אויטאָ. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט דעם אויטאָ זיינעם אַוועקגעשאָנקען דעם שאָפער. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אים פאַרקויפט. פון אים אַליין האָט מען וועגן זיינע עניינים קיין איין וואָרט נישט געהערט. אויף אים האָט מען נאָך נישט באַמערקט דעם אונטער־גאַנג. געווען איז ער פיין געקליידט, מיט ווירדע געשפּרייזט און געקוקט אויף אַנדערע מיטן זעלבן בליק פון אומאָפּהענגיקייט און זיכערקייט. נאָך אַלץ געווען יחסן. אַנדערע האָבן געהאַט פאַרדרוס פון דעם, זיי האָבן גע־טראַכט און גערעדט, אַז אַ קבצן טאָר נישט האַלטן אַזוי גלייך דעם קאָפּ... וואָס איז דאָס פאַר אַ יחסן, ווען ער האָט גאָרנישט? געווען זענען אויך אַזעלכע, וועמען זיידנערס האַלטן זיך איז זייער געפעלן געוואָרן:

— אָט אַזוי באַדאַרף מען זיך האַלטן.

— דאָס איז פיין און מענטשלעך. מיט אַזאַ האַלטן־זיך קען מען עפּעס ווידער דערגרייכן. יאָ, ס'איז אַ מחיה צו קוקן אויף אים.

— ער מוז האָבן געלט — האָבן אַנדערע געזאָגט.

— ניין! ער איז ליידיק, ווי אַ פּוסטער פאַס. זיין בעסטער פריינט, אַלקער, זאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט. אַלקער איז מיט אים אַ סך מאָל מיטגעגאַנגען. אין זייער צוזאַמען זענען זיי שטענדיק געווען מונטער, געגאַנגען טריט אין טריט, גערעדט אויפן קול, עס האָט שטענדיק גע־מאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי שפּאַסן שטאַרק פון עמיצן. באַנקראָט, אָדער נישט באַנקראָט, דאָס איז זיי נישט אָנגעגאַנגען. מען האָט עס פון וויטן געפילט, אַז „באַנקראָט" גייט זיי נישט אָן. האָט מען ווידער געהאַט צו רעדן:

— וואָס לאָזט אַלקער נישט אָפּ זיידנערן און וואָס לאָזט זיידנער נישט אָפּ אַלקערן?

— אַלקער מוז האָבן אַ פריינט. ער איז שוין אַזאַ פון שטענדיק.

— און זיידנער?

— ער איז איינזאַם, איז אים ליב די פריינטשאַפט. אפילו אין אַזאַ לאָדזש, ווו כמעט אַלע האָבן פלייסיק געאַרבעט, האָבן זיך אויך געפונען ליידיקגייער, נאַכקוקערס, וואָס האָבן ליב אַריינצוקריכן אין צווייטנס לעבן און עפּעס אַרויסציען אַן אָדערל, אָדער אַריינוואַרפן אַ שטיינדל. אפשר איז טאַקע דער צווייטער אַ ביסל ערלעכער, אָדער אַרי־גינעלער, מען דאַרף אויסצופּן די קאָלירטע פעדערן פון עקזאָטישן פויגל, כדי ער זאָל זיין ענלעך צו אַלע גרויע פייגל, וואָס פויזען אין מיסטקאַסטן.

זיידנער האָט נישט געהערט וואָס מען רעדט וועגן אים. ער האָט דאָס אפילו פון אַלקערן נישט געוואָלט הערן. דער מענטש האָט אין זיך דער פילט דעם אייגענעם איך, די הנאה, אַז מען קען איבער זיך אַליין הערשן און נישט זיין קיין אויטאָמאַט ביי דער נאַרישער איבערשטייגונג. ער האָט זיך פון דעם באַפרייט, ער גייט מיט געלאַסענע טריט און האָט הנאה פון טאָג, שעה און מינוט, פון טראַכטן און שלאָפן. ניין! דאָס איז נישט קיין באַנקראָט. דאָס איז זאָרגלאָזיקייט. נישטאָ קיין פאַבריק, אַראָפּ אַ יאָך, וואָס האָט אַ לעבן געדריקט. איצט דריקט נישט די לאַסט און ווייטער וויל ער פון גאָרנישט וויסן. ער האָט אַזוי ווי מורא געהאַט, אַז די אי־בעריקע פאַבריקאַנטן וועלן דערגיין זיין סוד און זיין פרייד און דעמאָלט וועלן זיי אים נאָכטון, דאָס האָט ער נישט געוואָלט, זיידנער. ניין! זאָלן

די אַלע איבעריקע וועבן. יעדן טאָג האָט ער זיך באַגעגנט מיט אָלקערן. גלייך ווי ער איז געקומען פון וואַרשע, האָט אים אָלקער אָפּגעגעבן ראַפּאָרט:

— דו ווייסט, פעליקס! מען האָט דיך דאָ שוין באַלד פאַרגעסן, מען זוכט שוין אַנדערע סענטאַציעס. געוועזן אַ זיידנער און אַראָפּ פון מאַרק.

— גאַנץ גוט — האָט זיידנער געענטפערט — זאָלן זיי מיך גיכער פאַרגעסן, איגנאָרירן פאַרגעסן. איך בין שוין נישט זייער מענטש, אָבער איך האַלט, אַז דו ביסט נישט גערעכט, מען קוקט מיך אַזוי אָן, ווו איך באַווייז זיך...

— דערצו האָסטו איין מיטל. קריך אומעטום, באַווייז זיך אומעטום, רייב זיי אָן די אויגן מיט דיין געשטאַלט, דאַן וועלן זיי דיך אויפהערן צו זען.

— אפשר ביסטו גערעכט. איך וועל טאַקע אַזוי טון... אין „אַסטאָריאַ" קומסטו יעדן טאָג?

— יעדן אָוונט קום איך דאָרט. וואָס הייסט? ווי קען דאָס זיין אָן „אַסטאָריאַ". בייטאָג ווייזט מען „פּראָבקעס" פון וואָל, אָבער מיט דעם האַנדל איך נישט, אינטערעסירט מיך דאָס נישט, אין אָוונט באַווייזט מען דאָרט פּראָבקעס פון דער וועלט, צו דעם האָב איך ווילן...

— פּראָבקעס פון דער וועלט? וואָס איז דאָס אַזוינס?

— פּראָבקעס, מוסטערן — דאָס איז אַלץ, וואָס מען רעדט... און יעדן רעדט מען וועגן היטלערן, וועגן טשעמבערליינען, וועגן רוסלאַנד און אַמעריקע. מען רעדט דאָרט מיט אַזוי פיל טעמפּעראַמענט און אי־בערצייגונג, אַז דאָס איז גאָרנישט ענלעך צו דער פלאַפּלעריי פון דער „זשעמיאַנסקאַ". מען רעדט דאָרט וועגן טעאַטער און מוזיק, וועגן פּאָעזיע און מאַלעריי, וועגן יידן, יידישקייט און יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. איך אַליין בין עפּעס אַזוי ווי אַ גאָרנישט אַנטקעגן זיי, זיי ברענען און גליען אין די פראַגן וואָס זיי באַרירן. דאָס איז אַ וועלטל אַזאַ, אַ יידישער פּאַרלאַמענט מיט נישט קיין אונטערגעקויפטע דעפּוטאַטן... וועסט היינט גיין צו זיי?

— היינט און מאָרגן... פאַרוואָס נישט? זאָג מיר, אָלקער! אין „זשע־מיאַנסקע" קומסטו אויך?

— יעדן טאָג פון איינס ביז צוויי מוז איך זיך דאָרט אַריינכאַפּן.

— וואָס טוסטו דאָרט?

— איך זאַמל דאָרט שנאה...

— צו וועמען?

— טאַקע צו זיי, צו די ווייבער פון „זשעמיאַנסקאַ“. דו ווייסט גאָר־נישט וואָסערע טיפן דאָס זענען, די מינעס זייערע, די מינעס פון די גרויסע דאַמען...

— לאָז זיי צופרידן, פאַראַן אַנדערע וועלכע זענען ווערט מען זאָל זיי ליב האָבן...

— האַ? דו מיינסט די אַליטאַוויטש, באַדאַרף מען דאָך האָבן דיין מזל...

— פאַרגינסט נישט?

— פעליקס, הער אויף...

— גוט, איינגעפּאַקט, לאָמיר נישט רעדן.

שטענדיק פלעגן זיי אַזוי אָנהויבן איינער מיטן צווייטן. דאָס איז געווען אַזאַ רייסעניש אויף צו פּלייסן. אָנהויבן און תיכף אויפהערן.

— הערסט, אַלקער! איך אַליין בין דאָך שוין קיין פאַבריקאַנט, דאָך האָב איך הנאה, וואָס לאָדזש גייט. בעת איך בין צוגעפאָרן צו אונ־דזער שטאָט מיט דער באַן, בעת איך האָב פונדערווייטנס דערזען די שוואַרצע, די גרויע פאַליעס פון אונדזער רויך, האָט מיר דאָס האַרץ גע־נומען קלאַפּן, פונקט ווי אַן אַלטער פישער דערזעט דעם ים. איך האָב דערפילט אַלע פאַבריקן, די קלענסטע און די גרעסטע. איך האָב דאָס אַלץ דערזען אין די געדאַנקען און ווי עס קלאַפּן די מאַשינען און די שפּולן שווינדלען פאַר די אויגן ווי מייזלעך, וועלכע דרייען זיך אויף איין אָרט און די פעדעם, די פעדעם, ווי די וואָלן, אונטער וועלכע עס זענען זיך הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס לעבן אין לאָדזש און אין לאָדזשער ראַיאָן פון וועבן און שפּינען. איצט, ווען איך גיי אויף די גאַסן, פיל איך לאָדזש, לאָדזשער פלייס און לאָדזשער אַרבעט. איך פיל דאָס, ווי אַ פריץ אַ לײדיקגייער, וואָס האָט הנאה פון זיין גרויסן מאַיאָנטעק. אָבער איך בין דאָך אַ גאַנץ לעבן נישט געווען קיין לײדיקגייער, מעג איך זיך אָפּרוען...

אין „זשעמיאַנסקאַ“ און אין „גראַנד־קאַפע“, אין גאָרטן אויף פּיע־טריקאָווער הונדערט דרייצן — אומעטום איז זיידנער איצט געקומען און געקוקט אויף מענטשן, גערעדט מיט מענטשן. מען איז געווען מיט אים העפלעך, זייער העפלעך. אפשר איז נאָך פאַרבליבן צו אים אַ טראָפּן פון

פריערדיקן דרך־ארץ, אָדער מען האָט געשאַנעוועט אַ געוועזענעם פּאַ־בריקאַנט. ער האָט געכאַפּט מאָדנע בליקן אויף זיך. מיט געפּיל און נייגעריקייט. אַ מענטש איז דאָך געווען אַזוי הויך און איצט איז ער אַראָפּגעפאַלן. און זיין גרויסע פאַבריק ווערט געטריבן דורך אַנדערע. מענטשן זענען נישט אַזוי שלעכט. זיי פילן־מיט דעם צווייטן. אָבער דעמאָלט, ווען דאָס מיטגעפּיל באַדאַרף עפּעס קאָסטן, ווערט עס קלענער און ווען דאָס דאַרף אַ סך קאָסטן — אַנטלויפט מען מיט דעם מיטגעפּיל אינאיינעם. זיידנער האָט נישט געזוכט און ער האָט אויך נישט באַדאַרפט זייער מיטגעפּיל. ער איז געווען אַ פאַרזאָרגטער און אומאָפּהענגיקער מענטש, געהאַט געגוג געלט... אָבער ער האָט זיך געוואָלט שפּילן מיט די מענטשן, אָנגיין פאַר אַ קבצן און אין דער אמתן זיין אַ רייכער מענטש. וואָס האָט געצוווּנגען צו אַזאַ שפּילן זיך? אַ שטיפערישע נייגעריקייט, עס האָט זיך אים געוואָלדיק געוואָלט שפּאַסן איבער זיין פאַרגאַנגענהייט, ווען ער איז אַזוי ענלעך געוואָרן צו די אַלע פאַרנומענע מענטשן, צו די, וואָס קענען זיך פאַר קיין פאַל נישט אָנזעטיקן מיט זייער פאַרמעגן, צו די, ביי וועלכע אַ מענטש אָן גרויסן קאַפּיטאַל איז גאָרנישט ווערט... ער האָט פיינט די געלט־זעק. בלויז געלט און מער גאָרנישט. דאָס איז עקל־האַפט, האָבן אַ געפּיל און אָן איינרעדעניש, אַז מיט געלט קען מען אַלץ פאַרדעקן, דאָס איז די געמיינקייט פון אַ דור. דער דור פון בערעק פוס־באַנק. ניין! עס זענען פאַראַן ערגערע פאַר בערעק פוסבאַנק, אַזעלכע וועלכע גאָט האָט נישט געשטראָפט מיט אַזאַ מיאוסן פּנים, פאַראַן שלאַנ־קע, הויכע פאַסקודניאַקעס. זיי קליידן זיך פיין און רעדן פיין, אָבער אין געלט־ענינים זענען זיי נישט בעסער פאַר בערעקן...

עס האָט אים אפילו פאַרדראָסן, וואָס ער טראַכט צופיל וועגן דעם בערעק. פאַרוואָס און צו וואָס? פון אַזאַ איינעם לוינט נישט צו טראַכטן, ער טאָר נישט צונעמען ביי זיך, ביי אַ באַפרייטן מענטש קיין איין מי־נוט... אָבער בערעק קריכט אין די אויגן. דאָ און דאָרט זעסטו אים, דאָ און דאָרט רעדט מען וועגן אים און וואָס וועט שוין זיין, אַז ער וועט אים אַרויסטרייבן פון זיינע געדאַנקען, וועט ער דאָך אַלץ בלייבן אויף דער ערד, דער בערעק. ער וועט זיין אומעטום און זיין וועט ער שטענדיק.

און פון דער צווייטער זייט: מיט וואָס שטערט ער אים, זיידנערן? אַ סך מאָל ברענגט ער אים גאָר נחת, ער מאַכט אים פריילעך מיט זיין אויסזען, מיט זיין רעדן און מיט זיינע גרויסע אויערן. אויב מענטשן גע־

פעלט אַזאַ אָראַנג־אוטאַנג און זיי קריכן צו אים מיט חניפה, זענען דאָך די מענטשן פון דער זעלבער אָראַנג־אוטאַנגישער משפחה...

אָבער ווו איז דער פּלאַץ פאַר זיידנערן, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאַבריק און פון זאַמלען קאַפּיטאַל? די פראַגע האָט זיך זיידנער נישט איינמאָל געשטעלט, אָבער די אַנטשיידונג געהערט נישט אים אַליין, דאָס געהערט אויך צו אָלקערן. מיט אים באַדאַרף מען וועגן דעם שמועסן. זיידנער האָט גוט געוווּסט, אַז ביי זיינע געוועזענע קאָנקורענטן האָט ער שוין קיין פּנים נישט געהאַט, ווייל זיי מיינען, אַז ער איז דורך און דורך קבצן. זיי, אָדער אַנדערע פון זיי פילן אים מיט; ווען ער וועט צוקומען צו זיי מיט אַ קרעכץ, וועלן זיי אים אפשר אַ טובהלע אויך טון. ווי איז דען אַנדערש? ווי העלפט מען נישט אַ געוועזענעם פאַבריקאַנט? אָבער דאָס טובהלע וועט זיין אַ קליינינקע, און באַרימען וועט מען זיך גאָר שטאַרק:

— איך העלף אים אַ ביסל, דעם זיידנערן, אַ רחמנות!

צום גליק לאַכט ער פון זייערע טובות. אָבער דערקענען אינגאַנצן וויל ער זיי. פריער האָבן זיי זיך מיט אים באַגעגנט, ווי מיט אַ גלייכן, אָדער, ווי מיט אַ העכערן, איצט איז אַ גרויסע נישט גלייכהייט צווישן זיי...

אָפּגעמעקט געוואָרן אַ מענטש, אויס. מיט איין וואָרט באַגראָבן זיי אים אינגאַנצן: „קבצן" און זיין גאַנץ אָנזען ווערט אַנדערש. זיין נעכטן, זיין דערציאונג, זיין אוניווערזיטעט. „קבצן!" און זאָל ביי דיר זינגען דיין נשמה, און זאָלסטו זיך פילן העכער, ווייל דו פאַרנעמסט בעסער דאָס לעבן, ווייל דו שעצסט טייער יעדע פרייע מינוט און יעדן פרייען געדאַנק, וואָס קומט אין אַזאַ מינוט. זאָלסטו זיין פילזייטיקער פאַר זיי, מענטשלע־כער, ערלעכער. די געלט־נשמות ווילן פון דיר נישט וויסן.

ער האָט פיינט געהאַט זיין באַגרענעצטן נעכטן און אין די געוועזענע קאָנקורענטן זיינע האָט ער איצט דעם נעכטן זיינעם געזען, האָט ער זיך געוואָלט רייצן מיט זיך אַליין און מיט זיי. דער געדאַנקען־גאַנג זיינער קאָן אָט אַזוי פאָרמולירט ווערן: „איר קוקט אויף מיר מיט מיט־לייד, ווייל איך האָב שוין נישט קיין געלט, די טייערסטע זאַך האָב איך שוין נישט. און דאָך, איך האָב יאָ געלט, איך פריי זיך מיט דעם, וואָס איר ווייסט נישט דעם סוד, ווייל איך זע, וואָס פאַר אַ ווערט איך האָב ביי אייך".

אָבער דאָ איז נישט געגאַנגען אין געלט און אין באַרימען זיך.

זיידנער האָט זיך געפילט ווי אַ רעקאָנוואַלעסצענט. ער איז קראַנק געווען זייער לאַנג און איצט איז ער געזונט געוואָרן. אויף די איבעריקע, וועלכע לויפן ווידער אין געיעג נאָך רייכקייט אָן אָפּהאַלט, האָט ער געקוקט, ווי אויף קראַנקע. ער האָט געוואָלט פון זיי לאַכן דערפאַר, ווייל זיי האָבן נאָך ליב געהאַט דאָס, וואָס ער האָט שוין פיינט באַקומען, מיט דעם דאָזיקן לאַכן און אויסלאַכן האָט ער זיך געוואָלט פאַרטיידיקן קעגן די רעשטלעך פון אומרואיקייט, וואָס ער האָט נאָך פון צייט צו צייט געפילט. ער האָט זיך געוואָלט רייצן מיט זיינע געוועזענע קאָנקורענטן:

— איר מיינט, אַז איר זענט גערעכט, אַז די אמתע חכמה ליגט ביי אייך — און איך לאַך פון אַזאַ חכמה.

ער האָט שוין געזען זייער קאָמישקייט און זיך געפרייט פון דעם געדאַנק, אַז ער האָט זיי איבער־געשטיגן. ער איז שוין מער נישט געלאָפן אָן אָטעם צום פאַרדינסטל...

איין זאַך האָט ער געפילט: ער איז פריי. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן טאָג, מיטן אַרומגיין אָן ציל, מיט רעדן און טראַכטן. דאָס איז שוין נישט געווען דאָס פריערדיקע רעדן און פריערדיקע טראַכטן, דער באַגרענעצטער לעקסיקאָן איז איצט רייכער און גרעסער געוואָרן. ביי די טישלעך אין „זשעמיאַנסקאַ" האָט ער געהאַט זיין פאָרעם צו רעדן און זיין וויץ, און נישט איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: „דער זיידנער איז גאָרנישט קיין נאַר, אַ שאַד נאַר, וואָס ער האָט פאַרלוירן די פאַבריק, ווייל עס איז ליבער צו זיצן ביי אַ טישל מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אַ גרויסע פאַבריק. עס איז גוט צו פילן, אַז דיין שכן איז רייך. ווער ווייסט, פריער צי שפּעטער, ער וועט צונוץ קומען".

ביי אַלקערן פלעגט מען אָפט פרעגן:

— דיין זיידנער איז טאַקע פאַרבליבן ביי גאָרנישט?

— ביי גאָרנישט — פלעגט ער ענטפערן — דער מענטש איז אַליין שולדיק, ער האָט אַלעמען באַצאָלט ביז אַ גראָשן...

— טאָ פון וואָס לעבט ער?

— ער גייט פאַרקויפן די וווינונג, ער וועט די בגדים אויך פאַרקויפן, איר וועט זען.

זיידנער איז נאָך אַלץ געגאַנגען פיין אָנגעטון. אָבער דער אויטאָ האָט געפעלט, דערפאַר איז אַרומגעפלויגן איבער לאָדזשער גאַסן בערעק פּוסבאַנק אויף זיין אויטאָמאָביל. ביי יעדע פּאָר הייזער פלעגט זיך דער

פּריש־גלאַנציקער וואָגן אָפּשטעלן. אויף דער גאַס האָבן שוין אַ סך דער־קענט דעם טונקל־גראַנאַט וואָגן:

— דאָס איז בערעקס אויטאָ...

אַנדערע ווידער האָבן שוין געזאָגט:

— דאָס איז פּוסבאַנקס אויטאָ.

„פּוסבאַנק" האָבן אויסגערופן די, ביי וועמען ער האָט פאַר דער מלחמה נישט אָפּגעקויפט אַ געניצטן בגד.

אַ סך האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי געדענקען גאָרנישט די צייט, ווען אַזאַ פּוסבאַנק איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון גראַנד־קאַפע און צו יעדן אַריינגעשושקעט:

— פאַרקויפט מיר אַן אַנצוג, אַן אָפּגעניצטן, איך וועל גוט באַצאָלן. נישט איינער האָט ביי זיך אַ טראַכט געטון: אפשר איז דאָס אַ טעות! אפשר איז יענער בערעק גאָר געווען אַן אַנדער בערעק. עס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אַ מענטש זאָל מאַכן אַזאַ קאַריערע. דאָס בעסטע פאַר בע־רעקן וואָלט געווען, ווען ער אַליין באַרימט זיך מיט זיין נעכטן, ווען ער באַמאָלט דאָס נישט און וויל נישט זיין אַ יחסן מיט געוואַלד. דאָס איז דאָך נישט נאָר קיין מזל. אויב ער דערגרייכט צו אַזאַ רייכקייט, איז דאָך דאָס זיין קאָפּ, זיין קלוגשאַפט. ער האָט דאָך קיין ירושה נישט באַ־קומען, קיין געווינס נישט געכאַפּט. ער... ער אַליין האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, טאָ זאָל דאָס זיין דער יחוס זיינער. אָבער בערעק האָט זיך, ווי אַ נאַר, געשעמט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט און ער האָט עס כסדר גע־וואָלט פאַרדעקן, ווי אַ צעריסענעם בגד. דאָס האָט אים געמאַכט קאָמיש פאַר אַלעמען און דאָס האָט כסדר דערמאָנט די פריערדיקע יאָרן ביי דעם שוועל פון „גראַנד־האָטעל".

22

יחוס

„פּוסבאַנק" האָט זיך אַלץ מער אַרויסגערוקט אין פראָנט און „בע־רעק" האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגעטראָגן. וואָס איז דאָס טאַקע? אַ מענטש איז רייך, טאָר מען אים נישט רופן בערעק. ער מעג אפילו האָבן די קירצסטע פיס אויף דער וועלט...

זיין אויטאָ שטעלט זיך אָפּ און ער קריכט אַרויס. צום ערשטן דער־זעט מען זיין פּלייצע, דערנאָך די גרויסע אויערן, און שפּעטער אים אינ־גאַנצן אין זיין נעבעכדיקער גרוי. ער קלאַפּט צו דאָס טירל פון דער מאַשין, באַטראַכט די מאַשין און גיט איר אַ גלעט, דערנאָך שפּרייזט ער אַ ביסל אַהין און צוריק, און קוקט, צי מען קוקט אויף אים, אָדער אויף זיין אויטאָ?... דאָס איז זיין עולם־הזה, פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט אַרומקוקן? ער מיט דער מאַשין ווערן איין גאַנצקייט, ווען מען זאָגט „פוסבאַנקס אויטאָמאָביל" איז דאָס אַ וויכטיקער ענין. די מאַשין בלייבט שטיין רואיק, אָבער ביי בערעקן קלאַפּט פון דעם שטאַרקער דאָס האַרץ...

און אפשר איז אויך ווער מקנא?

מענטשן גייען פאַרביי. פאַרנומענע מענטשן, דאַכט זיך מענטשן האָבן זייערע ענינים, אָבער אַנדערע פון זיי מוזן אַריינוואַרפן די פראַזע:

— אַזאַ יונג האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט.

דאָס איז נישט פיין פון די פאַרבייגייער. דאָס איז קנאה. פאַר אַזעלכע פראַזן האָט מען שטרענג באַדאַרפט באַשטראָפן, ווי קומט מען דאָס אָנרופן אַ מענטשן, וואָס פירט אָן מיט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל „יונג"?

וואָס פאַר אַ יונג איז ער זיי? ער האָט הייזער, ער האָט אַ גרויסע פאַבריק, ביי אים אַרבעטן הונדערטער מענטשן. ער צאָלט גרויסע שטייערן און דאָ גאָר אַזאַ געמיינע פראַזע, אויף דער גאַס, פאַר אַלעמענס אויערן:

— אַזאַ יונג האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט.

געוויס זענען אַזעלכע פראַזן אויך אַמאָל דערגאַנגען צו בערעקן, גע־וויס האָט ער פון דעם געליטן. אַז מען האָט געלט, וויל מען שוין כבוד און מען וויל עס זייער שטאַרק. שווער איז פאַר אַזאַ איינעם, ווען ער באַקומט עס נישט און נאָך שווערער, ווען מען שטויסט זיך אָן אויף אומ־כבוד... ווער ווייסט, וואָס אַזאַ בערעק לעבט איבער?

ווען ער רעדט מיט די אַלע פאַבריקאַנטן וועגן מסחר, איז ער מיט זיי גלייך אויף גלייך. מען וויצלט זיך אפילו אינאיינעם, מען מאַכט אים קאָמפּלעמענטן, אַז ער פאַרשטייט אָן ענין, אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ... נאָר ווי מען ענדיקט מיט מסחר, ווערט עפּעס גלייך איבערגעריסן, ווי אַ וואַנט וואָלט דאָ פּלוצלינג אויסגעוואַקסן. דעמאָלט באַהאַלט ער ביי זיך, אין זיך נישט קיין פריילעכע געדאַנקען. קיינער זעט נישט, אָבער ער פאַר־לירט זיך. עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון נידערגעשלאָגנקייט, עפּעס אַזוי

קליין ווערט ער און זאָל ער אַוועקשטעלן דעם גרעסטן לייטער פון דער וועלט און זאָל ער אַרויפגיין אויף דעם לייטער, וועט ער אַלץ צו פעליקס זיידנער נישט דערגרייכן, אפילו צו דעם באַנקראָטירטן זיידנער אויך נישט. וואָס דאָס איז פאַר אַ געפיל, ווייסט ער נישט, ער באַהאַלט אים אָבער טיף־טיף קיינער זאָל זיך וועגן דעם נישט דערוויסן. ער וואָלט זיך אויפגעהאַנגען, ווען מענטשן זאָלן זיך דערוויסן, ווי ער שעמט זיך מיט זיין נעכטן...

די לעצטע טעג האָט ער זיך כסדר נאָכגעפרעגט וועגן זיידנערן. ער האָט אים געזוכט. ער האָט אפילו ביי אָלקערן געפרעגט:

— ווו איז אייער פריינט זיידנער? ווו באַהאַלט ער זיך אויס?

— זיידנער איז אין לאָדזש, פּאַניע פּוסבאַנק! זיידנער איז אין דער זעלבער שטאָט, ווו איר זענט, איר הערט פּאַניע פּוסבאַנק! ער באַהאַלט זיך נישט אויס, ער האָט ביי קיינעם גאָרנישט צוגענומען.

— איך זאָג דאָס נישט...

— איר זאָגט עס יאָ. גנבים באַהאַלטן זיך אויס. איר פאַרשטייט, פּאַניע... פּוסבאַנק!

ביידע האָבן זיך דערפילט נישט היימלעך פון דעם דאָזיקן שמועס און איינער פון צווייטן האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן. אָבער בערעק האָט נישט אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן וועגן זיידנערן...

און איינמאָל, ווען זיידנער איז געווען נישט ווייט פון דער נאַווראָט גאַס, ער איז געגאַנגען צו זיך, איז פּלוצלינג אָנגעלאָפן אַ טונקל־גראַנאַט אויטאָמאָביל. דער אויטאָ האָט זיך ראַפּטום אָפּגעהאַלטן, אַ שאַר געטון רעשיק דעם אַספאַלט און געבליבן שטיין. דאָס פּאָדערשטע טירל האָט זיך שנעל געעפנט און עמיצער האָט גענומען רופן:

— פּאַניע זיידנער!

זיידנער האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט זיך נאָך נישט אָריענטירט, נישט געוווּסט נאָך ווער עס רופט אים, ווייל פון אויטאָ האָט זיך אַרויס־געקוקט נישט קיין פּנים, נאָר אַ ברוין־רויטע פּלייצע און דערנאָך האָבן זיך אויף דער ערד אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר קורצע פיס און עס האָט זיך באַוויזן אַ פּנים... בערעקס פּנים.

— האַ! דאָס זענט איר, בע... פּאַניע פּוסבאַנק!

— וואָס מאַכט איר? פּאַניע זיידנער! איך האָב אייך געזוכט אין וואַרשע און נישט געפונען, גוט, וואָס איר זענט שוין אין לאָדזש, איך

האָב מיט אייך עפּעס צו רעדן, אַ געשעפט, איך וויל מיט אייך עפּעס מאַכן...

— וואָס ווילט איר מיט מיר מאַכן?

— איך האָב אייך געזאָגט, אַ געשעפט...

זיידנער האָט רואיק געענטפערט:

— איך מאַך איצט נישט קיין געשעפטן, איר ווייסט דאָך...

— איך ווייס און טאַקע, ווייל איך ווייס, וויל איך מיט אייך עפּעס מאַכן. עס וועט אייך לוינען, איר וועט זען.

— אָבער איך האָב אייך שוין געזאָגט: איך מאַך נישט איצט קיין געשעפטן, איך בין אויס... איר פאַרשטייט, פּאַניע פּוסבאַנק?...

— רעדט נישט אַזוי, אַ מענטש באַדאַרף נישט אַראָפּפאַלן, אַלץ קאָן זיך איבערדרייען...

— ביי מיר האָט זיך שוין אַלץ איבערגעדרייט.

— אָבער איך וויל מיט אייך עפּעס מאַכן, איר מעגט דאָך מיך פריער אויסהערן, דאָס מעגט איר דאָך.

זיידנערן האָט קאָמיש געקלונגען די פראַזע „איך וויל מיט אייך עפּעס מאַכן", נאָר ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז בערעק קאָן זיך אַנדערש נישט אויסדריקן. דערביי איז ער פּשוט געווען נייגעריק: וואָס וויל פון אים דער בערעק און וואָס וויל ער מיט אים מאַכן?

— זאָגט, בערעק! וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס דאַרף מען אַרומרעדן, אויפקלערן, דאָס איז נישט אויף איין מינוט. ווו קאָן מען אייך זען?

— איך ווייס אַליין נישט — האָט זיידנער כמעט ווי הילפסלאָז געזאָגט.

צו זיך פאַרבעטן האָט ער בערעקן נישט געוואָלט. ער האָט אינ־גאַנצן געוואָלט פּטור ווערן פון אים. סיי ווי וועט פון בערעקס „געשעפט" גאָרנישט אַרויסקומען. ער, זיידנער, מאַכט אויף אַן אמת איצט נישט קיין געשעפטן.

נאָר אַ נייגעריקייט האָט ער געהאַט: וואָס וויל ער און וואָס מיינט ער, דער בערעק?

האָט ער נאָך געפּרוווט:

— אפשר קאָנט איר דאָס זאָגן אין קורצע ווערטער און איך וועל אייך גלייך ענטפערן „יאָ" אָדער „ניין"...

— ניין, פּאַניע זיידנער, דאָס איז אַ דעליקאַטע זאַך, מען דאַרף עס אַרומרעדן, איך, בעט אייך, גיט מיר אַ ביסל צייט, איך וועל עפּעס מאַכן מיט אייך.

— נו, גוט, איך וועל זיך מיט אייך באַגעגענען.

— ווו?

— זאָל זיין ערגעץ אין אַ קאַפע, אין אַ שטילן קאַפע.

זיי האָבן אָפּגערעדט אויף נאָכמיטאָג, אויף פינף אַ זייגער. די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן געשמועסט, האָט בערעק נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון זיידנערן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וויל זיך אויסציען, אויפ־הויבן זיך העכער, העכער און אויסגלייכן זיך מיט דעם שלאַנקן זיידנער. איינער פון זיי איז געווען „באַנקראָט", דער צווייטער — אַן אויפגייענ־דער שטערן אין דער פאַבריקאַנטן־וועלט, אָבער דער „באַנקראָט" האָט געלויכטן און דער „שטערן" איז געווען אַזאַ נעבעכדיקער...

ווען זיי האָבן זיך איצט געזעגנט, האָט בערעק אָנגעוויזן אויף זיין מאַשין און געפרעגט:

— ווי געפעלט אייך מיין אויטאָמאָביל? פונקט ווי אייערער.

— מיינער האָט אַזוי נישט געגלאַנצט...

— עס דאַרף גלאַנצן. אַן אויטאָמאָביל איז אַ גוטע זאַך, מענטשן קוקן אויף דעם, טאָ זאָל עס גלאַנצן...

— זאָל עס גלאַנצן, — האָט זיידנער מיט אַ ליבער רעזיגנאַציע גע־ענדיקט און איז אַרויף צו זיך. בערעק איז געפאָרן ווייטער.

ווען זיידנער איז געגאַנגען אויף די טרעפּ, איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען נישט בערעקס אויטאָמאָביל, נישט בערעק אַליין, נאָר דער אַנצוג בערעקס. ברוין־רויט איז דער קאָליר פון אַנצוג. דאָס איז איצט געווען אַ מאָדערנער קאָליר, אָבער בערעקס אַנצוג איז געווען אולטראַ־מאָדערן, געוואַלד־מאָדערן און שרייאיק־מאָדערן. אַ מזיק פון אַ יונג, ווו האָט ער געפאַקט אַזאַ קאָליר? מען האָט געמוזט אויף בערעקן קוקן צוליב זיין אַנצוג, ער האָט יעדנס בליק אָפּגעשטעלט און וואָס האָט ער פון דעם געוווּנען? ער האָט גאָרנישט געוווּנען, זיידנער האָט אויף אים פּשוט רחמנות געהאַט. בערעקס אַנצוג האָט אָפּגעשטויסן, ער האָט אויף זיך געצויגן שפּאָטישע אויפמערקזאַמקייט. און געמיינט האָט ער, אַז עס איז שיין. אַ בלינדע נשמה האָט ער געהאַט. בלינד אויף פאַרבן. עס קאָן זיין, אַז

ער האָט פאַר דעם אַנצוג טייער באַצאָלט, אָבער ער האָט גאָרנישט געוווּנען פון דעם.

גיכער האָט ער פאַרשפּילט, ווייל דער וואָס האָט געקוקט אויף דעם אויסטערלישן קאָליר פון זיין אַנצוג, האָט אויך געמוזט קוקן אויף דעם בעל־דבר, וואָס טראָגט דעם אַנצוג. און דער בעל־דבר אַליין האָט אויס־געזען קלאָגעדיק. נישט געקוקט אויף דעם גלאַנציקן אויטאָ, וועלכן ער האָט אַליין געטריבן, נישט קוקנדיק אויף דער נייקייט פון זיין באַקליי־דונג, האָט ער אויסגעזען זייער נישט ליב. שרייאיק ביז ווולגאַר. עס האָט זיך אים געוואָלט אָנכאַפּן פאַר זיינע גרויסע אויערן, רייסן אים פאַר די אויערן און אַריינשרייען אין זיי:

— זיי אַ ביסל באַשיידענער, קליין מענטשל! רייס נישט אויס די גרוי־קייט פון לאָדזש מיט די בונטע קאָלירן פון דיין אָנטון זיך. אויף אַזאַ קראַוואַט, ווי דו טראָגסט, דאַרף מען זיך אויפהענגען און נישט פּאַראַ־דירן צווישן מענטשן.

אָבער זאָל ער גיין...

זיידנער האָט מיט איין האַנט אויפגעשלאָסן זיין טיר און מיט דער צווייטער האַנט אַ מאַך געטון:

— זאָל ער גיין, דער בערעק, ס'איז שווין זיין לאָדזש...

זיידנערן האָט נישט אינטערעסירט דער ענין, וואָס בערעק האָט צו אים. אַלץ איינס, וועלכע געשעפטן ער זאָל נישט פאַרלייגן, זיידנער וועט זיך מיט אים נישט פאַרבינדן, נישט מיט אים און נישט מיט אַנדערע. דאָס, וואָס ער האָט זיך אָפּגערעדט צו באַגעגענען מיט אים אין אַ קאַפע, איז געווען בלויז אַ פיינקייט פון זיידנערן, ער האָט אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווען יענער האָט זיך אַזוי געבעטן.

אַ קאַפּעטשקע נייגעריקייט איז יאָ געווען: וואָס איז דאָרט דעם בע־רעקן איינגעפאַלן? אפשר וועט זיין אַ מעשה צו דערציילן אָלקערן אוןביידע וועלן האָבן פון וואָס צו לאַכן.

און שפּעטער איז ער געגאַנגען אויף דער באַגעגעניש.

פינף פאַרנאַכט. צוויי מענטשן אין אַן אָפּגעזונדערטן קאַפע, אין דער וויטקייט פון דער פּיעטריקאָווער גאַס. געציילטע געסט זענען דאָ געווען. זיי האָבן געלייענט ציַיטונגען...

זיידנער מיט בערעקן זענען געזעסן ביי דער סאַמע וואַנט. זיי האָבן געהאַט צו פירן אַ וויכטיקן שמועס...

— וועגן וואָס האַנדלט זיך? פּאַניע פּוסבאַנק!

בערעק האָט נישט געקאָנט מיט אַמאָל ענטפערן. זיידנער האָט גע־כאַפּט זיין בליק. דאָס איז געווען אַ פּחדנישער בליק פון אַן אויפגעקו־מענעם, וועלכער האָט נאָך אַלץ דרך־ארץ פאַר אַ געוועזענעם פאַברי־קאַנט פון די יחסנים, כאָטש יענער איז „באַנקראָט". דער געוועזענער פאַבריקאַנט איז אַ יחסן, אַ געבילדעטער און ער איז בלויז בערעק. פונקט, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ ריכטער, אַזוי האָט ער אויסגעזען. דאָרט אויף דער גאַס פּאַראַדירט ער מיט זיין אויטאָמאָביל, מיט דעם גלאַנץ פון דער מאַשין, מיט זיין אויסטערלישן אַנצוג, מיט זיין רייכקייט, פון וועלכער אַלע ווייסן, אָבער דאָ אין דעם טונקעלן קאַפע, איז ער אַליין טונקעלער געוואָרן. פאַר אַזעלכע, ווי זיידנער, האָט ער געוואַלדיקן דרך־ארץ געהאַט, אַ דרך־ארץ ביז מורא. עס זענען אַוועק עטלעכע שווערע מינוטן פון שווייגן. דער קעלנער איז געקומען. מען האָט באַשטעלט קאַווע. דער קעלנער האָט געבראַכט די באַשטעלונג, האָט מען זיס געמאַכט די קאַווע, אָפּגעזופּט און צום ענין נישט צוגעטרעטן.

נאָר אָנהויבן האָט מען געמוזט:

— איך וויל אייך פאָרלייגן אַ קאָמבינאַציע, פּאַניע זיידנער!

— וועלכע קאָמבינאַציע?

— איך וויל מיט אייך מאַכן אַ שותפות...

זיידנער האָט אויף בערעקן אויפגעהויבן די אויגן, ער האָט זיך דער־פילט נישט געשמאַק. דער פאָרשלאַג אַליין איז שוין געווען פאַר אים אומאַנגענעם: שותפות מיט אַזאַ, פון וועלכן יעדער איינער מיט ווירדע לאַכט אָפּ. דער יחסן האָט זיך אין אים אויפגעוועקט. אַ ווידערגעפיל האָט ער אין דער רגע איבערגעלעבט. עס האָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ער איז דאָ געקומען אין דער קאַפע זיך זען מיט דעם רייך־געוואָרענעם פאַרשוין. דאָס איז נישט געווען קלוג פון זיין זייט. צו אַזעלכן, ווי פּוס־באַנק באַדאַרף מען זאָגן: „איך האָב נישט קיין צייט" און אַ סוף...

אָבער זיידנער האָט זיך באַהערשט. באַהערשן זיך, דאָס איז אים קיינ־מאָל נישט שווער געווען. האָט ער מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— מיט מיר שותפות? בערעק! איך בין אַ קבצן.

— איר באַדאַרפט נישט קיין געלט, איר זענט זיידנער.

— וואָס איז זיידנער אָן געלט...

— איר זענט אַ נאָמען, אַ פיינער נאָמען, איך וויל מיט אייך מאַכן

שותפות. דאָס וועט זיין גוט פאַר מיר און גוט פאַר אייך. איר וועט האָבן פרנסה און איך וועל אויך האָבן...

— וואָס וועט איר האָבן דערפון? זאָגט, פּאַניע פּוסבאַנק! וואָס האָט איר זיך פאַרהאַקטשעט?

— איך וועל האָבן... אַ יחסן פאַר אַ שותף, קלענער ווערט מען נישט דערפון...

— איך זאָל זיין אַ שילדל... דאָס באַדאַרפט איר, איך פאַרשטיי אייך.

— איז גוט, וואָס איר פאַרשטייט מיך.

— אָבער, פּאַניע פּוסבאַנק! שותפים דאַרף מען זיין גלייכע, אייער קאַפּיטאַל און מיין קאַפּיטאַל, אָבער איך האָב דאָך גאָרנישט.

— איר באַדאַרפט נישט דערצו קיין געלט. איר טרעט צו צו מיין פירמע, וועלכע וועט הייסן „פּוסבאַנק און זיידנער". דאָס וועט זיין אַ שותפות און נישט קיין שותפות. ווי מען רופט עס: „אַ פיקטיווע שותפות". אין אָפּמאַך וועט שטיין געשריבן, אַז איר באַקומט צוויי הונדערט זלאָטיס אַ וואָך און מער טאָרט איר פון געשעפט נישט אַרויסנעמען און קיין רעכט אויפן געשעפט האָט איר נישט, אָבער צוויי הונדערט זלאָטיס אַ וואָך באַקומט איר און נאָכן בילאַנס וועט איר אויך באַקומען אַ פאַרגיטי־קונג. איר פאַרשטייט, פּאַניע זיידנער! פאַר אייך איז דאָס אַן עניַן...

— און פאַר אייך, פּאַניע בערעק?

— פאַר מיר איז דאָס אויך אַן עניַן. איר זענט אַ פאַכמאַן, איר וועט אַרבעטן ביי די מוסטערן, איר וועט רעפּרעזענטירן מיין פירמע, פאַר מיר וועט עס זיין אַ כבוד...

בעת ער האָט אַרויסגעזאָגט די פראַזע: „פאַר מיר וועט עס זיין אַ כבוד" האָבן זיך זיינע פאַרבלאָזע אויגן צעשפּילט און צעשמאָלצן, אַ קרי־כערישע אונטערטעניקייט האָט דער מענטש דערביי אַרויסגעוויזן. ער האָט געקוקט אויף זיידנערן און געדולדיק געוואַרט.

זיידנער האָט געשוויגן. אין זיך האָט ער געלאַכט פון דעם קליינעם מענטשעלע און זיך געבייזערט אויף אים. דער געוועזענער פאַבריקאַנט זיידנער האָט געהאַלטן, אַז בערעק פּוסבאַנק האָט אים צו ווייניק אָפּגע־שאַצט. ער וויל אים קויפן צוליב יחוס־צוועקן אינגאַנצן פאַר צוויי הונ־דערט זלאָטיס אַ וואָך. ער איז דאָך אַ פאַכמאַן, ער האָט גוטע קענטעניש אין פאַבריצירן, ער האָט אַ סך פאַרבינדונגען און דאָס אַלץ וויל ער צונעמען פאַר צוויי הונדערט זלאָטיס אַ וואָך.

— ווייניק — האָט זיידנער אַרויסגערעדט און שטאַרק זיך געצוימט, כדי נישט צו לאַכן...

— וואָס איז ווייניק? צוויי הונדערט זלאָטיס אַ וואָך איז ווייניק? וועט זיין ביז טויזנט זלאָטיס אַ חודש... וועגן נאָך אַ הונדערטער וועט מען זיך אויך נישט דינגען. מיר וועלן זען און גלויבט מיר, פּאַניע זיידנער, איך בין נישט אַזאַ קאַרגער, איר זעט דאָך, איך דינג זיך נישט, איך גיב אייך דריי הונדערט זלאָטיס אַ וואָך...

— ווייניק, — האָט זיידנער שטייף אַרויסגערעדט.

— נאָך אַלץ ווייניק? וויפל זשע ווילט איר?

— דערלויבט מיר צו טראַכטן עטלעכע מינוט, איך וועל אייך שטעלן מיינע באַדינגונגען.

— ביטע זייער, פּאַניע זיידנער!

ער איז זיכער געווען, אַז איצט וועט עס דערגיין צו אַ טאַלק, זיידנער וועט שטעלן זיינע באַדינגונגען, מען וועט זיך דינגען און סוף כל סוף וועט מען דורכקומען. ווי דען אַנדערש? ווי אַזוי ווערן געמאַכט אַלע טראַנזאַקציעס?

ער איז פולקאָם זיכער געווען, אַז זיידנער וועט איינשטימען. ער מוז דאָך איינשטימען, ווייל ער האָט גאָרנישט, ער האָט אַלץ פאַרלוירן, דער יחסן.

און זיידנער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ער איז עפּעס פּלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פערד און אַן אומגעלומפּערטער נפש וויל אויף אים אַרויפשפּרינגען, פאַר יעדן פּרייז, אָדער פאַר אַ קליינעם פּרייז. דער נפש וויל פּאַקן דאָס פערד.

זיידנער האָט אַרויסגענומען אַ בלייפעדער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און גענומען רעכענען. ער האָט געשריבן, געמעקט און ווידער געשריבן, דערנאָך האָט ער גענומען לייענען:

— ערשטער פּונקט: אַלץ, וואָס פּוסבאַנק פאַרמאָגט, גייט אַריין אין גלייכער שותפות אין אונדזער פירמע. די פאַבריק, די הייזער, מזומן־געלט, וועקסלען, ווערט־פּאַפּירן און דער אויטאָמאָביל — אַלץ געהערט צו אונדז ביידן. צווייטער פּונקט: די פירמע זאָל נישט הייסן „פּוסבאַנק און זיידנער", נאָר פאַרקערט: „זיידנער און פּוסבאַנק". אויב איר זענט איינשטימיק, קאָנען מיר מאָרגן גיין צום רעיענט...

בערעק האָט ברייט געעפנט די אויגן:

— איר טרייבט שפּאַס, פֿאַניע זיידנער! איך בין געקומען צו אייך מיט אַ גוטן ווונטש... וואָס הייסט, איך זאָל אָוועקגעבן מיינס, אַ משוגע־נער באַדאַרף מען דאָך זיין. איך וויל דאָך מיט אייער נאָמען פֿאַרשענערן מיין נאָמען און פֿאַר דעם וויל איך אייך צאָלן דריי הונדערט זלאָטיס אַ וואָך...

— איך וויל זיין אַ גלייכער שותּף...

— פֿאַר דער וועלט זענט איר אַ שותּף.

— דאָס איז מיר ווייניק... איך וויל ווידער זיין אַ פֿאַבריקאַנט, אַ גרויסער פֿאַבריקאַנט מיט אַ זיכערער קאַסע, מיט פֿאַרנעם, מיט פּלענער צו ווערן נאָך גרעסער. איך וויל געבן מיין נאָמען און איר אייער געלט און גלייכע שותּפים. אַנדערש וויל איך נישט.

זיידנער האָט גענומען לאַכן:

— יאָ, איך טרייב שפּאַס. איך וועל נישט גיין צו אייך אַלס שותּף, ווען איר וועט מיר אפילו אָפּגעבן אַ העלפֿט פֿון אייער פֿאַרמעגן, איך טרייב שפּאַס, אמת! אָבער זאָגט מיר, צו וואָס באַדאַרפֿט איר דאָס אַלץ? צו וואָס באַדאַרפֿט איר זיידנערן אַלס שילד?

בערעק האָט אים אויסגעהערט און געענטפֿערט האָט ער זייער אָפּנהערציק, שוין צופֿיל אָפּנהערציק.

— אייך איז גוט, אייך רופֿן אַלע, אפילו נאָכן באַנקראָט „פֿאַניע זיידנער" און איך בין נאָך אַלץ „בערעק". עס העלפֿט נישט מיין געלט. איך קויף טייערע בגדים. איך האָב שוין אַ פֿיינעם אויטאָמאָביל און פּלוצלינג הער איך ווידער „בערעק". אייך איז גוט מיט אייער וווקס, איר זעט דאָך אויס, ווי אַ לאָרד, און איך פֿון דר'ערד נישט אויפֿגעוואַקסן, קורצע פֿיסלעך, איר מיינט איך קען זיך נישט, איך זע נישט אין שפּיגל מיינע אויערן, מיין פּליך, אַז מען שטאַמט פֿון פּראָסטאַקעס...

קיין טרערן האָבן זיך פֿון זיינע אויגן נישט געגאָסן, נאָר עס האָט זיך שוין געפֿילט אַ לייכטע פֿייכטקייט, ווי ערב אַ רעגן. אָט באַלד און דער, „וואָס שטאַמט פֿון פּראָסטאַקעס" וועט זיך פֿונאַנדערוויינען אויף זיין ביטערן גורל. די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט, ער איז געווען אויפֿגערעגט פֿון זיין אָפּנהערציקייט מיט זיידנערן, צו וועלכן ער האָט געהאַט גרויס צוטרוי. ער האָט אַפּעלירט צו זיידנערן מיט יעדער באַ־וועגונג, מיט יעדן בליק...

אָט באַלד וועט ער נעמען וויינען מיט אמתע מענטשלעכע טרערן. און

אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט קיין מאָס נישט, ווייל די וועלט איר נאַריש, ער איז דאָך אַ קרבן פון דער וועלט. נאַרישקייטן. אמת, ער האָט קורצע פיס מיט אומגעלומפּערטע גרויסע אויערן, איז דאָס אַ זאַך פון דער נאַטור און מיט זאַכן פון דער נאַטור מאַכט מען שלום אויף שטענדיק, ווייל עס איז קיין ברירה נישטאָ. און דאָך האָט זיך אים געוואָלט לאַכן פון דעם בערעקן און פון זיך, וואָס ער האָט אויף דעם געפּטרט אַ האַלבן טאָג. אַ מאָדנע וועלט און איצט ערשט דערזעט ער, ווי מאָדנע די וועלט איז. איצט ערשט, ווען ער האָט אויפגעהערט צו זיין פאַרנומען. אָ, די פרייע צייט ברענגט נוצן.

זיידנער האָט שוין מער נישט געלאַכט. נישט אין זיך און נישט אויפן קול. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע, ווי אַלע טראַגעדיעס. ער האָט נישט געגלויבט, אַז דער בערעק קען זיך אַזוי גוט אויף זיך אַליין. אָ, דאָס איז זייער נישט גוט פאַר אים, וואָס ער זעט אַליין זיין קאָמישע לאַגע... אָבער העלפן האָט דאָ זיידנער נישט געקאָנט. בערעק האָט קורצע פיס און ער וויל הויך שפּרינגען. ער מעג וועלן הויך שפּרינגען, ווייל ער האָט געלט, זאָלן אים זיינע קאַפּיטאַלן העלפן...

— אַ מענטש באַדאַרף עפּעס זיין, האָט בערעק גערעדט, ווי צו זיך אַליין.

— אַ מענטש באַדאַרף זיין... אַ מענטש.

— איך מיין עפּעס אַנדערש, אָ, אַ ביסעלע יחוס.

— אָבער פאַניע פוסבאַנק! וואָס האָט איר זיך אין קאָפּ אַריינגענומען אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי „יחוס" און וואָס זינדיקט איר מיט די רייד? איר האָט געלט, איר האָט אַלץ, וואָס איר באַדאַרפט, איר זענט געזונט און דאָס, וואָס איר זענט נידעריק געוואַקסן, דאָס איז אַ קליינער חסרון, וואָס מען קאָן דערצו גאָרנישט מאַכן, איר פאַרגרעסערט, איר טרייבט איבער...

— איך וויל זיין אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלייך.

— איר זענט אַ מענטש מיט אַלע גלייך, איר ווילט אָבער זיין גלייך מיט אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע האַלטן זיך, אָדער אַנדערע האַלטן זיי פאַר יחסנים, אָט דאָס איז שוין אַ נאַרישקייט פון אייך און שלאָגט זיך דאָס אַרויס פון קאָפּ. היינט זענען נישטאָ קיין יחסנים, ווער עס האָט די קלינגערס, אָט דער איז דער יחסן... אמת? פאַניע פוסבאַנק?

זיידנער האָט געגומען אַ גוטמוטיקן טאָן, זייער אַ פריינטלעכן טאָן

צו בערעק פוסבאַנק און דאָס האָט דעם יחוס־זוכער אימפּאָנירט און באַ־רואיקט.

פון דער טראַנזאַקציע איז גאָרנישט געוואָרן. זיי זענען אַרויס פון קאָפּע אויף דער גאַס, ווי צוויי באַקאַנטע, אָבער נישט, ווי צוויי שותּפים. זיי האָבן גערעדט אויף דער גאַס, געשפּרייזט אויפן טראָטואַר הין און צוריק. זיידנער האָט מיט אַ כּוונה זיך געהאַלטן זייער נאָענט לעבן אים, ווי אַ פריינט, ער האָט אים אפילו אונטערן אָרעם געוואָלט נעמען, נאָר בערעקס אָרעם איז געווען צו נידעריק. אין דער מינוט איז ער, זיידנער געווען, ווי אַן עלטערער קרוב. מען האָט געדאַרפט אַ מענטשן טרייסטן. נישט וויכטיק איז פון וואָס דער מענטש האָט געליטן, אָבער געליטן האָט ער דאָך אויף אַן אמת, אַזוי קליין געווען, אַזוי איינגעצויגן. עפּעס אַ קבצן, אַ מאָדנער, אַ קבצן מיט אַ פולן טייסטער געלט. זיידנער האָט עפּעס גע־פילט אַ מיטגעפיל אַן אומפאַרשטענדלעכן צו דעם בערעק, וועלכן ער האָט פריער אויסגעלאַכט און אפילו פיינט געהאַט און נישט נאָר צו בע־רעקן אַליין, צו דער וועלט, צו דער גאַס. די טראַמווייען זענען איצט פול געווען מיט אַרבעטער, וועלכע די פאַבריקן האָבן אַרויסגעלאָזט, כּדי זיי זאָלן איבערנעכטיקן ביי זיך אינדערהיים. אויף די טראָטואַרן זענען אויך געווען אַ סך אַרבעטער, זיי זענען געגאַנגען מיט שנעלערע טריט, זיי האָבן געוואָרפן בליקן אין די רייכע שויפענצטער, געוואָרפן בליקן אויף די רייך געקליידעטע, איבערגעיאָגט אַלעמען און פאַרשווונדן געוואָרן.

מיטאַמאָל דערהערט ער בערעקס קול. זיידנער האָט אויף אַ רגע פון אים פאַרגעסן.

— פונדעסטוועגן איז אַ שאָד, פּאַניע זיידנער! אַ שאָד...

— וועגן וואָס רעדט איר בער... פּאַניע פוסבאַנק!

— איך מיין דעם שותּפות, וואָס איך האָב אייך פאָרגעלייגט, אַ שאָד, וואָס איר האָט עס נישט אָנגענומען.

— זאָלט איר קיין גרעסערע דאגות נישט האָבן און לאָמיר מער וועגן דעם נישט רעדן.

פון דעם דאָזיקן שפּאַציר־גאַנג אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס איז זיידנער אויף קיין פּערטל סענטימעטער נישט קלענער געוואָרן, דערפאַר איז בערעק גרעסער געוואַקסן: זיידנער שפּרייזט מיט אים און רעדט מיט אים אינטים. ער קוקט בערעקן אין די אויגן און רעדט צו אים, ווי צו זיין נאָענטסטן פריינט. און די גאַס איז פול מיט מענטשן, עס גייען פאַר־

ביי בערעקס באַקאַנטע, ער באַגריסט זיך מיט זיי אויפן קול: „זעט מיט וועמען איך שפּאַציר דאָ, מיט זיידנערן, ער איז טאַקע אויס פאַבריקאַנט, אָבער ער איז זיידנער דער יחסן, דער קלוגער, דער דערצויגענער, דער געבילדעטער״.

זיידנער האָט געזען, ווי בערעק קוועלט אָן פון אַזאַ שפּאַציר, האָט ער דעם שפּאַציר אומישנע פאַרלענגערט. אויב אַ מענטש האָט הנאה פון זיין אייגענער נאַרישקייט, טאָ זאָל ער עס טרינקען, ווי אַ פערד פון אַ פולן עמער.

בערעק האָט שפּעטער פאַרגעלייגט זיידנערן דעם אויטאָ זיינעם. ער וועט אים באַגלייטן.

גוט. זיידנער האָט איינגעשטימט. אַן אַנדער מאָל וואָלט ער נישט געפאָרן מיט בערעקן, אָבער איצט, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אין קאָפּע אַזוי קלאָגעדיק מתודה געווען, איז ער אים ליבער געוואָרן צוליב זיין נעבעכדיקייט.

בערעק האָט געפירט זיין אויטאָ איבער די פּיעטריקאָווער גאַס און זיידנער איז געזעסן אינעווייניק מעשה פּריץ. די פּיעטריקאָווער גאַס איז גענוג שמאָל, אין יעדן וואָגן קאָן מען גוט אַריינקוקן, האָט מען טאַקע אַריינגעקוקט און געזען, ווער עס זיצט דאָרט.

שפּעטער האָט מען עס דערציילט און קאָמענטירט:

— אָט דער זיידנער, פריער, אַז ער איז געווען אין די פעדערן, אַ. פריער איז ער געווען אַ פאַרשלאָסענער יחסן און איצט, אַז ער האָט שוין גאָרנישט, חברט זיך דער יחסן מיט אַזאַ בערעק. ווייל, בערעק האָט כוח, ווייל געלט איז אַ כוח...

אַנדערש האָט מען דאָס נישט פאַרשטאַנען און אַנדערש האָט מען דאָס נישט געקאָנט און נישט געוואָלט פאַרשטיין: זיידנער חנפעט זיך צו בערעקן. מען האָט געפּאַקט אַ רכילותל און זיך באַסמאַקעוועט מיט דעם, אָבער נישט אַלע מאָל טרעפט די רכילות אין פּינטל אַריין. דאָס מאָל האָט די רכילות אינגאַנצן נישט געטראָפן.

נאָך דער באַגעגעניש מיט בערעקן איז זיידנער געגאַנגען זוכן אַל־קערן. עס האָט זיך אים וואָס גיכער געוואָלט דערציילן פאַר זיין פריינט די גאַנצע געשיכטע מיט דעם פאַרגעלייגטן שותפות. ער האָט זיך גוט אָנגעמאַטערט, ביז ער האָט אַלקערן געפונען:

— איך האָב פאַר דיר אַ שיינע מעשה, אַלקער!

— און איך האָב פאַר דיר אַ גרוס...

— פון וועמען?

— אַז איך וועל דיר נישט זאָגן, וועסטו אַליין טרעפן.

— פון דער איליטאָוויטש...

— געטראָפן, איך האָב זי היינט געזען אויף דער גאַס, זי האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן דיר, זי וויל דיך זען פאַרן אַוועקפאָרן.

— אויף אמת?

— אויף אמת... איך האָב באַשטעלט פאַר דיר אַ ראַנדע־ווו היינט, אויף צען אין אָוונט, אויף פיעטריקאָווער הונדערט דרייצן אין גאָרטן דאָרט... וועסט האָבן צייט?

— איצט האָב איך שטענדיק צייט און דיר דאַנק איך, ביסט אויף אַן אמת געוואָרן מיין האַרץ־סעקרעטאַר.

געלאַכט האָבן זיי ביידע און ביידע זענען געווען גוט געשטימט אין דעם רוישיקן זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען אַזוי פיל מענטשן האָבן זיך געלאָזן שפּאַצירן אויף די גאַסן. אויסגעדוכט האָט זיך, אַז די אַלע, וואָס שפּאַצירן דאָ, געפינען זיך נישט אויף זייער ריכטיקן פּלאַץ, זיי זענען אַרויס צום זומער און דער זומער איז דאָ געווען געפּאַנגען צוזאַמען מיט די מענטשן.

— פעליקס! האָסט עפּעס געוואָלט דערציילן...

— יאָ, בערעק איז היינט געקומען צו מיר מיט אַ פאָרשלאַג. בערעק האָט מיך עטלעכע טעג געזוכט און ער האָט מיך געפּאַקט, איך האָב היינט מיט אים באַלאַמוטשעט עטלעכע שעה. איך מיט בערעק פּוסבאַנק האָבן קאָנפערירט וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין...

— זייער אַ וויכטיקער?

— זייער און זייער, איך בין נאָך אַלץ אונטער דעם איינדרוק, וואָס אַזאַ איינעם קאָן איינפאַלן!

און ער האָט אָלקערן דערציילט וועגן זיין געשפּרעך מיט בערעקן און וועגן דעם איינדרוק, וואָס דאָס געשפּרעך האָט געמאַכט אויף אים:

— איך וועל פון אים מער נישט לאַכן, אָט דער קאָמישער מענטשל האָט אויך זיין טראַגעדיע.

— דאָס קאָמישע מוז מען אויסלאַכן.

— אָלקער, דאָס איז אמת, אָבער יעדער פון אונדז איז מער אָדער ווייניקער קאָמיש, אַנדערע קאָנען עס בעסער פאַרדעקן...

— אין דעם גייט עס טאַקע, פעליקס!
זיי האָבן זיך איינגעוויקלט אין דעם קנויל פון די שפּאַצירנדע. דער קנויל האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט. מען ווערט טעמפּ פון אַזאַ אויסמישן זיך מיט אַלעמען. זעלטן ווען די אויפמערקזאַמקייט פאַלט אויף וועמען... אפשר דאַן, ווען מען דערזעט אַ גאַר רייכן פאַבריקאַנט, אַ יחסן, וועלכער האַלט זיך אויך פשוט אין קנויל, אפשר דאַן, ווען מען דערזעט אַ גאַר שיינע פרוי, אַ פּאָר אויגן, וואָס דערלאַנגען טיף אין האַרצן. דאָס איבע־ריקע איז באַקאַנט און געוועגלעך, פון אַלע פּנימער ווערט איין פּנים, דאָס פּנים פון אַ לאַנגער, גרויער גאַס.

23

נאַכט-וואַנדער

די פּיעטריקאָווער גאַס...
די צאַפּלדיקע נשמה פון אַ גרויסער שטאָט, ווו אַלץ אַרבעט, כּדי זיך אויסצופּיינען פאַר דער זעלבער גאַס. דאָ באַווייזט זיך דער אויפגעקומע־נער מיט זיין ווייב אין איר נייעם בגד, כּדי זיך צו רייצן מיט אַנדערע פרויען. די אַלע גאַסן און געסלעך פון דער גאַנצער שטאָט רייסן זיך אַהער. יעדער ניי־געקויפטער אויטאָמאָביל קומט זיך דאָ באַווייזן, יעדער נייער מאַנטל. די הויפּט־גאַס פון דער שטאָט, עס דאַכט זיך, אַז זי צווינגט עס די מענטשן זיך צו יאָגן אַזוי נאָך געלט, נאָך לייכטע און שווערע פאַרדינסטן, נישט אָפּצושטעלן זיך פאַר קיין שום זאַך. די גאַס רופט זיי, די מענטשן, זי דיקטירט זיי צו זיין שלעכט, גראַדליניק, נישט מיטפילן און נישט העלפן, נאָר זיין עגאָאיסטיש, קאַלט און אויסגערעכנט. די גאַס לאַכט אויס דעם יענעם, וואָס האָט נישט וואָס צו שטאָלצירן און שטאָלצירן וויל מען דאָ בלויז מיט שרייאיקער רייכקייט.
אַלקער זאָגט, אַז די דאָזיקע גאַס דערמאָנט אים אַ לאַנגע קישקע, דורך וועלכע עס גייט אַדורך שטענדיק דער זעלבער שטראָם און אַלקער זאָגט אויך, אַז דאָס איז די באַקוועמסטע גאַס אויף דער וועלט. דאָ האָט מען אַלץ, כּמעט אַלע סקלאַדן און לאַגערן פון מאַנופאַקטור, אַלע נויטיקע קראָמען, אַלע קאַפעס. דאָ האָסטו די אָרעמקייט פון דער שטאָט און די

רייכקייט פון דער שטאָט. דאָ זעסטו שטענדיק פאַר די אויגן דעם אויפ־געקומענעם און דעם אָפּגעקומענעם, דאָ האָסטו דעם שענסטן האָטעל. דאָ זעסטו פּאַלאַצן און פאַבריקן. זוכסטו אַ מענטשן, קאָנסטו אים געפינען אויף דער פּיעטריקאָווער. דאָ האָט יעדער זיין ווינקל. באַדאַרפסטו אַן אַדוואָקאַט געפינסטו אים אין „זשעמיאַנסקאַ״, באַדאַרפסטו אַ מעקלער, געפינסטו אים אין „אַסטאָריאַ״, דעם קינאָ האָסטו אונטערן האַנט און צום טעאַטער איז אויך נישט ווייט. דאָ איז די בירזשע און דאָ איז דער שפּאַ־ציר. דאָ זעט מען אַלע מיידלעך, וואָס זוכן חתנים און אַלע בחורים, וואָס זוכן כלות. דאָ פאַראַדירט מען מיט נייקייט, מיט אַ נייעם קראַוואַט, מיט אַ נייעם קאָסטיום. אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס אַרבעט מען און מען שפּעקולירט איבער די כוחות און טון טוט מען עס ווידער פאַר דער פּיעטריקאָווער גאַס, אַלץ פאַר דער פּיעטריקאָווער. דאָ דערקענט מען, ווער עס איז רייך געוואָרן און דאָ ווייסט מען, ווער עס איז פאַראָרעמט געוואָרן. לויט די בליקן פון די מענטשן, לויט די טריט, וואָס זיי שטעלן, לויט די בגדים. — אַלץ איז באַוווּסט. די גאַס איז געווען, ווי אַן אָפּענער פענצטער, אין וועלכן מען קאָן אַריינקוקן אין דער גאַנצער שטאָט. וויפל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אַרבעטן שווער אַ גאַנצע וואָך, כדי אין פרייען טאָג זאָלן זיי זיך קאָנען באַווייזן און פאַראַדירן אין אַ נייעם בגד, וואָס האָט געקאָסט אַזוי פיל שוויס. נייערקעס און שפּולערקעס פון די גרויסע פאַבריקן. הונדערטער און טויזנטער זאַקנמאַכערקעס בלייכע, האַלב־מידע, שמייכלען זיי מיט אַ האַלבן שמייכל און שפּרייזן הין און צוריק אויף דער ענדלאָזער גאַס — און זיי קוקן אין דער ענדלאָזיקייט — און וואָס קוקן זיי אויס?

אויף דער גאַס האָט מען איצט געזעען אַ סך מער ווי פריער די געשטאַלט פון פעליקס זיידנער און כאָטש פאַר דער אינדוסטריע איז ער שוין געווען אַן אָפּגעזעגנטער, דאָך האָט ער נאָך אימפּאָנירט, ער איז געפעלן, אויס פאַבריקאַנט שוין, דאָך, רופט ער נישט אַרויס קיין רחמנות ביי קיינעם. ער האַלט גלייך דעם קאָפּ. ער פאַרט שוין נישט אַרום איבער די גאַסן אין זיין אויטאָמאָביל, אָבער ער שפּרייזט נאָך אַלץ, ווי אַ יחסן, זאָגט מען טאָקע וועגן אים:

— דער זיידנער האַלט זיך זייער גוט.

— ער זעט אויס גאָר יונג פאַר זיינע יאָרן...

— ער זעט נישט אויס, ווי קיין אָרעמאַן.

דער מענטש האָט אימפּאָנירט, ווייל זיין בגד איז נישט געווען אָפּגע־לאָזן, ווייל זיין שלאַנקייט האָט זיך נישט געבויגן, ווייל ער איז געווען טאַלעראַנט צו אַלעמען און ווייל ער האָט מיט די לאָדזשער נישט גערעדט וועגן די ספּעציפישע לאָדזשער ענינים, נישט וועגן זיינע ליקווידירטע געשעפטן און נישט וועגן אַנדערע ליקווידאַציעס. אָן עכטער לאָדזשער איז ער דאָך געווען. דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, דאָ געאַרבעט און דער־גרייכט און דאָ געפאַלן... אָבער אַן איינדרוק האָט ער איצט געמאַכט, ווי אַן אַריסטאָקראַט, וואָס איז געקומען פון אַ צווייטער שטאָט, אָדער פון אַ צווייטן לאַנד.

— ער איז נאָך אַלץ אַ יחסן, — האָט ווער געפּרוווט בייסן.

— אַ קבצנישער יחסן, — האָט אַ צווייטער טיפער געביסן...

וואָס איז דאָס מיט די מענטשן, וואָס זיי ווילן בעסער זען אַ געפאַ־לענעם,איידער אַ שטאָלצן און ווירדיקן. וואָס האָבן זיי אַזאַ מורא פאַר דעם שטאָלצן? אפשר זענען זיי אַליין שוואַכע, אָנגעשראָקענע שפּלדיקע ברואים און זיי האָבן מורא פאַר דעם שטאָלצן און ווירדיקן. פון וואַנעט קומט די קנאה, אויב נישט פון שוואַכקייט און מאַכטלאָזיקייט? זיי האָבן הויקערס אויף די נשמות, דערפאַר קאָנען זיי נישט אָנקוקן אַ גלייכן רוקן...

אָבער עס איז נישט געגאַנגען. מען האָט עפּעס זיידנערן נישט גע־קאָנט אַזוי לייכט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווי אַנדערע געבראָכענע פאַבריקאַנטן. דער פערטער דור איז נישט דער ערשטער דור. בערעקן פאַרגעסט מען נאָך אָפּט צו זאָגן „פאַניע", כאָטש ער האָט אַזוי פיל קאַ־פּיטאַל און פאַר זיידנערן איז נאָך פאַראַן דרך־ארץ, כאָטש ער האָט שוין גאָרנישט.

אַלקער האָט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט זיידנערן:

— אַ סך קוקן אויף דיר, ווי אויף דעם אַמאָליקן זיידנער.

זיידנער האָט רואיק געשמייכלט און געענטפערט:

— וואַרט נאָך אַ ביסל... די ווילע מיינע אין אדעלמאַוועק וועט אויך אַוועקגיין צו באַצאָלן די לעצטע חובות. מיין וווינונג וועל איך אויך פאַרקויפן, די גוטע אַנצוגן וועל איך אָפּטראָגן און צעקנייטשן, איך וועל אָנהויבן בעטן אַ גמילות־חסד, ביי דעם און ביי יענעם, בעטן אַ הלוואהלע און נישט אַוועקגעבן, וועסטו שוין זען, ווי איך וועל ווערן אויס יחסן...

— אָבער דו האָסט דאָך געלט...

— שאַ! דאָס ווייס איך און דאָס ווייסטו, מער קיינער נישט, גע־דענק!

— איך האַלט נישט פון דיינע קאָנספּיראַציעס... צו וואָס?

— איך שפּיל זיך, אַלקער! לאָז מיר זיך אַ ביסל שפּילן.

— איך האַלט אָבער, אַז דאָס איז שוין גענוג...

— רעכנסטו טאַקע, אַז דאָס איז שוין גענוג?

— יאָ, לאָז זיי און לעב מיט דיין לעבן, ווי דו פאַרשטייסט. דאָס בעסטע: פאָר אַוועק אויף אַ צייט פון לאָדזש, מען וועט זיך אָפּגעוווינען פון דיר און דו וועסט זיך אָפּגעוווינען פון זיי...

— איך רעכן טאַקע צו פאָרן. אַ וועלט־רייזע צו מאַכן אויף אַ גאַנץ יאָר.

— אָט דאָס איז פיין, בראַוואָ! וועסט קומען צוריק אַ דערפרישטער, אַן אָפּגעברענטער אויפן פּנים, אַן עקזאָטישער, וועסט זיין די סענסאַציע פון טאָג.

צען דעם זייגער זענען זיי שוין ביידע געזעסן ביי אַ טישל אין גאָרטן־קאַפע. פול איז דאָ געווען: פאַבריקאַנטן און סוחרים מיט זייערע ווייבער, אָנגעשטעלטע מיט זייערע כּלות, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן... מענטשן זע־נען כּסדר צוגעקומען, דער זשוויר האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, דער אָרקעסטער האָט געגרילצט און די קעלנערס זענען מיט פליים געלאָפן פון איין טישל צו דעם צווייטן.

זיידנער און אַלקער האָבן באַטראַכט דעם עולם. דאָס איז געווען ביי זיי אַ מאָניע אַזאַ: „באַטראַכטן" דעם עולם. ווו זיי זענען לעצטנס געווען צוזאַמען, האָבן זיי מיט דער אמתער הנאה פון ליידיקגייער אַלעמען אָב־סערווירט און שטענדיק אַרויסגעכאַפּט עטלעכע קאָמישע טיפּן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און זיי האָבן שוין געהאַט איינעם אַ העכט. אין גאָרטן איז אַריינגעקומען דער פאַבריקאַנט בליישלאַק, איי־נער פון די נייע פאַבריקאַנטן. שווער און גרויס, ווי אַ בעלגישער פערד. ווען מען וואָלט קעגן אים אַוועקגעשטעלט בערעקן, וואָלט יענער אויס־געזען אַנטקעגן אים, ווי אַ קאַרליקל... אָבער דאָס שאַדט נישט... זיי גע־הערן ביידע צו דער זעלבער משפּחה פון די אויפגעקומענע. בליישלאַק גייט דאָ אַריין, ווי אַ יחסן, ער האָט שטענדיק אַ געמיין שמייכעלע אויף זיינע ליפּן און דאָס שמייכעלע רעדט צו דער גאַנצער וועלט:

— איך האָב געלט, דאָס, וואָס איר אַלע ווילט האָבן.

אַלקער דערזעט דעם בליישלאַק און שפּרינגט אויף:

— זע נאָר פעליקס! די „פעדערל" איז שוין דאָ.

ער איז זייער אַ גוטמוטיקער, דער אַלקער, נאָר ווען ער פּאַקט אַזאַ „פעדערל", קאָן ער זיך נישט איינהאַלטן. ער מוז בייסן. דער בליישלאַק איז נישט קיין סימפּאַטישער טיפּ. צוויי ווערטן פאַרמאָגט ער: געלט און כוח איינצוהאַלטן זיין געלט. אַרויסבאַקומען ביי אים עטלעכע זלאָטיס איז זייער אַ שווערע זאַך, דערביי איז ער ציניש, אומפאַרשעמט. ווען מען קומט צו אים בעטן אויף אַ נויטיקן צוועק, ענטפערט ער מיט נגידישער חוצפּה.

— איך וויל נישט און איך גיב נישט.

דאָס איז אַ מענטש, וואָס פאַרענטפערט זיך קיינמאָל נישט פאַר אַ צווייטן מענטשן. זיין גראָבער ווילן איז אַלץ. ער איז שטאָלץ ביי זיך, ווי אַ בעל־עגלה אין אַ קליין שטעטל, צו וועלכן עס איז צופעליק אַריינגעפאַלן דאָס בעסטע פערד, דערביי פאַרטראַכט זיך נישט דער בעל־עגלה קיינמאָל, אַז דאָס פערד קאָן פאַלן און פגרן.

אַלקער רופט אים אָן „פעדערל".

— ווי רעכנסטו? פעליקס! ווען מען קלאַפּט אָפּ אויף יעדער מטבע בליישלאַקס פּאָרטרעטל, וואָלטן מענטשן נאָך אַלץ אַזוי ליב געהאַט געלט?

— אויב נאָר די מטבע קלינגט גוט, קוקט מען נישט אויפן פּאָרטרעטל. ביסט געגרעכט... זע נאָר, ווי ער בלאָנדזשעט צווישן די בענקלעך, ער זוכט אַ פּלאַץ לעבן אַ גרויסן פאַבריקאַנט, לעבן אַ קלענערן וועט ער זיך נישט אַוועקזעצן.

אַלקער קוקט אים נאָך מיט בייזע אויגן, ווען ער האָט דערצו כוח, וואָלט ער אים באַשטימט אַוועקגעבלאָזן פון גאָרטן־קאַפע, ווייט אַוועקגעבלאָזן, איבערן פּאַרקאַן, איבער די הייזער און פאַבריקן.

— וואָס האָסטו צו אים? — פרעגט זיידנער.

— גאָרנישט! נאָר איך פיל, אַז מיר ביידע טאָרן נישט זיין אין איין קאַפע, אין איין גאַס, אין איין שטאָט און אפילו אויף איין וועלט נישט. איך, אָדער ער, איינער פון אונדז מוז פּלאַצן און גיכער וועט ער פּלאַצן, ווייל ער איז אַזוי אָנגעגאָסן מיט שמאַלץ. פע!

— הער אויף! עס לוינט נישט צו רעדן וועגן אַזעלכע. זוך בעסער די גוטע, זיי זענען אויך פאַראַן, כאָטש זיי וואַרפן זיך נישט אַזוי אין די אויגן.

— נו, יאָ! איך וועל זיך באַלד לאָזן זוכן די גוטע, איך וועל גיין און קלאַפּן אין די טירן און פרעגן: — ווער איז דאָ אַ גוטער?

פלוצלינג האָבן זיי אויפגעהערט צו זען דעם פאַבריקאַנט בליישלאַק, ווייל צו זיי האָט זיך דערנענטערט ליזאַ איליטאָוויטש. זי איז געגאַנגען מיט נישט זיכערע טריט, נישט איינגעוווינט געווען צו די עפּנטלעכע פּלע־צער, ווו עס געפינען זיך אַ סך מענטשן. זי איז געגאַנגען גלייך צום טישל פון זיידנער־אַלקער, פּאַראַויס — אירס אַ שמייכל.ביידע זענען זיי אויפגעשטאַנען מיט אמתן רעספּעקט. און ליזאַ פאַרלירט זיך אינגאַנצן, ווען זי זעט, ווי פון אַלע זייטן קוקט מען אויף איר. יעדער איינער, וואָס קומט דאָ צו, מוז פריער באַטראַכט ווערן פון דעם גאַנצן עולם. אָבער דאָס איז אַזאַ באַטראַכטן, פון וועלכן אַ סך פאַרלירן זיך און זיי דאַנקען גאָט, ווען מען לאָזט שוין אַראָפּ די אויגן פון זיי.

זי איז היינט געווען מער אויפגעמונטערט און ווייניקער מיד. אָנגע־טון איז זי געווען אין אַ שאַרן קאָסטיום. זי האָט פון די דינע פינגער אַראָפּגעצויגן די קינדערישע הענטשקעס און געפרעגט:

— ווי פאַרברענגט איר דאָ?

— איך מיט זיידנערן זיצן דאָ און לאַכן אויס אַלץ, וואָס לאָזט זיך אויסלאַכן. אָט גיט אַ קוק אויף יענע דריי נימפעס ביי דעם טישל פון דער לינקער זייט, אָט דאָרט אונטער דעם גרויסן לאָמפּ. גיט אַ קוק אויף זייערע קעפּ מיט דער פאַזשן־פאַרקעמונג, ווי אומנאַטירלעך די האָר זע־נען געפאַרבט, און דער גלאַנץ! דער געמיינער גלאַנץ פון דער הונדערט־פּראָצענטיקער געשמאַקלאָזיקייט. פאַזשן־פאַרקעמונג. דאָ איז נישטאָ קיין פאַזש און נישטאָ קיין פאַרקעמונג. דריי פרויען־קעפּ, אָבער די דריי פרוי־ען־קעפּ זענען גיכער ענלעך צו דריי קעפּ פון פייער־לעשער, ווען זיי טראָגן זייערע מעשענע העלמען. דריי מעשענע פאַנען זענען דאָס. ווען די פרויען ווילן זיין שענער, ווי די נאַטור האָט זיי באַשאַפן, איז דאָס נישט קיין זינד, אָבער ווען פון דער גאַנצער שיינקייט קומט אַרויס אַ געשמאַק־לאָזיקייט — דעמאָלט באַדאַרף מען זיי אויפהענגען...

די פאַננע איליטאָוויטש האָט זיך צעלאַכט:

— נייך, פאַניע אַלקער!... מען דאַרף זיי נישט אויפהענגען, פאַראַן פאַר אַזעלכע אַ גרעסערע שטראָף: מען דאַרף נישט קוקן אויף זיי, עפּעס ערגערס קאָן מען פאַר זיי נישט אויסטראַכטן. איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט פאַר אַ פרוי, ווען מען קוקט נישט אויף איר?

— ווי קאָן מען נישט קוקן אויף זיי, ווען גראָד דאָס מיאוסע קריכט חוצפּהדיק אין די אויגן?

— אָט אַזוי, פֿאַניע אַלקער! מען דרייט אָפּ דעם קאָפּ און מען קוקט נישט.

— אַזוי גאָר. נישט קוקן, ווען דאָס רייסט אויף די אויגן.

— קלויבט זיך אויס אַ שיין פּנים פֿון דער געזעלשאַפֿט און קוקט אויף אַ שיינקייט, אָדער נעמט אַ זשורנאַל מיט אילוסטראַציעס, אָדער קוקט אויף די שטערן, איר זעט! אפילו אין לאָדזש זענען פֿאַראַן שטערן, אָבער גענוג וועגן דעם, אויב איר ווילט דערלויבן, גענוג וועגן פֿאַזשן־פֿאַרקעמונג. איך בין היינט גוט געשטימט, ווייל מאָרגן האָב איך נישט קיין אַרבעט און איבערמאָרגן פֿאָר איך אַוועק צום ים, קיין קאַרווי, אַזוי ווי איך האָב געפּלאַנט, אַזוי איז דאָס אַרויסגעקומען.

— איר פֿאָרט שוין? — האָט זיידנער געפֿרעגט.

— יאָ, די מויערן וועלן נישט זיין, קיין רויך וועט נישט זיין און קיין מאַטעמאַטיק — אויך נישט, בלויז לופֿט און זון, לופֿט און שטח... שטח און ים... איר ווייסט, וואָס דאָס איז פֿאַר מיר? יאָרן האָב איך שוין נישט אָפּגערוט, אַזוי אַז דאָס איז געוואָרן מיין איצטיקער חלום. אַוועקגיין מיט מיין מידן „איך" פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען, גאָט צו דאַנקען! איך האָב אויסגעפֿירט, עטלעכע וואָכן וועל איך רוען. די, וואָס רוען שטענדיק, מעגן מיך מקנא זיין, מיין פֿרייד איז זיי פֿרעמד.

— איך בין אייך מקנא, — האָט זיידנער ווידער געזאָגט.

— פֿאָרט אויך!

— איך טראַכט וועגן דעם... איך האָב אייך שוין געזאָגט וועגן דעם, אַז איך וויל אויך פֿאָרן אַהין. איך געדענק שוין נישט די צייט, ווען איך האָב אויסגערוט. יאָ, מען דאַרף דאָך אַמאָל אָפּציען דעם אָטעם... איך וועל פֿאָרן קיין קאַרווי.

— אויף אַן אמת, פֿאַניע זיידנער! איך וואָלט געווען זייער צופֿרידן.

אַלקער האָט זיך דערווייל אויפֿגעהויבן פֿון זיין פּלאַץ, ער האָט איבערגעבעטן און געזאָגט, אַז ער גייט זיך דאָרט „צוטשעפּען" צו אַ צווייטן טישל, ער האָט מיט עמיצן צו רעדן. געטון האָט ער דאָס אומישנע, ווייל ער האָט נישט געוואָלט שטערן זיידנערן.

ווי נאָר אַלקער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט די איליטאָוויטש באַלד געביטן דעם טאָן און די טעמע:

— פּאַניע זיידנער! איך האָב צוליב אייך געהאַט אַ סך קלעמעניש און נישט איך אַליין, אַלע ביי אונדז אין שטוב פילן אייך מיט, דער פּאָטער מיינער גייט אינגאַנצן אַרום אָן אַ קאָפּ, כאָטש ער איז געבליבן ביי זיין פּאָסטן, דאָך געפינט ער זיך נישט קיין אָרט...

— איך פאַרשטיי אייך, איר מיינט מיין פאַבריק, וועלכע איז איבער־געגאַנגען אין אַנדערע הענט...

— יאָ! עס זענען פאַראַן זאַכן, צו וועלכע מען קאָן זיך נישט צוגע־וווינען. איך בין זייער ווייט פון אייערע געשעפטן, אַ סך ווייטער, ווי אַנ־דערע און דאָך האָט עס מיך שווער געטראָפן. דער פאַבריקאַנט זיידנער איז פאַר מיר מער, ווי אַ פאַבריקאַנט. די פירמע „זיידנער" איז געווען דער שטאָלץ פון מיין פאָטער, און אַ פאָטער ווירקט דאָך אויף זיינע קינדער.

— איך פאַרשטיי אייך...

— ביי אונדז אינדערהיים זענען אַלע נידערגעשלאָגן. מען קאָן צו זיך נישט קומען.

זי האָט פון אויפרעגונג מער נישט געקאָנט רעדן. זיידנער האָט אָנגעזאַמלט זיין גאַנצע רואיקייט, ער האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איך וואָלט זייער וועלן, אַז איר און אַלע אייערע זאָלן זיך מיט דעם נישט איבערנעמען.

— אָבער דאָס איז דאָך אַן אומגליק, אַן אונטערגאַנג...

— איך פיל זיך נישט, ווי קיין אונטערגעגאַנגענער, פאַרקערט, איך פיל זיך אַ סך בעסער, איך בין אַ פרייער מענטש, אַלע קלאָפּאָטן זענען אַראָפּ...

— דאָס זאָגט איר דאָך גלאַט אַזוי, איר ווילט זיך אַליין טרייסטן און איר ווילט אויך אייערע פריינט טרייסטן.

— איך האָב נישט קיין פריינט...

— אַך! יאָ, אַלקער, ער איז נאָך מער, ווי אַ פריינט, ער איז מיין נאָענטסטער.

— איך בין אויך אייער פריינט?

זיידנער האָט זי אָנגעקוקט:

— איר זענט מיר אַ פריינט? מיר קענען זיך דאָך אַזוי ווייניק.

— דער „אַזוי ווייניק" איז זייער פיל, ווען אַ מענטש געפעלט, ווען אַ מענטש אימפּאָנירט... פּאַניע זיידנער! איך נעם זייער ווייניק צו קאָמ־

פּלימענטן און נאָך וויניקער גיב איך זיי. איר זענט אַן אויסנאַם, איר געפעלט מיר. שטענדיק, ווען איך פּלעג אייך צופעליק זען פונדערווייטן, פּלעג איך טראַכטן:

— אַ שאָד, וואָס דער זיידנער איז אַ גרויסער פאַבריקאַנט און אַזאַ יחסן ביי זיך...

— איז דאָך איצט גוט. שוין אויס פאַבריקאַנט און אויס יחסן...

— עס איז גוט און שלעכט... פאַניע זיידנער! ווי וועט איר זיך איצט אַן עצה געבן, איר זענט דאָך צוגעוווינט צו אייער אַרט לעבן, וואָס וועט זיין מיט אייער זעלבסטשטענדיקייט, מיט אייער אומאָפּהענגיקייט?...

— האָט נישט קיין צער פון דעם, פריילין ליזע! איך זע, אַז איך וועל טאַקע קומען אין קאַרווי און אייך באַרואיקן. אָבער דאָ שוין, מוז איך אייך זאָגן, אַז מיר איז איצטער גוט, אַ סך בעסער אַן דער פאַבריק, ווי מיט דער פאַבריק, איך האָב איצט צייט און, אַז עס איז דאָ צייט איז דאָ געדאַנק, טראַכטעניש און איבערטראַכטעניש. זעט, ווי אַלקער לעבט אָפּ אַ לעבן. אַ ביסעלע אַרבעט ער און די איבעריקע צייט — פאַר זיך און פאַר אַלעמען, פאַר ערנסט און פאַר לייכטזין. איך וועל זיך צוגע־ווינען צו אַ ניי אַרט לעבן, איך וועל נישט פאַרלוירן גיין, פאַרקערט, אַ פאַרלוירענער בין איך פריער געווען.

זי האָט גענומען מאָלן דאָס לעבן אין שוואַרצע פאַרבן און זיידנער האָט אויף אַלץ געענטפערט:

— עס וועט זיין גוט.

— הלוואי זאָל זיין גוט, פאַניע זיידנער! איר זענט מער דערפאַרן פאַר מיר, פונדעסטוועגן זענען פאַראַן זאַכן, וועלכע איר וואָלט זיך גע־קאָנט לערנען ביי מיר.

— וועלכע זאַכן?

— געוועגלעכע מענטשלעכע צרות. איך האָב עס פריי באַקענט. איך האָב זייער פריי אָנגעהויבן צו אַרבעטן און ליידן, איך קען דעם ביטערן טעם פון לעבן. און ווען איך זע ווי איינער גייט אונטער... האָב איך פאַר אים מורא, אפשר איז ער שוין צופיל מונטער, אפשר האָט ער זיך שוין צופיל איינגערעדט? איר זענט אַריינגעפאַלן פון איין עקסטרעם אין דער צווייטער. פריער צופיל רייך און צופיל פאַרנומען און איצטער צופיל פריי און צופיל...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט דערזאָגט.

— פאַרוואָס האָט איר נישט געענדיקט? איר שווייגט, וועל איך פאַר אייך ענדיקן. איר האָט געוואָלט זאָגן: „צופיל אָרעם".

— איך ווייס נישט... איך האָב אַ סך צער צוליב אייך.

— פריילין איליטאָוויטש, נעמט זיך נישט צום האַרצן, איך בין רואיק פאַר זיך, זייט איר רואיק פאַר מיר. איך ווייס נאָך נישט, וואָס עס וועט זיין מיט מיר, נאָר איך פיל, אַז עס וועט זיין גוט, האַנט־געלט האָב איך שוין.

— וועלכעס האַנט־געלט?

— צוויי מאָל „האַנט־געלט", איינמאָל פיל איך זיך פריי, איר ווייסט נישט, איר קאָנט עס גאָרנישט פאַרשטיין, ווי עס פילט זיך אַ מענטש, וועלכער איז אַ סך יאָרן געווען אַרומגעוויקלט און איינגעפּלאָנטערט אין די פעדעם פון זיין פאַבריק, איר ווייסט גאָרנישט, ווי אַזוי איך נעם אויף די פרייהייט, דאָס איז פאַר מיר אַן אמתער אוצר... איינמאָל „האַנט־געלט" און דאָס צווייטע מאָל: איר האָט נאָר וואָס געזאָגט, אַז איר זענט מיר אַ פריינט, איך שעץ דאָס זייער שטאַרק, דאָס איז ווערט אַ פאַבריק, דאָס איז ווערט אַלע לאָדזשער פאַבריקן.

— איר טרייבט נישקשה איבער...

— איך פיל אַזוי. איר ווייסט, פאַננאַ ליזאַ, פאַננאַ איליטאָוויטש! איך האָב ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן צו פילן און איך מוז אייך זאָגן, אַז פילן איז זייער אַ גוט געפיל...

— פילן איז זייער אַ גוטע זאַך, אמת...

זיי האָבן כמעט ווי פאַרגעסן, אַז אַרום זיי זיצן נאָך צענדליקער מענטשן, כאָטש די אַלע איבעריקע האָבן אויך גערעדט און געלאַכט, נאָר דער צונויפגעמישטער קול פון אַלעמען איז צו זיי נישט דערגאַנגען. די אייגענע ווערטער און די אייגענע בליקן זענען שטאַרקער, דעמאָלט, ווען מען איז פאַרנומען מיט זיך אַליין. זי איז היינט געווען עטוואָס דרייסטער, ליזאַ איליטאָוויטש. זי האָט מער גערעדט. זי האָט פריי אויפגעהויבן די אויגן און באַטראַכט דעם גאַנצן עולם, פונקט, ווי זי וואָלט זיי וועלן מעלדן: „היינט בין איך אויך אַ פרייער מענטש". זי האָט געקוקט אויף די מענטשן און נאָכגעפרעגט ביי זיידנערן...

— ווער איז די מיט דעם גרויסן ברילאַנט...

— און יענע, וואָס לאַכט אַזוי פוסט...

— און יענער, וואָס רעדט פאַר צען ווייבער, אַ מאַן זאָל אַזוי פיל רעדן?

— מיד איז זי נאָך געווען, די מידקייט האָט געשוועבט אַרום איר געזיכט, ווי אַ דין־דינער וואַל, צוגעפאַלן צום פּנים און לייכט־לייכט אָפּגעפלויגן צוריק און דאָך איז זי געווען מונטער. צום ערשטן מאָל האָט זי זיידנער געזען אין אַזאַ מונטערקייט.

באַשטימט האָט מען עס געדאַרפט צושרייבן דעם פאַקט, וואָס איבער־מאָרגן פאַרלאָזט זי אויף עטלעכע וואָכן די שטאָט לאָדזש. די ענגע שטאָט לאָדזש און זי, די לערערין, וועט וואָכן לאַנג קיינעם נישט לערנען. מען וועט קאָנען שלאָפן לענגער און לופט וועט מען אָטעמען, ריינע ים־לופט.

— איך וועל אַריינגיין אין ים און נישט אַרויסגיין צוריק...

— דעמאָלט וועט אומעטיק ווערן אויף דער פּליאַזשע, איך וועל דער־צו נישט דערלאָזן...

— איר? איר וועט דאָך זיין אין לאָדזש?...

— איך וועל זיין אין קאַרווי.

— ווען?

— אין אַ וואָך נאָך אייער אַרויספאָרן וועל איך אַהין קומען, אָבער איך האָב מורא...

— פאַרוואָס? פאַר ועמען?

— איך האָב מורא, אַז ווען איך וועל קומען קיין קאַרווי, וועט שוין די זעלבע ליזאַ האָבן אַ סך באַקאַנטע, יונגע באַקאַנטע און איך בין שוין אַלט זעקס און פערציק יאָר...

— איר זענט זייער אָפּנהערציק.

— איך האָב נישט קיין ברירה.

— הערט אויף! און דערמאָנט מיר נישט אייערע יאָרן. זיי האָבן דאָ גאָרנישט צו זאָגן, און וועגן די יינגערע פון אייך וועלן מיר אַ צווייט מאָל רעדן, קיין גרויסע שותּפטע מיט גאָר יונגע בין איך נישט, איך בין דאָך אַן ערנסטער מענטש, אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק, ווי קום איך צו זיי?

— מען קומט שוין, יוגנט גייט צו יוגנט...

— און מענטש גייט צו מענטש.

— דאָס איז פיין געזאָגט געוואָרן.

— אויב עס איז פיין, טאָ געדענקט עס!

זי האָט גערעדט און געשמייכלט, געשמייכלט און געשוויגן. זי האָט לייכט געשפּילט סיי מיט די ווערטער און סיי מיטן שמייכל און זיידנערן האָט זיך זייער געוואָלט קאָנסטאַטירן, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי זאָגט איצט, איז אַ ביסעלע ווייטלעך פון דעם שאַבלאָן, פון דאָס געוועגלעכע.

זי האָט אפילו דרייסטקייט געהאַט אין אַנדערע אויסדריקן. דאָס האָט מען זיך נישט געקאָנט אויף איר ריכטן. נישט אומזיסט זאָגט אָלקער, אַז די שוואַכסטע פרוי האָט אויך ערגעץ־ווו באַהאַלטן אַ דרייסטקייט, מיט וועלכער זי איבעראַשט פריער צי שפּעטער. זי האָט אַרומגעקוקט דעם עולם און מיט לייכטער איראָניע און מיט לייכטן מיטגעפיל אַרויסגע־רעדט. דערביי האָט זי אָנגעוויזן אויף אַלעמען, וואָס זענען געזעסן ביי די טישלעך:

— יעדן אָוונט קומען זיי דאָ, עפּעס יאָגט זיי אוודאי פון דער היים, אַ פרעמדשאַפט, אַ פרעמדשאַפט צו די אייגענע ווענט און צום אייגענעם מאַן און ווייב. מען דאַרף די גאַס, די קאַפע, דעם קינאָ, מען דאַרף עפּעס אַ שותּפות, כּדי נישט צו זיין אַזוי איינזאַם און אָרעם... אָט זעט, ווי די דיקלעכע דאַמע גענעצט דאָרט, דאָס גענעצט די זאָרגלאָזיקייט, די זאַטע זאָרגלאָזיקייט. אַי, אַי, ווי זי גענעצט, זאָל זי גיין שלאָפן...

— איר רעדט שוין באַלד, ווי אָלקער...

— אייער אָלקער איז אַ בראַווער, ער קאָן גוט אויסלאַכן...

— און איר ווילט אויך אויסלאַכן...

— איך ווייס נישט, וואָס איך וויל, איך בין היינט פריי.

דער גאָרטן האָט גענומען ווערן ליידיקער.

אָלקער איז צוריקגעקומען אַ צופרידענער. זיין פּנים האָט געשיינט. זיידנער האָט אים גלייך געפרעגט:

— וואָס ביסטו אַזוי צופרידן?

— איך האָב דאָך געמאַכט אַ טראַנזאַקציע, אַ שווער שטיקל אַרבעט געווען מיט דעם טייטעלבוים...

— וואָס פאַר אַ טראַנזאַקציע?

— הער זיך איין, ווי נאָר איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן אים, האָט ער זיך גענומען באַרימען: די אַפּרעטור זיינע אַרבעט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, די טאָכטער גייט טון אַ טייערן שידוך, דער זון לערנט אין אָקספאָרד און די פּראָפעסאָרן זענען פון אים שטאַרק צופרידן, זיי זאָגן, דאַכט זיך, די פּראָפעסאָרן, אַז טייטעלבוימס זון וואַקסט אַ

גרויסער מענטש, אַ נייער ד׳איזראַעלי וואַקסט ער... יאָ, דער טייטעלבוים! ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין זיין אייגן הויז און אַ וווינונג האָט ער אויסגעפּוצט, ווי קיינער נישט אין לאָדזש. ביי דער וווינונג האָב איך אים געפּאַקט. סטאָפּ! איך האָב אים געפרעגט:

— בילדער האָט ער געקויפט?

האָט ער גענומען לאַכן:

— בילדער? ווער קויפט בילדער, היינט זענען אין דער מאָדע גלאַטע ווענט...

— ווער האָט עס אייך געזאָגט?

ענטפערט ער:

— אַלע זאָגן עס, מיין אַרכיטעקט האָט עס מיר געזאָגט.

— טאָ זאָגט אייער אַרכיטעקט, אַז ער האָט אַ גלאַטע נשמה און זאָגט אים, ער זאָל גיין צו אַלדע שוואַרצע יאָר מיט דער מאָדע און מיט אַלע מאָדעס. אַ גוט בילד לעבט איבער אַלע מאָדעס... דאָ גייען אַרום אין לאָדזש אַזעלכע עכטע קינסטלער, אַזאַ איצעק ברוינער, אַזאַ איגנאַץ הירשפּאַנג, אַזאַ באַרטשינסקי און אַזאַ האַבער, אַ כפּרה זאָלן גיין פאַר זיי די שייבלערס און די פּאָזנאַנסקעס, אַלץ, וואָס זיי וועבן וועט צעריסן און צעפליקט ווערן, קיין סימן וועט פון דעם נישט בלייבן, אָבער אַ בילד פון אַ מאָלער וועט ערגעץ בלייבן, עס וועט מוזן בלייבן. אַ גרוס פון אַ פאַרגאַנגענעם דור וועט בלייבן, אויף אַ וואַנט וועט עס הענגען און רעדן, דערציילן און אויסזינגען פאַרן אויג וועגן פאַרגאַנגען לעבן.

— און טייטעלבוים האָט געהאַט כוח אויסצוהערן דיין מאָנאָלאָג? אָלקער!

— איך האָב אין אים אַריינגעשריגן...

— וועט ער קויפן אַ בילד?

— יאָ, איך האָב שוין דאָס געלט אין קעשענע, אַ טשעק האָב איך.

— און ער וועט אויפהענגען דאָס בילד ביי זיך אויף אַ וואַנט? ס׳איז דאָך, זאָגט ער, נישט מאָדערן.

— איך וועל גיין צו אים אין שטוב און קאָנטראָלירן, צי דאָס בילד הענגט... אויב נישט, וועל איך אים אַליין אויפהענגען. דערווייל פריי איך זיך, איך האָב הנאה. עס זינגט אין מיר, עס טאַנצט אין מיר: דער נפש האָט געקויפט אַ בילד. דערווייל איין בילד פון דעם יונגן האַבער. דער יונגערמאַן וועט זיך מאָרגן פרייען... אָבער אַ שטיקל אַרבעט איז דאָס

געוועז. אַ קאַניבאַל וועט זיך גיכער אָפּזאָגן צו עסן מענטשן־פֿלייש, איידער אַזאַ טייטעלבוים וועט באַוויליקן צו קויפֿן אַ בילד.

— אַרבעטסטו דאָך יאָ פֿאַר דער וועלט — האָט זיידנער געזאָגט און מען האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, צי ער זאָגט עס מיט איראָניע.

— גאַנץ גוט האָט איר געמאַכט, פֿאַניע אַלקער! וואָס איר האָט פֿאַר־קויפֿט אַ בילד, גאַנץ גוט...

— און איר? ווי האָט איר דאָ פֿאַרבראַכט? וועלכע טראַנזאַקציעס דורכגעפֿירט?

— מיר? מיר האָבן אָקופּירט דעם ים מיט דער פֿליאַזשע אין קארווי...

— דו פֿאָרסט אויך? זיידנער!

— יאָ, אין אַ צען טעג אַרום. איך וויל זיך דאָרט אויסרוען פֿאַר מיין גאַנץ לעבן... דו וועסט אויך קומען אויף אַ ביסל צייט, מיר וועלן זיך באַמיען, וואָס בעסער צו פֿאַרברענגען. דו וועסט קומען? אַלקער!

— איך בין איצט זייער פֿאַרנומען. איך צווייפֿל, צי מיר וועט זיך איינגעבן צו פֿאַרלאָזן לאָדזש.

— עס וועט זיך דיר איינגעבן און דו וועסט קומען, איך קען דיך דאָך!

— איז גוט, אַז דו קענסט מיך, וועל איך יאָ קומען. נישט אַזוי צוליב דיר, ווי צוליב פֿריילין איליטאָוויטש.

— אָ, איך ווער גרויס ביי זיך. כ׳הויב אָן צו האָבן דערפֿאָלג, ווי נאָר איך רוק זיך אָפּ אַ ביסל פֿון דער מאַטעמאַטיק, הויב איך אָן צו האָבן דערפֿאָלג...

— טאָ, רוקט זיך אינגאַנצן אָפּ פֿון דער מאַטעמאַטיק...

— איז וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— דעמאָלט? דעמאָלט וועט מען איך אויסקלייבן פֿאַר אַ „מיס קארווי״.

זיי האָבן אַלע געלאַכט און אַלקער האָט געוואָרפֿן בליקן: אַמאָל אויף זיידנערן און אַמאָל אויף דער איליטאָוויטש. ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי ביי זיי פֿאַרקניפּט זיך, דאַכט זיך, אַז יאָ...

דאַכט זיך, אַז זיידנער וועט נישט בלייבן קיין נאַר. דאָס מיידל איז דאָך געקומען אַהער ספּעציעל צו באַגעגענען דעם פֿעליקס.

מיט מונטערקייט איז מען אַרויס פֿון גאָרטן. זיי זענען דאָרט געוועזן די לעצטע געסט. אַלע דריי זענען זאָרגלאָז געוועזן און קענטיק, אַז עס

גלוסט זיך זיי קיינעם נישט גיין אַהיים. אָלקער האָט געמאַכט אַ פּרווו צו פאַרלענגערן דעם היינטיקן צוזאַמענטרעף.

— איר ווייסט גאָר וואָס, מיינע הערן און דאַמען? איך האָב אַ פּלאַן, איך האָב זייער אַ גוטן פּלאַן, אַ טייערן פּלאַן.

— פּלאַנעווע נישט אַזוי פיל און רעד ווערטער!

— איך לייג פאָר, מען זאָל גאָר גיין אויף אַ שעה צייט אין „טאַבאַרין"...

— איך בין איינשטימיק... אָבער פריילין איליטאָוויטש! וואָס זאָגט איר?

— איך זאָג... איך זאָג, אַז איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. איך בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען...

— קיינמאָל אין „טאַבאַרין" נישט געווען?

— נישט אין „טאַבאַרין" און נישט אין אַנדערע נאַכט־לאָקאַלן. איך האָב בלויז געהערט און געלייענט וועגן דעם.

אָלקער האָט זיך אָנגעכאַפּט:

— איז טאַקע דערפאַר, ווייל איר זענט נאָך קיינמאָל אין קיין נאַכט־לאָקאַל נישט געווען, און טאַקע דערפאַר, ווייל אייער אורלויב האָט זיך שוין אָנגעהויבן און טאַקע ווייל קיינעם פון אונדז ווילט זיך נישט שלאָפן..

ליזאַ איליטאָוויטש האָט געפּרוווט אָפּאָנירן און אָלקער האָט נישט דערלאָזט צו קיין דיסקוסיעס:

— אָן מאַטעמאַטיק.

זי האָט איינגעשטימט, אָבער מיט איין באַדינג:

— איין שעה וועל איך דאָרט זיין, נישט מער. איך האָב מאָרגן אַ סך צו אַרבעטן און וויל זיין אויסגערוט. איין שעה וועט זיין מיר גענוג אָנצוקוקן אייער גן־עדן און דערנאָך וועל איך גיין שלאָפן און חלומען פון מיין גן־עדן, פון קאַרווי מיט דעם ים. איך גלויב נישט, צי אין שטאָט קאָן מען אַזוי פאַרברענגען, ווי אין אַ דאָרף ביים ים... קומט!

אַ ביסל שפּעטער זענען זיי אַלע דריי געזעסן אין נאַכט־לאָקאַל. זיידנער און אָלקער האָבן זיך דאָ געפילט פריי. פריילין איליטאָוויטש האָט זיך נייגעריק און אַזוי ווי אָנגעשראָקן אַרומגעקוקט. זי האָט כסדר געבלאָנדזשעט מיט די אויגן.

— די אַלע דאַמען, וואָס זיצן אַן קאַוואַלערן ביי די פרייע טישלעך... ווער זענען זיי?

— פּאַרטענצערינס; ווען עס זענען פאַראַן אַ סך געסט, פאַרבעט מען זיי, די דאָזיקע דאַמען, צום טאַנץ...

— און זיי מוזן טאַנצן?...

— דאָס איז זייער פּראָפעסיע. איינער מוז זיין אַ גאַנץ לעבן אַ פּאַ־בריקאַנט, דער צווייטער מוז זיין אַ וועבער, איינע לערנט טאָג נאָך טאָג מאַטעמאַטיק און איינע מוז טאַנצן נאַכט נאָך נאַכט. אָט אַזוי איז דאָס, גנעדיקע פרייליין. ניין! גנעדיקע מיס קארווי... וואָס טרינקט איר? מען מוז עפּעס באַשטעלן. און דו, פעליקס! דו ביסט עפּעס אַזוי שווייגנדיק געוואָרן...

— איך?

— יאָ, ביי דיר האָט זיך אָנגעהויבן „אַ חלום פון אַ זומערנאַכט", לאָז עס איבער אויף קארווי.

— און דו ביסט היינט אַזוי אויפגעלייגט.

— איך האָב היינט פאַרקויפט אַ בילד, געטון אַ טובה אַ יונגן קינסט־לער, בין איך צופרידן... הערט זיך איין, מיינע פריינט. יעדן טאָג מוז מען עפּעס טון, אַ גוטע זאַך, אָדער אַ שלעכטע זאַך... אַלץ איינס, דע־מאָלט האָט דער טאָג אַ געוויסע וואָגיקייט. די וועלט האָט פיינט פוסטקייט. יעדן טאָג דאַרף עפּעס פאַרצייכנט ווערן: נעכטן איז געבוירן געוואָרן קאָנפוציוס און היינט האָב איך פאַרקויפט איינעם אַ געלט־זאַק אַ בילד, צוויי גרויסע געשעענישן... אמת?

באַשטעלט האָט מען קאָניאַק. געטרונקען האָט מען ווייניק, גערעדט ווייניק. מען האָט מער געקוקט אויפן פּראָגראַם. אין מיטן זאַל זענען אַרויסגעשפּרונגען צוויי מיידלעך מיט ברוינע האָר, איינע זייער ענלעך צו דער צווייטער. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן מעסערס און גע־טאַנצט האָבן זיי אַן עקסצענטרישן, גזלנישן טאַנץ. עס האָט זיך געענדיקט בשלום און ביידע מיידלעך האָבן זיך אַ סך מאָל פאַרנויגט און אַנטלאָפן מיט לאַכנדיקע פנימער. דערנאָך איז געקומען אַ צווייטע פּאָר, אַן „ער" און אַ „זי". ביידע האָבן זיי געהאַט אויף זיך נישט מער, ווי אַ האַלבן מעטער שטאָף.

„ער" איז געבליבן שטיין אין דער מיטן אַזוי ווי אַ ברוגזער און זי האָט זיך גענומען דרייען אַרום אים און טאַנצן, דערביי האָט זי גע־

שמייכלט צו אים און זיך געחנדלט. פון די חנדלען איז ער נאָך בייזער געוואָרן, האָט „ער" אַ כאַפּ געטון די „זי". ער האָט זי אַ כאַפּ געטון אַקראָבאַטיש און אויפגעהויבן הויך, איבער זיין קאָפּ...

די מוזיק האָט כסדר צוגעשפּילט, ביז דער „ער" האָט אַ שליידער געטון די טענצערין אויף דער ערד. מען האָט געקאָנט טראַכטן, אַז זי וועט צעשאָטן אויף פּיצלעך, נאָר באַלד איז זי אויפגעשפּרונגען און גענומען זיך פאַרנויגן. אָט דאָס אַלץ, דאָס האָט געדאַרפט פאַרכאַפּן דעם אָטעם ביי די געסט, וואָס האָבן געטרונקען קאָניאַק ביי די טישלעך, נאָר, דאַכט זיך, אַז עס האָט נישט פאַרכאַפּט. עטלעכע מענטשן האָבן גענומען אַפּלאָדירן, די איבעריקע האָבן נישט אונטערגעהאַלטן. האָט זיך עס איי־בערגעריסן, דערנאָך האָבן געציילטע פּאָרלעך געטאַנצט. די מוזיק האָט געשפּילט אַ לאַנגזאַמען טאַנגאָ, עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע וועלן דאָ באַלד איינשלאָפן. די, וואָס טאַנצן וועלן אויך שלאָפן, די מוזיקאַנטן, די קעלנער אויך, אַלע.

זיידנער האָט געקוקט אויפן זייגער און די איליטאָוויטש האָט אים געפרעגט, צי ער איילט זיך.

— ניין! צוליב איך, איך טראַכט, אַז אייך איז דאָ לאַנגווייליק.

— עס הויבט זיך נישט אָן, פאַניע זיידנער! מען דאַרף אַלץ זעען און אַלץ וויסן. פאַר מיר איז דאָס אַ נייער פּלאַץ. פאַרוואָס זאָל מיר זיין לאַנגווייליק? איך דאַנק אייך זייער, וואָס איר האָט מיך מיטגענומען... ווו איז אָלקער?

אָלקער איז נישט געווען לעבן זיי. ער איז געגאַנגען קאָנטראָלירן דעם „טאַבאַרין". ער מוז דאָס וויסן, ווער עס טרינקט אין קאָקטייל־באַר און ווער עס ליגט שיכור אין קעלער? דאָרט איז פאַראַן אַ קליין שענקל פאַר יענע שיכורים, וואָס האָבן אַ סך געלט... אָלקער באַדאַרף עס קאָנ־טראָלירן.

זיידנער מיט ליזען זענען פאַרבליבן אַליין. זיי האָבן אויף זיך אַ קוק געגעבן. און וואָס האָט דער בליק באַדייט? אפשר האָבן זייביידע גע־וואָלט זאָגן איינס און דאָס זעלבע: עס איז גוט, ווען מען האָט אַזאַ טייערן פריינט, ווי אָלקער איז, עס איז גוט, וואָס ער קומט מיט אונדז אומעטום און עס איז אויך גוט, וואָס ער גייט אַמאָל אַוועק...

— אָבער איך האָב דאָך געזאָגט, אַז בלויז אַ שעה וועל איך דאָ זיין און עס איז שוין מער, ווי אַ שעה, איך טראַכט גאָרנישט וועגן גיין

אַהיים. אָ, ווי גיך מען ווערט צוגעוווינט צו אַנדערע זאַכן, ווי רעכנט איר, פּאַניע זיידנער? עס איז גוט, וואָס מען ווערט אַזוי גיך צוגעוווינט?

— אויב עס איז אנגענעם...

אין זאַל איז טונקל געווען. מען האָט קוים געהערט די מוזיק.

גערעדט האָבן זיי ווייניק, ווען אָלקער איז נישט געווען, נאָר פאַר די פינגער האָבן זיי זיך געהאַלטן און דערביי געקוקט אויף דעם טאַנצנ־דיקן עולם. אַלץ איינס... די שטימונג איז געקומען, אפילו אין אַ נאַכט־לאָקאַל, ווו שטימונג ווערט פאַבריצירט און צוגעגרייט, אפילו אין אַ נאַכט־לאָקאַל קאָנען מענטשן ווערן אויף אַן אמת פריילעך, אָדער אומע־טיק, סוף כל סוף נעמט זיך יעדער איין מיט זיין נשמה, דאָרט, ווו ער זאָל נישט קומען. ווען מען זאָל איצטער פרעגן ביי זיידנערן און ביי איליטאָוויטש, וואָס זיי פאַרלאַנגען, וואָלטן זיי באַשטימט געענטפערט:

— גייט צו אַלדי גוטע יאָר מיט אייערע טענץ, מיט אייערע גע־טראַנקען, לאָזט אונדז זיין אַליין מיט אַלע אייערע געמאַכטע שטימונגען. מיר זענען ביידע עלנדע צוויי מענטשן און מיט דער עלנדקייט ווילן מיר איצט בלייבן אַליין...

אָבער אָלקער איז דאָך געקומען צוריק. ער האָט שוין באַטראַכט אַלע שכורים און אַלע ניכטערע, ער האָט שוין אפילו אויסגערעכנט, וואָס אַזאַ לאָקאַל האָט פאַרדינט אין אַזאַ נאַכט. ער ווייסט שוין אַלץ און איצט:

— ווי לאַנג וועט מען זיצן?

איז די פראַגע געשטעלט געוואָרן, האָט מען גענומען טראַכטן וועגן גיין אַהיים. נאָך אַ ביסל געוואַרט, ביז דער קעלנער איז צוגעקומען, ביז דער חשבון איז אַרויפגעשוווּמען אויפן טישל, אין אַ טעלערל, ווי אין אַ שיפל..

ווען די דריי זענען אַרויס פון לאָקאַל האָט די מוזיק אַלץ געשפּילט, דין געשפּילט, ווי מלאכים, וואָלטן געשפּילט פאַר אַנדערע מלאכים, די קלאַנגען האָבן גערופן צוריק, אָבער זיי האָבן מיט רירנדן צער באַגלייט די, וואָס זענען אַוועק. די איינגעאיבטע מוזיקאַנטן באַווייזן געטלעכן וווּנ־דער מיט די קלאַנגען און אַלץ פאַר די עטלעכע גילדן, וואָס זיי באַקומען פון דער דירעקציע.

24

וואָס איז דאָס לאָדזש?

ווען ליזאַ איליטאָוויטש איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַרווי, זענען די צוויי פריינט אירע געקומען צו דער באַן, אַלקער האָט געהאַלטן בלומען, איינ־געוויקלט זענען די בלומען געווען אין אַ ווייסן פּאַפּיר.

מיט די בלומען איז פאָרגעקומען אַזאַ געשיכטע: אַלקער האָט אויפ־מערקזאַם געמאַכט זיידנערן, ער זאָל קויפן בלומען פאַר די איליטאָ־וויטש.

— דו מיינסט, אַז דאָס איז נויטיק?

— מען קאָן לעבן אָן דעם... אָבער בלומען זענען אַ ליבע זאַך...

— אָבער דאָס איז דאָך אַזוי באַנאַל... בלומען... אויפן וואקזאַל, לאָמיר זיך באַגיין אָן דעם.

— ווי דו פאַרשטייסט.

— איך וואָלט איר געגעבן, ליזען, אַ סך בלומען, אָבער טראָגן די בלומען, דערלאַנגען די בלומען...

— וועל איך טראָגן די בלומען און איך וועל זיי דערלאַנגען. איך, אַלקער, שעם זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן, מיט אַ בלימעלע אַ געפאַרבטן אין די קרעטאָנענע האָסטו זיך אָפּגעצאַצקעט אַ גאַנץ לעבן און אַ לעבע־דיקע בלום פון אונדזער ערד געבוירן, פון אונדזער זון אויסגעוואַרעמט — מיט דעם שעמסטו זיך, מיין פרייער גייסט, מיין באַפרייטער שקלאַף פון די וועב־שטולן. דו זאָגסט דאָך, אַז דו רעכנסט זיך נישט מער מיט קיינעם.

— אַ ביסל רעכן איך זיך נאָך. וואָס בין איך, אַ הפקר־מענטש? און מיט זיך רעכן איך זיך אַ ביסל, בלומען דערלאַנגען איז נישט אין מיין טאָן.

— און פאַרליבן זיך איז יאָ אין דיין טאָן?

— ווער זאָגט דיר, אַז איך בין פאַרליבט?

— אויף דעם פעליקס! וועל איך דיר נישט ענטפערן. און די בלו־מען וועל איך טאַקע דערלאַנגען.

אַזוי איז טאַקע געווען: זיידנער האָט געקויפט פינף רויטע רויזן, בלוטיק רויטע, קעניגלעכע רויזן, זיי האָבן אויסגעזען, ווי רויטע עקזאַ־

טישע פייגל. זיידנער האָט זיי געקויפט און אַלקער האָט זיי געטראָגן. אַלקער האָט זיי געבראַכט אויפן וואקזאל און דערלאַנגט ליזען.

— אין נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס שעמט זיך צו דערלאַנגען בלומען אַזאַ ליבער פריילין, טראָג איך צו אייך די רויטע רויזן, רויט זענען זיי געוואָרן פון צאָרן, ווייל אַ מענטש שעמט זיך מיט זיי.

אויפן וואקזאל ביי דעם וואגאָן פון דריטער קלאַס זענען געשטאַנען ליזעס עלטערן, אַ שוועסטער און עטלעכע אירע שילערינס. ליזאַ מיט די בלומען אין דער האַנט האָט אויסגעזען, ווי אַ כלה. באַרוישט איז זי געווען פונקט, ווי זי וואָלט זיך אויסגעקליבן אויף גאָר אַ לאַנגער רייזע אַרום דער וועלט, און אינגאַנצן איז זי געפאָרן קיין קארווי. זיידנער האָט געוואָלט רעדן מיט איר, אָבער דאָ האָט אים געכאַפּט דער אַלטער איליטאָוויטש, ער האָט אויסדערציילט זיידנערן וועגן דער נייער אָרדענונג אין דער פאַבריק און אין סקלאַד. ער האָט גערעדט און מיט זיין ברייטער באָרד האָט ער אַלץ פאַרשטעלט. איידער וואָס ווען איז געוואָרן אַ געררו־דער, די פאַסאַזשירן האָבן גענומען שפּרינגען אין די וואַגאָנעס. ליזאַ איז אויך אויף געשווינד אַריינגעלאָפן אין וואַגאָן און גלייך האָט זי זיך באַוויזן אין פענצטער, אַ שמייכל געטון צו איינעם, צום צווייטן, צו אַלעמען.

דער צוג איז לאַנגזאַם אַוועק. די פּנימער פון די פענצטער זענען פאַר־שוווּנדן. די באַגלייטער פון ליזאַ איליטאָוויטש זענען אַוועק פון וואקזאל. שטענדיק, ווען אַ צוג גייט אַוועק בלייבט אַ ליידיקייט, וואָס נאָגט און עס ווילט זיך דער צוג זאָל צוריקקומען... עס ווילט זיך, וואָס גיכער אַוועקגיין פון וואקזאל, פונקט ווי פון בית־עולם, עפּעס האָט מען דאָ איבערגעלאָזן. און פּלוצלינג דערהערט זיך נאָך פון וויטן אַ פייף, די לאָקאָמאָטיוו שרייט אויס מיט אַלע כוחות און שניידט זיך איין אין דער בענקשאַפט פון בן־אדם, וואָס שטענדיק באַגלייט אים די אומרו. שטענ־דיק וויל ער זיין נישט דאָרט, וווּ ער איז, נאָר אַ ביסל, אָדער גאָר ווייט און דאָרטן אין דער ווייטקייט ליגט דאָס אמתע פון גליק. פון טויזנט מענטשן ווילן שטענדיק ניין הונדערט זיין ווייטער פון זייער פּלאַץ. דאָ איז גרוי, דאָרט איז זוניק. דאָ זענען דערנער, דאָרט זענען בלומען...

ווען אַלקער מיט זיידנערן זענען שוין ווידער געווען איינער לעבן צווייטן, האָט זיך זיידנער אָנגערופן:

— דו האָסט מיר היינט געטון אַ גרויסע געפעליקייט.

— ווען? וועלכע געפּעליקייט?

— מיט די בלומען. כאָטש דערהרגע מיך, דערשיס מיך, פֿאַרמשפּט מיך, איך וואָלט נישט געקאָנט אַרויסגיין פון אַ געוועלב מיט דעם בעזעמל אין דער האַנט און וואָלט אויך פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט צוגיין צו דער איליטאָוויטש און איר דערלאַנגען די בלומען. איך וואָלט גיכער גענומען אַ לייטער און מיט אים דורכגעגאַנגען די גאַנצע פּיעטריקאָווער גאַס, אַ שטיק סחורה וואָלט איך געטראָגן, אַלץ, נאָר נישט קיין בלומען, דאָס איז ביי מיר יענע נאַרישע עקשנות, וואָס מען קאָן שוין נישט איבער־מאַכן. דו פאַרשטייסט מיך! אָלקער! איך מיין דאָס ערנסט, עס נעמען זיך די הענט נישט ביי מיר דערצו...

— איך פאַרשטיי דיך, פעליקס! יעדע זאַך איז אַ געוווינהייט, דאָס ווענדט זיך, ווי מען מושטרירט זיך אויס אין דער יוגנט, איך פאַרשטיי, אַז מען קאָן זיך שעמען צו טראָגן בלומען, ווייל דו מיינסט, אַז מען קוקט אויף דיר, ווי אויף אַ סענטימענטאַלן מענטשן, ווי אויף אַ פאַרליבטן, אָבער, זיי די בלומען אַליין שעמען זיך גאָרנישט מיט דעם, וואָס זיי זענען בלומען, זיי האָבן זיך אויסגעקליבן די איידלסטע צערטלעכקייט, די שענסטע קאָלירן און די בעסטע ריחות. זיי זענען גאָר אַ פיינער צוגאָב צו דער גרויקייט פון אונדזער לעבן. איך בין זיכער, אַז די לערערין פון מאַטעמאַטיק קוקט איצט אין וואַגאָן אויף דיינע בלומען. זי שמעקט זיי און דערמאָנט זיך, ווער עס האָט זי באַגלייט.

— דו רעכנסט, אַז ליזאַ טראַכט פון מיר? זאָג דעם אמת?

— אָן אַ ספק, צווישן דיר און איר איז שוין פאַראַן אַ קאָנטאַקט. שוין פאַראַן איינגעשפּינטע פעדעם, דיינע זיידענע פעדעם. פאַרשטייט זיך, אויב אַלץ וועט גיין אין בעסטן אָרדענונג. דערנאָך וועלן קומען שטריק, וואָס ווייטער אַלץ גרעבערע שטריק...

— ווי איך זע, פירסט דו מיך שוין צו דער תליה?

— אויב חופּה און תליה איז איינס און דאָס זעלבע.

— ווי קומט דאָ חופּה? — האָט זיך זיידנער מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט.

— עס גייט דערצו...

זיידנער האָט אַ קוק געטון אויף אָלקערן און דערנאָך האָט ער פריינט־לעך אים אויסגעשטראָפט:

— הער אויף מיט דיינע וויצן...

— גוּט!... וועל איך רעדן מיט דיר וועגן עפּעס אַנדערש. הייַנט

אינדערפרי איז צו מיר צוגעגאַנגען פּיניע גערשאָווסקי און האָט גענומען אויספרעגן, ווי דו פילסט זיך, ווי דו זעסט אויס. איך האָב אים געגעבן גוטע ענטפערס און ער איז געווען זייער צופרידן, אַ טייערער מענטש דער גערשאָווסקי, עס שמעקט פון אים, פון זיין רואיקן טריט, פון זיינע סאָלידע געשעפטן, פון די טובות, וואָס ער טוט מענטשן אין דער שטיל...

— אָבער, וואָס וויל ער פון מיר? אָלקער!

— דאָס ווייס איך נישט. ער האָט געבעטן, דו זאָלסט מאָרגן צו אים אַריינקומען נאָכמיטאָג. נישט אין קאָנטאָר, נאָר דירעקט צו אים אַהיים. ער באַדאַרף דיך נויטיק און ער וועט וואַרטן. דו, פעליקס! באַדאַרפסט גיין. גערשאָווסקי איז דער שענסטער ייד אין לאָדזש.

— גוט, איך וועל גיין, כאָטש איך האָב אַזוי ווייניק חשק דערצו... איצט האָבן זיי ווידער גערעדט וועגן דער איליטאָוויטש.

זיידנערן האָט זיך נישט געוואָלט איבעררייסן דעם אָנגעהויבענעם שמועס, אַ שאָד געווען די טעמע צו פאַרטרייבן. ער האָט אָלקערן גענומען אונטערן אָרעם און גערעדט:

— אָבער דעם אמת מוז איך זאָגן: זי געפעלט מיר...

— מיר אויך... ווען מיר זענען דעמאָלט מיט איר געזעסן אין „טאַ־באַרין" האָב איך געטראַכט וועגן אונדז אַלעמען דריי: וועגן פעליקס זיידנערן דעם פריווילעיקן באַנקראָטשיק, וועגן דער לערעריך פון מאַטע־מאַטיק און וועגן דעם אינזשיניער אָלקער...

— וואָס האָסטו געטראַכט וועגן אונדז אַלעמען?

— אַז מיר זאָלבעדריט זענען גאָר אַ באַזונדער אַקציען־געזעלשאַפט אין דער שטאָט לאָדזש... איך וואָלט געזאָגט: אַ גייסטיקע אַקציען־גע־זעלשאַפט.

— דו טרייבסט איבער...

— גאַנץ ריכטיק, איך טרייב איבער, אָבער אַ טראָפּעלע איז דאָס אמת. דאָ איז שווער אין לאָדזש צו געפינען דריי מענטשן, וועלכע זאָלן פאַרברענגען דריי שעה און דערביי קיין איין פאַבריק און קיין איין פאַ־בריקאַנט נישט דערמאָנען. דו פאַרשטייסט, מיר טיילן זיך אויס, מיר זוכן דאָ עפּעס אַנדערש, מיר זוכן זיך אַליין, מיר שפּילן זיך מיט אונדזערע ווערטער, ווייל די קאַמאַגאָרן־סימפּאָניע איז פאַר אונדז אַ טויטע זאַך.

— פאַר מיר איז דאָס שוין באַשטימט אַ טויטע זאַך, איך האָב מיט דעם געענדיקט, איך וועל שוין מער אין דער בראַנזשע נישט אַריין...

— אָבער וואָס רעכנסטו צו טון, פעליקס?

— דערווייל רעכן איך נאָך נישט און דערווייל טראַכט איך נישט. איצט איז דאָך זומער. עס הויבן זיך אָן די הייסע טעג און ווען עס וועט ווידער קיל ווערן, דעמאָלט וועט מען זען.

— זאָל זיין, ווי דו זאָגסט, אָבער איך האָב נאָך נישט געענדיקט מיין פריערדיקן פלאַפלען, ווען איך טראַכט פון דיר, קום איך צום באַשלוס, אַז דו האָסט עפּעס אין זיך אוודאי אַ צוציאונגס־קראַפט און אפילו אַזוי פיל יאָרן פון פאַבריקאַציע, האָבן ביי דיר דאָס סימפּאַטישע נישט צוגענומען...

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט זיידנער מיט אַ געמאַכטער איראָניע געפרעגט.

— דאָס קאָן מען נישט אָנרופן מיטן נאָמען... אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז צו דיר ציען זיך די בעסערע מענטשן.

— וועלכע בעסערע מענטשן? ווער ציט זיך צו מיר? וואָס פלאַפּלסטו, פריינט מיינער?

— די בעסטע מענטשן, דאָס זענען ליזאַ איליטאָוויטש און איך.

— אַזוי גאָר, דו אויך און דו שעמסט זיך נישט אַרויסשטעלן אַזאַ צייגעניש, דאָס איז זייער, זייער נישט באַשיידן, אָבער דער טייוול ווייסט דיך, מען קאָן אַ סך מאָל ביי דיר נישט דערגייען, ווען דו רעדסט ערנסט און ווען דו טרייבסט שפּאַס...

— איך באַמי זיך די ביידע פערדלעך איינצושפּאַנען אין איין וואָגן... אָבער לאָמיר גיין כסדר, צו ערשט די איליטאָוויטש, זי חברט זיך מיט דיר, פאַרבעט דיך אין קאַרווי... וואָס זוכט זי ביי דיר? דיין געלט, זי ווייסט דאָך נישט, אַז דו האָסט געלט, פאַר דער גאַנצער שטאָט ביסטו באַנקראָט, ביסט אַ קבצן און גראָד איצט חברט זי זיך מיט דיר און קוקט אויף דיר כמעט מיט פאַרליבטע בליקן.

— איבערגעטריבן...

— דאָס וועסטו שוין זען אין קאַרווי. אָבער זי זוכט זיך צו באַגעגענען מיט דיר, נישט מיט דער פאַבריק, וועלכע דו האָסט שוין נישט. דאָס איז דער בעסטער סימן...

— וועלכער סימן?

— אַז עס ציט עפּעס צו דיר, צו דיר אַליין, צו דיין וועזן און איצט נעם מיך, אָלקערן. איך וואַרף אַלע מיינע געשעפטן און לויף צו דיר

און גיי מיט דיר און זיך מיט דיר און איך וועל טון, וואָס דו וועסט פאַרלאַנגען, אָן באַלוינונג, פאַרשטיי, פּעליקס! אין אונדזער צייט, אין דער שטאָט לאָדזש, אָן באַלוינונג, נישט דו וועסט מיר עפּעס געבן דערפאַר, נישט איך דאַרף עס און נישט איך וועל נעמען, איז דאָס נאָכאַמאָל אַ סימן, אַז דו האָסט עפּעס אין זיך אַזוינס, וואָס ציט צו...

— ביסט זייער פיין צו מיר, זייער גוט צו מיר, אַלקער!

— וואַרט אַ רגע, איך האָב נאָך נישט געענדיקט וועגן זיך, איך וויל דיר אויסרעכענען מיינע מעלות: קיין געלט־פּרעסער בין איך נישט, קיין גראָבער־יונג אויך נישט, קיין מאַניאַק אויך נישט, איך האָב פון מיין אינזשיניערן־דיפּלאָם נישט געמאַכט קיין געצן־דינערײַ, פון מענטשן אַנטלויף איך נישט, מיט איין האַנט האַלט איך אַ מאָלער, אַ קינסטלער און מיט דער צווייטער האַנט האַלט איך אַ פאַבריקאַנט. איך האָב ליב מוזיק, קאָלירן, איך לייען אַ סך וועגן אַרכעאָלאָגיע, וועגן וועלט־רייזעס — מיט איין וואָרט, איך האָב קאָנטאַקט מיט לאָדזש און מיט דער וועלט אינאיינעם...

— ביסט אַ טייערער יונג, אַלקער!

— גאָר אַ קלייניקייט.

— ביסט אויפריכטיק...

— גאָר אַ קלייניקייט.

— דו ווירקסט גוט אויף מענטשן.

—גאָר אַ קלייניקייט, זאָג שוין, אַז איך בין איינער פון די בעסטע מענטשן און דעמאָלט וועלן מיר זיין קוויט...

— אויב דו וועסט עס פאָדערן...

— ניין! הער אויף, האַלט מיך נישט פאַר אַזאַ נאַר, נישטאָ קיין בעסערע מענטשן, און אויב איינער איז אַ ביסל פיינער, קומט אים נישט קיין דאַנק דערפאַר... אין מיין טראַכטן איצט דערגיי איך צו אַ סך אָפּשאַצונגען און צו אַ סך אמתן, ווען אין מיין טאַטנס הויז וואָלט געבוירן ווערן אַזאַ בערעק פוסבאַנק, וואָלט ער אפשר נישט געהאַט אַזעלכע לאַנגע אויערן און אַזעלכע קורצע פיס און וואָס פאַר אַ יחסן איז דאָס מיין טאַטע? מיין טאַטנס זיידע איז אויך געווען אַ „פּראָסטאַק“, אַ וועבער, איינער פון די ערשטע לאָדזשער וועבער, וואָס האָבן געלעבט מיט אַ קרופּניק און מיט אַ שטיק שוואַרצע ברויט, זאָל דאָס עס זיין מיין יחוס, ווייל מיין זיידן האָט עס אָפּגעגליקט און פון וועבן איז ער רייך געוואָרן?

זאָל דאָס זיין מיין יחוס. ניין! בלויז די בערעקס קאָנען זיך רייסן צו אַזאַ יחוס.

דו אַלקער ביסט ביי מיר אַ גרעסערער יחסן...

— מיט וואָס? מיין טאַטע איז געווען אַ זאַקן־פאַבריקאַנט און נישט קיין גרויסער גביר...

— אין דעם גייט עס טאַקע, האָסטו אַליין געמוזט דערגרייכן...

— די משפחה האָט מיר געהאָלפן...

— אָבער נישט אַזוי פיל. אַ פרייער מענטש ביסטו אַליין געוואָרן. איך האַלט פון דיר מער, ווי פון זיך, און מיט דעם ביסטו דער יחסן...

אַלקער האָט זיך אָנגערופן:

— איך וועל מאַכן אַ פשרה: מיר זענען ביידע פרייע מענטשן, וועלן מיר אַלעמענס יחוס אַריינוואַרפן אין אַ מיסט־קאַסטן... גוט?

— זייער גוט...

זיי האָבן אַליין נישט באַמערקט, ווי זיי זענען אַריין אויף פיעטריקאָווער הונדערט דרייצן, אין גאָרטן. נישט זיי האָבן וועגן דעם אָפּגערעדט, נישט דערמאָנט אפילו מיט איין וואָרט, אַז זיי גייען אַהין. נאָר בלינדערהייט, ווי אויסדרעסירטע זענען זיי געגאַנגען און געקומען אין גאָרטן. דאָ איז ווידער פול געוואָרן...

ביי איינעם פון די זייטיקע טישלעך איז געזעסן איינער אַליין דער אַלטער פאַבריקאַנט פרומקין, ער האָט זיי צוגערופן:

— ס'איז מיר לאַנגווייליק אַליין, זעצט זיך צו!

דער אַלטער האָט זיך גענומען באַקלאָגן:

— ס'איז נישט די לאָדזש. איך זיץ און קוק אויף די פנימער. איך הער זיך צו וועגן וואָס זיי רעדן און אַלץ איז פרעמד: די פנימער, די רייד. אַמאָל האָט מען נישט געזען אַזוי פיל ליידיקגייערס.

— איר מיינט דאָך נישט מיך, פאַניע פרומקין!

— אָ, ניין! פאַניע אַלקער! איר האָט דאָך נישט צו טון מיט מאַנופאַקטור. איך מיין אונדזערע פאַבריקאַנטן, איך מיין די גאַנצע שטאָט, אַלץ איז איצט איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ... אַמאָל, אַז מען האָט געזאָגט „פּאָזנאַנסקי", האָט מען געוווסט, אַז דאָס איז אַ פעסטונג פון גראַניט. היינט איז מען מיט קיינעם נישט זיכער; אַזאַ זיידנער איז שוין אויך אויס.

— אָבער לאָדזש וועט נישט אונטערגיין אָן מיר. מען אַרבעט דאָ

ווייטער, די קוימענס רויכערן. יאָ, יאָ, פּאַניע פּרומקין!

— עס מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, אַז ביי איך איז עס אָן אונ־טערשיד: אַ פאַבריקאַנט, אָדער נישט פאַבריקאַנט...

דער פּרומקין האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ משגיח, מען מאַכט אים צו גאָרנישט זיין לאָדזש, בייזערט ער זיך...

זיידנער מיט אַלקערן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט חסד. זאָל ער זיך אויסרעדן. און דער אַלטער האָט נישט געשוויגן:

— אַלץ איז בלייבער געוואָרן. אפילו דער רויך פון די קוימענס איז שוין נישט אַזוי שוואַרץ, ווי אַמאָל. היינט איז שטיל אין לאָדזש; אמתער טומל, גערודער און באַוועגונג איז אַמאָל געווען. נעמט צום ביישפּיל: סעזאָן! וואָס איז היינט אַ „סעזאָן" אין אונדזער שטאָט? ווער זעט דעם „סעזאָן"? ווער הערט דעם „סעזאָן"? אַמאָל האָט לאָדזש גע־האָט אירע אייגענע זעלנער, אין די טויזנטער פלעגן זיי זיך מאָביליזירן צום סעזאָן, איך מיין, די וואָיאַזשאָרן פון פאַר דער מלחמה. יונגען, איי־נער אין איינעם. זיי פלעגן אָנפּאַקן גרויסע טשעמאָדאַנעס מיט לאָדזשער מוסטערן און היידאַ אין וועג אַריין! גאַנצע מחנות פלעגן זיי פאָרן צו דער באַן. מענטשן מיט טשעמאָדאַנעס, טשעמאָדאַנעס מיט מענטשן. זיי פלעגן זיך אַוועקלאָזן ביז אָמסק, ביז יאַקוטסק, ביז אַפגאַניסטאַן, ביז פּערסיע, ביז אינדיע. אָ, אונדזערע דעמאָלטיקע וואָיאַזשאָרן... אמת! נישט אַלע פון זיי האָבן זיך געקאָנט אונטערשרייבן, אָבער דערפאַר פלעגן זיי מאַכן באַשטעלונגען... אַך, די אַלטע וואָיאַזשאָרן!

דער אַלטער פּרומקין האָט געברומט, אַלקער האָט פרייַנטלעך גע־לאַכט. בלויז זיידנער האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומגעדולדיק. די אַלטע לאָדזש, צי די נייע לאָדזש — אים איז דאָס אַלץ איינס געווען... אָדער ער האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל אים זיין אַזוי.

— זיי זענען שוין היינט אינוואַלידן. אָבער עס איז אַ מחיה מיט זיי צו רעדן און אויסהערן זייערע מעשיות פון אַמאָליקן רוסלאַנד מיט די באַגרענעצונגען פאַר די יידן. דורך דעם קלענסטן שפּעלטעלע פלעגן זיי דורכקריכן, די ברייטפּלייציקע וואָיאַזשאָרן און פאַרקויפן גאַנצע וואַ־גאָנעס מיט יידישע סחורה. וואָס פאַר אַ העלדן זענען דאָס געווען, וואָס פאַר אַ געטרייע זעלנער פון דער פאַבריק־שטאָט לאָדזש...

צו זיין גליק איז אין גאָרטן געוואָרן אַ גרויסער טומל צוליב צוויי הינט און אַלע האָבן זיך צוליב דעם דאָזיקן טומל אָפּגעריסן פון זייערע

געשפּרעכן און פון זייערע טישלעך... וואָס איז דאָ פּאָרגעקומען? איינע אַ פּאַני איז געזעסן מיט אירע באַקאַנטע און גערעדט וועגן אויסלאַנד. ביי אירע פיס איז געלעגן איר הונט, וועלכן זי האָט געהאַלטן אויף אַ לעדערנעם פּאַסיק. איר הונט איז נישט געווען קיין פּשוטער הונט, נאָר אַ סאַמאָראָדנער „שפּיץ״. אַנטקעגן איר איז געזעסן אַ ברידזש־לאָרד מיט זיין קאָמפּאַניע, און גערעדט האָבן זיי טאָקע וועגן ברידזש. לעבן איינעם פון דער ברידזש־קאָמפּאַניע האָט די גאַנצע צייט גערוט אַ דרעסירטער הונט, אַ וואָלף. בײדע הינט האָבן זיך די גאַנצע צייט אָנגעקוקט און נישט מער. פּלוצלינג האָט זיך דער וואָלף אַ ריס געטון פון זיין פּלאַץ און אָן אַ פּאָרוואָס האָט ער זיך געוואָרפן אויפן „שפּיץ״. די הינט האָבן געשריגן אויף זייער הינטישן לשון, אָבער דאָס איז געווען אַ קלייניקייט אַנטקעגן די געשרייען, וואָס די פּאַני פון הונט און אירע מיטזיצערינס האָבן אָנגעהויבן. די ווייבער זענען אויפגעשפּרונגען און גענומען רופן צו הילף. פון די איבעריקע טישלעך איז מען אויך אויפגעשפּרונגען. מענטשן האָבן געפאָכעט מיט די הענט און געלאָפן הין און צוריק. דאָ זענען גלעזער אומגעפאַלן, דאָרט האָבן לעפעלעך געקלונגען און די הינט האָבן זיך דערווייל אַזוי פון זיך אויפגעהערט צו בייסן. דער עולם האָט זיך באַרואיקט, נאָר דער אַלטער פּרומקין איז פאַר כעס אַוועק פון גאָרטן. ער האָט מיט זיין אַוועקגיין פּראָטעסטירט קעגן דער נייער לאָדזש, וועל־כע האָט זיך אַזוי גענומען צאַצקען מיט הינט אין דער לעצטער צייט.

די הינט האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם געמיט פון די מענטשן און ביי עטלעכע פון זיי זהאָבן זיי דעם געמיט צוגענומען. דאָס הינטיש בילן האָט אַ סך געשפּרעכן איבערגעריסן און איצט האָט מען נישט געוווּסט, ווי אויפסניי אָנצוהויבן.

די צוויי פריינט זענען געזעסן און כסדר געשוויגן. זיידנער איז נישט געווען גוט געשטימט. פון צייט צו צייט פלעגט אים באַפאַלן אַזאַ שווייגע־ניש. דאָס איז שטענדיק פּאָרגעקומען אין יענע מינוטן, ווען ער פלעגט זיך צו שטאַרק דערמאָנען די צייט, ווען ער איז געווען אינגאַנצן פאַר־נומען. ער האָט נישט געבענקט נאָך יענע טעג, נאָר די פרייהייט האָט אים נאָך נישט באַהערשט אינגאַנצן און אָפּט איז אויך דער ספק געקומען, צי האָט ער גוט געטון, וואָס ער האָט איבערגעריסן מיטן אַלטן סדר פון לעבן? דער ספק האָט ליב אַזוי אַריינצוקריכן אין יעדנס נשמה, אַמאָל אויף אַ לענגערע צייט און גאַנץ אָפּט בלויז אויף אַ מאָמענט. זיידנער

האָט אָבער דעם ספק קיין אכסניה אין זיין נשמה נישט געגעבן, צו לאַנג האָט עס געדויערט ביז עס האָט זיך אַליין אויסגעקעמפּט די נייע לאַגע זיינע. ער האָט זיך אַזוי, ווי אָפּגעריסן פון זיך אַליין:

— אַלקער, וואָס שווייגסטו?

— מיר שווייגן ביידע.

—טאָ, לאָמיר נישט שווייגן.

— הויב דו אָן!

— דו האָסט זיך פריער באַרימט, אַז דו ביסט אַ גאַנצער יחסן, אַ שותף מיט דער וועלט, דו האָסט ליב די וועלט. טאָ פאַרוואָס האָסטו אַזוי פיינט די ווייבער?

— די לאָדזשער ווייבער און דאָס נישט אַלע...

— פאַרוואָס האָסטו זיי פיינט?

— ווייל זיי אַליין האָבן קיינעם אויסער זיך נישט ליב און אויב זיי ליבן וועמען, איז דאָס אַ ביטערע ליבע, אָן אויסגערעכנטע. מיט איין וואָרט, ווייל זיי קאָנען צו גוט רעכענען. הער זיך איין! ס'איז דאָך מערק־ווירדיק. אונדזער איליטאָוויטש. איך זאָג „אונדזער איליטאָוויטש", ווייל זי איז אונדז ביידן טייער. זי איז אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק און זי קאָן אַבסאָלוט נישט רעכענען, זי פאַרברענגט מיט אונדז, זי רעכנט נישט אונדזער רייכקייט און זי רעכנט נישט אונדזערע יאָרן. אוממיטלבאַר גייט זי צו צו מענטשן. און זיי, די „זשעמיאַנסקאַ ווייבלעך" זיי קאָנען טויזנט מאָל בעסער רעכענען פאַר דער לערערין פון מאַטעמאַטיק. אָט איז וואָס עס גייט. דו זאָגסט, איך האָב זיי פיינט. איך זאָג דאָס אַליין אויך, אָבער אין דער אמתן איז דאָס גאָרנישט אַזאַ שנאה, עס גייט מיר נישט אין לעבן, בלויז מינוטן האָב איך אַזעלכע, ווען איך זע זיי אין אַ גרע־סערער צאָל די פּוסט און פּאַסטניצעס, דעמאָלט רעגן זיי אויף, דאָס איז אַ פּראָטעסט און נישט מער... איצט לאָמיר זיי לאָזן צורו. לאָמיר באַטראַכטן אַ ביסל... זע נאָר בערעק איז אויך פאַראַן...

זיי האָבן דערזען בערעקן און בערעק האָט זיי דערזען. ער האָט זיך פאַרנויגט. געוואָלט האָט ער זיך פאַרנויגן פיין, אַריסטאָקראַטיש, ער האָט זיך געוואָלט אַ בויג טון מיטן גאַנצן קערפּער, אָבער נישט אַ וואָרף טון זיך. לאַנגזאַם, צוריקגעהאַלטן, מיט ווירדע, ווי עס פאַרנויגן זיך די גרויסע פאַבריקאַנטן, אָט די, וואָס פאַרמאָגן גרויסע פאַבריקן און איינציי־

טיק האָבן זיי אויך באַקומען דערציאונג. ביי אים איז דאָס נישט גוט ארויסגעקומען: דער נידעריקער קערפּער זיינער האָט זיך אַ צאַפּל געטון באַזונדער, דער פאַרגרעסערטער קאָפּ האָט זיך אויך אַ שאָקל געטון באַזונדער. ער איז געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון צוויי פרויען. יונגע, פיין געקליידעטע. איין גוט יאָר ווייסט, וואָס זיי האָט געבונדן מיט דעם בערעקן... אפשר איז ער שוין געוואָרן אויס קבצן און ער באַצאָלט מיט־אַמאָל פאַר דריי גלאָז קאַווע? אַלץ איינס. ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער זיצט אין דער געזעלשאַפט פון צוויי דאַמען: קוקט, זעט און שאַצט אָפּ, איך בין גלייך מיט אַלע מענטשן, מיט אַלע יחסנים. ער האָט בסדר זיך אַרומגעקוקט, צי מען קוקט אויף זיין טישל, צי מען זעט, ווי ער וואַקסט. אָבער נישט בערעק אַליין האָט זיך אומגעקוקט. אַ סך פון די לאָדזשער קומען אין אַזאַ קאַפע, אָדער אין אַ גאַרטן־קאַפע, ספּעציעל זיך צו ווייזן מיט וועמען זיי זיצן און טרינקען קאַווע. אַ קלענערער פאַבריקאַנט רוקט זיך צום גרעסערן, חנפעט זיך צו אים און שטאָלצירט מיט דער באַקאַנטשאַפט. ווען עמיצער פּראַוועט אַ שמחה, טראַכט ער פריער, וועמען איינצולאַדן פון די שטאָט־יחסנים, וועמען פאַרבעטן צו זיך פון די פאַבריקאַנטן, פון די, וואָס „טרייבן מער שטולן", און ערשט דערנאָך מאַכט ער דעם צעטל פון פריינט און קרובים. און בערעק האָט נישט דאָס גליק צו זיין אַ קאַנדידאַט אויף אַזאַ שמחה. בערעק ווייסט וועגן דעם און דאָס פאַרסמט אים דאָס לעבן:

— מיט וואָס גרויסט ער זיך אַזוי דער וואלאוועלסקי? דער טאַטע האָט אים געלאָזט אַ פאַבריק און היינט איז די פאַבריק פאַרזעצט, ער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער אָן געלט, ווייל אַ יונגערמאַן אַ רייכער האָט זיך באַנאַרישט און זי גענומען אָן אַ גראָשן. צו מיר קומט ער, דער וואלאוועלסקי באָרגן געלט, אָבער אויף דער חתונה האָט ער מיך נישט געבעטן. אַ יחסן איז ער, אַ יחסן, וואָס ליגט ביי מיר אין בוזעם־קעשענע.

דערביי שלעפּט ער אַרויס און באַווייזט וואלאוועלסקיס אַ פּאַק וועקסלען. דאָס איז זיין נקמה.

אַלקער קוקט און באַטראַכט די מענטשן. ער קען זיי אַלעמען און גיט וועגן יעדן איינעם זיין מיינונג. אָפּטמאָל דאַכט זיך אויס, אַז דאָס איז זיין איינציקע פונקציע אין לעבן: קוקן אויף מענטשן, אונטערכאַפּן זייערע שוואַכע זייטן, און גוטמוטיק אויסלאַכן...

— דו ווייסט, פעליקס! היינט איז דאָ עפּעס לאַנגווייליקער, ווי אַלע־מאָל, מירן גיין אין „אַסטאָריאַ״.

— גוט!

זיי האָבן איבערגעלאָזן די אויסגעפּוצטע דאַמען, די הינט און דעם בערעק. אין אַ האַלבע שעה שפּעטער זענען זיי שוין געזעסן ביי אַ פּשוטן טישל אין „אַסטאָריאַ״. זעליגער דער קעלנער האָט זיי דערזען און האָט אַ ווונק געטון צו אַלקערן:

— וואָס, אַ טישטוך?

— יאָ, מיר זענען נאָך אַלץ „אַריסטאָקראַטן״.

לעבן זייער טישל זענען באַלד צוגעקומען עטלעכע מאָלערס, ברוינער אויך. באַקאַנט, צי נישט באַקאַנט. מען האָט זיך דאָ ווייניק גערעכנט מיט דעם. ברוינער האָט גענומען עטלעכע פּאַפּירענע סערוועטקעס און „גע־כאַפּט״ קעפּ פון די אַנדערע טישלעך. ער האָט זיי געצייכנט שנעל, גע־צייכנט די הויפּט־שטריכן. איז אים אַ צייכענונג נישט געפעלן געוואָרן האָט ער עס גלייך צעקנייטשט און אַוועקגעוואָרפן...

אַרום איז אָנגעגאַנגען אַ ביסל טומל. מען האָט זיך געאַמפּערט...

— מיר דאַכט זיך, אַז די אַלע, וואָס רעדן דאָ, אַז זיי זענען אַלע גערעכט. יעדער איינער האָט אַזוי פיל איבערצייגונג אין זיין קול...

— ביסט גערעכט, פעליקס! אָבער מען שלינגט גאַנץ אָפּט אַראָפּ אַ צווייטנס איבערצייגונג און מען קומט דורך. דו זעסט, קיינער שלאָגט זיך דאָ נישט, מען רעדט בלויז אויפן יידישן אופן, מיט טעמפּעראַמענט.

יעדע פּאָר רגעס האָט אַלקער אָנגעוויזן אויף דעם און אויף יענעם:

— דו זעסט, אָט דער מיטן פולן פּנים: דאָס איז עלי באַרוכין, אַ קאָ־רעספּאָנדענט פון די וואַרשעווער צייטונגען און אין דער זעלבער צייט איז ער סעקרעטאַר ביי מאַקס קאַנען.

— אָט דער מיט דער גרויסער באָרד און נישט קלענערן בויך, דאָס איז באַריס ליטווינאָוו, אַ ברודער פון דעם קאָמוניסט ליטווינאָוו...

— אָט איז רעדאַקטאָר אוגער. יעדער איינער פון די, וואָס זיצן דאָ האָט עפּעס אַ שייכות צו יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, צו יידישער קונסט, אָדער פּרעסע...

— אָט דער איז שמואל זיגעלבוים, אַ בונדישער טוער.

— אָט דער איז שמעיה צימערמאַן, אַליין אַ סוחר, אָבער ער האָט אין שטוב אַ קאַנאַפּע, אַ ליטעראַרישע קאַנאַפּע. קומט אַ שרייבער פון

יאָרשע, מוז ער נעכטיקן ביי שמעיה צימערמאַן. דאָס דויערט שוין אַזוי צוואַנציק יאָר. יעדער איינער, וואָס נעכטיקט ביי אים ווערט רעגיסטרירט און אַריינגעשריבן אין אַ באַזונדערן ספר׳ל... ער קלויבט אַ קאָלעקציע אַזאַ פון שלאָפערס...

גערעדט, געוויצלט זיך און פּלוצלינג אַ העכערער טאָן. איינער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און געשריגן צום צווייטן:

— וואַרשעווער שוויצער! וואָס באַליידיקסטו לאָדזש. איר האָט געהערט, וואָס אַ איינער זאָגט: „אין לאָדזש זענען אַלע שווינדלערס“, איר האָט געהערט!

— ווער איז דער וואָס שרייט?

— איך ווייס נישט, אָבער אַ לאָדזשער איז ער. דו הערסט דאָך, ער נעמט זיך אָן פאַר אונדזער שטאָט. דער שרייער איז געווען אַ שוואַרצער יונגערמאַן, אַ לאַנג־געקליידעטער:

— אַזאַ באַציאונג פון אַן איינעם, איך וועל אים זאָגן, וואָס דאָס איז לאָדזש. דו גיי אַוועק אויף דער מלינאַרסקע גאַס, אין קראַמערס הייזער אויף דער פּעפּער גאַס, ווערסטו זען, ווי יידן אַרבעטן. גאַנצע און גרויסע געביידעס, אויף די בוידעמס און אין די קעלערס, יידן וועבן, יידן וועבן און וועבן. יעדע משפּחה האָט איין צימער, צוזאַמען מיט דעם ביסל בעבעכעס געפינט זיך אין צימער אַ וועב־שטול און מען קלאַפּט און מען וועבט, אויף וויפל די כוחות סטאַיען. די גאַנצע פּעפּער גאַס, הילצערנע הייזער, חורבות, אָט באַלד פאַלן זיי איין, יעדע רגע קאָן זיך דאָס איינשיטן. פונדעסטוועגן קלאַפּט עס שוין יאָרן... מען וועבט, יידן וועבן. גיי אַרויף אויף דער אַלעקסאַנדער גאַס, אַלע הייזער — איין וועבעריי. יידן אין יאַרמולקעס, אין טליתים־קטנים, מרדכי גבאַיס גאַס, יידישע גאַס, דאָרט ווו די קאָנפעקציע שניידעריי גייט אָן ביי זינגערס ניי־מאַשינען אַרבעטן טאָג און נאַכט מתנות יידן. טאָג און נאַכט אויסער שבת. ביי זינגערס ניי־מאַשינען הערט מען יידישע זיפצן און אַ יידיש פאָלקס־ליד. אַלטע לייט און גאָר יונגע קינדער, אַלץ אַרבעט. דו כאַפּ זיך אַראָפּ אויף שוויענטע יאַקובאַ, אויף סמאָלעס געסל, דיין וואַרשעווער פּוסטער קאָפּ וועט דיר פאַרדרייט ווערן פון די זאָקן־מאַשינדלעך, סוועטערס־מאַשינדלעך, וואָס ווייסטו פון טיכער, פון צייג און מעלאַנדזש, פון אַלעקסאַנדער־אָקן, פון פאַביאַניצער דאַמען־שטאָפן, פון אָזערקאָווער ווייס־צייג, פון אַ ווידזעוו, פון צענדליקער טויזנטער קריסטלעכע אַרבעטער, פון אַ בזשע־

זשינער קליידער־קאָנפעקציע, פון זגערשער טוך... אַ שטאָט אַרבעט, אַרום דער שטאָט אַרבעט אַ גרויסע פּראָווינץ און ביי אַזאַ איינעם איז דאָס: „אין לאָדזש זענען אַלע שווינדלערס", די אַלע, וואָס פּאַקן און סאָרטירן די סחורה זענען שווינדלער, די טרעגער, די שאָפערס, די סוחרים, וואָס קאַלקולירן און ראַנגלען זיך — שווינדלערס. לאָדזש, זאָגט מען, איז דער פּוילישער מאַנטשעסטער. וואָס איז מאַנטשעסטער אַן ענגלישע פאַב־ריקאַציע־שטאָט, מיט ענגלאַנדס כוח, מיט טויזנטער פּראַכט־שיפן, מיט אויסטראַליע־וואָל, אָבער זאָלן זיי אָנהויבן אַרבעטן אין די באַדינגונגען פון לאָדזש, מיט דער שנאה אַרום, מיט די צאָלן, מיט די שטייערן, מיט דער קאָנקורענץ, איך זאָג דיר, וואַרשעווער, דרך־ארץ פאַר לאָדזש. זאָל מען אַרויסוואַרפן פון וואָרט לאָדזש דעם „ד" וועט בלייבן „לאָז!" לאָזט אונדז נאָר, לאָזט אונדז פינף יאָר אַרבעטן, וועלן מיר באַקליידן די גאַנ־צע וועלט.

מען האָט זיך נאָך לאַנג געאַמפּערט וועגן לאָדזש. עטלעכע האָבן געבראַכט ציפער און נאָך עטלעכע האָבן דערציילט ערנסטע פאַקטן פון לאָדזשער אַרבעט, אַנדערע האָבן געבראַכט קאָמישע מעשיות און וועגן אַלקער מיט זיידנערן זענען אַרויס פון „אַסטאָריאַ", האָט דער ערשטער זיך אָנגערופן זיידנער:

— דו ווייסט, ווען איך וואָלט פריער געגאַנגען אין דיין „אַסטאָריאַ", וואָלט איך אפשר נישט געוואָרן אויס פאַבריקאַנט...

25

ביים ים

איידער מען קומט צו צו דער פּליאַזשע אין קאַרווי, דאַרף מען דורכ־גיין אַ שמאָלן פּאַס וואַלד. דאָ אין דעם שאָטן פון די ביימער איז זייער קיל און זייער שטיל. די ביימער שווייגן, אָבער פון ווייטן טראָגט זיך אַריין אין וואַלד דער געערויש פון ים. דאַכט זיך אויס, אַז אַ ביסל ווייטער קומט פאַר אַ גרויסע שלאַכט, דער ים רוישט, דער ים גיט אויף אַ ווייטע שטרעקע צו וויסן, אַז ער איז נאָענט און טוט דאָס זייניקע: ער שליידערט די פּאַליעס אַראָפּ און אַרויף, ער שפּילט זיך אַזוי, ווי אים גלוסט און

קיינער האָט אים קיין דעה נישט צו זאָגן, קיינער האָט נאָך ביז היינט נישט געצווימט זיין ווילן. ער האָט איין שותף און דאָס איז דער ווינט. זיי ביידע צוזאַמען האַלטן פעסט איין די אייביקע שותפות און זיי ביידע צוזאַמען... ים מיט ווינט פירן אויס זייערע קאַפּריזן און פרעגן ביי קיינעם נישט, צי זייער שפּיל געפעלט. דאָ שפּרייזט איינער אַ לאַדזשער, אַ געוועזענער פאַבריקאַנט. ער איז געקומען קיין קאַרווי היינט באַגינען, געווען אויסגעמאַטערט שטאַרק פון דער נאַכט. ער איז דאָ פאַרפאָרן אין אַ גיצוועגלעכן פענסיאָנאַט, האָט באַקומען אַ צימער און זיך געלייגט שלאָפן. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ערשט צום מיטאָג, איז ער געזעסן ביי אַ טיש מיט נאָך מענטשן. האָט אָפּגעגעסן און איז אַוועק שפּאַצירן. אויף דער איינציקער גאַס זענען ווייניק מענטשן געווען, אין וועלדל האָט מען קיינעם נישט געזען און ביים ים איז אויך ליידיק. איז ער פאַרבליבן שטיין אַ מינוט, ווי איבערראַשט...

דעד ים האָט אים אַ כאַפּ געטון מיט זיין ווייטקייט. יעדער גרויס־שטאָט־ישער, ווען ער קומט פון זיינע גאַסן, וועלכע פאַרצוימען די ווייטקייט, ווערט שטענדיק צעטומלט פון דעם ערשטן אַנבליק, ווען ער דערזעט די ווייטקייט פון ים, בפרט נאָך אַ לאָדזשער, וועלכע ווייסט אפילו נישט פון אַ טייכל.

— נישט שלעכט! — האָט ער ביי זיך אָפּגעפּסקנט און גענומען שטעלן פיס אין זאַמד.

אין עטלעכע ערטער האָבן זיך געטריקנט גרויסע נעצן. אָבער די לאַנגע פליאַזשע האָט פון דעם נישט פאַרלוירן איר ליידיקייט. אַ גאָל־דענער זאַמד האָט זיך געצויגן ענדלאָז פון רעכטס און פון לינקס. ביים סאַמע וואַסער האָט זיך געזען איין פיגור פון אַ מענטשן. דער מענטש האָט זיך געקליבן אַריינגיין אין וואַסער, זיין נאַקעטער קערפּער האָט זיך איינגעשטאַלטעט אין זאַמד־קאָליר. דער מענטש, דער איינער האָט דאָ אויסגעזען זייער קליין. נישט באַמערקבאַר, נישט אָנגעזען. צום ברעג זענען געלאָפן פאַליעס מיט דער איינציקער כוונה עפּעס אַראָפּצושווענקען פון דאַנען. ווייט האָבן זיך געזען צוויי שיפן, ביידע זענען זיי געגאַנגען אין קעגנזייטיקע ריכטונגען. זיידנער האָט אַלץ באַטראַכט, עטלעכע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעמאָסטן דעם גאַנצן שטח. פונקט, ווי ער וואָלט דאָ וועלן אַ פּלאַן אַראָפּנעמען כדי ער זאָל זיך קאָנען אָריענ־טירן אין אַ גרויסער זאַך, וואָס ער גייט אונטערנעמען. ער האָט זיך

ווידער אָפּגעשטעלט און אָפּגעצויגן דעם אָטעם. די לופט איז פֿאַר אים געוועזן שאַרף און שטאַרק. ער איז געווען צופֿרידן אַן אַ פּאַרוואָס, כאָטש ער איז נישט געווען פֿון די, וואָס גיבן זיך אַזוי שנעל אונטער דער איבערראַשונג. נאָך אַזוי פֿיל פֿאַרשאַרפֿטע יאָרן אין לאָדזש, נאָך אַזוי פֿיל איינטאָניקע טעג פֿון זיין אַרבעט, נאָך די רויטע, אָפּגעקראָכענע ציגל פֿון זיין פֿאַבריק און אַנדערע פֿאַבריקן, האָט ער זיך איצט געפֿונען אין אַ? אַנדער וועלט. נאָך דער האַלב־טונקלקייט פֿון זיינע זיבן פֿאַרעלטערטע צימערן, נאָך דער פּיעטריקאָווער גאַס, ווו עס דריקט די אייגענע און דעם צווייטנס ענגשאַפֿט איז ער איצט געגאַנגען איינער אַליין אויף אַ ברייטן זאַמדיקן פֿעלד און דער ים... דער ים מיט זיין ווייטקייט האָט פּשוט געגרייצט צו פֿליען... די ווייטקייט דערלאַנגט אין האַרצן. און די זעלבע ווייטקייט נעמט מיט אַ שטיק פֿון דיין האַרץ און פֿאַראַנקערט, אָט דאָרט ביים ברעג פֿון האָריזאָנט, רייסט זיך דיין גאַנץ וועזן.

ער האָט שוין געפֿילט זיין פֿרייד, אָבער דערביי האָט ער זיך נישט געוואָלט אין דעם מודה זיין, פּונקט, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרשעמט פֿאַרן יוינט, וועלכער האָט אים מונטער אונטערגעיאָגט. די פֿרייד איז שוין געווען, נאָר זיידנער האָט געשטעלט זיינע טריט און געטרעטן אויף זיין אייגענער פֿרייד מיט אַ ווילן איינצורעדן זיך, אַז דאָס אַלץ איז גאָרנישט טייער. נישט קיין קאַרגער אין געלט ענינים, איז ער געווען געניט קאַרג צו זיך אַליין, ווען עס איז געגאַנגען אין אַ ברעקל סענטימענט.

ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין פֿאַר זיך אַליין, אַז דער ים מיט דער פֿרייהייט אַרום האָבן אים צעטומלט, נישט געוואָלט זיך אַליין נאָכגעבן, כאָטש זיין גאַנצער קומען אַהער איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ סענטימענט... ליזאַ איליטאָוויטש. ער האָט זי נאָך נישט געזען, ער ווייסט נישט אַפֿילו, ווו זי וווינט, אָבער מאָרגן אינדערפֿרי וועט זי זיך זיכער געפֿינען אויף דער פּליאַזשע...

ווי זעט זי אויס? פֿאַר דער וואָך צייט האָט זי זיך שוין באַשטימט גוט אָפּגעברענט, ווי פֿאַרברענגט זי? מיט וועמען? מיט יונגע בחורים אוודאי, ווי וועט זי אים, זיידנערן, באַגעגענען?

ער האָט געגלויבט אין איר כאַראַקטער. זי איז נישט פֿון די שפּרינגענדיקע און זי וועט פֿון אים נישט אַוועקשפּרינגען, אַפֿילו דאָ אין דער גרויסער פֿרייהייט און דאָך האָט ער עפּעס מורא געהאַט. אָט דער פֿאַרנעם פֿון דער נאַטור קאָן אַלץ צונעמען, אָדער אַלץ געבן.

ער רייסט זיך אָפּ פון זיינע געדאַנקען און קוקט ווידער אין דער ווייטקייט. ער זעט דאָרט אַ שיף... ווען די איליטאַוויטש וואָלט געווען, וואָלטן זיי מיט דער שיף ביידע אַוועקגעפאָרן ווייט פון דאַנען. צום לעבן, צו אַ ניי לעבן און ווידער דערמאָנט ער זיך דאָס ווערטל פון אָלקערן: „דאָס לעבן איז בילכער". ער האָט נישט געלעבט, פאַר קיין פאַל איז דאָס קיין לעבן נישט געווען.

דער ברייטער האָריזאָנט, וואָס האָט זיך דאָ פאַר אים געעפנט איי־בערן ים און אין דער ווייטקייט פון ים, דער ליידיקער זאַמד־פּלאַץ, דער ווינט, די שטאַרקע לופט, וועלכע ער האָט אַזוי געשמאַק איינגעאָטעמט, אַלץ האָט אים איצט געצווונגען, ער זאָל זיין אָפנהערציק מיט זיך אַליין.

וואָס טוט ער דאָ איצט אַליין אויף אַ פוסטער פּליאַזשע, נאָכמיטאָג־צייט? וואָס טוט ער דאָ ביים ים? פאַרוואָס איז ער נישט אין לאָדזש? דאָרט ביי זיינע מוסטערן אין זיין פאַבריק... יאָ, עס זענען שוין נישטאָ קיין מוסטערן און עס איז שוין נישטאָ קיין פאַבריק. די לעצטע חדשים פון זיין לעבן אין לאָדזש האָבן זיך איצט אַליין דערמאָנט, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געמאָנט, גאָרנישט געפאָדערט, כאָטש ער אַליין האָט ביי זיך געפאָדערט אַ חשבון. שוין אַזוי פיל מאָל האָט ער ביי זיך אַליין פאַר־לאַנגט דעם דאָזיקן חשבון און שטענדיק קומט ער אַרויס ביי זיך גע־רעכט... דאָך ווילט זיך נאָכאַמאָל אַלץ איבעררעכענען, אַלץ באַטראַכטן און דערנאָך ווידער הנאה האָבן פון דעם באַשלוס, וואָס ער האָט אָנגע־נומען און דורכגעפירט...

ער איז שוין נישט קיין פאַבריקאַנט און ער וועט עס שוין נישט זיין. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט פּרעטענזיעס צו זיין בראַנזשע, נאָר ווייל די פאַבריק האָט אים אינגאַנצן איינגעשלונגען. ער האָט נישט גע־פונען דעם גאָלדענעם מיטן, ער האָט נישט געקאָנט איינטיילן זיין „איך" אין צוויי העלפטן: אַ ביסל אַרבעטן און אַ ביסל אָפּעטעמען, ער האָט בלויז געאַרבעט. שולדיק אין דעם איז אוודאי זיין כאַראַקטער, וועלכער האָט נישט געוואָלט וויסן פון קאָמפּראָמיסן, שולדיק איז אויך אוודאי די ירושה. ער האָט נאָכן טאַטנס טויט גע־ירשנט נישט בלויז די פאַבריק, נאָר אויך דעם טאַטנס כאַראַקטער, וועלכער האָט געהאַט איין ציל אין זיין לעבן: די פאַבריק...

אָבער ער געדענקט גוט דעם טאַטנס טויט, זיינע דאַרע הילפסלאָזע הענט, זיינע איינגעפאַלענע אויגן, וועלכע האָבן פאַרן טויט געזען בלויז

די פאַבריק. נישט דאָס לעבן, נישט די וועלט. נישט די שיינקייט און די פלאַנטערס פון דער וועלט האָט דער פאָטער זיינער באַדויערט פאַרן טויט, נאָר די פאַבריק, די פאַבריק...

און וואָס איז די פאַבריק? אַ גרויסע אומעטיקע געביידע מיט פאַר־שמירטע שויבן, הילפסלאָזע, שמוציקע ווענט מיט סימעטרישע אויסגע־שטעלטע וועב־שטולן. קיינער שמייכלט נישט אין אַזאַ געביידע, די אַר־בעטער זענען פאַרנומען ביי די מאַשינען, זיי שווייגן און עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען כסדר בייז אויפן באַלעבאָס. דער באַלעבאָס אַליין איז אויך אייביק ערנסט, דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז שווייגנדיק און ערנסט. וואָס איז די פאַבריק? אַ פלאַץ, וווּ אַ שמייכל זעט אויס כמעט, ווי אַ פאַר־ברעכן...

ווען מען איז לייכטזיניק האָט מען נישט קיין פאַבריק און ווען מען האָט אַ פאַבריק איז מען שוין נישט לייכטזיניק.

ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ ביסל לייכטזיניקייט. צוערשט האָט ער קיינעם נישט געזען אין לעבן. שפּעטער האָט ער גענומען קוקן אויף אַזעלכע, ווי אַלקער. יענער האָט צייט פאַר אַלץ, און פאַר אַלע נאַריש־קייטן. נאָך שפּעטער האָט ער שוין אַזאַ אַלקערן גענומען מקנא זיין און איצט איז ער שוין פריי ווי אַלקער און אַ סך פרייער, ווי אַלקער. אָט די פרייהייט האָט אים דאָ איצט געבראַכט צום ים...

— וואָס וועט ער דאָ טון?

פּלוצלינג שטעלט ער זיך די פראַגע און ווייסט נישט אַליין וואָס צו ענטפערן און טאַקע אין דעם זעט ער אַן אומבאַקאַנטן רייץ פאַר זיך: ער ווייסט נישט, וואָס ער וועט דאָ טון. אָבער פריער האָט ער געוווּסט יעדן טאָג, יעדע שעה, וואָס ער האָט צו טון. אַלץ איז אויסגערעכנט גע־ווען און די אויסגערעכנטקייט האָט אַלץ אַוועקגעהרגעט. ניין! ער בענקט נישט נאָך דער פאַבריק און ער בענקט נישט נאָך זיינע באַשעפטיקטע טעג, כאָטש זיי אַליין, די באַשעפטיקטע טעג, זענען זיך איצט נוקם אין אים. שטענדיק קריכן זיי אין דער נשמה און פייניקן, ווייל ער האָט זיי פאַרראַטן. זיין ליידיקגייערייַ איז נאָך נישט איינגעפונדעוועט אין אים, דאָס איז נאָך אַ יונג געוויקס.

דאָס ווינטל האָט לאַנגזאַם באַרירט זיין בגד, דאָס פנים, ער האָט אַרויסגעצויגן די גרויע האָר פון זיידנערס שלייפן און זיי ווידער צונויפ־

געמישט מיט די שוואַרצע האָר. אין זאַמד זענען פאַרבליבן די צייכנס פון זיינע טריט — אַ מענטש האָט געשפּרייזט.

ער האָט אַ סך געטראַכט. אַ סך איבערגעקלערט. דאָס איז געווען אַ פאָרזעצונג פון אַ יאָר טראַכטן. קיינער האָט דאָך נישט געוווסט, וואָס ער טראַכט אין דער לעצטער צייט. מיט זיין טראַכטן איז דאָך געווען, פּונקט ווי מיט זיין פאַבריקאַציע, אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין געהיים. אַלע צוגרייטונגען און אָט איז פון זיין טראַכטן אַרויסגעקומען גאָרנישט קיין פּראָדוקטיווע זאַכן. ער האָט גענומען און זיך ליקווידירט אַלס פאַבריקאַנט...

האָט ער גוט געטון, צי ער האָט שלעכט געטון?

נאָכאַמאָל קומט די פראַגע.

אָבער איצט, איצט איז שוין די פראַגע נישט אַזוי שאַרף, ווי פריער, ווייל איינצייטיק מיט דער פראַגע האָט זיך זיידנער דערמאָנט, אַז דאָ אין דעם זעלבן קאַרווי געפינט זיך ליזאַ איליטאָוויטש, די טאָכטער פון זיין געוועזענעם בוכהאַלטער, זי געפעלט אים און צוליב איר איז ער דאָ געקומען. וואָס פאַר אַ באַגעגעניש וועט עס זיין? ווען זיי האָבן זיך באַ־קענט, איז ער נאָך געווען דער גרויסער פאַבריקאַנט, איצט איז ער אויס יחסן אין לאָדזש.

און דאָך איז ער אַ ביסל שטאָלץ ביי זיך. ער דערמאָנט זיך...

ער דערמאָנט זיך זיין וויזיט ביי פּאַניע גערשאָווסקי. יענער האָט דאָך געבעטן, אַז זיידנער זאָל אַרויפקומען צו אים, איז ער געגאַנגען. נאָכמיטאָג איז דאָס געווען. שטיל איז דאָרט געווען. גערשאָווסקי האָט אים פאַרבעטן אין דעם שטילסטן צימער. און דאָרטן האָבן זיי זיך אַוועק־געזעצט איינער אַנטקעגן צווייטן, אַ רגע געשוויגן, אַ רגע זיך אָנגע־קוקט. גערשאָווסקי האָט אָנגעהויבן אַ שמועס:

— פּאַניע זיידנער! איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אייך פאַרבעטן צו זיך און נישט געגאַנגען צו אייך, אייך געפינט מען נישט, ווי אַמאָל אין קאַנטאָר, איז גלייכער ביי מיר. איך וויל מיט אייך רעדן:

— איך הער, פּאַניע גערשאָווסקי! וועגן וואָס ווילט איר רעדן?

— קורצע ווערטער, פּאַניע זיידנער! גאָר קורצע ווערטער, אָבער ווערטער בלויז פאַר אונדזביידן, מער פאַר קיינעם נישט...

— גוט, איך הער אייך.

— איך האָב פרייע געלט, אינגאַנצן פריי, איך האָב צוויי הונדערט

טויזנט זלאָטעס, נעמט ביי מיר אויף וויפל צייט איר ווילט דאָס געלט און שטעלט זיך צוריק אויף די פיס...

— איך שטיי גוט אויף מיינע פיס, פּאַניע גערשאָוסקי, איך דאַנק אייך זייער.

— איך מיין, איר זאָלט נעמען צוריק פאַבריצירן.

— איך דאַנק אייך זייער... אָבער איך ווונדער זיך, וואָס איז אייך איינגעפאַלן און צוליב וואָס טוט איר עס?

— איר געפעלט מיר, אייער סאָלידקייט געפעלט מיר.

— איך האָב דאָך באַנקראָטירט.

— נישט איר, אייערע געשעפטן האָבן באַנקראָטירט. איר רעפּרעזענטירט דעם בעסערן פאַבריקאַנט. לעצטנס פאַלט עס אַריין די פאַבריקאַציע אין נישט געוווּנטשענע הענט...

— אָבער איר גייט דאָך ריזיקירן מיט אַזאַ סומע געלט...

— איך גלויב אין אייך...

— איך דאַנק אייך, אָבער איך אַנטזאָג זיך פון דעם.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך דאַרף עס נישט. איך וויל נישט מער פאַבריצירן, איך בין מיד און אפשר בין איך קראַנק, איך ווייס נישט.

— פון וואָס וועט איר לעבן?

— פּאַניע גערשאָוסקי! איך וועל אייך אויסזאָגן דעם סוד: איך בין נישט אַזאַ קבצן, ווי איר מיינט, איך בין פאַרזיכערט...

— דאָס פרייט מיך און אויב אַזוי האָבן מיר גאָרנישט גערעדט.

מען האָט זיך געזעגנט און שווייגנדיק געדריקט די הענט.

איצט אין קאַרווי, אויף דעם זאַמד, לעבן ים, דערמאָנט זיך זיידנער די באַגעגעניש און דאָס אימפּאָנירט אים שטאַרק... ער איז יאָ אַ יחסן, אויב אַזאַ גערשאָוסקי לייגט אים פאַר אַזאַ סומע. אָט דער צוטרוי צו אים מאַכט אים פאַר אַ יחסן... ער וואָלט וועלן, אַז די איליטאָוויטש זאָל דאָס וויסן. ער איז יאָ אַ יחסן. אַלץ איז דאָס געטראַכט געוואָרן צוליב דער ליזע...

ווי האָט עס געווירקט אויף איר, וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין פאַבריק־קרוין?

אין שטאָט זאָגט מען, אַז ער איז געבליבן ביי גאָרנישט. פאַר אַלעמען איז ער אַ קבצן און פאַר דער ליזאַ? צי גייט עס זי אָן?

ער טאָר זיך פֿאַר קיין פֿאַל נישט מודה זיין פֿאַר איר, אַז ער האָט געלט, אַז ער איז נישט אָרעמער ווי פֿריער. דאָס טאָר זי נישט וויסן, ווייל געלט האָט רייץ און ער וואָלט וועלן...

ער וואָלט אַליין וועלן זיין דער רייץ. אָן זיין געלט. אינגאַנצן אָן זיין געלט. ער טראַכט וועגן דעם און לאַכט זיך אַליין אויס: ער, אין זיינע יאָרן, האָט אַזאַ חוצפּה?

די זון האָט אים געוואַרעמט, אָבער די זון איז געווען אַזוי ווי אָפּ־געקילט. מען האָט געקאָנט גלויבן, אַז איידער די שטראַלן זענען דער־גאַנגען צו אים, האָבן זיי זיך אָפּגעטונקט אין ים און פֿון דעם פֿאַרלוירן די ברענעוודיקייט. הין און צוריק איז ער געגאַנגען אויף דער פּליאַזשע. וועג און שטח איז געווען גענוג. קילאָמעטערס לאַנגע זענען דאָ געלעגן אָפּן פֿאַרן מענטשן, האַרט ביים ים. אַ מענטש האָט געשפּרייזט און ים האָט כסדר מיטגעטאַנצט. ער שטעלט אַ טריט און טויזנט פֿאַליעס הויבן זיך אויף. ער שטעלט אַ צווייטן טריט און טויזנט פֿאַליעס פֿאַלן אַראָפּ. די מעוועס פֿליען איבערן וואַסער, פּלוצלינג רייסט זיך איינע אָפּ, זי פֿליט שוין איבערן זאַמד און מאַכט קרייזן איבער זיידנערס קאָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט דאָ וועלן דערגיין, ווער איז ער דער איינער אין גראָען אַנצוג און וואָס איז ער אַזוי ערנסט? מיר, מעוועס, זענען דאָ איינגעוווינט צו זען די שטאָטישע מענטשן מיט אַ סך לייכטזיניקייט, זיי שרייען און שפּרינ־גען.

פֿון וווייטן האָט ער באַמערקט אַ פּאָרל, דערנאָך אַ צווייט פּאָרל. דאָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן שפּאַציר־נדע, וועלכע קומען קוקן אויפֿן ים פֿאַרנאַכט. איין פּאָרל האָט זיך שפּעטער אַ ביסל מיט אים אויסגע־גלייכט. צוויי צוואַנציקיעריקע, „ער” האָט „זי” געהאַלטן אונטער דער האַנט און זי האָט מיט איין האַנט צוגעהאַלטן דאָס קליידל, צו וועלכן דאָס ווינטל האָט זיך כסדר געטשעפּעט. זיי זענען ביידע געווען שלאַנק. זיי זענען ביידע געווען יונג — זיידנער איז מקנא געווען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי זענען די באַלעבאַטים פֿון דער פּליאַזשע, פֿון ים און פֿון הימל און ער איז דאָ געקומען בלויז זוכן אַ ווינקעלע. זאָלן זיי זיין אַזוי גרויסמוטיק און אים געבן אַ צייטווייליקן וווין־רעכט. אָן אַ פּאַרוואָס איז אַזאַ געדאַנק צו אים געקומען. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט אויף דעם, אַז ער וואָלט איצט אין דער שעה נישט וועלן דאָ באַגעגענען די איליטאָוויטש. איצט נישט, דאָס דאַרף געשען אינדערפֿרי, ווען די זון

פֿאַרגיסט אַלץ מיט איר פֿלאַם, ווען דער עולם טומלט אין וואַסער און אויפֿן זאַמד. עס קאָן דאָך טאַקע געשען, אַז זי זאָל זיך דאָ איצט באַ־ווייזן. דעריבער איז ער אַוועק פֿון דער פּליאַזשע. ער איז געגאַנגען צוריק אין זיין פּענסיאָנאַט. אויפֿן וועג האָט ער געקויפֿט פּאַפּיראָסן, צייטונגען און אַ בוך האָט ער אויך געקויפֿט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך, וואָס ער האָט געקויפֿט פֿון נאָך דער מלחמה. דאָס בוך איז געווען אַ באַ־שרייבונג פֿון אַן ענגלישן וועלט־רייזנדער און עס האָט געהייסן: „די אינדזל פֿון פֿינף הונדערט טויזנט פּינגווינען".

דערנאָך האָט ער געלייענט, געלייענט די צייטונגען און געלייענט דאָס בוך. ווען מען האָט גערופֿן צום אָוונט־ברויט איז אים שווער געווען זיך אָפּצורייסן פֿון די בלעטער און נאָכן אָוונט־ברויט האָט ער ווידער געלייענט. אין בוך האָט זיך באַשריבן, ווי אַזוי די פּינגווינען לעבן, ווי זיי מאַטערן זיך פֿאַר זייער עקזיסטענץ, ווי זיי בויען זייערע נעסטן, ווי זיי ליבן און פֿאַרראַטן. דאָס איז געווען אַ קליינע קאָפּיע פֿון מענטשן־לעבן. דאָס בוך איז געווען אינטערעסאַנט, נאָר זיידנער, וועלכער האָט שוין אַזוי פֿיל יאָר קיין בוך נישט געלייענט, איז געווען איבערראַשט מיט דעם פֿאַקט, וואָס אַ בוך קאָן פֿאַראינטערעסירן. זיין פֿאָטער האָט גע־זאַמלט ביכער און זיי געשטעלט אין שאַנק, אין גוטע, פֿיינע פּאַליאַנטן... האָט ער אויך געמיינט, אַז אַ בוך איז אַ באַפּוצעכץ און נישט מער. אָבער איצט, ווען ער האָט געבלעטערט זייטל נאָך זייטל, איז די פֿרעמדע אינדזל אים געשטאַנען לעבעדיק פֿאַר די אויגן, אַזוי אַז עס האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט אָפּרייסן פֿון דעם. אַלץ, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט פֿאַבריקאַציע איבערראַשט אים איצט... ער איז גרייט אַלץ צו נעמען פֿון טאָג און פֿון שעה... פֿריער האָט ער זיינע טעג, זיין לעבן איינגעוועבט אין שטיקלעך שטאָף, איצטער וויל ער דאָס לעבן מיט דער ליכטיקייט פֿון טאָג איינוועבן אין זיך, אַריינכאַפּן שטראַלן, ווייטקייטן, האָריזאָנטן, ער וויל פֿילן דאָס לעבן.

דער טאָג איז געקומען. ווען זיידנער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט האָט שוין אין פּעסיאָנאַט געגוג געטומלט, איינער דעם צווייטן האָט געוועקט. עס האָט זיך ווידער איינגעגעבן אַ זוניקער טאָג, און מען מוז עס אויס־נוצן ביים ים. נאָך איידער זיידנער האָט באַוויזן פֿאַרטיק צו ווערן מיט זיך, איז שוין דער פּענסיאָנאַט ליידיק געווען. אַלע זענען אַוועק צו דער פּליאַזשע. ער האָט אין באַזונדער אָפּגעגעסן זיין פֿרישטיק, מיטגענומען

זיין באָד־קאָסטיום און איז אויך געגאַנגען צום ים. די גאַס איז ליידיק געווען. די זון האָט די ליידיקייט באַוואַכט, ווי אירס אַ פּאַרמעגן. ער איז אַריין אין וועלדל און דאָ האָט זיך שוין געהערט דאָס קול פון ים. פּאַליעס האָבן זיך געשליידערט אין אַ גרויסער שפּיל און פון דעם איז דער גערויש געקומען. נאָך עטלעכע טריט געמאַכט און ער האָט דערזען, אַז דער ברעג איז פאַרשאָטן מיט מענטשן. זיי זענען געווען אַ סך, גאָר אַ סך. ער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזוי פיל מענטשן. עס האָט זיך פּשוט נישט געגלויבט, אַז אין דער קליינער קאַרווי מיט דער איינאיינציקער גאַס געפינען זיך אַזוי פיל בעלנים זיך צו באָדן און שטיפן...

דער גאַנצער ים האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסע שלייף־מאַשין. די פּאַליעס האָבן זיך געקנוילט און געוועלגערט, געלאָפן איינס אויף דער צווייטער, געשלאָגן זיך, צעקלאַפּט זיך און נאָך יעדן געשלעג איז פאַרבליבן אַ לאַכעדיקער, צעשטראַלטער שוים. דער ים האָט זיך גע־שפּילט. ער האָט פאַרגעסן זיין עלטער, זיין ריזיקייט, האָט דער ים זיך אויסגעטון נאַקעט, אפילו אָן אַ באָד־קאָסטיום, און געשליידערט זיך פון הנאה... עס האָט אויסגעזען, אַז די מענטשן ווילן נאָכטון דעם ים, די וואָס זענען געשפּרונגען אין וואַסער האָבן זיך אויך געצאַפּלט פון שיכורער אומרו, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי מורא געהאַט פאַר די פּאַליעס. ווי פריילעך דאָס שלאַנקע מיידל דאַרט מיט די לענגלעכע האָר זאָל נישט שרייען, אירע אויגן נעמט זי נישט אַראָפּ פון די פּאַליעס, זי קאָנטראָלירט זיי, זי האָט מורא פאַרן ים. מען איז טאַקע שותפים מיט דער נאַטור, אָבער מענטש וויל לעבן און נאַטור נעמט צו לעבן און טויט, ווי איין דערשיינונג.

די מענטשן האָבן זיך אויך געשפּילט. קודם־כל האָבן זיי געשריגן. מען דאַרף דאָך נישט קיין סך, יעדער איינער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ וואָרט, אַלעמענס ווערטער האָבן זיך פאַראייניקט און עס איז אַרויסגע־קומען אַ געשריי, אַ הו־האַ, וואָס האָט פאַרטויבט ביים סאַמע ברעג די פּאַטשעריי פון די ים־פּאַליעס...

זיידנער איז באַלד פון אָנהויב געבליבן שטיין און זיך נישט גערירט פון אָרט. אומגעריכט איז פאַר אים געווען סיי דער גרויסער עולם, סיי דער טומל זייערער, אפילו דאָס ליכט איז איצט געווען צופיל פאַר אים. די זון האָט דאָ נישט געהאַט קיין איין צוימעלע, קיין סימן פון שאָטן איז אויף דער גאַנצער לענג נישט געווען. ער איז געשטאַנען און נישט

געקאָנט זיך באַשליסן: גיין צוריק, אָדער גיין פאָראויס? יאָ, ער איז דאָך אַהער נישט אַראָפּגעקומען צו אַזאַ באַד־יאַריד. ער האָט מיט דעם דאַזיקן צעבושעוועטן עולם קיין ראַנדע־ווו נישט געמאַכט... ער איז געקומען אַהער... צוליב וואָס ער איז געקומען קיין קאַרווי? צוליב דער ליזאַ איליטאָוויטש... און צי איז דאָס נישט געווען קיין גרויסע נאַרישקייט פון זיין זייט? ער האָט זיך מיט שוויס אָפּגעגאָסן, ווען ער האָט גענומען טראַכטן וועגן דעם. אַלץ אויספּרוּוון אין לעבן... אויף אַלץ איז ער גרייט, נאָר אָפּגעהיטן זאָל ער ווערן פון מאַכן זיך צום נאַר... דאָס נישט. וואָס איז? אַ געליבטער איז ער? אין אַ פאַרליבעניש פאַרקראַכן. ניין, ער וויל דאָס נישט. ער איז דאָ געקומען צום ים, ווייל ער וויל זיך דאָ אָפּרוען, ווייל דאָ זענען נישט פאַראַן קיין קוימענס, קיין פאַבריקן. דאָ קאָנקורירט מען נישט ,דאָ האַנדלט מען נישט, דאָ פּראָטעסטירט מען נישט קיין וועקסלען. דאָ נעמט מען רו, געזונט, דאָ פאַרווײַלט מען זיך. אַ מענטש מוז זיך אויך ווײַלן אַ ביסל.

אָבער די איליטאָוויטש...

די איליטאָוויטש איז דאָך יונג און זי האָט דאָ שוין אוודאי יונגע באַקאַנטע. — וואָס פאַר אַ קאָנטאַקט וועט ער האָבן מיט די ייִנגערע פאַר אים? ער האָט זיך געשראָקן. שוין זייער לאַנג האָט ער אַזאַ פאַרשאָלטן געפיל פון שרעק נישט געהאַט. פונדעסטוועגן האָט ער גענומען שפּרייזן פאָראויס. נענטער און נענטער צום סאַמע וואַסער, צום עולם, וואָס ליאַרעמט אין זיין געדיכטעניש. נאַקעטע מענטשן זענען פאַר אים געשפּרונגען, גאָר יונגע און עלטערע, בלייכע און ברוינע נאַקעטקייט, קרומע, גלייכע, דאַרע און דיקע. די מענטשהייט האָט דאָ איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון שלאַנקע פיגורן, פון געטאָקטע פיס, פון צעבראָ־כענע פיגורן און דאַרע פיס. זיי זענען געלאָפן איבערן זאַמד און גע־שפּרונגען אין וואַסער אַריין. אַ סך פון זיי זענען געלעגן אין גרופּעס אויפן זאַמד און ליים־קאָליר מיט זאַמד־קאָליר האָבן זיך אויסגעגלייכט... די מעוועס אין לאַנגזאַמע זיגזאַגן האָבן זיך געטראָגן איבער די האַלב־נאַקעטע קערפּער. עטלעכע פון זיי האָבן גאָרנישט אויפגעהערט צו שוועבן איבער די מענטשן. מען האָט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס זענען אונטערגע־שיקטע אויסשפּירער פון ים. מען האָט זיי באַפוילן אויסצופאָרשן, ווער זענען זיי די צוויי־פיסיקע, וועלכע האָבן אַזוי פיל הנאה פון אַ ביסל וואַסער און פון אַ סך געשריי? געשריגן האָט מען גאָר פיין. דאָס איז

געוועזן אַ מין קאָקעטעריע ביי די מענטשן: ווער עס שרייט מער, דער ווילט זיך בעסער.

זיידנער האָט דאָ דערקענט אַ סך לאַדזשער פּנימער. ער איז אויך דערקענט געוואָרן פון אַנדערע. ער האָט דערהערט, ווי מען רופט צווישן זיך אָן זיין נאָמען:

— דאָס איז דאָך זיידנער, דער פאַבריקאַנט...

— ער איז שוין נישט קיין פאַבריקאַנט...

מען האָט זיך דיסקרעט וועגן אים געשושקעט, דאָך אַ סך פראַזן זע־נען דערגאַנגען צו זיינע אויערן. נישט אַלע האָבן געזאָרגט, אַז זייערע פראַזן זאָלן נישט דערהערט ווערן, די קליינע כאַמעלעך גייט נישט אָן, צי מען הערט זיי, צי דאָס קאָן עמיצן באַליידיקן? זיי דאַרפן רעדן, ווי די הינט דאַרפן בילן.

ווען אַ מענטש, וועלכער איז אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, ווען אַזאַ איינער, וואָס גלויבט, אַז די רואיקייט האָט אויך עפּעס אַ ווערט, ווען ער פאַלט אַריין אין אַזאַ גערודער, אין אַזאַ געפּילדער פון אַ פּליאַזשע, דעמאָלט קוקט ער אויפן זאַמד... אָך, מיט אַזוי פיל זאַמד וואָלט מען זיי אַלעמען געקאָנט די מיילער פאַרשטאָפּן, כאָטש פינף מינוט זאָלן זיי שוייגן. עס ווילט זיך בעטן ביי זיי, עס ווילט זיך אויסבעטן ביי זיי אַ ביסל רואי־קייט, אַ ביסל שווייגעניש. אַ מענטש דאַרף זיך באַהערשן און נישט רי־טשען, ווי אַ ווילדער אָקס. די זון וויל געבן פרייד און זי גיט פרייד, נעמען זיי, די האַלב־מענטשן און מאַכן פון דעם ליאַרעם, אומגעלומפּערט ליאַרעם.

די דאָזיקע פּליאַזשע־שרייערס זענען שטאַרק אומגעלומפּערט אין זייער געשריי. זיי פרייען זיך, אָבער די פרייד איז אָן אַ ריטם און פאָרם, אָן טעם... די אמתע פרייד און די טיפערע איבערלעבונג פון דער נאַטור־נאָענטקייט ווערט דאָ פאַרהילכט פון אַ ספּעציעל מין ביליגע שרייערס, פון אַזעלכע, וואָס מער ווי שרייען קענען זיי נישט...

זיידנער האָט זיך כסדר אומגעקוקט. ער האָט געזוכט פריילין אילי־טאָוויטש, זי מוז דאָ געוויס זיין. ער האָט זי געוואָלט געפינען. איצט איז זי אים שטאַרק נויטיק. ער האָט זיך דאָ פאַרלוירן אויף דער פּליאַזשע, ער איז אָבסאָלוט נישט געוווינט צו אַזאַ ליאַרעם...

— זיידנער! פּאַניע זיידנער... האַלאָ!

ווער רופט אים, פון וואַנעט, פון וועלכער זייט? ער האָט זיך אַרומ־

געקוקט און צווישן דעם פּליאַזשע־עולם נישט געזען קיין באַקאַנטן פּנים. ביז ער האָט נאָכאַמאָל דערהערט:

— האַלאָ! האַלאָ! פּאַניע זיידנער...

ער האָט מיט די אויגן גענומען פאָרן איבערן וואַסער, פון אַ גרופּע, וואָס האָבן זיך דאָרט געבאָדן, האָט זיך אָפּגעטיילט אַ פרויען־פיגור, אַ שמאָל פיגורל. אַ האַנט האָט זיך פון וואַסער אויפגעהויבן.

ליזאַ איליטאָוויטש האָט אים גערופן.

זי איז אַרויס אויפן ברעג, זי האָט אים דערלאַנגט אַ נאַסע האַנט.

— ווען זענט איר געקומען?

— נעכטן...

— נעכטן געקומען און היינט זיך באַוויזן... נישט פיין.

זיידנער האָט שוין גענומען טראַכטן, אַז ער האָט נישט פיין געהאַנדלט. ער האָט שוין שטענדיק מורא געהאַט, אַז ער וועט אַמאָל מיאוס דורכפאַלן, צוליב זיין נישט וויסן דעם גאַנצן צערעמאָניאַל, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט פרויען.

זי האָט אים אָנגעקוקט און געשמייכלט:

— נעכטן זענט איר שוין געווען אין קאַרווי, און איך האָב וועגן דעם נישט געוווּסט...

— איך האָב זיך אויסגערוט פון וועג.

— פריער זוכט מען אויף אַ פריינט...

— עס קאָן זיין, אַז איר זענט גערעכט.

זי איז שוין געווען גוט אָפּגעברענט פון דער זון און צוליב דעם האָבן די ציין אירע אויסגעזען ווייסער. זי האָט עפּעס איצט געהאַט אין זיך פון אַ נעגערין...

— נעכטן געקומען...

— איך האָב נישט געוווּסט, וווּ איר וווינט.

— אַ קאַוואַלער באַדאַרף וויסן.

זי האָט דרייסטקייט באַקומען. זי נעמט אים אונטערן האַנט:

— קומט! מירן גיין אַ ביסל מיטן ברעג. דאָ שרייט מען צופיל.

— איצט אַרט עס מיך נישט, נאָר פריער, בעת איך בין דאָ אַליין געקראָכן צווישן אַזוי פיל צעפּרעגלטע קערפּערס, איז מיר נישט געווען אַזוי היימלעך... איך גיי און שווייג, איך זוך דאָ איינער אַ ליזע און זיי שרייען, ווי די גענדז...

— נישט ווי די גענדז, ווי די אינדיקעס.
— ניין! ווי די שעפּסן...
— ניין! ווי פּוסטע מענטשן...
— זאָלן זיי שרייען...
— און וואָס וועלן זיי אויסשרייען?
— אַ פּוסטעניש...
— און וואָס וועט בלייבן?
— אַ ליידיקייט...
— און ווו וועט עס אַהינקומען?
— אין אַ צווייטער ליידיקייט.

מיט דעם קורצן דיאַלאָג האָבן זיי זיך אַזוי ווי אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער סטאַדע. אַזוי האָט עס פאַרשטאַנען זיידנער און דאָס האָט אים שטאַרק געפרייט. זאָל ליזע נישט זיין קיין שותפטע צו די אַלע, וועט שוין גוט זיין. ער איז דאָ אַראָפּגעקומען צוליב איר אַליין.

זיי זענען נאָך קיין סך נישט אָפּגעגאַנגען, האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— פאַננאַ ליזאַ, פאַננאַ איליטאָוויטש!

דאָס האָבן אירע באַקאַנטע זי גערופן, די, וועלכע האָבן זיך געבאָדן מיט איר צוזאַמען.

ליזאַ האָט זיי געגעבן אַ פריינטלעכן צייכן מיט דער האַנט, אַז זי איז פאַרנומען און זאָלן זיי דערווייל אַליין פאַרברענגען.

— ווער זענען די מענטשן? — האָט זיידנער געפרעגט.
— באַקאַנטע.
— אַלטע, צי נייע באַקאַנטע?
— נייע... פון פּענסיאָנאַט.
— איר האָט דאָ דערפּאָלג?
— יאָ...
— וועט שוין פאַר מיר גאָרנישט בלייבן...
— איר זוכט ביי מיר דערפּאָלג?

זי האָט עס געפרעגט און געשמייכלט, זי האָט עס געפרעגט און זיך אָפּגעשטעלט, זי און איר שמייכל האָבן געוואַרט אויף אַ תשובה.

זיידנער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו ענטפערן. האָט ער בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ"...

דאָס אַלץ איז געווען, ווי אַ שפּאַס און יעדערער פון זיי מעג זיך אויסטייטשן דעם שפּאַס, ווי ער וויל.

פון דעם שפּאַס איז מען באַלד איבערגעשפּרונגען אויף אַנדערע טעמעס. ליזאַ האָט געפרעגט וועגן אַלקערן און צי וועט ער קיין קארווי קומען:

— מיר וואָלטן דאָ אַ „דרייבונד" געשלאָסן.

— וועל איך צו אים שרייבן וועגן אייער „דרייבונד", אָבער איך בין זיכער, אַז ער וועט אַליין קומען, ער וועט אין לאָדזש נישט איינזיצן, כאָטש ער האָט איצט אַ סך אַרבעט אין שטאָט... אַלקער וועט קומען, ער וועט באַשטימט קומען...

— ער איז אינטערעסאַנט, אונדזער אַלקער...

זיידנערן איז זייער ליב געווען צו הערן אַזאַ פראַזע: „אונדזער אַלקער". דער „אונדזער" האָט זיי אַלע דריי פאַראייניקט. שפּעטער אַ ביסל האָט ער געענטפערט:

— איך רעכן, אַז אַלע מענטשן, אָט די אַלע, וואָס געפינען זיך נישט אויף זייערע ריכטיקע פּלעצער, זענען אינטערעסאַנט.

— אַלקער איז דאָך אַן אינזשיניער, ער אַרבעט...

— יאָ, אָבער אַלס מענטש מיט זיין אינטעליגענץ, מיט זיין ליבע צו קונסט, ער איז דאָך ביי אונדז אין לאָדזש נישט אויף זיין פּלאַץ, און דאָס ברענגט אים אַ שטענדיקע אומרואיקייט און די אומרואיקייט זיינע איז אינטערעסאַנט.

מען האָט געכאַפּט די ערשטע בעסטע שטיקלעך געדאַנקען און זיי געטראָגן ביים ברעג פון ים, מען האָט גערעדט וועגן אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט רעדן... וואָס זענען דאָ ווערטער איצטער? אַ קליין צוגאָבל צו דעם גרויסן ים, וואָס שליידערט זיך פאַר די אויגן אין אַקראָבאַטישע פאָרמען: לויפט אַ פּאַס וואַסער און טראָגט אין מויל אַ קייט פון זילבער, קומט אים אַנטקעגן אַ צווייטע כוואַליע און קלאַפּט אַרויס די זילבערנע קייט פון זיין מויל. די זון האָט דאָ אַלץ באַהערשט, און אַז עס איז נישטאָ קיין שאָטן, איז אויך נישטאָ קיין שאָטן־רייד. ליזאַ איז צופרידן מיט קארווי, זי זאָגט:

— דאָ איז גוט. דאָ איז מער, ווי גוט. בלויז די, וועלכע האָרעווען אַ גאַנץ יאָר, קאָנען דאָס פילן, ווי גוט דאָ איז.

זי זעצט זיך אויפן זאַמד. זיידנער זעצט זיך לעבן איר:

— איר שווימט, פּאַניע זיידנער?

— אָי, שוואַך, כמעט גאָרנישט.

— טאָ גייט דאָרט אַוועק אַ ביסל ווייטער, טוט אָן אייער באָד־קאָסטיום און מיר וועלן זיך לאָזן שווימען, אין ים אַריין...

— אָבער איך קען דאָך נישט שווימען...

— וועל איך שווימען און איר וועט זיך באָדן אויף אַ פלאַכן אָרט.

שפּעטער האָט ער זיך געבאָדן און די איליטאָוויטש איז געשוווּמען אַהין און אַהער. פאַרשווּנדן געוואָרן און ווידער געקומען.

ער האָט זי געוואָלט בעטן, זי זאָל וווּיט נישט אַוועקשווימען, דאָך האָט ער דאָס נישט געטון. זיך פאַרשעמט, ווי אַן אָפּגעשטאַנענער, ווי אַ פרעמדער אין דער זומערדיקער מחנה.

שפּעטער, ווען זיי זענען ווידער געזעסן אויפן זאַמד, האָט זי ביי אים געפרעגט:

— און וואָס איז מיט אייערע געשעפטן, פּאַניע זיידנער?

אָי, פרייליין ליזאַ! דערמאָנט נישט די געשעפטן, ווייל די געשעפטן דערמאָנען לאָדזש און אַ סך אומאַנגענעמע זאַכן...

— דאָ מעג מען עס דערמאָנען...

— פאַרוואָס מעג מען עס דאָ דערמאָנען?

— ווייל דאָ קאָן מען נעמען אַלע שווערע געדאַנקען און אין ים אַריינוואַרפן.

זיידנער איז אויפגעשטאַנען, צוגעלאָפן נענטער צום ים און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט עפּעס אין וואַסער אַריינגעוואָרפן.

— שוין נישטאָ קיין שווערע געדאַנקען.

זי האָט געלאַכט:

— ווען מען קאָן אַזוי אַרויסנעמען פון ים אַ ביסל זיכערקייט און לעבן, רייכקייט...

— אויך דאָס איז מעגלעך.

— איר מיינט אין פאַנטאַזיע, אָבער וואָס איז דאָך מיט אייערע געשעפטן, איך וואָלט וועלן, אַז אייך זאָל גוט זיין.

— דערווייל איז נישט גוט. אַלץ אונטערגעגאַנגען. מען וועט זיך מוזן נעמען אויפדאָסניי אַרבעטן... אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס, פרייליין ליזאַ?

— גלאַט אַזוי... איך וויל בלויז וויסן, צי איר ליידט דערפון, וואָס

ביי אייך איז אַזוי שלעכט אַוועק...

— ניין! איך לייד נישט...

— אָבער איר זענט דאָך געווען אַ גרויסער פאַבריקאַנט, געווען רייך, און רייכקייט איז דאָך אַ קראַפט...

— איך פיל זיך איצט שטאַרקער, רואיקער און זיכערער...

— דאָס איז אַ ווערטער־שפּיל, נישט מער... פּסיכאָלאָגיש האָט אַנ־דערש באַדאַרפט זיין...

— עס איז אַזוי, ווי איך זאָג אייך.

— איך מוז אייך גלויבן...

— פרייליין ליזאַ! איך גלויב, אַז איר וועט מיך אַמאָל פאַרשטיין, ווייל מיט דער צייט וועלן קלאָר ווערן עטלעכע פאַקטן, און דעמאָלט וועל איך קאָנען זיין אָפנהערציקער...

— וועלכע פאַקטן?

— לאָמיר דאָס איצט לאָזן, מיר וועלן נאָך רעדן וועגן די זאַכן. אָ, גיט נאָר אַ קוק, ווי ווייט איין שווימער איז אַוועק. מען זעט קוים זיין קאָפּ... אָ, מען זעט אים שוין נישט... ניין! מען זעט אים שוין ווידער, אַ העלד, מקנא צו זיין אַזאַ איינעם.

ביידע האָבן זיי מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געקוקט אין ים אַריין, ווו אַ מענטש האָט באַוויזן זיין בראַוווּר. עס האָט דעם אָטעם פאַרכאַפּט, עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וועט שוין צוריק נישט קומען. אָט פאַרשווינדט ער אינגאַנצן, אָט ווייזט ער זיך ווידער. אַזאַ גרויסער ים און אַזוי קליין זעט עס אויס דאָס פּינטעלע, וואָס שווימט און ראַנגלט זיך מיט די קאָלטאַנאַוואַטע פאַליעס.

זיי האָבן זיך ביידע געפרייט, ווען דער שווימער האָט זיך גענומען דערנענטערן צום ברעג. דערנאָך האָבן זיי פאַרלאָזט זייער אָפּגעזונדערטן פּלאַץ. ליזאַ איז געגאַנגען צו אירע באַקאַנטע. דאָרט איז אויך געווען איר אָנטועכץ. זיידנער האָט זיך אָפּגעבעטן: ער וועט דאָ אונטערוואַרטן, ער וויל זיך מיט קיינעם נישט באַקענען.

האָט זי אים געדראָט מיט איינעם פון אירע דינע פינגער:

— איר זאָלט מיר נישט מורא האָבן פאַר מענטשן...

— איך האָב נישט מורא, זיי זענען מיר איבעריק.

ער האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַ לייכטער מורא, מיט בקשה גערעדט.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— האָט נישט קיין מורא, פאַגיע זיידנער! עס וועט זיין אַזוי, ווי איר ווילט. איך האָב זיי אויך נישט איבעריק ליב, און איצט, אַז איר זענט שוין געקומען...

זי האָט נישט דערערדט:

— איז וואָס, אַז איך בין שוין געקומען?...

— גאָרנישט.

— ניין, זאָגט! איך בעט אייך...

— אַז איר זענט שוין געקומען, וועט מען זיך שוין קאָנען באַגיין אָן זיי...

— איך דאַנק אייך זייער, פריילין ליזאַ!

— דאַנקט נישט אַזוי פיל, מיר זענען שוין אַלטע פריינט.

— שוין גאָר אַלטע...

— און גוטע פריינט.

— גאָר גוטע — האָט זיידנער צוגעשטימט.

און געוואָרפן האָט מען זיך מיט אַזעלכע פראַזן, ווייל קיין אַנדערע רייד האָט מען נישט געוואָלט רעדן.

אין די אויגן האָט מען זיך אויך נישט געקוקט, כאָטש קיין גנבים איז מען נישט געווען. נאָר פעדעם גאָלדענע האָט מען באַהאַלטן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן, די פעדעם, מיט חדשים צוריק, ביי זיידנערן אין קאָנטאָר, שפּעטער ביים טויער אויף דער ציגל גאַס, אין לאָדזש. ביי יעדער באַגעגעניש פון די צוויי האָבן זיך די פעדעם געוועבט און איצט ביי דער ליכטיקער זון און ביי דעם אומרואיקן ים וויל מען די פעדעם באַהאַלטן... גלאַט אַזוי, מען פאַרגינט זיך נישט די מענטשלעכע פרייד.

דער עולם איז געגאַנגען צוריק פון ים, פאַרשוויצט, פאַרברענט און פאַרסמאַליעט. בונטע פּיזשאַמעס, קאָלירטע באָד־מאַנטלען, משונהדיקע ווייסע מיצן אויף די קעפּ... אויסגעזען האָט אַזוי ווי אַ מחנה משוגעים האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דולהויז און זיי האָבן פריילעך פאַרבראַכט ביז מיטאָג, איצט גייען זיי צוריק אין דולהויז...

אַ סך מענטשן זענען געגאַנגען צוריק פון ים, סטאַדנוויז. יעדער פּענסיאָנאַט האָט זיך זיין סטאַדע. זיי האַלטן זיך צוזאַמען און האָבן הנאה פון דעם „צוזאַמען". בלויז געציילטע געפינען זיך אויס און די דאָזיקע טיילן זיך אָפּ פון דעם „צוזאַמען". גאַנץ אָפט קוקט מען קרום אויף אַזעל־

כע. זיידנער און ליזאַ זענען אַוועק פון דער פּליאַזשע דורך אַן אַנדער וואַלד־וועג. זיי זענען אַריין אין שטעטל און זיך דאָ אָפּגעזעגנט.

ביים אַוועקגיין אַ פראַגע:

— פאַניע זיידנער! ווי זע איך אויס? בעסער, ווי אין לאָדזש?...

זיידנער האָט זיך פאַרלוירן:

— די גאַנצע צייט וויל איך אייך זאָגן אַ פאַרדינטן קאָמפּלימענט: איר האָט זיך דאָ פאַרבעסערט, איר זענט יינגער געוואָרן, שענער געוואָרן...

— נו, שוין גענוג... לאָזט אויף אַ צווייטן מאָל און וואַרט נישט איך זאָל אייך פרעגן. מיט קאָמפּלימענטן דאַרף מען נישט וואַרטן, זיי קענען נאָך אַלט ווערן.

אָפּגערעדט האָט מען צווישן זיך, אַז איינער אויפן צווייטן וועט וואַרטן זעקס פאַרנאַכט ביים ים. דעמאָלט זענען פאַראַן ווייניק מענטשן אויף דער פּליאַזשע... מען וועט זיך באַגעגענען...

26

די גאָלדענע פעדעם

איצט איז שוין נישט געווען קיין הייסע זון, נישט געווען קיין היץ און נישט געווען קיין געשריי, געציילטע מענטשן און געציילטע פאָרלעך זענען געגאַנגען ביים וואַסער.

איבער זייערע קעפּ האָבן געמאַכט קאַראַהאָדן געציילטע מעוועס. דער ים האָט איצט אויסגעזען איינזאַמער ווי איינדערפרי, אָבער דערפאַר שטאַרקער, מעכטיקער, פונקט ווי ער האָט זיך איצט איבערצייגט, אַז ער דאַרף זיך בלויז פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע כוחות. די פאַליעס, די גרויסע, האָבן געשלעפּט קלענערע פאַליעס, אויפן פלאַך פון ים איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע מאָביליזאַציע. דער טאָג טראָגט זיך אָפּ און ביי־נאַכט... ווער איז דאָס זיכער מיט דער נאַכט? האָבן זיי געגראָבן, די פאַ־ליעס, שויך־גרובן אין ים און זיך זייער געאײַלט. קיין רגע נישט גערוט, געאַרבעט, געאַרבעט... עס קען דאָך נישט זיין, אַז דאָס אַלץ איז צו פלייסן. ווינט און שטורעם האָבן דאָך אַ געוויסע אויפגאַבע אין לעבן, באשר מיר ווייסן נישט דעם סוד. ים וואַרפט נישט אומזיסט זיינע פאַ־

ליעס, אין דעם איז פאַראַן אַ סענס, אַ צאָל, באשר מיר מיינען, אַז אונ־דזערע וועב־שטולן, דאָס איז דער עיקר.

זיידנער איז געקומען דער ערשטער צום ברעג. אויף ליזען האָט ער נישט לאַנג געוואַרט. זי איז אים אַנגעקומען אַנטקעגן מיט אַ שמייכל:

— אין פענסיאָנאַט האָט מען אייך דערקענט: זיידנער, האָבן זיי גע־זאָגט, דער געוועזענער...

— דער געוועזענער פאַבריקאַנט.

— יאָ, מען האָט גערעדט וועגן אייך...

— וועגן מיינע געשעפטן?

— ניין! צופעליק ווייזט אויס... מען האָט וועגן אייערע געשעפטן נישט גערעדט. וועגן אייער שלאַנקער פיגור, וועגן די שיינע גרויע שלייפן אייערע. מיט איין וואָרט: איר געפעלט אַלעמען.

— איך בין גערירט. אפשר האָט איר אַ שפּיגעלע, לאָמיר אַ קוק געבן אויף זיך...

— אָבער פּאַניע זיידנער! אָן איראָניע און אָן איבעריקער באַשיידנ־קייט. מענטשן זאָגן אויף אייך, אַז איר זענט אַ שיינער, דאַרף מען עס אָננעמען פאַר אַ גוטער מטבע. אויב מיך האָט עס געפרייט, באַדאַרף עס אייך אויך פרייען...

— אייך האָט עס געפרייט?

— איר האָט דאָך דעם בעסטן סימן: איך דערצייל דאָס אייך און געדענקט: איר זענט אַ שיינער מאַן...

— זאָל זיין אַזוי, איך בין גרייט צו זיין אַ שיינער, אַ מיאוסער, ווי אייך וועט געפעלן ווערן.

— וואָס איז דאָס, אונטערטעניקייט?

— כמעט... איך בין דאָ ביי אייך אין די הענט. איך האָב דאָ נישט קיינעם און איך וויל קיינעם נישט האָבן, אייער פריינטשאַפט איז גענוג פאַר מיר. מיט אייך איז גוט... יאָ, ים, לופט, זון, פרייהייט און ליזע איליטאָוויטש, וועלכע גייט מיט מיר שפּאַצירן און הערט אויס מיינע נאַריש־קייטן...

— דאָס איז נישט ריכטיק, איך רעד מער נאַרישקייטן פאַר אייך...

דאָס איז שוין נישט געווען די זעלבע ליזע, וועלכע איז דעמאָלט אַזוי אַנגעשראָקן אַריינגעקומען צו זיידנערן אין קאַנטאָר. דער זומער, די זון מיטן ים האָבן זי מונטערער געמאַכט און דער געדאַנק, אַז זיידנער

איז ספּעציעל צוליב איר אַראָפּגעפאָרן קיין קארווי האָט דאָ אויך גע־שפּילט אַ ראָל... זי איז געווען פריי מיט אים, זאָרגלאָז און אפילו אַ בי־סעלע העזהדיק, ליב, באַחנט און אין דער זעלבער צייט אויך אַ קאַ־פּעטשקע דרייסט.

זיידנערן איז דאָס געפעלן געוואָרן.

זי איז געגאַנגען און געשאַרט מיט די פיס דאָס זאַמד, כסדר אַזוי אַריינגעדריקט דעם פוס אין זאַמד און אַ שאַר געטון:

— וואָס ווילט איר פון זאַמד, וואָס שליידערט איר עס מיט די פיס?

— איך זוך עפּעס... אינדערפרי האָבן זיך אויף דעם אָרט די מענטשן אַזוי צענויפגעמישט מיטן זאַמד, גיי איך און זוך, אפשר איז דאָ ווער פון זיי פאַרבליבן.

גוט געווען אויפן האַרצן, איז יעדער וויץ אַנגענעם, יעדער שפּאַס, און אויסגעזונען האָט, אַז די פירערין איז — ליזאַ, זיידנער איז דאָך אַ גאַסט. באַדאַרף מען אים פירן און אַלץ באַווייזן:

— איר וועט זען די פישערס קומען צוריק פון פיש־פאַנג. זיי קו־מען מיט זייערע שוואַרצע שיפלעך און אַליין זענען זיי אויך שוואַרץ, אָפּגעברענט, אויף די דעקן פון די שיפלעך שליידערן זיך פיש: פלאַנדרעס, זילבערנע און קאַלירטע, משונהדיק זענען זיי אויס, די פלאַנדרעס, זיי טראָגן אין זייער אויסזען דעם סוד פון ים און ים־לעבן... איר וועט זען.

אַזוי ווי כוואַליעס, וועלכע זענען געשפּרונגען פאַר זייערע אויגן, די כוואַליעס, וועלכע בייטן יעדע סעקונדע זייער געשטאַלט, אַזוי האָט זי כסדר געביטן די טעמע פון איר ליבער פּלאַפּלעריי...

און פּלוצלינג האָט זי גענומען רעדן וועגן זיידנערן:

— זיידנער גייט מיט מיר שפּאַצירן ביים ברעג פון ים, זיידנער, פעליקס זיידנער. איך, ליזאַ איליטאָוויטש, האַלט אים אונטער זיין האַנט און מיר גייען ביידע אויף דעם זאַמד, זיידנער און ליזאַ...

— וואָס איז דאָס, אַ וווּנדער אַזאַ?

— אַ וווּנדער, אַ גרויס וווּנדער...

זיידנער האָט געלאַכט, זי האָט געלאַכט און דער ים האָט זיך נישט געפוילט און האָט אויך מיטגעלאַכט.

— ס׳איז אַ קנאַפּער ווונדער, פאַננאַ ליזאַ! כאָטש עס איז מיט אייך זייער אַנגענעם צו שפּאַצירן...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אים מיט מילדן שפּאָס אָנגעקוקט...

ער, זיידנער, פאַרשטייט נישט אַלץ, ער האָט נאָך נישט אויסגעהערט, וואָס זי וויל אים זאָגן, טאָ זאָל ער הערן:

— ביי אונדז אינדערהיים, ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע, ווען דער טאַטע פלעגט מיט דער גאַנצער משפחה זיצןביים טיש, האָט מען דאָן גערעדט וועגן זיידנערן, וועגן צוויי זיידנערס, וועגן דעם יונגן און וועגן דעם אַלטן. אינדערהיים ביי אונדז איז געווען אַ „זיידנער־קולט"... קיין גרעסערע יחסנים האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט. דער אַלטער זיידנער אין זיין קאַרעטע איבער די גאַסן פון לאָדזש. דאָס איז פאַר מיינע יונגע אויגן געווען דאָס העכסטע פון דער לעבעדיקער פאַנטאַזיע. אַ קלייניקייט: זיידנער און ביי דעם זיידנער האָט געאַרבעט מיין פאָטער, וועלכער איז נישט איינמאָל מיט אים געפאָרן אין דער קאַרעטע... אַ קלייניקייט...

זיידנער האָט געשמייכלט.

און ליזאַ האָט ווייטער גערעדט:

— שמייכלט נישט און לאַכט נישט, איך בין געווען אַ קינד, און יעדע זאַך, וואָס פלעגט קומען פון דרויסן, האָט שטאַרק געווירקט אויף מיין געמיט: דער אַלטער זיידנער איז געפאָרן קיין קאַרלסבאַד — אַ געשעעניש. דער אַלטער זיידנער איז געקומען צוריק פון קאַרלסבאַד — ווידער אַ געשעעניש. דער יונגער זיידנער איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, ער שטודירט דאָרט, ער איז אַ שיינער, ער איז אַ פּעאיקער, ער וועט זיין אַ גרעסערער פאַבריקאַנט פאַר דעם אַלטן זיידנער... אַלץ האָט געווירקט אויף אונדזער קינדערשן געמיט... מיין טאַטע האָט גערעדט וועגן זיידנערס גרויסע געשעפטן, וועגן זיין רייכקייט, וועגן זיין קאָטש און ביי אונדז אינדערהיים איז געווען אַ ביסל שווערלעך; וואָס דער פאָטער מיינער האָט פאַרדינט איז אַלץ אַוועק אויף בילדונג פאַר אונדז; איז געווען אַ ביסל שווערלעך, און יענעמס רייכקייט האָט געלאָקט, גערייצט, די פאַנטאַזיע האָט זיך נישט איינמאָל צעשפילט... איר פאַרשטייט מיך?

— אַלץ איינס, איך פאַרשטיי, צי איך פאַרשטיי נישט — עס איז אייך ליב צו הערן.

— שפּעטער איז דער יונגער זיידנער געקומען צוריק פון דייטשלאַנד, ס'איז געווען נאָך דער מלחמה און מיין פאָטער האָט געהאַט אַ סך צו רעדן פון אייך. דער אַלטער זיידנער האָט געקרענקט און שפּעטער געשטאָרבן. מיין פאָטער האָט דעמאָלט געזאָגט: די פאַבריק איז פאַרבליבן

אין גוטע הענט. דער יונגער זיידנער וועט דאָ אין לאָדזש אַלעמען אי־בערשטייגן... זיידנער, זיידנער, איך האָב זיך אָנגעהערט אַזוי פיל. דער־נאָך, ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך געזוכט די געלעגנהייט אַ קוק צו טון אויף אייך פון דערווייטן — איר זענט דאָך געווען דער חלום־פּרינץ פון אונדזער שטוב... איר פאַרשטייט מיך?

— רעדט, רעדט, רייסט נישט איבער, איך וויל נאָך הערן.

— האָב איך אייך עטלעכע מאָל נאָכגעקוקט... אַזאַ הויכער, אַזאַ ערנסטער. איר האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין גרויע האָר אין די שלייפן, איר זענט מיר דאַן געפעלן געוואָרן.

— און היינט?

— איר ווילט אַ קאָמפּלימענט?

— פון אייך? יאָ...!

— היינט געפעלט איר מיר נאָך מער...

— איך גלויב נישט, עפּעס גלויב איך נישט... וואָס פאַר אַ חלום־פּרינץ בין איך, איך האָב שוין נישט קיין פאַבריק און איך בין שוין נישט יונג...

— הערט אויף! — האָט זי געזאָגט און פלוצלינג האָט זי זיך מער דערנענטערט צו אים, לייכט אונטערגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט דעם זיידנערן און אים אויסגעקושט...

דאָס איז געקומען אומגעריכטערהייט. זיידנער איז אַ ביסל צעטומלט געוואָרן, אָבער נישט געוואָרן איבערראַשט. ער האָט די קושן פון ליזען אָנגענומען ווי אַן אַלטן חוב, ווי אַ באַלוינונג פאַר די יונגע חלומות פון אַזאַ קליינער ליזאַ, וועלכע האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן אים און זיין היים... נישט געווען איבערראַשט, אָבער רואיק זיך געוווּנדערט: אָט די שטילינקע האָט געוואַגט. דאָס האָבן די הייסע טעג געמאַכט, די פרייע טעג ביים ים. אין דער ענגער לאָדזש וואָלט קיינמאָל ביי איר אַזאַ ווילן און אַזאַ געדאַנק נישט איינגעפאַלן. ער האָט אַ קוק געגעבן צום ים און אַן ווערטער געדאַנקט דעם דאַזיקן שדכן...

דערנאָך איז מען געגאַנגען און נישט גערעדט וועגן דער קלייניקייט, וועגן קוש... דער דאָזיקער קוש איז שוין אַנטלאָפן ערגעץ ווייט־ווייט אין בלויען רוים, ווייט־ווייט איבערן ים. ער האָט דאָ אָפּגעזיגלט אַ שותפות און אַליין אַנטלאָפן אין דער אייביקייט.

און פון ווייטן האָט דער עולם געשריגן, צו הויך, צו פּוסט. זייער

שרייען האָט געוויגט די לופט און צעשמעטערט די רואיקייט, קלינעס טעמפּע האָט עס אַריינגעהאַקט אין דער שטילקייט.

— זיי שרייען נאָך אַלץ, האָט זיידנער צוגעוואָרפן.

— איר זענט בייז אויף זיי?

— ניין! איצטער נישט, בלויז דעמאָלט, ווען אונדז איז גוט אויפן האַרצן, קאָן מען זיין מוחל זיין דעם סטאַדישן שותפות און דעם סטאַדישן מעקען...

— און איצט איז אייך גוט...

—איך רעכן... מיר ביידע רעכענען, אַז יאָ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט ווערטער־שפּילעריי. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ גוטער סימן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן גוטע טעג...

יענע גוטע טעג, ווען עס דאַכט זיך, אַז קיינער קאָן דאָס נישט צונעמען. די זון, דער ים און די פרייהייט כאַפּן אַריין דעם שטאָטישן מענטשן און קנעטן אים איבגאַנצן איבער. די ערשטע עטלעכע טעג זענען די שטאַרקסטע. די אויגן, וועלכע זענען צוגעוווינט צו די גרויסע פּאַסאַדן, ווו דער בליק ווערט געצוימט, די אויגן דערזעען פּלוצלינג אַ פרייען און אַן ענדלאָזן ווייטן האָריזאָנט און דעם מענטשן דאַכט זיך אויס, אַז עס איז געשען אַ מיספּאַרשטענדעניש: ער איז אַריינגעפאַלן נישט אין זיין וועלט. ער הערט נישט דאָס טעמפּע שטאָט־גערויש. מאַשינען קלאַפּן דאָ נישט, אויטאָמאָבילן פייפן נישט, כאָטש מענטשן טומלען און שפּילן, אָבער דאָס איז דאָך מענטש אַליין, אָן דעם צוגאָב, אָן דער שטאָט, אָן מאַשין...

צו ערשט זעט עס אויס, ווי אַ ליידיקייט. עס דערשטיקט אפילו אַ ביסל די ליידיקייט, מוז מען עס פול מאַכן מיט זיך אַליין, מיט לוסט צום לעבן, מיט געפּיל, מיט געדאַנק און אפילו מיט שטיפערישע נאַרישקייטן, מיט זאָרגלאָזיקייט... מיט זיך אַליין...

די טעג זענען דאָ לאַנג דערפאַר, ווייל דער מענטש האָט צו טון בלויז מיט זיך. ציפערן נעמען אים נישט צו זיין צייט, קיינער נעמט גאָרנישט צו. ער שלאָפט וויפל אים ווילט זיך און אויב ער קאָן טראַכטן, טראַכט ער וויפל אים ווילט זיך, דערנאָך קומט די זיסע געוווינהייט צו זאָרגלאָזיקייט און נישט אַרבעטן. פריער האָט ער געטראַכט, דער מענטש, צי ער וועט אין דעם נייעם טאָג מאַכן גוטע געשעפטן, איצט טראַכט ער,

צי עס וועט היינט זיין אַ זוניקער טאָג און ווען אויף דער הימל־בירזשע זעען זיך נישט קיין וואָלקנס, איז ער זייער צופרידן. דער ערנסט גייט אַוועק. צו די שטיפערייען אויף דער פּליאַזשע באַדאַרף מען נישט זיין ערנסט, אין פּענסיאָנאַטביים טיש איז נישט נויטיק די ערנסטקייט. דאָ באַדאַרף מען אַ גוטן אַפּעטיט. די לייכטזיניקייט קומט פון זיך אַליין און אויב עמיצער איז אַן איינגעשפּאַרטער און ער וויל בלייבן ביי זיין ערנסט־קייט, דעמאָלט איז אַזאַ איינעם נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. זאָל ער בעסער אַנטלויפן פון דאַנענט.

זיידנער האָט נישט באַדאַרפט אַוועקפאָרן. אים איז דאָ גאַנץ גוט געוועזן. נישט דערפאַר, ווייל ער איז מיטאַמאָל לייכטזיניקער געוואָרן, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך פון דער ערנסטקייט גאָרנישט געמאַכט. עס איז געקומען די צייט פון זיין יום־טוב. אַלץ האָט אים געפרייט און מער פון אַלץ האָט געפרייט דער געדאַנק, אַז ער האָט עס גאַנץ פיין און גאַנץ ריכטיק געמאַכט, די ליקווידאַציע זיינע מיט דער פאַבריק... געענדיקט און אַ סוף.

ער האָט נישט געהאַט קיין חרטה. ער קוקט נישט צוריק. ער קוקט פאָראויס און פאָראויס איז דער ים... מיט ליזען. ער שמייכלט צו זיך אַליין: וואָס, אַ פאַרליבעניש? ער טראַכט, אַז עמיצער וועט באַלד קומען און אים נעמען אויסלאַכן, נאָר קיינער קומט נישט און קיינער לאַכט נישט און אויב קיינער לאַכט נישט אויס, הערט מען אויף זיך אַליין אויסצולאַכן.

שוין צען טעג ווי ער איז אין קאַרווי. די צען טעג ציען זיך באַ־שטראַלטע, דער הימל סאַלוטירט אים יעדן טאָג מיט דער ברענענדיקער זון. ביים ברעג פון ים טומלט זייער שטאַרק, אָבער ער מיט ליזען טיילן זיך אָפּ פון דער גרויסער מחנה... די שותפות מיט אַלעמען איז זיי נישט נויטיק. זיי באָדן זיך פון וויטן און ליגן אויפן זאַמד אָפּגעזונדערט פון עולם. אַנומלט האָבן זיי בידע לאַנג געשוויגן. די זון האָט געברענט און געשרפעט. יעדער איינער פון זיי האָט געמיינט, אַז דער צווייטער איז שוין פאַרברענט אויף קויל. דאָך... זיי האָבן בידע געלעבט, ווייל עס האָט זיך דערהערט אַ קול, ליזאַ האָט געזאָגט:

— די מאַטעמאַטיק רוט זיך אָפּ...

— דערנאָך האָט זיידנער אָפּגעענטפערט:

— די מאַנופאַקטור רוט זיך אויך אָפּ...

באַלד איז מען ווידער שטיל געוואָרן, ווייל עס איז פשוט קיין כוח נישט געווען צו רעדן. די זון האָט זיי איינגעשמידט אין אַן אַפריקאַנישער פוילקייט. עס האָט זיך געוואָלט ליגן אָן באַוועגונג, אָן ווערטער, אָן געדאַנקען אפילו. ליגן און וואַרטן, אַז דער ים זאָל שיקן אַ ביסל אָפּקי־לעכץ. אָפּט פאַרגעסט זיך דאָס ווינטל, וועלכער קירעוועט מיט די פאַליעס און ער קומט אויך אַרויס אויפן ברעג, ער בלאָזט דאַן מיט זיין פייכטער וואַרעמקייט איבער די נאַקעטע קערפּער און פרישט אָפּ... פון ווייטן קומט אָן דאָס געשריי פון די אַלע. די מענטשן־משפחה שרייט. שטענדיק אַזוי: איז זיי גוט, שרייען זיי פון פאַרגעניגן, איז זיי שלעכט, שרייען זיי ווידער פון צרות. אַלצדינג לעבן זיי איבער אין אַ געמיינזאַמען שותפות — אָן דעם גיבן זיי זיך נישט קיין ריר. בלויז געציילטע טיילן זיך אָפּ פון דער מחנה. זענען זיי בעסער, אָדער ערגער פאַר די אַנדערע, דאָס איז נאָך נישט אויפגעקלערט געוואָרן. איינס איז אָבער זיכער: זיי זענען אַנדערש, ווי אַלע. דאָס איז אפשר אַ שוואַכקייט אַוועקגיין פון אַלעמען. ווי אַ פאַר־מאַטערטער, פון זיי, דאָס איז אָבער אויך אַ כוח, צו קאָנען זיין אַליין מיט זיך און דער עיקר: אָן זיי, אַז אַ ווינטל זאָל פאַרבייטן די מענטשן, אַ געדאַנק אַליין פון זיך אויסגעהאָדעוועט, אַ ווילן, אַ געפיל, אַבי נישט קיין שותפות מיט דער גרויסער באַנאַלער מערהייט, אַבי נישט קיין שותפות מיט זיי.

זיידנער און ליזאַ האָבן וויניק קאָנטאַקט געהאַט מיט די איבעריקע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרבראַכט אין קאַרווי. זי אין איר פענסיאָנאַט, ער אין זיין פענסיאָנאַט...

זיי האָבן זיך געהאַלטן העפלעך מיט די עסערס און שרייערס, נאָר קיין צייט אַ ביסל מער צו פאַרברענגען מיט דעם „שותפות" האָבן זיי נישט געהאַט. ווייל זיידנער האָט שטענדיק געוואַרט אויף ליזען און ליזאַ האָט געוואַרט אויף זיידנערן. דער הויפּט־פונקט פון די באַגעגענישן זיי־ערע איז געווען דער לאַנגער פאַס זאַמד, וואָס ליגט נעבן ים, אין דער זעלבער פלאַך פון ים.

זיי האָבן שוין אַ סך אויסגערעדט פאַר די צוויי וואָכן פון זייערע באַגעגענישן. אַ סך אויסגערעדט, אַ סך געשוויגן און אַלץ איינס: סיי פון זייער שווייגן און סיי פון רעדן — די נאָענטקייט האָט זיך אַלץ מער פאַרפעסטיקט. זיי האָבן זיך ביידע געקוקט אין די אויגן און געלערנט איינער דעם צווייטן. זיידנער האָט ליב געהאַט... דאָס געפיל איז צו אים

צום ערשטן מאָל געקומען, ער האָט אָבער כסדר געצווייפלט אין דעם, צי די קעגנזייטיקייט וועט קומען. זיינע זעקס און פערציק יאָר האָבן אים געשראָקן. אָבער פאַרוואָס האַלט זי זיך אַזוי מיט אים? אפשר מיינט זי נאָך אַלץ, אַז ער איז רייך. פלעגט ער אָפט פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם אונטערגאַנג פון זיינע געשעפטן. זי פלעגט אָנשטעלן די אויגן און אים נייגעריק אויסהערן. און איינמאָל קומט אַזאַ פראַגע:

— אָבער, פאַניע זיידנער! ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען? דער פאָטער מיינער האָט שטענדיק געזאָגט, אַז די פירמע „זיידנער" איז — אייזן...

אויף דעם ענטפערט ער מיט רעזיגנאַציע:

— אַ גרויסע געביידע בויט מען זייער לאַנג און אַז עס פאַלט, פאַלט עס אין איין מינוט.

דערנאָך אַנטוויקלט ער אַ געדאַנק, אַז ער איז צופרידן פון דעם, וואָס אַזוי איז געשען. ער איז איצט אַ פרייער מענטש. ער זעט איצט דאָס לעבן...

זי האָט אים איינמאָל מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— העי! איר זאָגט דאָס, וואָס איר מוזט זאָגן. איצט ווען די פאַבריק איז שוין נישט אייערע, איך פאַרשטיי איך גאַנץ גוט: מען דאַרף זיך אַ ביסל אַליין טרייסטן.

דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין אירע ווערטער. ווי אַ באַליידיק־טער האָט ער געערדט און דערביי האָט ער גאַנץ קאַטעגאָריש געזאָגט:

— גלויבט מיר, פריילין ליזאַ! ווען איך וואָלט שטאַרק וועלן, וואָלט די פאַבריק נאָך היינט געווען מיינע.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס נישט געוואָלט?

— ווייל די מיטלען, וואָס איך האָב געדאַרפט אָנווענדן דערצו זע־נען מיר נישט ליב געווען. איר פאַרשטייט? צום ערשטן האָב איך רע־זיגנירט און דערנאָך האָב איך פאַרלוירן און איצט האָב איך נישט קיין חרטה... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פון זייער צוזאַמענדיקן שפּריי, ער האָט אויסגעזען, ווי איינער, וואָס פילט זיך געטראָפן פון אַ וואָרט, ווי איינער, וואָס וויל שווערן:

— גלויבט מיר נאָכאַמאָל, איך האָב נישט קיין חרטה, איך האָב נישט קיין פּיצעלע חרטה.

זי האָט אים באַרואיקט:

— גוט, איך גלויב אייך.

אָבער די געשפּרעכן וועגן זיידנערס מאַטעריעלע ענינים האָבן קיינ־מאָל לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ליזאַ איל־טאָוויטש האָט אַליין נישט דער־לאָזט דערצו, אַז מען זאָל אַ סך רעדן וועגן אײנעם, וואָס איז געפאַלן, זי איז געוועזן זיכער אין דעם, אַז זיידנערן קאָסט עס געזונט... ווייל, ווי קאָן עס זיין אַנדערש? אַ מענטש איז רייך געוועזן און אַט איז ער אָרעם...

וועגן וואָס צו רעדן האָט נישט געפעלט און דאָס שווייגן אין לאַנגע שפּאַצירן איז אויך נישט געפאַלן, ווי קיין לאַסט.

כמעט יעדן טאָג האָבן זיי דערמאָנט אָלקערן.

וואָס איז מיט אים און ווי פילט ער זיך דאָרטן אין שטאָט?

— איר וועט זען, פריילין ליזאַ! מאָרגן, איבערמאָרגן, נאָך אַ טאָג און ער וועט זיך דאָ באַווייזן. מיר וועלן אים פּלוצלינג דערזען אויפן זאַמד...

— אָבער ער איז דאָך פאַרנומען. איצט איז זיין סעזאָן, די בוי־צייט.

— איך קען אים בעסער, אָלקער האָט נישט קיין סעזאָנען, ער מאַכט זיך אַליין אַ סעזאָן.

זיי האָבן גוט גערעדט וועגן אים, ווייל אָלקער איז אויף אַן אמת געוועזן אַ גוטער יונג. ער האָט געהאַט אַ מאָדנע קאָנצעפּציע: פיינט האָבן אַלעמען צוזאַמען און ליב האָבן יעדערן באַזונדער און אויסגעקומען איז אַזוי, אַז ער האָט מער ליב געהאַט, ווי פיינט געהאַט. זיידנער האָט זיך מודה געווען פאַר ליזען, אַז אַן אָלקערן וואָלט ער זיך געפילט זייער עלנט:

— ער איז מיין גוטער וועטער...

ליזען איז געפעלן געוואָרן דער אויסדרוק און זי האָט געפרעגט:

— דאָס איז אייער אויסדרוק?

— יאָ, מיין פּאַטענט. דער פּאַטענט פון דער געפאַלענער פירמע „זיידנער".

— איר קאָנט נישט פאַרגעסן אייער פירמע?

— מיט דער צייט... איך וועל זיך אָפּגעוווינען.

זי איז געוועזן זיכער, אַז ער ליידט שטאַרק פון דעם, וואָס ער האָט די פאַבריק פאַרלוירן און ער האָט אין זיך געשמייכלט, כאָטש עס איז אים שווער געווען צו שפּילן פאַר איר די קאָמעדיע אַלס געפאַלענער... מיט איר האָט ער געוואָלט זיין אינגאַנצן אָפנהערציק...

פֿאַרטראַכט מען זיך נאָך אַזאַ שמועס, מען ליגט אויפֿן זאַמד מיט די אויגן צום ים. עס גייט פֿאַר די אויגן אַ וואַסער־שפּיל. דאָס וואַסער רוט נישט, עס פֿאַרדריסט אים, דעם ים, וואָס ער האָט איין קאָליר, נעמט ער זיך שליידערן און וואַרפֿן, ביז עס ווערט אַ שוים, אַ ווייסער שניי־שוים, דעמאָלט באַקומט דער ים צוויי קאָלירן: שוואַרץ און ווייס, אָדער טונקל־גרוי און ווייס, ווי מען וויל קאָן מען עס אָנרופֿן. קוקט מען זיך גוט צו, זעט מען דעמאָלט אַן אמתע מלחמה: דאָס שוואַרצע און דאָס ווייסע ווילן איינס דאָס צווייטע באַזיגן. אַלץ קעמפֿט אין לעבן, קליין מיט גרויס און גרויס מיט גרויס. קלוגשאַפֿט מיט נאַרישקייט קעמפֿט און נישט איינמאָל ווערט די קלוגשאַפֿט באַזיגט . פֿייער מיט וואַסער קעמפֿט, ווינט מיט רואיקייט, טאָג מיט נאַכט און קאָלירן קעמפֿן אויך. איינס וויל דאָס צווייטע פֿאַרטושן, אָפּמעקן. שטענדיק מוז איין צד זיגן און דער צווייטער מוז פֿאַרשווינדן...

27

אַלקער איז געקומען

זיידנער איז פֿאַרנומען מיט דעם שפּיל פֿון ים און ליזאַ רייסט אויך נישט אָפּ די אויגן, זיי באַמערקן נישט, ווי צו זיי גנבעט זיך אַ מענטש. דער מאַן האָט אַ רונדלעכן, גוטמוטיקן פּנים, רונדע פּלייצעס, ער טראָגט קורצע ספּאָרט־הויזן. ער גנבעט זיך און עס גייט אים אין לעבן, אַז די צוויי, וואָס ליגן מיט די אויגן צום ים, זאָלן אים נישט באַמערקן.

ער פּירט זיינס אויס און ווען ער איז שוין אַ טריט פֿון זיין ציל, שרייט ער אויס מיט טריאומף:

— האַ! איך האָב אייך געפּאַקט, האַ!

זיידנער און ליזאַ רייסן זיך אויף. זיי האָבן זיך אויף אַן אמת דער־שראָקן. דאָס אויסגעשריי האָט זיי אָפּגעריסן פֿון ים, פֿון דעם ווייסן שוים, פֿון זיך אַליין און פֿון אַ שטילקייט, וואָס האָט זיך ביי זיי אויסגעהאָדעוועט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע צוויי וואָכן. זיי זענען אויפֿגעשפּרונגען און אויסגעשריגן:

— אַלקער!

דריי מענטשן האָבן זיך פריילעך אָנגעקוקט, מען האָט זיך געדריקט די הענט, שטאַרק געדריקט זיך די הענט:

— אַלקער! מיט אַ האַלבע שעה צוריק האָבן מיר גערעדט וועגן דיר, איך און ליזאַ...

— וואָס האָט איר גערעדט, אַז אַלקער איז אַ פלאַפלער?

— אַז אַלקער איז אַ פריינט — האָט ליזאַ געענטפערט און גע־שמייכלט מיט איר וואַרעמען און דאָך אַ ביסל צוריקגעהאַלטענעם שמייכל, — מיט אַ האַלבע שעה צוריק האָבן מיר דאָס דאָ אויפן זאַמד באַשטעטיקט, אַז אייער פריינט, זיידנער, האָט געזאָגט, אַז איר וועט אינגיכן אַראָפפאַלן אין קאַרווי.

— מיט אַ האַלבע שעה צוריק בין איך שוין געווען אין קאַרווי, שוין געווען ביי זיידנערן אין פענסיאָנאַט, אין זיין צימער. דאָרט האָב איך געלאָזן מיין באַגאַזש...

— האָסטו טאַקע גוט געטון... אויף לאַנג ביסטו געקומען? אַלקער!

— ניין! פעליקס... אויף דריי, אָדער פיר טעג. דאָס האָב איך זיך מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון „סעזאָן" און אויב איר וועט מיך וועלן אויף לענגער דאָ פאַרהאַלטן, וועט איר באַגיין אַ מאָרד איבער אַן אינ־זשיניער מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער... אויסגעשלאָסן, מער ווי דריי טעג, מער ווי פיר טעג פאַרבלייב איך דאָ נישט, כאָטש קאַרווי געפעלט מיר שוין שטאַרק, אַ פיינע אכסניה...

אַלקער האָט מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן דעם ים:

— אָט דאָס איז אונדזער וואַננע?

ליזאַ האָט געלאַכט, זיידנער האָט געשמייכלט:

— דו רופסט אָן דעם ים: „וואַננע", און איך רוף עס אָן: „פאַבריקל", אַ פאַבריקל, וואָס אַרבעט טאָג און נאַכט, אָן איבעררייס. אין לאָדזש האָבן מיר וועב־שטולן און דאָ האָבן מיר וואַסער־שטולן. דו גיב נאָר אַ קוק און זע נאָר אַ באַוועגונג! אַ מחיה צו קוקן... אָן טראַנסמיסיעס, אָן עלעק־טריע און אָן דאַמף. וואַסער פּראָדוצירט זילבערנעם שוים...

און פעליקס זיידנער פּראָדוצירט פּאָעזיע... אַ מחיה צו הערן. אַ שטו־מער איז רעדעוודיק געוואָרן... הכלל, לאָמיר רעדן צו דער זאַך: ווי פאַרברענגט איר דאָ?

— זייער גוט — האָט זיידנער געענטפערט.

— זייער גוט — האָט ווידערהאַלט ליזעס ווידער־קול.

און זיידנער האָט צוגעגעבן:

— איך האָב אַ פּענסיאָנאַט און ליזאַ האָט אַ פּענסיאָנאַט. סיי ביי מיר און סיי ביי איר זענען פאַראַן אַ סך עסערס און אַ סך שרייערס. מיר האָבן שוין באַוויזן זיך צו איזאָלירן פון זיי. איך גלויב, אַז אויך דו וועסט אויסוויילן אונדזער קליינע געזעלשאַפט?

— יאָ, מיר וועלן דאָ שליסן אויף דריי טעג אַ „דרייבונד״...

— און נאָך די דריי טעג וועלן מיר עס פאַרלענגערן...

— עס הויבט זיך נישט אָן..

— דו וועסט דאָך נישט לאָזן דיין פריינט אַליין...

— דו ביסט דאָך נישט אינגאַנצן אַליין — האָט אַלקער געשמייכלט און מיט זיין שמייכל רויט געמאַכט ליזען און צעטומלט זיידנערן. יענער האָט נישט געוווסט, ווי צו רעאַגירן. ער האָט דאָך באַוויזן אַ ווונק צו טון צו אַלקערן, ער זאָל זיין אַ ביסל איינגעהאַלטענער.

אַלקער האָט קאַטעגאָריש נאָכאַמאָל באַשטעטיקט:

— דריי טעג, מער וועל איך דאָ נישט פאַרבלייבן. אין בעסטן פאַל — נאָך איין טאָג. נישקשה, פאַר דריי אָדער פיר טעג וועל איך גענוג דערעסן...

— דו האָסט שוין דערעסן...

— אַ דאַנק פאַר אָפנהערציקייט.

אַלע דריי האָבן זיך איצט אויסגעצויגן אויפן זאַמד און אַוועקגעשיקט די אויגן צום וואַסער, וועלכער האָט איצט פאַרמירט פון זיין אייבערפלוס גרויסע פאַרמבולדיקע חיות. זייערע ריזיקע, אומגעלומפּערטע קערפּערס האָבן זיך געוויקט, געהוידעט און געטרונקען אין די טיפענישן, פאַרשוואונדן געוואָרן און זיך ווידער באַוויזן פאַר דער ליכט פון טאָג, פאַר דער בלויקייט פון הימל און פאַר דעם מענטשנס פאַנטאַזיע...

— אַלקער! וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט?

— מען רעדט וועגן מלחמה...

— און ווי זעט עס אויס?

— איך האַלט מיט די, וועלכע זאָגן, אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין. איך האַלט שטאַרק מיט די דאָזיקע, עפּעס רעדט מען שוין צופיל און איך גלויב נישט אין פאַראויס געזאָגטע רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציע איז אַזוי, ווי אַ מלחמה, דאָס קומט פּלוצלינג. מען רעדט, טאָ זאָל מען נאָך רעדן אַ הונדערט יאָר, וועלן מיר דערווייל אויסלעבן אונדזערע יאָרן...

מען איז שטיל געוואָרן. עס האָט זיך נישט געוואָלט רעדן. די רואי־קייט האָט עפּעס געגעבן זיכערקייט, ביז גאָר. עס האָט איינגעוויגט אין אַ פאַרגעסונג.

זיידנער האָט אַ וואָרף געטון:

— גוט, אַ מחיה... איך זאָג אָפּנהערציק, אַ מחיה.

— דאָ איז טאַקע גוט, דו שטעל זיך פאָר, פעליקס! ווען איין זייט פון דער פּיעטריקאָווער גאַס זאָל פּלוצלינג איינגעזונקען ווערן און אויף דעם אָרט פון די קאַזאַרמע־טויערן זאָל זיך באַווייזן אַזאַ ים און די אַלע סוחרים מיט די סוחרימלעך, די פאַבריקאַנטן, די מעקלערס און טרעגערס מיט אַלע ליידיקגייערס וואָלטן זיך אַזוי אויסגעצויגן מיט רחבות, ווי מיר האָבן זיך דאָ אויסגעצויגן... האַ? פעליקס! אַ פיין בילד וואָלט עס געווען, אַ שיין פּנים וואָלט דאַן לאָדזש געהאַט...

— לאָז מיט דיינע פאַנטאַזיעס, אַלקער! דערצייל בעסער, וואָס הערט זיך אויסער מלחמה אין לאָדזש?

— טאַקע, וואָס הערט זיך אין לאָדזש? — האָט ליזאַ געפרעגט.

— אין לאָדזש... צו וואָס דערמאָנט איר לאָדזש? דאָ איז דאָך אַזוי גוט. אין לאָדזש פרעגעלט מען זיך פון היץ, די פאַבריקאַנטישע ווייבע־לעך האָבן אַוועקגעפירט זייערע געפּאַרבטע קעפּלעך אין אַלע קוראָרטן. פאָזען דער אַדוואָקאַט האָט ווידער געהאַט אַ סקאַנדאַל צוליב אַ ווייבל, מען האָט אים אַראָפּגעשליידערט פון דריי שטאָק טרעפּ. ער ליגט שוין צען טעג. וועגן זיידנערן רעדט מען שוין נישט אין לאָדזש, ווייל ראַטשקע דער דייטש האָט אויך אויפגעהערט צו צאָלן. צוויי טויזנט אַרבעטער האָבן צוליב דעם פאַרלוירן זייער אַרבעט... וואָס נאָך? פעליאַ פוקס האָט זיך איינגעאָרדנט נישט ווייט פון דאַנען, אין יודאַטאַ זיצט זי... וואָס נאָך? יאָ, איך האָב פאַר דיר מיטגעבראַכט אַ בריוול פון דיין טעכטערל. אינעווייניק ליגט דאַכט זיך אַ פאָטאָגראַפיע...

אַלקער האָט אויסגעפונען דעם בריוו און עס איבערגעגעבן זיידנערן. געלעגן איז דאָרט טאַקע אַ פאָטאָגראַפיע פון דער טאָכטער זיינער.

די פאָטאָגראַפיע האָט באַוויזן, ווי די יונגע ראַמטשאַ שטייט ביים ים, זי קוקט אויפן וואַסער און אויף די מחנות, וואָס באָדן זיך. אַליין איז זי אויך געווען אָנגעטון אין אַ באָד־קאָסטיום, שלאַנק, יונג, מיט די ערשטע סימנים פון זיך פאָרמירנדיקער ווייבלעכקייט... זי האָט געשמייכלט. צו וועמען? אוודאי צו באַקאַנטע, אָדער צו דער זון, צו דעם ים, צו איר ליכטיקן

לעבן, וואָס הויבט זיך ערשט אָן. אָבער זיידנערן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי שמייכלט צו אים, צו יעדן איינעם פון די דריי, ווען זיי האָבן דאָס בילד אין דער האַנט געמומען, האָט זיך זיי אַלעמען אויסגעדוכט, אַז זי שמייכלט צו זיי. מער פאַר אַלעמען איז מיט דעם ליבן אָנבליק פון דעם קינד געווען איבערראַשט דער פאָטער. ער האָט געזאָגט:

— זי איז ביים ים און איך בין ביים ים, אָבער ווי ווייט די צוויי ימים זענען איינער פון אַנדערן. ימים צעטיילן און דעם מענטשס בענקשאַפט פּאַראַייניקט, עס מוז פּאַראייניקן. איצט דערמאָנט זיך מיר, ווי איך בין געווען אין יענע יאָרן פאַרשפּאַרט, דעמאָלט, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, איז זי געווען לעבן מיר און איך האָב זי נישט געזען, איצט איז זי ווייט און איצט זע איך זי יאָ...

און גאָר אַן אַנדער שטימונג האָט דאָ געמומען הערשן. פּונקט ווי דאָס ווינטל פון ים האָט עס די שטימונג געבראַכט. אַ מינוט פון שווייגן איז אָנגעקומען און די מינוט האָט זיך דאָ אַ ביסל צו לאַנג אויפגעהאַלטן. זי האָט זיך פאַראייניקט מיט דער שווייגעניש פון דער לאַנגער פּליאַזשע. שוין לאַנג נאָכמיטאָג געווען און דער עולם האָט זיך דאָ נישט באַוויזן. בלויז ווייט-ווייטלעך האָט זיך באַוועגט אַ שאָטן פון אַ מענטשן און נאָך ווייטער — אַנדערע צוויי שאָטנס...

— ווו זענען עס די מענטשן? — האָט אָלקער געפרעגט. ער האָט שוין איצט געמעגט רעדן וועגן אַנדערע זאַכן, ווייל די פאָטאָגראַפיע פון ראַמטשאַ איז שוין געלעגן ביי זיידנערן אין קעשענע. — ווו זענען דאָס די אַלע? עס מאַכט דאָך דעם איינדרוק, אַז אויסער אונדז דריי איז דאָ מער קיינער נישט פאַראַן...

— זיי שפּילן איצט ברידזש — האָט זיידנער געזאָגט.

— און רעמי — האָט צוגעגעבן ליזאַ... — פון וואָס האַלט איר מער, פּאַניע אָלקער?

— איך אַליין שפּיל נישט אין קיין קאָרטן, איך האָב דאָס שוין לאַנג אויפגעהערט, און וועגן „ברידזש" אָדער „רעמי" וועל איך זאָגן, אַז „ברידזש" נעמט מען אָן פאַר זייער אַ קלוג שפּיל און „רעמי" רופט מען „אידיאָטן-ברידזש". אָבער עס קומט אויס אויף גלייך. מיט איין אונטערשיד: די „ברידזשיסטן", ווען זיי ענדיקן שפּילן זענען זיי שטאַרק אויסגעמאַטערט און צעדרייט, זיי זעען טאַקע אויס ווי אידיאָטן.

— און די „רעמיסטן", פּאַניע אָלקער?

— זיי זענען אידיאָטן פון אָנהויב אָן, ווען זיי זעצן זיך שפּילן. אָבער ווער האָט רעכט צו פאַרבאָטן קאָרטן? און ווער איז באַרופן צו קריטיקירן אַנדערע? זיי געפעלט עס און געזונטערהייט...

— שאַ! אַלקער ווערט שוין אַ צדיק, ער קריטיקירט נישט...

— פעליקס! טשעפּע מיך נישט, איך האָב דיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז איך בין אַ בעסערער מענטש, נישט אמת? פריילייַן ליזאַ! אָבער איך בין נישט קיין עגאָאיסט, איך וועל נאָך עפּעס זאָגן: מיר אַלע דריי זענען בעסערע מענטשן... פאַרוואָס? מיט וואָס? דאָס איז שווער אָפּצושאַצן. אָט אַזוי ווילט זיך מיר זאָגן, מיר אַלע דריי זענען בעסערע מענטשן און קומט אַ ביסל גיין, ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיצן אויפן זאַמד... קומט! און איך זאָג אייך, הערט זיך איין: אַ סך מאָל באַדאַרף מען דורכלאָזן יענעמס נאַרישקייט. דורכלאָזן און נישט רעאַגירן. די חכמה פון פריינטשאַפט באַשטייט טאַקע אין דעם. נישט צו באַמערקן יענעמס חסרונות... איך מיין דאָס וועגן מיין בעסערקייט.

מען האָט ווידער געלאַכט און דערביי געפאָלגט אַלקערן. מען האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען טאָפּטשען אין זאַמד. געגאַנגען פאָראויס, כאָטש דער ווינט האָט געשפאַרט צוריק. מען האָט געשפּרייזט און דער ים האָט מיטגעשפּרייזט טריט נאָך טריט. זיידנער איז פון זיי געווען דער העכסטער. אַלקער רונדער פאַר די איבעריקע און ליזאַ איליטאַ־וויטש דינער און שמאָלער. אַלקער האָט עס אָפּגעשאַצט און אָנגערופן:

— צוויי בערן מיט אַ סאַרנע.

און די צוויי בערן האָבן די סאַרנע אַריינגענומען אינמיטן און גע־פירט זי אונטער די אָרעמס, ווי אַ בת־יחידה. עס איז זיי אַלעמען דריי געווען גוט אויפן האַרצן. מען איז גרייט געווען זיך צו וויצלען, מען איז גרייט געווען אויף קלוגשאַפטן און נאַרישקייטן. עפּעס האָט אָנגערעגט צו דער גוטער שטימונג. דער „עפּעס" איז געווען דער ים און די גאָר ווייטע ווייטקייט, וואָס ליגט איבער די צעבושעוועטע פאַליעס. דער „עפּעס" איז געווען די נייע פרייע אַטמאָספערע, אין וועלכער די דריי שטאָטישע מענטשן זענען אַריינגעפאַלן. און אפשר דערפאַר, ווייל דאָ איז אויך געווען אַ פערטער שותף: דער ווינט, אַזאַ נישט געצוימטער, וואָס וויל אַלע צוימען צעברעכן, וואָס שליידערט די וואַסערן און הויבט אויף די איינגעטראָטענע זאַמדן, דער ווינט, וואָס רייסט אין די געדאַנ־

קען אַריין, אין האַרץ און אין דער נשמה און זוכט, ווו ער זאָל אַלץ איבערדרייען, דער ווינט, דער שונא פון יעדן סדר.

זיי האָבן ליזען פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל היינט עסן אָוונט־ברויט צוזאַמען, אין זיידנערס פּענסיאָנאַט. לכבוד אַלקערס קומען. זי טאָר נישט אָפּזאָגן און זי האָט נישט אָפּגעזאָגט. נאָר איבערראַשט איז זיידנער גע־וואָרן, ווען ער צוזאַמען מיט ליזען און אַלקערן זענען אַריין צו אים אין צימער... דער אַלקער האָט מיטגעבראַכט פון לאָדזש אַ באַרג מיט גוטע זאַכן, שאַכטלעך מיט טאָרבעס, פּעק, גאַנצע פּעק האָט ער מיטגעבראַכט. פּרוכט, שאָקאָלאַד, קאָניאַק, קאָנסערוון...

— וואָס ביסטו משוגע געוואָרן? אַלקער!

— איך האָב געוואָלט נאָכמער ברענגען, נאָר איך האָב מורא גע־האַט, מען זאָל ביי מיר פאָדערן אויסצוקויפן אַ פּאַטענט...

— ביסט אַ יידענע, אַ באַלעבאָסטע... וואָס וועלן מיר טון מיט אַזוי פיל גוטע זאַכן?

— איך האָב געהערט, אַז אין די היגע פּענסיאָנאַטן האַלט מען שטאַרק פון דער הונגער־מעטאָדע...

— אין דעם ביסטו גערעכט.

ליזאַ האָט זיך צום אָנהויב נישט געפילט פריי אין זיידנערס צימער, דערנאָך אָבער, ווען מען האָט איר פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל זיין די באַלע־באָסטע פון היינטיקן אָוונט־ברויט, האָט זי פריילעך גענומען גרייטן צום טיש, די דינע פינגער אירע האָבן זיך פלייסיק צעשפּילט. פון דער פּענ־סיאָנאַטן־קיך האָט מען געבראַכט כלים, טעלער און גלעזלעך. זי האָט געשמייכלט און זי האָט געטיילט דאָס עסן.

מען האָט געטרונקען.

קליין זענען געווען די גלעזלעך, אָבער דער קאָניאַק האָט געווירקט מיט זיין שטאַרקייט. זיידנער און אַלקער זענען געווען צוגעוווינט צו אַ גלעזל... אָבער ליזאַ, ליזאַ האָט געוואָלט ווייזן העלדישקייט און זי איז פון די מענער נישט אָפּגעשטאַנען. זיי מאַכן ליידיק די גלעזלעך, זי טוט דאָס זעלבע..

האָ! האָ!...

אירע טונקעלע אייגעלעך האָבן זיך אָנגעצונדן. די שמאָלע בעקלעך האָבן באַקומען קאָלירן. עס האָבן זיך שוין געלאָזט באַמערקן די ערשטע סימנים פון שכרות. זי האָט מער גערעדט און מער געלאַכט, ווי אַלעמאָל.

אַלע דריי זענען געווען באַרוישט און פאַר דעם אויסגעטרונקענעם קאָ־ניאַק האָבן זיי אָפּגעצאָלט מיט ווערטער, מיט שפּאַס, מיט זאָרגלאָזער אָנרעגונג אויסצולאַכן זיך היינט פאַר אַלע טעג און אַלע יאָרן:

— פריילייַן ליזאַ! — האָט אַלקער לאַכנדיק גערעדט, פריילייַן איליטאָוויטש, איר ווייסט, אַז איר טרינקט היינט דעם אָריגינעלסטן קאָקטייל אויף דער וועלט, איר ווייסט?

— איך ווייס נישט, איך ווייס איצט גאָרנישט...

— אייער קאָקטייל באַשטייט פון קאָניאַק און מאַטעמאַטיק.

— ריכטיק, פּאַניע אַלקער! אָבער עס ווערט אַלץ מער קאָניאַק און אַלץ ווייניקער מאַטעמאַטיק...

— גוט, אַזוי איז גוט, איך באַגריס אייך... זיידנער איז אַוועק פון זיין פאַבריק, טרינקט ער קאָניאַק, ליזאַ איליטאָוויטש איז אַוועק פון איר מאַטעמאַטיק, טרינקט זי קאָניאַק און איך, ווען איך זע, ווי צוויי באַפרייטע טרינקען, ווער איך אויך אַ באַפרייטער און טרינק אויך. זאָל לעבן דאָס פולע גלעזל.

מען האָט זיך ווידער גענומען צו די גלעזלעך און דעמאָלט האָט זיידנער אָנגענומען ליזען פאַר דער האַנט און זי אָפּגעהאַלטן, זי זאָל מער נישט טרינקען:

— פאַר אייך וועט עס געווג זיין צו טרינקען, איר זענט דאָך נישט איינגעוווינט... אמת? פּאַננאַ ליזאַ!

זי איז שוין גרייט געווען צו פאָלגן, אָבער פּלוצלינג האָט זיך אַלקער אַריינגעמישט, ער האָט אָפּגעשטופּט זיידנערס האַנט פון ליזעס גלעזל:

— דו מיש זיך נישט, יעדערער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך, מיר זענען אַלע דערוואַקסענע מענטשן. טרינקט, פּאַננאַ ליזאַ! טרינק, זיידנער! און פאַרשעמט נישט ביידע מיין קאָניאַק. איך האָב אים געשלעפּט פון לאָדזש.

האָט מען ווידער געטרונקען, געגעסן און גערעדט. די ווערטער האָבן שוין אַ ביסל צוגעטאַנצט. די ווערטער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַנטעלעך פון לאָגיק און דיסציפּלין. די מענטשן האָבן שוין נישט קאָנטראָלירט זייערע אייגענע רייד. די ליבע נאַרישקייט האָט זיך געחברט מיט דער ליבער קלוגשאַפט. קיינער האָט נישט געפרעגט, פאַרוואָס זיידנער האָט גראָד איצט אויסגעקליבן צו רעדן וועגן זיין טעכטערל און

קיינעם האָט נישט געוווּנדערט, וואָס ליזאַ איליטאָוויטש האָט איצט דער־מאָנט איר עלטערע שוועסטער:

— זי האָט שוין אַ מאַן מיט אַ קינד און איך וועל בלייבן אַן אַלטע מויד.

האָט אַלקער געכאַפּט אַ פלאַש קאָניאַק און אָנגעהויבן שרייען:

— לאָמיר טרינקען פאַר די אַלטע מוידן!

און מיטאַמאָל האָט ער געביטן דעם טאָן:

— ניין! לאָמיר טרינקען פאַר זיידנערן... פריילין ליזאַ! איר ווייסט דען, וואָס זיידנער איז, ווער זיידנער איז... ער איז אַ רעוואָלוציאָנער: ער האָט אָנגענומען מיין „דעוויז": „דאָס לעבן איז בילכער", ער האָט אומיש־נע פאַרניכטעט זיין קאַריערע אַלס גרויסער פאַבריקאַנט כּדי...

זיידנער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעריסן פון אָרט, ער האָט געכאַפּט אַלקערס פול גלעזל און עס אים צוגעטראָגן צו די סאַמע ליפּן:

— טרינק און רעד נישט, טרינק און שווייג!

דער אַלקאָהאָל שמידט פונאַנדער די געפּענטעטע באַוועגונגען, ער רייסט אויף דאָס מויל, ער בייגט אונטער די פּיס. אַלע שכּורים זענען ליב דערפאַר, ווייל בראָנפן פאַרבינדט דעם מענטשן אַ ביסל מיטן לץ, בראָנפן מאַכט אונדז אַנדערש, ווייל אָפט, ווען מיר טרינקען, דערזעען מיר מיט־אַמאָל, אַז די ניכטערקייט איז קאָמיש און אַלץ, וואָס מיר טוען אין דער געזעצלעכער ניכטערקייט איז אַ טייערער מאַטעריאַל פאַר דער אָפּלאַ־כונג. וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג, דאָס איז ביי אַ שכּורן אויפן צונג. בראָנפן דאָס איז דער עליקסיר פון אמת, מען לאַכט זיך אַליין אויס און מען שאַנעוועט נישט קיין פריינט, בעת מען איז שכּור.

— דו ביסט געווען אַ מרוק, זיידנער! יאָרן לאַנג ביסטו געלעגן אין אַ טרומנע פון ביינוול...

— און דו ביסט אַ שלימזל... איך ווייס נישט און דו ווייסט אויך נישט, וואָס דו ביסט, אַ שלימזל, נאָך ערגער, ווי אַ שלימזל, פריילין ליזאַ! זאָגט איר, אַדרבה, רופט אונדז ביידן אָן ביי די אמתע נעמען...

— נעכטן זענט איר ביידע געווען ליבע מענטשן, איצט זענט איר שכּור אַ ביסל און מאָרגן וועט איר ווידער זיין צוויי בראַווע, צוויי טייערע, צוויי... צוויי גוטע פריינט מיינע. זי האָט עס האַרציק אַרויסגערעדט, מיט איר פיין קולעכל האָט זי געמילדערט דעם האַלב־קריגערישן טאָן פון די צוויי פריינט. עס איז אַלעמען גוט געווען אויפן האַרצן און די גוטסקייט

האָט געווירקט דערצו, אַז זיידנער זאָל פּאַנגען ליזעס האַנט און זיך שפּילן מיט אירע קליינע פינגער. די גוטסקייט האָט אויך געווירקט אויף אַל־קערן. ער האָט זיך גענומען צו אַ נייער פלאַש קאָניאַק, עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט עס געעפנט און דריי גלעזלעך זענען ווידער געשטאַנען פול אויפן טיש.

— אַלקער וואַרפט זיינע „אַפאָריזמען":

— מיט די גלעזלעך איז שוין אַזוי: זענען זיי פול, ווילט זיך זיי אויסטרינקען, זענען זיי ליידיק, ווערט עפּעס ליידיק אויף דער נשמה. טרינקט, חברה! זיידנער, ליזאַ!...

די „חברה" האָט ווידער אויסגעטרונקען.

דאָס עסן האָט מען שוין געענדיקט. די דינסט איז געקומען און צו־גענומען דאָס געשיר, אָבער די גלעזלעך האָט זי געלאָזן, זיי האָבן, די דורכזיכטיקע גלעזלעך, ווי נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דאַנענט. געווען איז אויך אַ מאָמענט, ווען אַלע זענען שטיל געוואָרן. שטיל, אַרטיק און שטום. אָפּגעריסן האָבן זיך די ווערטער ווי פייגל און אַוועקגעפלויגן. וווהין? צו אַנדערע מענטשן, אָדער זיי זענען אַוועק די ווערטער צו דער נאַכט זיך אַ ביסל אויסרוען. געדויערט האָט דאָס שווייגן אַ מינוט צען. אין די צען מינוטן האָט יעדערער, ווייזט אויס, געטראַכט דאָס זייניקע. פאַראַן, דאַכט זיך, אויך אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע געהערן בלויז צו זיך, צום אייגענעם האַרץ. קיינער קאָן די געדאַנקען נישט צונעמען און קיינער קאָן עס נישט אַוועקגעבן, ווען ער וויל עס אפילו טון. דאָס פּלוצלינג שווייגן איז אַ וויכטיקער מאָמענט. דער מענטש באַטראַכט דעמאָלט אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגערעדט און אַלץ, וואָס ער דאַרף ווידער רעדן. דאָס שווייגן איז אָפּרו פאַר דער קלוגשאַפט און אפשר אויך פאַר דער נישט־קלוגשאַפט. אַלץ מוז רוען אַ ביסל. דאָס מויל דעם מענטשנס אוודאי. די געדאַנקען אויך.

אַמווייניקסטן קאָן שווייגן אַלקער. ער האָט דער ערשטער נישט אויסגעהאַלטן:

— וואָס איז דאָס? וואָס שווייגט מען?

און ער האָט גענומען מורמלען אַ פראַגמענט פון שאָפּענס טרויער־מאַרש. ליזאַ און זיידנער האָבן זיך צעלאַכט. ליזאַ האָט אויך דערביי אויסגעשטרעקט איר האַנט און אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף אַלקערס ליפּן:

— זייט נישט קיין קברן און זאָגט בעסער, פאַרוואָס זענען מיר אַלע דריי אַזוי שטיל געוואָרן?

— ווייל אַזוי האָט געוואָלט די שטילקייט.

— ווייל עס איז אונדז איצטער גוט.

— ווייל עטלעכע צענדליק טריט פון דאַנענט רוישט אַ מעכטי־קער ים.

— ווער ווייסט פאַרוואָס מען שווייגט?

— מיר האָבן דאָך נישט בלויז געשוויגן, מיר האָבן אויך געטראַכט.

— פון וואָס געטראַכט?

— אָך, דאָס, וואָס מיר טוען אָפּ אַ גאַנץ לעבן איז אפילו נישט ווערט קיין שטויבעלע פון דעם, וואָס מען קאָן אַמאָל איבערטראַכטן אין איין האַלבער שעה. אָבער איצטער, איצטער... מיר ווערן צו ערנסט.

מען האָט אַזוי דורכגעפלאָכטן אַ קרענצל מיט פּראַזן און געענדיקט האָט זיך עס ווידער מיט דעם, וואָס דריי פולע גלעזלעך זענען ליידיק געוואָרן...

שפּעטער אַ ביסל האָט ליזאַ געזאָגט, אַז עס מישט איר אין קאָפּ. זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבן פון איר שטול און איז ראַפּטאָם צוריק אַראָפּגעפאַלן. זי איז בלייך געוואָרן. זי האָט זיך געשטאַרקט:

— ס׳איז גאָרנישט, עס וועט באַלד איבערגיין.

אַזאַ מידע טויב. זי האָט איר קאָפּ הילפלאָז אַוועקגעלייגט אויף דעם טיש. זיידנער האָט איר צוגעלייגט צו די ליפּן אַ שטיקל ציטרין. אָלקער איז געלאָפן אין קיך אַריין נאָך שוואַרצע קאַווע און זי האָט קוים גע־שעפּטשעט:

— גאָרנישט, עס וועט באַלד איבערגיין.

ס׳איז איר טאַקע גיך איבערגעגאַנגען. זי האָט געשמייכלט צו די מענער, אָבער בלייך איז זי געווען. זיידנער האָט פאָרגעלייגט, זי זאָל זיך צולייגן און ער מיט אָלקערן וועלן זיך דערווייל דורכשפּאַצירן אַ ביסל, שפּעטער וועלן זיי זי אַוועקפירן צו איר אין איר פּענסיאָנאַט. זי האָט געפאָלגט.

אויף דער גאַס האָט זיידנער געהאַט פּרעטענזיעס:

— אָלקער! איך האָב דיך געבעטן, דו זאָלסט איר נישט לאָזן אַזוי פיל טרינקען... ווי קומט זי צו אַזעלכע זאַכן?

— עס וועט איר גאָרנישט זיין...

זיי זענען געגאַנגען און נישט אָפּגערעדטערהייט זענען זיי צוגעקומען צום ים. עס איז געווען פינצטער. אין הימל טיף האָבן זיך געזען שטערן, אָבער אַזעלכע איינגעצויגענע, אַלטע און נאָך ווייטערע, ווי אַלעמאָל. דער ים האָט זיך אומרואיק געשליידערט. געבליבן זענעןביידע שטיין אַ רגע. איבערראַשט פון דעם ימס כעסדיקן גערויש. זיידנער האָט אָנגעוויזן אויף דעם שוואַרצן אומרואיקן אָפּגרונט:

— דאָ גייט אויך אָן נאַכט־אַרבעט... אַ פיין פאַבריקל.

— די אַקציען־געזעלשאַפט פון דער נאַטור האָט אַ סך אַזעלכע פאַבריקן, זיי שטייען קיינמאָל נישט ליידיק...

— און זע נאָר, אַלקער! ווי מען אַרבעט דאָ — אָן טראַנסמיסיעס, אָן עלעקטריע און אָן דאַמף... אָן אויפזעער און אָן פּראָלעטאַריאַט. מען מאַכט נישט קיין רעוואָלוציעס און מען שטרייקט נישט. דאָס איז די העכסטע, טעכנישע אַנטוויקלונג פון אַרבעט... אָן מענטשן. אַ טייערע זאַך אַזאַ פאַבריקל...

— דו קאָנסט דאָ ווערן דירעקטאָר, זיידנער!

— און דו אויך... מירן מאַכן שותפות.

— גוט...

וואָס לענגער מען פאַרבלייבט אין דער פינצטערניש, אַלץ דייטלעכער טיילן זיך אויס די קאָנטורן און די קנייטשן פון דער נאַכט, וואָס מער זיידנער און אַלקער האָבן געקוקט אויף דעם ים, אַלץ מער האָבן זיי געזען, ווי דאָס „פאַבריקל" אַרבעט. די פאַליעס זענען געלאָפן, ווי שטראָמען פון צעשמאָלצענעם טשוגון, זיי האָבן זיך געטונקט אין די גרויסע שטחים פון וואַסער און ווידער אַרויף אויפן אויבערפלאַך, אויסגעפיינט זיך פאַר זיך אַליין. נאָר לאַנג לעבן נישט די פאַליעס אין אַזאַ גדלות. באַלד קומען אָן אַנדערע שטראָמען און זיי צעקלאַפּן זיך אַלע צוזאַמען. אָבער דער גאַנצער גערויש פון ים־געראַנגל וואַרפט אָן אַ פּחד. דער ים דערציילט, אַז זיין אומרו און זיין רואיקייט ליגט איבער אַלע אימפּרעזיעס און אונטערנעמונגען פון מענטשן.

אַלקער האָט נישט ליב אויסצוהערן די קלענסטע דערמאָנונג, אַז דער מענטש איז נישט אַזאַ מזיק, אַז אַלץ איז פאַרבייגייענד... ער וויל אויך איצט פון ים אַוועק, נאָר זיידנער האַלט אים אָפּ:

— שטיי מיט מיר נאָך אַ ביסל, איך האָב עס ליב.

— און מיר דאַכט זיך, אַז דאָ ווערט מען קלענער ביי אַזאַ ריזיקייט.

— מען ווערט דאָ קלוגער, אַלקער! מען זעט דעם נישט באַזיגבאַרן כוח פון דער נאַטור און מען טרעט אָפּ מיט דרך־ארץ.

— לאָז מיך, פעליקס! מיט דעם ים... לאָז מיך מיט דער נאַכט! דו דערצייל מיר בעסער, ווי אַזוי האָסטו דאָ פאַרבראַכט די צוויי וואָכן מיט ליזען?

— איך מיט ליזען האָבן זיך כסדר צוגעווינט איינער צום צווייטן. אַזעלכע צוויי וואָכן זענען מער, ווי אַ יאָר „שטאָט". מען איז אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען...

— האָט איר זיך צוגעווינט איינער צום צווייטן.

— זייער שטאַרק...

— נו?

— וואָס „נו"?

— זענען מיר פריינט. אויב זי איז פאַר דער צייט נישט אַנטלאָפן, איז עס אַ גוטער סימן, אַז זי וועט בלייבן נאָך אַ וואָך און אפשר אַ גאַנצן חודש... און אפשר אויף אַ גאַנץ לעבן...

— אָבער אָפּן גערעדט האָסטו נאָך נישט מיט איר?

— מיר דאַכט זיך, איך מיט ליזען פאַרשטייען זיך אויפן ווונק.

אין קאַרווי האָט גערעגנט. האָפענונגסלאָז האָט עס אויסגעזען. לאַנגע־לאַנגע שעהען. אַ נאַסע האַלב־פינצטערניש, אַ מאָנאָטאָנער פויקן אין די שויבן, ווי די גרויקייט אַליין וואָלט געוואָלט אַריין אין די היימלעכע צימערן פון די בני־אדם. צום ים איז קיינער נישט געגאַנגען און קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס די פּאַליעס טוען אָפּ אין אַזאַ רעגן.

אין די פּענסיאָנאַטן האָט מען זיך לעצטנס געווײלט. די קאָרטן זע־נען פון די הענט נישט אַרויס. אַ טייל מענטשן האָבן כסדר געטאַנצט און נישט אויסגעטאַנצט די גאַנצע לאַנגווײליקייט. די איבעריקע האָבן נאַריש געשריגן און דאָך נישט איבערגעשריגן די פּוסטקייט, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אין די טעג, ווען קיין זון איז נישט געווען...

דער „דרייבונד" אַלקער, זיידנער און ליזאַ זענען אין די דריי שווערע טעג געווען צוזאַמען, ווי פריער. ליזאַ פלעגט קומען צו זיידנערן אין צימער און אַלקער פלעגט שטענדיק ברענגען קאָניאַק...

— צי מען טרינקט, צי מען טרינקט נישט, אַ פלעשל קאָניאַק מוז זיין אין שטוב. אַזאַ פלעשל איז אַ פריינטלעכקייט. פאַרווילט זיך, טרינקט

מען אויס אַ קליין גלעזעלע פריינטלעכקייט און דעמאָלט מוז ווערן וואַ־רעמער אויף דער נשמה.

קיין שכור איז ער נישט געווען, נאָר מיט עטלעכע גלעזלעך האָט ער שטענדיק געלעבט בשלום. פעליקס זיידנער פלעגט נישט אָפּשטיין, נאָר ער האָט געהאַט אין זיך אַ געבוירענע ניכטערקייט, אים גוט אָנ־שכורן איז נישט אַזוי לייכט געווען. ליזאַ איליטאָוויטש איז איצט שוין געווען איינגעהאַלטענער. פון יעדן גלעזל פלעגט זי אָפּזופן אַ פערטל... מער נישט. די לערערין פון מאַטעמאַטיק האָט זיך שוין באַרעכנט, וויפל זי מעג טרינקען. אַלקער האָט זיך געוויצלט אויף איר חשבון און זייד־נער פלעגט זי פאַרטיידיקן. אַלקער האָט שוין באַדאַרפט אַוועקפאָרן, זיינע פיר טעג זענען שוין אַריבער, מער קיין אורלויב האָט ער שוין נישט און אין לאָדזש איז פאַראַן פאַר אים אַזוי פיל אַרבעט. דאָך האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט:

— איך וויל האָבן נאָך איין זוניקן טאָג, דערנאָך וועל איך פאָרן...

— גאַנץ ריכטיק — האָט ליזאַ צוגערעדט — ווי פאָרט מען עס אַוועק מיט אַזעלכע „נאַסע” איינדריקן.

— פריילין ליזאַ! איר באַדאַרפט מיך נישט צורעדן, איך וועל זיך פון דאַנענט אַן זון נישט אַרויסטראָגן. נאָך איין טאָג זון, נאָך איין טאָג זון...

און ער האָט כסדר געקוקט צום הימל, ער איז כסדר געווען אומרו־איק. עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער זוכט אַ מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די וואָלקנס. ער איז דאָך אַן אינזשיניער, צי קאָן מען דאָ עפּעס נישט איבערבויען?

דער רעגן האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און געטון דאָס זייניקע, איינטאָניק און לאַנגזאַם האָט ער געגאָסן. די וואָלקנס האָבן זיך שוין מער נישט צעטיילט, פון זיי אַלע איז געוואָרן איין וואָלקן, איין גרויער האָריזאָנט, פון האָפענונגסלאָזיקייט. אַלקער האָט זיך געשליידערט פון גרימצאָרן. ער איז גרייט געווען אויף רציחה... נאָר גיי און שעכט די גרויע וואָלקנס. ליזאַ האָט זיך מיט אים גערייצט:

— עס וועט אייך גאָרנישט העלפן, איר מוזט זיך פאַרנייען אין אַ זאַק און דאַן, ווען דער רעגן וועט אויפהערן, וועל איך אייך אויפוועקן...

זי אַליין, ליזאַ, פלעגט נאָך אַרויסרופן אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן. דאָס איבעריקע איז געווען פאַר אים אָפּגעשטאָרבן.

ער האָט זיך געכאַפּט צום לייענען און מיט דעם דערשטיקט די לאַנגווייליקייט.

פאַר זיידנערן איז דאָס אַלץ געווען ניי, אפילו דער רעגן, ער האָט נאָך אַלץ נישט אָנגעזעטיקט זיין פרייהייט און ער האָט וויניקער געליטן, ווי די אַנדערע פון דעם, וואָס די זון איז נישטאָ. דאָ איז אים נאָך אַלץ בעסער געווען, ווי אין זיין אַרבעטס־קאַבינעט, ווו ער איז אַזוי פיל יאָרן אָפּגעזעסן און דאָרט האָט ער גאָרנישט געטראַכט פון דעם, צי עס איז יאָ פאַראַן אָדער נישט פאַראַן קיין זון.

די דריי שווערע טעג זענען אַוועק. אויפן פערטן טאָג אינדערפרי זענען מענטשן געלאָפן צום ברעג פון ים מיט צעשטראַלטע פנימער. פונקט אַ גאַסט אַ באַרימטער איז דאָרט אָנגעקומען אויף אַ ווייס־געזעגל־טע שיף און דער גאַסט האָט פאַר אַלע מתנות געבראַכט. אויפן פערטן טאָג אינדערפרי איז די זון שוין ווידער געווען. אַ פרישע, באַנייטע, זי האָט באַלויכטן אַלע ווינקעלעך פון קאַרווי. דאָס וואַסער האָט זיך באַ־רואיקט. עס האָט איצט געשוימט מיט דינע פיליגראַן־שוימעלעך. דער ים האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ קרענק, אָבער אַלץ איז שוין אַדורך און דער קראַנקער שמייכלט צו דער גאַנצער וועלט...

עס איז באַלד ווידער הייס געוואָרן. די זון האָט אויפסניי פאַרכאַפּט אירע פּאָזיציעס און גענומען דערלאַנגען פייער. זי האָט נאָך געברענט מער, ווי פריער, פונקט ווי זי וואָלט וועלן פאַרגיטיקן פאַר די עטלעכע רעגנדיקע טעג. ווו ס'איז נאָר פאַרבליבן אַ סימן פון רעגן האָט זי עס אויך שנעל אויפגעגעסן, אויסגעטריקנט, קיין סימן זאָל נישט בלייבן. אַלץ קאָנקורירט צווישן זיך, זון און רעגן אויך.

מענטשן זענען געלאָפן צום ים. היינט מער, ווי אַלע מאָל. דריי גרויע טעג האָבן זיך איינגעבאַקן אין האַרצן. און אַרום עלף אינדערפרי איז שוין דער זאַמד געווען אויסגעבעט מיט אַ סך מענטשן־קערפּערס. אָלקער האָט עס אָנגערופן: „פּענסיאָנאַטן־פלייש". די זון האָט זיך גענומען צו איר שטענדיקער אַרבעט, זי האָט געפּרעגלט די מענטשן, געשרפעט זייערע נאַקעטע אָרעמס, די אָפּגעברענטע פּלייצעס, די פיס, די קעפּ. געווען זענען אַזעלכע מאָמענטן, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די זון האָט זיי דאָ איינגאַנצן באַזיגט, די בני־אדם. די, וואָס האָבן זיך אויפן זאַמד אויסגעצויגן, זענען פאַרבליבן ליגן, ווי געחלשטע, אָן באַוועגונג, איינגעפאָרעמט אין אָנגעגליט זאַמד. בלויז אַ טייל פון זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין

וואַסער און אויך די האָבן געשוויגן. אָבער אַזעלכע מאָמענטן דויערן שטענדיק זייער ווייניק. איינער כאַפּט זיך אויף און דערלאַנגט אַ געשריי, דער צווייטער ענטפערט אים אָפּ און עס הויבט זיך ווידער אָן... דער ליאַרם גייט איבערן זאַמד מיט דער גאַנצער זאָרגלאָזער זיכערקייט, זיין עכאָ טראָגט זיך אַוועק העט ווייט צו יענער שיף, וואָס שווימט פאַרביי אַ קילאָמעטער פון ברעג...

פון וואָס שרייען די מענטשן? צוליב וואָס? פון הנאה אוודאי, אָבער די פיש אין ים גופא האָבן דאָך אויך פון עפעס הנאה — פאַרוואָס שווייגן די פיש? זאָל אַלקער נישט פרעגן אַזעלכע תמעוואַטע פראַגן, ווייל ער ווייס די וועלט נישט איבערמאַכן. און קיינער ענטפערט אים סיי־ווי נישט. אַ מעטער ווייט פון אים ליגט זיין פריינט זיידנער. נאָך אַ ביסל ווייטער געפינט זיך ליזאַ. זיי ליגן, ווי אונטערגעשאָסענע, אָן דער קלענסטער באַ־וועגונג, אָן וואָרט. אַלקער באַטראַכט זיי מיט אַ לייכטן פאַרדרוס, ווייל עטלעכע מאָל האָט ער שוין געוואָלט רעדן צו זיי און יענע רופן זיך נישט אָן, ווי אויסגעגאַנגענע שווייגן זיי. פאַרדריסט אים דאָס: ער וויל פּלאַפּלען, ער קאָן לאַנג נישט שווייגן. זעט ער, אַז ער האָט דאָ נישט וואָס צו טון, הויבט ער זיך אויף און נעמט שפּרייזן אין קאָכעדיקן זאַמד. ער גייט צו די, וואָס שרייען, צו דער סטאַדע... ער מאַכט אָן איבערזיכט. אויפן וועג געפינט ער באַקאַנטע. האַלב־נאַקעטע. ער באַגריסט זיך מיט זיי. וואַרפט זיך דורך מיט עטלעכע ווערטער און שפּרייזט ווייטער צווישן די נאַקעטע קערפּערס. דערביי קוקט ער אויפן ים, צי ער איז טאַקע אַזוי גרויס?

אויף זיין פּנים זעט זיך אָן אומצופרידנהייט און ווען ער קומט צוריק צו יענעם פּלאַץ, וווּ זיידנער מיט ליזען געפינען זיך, זעצט ער זיך אַוועק מיט אַ זויערער מינע. ליזאַ איז אַריין אין וואַסער. זיידנער האָט געקוקט אויף אַלקערן:

— וואָס ביסטו אַזוי זויער...

—ווייל מאָרגן מוז איך פאָרן...

— וועסטו פאָרן!

— אָט דערפאַר טאַקע בין איך זויער. יזי פאָרט מען עס אַוועק פון אַזעלכע טעג. איך וויל נישט פאָרן און איך וויל גיין צום טייוול מיט אַלע מיינע אונטערנעמונגען...

זיידנער האָט אויף דעם נישט רעאַגירט. ער האָט גענומען רעדן וועגן זיך:

איך וויל זיין זיכער אין איר.

ער האָט אָנגעוויזן אויף ליזען, וועלכע האָט זיך געבאָדן.

— טאָ זיי זיכער!

— זי קאָן זיין מיין ערשט און מיין לעצט גליק. איך פיל דאָס, איך קוק איר נאָך — מיין גליק. איך האָב אין לעבן גאָרנישט געהאַט און איצט בענק איך שטאַרק נאָך אַ פריינט. איך גלויב, אַז דו פאַרשטייסט מיך.

— איך פאַרשטיי דיך — האָט אָלקער געענטפערט — און איך ווינטש דיר פון גאַנצן האַרצן, אַז מיט ליזען זאָל ביי דיר גוט זיין... אָבער, דו ביסט אַזאַ נישט דרייסטער. צוויי וואָכן איז מען צוזאַמען און מען קלערט נישט אויף: יאָ אָדער ניין...

— איך אייל מיך נישט, איך מוז פריער וויסן, ווער זי איז און זי מוז וויסן, ווער איך בין... אויסער דעם איז פאַראַן נאָך אַ זאַך: ליזאַ טאָר נישט דערגיין, אַז איך האָב געלט. פאַר קיין פאַל טאָר זי נישט דערגיין. פאַר איר, ווי פאַר אַלעמען, מוז איך זיין אינגאַנצן אַן אָפּגעקומענער, אַזאַ איינער, וואָס האָט גאָרנישט. מיין אַמביציע איז אַנגאַזשירט אין דעם, אַז זי זאָל מיך ליבן, מיך און נישט מיין געלט... ווי רעכנסטו? אָלקער! זי מיינט, אַז איך בין אַ קבצן, אָדער איז זי זיכער, אַז איך האָב געלט?...

— איך ווייס נישט, וואָס זי טראַכט, נאָר אַן איינדרוק האָב איך, אַז זי פילט צו דיר גוט, זי קאָמבינירט נישט, דאָס איז נישט איר כאַראַק־טער. מען קאָן גלויבן, אַז זי האָט דיך ליב און דו ביסט ווערט איר ליבע...

— אַ דאַנק דיר, אָלקער! ווען איך האַלט שוין מיט איר אַזוי זיכער, ווי מיט דיר, וואָלט מיר גוט געווען אויף דער נשמה. איך בין נאָך אַלץ אין דערוואַרטונג... אָבער גענוג שוין, דו זעסט נישט, ליזאַ גייט צו אונדז, זי ברענגט אַ שמייכל...

28

דערנענטערונג

ליזאַ האָט איינמאָל נישט אויסגעהאַלטן און זי האָט ווידער צופיל גלעזלעך אַריינגעגאָסן אין זיך. דאָס איז געווען ביינאַכט. אָלקער האָט צוגערעדט און זיידנער נישט אָפּגערעדט, האָט זי געטרונקען. דערנאָך איז

שלעכט געוואָרן, האָט זי געבעטן אירע פריינט, זיי זאָלן זיך דורכגיין אויף אַ ביסל צייט, ווייל זי פאַרבלייבן אַליין און קומען צו זיך. האָבן די צוויי געבלאָנדזשעט ביים ים, געשמועסט און געשוויגן. דערנאָך זענען זיי צוריקגעגאַנגען. דער נאַכטיקער ים האָט נאָכגעשריגן די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן שווער זייערע פיס געשלעפּט אין דעם זאַמד פון דער פּליאַ־זשע. דער ים שרייט און ברומט שטענדיק: פאַרליבן זיך מענטשן, ברומט דער ים אויף זייער סענטימענט; האַסן זיך מענטשן, ברומט ער דאַן ווידער דער ים. ער איז פון אַלץ אומצופרידן. ער זאָגט קיינעם נישט צו קיין פרייד, בלויז זיין וויטקייט רופט פאַררעטעריש דעם וואַנדערער און מאָלט פאַר די, וואָס קאָנען פאַנטאַזירן, די שענסטע עלדאראַדאָ. זיידנער און אָלקער האָבן איצט נישט פאַנטאַזירט. די נאַכט מיטן בייזן ים האָבן זיי באַלאָדן מיט ספקות און אומרו, אָבער דאַן, ווען זיי זענען אַריין צו זיידנערן אין צימער, האָבן זיי גענומען לאַכן: ליזאַ האָט זיי געמאַכט לאַכנ־דיק, זי איז געזעסן ביים טיש און געשמייכלט און דאָס אַליין האָט שוין געקאָנט איבעראַשן, ווייל איבערגעלאָזן האָט מען זי אין צימער אין אַ שווערער שטימונג. איצט איז זי געזעסן ביים טיש. די אויסגעטרונקענע און די פולע פלעשלעך האָט זי אַוועקגעשטעלט קעגן זיך. אַ גלעזל קאָ־ניאַק איז געווען גרייט אויסגעטרונקען צו ווערן. ליזאַ האָט געדרייכערט אַ פּאַפּיראָס, געבלאָזן דעם רויך און געשמייכלט צו די צוויי פריינט, וועל־כע זענען צוריקגעקומען פון זייער טונקעלן נאַכט־שפּאַציר...

— האַלאָ ליזאַ! שוין געזונט? — האָט אָלקער אויסגעשריגן.

— זיידנער איז צוגעגאַנגען נענטער:

— שוין געזונט?

— אָבער מיר איז דאָך גאָרנישט געווען. איך האָב זיך דערלויבט צופּיל. שנאַפּס איז שטאַרקער פאַר אונדז, אָבער גאָרנישט. איצט האָב איך דאָ געמאַכט דעם מאַסקאַראַד מיט די פלעשלעך, אָבער איך האָב נישט געטרונקען און אייך האָט זיך נישט געוואָלט נעמען אַ טראָפּן אין מויל?

זי האָט נאָך אויסגעזען בלאַס, אָבער די אייגעלעך האָבן מונטער גע־שמייכלט. זי האָט זיך איצט פאַרענטפערט:

— איך האָב אין לאָדזש קיינמאָל נישט געטרונקען, אָבער אין לאָדזש בין איך דאָך נישט פריי געווען, איצט ווילט זיך מיר אַלץ אַ צולהכעיס טון לאָדזש. אין לאָדזש האָב איך דען געהאַט אַזוי פיל צייט? אַ ים דאָרטן

געהאַט, אַ הימל אַזאַ? לאָדזש מיט די ענגע גאַסן, לאָדזש מיטן רויך. ניין! מײַנע פרײַנט! דאָס איז אַזאַ קאָנטראַסט די קאַרווי, צו מײַן גאַנץ לעבן, אַז מען מוז דאָס באַגריסן מיט אַ גלעזל און איך האָב עס טאַקע באַגריסט, האָט קאָפּ זיך פאַרדרייט און איך האָב אײַך אַוועקגעשיקט שפּאַצירן. האָט איר גוט שפּאַצירט, איר האָט אוודאי געלאַכט פון מיר, געלאַכט פון מײַן שוואַכקייט: געטרונקען אַ גלעזל צופּיל און שוין אויס מענטש, אַ פרוי, אַ נעבעכל, די מענער קוקן אַזוי אויף אונדז.

— פאַננאַ ליזאַ! איר זענט נישט קיין נעבעכל און מיר האָבן פון אײַך נישט געלאַכט.

זיידנער האָט באַך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אָלקער איז שוין גע־שטאַנען לעבן אים מיט דער פלאַש און גלעזל:

— טרינק! לאָמיר אַלע טרינקען פאַר ליזעס געזונט...

זיידנער האָט פּראָטעסטירט:

— ליזאַ וועט נישט טרינקען, איך וויל נישט, איך וועל נישט דער־לאָזן...

— דאָס ווענדט זיך אָן ליזען. זי אַליין וועט באַשליסן. פאַננאַ ליזאַ! איר ווילט נאָך אַ גלעזל?

— ניין! — האָט זי געענטפערט און באַלד אַ קוק געטון אויף זייד־נערן, צי ער איז צופרידן פון איר באַשלוס...

זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן און ביידע האָבן געכאַפּט דאָס דין פעדעמל פון טרײַער איינשטימיקייט. זיי זענען פרײַנט און שוין מער, ווי פרײַנט, און דער איבערגעגעבענער אָלקער איז דאָ איצט אַ ביסל איבעריק... יאָ, אָבער מען טאָר עס נישט אַרויסווײַזן. עס פאַלט זיי ביידן גאָרנישט אײַן צו טראַכטן, אַז אָלקער איז אָן איבעריקער, אפשר אין נישט־טראַכטן לויפט אַדורך אַזאַ בליץ... אָבער נישט מער. זיי זענען דאָ אַלע דרײַ צונויפגעבונדן מיט ליבער פרײַנטשאַפט... דאָס צימער אָבער, ווו די אַלע דרײַ האָבן זיך געפונען, איז עפּעס פלוצלינג קלענער געוואָרן, ענגער געוואָרן, אַזאַ צימער איז בלויז פאַר צוויי מענטשן, פאַר דרײַ איז ער צו קליין. קיינער האָט עס נישט אַרויסגעזאָגט, קיינער האָט עס נישט געפילט אפילו... ווו! ווען! אַלע דרײַ זענען דאָך פרײַנט און קיין איינער איז דאָ נישט איבעריק.

געטרונקען האָט מען נישט מער. זיידנער האָט זייער דעליקאַט אַראָפּ־גערוקט דעם קאָניאַק פון טיש. קיינער האָט אים פאַר דעם נישט קריי־

טיקירט, ווייל קיינער האָט שוין נישט געוואָלט טרינקען. געווען איז שוין נאָך האַלבע נאַכט. דאָך, אין פּענסיאָנאַט איז מען נאָך נישט געשלאָפן. דאָרט האָט מען זיך נאָך געווײַלט, זיי האָבן זיך שטאַרק געווײַלט. די געשרייען זענען דערגאַנגען פון דעם גרויסן זאַל. די פּענסיאָנאַט־געסט ווייסן נישט פון פאַרווײַלונג אָן געשריי...

— פאַרוואָס זענען מיר נישט מיט זיי? — האָט אַלקער געפרעגט.

און געענטפערט האָט ליזאַ:

— ווייל אונדז איז גוט אָן זיי.

„אונדז" און „זיי", די איינטיילונג און אויסטיילונג איז נישט איינמאָל שוין געקומען צום אויסדרוק ביי די דריי מענטשן, וועלכע ווילן זיך האַלטן באַזונדער. די לעצטע טעג האָבן זיידנער און ליזאַ כמעט נישט גערעדט אַ וואָרט מיט די איבעריקע געסט פון פּענסיאָנאַט, און אַלקער האָט זיך אפילו נישט געוואָלט באַקענען מיט קיינעם פון זיי.

— איך וויל מיט זיי קיין שותפות נישט האָבן. איך בין מיר מיין וועלטל. אָט אַזאַ אַלקער, וואָס דערלאַנגט אַ טרייסל מיט דער פּלייצע און טראָגט זיך אָפּ אַ ביסל ווייטער. קליגער בין איך, צי נאַרישער? ווען מען גייט עס אָן? זיי שרייען, וויל איך צו זיי זיך נישט צופּאַסן, איך בין איינגעהאַלטענער, ווילן זיי זיך צו מיר נישט צופּאַסן. האָב איך צום גליק פיס, טראָג איך זיך אָפּ. היינט בין איך ביים ים, נעם איך אַ שטיינדל און דערלאַנג אַ וואָרף מיטן גאַנצן כוח אין וואַסער אַריין... גלאַט אַזוי. געפעלט מיר ווער, גיי איך צו אים, גיי איך אים נאָך. היינט זענט איר מיר פריינט, איר זענט מיין וועלט. זיי דאָרט, אַלע איין וועלט, איין ענין. ליזאַ, זיידנער, אַלקער, איז אַ צווייטער ענין. אַלקער האָט זיך צעדרשנט:

— בעת מען זאָגט: מענטשהייט, האָב איך רעספּעקט און דרך־ארץ, אָבער דאָן, בעת איך פאַל אַריין אין אַ גרעסערן צי אין אַ קלענערן מענטשן־געזעמל, פאַרליר איך דעם דרך־ארץ פאַר די אַלע, איבערהויפּט דעמאָלט, ווען זיי ווילן זיך. גיכער זענען זיי מיר ליב, ווען זיי דאַווענען, אָדער ווען זיי ליידן אין איין געמיינזאַמען טרויער. אָבער זייער פאַרווײַלונג מוז שטענדיק האָבן אַ ליץ, אַ קלאָאון, אַנדערש איז די שמחה נישט פול. איך פרעג זיך גאַנץ אָפט, צי האָב איך רעכט זיי צו קריטיקירן. ווער בין איך עס אַזוינס? אַ מענטש מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, ענלעך צו אַלעמען כמעט אין אַלץ, אָבער דער „כמעט" ראַטעוועט מיך...

אין וואָס באַשטייט דער „כמעט“? הע! זאָגט מיר, אין וואָס באַשטייט דער כמעט?

— זאָג אַליין — האָט זיידנער גוטמוטיק אויסגערופן.

— דער „כמעט“ באַשטייט אין דעם, וואָס איך קאָן אויך זיין אַליין, איך קאָן זיך אָפּטיילן פון אַלעמען, און זיי קאָנען עס נישט. איך קאָן אַוועקגיין אין די בערג אויף אַכט און פערציק שעה און די פעלזן זענען מיר נישט קיין פרעמדע. זיי מוזן אַלע צוזאַמען שרייען, ווייל זיי קאָנען נישט באַזונדער שווייגן. זיי מוזן טראַכטן מיט אַן אַלגעמיינער קאַטע־גאָריע, אַנדערש צעפאַלן זיי זיך, איך צעמענטיר זיך גייסטיק און מאָראַ־ליש, ווען איך בין אַליין, נישט דאַן, ווען איך קום צו זיי, נאָר דעמאָלט, ווען איך גיי אַוועק פון זיי. און איך גיי אַוועק פון זיי נישט דערפאַר, ווייל איך האָב זיי פיינט און נישט דערפאַר, ווייל איך האָב זיי צופיל ליב. איך גיי אַוועק אָפּט, ווייל אַן זיי איז מיר לייכטער. פליען קאָן איך נישט, נאָר פאַנטאַזירן וועגן פליען מעג מען דאָך. איז דאָס לייכטער אין אָפּ־געזונדערטקייט. ווען מען זאָגט: איך האָב זיי פיינט, הייסט עס נאָך נישט, אַז מען דאַרף זיך וואַרפן אויף זיי מיט אַ מעסער. ווען מען זאָגט: איך האָב זיי ליב, הייסט עס נאָך נישט, אַז מען דאַרף זיך וואַרפן קושן מיט אַלעמען... מיר דאָ זאַלבעדריט, איך אויך דו, זיידנער, מיר ביידע מיט ליזען, מיר זענען אַן אָפּגעזונדערטקייט, מיר פּראָטעסטירן אומבאַוווסט־זיניק קעגן ליאַרעם, דאַן, ווען מיר מיידן דאָס אויס.

זיידנער מיט ליזען האָבן די גאַנצע צייט געשוויגן, ווען אַלקער האָט געדרשנט. איצט האָט זיידנער זיך געווענדעט צו ליזען:

— אַ ביסל איז ער גערעכט, אונדזער פריינט. די „אַלע“ זענען אַ שווערקייט, וואָס נישט יעדער קאָן עס פאַרנעמען, אָבער עס זענען פאַ־ראַן אינדיווידועלע סוביעקטן, וועלכע זענען נאָך שווערער, ווי די „אַלע“...

— אַזעלכע איז אָבער לייכטער אויסצומיידן. פון איינעם קאָן מען קאַטעגאָריש אַוועקגיין. מיט די „אַלע“ איז מען מער אָדער ווייניקער שטענדיק צוזאַמען. פון זיי מוז מען זיך אָפּט מיט געוואַלד אַרויסרייסן, אַנטלויפן... איר הערט, ווי זיי שרייען דאָרט אין אַלגעמיינעם צימער? איר הערט לאַכן, פון ווייטן איז דאָך דאָס עקלהאַפטיק, אָבער אַנטלויפן קאָן מען נישט, זיי האָבן דאָ אין פענסיאָנאַט יעדער איינער פון זיי אַ ווינקל. איך, אַלקער, האָב דאָ אויך מיין ווינקל. איך מוז טיילווייז מיט זיי זיין צוזאַמען, איך קאָן נישט פאַרלאַנגען מען זאָל פאַר מיר אין

יעדן אָרט אויסבויען אַ פּענסיאָנאַט. וואָס קאָן איך טון? איין זאַך: צוגיין צו זיי אויף אַ שעה, אויף צוויי שעה און אַוועקגיין פון זיי אויף אַ מעת־לעת. זיך צורוקן אויף אַ מעטער און אָפּרוקן זיך אויף אַ קילאָמעטער... מיט איין וואָרט: אָפּזונדערן זיך פון זיי, ווי ווייט מעגלעך, כדי נישט צו פאַרלירן דאָס פּנים, דאָס פּנים פון אַן אַלקער, וועלכער נודזשעט אַזוי לאַנג די פרייליין ליזע און דעם פריינט מיינעם, פעליקס! נאָר פאַר אים אַרט מיך נישט, ער נודזשעט מיך אויך זייער אָפט מיט זיינע פילאָזאָפיעס.

ליזאַ האָט פּראָטעסטירט:

— אָבער, פאַניע אַלקער! איך האָב אייך ליב צו הערן און אויב איך האָב די גאַנצע צייט געשוויגן איז עס דערפאַר, ווייל איך האָב נישט וואָס צו זאָגן אין דער הינזיכט. איך בין נישט צוגעגאַנגען נאָענט אין מיין לעבן צו „אַלע" און נישט צו דעם „איינעם", איך בין אַ לערערין, איך האָב צו טון מיט קינדער. מיט פּעאיקע און מיט טעמפּע קינדער און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, מיינע פריינט, איך בין שוין גענוג טעמפּ גע־וואָרן.

איצט האָט שוין זיידנער פּראָטעסטירט:

— פרייליין ליזע, איר טרייבט איבער. איר האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט זיך צו באַווייזן...

— און איצט? זאָגט עפּעס אַ קאָמפּלימענט פאַר אַ מידע לערערין, אָבער איינס, צוויי ,נישט געטראַכט, פעליקס, אַלקער.

— איר געפעלט מיר, מער קאָן איך גאָרנישט זאָגן.

— און מער דאַרף מען נישט — האָט אַלקער זיך אַריינגעמישט.

— ליזאַ האָט זיך לייכט צעטומלט:

— דאָס איז דאָך מער, ווי אַ קאָמפּלימענט, פאַניע זיידנער, און איך קאָן אייך אָפּצאָלן מיט דעם זעלבן, איר געפעלט מיר אויך...

— אַ דאַנק...

אַ קורצע פּויזע. די דריי האָבן אויף אַ רגע אויפגעהערט צו רעדן און איצט האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז אין פּענסיאָנאַט איז שוין שטיל. די סטאַדע האָט זיך צעשאָטן און יעדער שעפּס איז אַוועק אין אַ באַזונדער ווינקל. שטיל געוואָרן און פון אָפענעם פענצטער האָט מען געהערט, ווי דער ים רוישט. יעדע פאָר סעקונדן באַגעגענען זיך מחנות פאַליעס, זיי צעקלאַפּן זיך אויף טויט און באַלד קומט אַ צווייטע מחנה און ווידער אַ שלאַכט. אָט אַזוי אייביק, טאָג און נאַכט, דור נאָך דור.

אַלע דריי זענען זיי צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. די נאַכט איז פאַרדעקט מיט טונקעלן הימל, דער הימל פינקלט מיט שטערן. די נאַכט איז אָפּגעצוימט מיט אַ פּאַס וואַלד און נאָך דעם וואַלד הוליעט דער ים.

— ווען שלאָפט דער ים? — האָט ליזאַ געפרעגט — בײַטאָג שלײַדערט ער זיך, בײַנאַכט דאָס זעלבע...

— ער קרענקט אויף שלאָפלאָזיקייט, דער ים...

— וואָס איז ער? אַ שלאָף מענטשעלע? ער דאַרף נישט שלאָפן.

יעדער איינער פון זיי האָט זיך געוויצלט אויפן חשבון פון דער ריזיקער סטיכיע. וואָס קאָן דער מענטש מער טון, ווען ער זעט און הערט די גבורה פון דער נאַטור? ער גיט זיך אונטער אין זײַן איבערראַשונג און כדי זיך אַלײן צו טרייסטן וואַרפט ער דערבײַ אַרײַן זײַן חכמהלע... אָבער דער ים הערט נישט דעם מענטשן, דער ווינט הערט אים אויך נישט... זעלטן ווען דער מענטש דערפילט אויף אַן אמת, ווי עלנד ער איז אין דעם גרויסן כאַאָס פון ים, באַרג, שטיינער און ווינט. ער, דער מענטש, באַזינגט די גרויסע נאַטור און די גרויסע נאַטור ענטפערט אים נישט אויף זײַן געזאַנג. קוקט זיך נישט אום אויף דעם מענטשן, מעג ער זײַן מיאוס, זײַן גוט, אָדער שלעכט זײַן. די גרויסע נאַטור איגנאָרירט דעם צווײ־פיסיקן, ווי זי איגנאָרירט אַ ווערעמל...

שוין געווען גאָר שפּעט, ווען די צוויי פריינט האָבן באַגלייט ליזאַ איליטאָוויטש. ביים געזעגענען זיך האָט זי געזאָגט:

— פאַר איין זאַך האָב איך דאָ מורא. דאָס וועטער זאָל נישט ווידער קאַליע ווערן. ווי וועל איך דאָ זײַן אַן דער זון?

געזאָגט האָט זי עס דערפאַר, ווייל דער הימל האָט גענומען אויסזען שוואַרצער, געציילטע שטערן האָבן זיך נאָך געזעען, די איבעריקע זענען שוין געווען מיט וואָלקנס פאַרצויגן. מען האָט זיך אָפּגערעדט צו באַגעגענען אויף דער פּליאַזשע. אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ וועטער עס זאָל נישט זײַן...

דערנאָך איז זיידנער מיט אָלקערן געגאַנגען צוריק, זייער לאַנגזאַם זענען זיי געגאַנגען און ביידע האָבן זיך צוגעהערט צו דעם פאַרשטאַרקטן גערויש פון ים. איצט איז שוין געווען אַ ווילדע צעבושעוועטקייט, פּונקט ווי דער ים וואָלט שוין אויף אַן אמת אַלץ געהאַט פאַרכאַפּט און ער פּראָוועט איצט זײַן זיג. מער האָט דאָ גאָרנישט געלעבט. בלויז יעדע פאַר

סעקונדן איז אויף קאַרווי געפאַלן אַ בליץ־בליק פון ווייטן ים־טורעם.

— עס וועט מאָרגן נישט זיין קיין זון, — האָט אַלקער געזאָגט.

— דו ווייסט אויף זיכער?

— עס וועט נישט זיין קיין זון.

— וועט ליזאַ האָבן גרויס עגמת נפש...

— וועלן מיר זיצן אין צימער און פילאָזאָפירן.

— באמת, מיר זענען פילאָזאָפן געוואָרן. וואָס זאָגסטו צו דעם, ווי מיר האָבן זיך צערעדט? האַ! אַלקער!

— אַז מען קאָן נישט און מען וויל נישט טאַנצן, רעדט מען, עס רעדט זיך... וואָס איז דאָ דער וווּנדער? איך אַליין האָב שטענדיק ליב געהאַט צו רעדן, דאָס איז אַ סך טייערער, ווי צו הערן דעם צווייטן...

אָבער זיידנער האָט ווידער געקוקט צום הימל און גערעדט מיט לייכטן פאַרדרוס:

— אַ שאָד, וואָס מען קאָן מיט דער זון נישט אונטערשרייבן אַן אייזערנעם אָפמאַך.

זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ גאַסן־באַנק און ווי אַ סך מאָל צוגעשוויגן אַ ביסל. אַלקער האָט געפילט, אַז זיידנער וויל רעדן וועגן ליזען און זיידנער האָט געפילט, אַז אַלקער פאַרשטייט זיינע געדאַנקען, דאָך האָט ער זיך אויף דעם נישט געקאָנט אַנטשליסן, ער האָט אים גע־גלויבט אין אַלע הינזיכטן, געוועזן און געוואָלט מיט אים שטענדיק זיין אָפנהאַרציק, אָבער די אמתע אָפנהאַרציקייט איז שטענדיק אַ ביסל שע־מעוודיק צוריקגעהאַלטן...

ביז אַלקער האָט זיך אָנגערופן:

— רעד עפּעס!

— וועגן וואָס? — האָט זיידנער געפרעגט און דערביי געקוקט אין דער הויך, צי דער הימל ווערט נישט שוואַרצער.

— וועגן ליזען...

— זי איז היינט געווען ליבער, ווי אַלעמאָל...

— זי איז דיר גוט אַריין אין דער נשמה...

— יאָ, איך האָב זי ליב, נאָר איינס איז נישט גוט, איך קאָן נישט רעדן וועגן מיין ליבע אַפילו מיט דיר, אַפילו מיט זיך אַליין און מיט איר אַליין אויך נישט. איך האַלט, אַז אַ מענטש אין מיינע יאָרן באַדאַרף נישט רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן, פילן מעג ער, ווייל... ער פילט, אָבער

רעדן, ווי אַ יונגער שניעק און אפשר נאָך צוזיפּצן אַ ביסל — דאָס איז נישט אויפן אָרט...

אַלקער האָט דאָס זייניקע געוואָרפן אין דער נאַכט אַריין:

— מען מעג רעדן, מען מעג פילן, מען מעג אפילו זיפצן — ביי וועמען דאַרפסטו פרעגן, אויב נישט ביי דיין האַרץ אַליין, נאָר איך באַמערק ביי דיר אַ נישט־זיכערקייט. אין דיינע פאַבריקס־ענינים ביסטו זיכערער געוועזן...

— אמת! איך בין אַריין אין אַ נייער בראַנזשע, אין דער האַרץ־בראַנזשע און שטענדיק דאַכט זיך מיר, אַז איך מאַך איין פעלער נאָכן צווייטן. ביי מיינע פאַבריקס־ענינים האָב איך געהאַט אויספּירער, וועלכע האָבן אַ סך פון מיינע קלענערע ענינים דערליידיקט און דאָ מוז איך אַלץ אַליין דורכפירן, איך בין דאָך אַ פאַרליבטער און צום ערשטן מאָל... דערביי לאַך איך אַ קאַפּיטשקע פון זיך אַליין, די געשיכטע זעט מיר אויס אָפּט נאַריש...

— דאָס איז טאַקע נאַריש...

— וואָס? דו האַלטסט אויך אַזוי?

— אויב דיין האַרץ האָט זיך איינמאָל אין לעבן אַ ריס געטון מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט און דו קווענקלסט, איז דאָס נאַריש, דעמאָלט מוזטו מאָרגן צוריקפאָרן קיין לאָדזש און גרינדן נאָכאַמאָל די פירמע זיידנער און וועבן קרעטאָנען, טישוכער. וועבן און וועבן ביזן טויט אַריין און גאָרנישט זען און גאָרנישט הערן... פאָלג מיך, פעליקס! אַזוי וועט בעסער זיין...

— ניין! אַלקער... איך וועל שוין נישט וועבן.

— טאָ וואָס ווילסטו? געזונט ביסטו, שלאַנק און פיין, אַ פיינער מאַן, אין די אמתע גוטע יאָרן און ווי מיר ביידע ווייסן, ביסטו מאַטעריעל אויך פאַרזיכערט... טאָ וואָס פעלט דיר? אַ פיין מיידל גייט דיר נאָך, קוקט דיר אין די אויגן... דו האָסט זי ליב און דערביי איז נישטאָ קיין מוט אַרויסצורעדן די פּאָר ווערטער: איך האָב דיך ליב, ליזאַ!

— ניין, אַלקער! טו מיר די טובה: אָן דער פראַזע — „איך האָב דיך ליב", דאָס איז נאָך ערגער, ווי טראָגן אַ בעזעמל בלומען אינמיטן גאַס. „איך האָב דיך ליב, ליזאַ!" פע... מען קאָן דאָך שטאַרבן פון אַ האַרץ־שלאַג נאָכדעם, ווי מען רעדט עס אַרויס.

— טאָ זאָל זיין אַן דער פּראָזע, אָבער קלער אויף דעם ענין און אַ סוף.

— עס וועט זיך אַליין אויפקלערן, אַזוי רעכן איך.

אַרום איז געוועזן פינצטער. דאָס ווייסע פּייערל פון ים־טורעם האָט זיך געריצט מיט דער פינצטערניש און האָט אַרויסגעשטעקט יעדע עט־לעכע סעקונדן אַן עלעקטרישע צונג. דעם ים הינטערן וועלדל האָט וועלטן געקערט. זיין גרויס געלעגער איז אים צו ענג געוואָרן, ער האָט פון זיך אַליין געוואָלט אַרויס, פּטור ווערן פון זיך. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ זעץ, ווי פון גרעסטן אויפרייס. עפּעס מאַכט ער דאַרטן חרוב דער ים.

אָלקער האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צום ים:

— אַבי מען זאָגט: מענטשן בייזערן זיך. די טייערע נאַטור איז אויך אַ גוטער כעסן, דו הערסט? פעליקס!

— איך טראַכט וועגן ליזען.

— וואָס ווידער?

— דו פאַרשטייסט, איך האָב פאַר איר מורא... אפשר זאָג איך דאָס נישט ריכטיק. ניין, מורא איז דאָס נישט, גיכער איז דאָס גרויס דרך־ארץ. פאַרשטייסט דאָך, אַ קוש געבן, אַרומנעמען.

— אוודאי פאַרשטיי איך...

— איז דעמאָלט פעלט דרייסטקייט פאַר איר ווירדע, פאַר איר פיינקייט...

— דאָס איז איר פאַרדינסט און איר קאַפּיטאַל. אָט אַזוי באַדאַרף זיין אַ פרוי. דרך־ארץ דאַרף מען האָבן פאַר אַזעלכע... בראַוואָ! זי האָט איר עקזאַמען אין דער „זשעמיאַנסקאַ" נישט געהאַלטן און דערפאַר איז זי אַן אַנדערע, אַ בעסערע און דו... דו מעגסט פונדעסטוועגן זיין אַ ביסל דרייסטער, דו ביסט אויך אַ בעסערער, ווייל דו פאַרמאָגסט נאָך יענע געבענטשטע צוריקגעהאַלטנקייט, וואָס אַן אַנשטענדיקער מאַן מוז באַזיצן, אויב ער וויל נישט זיין קיין כאַם... אָבער איצט איז שוין גוט שפּעט. שלאָפן דאַרף מען אויך...

ווען דער לעצטער מענטש פאַרשווינדט פון דער גאַס, דעמאָלט לויפן פאַרביי צוויי קעץ, איינע פון זיי דערלאַנגט אַ קוויטשיקן געשריי, וואָס דערמאָנט פאַרגאַנגענע ווילדקייט פון דזשונגל, דערנאָך ווערט שטיל. די עלטער־באָבע פון דער שטילקייט גייט אַרויס שפּאַצירן, קומט מיטאַמאָל

אָן דער ווינט און שליידערט די אַלטיטשקע אַוועק, ער שלעפּט זי איבער די געסלעך, ער שלעפּט זי דורכן וועלדל צום ים, דער ווינט וויל דערטרינקען די שטילקייט, דער ים וואַרט אויפן קרבן. ער עפנט, דער ים, טויזנט מײַלער, אפשר וועט אין איין מויל די שטילקייט אַרײַנ־פאַלן?

ווייסט אָבער קיינער נישט, ווי אַזוי דאָס פּאַסירט, ווען ווינט ווערט פּלוצלינג פאַרשוווּנדן און ים לייגט זיך אַליין אין אַ גלאַטער שטילקייט. ליגט ער, דער ים, ווי אַ געבונדן שעפּסעלע און אויף אַ גאַס, וווּ עס זענען פאַראַן פּענסיאָנאַטן מיט שטאָטישע געסט, נעמט גרילן אַ גריל...

29

זאָרגלאָזע טעג

צוויי טעג האָט ווידער געגאָסן אַ רעגן און דער דריטער טאָג איז געווען פאַרכמאַרעט. אין די דאָזיקע דריי טעג איז די וועלט זייער קליין געווען, נישט גרעסער, ווי אַ צימער אין אַ פּענסיאָנאַט. מענטשן זענען נישט געגאַנגען, נישט געלאָפן, נישט געשפּרונגען, נאָר אַרומגעקראָכן, ווי די פאַרהונגערטע הינער. אַ גרויסע פרייד איז אַוועק, זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און איז אַרויף הויך, הויך, דאָרט האָט זי זיך באַהאַלטן אונטער די וואָלקנס.

פון לאָדזש און פון אַנדערע שטעט זענען אָנגעקומען נײַע מענטשן. די בלייכע שטאָטישע פּנימער האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די אָפּגע־ברענטע פּנימער. די זון האָט פאַר אַלעמען געהאַט איר ברוינע שטראַלן־פאַרב.

מענטשן האָבן זיך באַגריסט מיט די נײַ־געקומענע באַקאַנטע:

— וואָס מאַכט מען? וואָס הערט מען עפּעס אין לאָדזש?

— גאָרנישט... נאָר מען רעדט שטאַרק וועגן מלחמה.

— דאָס אַלץ און מער גאָרנישט?

מען איז געגאַנגען זיך ווילן און דאָס איז געווען דער עיקר. מען האָט זיך געוויילט און פון ווילעניש געשריגן.

די געשרייען האָבן דאָס מאָל פאַראינטערעסירט אַלקערן און ער איז

פאַרשווונדן געוואָרן אויף אַ שעה צייט. שפּעטער, ווען ער איז צוריקגע־קומען, האָט ער צו לאַנג געשוויגן.

— ווו ביסטו געוועזן, אַלקער? און וואָס ביסטו אַזוי אומצופרידן?

— איך בין געגאַנגען באַטראַכטן מיין מענטשהייט...

— נו! ווי געפינסטו דיין מענטשהייט? — האָט זיידנער געפרעגט.

— איך מוז אייך זאָגן, איר הערט, פאַננאַ ליזאַ! די לעגענדע וועגן מענטשלעכער שיינקייט איז זייער איבערגעטריבן. איך האַלט, אַז הירשן זענען שענער, פערד זענען שענער, פון פייגל איז דאָך אָפּגערעדט — אַזעלכע אָפּנייגונגען פון דער נאָרמאַלער ליניע איז ביי קיין באַשעפעניש נישטאָ... דינע פיס, ווי ביי די קורטשאַקעס, דיקע פיס, ווי ביי די העלפאַנטן, חזירישע בייכער... פע! איך שעם זיך פאַר מיין מענטשהייט און דאָס איז אין היינטיקער צייט פון ספּאָרט און גימנאַסטיק! איך מוז אייך זאָגן, אַז דעם גרעסטן דאַנק אין אונדזער צייט קומט די שניידערס, זיי פאַרדעקן מיט שיינע בגדים די מיאוסע עקזעמפּליאַרן פון פאַנאָפּטיקום.

— אַלקער! הער אויף מיט זיי, עס איז היינט אַזאַ שיינער טאָג.

— אָבער, פאַניע אַלקער — האָט זיך אויך ליזאַ אָנגערופן — עס זענען דאָך פאַראַן פיינע עקזעמפּליאַרן...

— זיי דאַרף מען טאַקע שעצן און איצט פאַרשטיי איך נאָך שטאַרקער די פאַרגעטערונג פון דער שיינקייט, אָבער איר, פאַננאַ ליזאַ, איר באַדאַרפט נישט זאָרגן, איר אַליין זענט אַלרייט. דערביי האָט ער גע־וואָרפן אַ בליק אויף איר גאַנצן וווקס. זי האָט נישט געוווסט, ווי צו רעאַגירן, אָבער אירע בעקלעך זענען פון אַלקערס קאָמפּלימענט רויט געוואָרן. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און גענומען לויפן אין וואַסער אַריין. זיידנער און אַלקער נאָך איר. דאָס איז אַ ביסל נישט ריכ־טיק, געלאָפן איז בלויז אַלקער, זיידנער האָט געשפּרייזט אין אַ שנעלערן טעמפּאָ. געלאָפן איז ער נישט — דאָס האָט פאַר אים נישט געפּאַסט. אַזעלכע, ווי זיידנער לויפן נישט. זיי האָבן זיך לאַנג געבאָדן. עס האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס וואַסער. די פאַליעס זענען אָנגעלאָפן און אָפּגעלאָפן, זיי האָבן מיט די מענטשן אַלערליי קונצן געמאַכט, איבער זייערע קעפּ געשפּרונגען, אין זילבערנע ליילעכער זיי פאַרוויקלט, אויף די קעפּ זייערע טונקעלע פּאַטשיילעס געוואָרפן, אַרומגענומען ביזן גאַרטל און זיי געהוידעט, געהוידעט...

זיי האָבן זיך געבאָדן נאָענט איינער פון צווייטן, זיי האָבן געפּרוווט רעדן איינער צום צווייטן, נאָר די פּאַליעס האָבן נישט געלאָזן. דאָ גייט עס נישט, רעדן וועט איר דאָרטן, אויפן זאַמד, דאָ האָט איר צו טון מיט וואַסער־שפּיל, און דאָס שפּריצט אין מויל, אין די נאָז־לעכער, אין די אויערן. עס קייקלט זיך איבערן קערפּער, ווי אַן אָנגעבלאָזענער לייב־טער באַלאָן און עס דריקט ווי אַ פּרעס־מאַשין. עס דריקט די מענטשן אין די טיפעניש און עס וואַרפט זיי, ווי באַלעמס איבער די פּאַליעס. אַ ים אַזאַ... צוליב וואָס איז ער באַשאַפן געוואָרן: כדי צו פרייען דאָס מענטשעלע. אַזאַ גרויסער ים פאַר אַזאַ קליין מענטשעלע און מענטשעלע איז נאָך אומצופרידן, שטענדיק האָט ער פּרעטענזיעס צו גאָט, צו דער נאַטור, צו אַלץ און צו אַלעמען.

אָבער איצט, אין דער רגע, זענען קיין פּרעטענזיעס נישטאָ. מענ־טשעלע איז צופרידן.

— אָי, — שרייט אַלקער — איך האָב שוין אָפּגעשווענקט גאַנץ לאָדזש פון זיך, אָי, דאָס וואַסערל וויל מיך דערהרגענען... פאַרוואָס קומט עס מיר?

צוזאַמען מיט די מענטשן באָדן זיך דאָ די שטראַלן, סנאָפּעסווייז שיטן זיי זיך אין וואַסער אַריין און פאַרבלענדן די אויגן ביי די, וואָס באָדן זיך, אָדער זיי כאַפּן אַ שטיק נאַקעטע פּלייצע און זיי נעמען עס בריען אָן רחמנות.

פון וויגנדיקן אומרואיקן וואַסער הערט זיך ליזאַס קול:

— פּאַניע אַלקער! מאָרגן וועט איר דאָס נישט האָבן, אין לאָדזש וועט איר בענקען נאָך אַזאַ וואַסער־שפּיל...

אַלקער ענטפערט:

— מאָרגן פאַר איך נישט, איך פאַרלענגער דעם היינטיקן מעת־לעת אויף נאָך פיר און צוואַנציק שעה.

— בראַוואָ!

זיידער רופט זיך אויך אָן פון זיין וואַסער־געצעלט:

— וואָס? אַלקער, דו פאָרסט נישט מאָרגן?

— ניין!

צווישן די דריי מענטשן לויפט אָן אַ גרויסער שטראָם, ער צעקלאַפּט זיך און צעשפּרייט זיך, מען זעט גאָרנישט און מען הערט גאָרנישט. בלויז אַלקערס „אָי!“ רייסט זיך דורך און ווערט פאַרלוירן.

שפּעטער אויפֿן זאַמד דערקלערט אַלקער, אַז ער וויל נישט זיין קיין זעלבסט־מערדער, ער וויל היינט נישט פֿאָרן קיין לאָדזש, נישט מאָרגן און וואָס שייך איבערמאָרגן... דאָס וועט מען זען.

זיידנער און ליזאַ זענען געווען צופֿרידן, וואָס אַלקער בלייבט. פֿאַר די לעצטע טעג האָבן זיי זיך אַלע דריי נאָך שטאַרקער איינגעלעבט, און ווען ער וועט אַוועקפֿאָרן, וועט ער שטאַרק פֿעלן.

מען איז איצט געלעגן פֿאַרמאַטערטע נאָך דעם קאַמף מיט די פֿאַ־ליעס. הייס איז געווען פֿון הימל און פֿון זאַמד, מיד איז מען געווען. אַ ביסל שאָטן וואָלט נישט געשאַדט, נאָר ווער האָט עס כּוח זיך אויפֿ־צוהויבן און גיין זוכן שאָטן...

— איז מען געלעגן און געשוויגן. צוגעשמידטע און איינגעגליטע אין זאַמד. דריי מענטשן אָפּגעזונדערטע פֿון דער גרויסער טויזנט־פּיסיקער מחנה, דאָרט ווייטער האָט דאָס געשריי פֿון דעם געזעמל זיך צונויפֿגע־גאָסן מיט דעם רעווען פֿון ים. דאָ האָבן די דריי געשוויגן. צי זיי האָבן געטראַכט אין דער מינוט וועגן זיך, וועגן אַנדערע? אָדער די געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט? איין זאַך האָט מען געקאָנט אויף זיכער זאָגן: אין זייער שווייגן זענען זיי נענטער געווען צווישן זיך, ווי די יעניקע, וואָס האָבן דאָרט ווייטער אַזוי אומגעלומפּערט געשריגן. אין זייער שווייגן איז געווען אַ סובטעלע פֿאַראייניקונג, אַ האַרמאָניע, וואָס איז אַליין פֿון זיך געשאַפֿן געוואָרן.

שפּעטער אַ ביסל רופֿט זיך אָן אַלקער:

— פֿעליקס! דו לעבסט נאָך?

זיידנער ענטפֿערט מיט אַ מידן קול:

— דאַכט זיך, אַז יאָ... איך הער דאָרט די געשרייען.

די זון האָט זיך אַזוי ווי איינגעגעקבערט אין די מענטשן מיט אירע שטראַלן, קאָכעדיקע הענט האָבן זיך אַרויפֿגעלייגט אויף זייערע לייבער און נישט צו רירן זיך פֿון אָרט. זאַמד־פֿלאַץ שטייט אין פֿלאַמען, פֿון ים כאַפּט זיך צו פֿון צייט צו צייט אַ ביסל קילקייט, נאָר דאָס ווערט גלייך פֿאַרשרפֿעט פֿון דער זון...

און יענע דאָרט, די „אַלע", זיי שרייען, ס'איז פּשוט אַ וווּנדער, וואָס דאָס געשריי ווערט נישט פֿאַרברענט. די „אַלע", זיי האָבן צוזאַמען אַן אייזערנעם כּוח. אַלע סטיכיעס פֿון דער נאַטור ווערן געצווימט דורך דעם דאָזיקן כּוח... ווער איז דאָ גערעכט? דער גרויסער צוזאַמען, אָדער די

געציילטע, וואָס שווייגן און געפינען דאָס בעסערע אין שווייגן אַ ביסל? איז דער מענטש געבוירן געוואָרן מיטן ליאַרעם, אָדער דאָס האָט זיך לאַנגזאַם אין מענטשן אַנטוויקלט, ווי די אַלע טעכנישע קולטורן. אַ חיה האָט אירע געציילטע מאָמענטן, ווען זי שרייט. דער נאַכטיגאַל זינגט בלויז אין איין חודש, דער האָן קרייט אין באַשטימטע צייטן און דער מענטש־שרייער, איז גרייט צו שרייען די גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה פון זיין מעת־לעת.

אָלקער מאַכט ווידער אַ פּרווו צו פאַרפירן אַ שמועס. ער איז דער איינציקער פון די דריי, וואָס וויל פאַרפירן אַ שמועס. ער קאָן לאַנג נישט שווייגן:

— פריילין ליזאַ! איר לעבט נאָך?

זי רופט זיך נישט אָן, זי ליגט עטלעכע מעטער פון זיי. זי איז אומבאַוועגלעך, ווי דאָס זאַמד.

אָלקער רופט ווידער:

— פריילין ליזאַ!

פאַלט אים איין, אַז אַ זונען־שלאַג האָט זי געטראָפן, שפרינגט ער אויף און לויפט צו צו ליזען. יענע ליגט, אומבאַוועגלעך, איר שמאָלע פיגור איז דאָ אַזוי ווי איינגעפלאַסטערט אין זאַמד. זי קוקט אויף אָל־קערן און לאַכט.

— פאַרוואָס האָט איר זיך נישט אָנגערופן? איך האָב זיך דערשראָקן, געמיינט...

— אַז איך האָב באַקומען זון־שלאַג...

— יאָ...

— ניין! די זון לעבט מיט מיר אין פריידן... איר זעט דאָך!

זי האָט אים געוויזן אַ שמאָלע, אָפּגעברענטע האַנט. די ברוינקייט איז טונקל געווען אויף איר קערפּער. די זון האָט אויפגעפרעסן די אַנע־מישע בלייכקייט פון דער שטאָט. ליזאַ איז געווען געזונט, געזונט אין איר גאַנצן וועזן. די אורלויב־טעג גייען אַוועק פאַר איר מיט גרויס נוצן. די נאַטור גיט איר צוריק, וואָס דאָס בייזע לעבן האָט צוגענומען.

אָלקער האָט באַוווּנדערט דעם בראָנז, וואָס די זון האָט געשענקט איר קערפּער און ער האָט צוגערופן זיידנערן:

— זע נאָר, פעליקס... אונדזער ליזען, ס׳איז אַ מחיה צו קוקן אויף איר, אויף טאַאיטי האָב איך געזען אַזעלכע פרויען, אָבער זי איז שענער.

ער האָט געזאָגט „אונדזער ליזען", ער האָט זי מיט דער פּראָזע אַריינגענומען אין דער משפּחה זיידנער־אַלקער. ער האָט מיט דעם איידל באַשטעטיקט, אַז זי איז אַן אייגענע, אַ נאָענטע.

זיידנער איז צוגעקומען און ליזאַ האָט זיך גענומען בעטן ביי ביידן, זיי זאָלן זי נישט באַטראַכטן, נישט רעדן וועגן איר, זי האָט עס נישט ליב, זי פאַרלירט זיך...

— זי מאַכט אַן אָנשטעל — האָט אַלקער אויסגערופן.

— באַליידיקסט אַ מענטשן — האָט זיידנער רעאַגירט...

— עס קאָן זיין, אָבער איך האָב נישט ליב אומזיסט צו וואַרפן מיינע קאָמפּלימענטן, איך טו דאָס אַזוי זעלטן.

זיידנער האָט זיך ווידער אַריינגעמישט:

— פּאַננאַ ליזאַ! באַדאַנקט אַלקערן פאַר זיינע קאָמפּלימענטן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר זאַמד־געלעגער, זי איז צוגעגאַנגען צו אַלקערן און געמאַכט אַ רעווערענס, ווי אַ צען־יעריקע שילערין.

— פּאַניע אַלקער! איך דאַנק אייך זייער פאַר אַלע קאָמפּלימענטן, איר זענט אַ דזשענטעלמען, איר זענט... זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר אַנשטאָט דעם האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אַלע דריי האָבן געלאַכט. קיינער האָט זייער לאַכן נישט געהערט. דער גרויסער עולם איז ווייט געווען פון זיי. אַהערצו איז בלויז דערפלויגן אַ מעווע, זי האָט געשוועבט, ווי אַ פלאַך זילבערשטיק, וואַקלדיק איז זי געפלויגן און עס האָט זיך כסדר אויסגעדוכט, אַז אָט באַלד פאַלט זי אַראָפּ, נאָר ווען זי דערזעט די דריי מענטשן, גלייכט זי שנעל אויס די פליגל און טראָגט זיך אָפּ.

ליזאַ האָט געלאַכט, ווייל עס איז גוט געווען אויף דער נשמה, ווייל אַרום איז געווען אַ סך ליכטיקייט. מענטש, ים, זאַמד און הימל — אַלץ איז באַלויכטן געווען פון דער זון... ווען האָט אַזאַ ליזאַ געזען אַזוי פיל ליכט און אַזוי פיל באַלויכטענעם האָריזאָנט?

שפּעטער ליגן די דריי ווידער אויפן זאַמד, איצט זענען זיי אַלע אין איין גרופּקע, נישט אַזוי אָפּגעזונדערט, ווי פריער, מען ליגט אין זאַמד. דאָס לייב חברט זיך מיט דעם צעגליטן שטויב. דער מענטש, דער טומלדיקער, דער באַוועגלעכער איז פויל זיך איבערצודרייען אויף דער צווייטער זייט. זיין אימפּעט איז אינגאַנצן פּאַראַליזירט. בלויז די אויגן זענען האַלב אָפן און זיי זעען, די האַלב־אָפענע אויגן, אַן ענדלאָזיקייט

פֿון וואַסער. דאָס וואַסער איז טונקל. נאָר פֿון דער טיפֿעניש הויבן זיך צעשוימטע שטראַלן און זיי קנוילן זיך, זיי וועלגערן זיך, עפּעס ווילן זיי דאָ אויספּאַרמירן, די זילבערנע שטראָמען און ווער ווייסט און ווער פֿאַרשטייט, צי עס גיט זיך זיי איין.

די דריי ווילן עפּעס רעדן, נאָר מען לייגט עס אָפּ אויף שפּעטער, דאַן, ווען די זון וועט פֿאַרגיין, ווען דער פֿאַרנאַכט וועט קומען, איצט האָט דאָס פֿייערדיקע וואָרט די זון.

זי ברענט.

אויף דער גאַנצער לענג פֿון דער פּליאַזשע האָט זיך אויסגעגאָסן איין פֿלאַמיקער שטראָם און אין דעם שטראָם זענען אַלע מענטשן גע־פֿאַנגען געוואָרן. אפֿילו די שרייערס דאָרט זענען אויף אַ קורצע צייט שטיל געוואָרן. פֿאַראַן אַ קראַפֿט, וואָס קאָן די שרייערס אויך באַזיגן. די זון ברענט אויס ביי די מענטשן אַלע זייערע פֿאַרלאַנגען, אַלע אָנרעגונגען. אַזאַ זיידנער וואָלט דאָך געדאַרפֿט איצט וועלן זיך דערנענטערן צו ליזען מיט ווערטער, מיט בליקן. זי איז דאָך איצט דער הויפּט־ציל פֿון זיין נייעם לעבן, אָבער ער רעדט צו איר קיין וואָרט נישט, און ליזאַ איליטאָ־וויטש, זי איז אויך נישט גלייכגילטיק צו זיידנערן. צוליב אים האָט זי איבערגעריסן מיט אַלע באַקאַנטע, מיט אַלע געסט פֿון פּענסיאָנאַט, זי האָלט זיך בלויז אין איין געזעלשאַפֿט, מיט אים איז איר גוט, ווען עס וואָלט נישט געווען אַזוי, וואָלט זי דאָך פֿון אים אַוועק, אָבער איצט... נישט זי קוקט אויף אים און נישט זי רעדט צו אים. דאָס גלייכן שווייגט אַלקער. אים איז דאָס שווערער, ווי אַלעמען. ער האָט ליב צו רעדן, דאָס איז זיין ליידנשאַפֿט, ער זאָגט: — ווען איך רעד, לעב איך, ווען איך רעד, רעאַגיר איך אויפֿן לעבן. אָבער איצט רעאַגירט ער נישט. די הייסע זון האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט איר קאָכעדיקע לאַפּע און מער ווי אַ „יאָ" הערט מען פֿון אים נישט. אַלע דריי ליגן זיי, ווי געבונדענע שעפּסן. זיי האָבן בלויז איין מאָמענט, ווען דערמאָנט זיי, אַז זיי לעבן נאָך. דאָס איז דער גערויש פֿון ים, וועלכער ווערט נישט רואיק. ער שליידערט זיך אַליין, צי עס שליידערט אים. די פּאַליעס זיינע האָבן איצט אָנגע־נומען אַ נייע געשטאַלט. זיי זענען לענגלעך, ווי גרויסע זילבערנע פֿיש און די דאָזיקע פֿאַנטאַסטישע פֿיש שווימען און דערשווימען נישט צום ברעג. „אָי" — מורמלט אַלקער און ביי זיין יעדן „אָי" זוכט ליזאַ פּע־ליקסעס בליק, זיי שמייכלען גוטמוטיק פֿון אַלקערס „אָי". ווייזט אויס,

אַז די זון סמאַליעט אים שטאַרקער, ווי אַנדערע, זי האָט זיך פּשוט פאַר־ליבט אין זיין קיילעכדיקן קערפּער. ער באַמערקט נישט, ווי זיינע פריינט שמייכלען פון אים און ער קרעכצט ווידער...

איינמאָל, צוויי מאָל... עס גנבעט זיך דורך אַ ווינטל, עס הויבט אויף דעם אויסגעטריקנטן זאַמד, ציט אויס איבער דער גאַנצער פּליאַזשע אַ נעץ פון שטויב און גייט אַוועק, ווי נישט אים מיינט מען עס...

30

דריי פּאַרציעס ים

אַלקער איז נישט אַוועקגעפאָרן, ער האָט אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג זיין צוריקקער קיין לאָדזש. און פון דאָרט זענען געפלויגן בריוו און דע־פּעשן, ער האָט דאָרט געהאַט פיל אַרבעט און זיין אַנוועזנהייט איז זייער נויטיק געווען.

— איך וועל נישט פאָרן. מיר איז דאָ גוט און אויב מיר איז דאָ גוט, טאָ צוליב וואָס זאָל איך פאָרן זיך שטיקן אין לאָדזש?

ער האָט אפילו נישט געקעמפט מיט זיך. אָט גלאָט אַזוי מיט דער גרעסטער לייכטקייט האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף זיין אַרבעט, אויף אַלע פאַרדינסטן... יאָ, וויפל ער זאָל דאָרט נישט פאַר־דינען אין לאָדזש, אַזאַ זון וועט ער דאָרט פאַר דעם געלט נישט קויפן, אַזאַ ים אויך נישט, אַזאַ הייס זאַמד אויך נישט... און דערמאָנט מיר בעסער נישט מיינע ענינים דאָרט. אייך איז בעסער. ליזאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון דער מאַטעמאַטיק, זיידנער האָט ליקווידירט זיין פאַבריק... פרייע מענטשן און איך זאָל דאָס זיין דער שקלאַף? אַן איינפאַל: דאָ איז גוט, זאָל איך דאָרטן לויפן, ווו עס איז שלעכט. אַן איינפאַל... אויב לאָדזש באַדאַרף מיך, זאָל לאָדזש קומען אַהער, וועלן מיר בויען הייזער אויפן ים.

זיידנער האָט געקוואָלן פון זיין פריינט אַלקער:

— ער איז דאָך מיין לערער, דער אינזשיניער, ער האָט שטענדיק געלאַכט פון מיר פאַר מיין צופיל אַרבעטן. ער איז דאָך צו מיר שטענדיק געקראָכן מיט זיין ווערטל: „דאָס לעבן איז בילכער...“ יאָ, ער איז אַ גוטער לערער, ער האָט דאָ פּרעכטיק אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען...

ס'איז נישטאָ קיין לאָדזש מיט רויך אויף דער וועלט! אַ ים איז דאָ און זון, לופט און ליכט, אין די אַלע זאַכן לוינט זיך צו אַנגאַזשירן...

ליזאַ הערט אויס און פרעגט ביי זיידנערן:

— איר זענט דאָ נאָך אַלץ צופרידן?

— מער ווי צופרידן, איך האָב דאָ דערפ לט דאָס לעבן...

— זענט איר טאַקע צופרידן?

— יאָ!

אַלקער האָט זיך דערנענטערט. ווען נישט דאָס, וואָלט זיידנער מיט ליזען אַ סך מער וועגן דעם גערעדט. און דאָס, וואָס זיי זענען גלייך אַריבער אויף אַ צווייטער טעמע איז געווען דער בעסטער סימן, אַז זיי האָבן שוין צו רעדן זייערס, וועגן זיך אַליין. פון אַלקערן האָבן זיי זיך נישט אויסבאַהאַלטן, אָבער דאָך, עס זענען פאַראַן זאַכן, וועלכע געהערן בלויז צו זייביידן.

זיי האָבן גערעדט צו אַלקערן, אפשר מער גערעדט, ווי אַלעמאָל, פונקט ווי זיי וואָלטן וועלן אונטערשטרייכן, אַז זיי זענען ביידע זייער צופרידן, וואָס ער איז צו זיי צוגעקומען. און אפשר זענען זיי טאַקע צופרידן געווען מיט אַלקערס קומען... די דריי האָבן זיך ערלעך איינגע־ג'עבט, ביים ים, שפּעט, נאָכמיטאָג. דאָ פלעגן זיך די דריי באַגעגענען. דאָס איבעריקע: דער פּענסיאָנאַט, דאָס עסן און שלאָפן איז געווען אַ נעבנדיקע זאַך ביי זיי, דער עיקר איז געווען דער ים און די באַגעגע־ניש ביים ים.

דריי פּאָרציעס ים.

אַלקער האָט עס אַזוי אָנגעצייכנט:

— מיר לעבן מיט דריי פּאָרציעס ים.

אינדערפרי איז דער ים געמישט מיט זון, מיט זאַמד, מיט בריעכץ ביז צו פאַרחלשן. בייטאָג איז די פּאָרציע ים געמישט מיט רואיקייט, מיט באַאָבאַכטונג, מיט לאַנגע געשפּרעכן וועגן אַלץ, אָבער די אינטע־רעסאַנטסטע ים־פּאָרציעס געניסן די דריי מענטשן ביינאַכט. ביינאַכט נאָכן אָוונט־ברויט, ווען די פּרעסערס בלייבן אין די פּענסיאָנאַטן און זיי קוועטשן פּשוט אויס פון דער פּאָדלאָגע און פון די ווענט פאַר זיך פאַרווילונג, דעמאָלט קומען זיידנער, אַלקער און ליזאַ צום ברעג און דאָ שפּאַצירן זיי, זיי געפינען אַ שטרויענע קאַבינע און זעצן זיך אַוועק. אָפט איז צו קיל, נעמען זיי מיט מיט זיך די מאַנטלען, זיי טוליען זיך איין

און קוקן אין דער ווייטער פינצטערניש. זיי הערן זיך צו צום גערויש פון מיליאָנען פּאַליעס, וועלכע זענען פאַרמשפּט צום אייביקן שליידער און אומרו. איבערהויפּט ביינאַכט. מען דאַרף זיין טעמפּ, ווי אַ שטיין, פּוסט, ווי אַ דורכגעפוילטער בוים, מען זאָל נישט דערפילן דעם מענטשנס עלנד, ווען מען קומט צום ים, ווען מען דערפילט זיין ווייטקייט און די פינצטערניש, וואָס פאַרדעקט די ווייטקייט. דאָ קאָן מען זיך אָפּגעבן אַ חשבון, ווי שפּלדיק מען איז, ווי נישטיק־קליין מען איז.

מען רעדט אין דער נאַכט אַריין.

ווי שטענדיק, דרשנט אַלקער פאַר אַלעמען:

— יעדער מענטש, וואָס טראַכט, איז פאַרמשפּט צום אומעט. בעת מען טראַכט מוז מען דערגיין צו דער טרויעריקייט. מיר אַלע ווייסן, וואָס אויף אונדז וואַרט, דאָס לעבן איז קורץ און איידער מען פאַרענדיקט דעם קאַמף, ווערט מען אַליין געענדיקט פון טויט. טראַכט מען זיך אַליין אויס אילוזיעס, נאַרט מען זיך אַליין אָפּ, אָבער וועגן די זעלבסט־נאַרערייען טאָר מען נישט טראַכטן, ווייל דעמאָלט פאַרלירט מען דאָס לעצטע. אַלע טרינקען מיר זיך אין ים פון אומעט און יעדער איינער כאַפּט אַ רעטונגס־פּאַס ביי דער נאַרישקייט...

ליזאַ רייסט אים איבער:

— איר זענט דאָך אַ זאַרגלאָזער מענטש, אַלקער!

— מיין זאָרגלאָזיקייט קאָן אויך זיין איינזאַם... אָט זיצן מיר דאָ זאַלבעדריט. נעמט יעדן איינעם פון אונדז: זיידנער האָט געלעבט און געאַרבעט, אָבער עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ער האָט בלויז געאַרבעט און נישט געלעבט, איצט וויל ער זיך ראַטעווען. און איר, ליזאַ! איר האָט שוין די קרוין פון אייער יוגנט אַוועקגעגעבן דער מאַטעמאַטיק... זאָגט מיר, צי געדענקט איר אַמאָל, ווען איר האָט זאַרגלאָז מיט דער גאַנצער נשמה געלאַכט? אויך דאָס לעבן איז אָנגעזאָפּט מיט אומעט, ווי מיט אַ בלוילעכן, קוים באַמערקבאַרן גאַז, וועלכער קריכט אין דער נשמה אַריין דורך אַלע שפּעלטעלעך...

— טאָ וואָס זאָל מען טון? אַלקער, אפשר זאָלן מיר אַלע דריי זיך אַננעמען פאַר די הענט און אין ים אַריינשפּרינגען?

— ניין! ווען איך הויב אָן צו רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן, באַדאַרף מען מיך גלייך איבערשלאָגן, וועל איך אויפהערן...

— האָסטו בעסער נישט געדאַרפט אָנהויבן אַזוי צו רעדן.

— עס רעדט זיך אַליין. דאָס איז די ווירקונג פון דער נאַכט. גיב אַ קוק! פּאַראַוויס ליגט דער ים, אַ שוואַרצער קבר און הינטער אונדז — די פּענסיאָנאַטן, כאָטש נעם און פלי אין דער הויך צו די שטערן...

זיידנער האָט זיך צעלאַכט:

— מיט די פּענסיאָנאַטן האָסטו גוט אַריינגעטראָפן.

און ליזאַ האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט:

— אָי, די פּענסיאָנאַטן...

— די געסט ווילן גוואַלדיק זיין ענלעך איינער צום צווייטן, מען טאָר נישט מאַכן דעם קלענסטן אָפּנייג.

— נישט גוט, ווען אַזוי פיל מענטשן פּאַקן זיך צונויף אויף איין פּלאַץ, עס ווערט פון דעם אַזאַ מענטשן־קאַשע...

— זיי האָבן ליב אַזאַ קאַשע...

— אייגנטלעך האָבן זיי אַלץ ליב... גליקלעכע מענטשן.

מען האָט געפּאַקט אַ לייכטע טעמע, וואָס קירעוועט אָפּ אינגאַנצן פון די טרויעריקע געדאַנקען.

— אָי, די פּענסיאָנאַטן מיט די, וואָס זיצן דאָרט ביי די טישן, מיט די איבערגעזאַלצענע זופּן און איבערגעזאַלצענע העפלעכקייטן, די שנעלע באַקאַנטשאַפטן, פריינטשאַפטן און אפילו פאַרליבענישן... אין איין טאָג ווערט עס געמאַכט.

— טאַנדעטע געפילן — זאָגט אַלקער.

— זיי האָבן פון דעם די אמתע הנאה — גיט צו ליזאַ.

— זיי נעמען דאָס לייכטסטע...

די לעצטע פראַזע איז זיידנערס. ער איז שטענדיק דער לעצטער, שטענדיק אַ ביסל אין רעזערוו.

דריי שאָטנס זיצן דאָ, דריי מענטשן קריטיקירן דעם גרויסן ערב־רב פון דער וועלט. צי זענען זיי בעסער פאַר די אַנדערע? צי האָבן זיי רעכט אויף דער קריטיק? עס קאָן זיין „יאָ“ און עס קאָן זיין „ניין“. אָבער די מענטשלעכע איינזאַמקייט פאַראייניקט זיי. איינזאַמקייט און איידלקייט. איינזאַמקייט און אומרואיקייט פאַר זיך און פאַר אַנדערע. זיי הערן זיך צו, ווי מעכטיק און גרויזאַם עס רוישט דער ים. אין זיין יעדן צאַפּל שליידערט זיך די אייביקייט. זיי הערן זיך צו צום ים, אָבער צי הערט דער ים וועגן וואָס מענטשן רעדן? גאַנץ אָפּט פאַרלירט זיך דער מענטש, ווען ער דערזעט מיט אַלע אויגן, ווי נישטיק ער איז קעגן

צייט און אייביקייט, דעמאָלט וויל מען זיך ראַטעווען און מען טוליעט זיך צו צו אַ צווייטן בן־אדם. פאַרפאַלן! אַזוי האָט גאָט די וועלט באַשאַפן. עס איז פאַראַן אַ טאָג מיט זון, איז מען דעמאָלט באַלויכטן און ווערטער זענען באַלויכטן. מען פילט נישט אַזוי די נישטיקייט און ליידיקייט פון דאָ זיין. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ נאַכט, קריכט זי, די נאַכט, אין דער נשמה אַריין און מען ווייסט נישט, ווי אַוועקצוגיין פון איר. די שוואַכע מאַכן זיך דרייסט און זיי זאָגן נישט אויס, ווי נאַכט שרעקט.

מען באַהאַלט זיך אונטער אַלערליי פראַזן.

אַלקער פלעגט זיך אַ סך מאָל אָפּרוקן, ער געפינט שוין אַזאַ אויס־רייד, ער איז דאָ פון די דריי פריינט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַט באַקאַנטע צווישן די געסט אין קאַרווי. ווייזט אויס, אַז דאָס זענען געווען נישט קיין וויכטיקע באַקאַנטע ווייל אַלקער קרימט זיך שטענדיק, ווען ער קומט פון זיי.

טאָ פאַרוואָס גייט ער מיט זיי?

אָט אַזוי זיך:

— אויב זיי זענען שוין יאָ פאַראַן אויף דער וועלט, טאָ פאַרוואָס זאָל מען אַמאָל מיט זיי נישט רעדן?

אייגנטלעך האָט ער געהאַט דערביי אַן אַנדער מיין: ער האָט נישט געוואָלט אַזוי גיין צו זיינע נייע באַקאַנטע, ווי ער האָט געוואָלט באַפרייען זיידנערן מיט ליזען פון זיך.

זאָלן זיי זיין אַליין. אין געוויסע מאָמענטן זענען זיי אים אין האַרצן דאַנקבאַר געווען פאַר די דאָזיקע אַליין־שעהען. די דערנענטערונג איז געקומען אַליין פון זיך. מען האָט זיך נישט דערקלערט אין ליבע. אַן ווערטער זענען ליפּן צוגעפאַלן צו ליפּן. און איינמאָל האָט אַלקער געהערט, ווי ליזאַ האָט אַרויסגערעדט:

— פעליקס!...

נישט „פאַניע זיידנער”, נאָר אַ גאַנץ דרייסטן „פעליקס” האָט זי אַרויסגערעדט:

— הע, וואָס הער איך?

און באַלד האָט ער צוגעגעבן:

— שוין לאַנג צייט געווען...

שפּעטער, ווען אַלקער איז פאַרבליבן מיט זיידנערן אויג אויף אויג, האָט ער געפרעגט מיט גוטמוטיקייט:

— מיט ליזען גייט ביי דיר אויף אַ דרך?

— יאָ! אַלקער, ביי אונדז איז שוין אַלץ אויפן דרך. נישט ווילנדיק, צי יאָ ווילנדיק, מיר האָבן זיך דורכגערעדט וועגן אַלץ און קאָנסט מיר... אונדז ווינטשן: מזל־טוב!

— מזל־טוב!

— יאָ, אָבער וואָס וועט זיין דערפון, מיר זענען דאָך ביידע קבצנים...

— פעליקס! דו שפּילסט נאָך אַלץ דעם קבצן?

דעמאָלט האָט אים פעליקס גענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— הער זיך איין, פריינט מיינער! עס בלייבט, ווי פריער: פאַר זיך און פאַר דיר בין איך נישט קיין קבצן, איך בין גענוג רייך, אָבער פאַר לאַדזש און פאַר ליזען בין איך אָרעם, איך האָב נישט קיין אייגענעם גראָשן, איך האָב גאָרנישט...

— אָבער...

— פרעג נישט און פאַרש נישט. ליזאַ איז מיין לעצטע „סטאַווקע". איך וויל, אַז אַ פרוי זאָל מיך ליבן, האָבן מיך און בלויז מיך, נישט מיין געלט, נישט די באַקוועמלעכקייטן, וואָס זי קאָן ביי מיר האָבן. דו פאַרשטייסט? אויב ליזאַ וועט וויסן פון מיין רייכקייט, וועל איך נישט קאָנען דערגיין, צו וועמען איר ליבע געהערט, צו מיר, אָדער צו מיין געלט?

— ווילסטו שפּילן אַ קאָמעדיע פון אַ קבצן?

— יאָ, ביז אַ צייט. דאָס איז אפשר נישט אינגאַנצן שיין פון מיין זייט, אָבער לעבן איין ספק איז נאָך ערגער. אָט אַזוי וועט עס זיין, אַלקער! איך אַליין האָב נאָך פון לעבן גאָרנישט געהאַט און איך וועל גיכער מיין געלט פאַרברענען, איידער דערלאָזן דערצו, אַז געלט זאָל קאָנקורירן מיט מיין האַרץ מיט מיין בענקשאַפט נאָך אַ טראָפּן אמתע פריינטשאַפט. איך ווייס, אַז זי האָט מיך ליב, איך פיל עס, אָבער זאָל זי טראַכטן, אַז ביי מיר מוז מען אַ ביסל ליידן, ליידן מיט מיר צוזאַמען, זאָל דאָס זיין אַ ליבע פון מענטש צו מענטש, נישט פון מענטש צו געלט, צו באַקוועמלעכקייטן, צו אַ גוט לעבן; שפּעטער וועל איך איר אַלץ אויס־זאָגן און זי וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב זי אין דער היינזיכט גענאַרט און דו וועסט מיר אויך מוחל זיין...

— אָבער פעליקס! פון דעם אַלעם פאַרשטיי איך, אַז דו האָסט צו ליזען נישט קיין צוטרוי.

— ווען איך וואָלט נישט געהאַט צו איר קיין צוטרוי, וואָלט איך דעם גאַנצן ענין נישט אָנגעהויבן, דאָס איז נישט קיין פראַגע פון צוטרוי אָדער נישט צוטרוי צו ליזען, דאָס איז אַ פראַגע בלויז פון מיין רואיקייט און מיין זיכערקייט: איך וויל טראַכטן און גלויבן, אַז אַ יונג, פיין מיידל האָט מיך ליב באַקומען אָן אויסרעכענונג. דאָס וועט זיין פאַר מיר די בעסטע באַלוינונג, דאָס וועט זיין מיין שטאָלץ, מיין יחוס... פאַרשטייסט מיך, איך פרעג דיך, דו פאַרשטייסט, אין וואָס עס גייט?

— אַ פריינט מוז מען פאַרשטיין...

— און אַז אַ פריינט פאַרשטייט נישט, איז אויך קיין אומגליק נישט, דער עיקר איז דאָך די פריינטשאַפט.

אַלקער האָט געשמייכלט און קענטיק, אַז ער האָט אַ ביסל געחוזקט פון זיין פריינט. די „קבצנות" האָט אים שוין געוווג דערעסן, אָבער ער האָט עס איצט נישט געוואָלט אַרויסווייזן, האָט ער מיט אַ געמאַכטער גוטסקייט אָפּגעענטפערט:

— דו ווייסט, פעליקס, דיין משוגענע אימפּרעזע געפעלט מיר, איך שטעל מיר פאָר, ווי איבערראַשט ליזאַ וועט שפּעטער ווערן, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז זי האָט זיך פאַרליבט נישט אין קיין קבצן, נאָר אין אַ רייכן מענטשן...

— זעסט, און פריער האָסטו זיך געקרימט...

ניין! איצט געפעלט עס מיר, דאָס זעט אויס, ווי אין אַ ראָמאַן, ווי אין אַ פילם, איך האָב ליב אַזעלכע אינטריגעס. זיי זענען באַאיוו און נאַאיוויטעט איז מענטשלעך...

— אָבער פלאַפּל אַ וואָרט נישט אויס פאַר ליזען... איך ציטער.

— זיין נישט קיין נאַר, פעליקס! באַליידיק נישט דעם ערשטן און לעצטן דזשענטעלמען, וואָס איז געבוירן אין לאָדזש ביי אַ זאָקן־פאַבריקאַנט.

ווען אַלקער פלעגט נעמען רעדן אין אַזאַ טאָן, איז געווען דער בעסטער סימן, אַז ער איז אין אַ גוטער שטימונג. און אַז ער איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, איז אויך נישט געווען קיין גרויס אומגליק. מיט אים האָט מען געקאָנט לייכט דורכקומען. בלויז מיט די פּענסיאָנאַטן־געסט האָט ער זיך נישט געקאָנט איינלעבן. אין לאָדזש האָט ער פיינט געהאַט די „זשעמיאַנסקאַ" און פלעגט פונדעסטוועגן דאָרט אָפּזיצן לאַנגע שעהען, אין קאַרווי האָט ער פיינט דעם פּענסיאָנאַט זיינעם, און אפשר איז דאָס

נישט געווען קיין שנאה, נאָר בלויז אַ נויטווענדיקייט זיך אויסצובורמען אויף וועמען. און זיי אַליין, די געסט מיט זייערע געשרייען, זייער שטופּן זיך אויף איין אָרט, ווי אַ טשערעדע, זיי האָבן קיין גוט געפיל צו זיך נישט אַרויסגערופן.

— דאָס פאַרקנעטעניש ליאַרעמט, פלעגט אַלקער זאָגן. יעדן טאָג פלעגט ער אויסטראַכטן אַ נייעם צונאָמען פאַר די אַלע:

— טייג, פאַרקנעטעניש...

איינמאָל איז זיידנער אַרויסגעפאָרן מיט ליזען אויף אַ האַלבן טאָג קיין אָרלאָווע. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי דעם פּענסיאָנאַט געפונען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. עס האָט אויסגעזען, ווי נאָך אַ מלחמה, אָדער, ווי ערב אַ מלחמה...

וואָס איז געשען? אַלקער האָט אַלעמען באַליידיקט. ווי אַזוי איז צו דעם געקומען?

איינע אַ דאַמע, אָדער אַ דאַמעלע האָט צו אים געזאָגט:

— איר זענט נישט איבעריק העפלעך...

— וואָס איז געשען? מיט וואָס בין איך נישט העפלעך?

— איר האָט מיר היינט נישט געזאָגט קיין „גוט מאָרגן“.

אַלקער האָט זיך געפונען געטראָפן. יאָ געזאָגט „גוט מאָרגן“, אָדער נישט געזאָגט, אָבער ווי נעמט מען עס אַ דערוואַקסענעם מענטשן און מען שטעלט אים אַפּ ווי אַ קליין קינד און מ'הויבט אים אָן צו דערציִען. ניין! דאָס קאָן מאַכן אַ פּוסטער מענטש און מיט פּוסטע מענטשן דאַרף מען זיך נישט רעכענען, אפילו דאַן, ווען דאָס איז אַ דאַמעלע מיט אַ פּאַזש־פריזור. האָט ער געענטפערט קורץ און שאַרף:

— איך בין אייך נישט קיין צושטעלער פון „גוטמאָרגנס“.

האָט די דאַמע אויף אים אַ קוק געטון, ווי אויף אַ ווילדן, זי האָט דאָך בלויז אים אויפמערקזאַם געמאַכט, זי האָט דאָך בלויז געפּאָדערט דאָס, וואָס איר קומט. עס קומט איר אַ „גוט מאָרגן“, אָדער ניין? אַלע מענטשן זאָגן זיך איינער דעם צווייטן „גוט מאָרגן“, וואָס איז ער אַן אויסנאַם?

האָט די דאַמע זיך באַליידיקט און אים געענטפערט, אַז ער איז נישט דערצויגן און נאָך עטלעכע געסט האָבן דעם זעלבן פאָרוואורף נאָך איר איבערגעחזרט. דעמאָלט איז אַלקער אַרויס מיט לשון. וואָס ווייסט די סטאַדע פון דערציִאונג און וואָס רעדן זיי אַזוי פיל וועגן דערציִאונג? וואָס

פאַרבייטן זיי שאַבלאָנען מיט דערציאונג? זיי זענען מאַנעקענען אויסדרע־סירטע, נאָכמאַכערס און נאָכפּאָלגערס, זיי זענען אַלע צוזאַמען... פּענסיאָ־נאַטן־פליייש און זאָל זי אים לאָזן צורו...

האָט מען אים געומען זידלען. איז ער נישט נתפּעל געוואָרן און ווידער אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אין זומפּ:

— פריער באַטראַכט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, דערנאָך וועט איר מיך זידלען. איך זאָג אייך, טראַכט אַ ביסל. איר מיינט טאַקע, אַז מען קאָן בלויז אָפּקומען מיט פרעסן און שרייען, מען דאַרף אויך אַמאָל טראַכטן, קאַטשקעס טראַכטן אויך... ווי רעכנט איר, קאַטשקעס טראַכטן אָדער נישט?

האָט מען אים בייז געענטפערט מיט אַ זידל־וואָרט, איז ער ווייטער נישט אָפּגעשטאַנען.

— איך האָב אייך געפרעגט און איר דאַרפט מיר ענטפערן צו דער זאַך... קאַטשקעס טראַכטן אָדער נישט?

— איר זענט נישט דערצויגן...

— גוט! אָבער ענטפערט, וואָס מען פרעגט אייך.

די פּענסיאָנאַט־געסט האָבן אויף זיין פראַגע נישט געענטפערט און עס איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן, צי קאַטשקעס טראַכטן...

אַלקער האָט אַלעמען באַטראַכט מיט זיינע גרינע אויגן. ער האָט קאַלט געשמייכלט...

מיט גרינגשעצונג האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז אַוועק־געגאַנגען. די געסט האָבן זיך געפונען באַליידיקט. אַ סך האָבן פון אויפ־רעגונג נישט געגעסן זייער קאָמפּאָט. מען איז געלאָפן צום באַלעבאָס:

— אויב דער „כאָם" וועט זיי נישט איבערבעטן, גייען זיי אַלע היינט איבער אין אַ צווייטן פּענסיאָנאַט.

איז דער באַלעבאָס געלאָפן צום „כאָם".

— ביי מיר איז איצט סעזאָן. איך לעב פון די עטלעכע וואָכן אַ גאַנץ יאָר, איר פאַרשטייט, איר ברענגט מיר גרויס שאָדן.

אַלקער האָט געלאַכט און געפרעגט:

— וואָס ווילן זיי פון מיר?

— איר זאָלט אַרויספאָרן פון דאַנען, אָדער איר זאָלט זיי איבער־בעטן...

— פון אַרויספאָרן איז נישטאָ וואָס צו רעדן. איך האָב זיך דאָ

צוגעוווינט צום געלעגער און וועגן איבערבעטן וועל איך מיך באַראַטן...

זיידנער און ליזאַ האָבן זיך גלייך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע. זיידנער איז צוגעשטאַנען צו אַלקערן:

— דו דאַרפסט זיי איבערבעטן, אומבאַדינגט...

— ווי זאָל איך דאָס טון? אויף די קני?...

— ווי דו פאַרשטייסט, מאַך אַ סוף מיט דעם, גיב זיי, ווי רופן זיי דאָס? — סאַטיספאַקציע... און לאָז זיי לעבן, ווי זיי ווילן.

— דו ביסט אַ גוטער מענטש, פעליקס! איך האַלט, אַז דו דאַרפסט באַקומען דעם פריז פאַר פרידן.

— ניין! איך האָב ליב די רואיקייט און איך וויל אויסמיידן אַזעלכע אינצידענטן מיט די אַלע. דאָס גיט גאָרנישט און דערביי בין איך זיכער, אַז עס איז נישטאָ קיין מיטל זיי איבערצומאַכן, די אַלע...

— פעליקס איז גערעכט — האָט ליזאַ צוגעגעבן.

— אַלע זענען גערעכט, נאָר איך בין שולדיק... גוט איך וועל זיי איבערבעטן.

און אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט.

ביים אָונט־ברויט האָט זיך אַלקער אויפגעהויבן פון זיין שטול און איבערגעבעטן דעם גאַנצן פענסיאָנאַט, די געסט, וואָס זענען דאָ אָנוועזנד, די געסט, וואָס זענען שוין אַוועקגעפאָרן און די אַלע, וואָס וועלן דאָ נאָך קומען:

— איך בין טאַקע נישט קיין דערצויגענער מענטש — האָט ער געזאָגט — און אַזעלכע, ווי איך, וואָלט מען אייגנטלעך באַדאַרפט פאַרשליסן אין תפיסה, ווייל איך בין נישט זיכער, צי איך וועל מאָרגן ווידער עמיצן נישט באַליידיקן, אויף אַזעלכע, ווי איך, דאַרף מען אַכטונג געבן, האָט דאָס אומגליק געוואָלט, אַז מיין „אָפּעקון" זיידנער איז היינט אַרויסגעפאָרן קיין אָרלאָוואָ און איך האָב אָפּגעטון אַזאַ מעשה. דאָס האָט ער, זיידנער, איצט מיר באַפוילן, איך זאָל אייך איבערבעטן... טייערע געסט, טייערער פענסיאָנאַט! איך האָב חרטה... איך בין גרייט דריי טעג נישט צו עסן קיין קאָמפּאָט און דריי נעכט נישט צו האָבן קיין הנאה פון כראָפּען. איך בין אויף אַלץ גרייט, אַבי די מענטשהייט זאָל זיין צופרידן. איך בין גרייט צו שפּילן מיט אייך אין רעמי און טאַנצן פיר און צוואַנציק שעה „וואַלענסיאַ". איך בין גרייט צו שרייען אומגעלומפּערט, קוויטשען, לאַכן אָן אַ פאַרוואָס. זאָגט נאָך, וואָס איר ווילט... איך בין גרייט אויף אַלץ.

ער האָט געמאַכט אַ קאָמיש טרויעריק פּנים. דער עולם האָט גענו־מען לאַכן און אַז מען לאַכט איז שוין אַלץ גוט.

באַך דעם אָוונט־ברויט זענען אַלקער מיט זיידנערן אַוועק צו ליזען. זיי האָבן זי צוגענומען פון איר פּענסיאָנאַט און אַלע דריי זענען אויך דאָס מאָל געגאַנגען צום ים. זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט אונטער דעם ריטם פון וואַסער, וואָס האָט איצט געקלאַפּט רואיקער ווי אַלעמאָל. די שמאָלע ליזאַ איז געגאַנגען אינמיטן. איצט איז זי שוין נישט געווען אַזוי אומזי־כער ביי זיך, ווי פריער. זי האָט געפירט די מענער פאַר זייערע אָרעמס, געווען שוין אינגאַנצן אַן אייגענע צווישן זיי און זיידנער פרעגט:

— ביסט נישט מיד, ליזאַ?

— ניין, פעליקס...

אַלקערן פרייט עס שטענדיק, ווען ער הערט פון איר מויל דעם „פעליקס". ער גלויבט, אַז ביי פעליקסן מיט ליזען איז אַן אמתע ליבע און דאָס טוט אים הנאה. אַליין אַן איינזאַמער מענטש, איז ער כאָטש צופרידן, וואָס זיין פריינט זיידנער איז איצט נישט איינזאַם.

אין די דאָזיקע שפּאַצירן זאַלבעדריט, פלעגן זיי זייער אָפט אַרומ־רעדן די וועלט מיט אַלע פּאַסירונגען. דער רעפערענט איז דאָס רוב גע־ווען אַלקער. ער איז דאָך געווען מער שותף מיט דער וועלט. די איבע־ריקע צוויי, זיידנער מיט ליזען, זענען פריער געווען צופיל פאַרנומען. זיידנער איז דאָך געווען אַ מענטש, וואָס אויסער זיין פאַבריק האָט ער גאָרנישט געזען און די גרויסע וועלט האָט אים נישט אינטערעסירט. וואָס דאַרט וועלט!...

ליזאַ איז געווען פאַרנומען מיט לערנען קינדער און די מאַטעמאַטיק איז געשטאַנען ווי אַ וואַנט צווישן איר און דער וועלט. אָבער אַלקער האָט געהאַט אַ סך מער צייט. ער איז געווען אַ גאַנצער מחותן מיט דער וועלט, אַ מחותן מיט מאָלעריי, מיט ליטעראַטור, אפילו מיט פּאָליטיק, ער האָט געקאָנט גאַנץ לאַנג רעדן וועגן סאָציאַליזם, וועגן היטלערן, וועגן יידן, וועגן שפּאַניער און כינעזער.

ער, אַלקער, איז געווען דער באַלעבאָס איבער די דאָזיקע טעמעס, ער האָט זיינע פריינט צוגעוווינט צו טראַכטן און רעדן אַ ביסל וועגן דער וועלט. ער האָט זיי אַ סך זאַכן אויפגעקלערט און דערביי האָט ער דאָס געמאַכט זייער דעליקאַט, נישט אַרויסגעשטעלט זיך, ווי אַן אַלצוויסער,

נאָר שטיל צוגעגאַנגען צו אַ טעמע און גערעדט אָן דעם זיכערן טאָן פון אַן אויטאָריטעט.

אָבער ביינאַכט דאָ ביים ברעג, ווען די העלקייט פון זאַמד אונטער־שיידט זיך קוים פון דעם טונקעלן וואַסער, דאָ האָבן זיי היינט געהאַט פאַר אַ טעמע דעם אינצידענט מיט אָלקערן אין פּענסיאָנאַט.

זיידנער האָט זיך געוווּנדערט. ער האָט רואיק גערעדט. זינט ער האָט זיך מער דערנענטערט צו ליזען, איז ער נאָך רואיקער געוואָרן, איינגע־האַלטן ביז פיינער דזשענטעלמענישקייט:

ער האָט זיך געוווּנדערט און גערעדט צו אָלקערן:

— דו האָסט זיי נישט ליב, זיי זענען דיר פרעמד און דו הויבסט אָן מיט זיי, מיט די פּענסיאָנאַטניקעס...

— זיי האָבן אָנגעהויבן...

— ניין! אָלקער, דו האָסט איין שוואַכקייט, פון וועלכער דו מוזט זיך אָפּגעוווינען.

— וועלכע שוואַכקייט?

— דו ווילסט זיין גערעכט קעגן זיי, דאָס איז אַ גרויסע שוואַכקייט און אַ גרויסע נוצלאָזיקייט. אויב דו ווילסט זיין גערעכט קעגן זיי, מוזטו שוין מיט זיי דיספּוטירן, מוזטו זיי צייט אַוועקגעבן און דאָס איז פון אָנהויב ביזן סוף אַ פאַרלוי׳רענע זאַך. זיי זענען שוין גערעכט מיט דעם, וואָס זיי פאַרשטייען מער נישט און זיי ווילן מער נישט. וואָס העלפט דאָ, ווען מען וואַרפט זיי אָן נייע געדאַנקען, זיי דאַרפן דאָס נישט, אַ נייער טאַנץ איז נויטיק, מיט דעם קוויקן זיי זיך און דו קומסט צוגייען מיט פאַרלאַנגען נייע, מיט בעסערע מענטשן. וואָס הויבסטו אָן מיט זיי?

— דו ביסט גערעכט, פעליקס. אָנהויבן מיט זיי דאַרף מען נישט, אָבער אַ מענטש האָט דאָך נערוון. אַ גאַנצן טאָג גיי איך אַרום און איך שאָקל מיטן קאָפּ. „גוטמאָרגן״ אַהין און „גוטמאָרגן״ אַהער, אויף רעכטס און אויף לינקס, אין פּענסיאָנאַט, אויף דער גאַס, אויף דער פּליאַזשע. דער קאָפּ מיינער שאָקלט זיך כסדר, אויף רעכטס און אויף לינקס. און דאָ קומט איינע און וואַרפט מיר פאָר, אַז איך בין נישט דערצויגן, איך האָב איר קיין „גוטמאָרגן״ נישט געזאָגט...

— בעט מען זי איבער און מען גייט ווייטער...

— גאַנץ ריכטיק, פאַננאַ ליזאַ, גאַנץ ריכטיק! אָבער צו מיין אומגליק האָב איך אַ קוק געטון אויף איר און איך האָב דערזען אַ פאַלשן קאָפּ

האָר און פאַלשע ליפּן־פאַרב, אונטערגעפאַרטע אויגן און נאָך פאַרב... עס האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ ליידיקגייערן האָט מער נישט קיין זאָרגן, ווי אָפּצושטעלן אַלקערן, מיט וועלכן זי איז כמעט ווי נישט באַקאַנט, און מאָנען ביי אים אַ „גוטמאָרגן". האָב איך אַרויסגעוואָרפן אַ שאַרפע פראַזעלע: „איך בין אייך נישט קיין צושטעלער פון „גוטמאָרגנס", מאַדאַם!" און דאָס איז געווען, ווי אַ שטיין אין אַ זומפּ. די באַשעפענישן פון זומפּ האָבן זיך אויפגערודערט. „סאַטיספאַקציע" גיב זיי. נו, איך האָב מיך אַנט־שולדיקט פאַר זיי. איך האָב עס געטון צוליב ליזען, בלויז צוליב ליזען...

— צוליב מיר האָט איר עס געטון? פאַניע אַלקער, ווי קום איך דאָ?

— יאָ, צוליב אייך. איר זענט לעצטנס אַזוי גוט געשטימט, איך זע אַ פרייד אין אייערע אויגן, אָבער וואָס דאַרף איך אַ סך רעדן? איך האָב נישט געוואָלט מיט אַ סקאַנדאַל צעשטערן אייער ביידנס גליקלעכע רו־איקייט...

— פעליקס! דו הערסט? דאַכט זיך, אַז ער חוזקט פון אונדז.

— ניין! ליזע... דו קענסט נישט אַלקערן, ער איז אונדזער ביידנס גוטער מחותן, אונדז האָט ער ליב, „זיי" האָט ער פיינט, זיי, די אַלע...

— זיי האָב איך אויך נישט פיינט, דאָס איז נישט קיין שנאה, דאָס איז גיכער צער און אויפרעגונג. „זיי" מאַכן מיר קאַליע די שיינקייט פון דער וועלט... „זיי", צוליב זיי מאַכט מען איבער די געטלעכע נאַטורנס פון שאָפּענען אויף טאַנגאָס, זיי מוזן שטענדיק עמיצן נאָכטון, זיי זעען די נאַטור אויף אַן אנזיכטס־קאַרטל, זיי דערשטיקן מיך מיט זייער שאַבלאָן, זיי זענען אַזוי פיל אין טומל און אַזוי ווייניק אין טראַכטן, אין איבער־לעבונג, אין שעפערישן רעפלעקס, זיי האָבן טויזנט געטשן און קיין איין גאָט נישט. לעבן מוז מען פילן. ווייטיקלעך דערפילן און דאַן ווערט גע־בוירן די איידלסטע פרייד, זיי דערשאַצן נישט דאָס לעבן און ביי דעם גרויסן לעאָנאַרדי איז טאַקע פאַראַן אַזאַ פראַזע: „דער וואָס דערשאַצט נישט זיין לעבן, איז נישט ווערט דאָס לעבן".

— פעליקס! דו הערסט, ווי עס רעדט אַ לאָדזשער...

— ער רעדט שוין פאַר מיר און פאַר אַלע פאַבריקאַנטן, אפילו פאַר די געוועזענע פאַבריקאַנטן... וואָס איז דער וווּנדער, וואָס ער רעדט אַזוי שיין. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַרבעטן, אָדער צופיל אַרבעטן, האָט ער געלייענט ביכער, אַרומגעלאָפן מיט די מאָלערס, געפאָרן אין די

אויסלאַנדס, געהערט, געזען, און זיך אויסגעשליפן דעם געדאַנק, די צונג און איצט וואַרפט ער זיך מיט הויכע פּראַזן...

אַלקער האָט זיך האַרציק געבעטן:

— לאַכט נישט פון מיר, איך האָב ליב זיך צו פּאַראַגלאָפּירן. גוט, וואָס ליזאַ האָט מיר איבערגעריסן, ווייל איך האָב שוין נישט געהאַט מער קיין פּולווער, אַלץ אויסגעשאָסן.

— זייט נישט אַזוי באַשיידן, מחותן אונדזערער...

— האַ! ליזאַ, איר קומט שוין אויך צום שפּאַס, איך באַגריס אייך. שוין? שוין דערטרונקען אין ים די גאַנצע מאַטעמאַטיק?

— צום באַדויערן נאָך נישט, מען וועט קומען אין שטאָט אַריין און זיך ווידער מוזן נעמען צו דער אַרבעט. איך שרעק זיך פאַר דעם, אָבער עס מאַכט נישט אויס, איצט וועט מיר זיין לייכטער צו אַרבעטן, איך האָב דאָך איצט אַזעלכע פריינט... מען וועט זיך אַריינוואַרפן מיט פרישע כוחות אין דער גרויער אַרבעט, די טעג וועלן זיך ווידער צונויפגיסן אין שאַרע פאַסן, אָבער אין די שווערסטע מינוטן וועל איך אַ טראַכט געבן: איך האָב דאָך איצט אַזעלכע גוטע פריינט...

זי האָט אַ קוק געגעבן אויףביידן, אויף זיידנערן און אויף אַלקערן און פיין־איינגעהאַלטן געשמייכלט.

אַלקער האָט אויך געשמייכלט:

— צוליב פעליקסן געניס איך אויך.

מען האָט זיי אומעטום געזען צוזאַמען. אויף דער פּליאַזשע האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט צונויפגעגאָסן מיט דעם גרויסן עולם.

— מענטשן זענען נישט קיין זאַמדעלעך — האָט אַלקער געזאָגט — מען דאַרף זיי אַרויסזען.

31

קום, צעזאַר!

די גרופּע פון די דריי האָט זיך שטענדיק געפונען מיט אַ צוויי הונדערט טריט ווייטער פון דעם באַרג נאַקעטע קערפּערס. אין די פּענ־סיאָנאַטן זייערע האָבן זיי זיך אויך נישט צונויפגעגאָסן מיט די איבעריקע געסט. אַלקער מיט זיידנערן האָבן געהאַט זייער באַזונדער טישל. ליזאַ אין

איר פּענסיאָנאַט פּלעגט בלויז קומען צום טיש. איר איבעריקע צייט פּלעגט זי אָוועקגעבן פאַר אירע פריינט. זיי פּלעגן מאַכן קלענערע און גרעסערע אויספלוגן אין דער אומגעגנט. געלעבט האָבן זיי באַשיידן, געפאָרן איז מען אין אויטאָבוסן, איינמאָל האָט אַלקער געפרעגט:

— פעליקס! דו בענקסט נישט נאָך קיין אויטאָמאָביל? אַן אייגענע מאַשין... אַ קלייניקייט. דער מאָדערנער קליינבירגער זעט אין דעם די העכסטע דערגרייכונג. ער מיינט, אַז ווען די מאַשין ווייזט וווּנדער און לויפט שנעל, מיינט ער, אַז דאָס איז זיין פאַרדינסט און דערגרייכונג... ער, לאָמיר זאָגן, בערעק פּוסבאַנק, ער מיינט, אַז די גרויסע אויערן זיינע ווערן קלענער פון דעם, וואָס זיין מאַשין גלאַנצט פון דערווייטן.

— ניין! אַלקער... איך בענק נישט נאָכן נעכטן. אָט די טעג דאָ ביים ים האָבן מיך אינגאַנצן צעדולט. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב גאָר קיין נעכטן נישט געהאַט. דאָ אויפן זאַמד, ביים סאַמע וואַסער, בין איך געבוירן געוואָרן...

— דו מיינסט: „ניי געבוירן", פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַ לאַדזשער און געבוירן ביסטו געוואָרן אויף דער נאַוראָט גאַס...

— דו לאָזט נישט רעדן קיין וואָרט, אַלקער! דו מיינסט, אַז דאָס איז בלויז דיין פּריווילעגיע... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? איך גיי צום טייוול, איך האָב שוין אַלץ פאַרגעסן.

אין דער אמתן אָבער איז זיידנער צופרידן, וואָס אַלקער האָט אים איבערגעשלאָגן, ווייל ער איז פויל אויף ווערטער, עס איז אים גוט אַן זיי. ליזאַ איז פון דער נאַטור נישט געווען קיין גרויסע פּלאַפּלערן. איז טאַקע אויסגעקומען, אַז די פּריווילעגיע אַ סך צו רעדן און וועגן אַלץ צו רעדן איז פאַרבליבן ביי אַלקערן און ער פּלעגט עס אויסנוצן אומעטום ביי יעדע געלעגנהייט. ער האָט קיינמאָל נישט גערוט, געהאַט האָט ער אַ סך דעראינערונגען פון זיינע רייזעס און קיין איין זאַך איז נישט איינגעשלאָפן אין זיין זכרון, אַלץ איז שטענדיק געלעגן אָפן פאַר די אויגן, ווי אַן אויפגעבלעטערט בוך...

וועגן וואָס האָט מען איצט אָנגעהויבן צו רעדן אויפן זאַמד? וועגן רייכקייט, וועגן אייגנטום. זיידנער זאָגט זיינס:

— אייגנטום, רייכקייט, דאָס איז נישט קיין שלעכטע זאַך פאַרן לעבן, אָבער דאָס שטרעבן דערצו נעמט צו דאָס לעבן...

— פעליקס! און דער קאַמף פאַרן טאָג, פאַרן שטיקל ברויט, אָט דער קאַמף נעמט אויך צו דאָס לעבן...

— דאָס איז נאָך ערגער...

אַלקער קומט מיט זיינער אַ דערקלערונג:

— מיט יאָרן צוריק האָב איך געבלאָנדזשעט אין מאַרסעל, דאָס איז געווען אין אַ זונטיק. אַלץ איז געווען פאַרמאַכט אין דער פּאָרט־שטאָט. איך האָב זיך געמוזט ראַזירן און עס איז נישט געווען קיין גאָלמייסטער. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף איינעם אַ דיקן מאַן מיט אַ פרייליכן פּנים, ער איז געזעסן ביי זיין פאַרמאַכטן פריזיר־אַנשטאַלט און זיך געשפּילט מיט אַ הונט. ער האָט שוין געהאַט איינגעשטימט מיך צו ראַזירן, אָבער אין דער לעצטער רגע האָט ער אַרויסגערעדט זיין קאַטעגאָרישן „נאָן" און זיך נישט גערירט פון אָרט. וואָס איז געשען? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין היינט פאַרדינט צוואַנציק פראַנק... ווערט עס זיין גענוג. גענוג און טו אים עפּעס. איך בין אַוועק פון אים נישט קיין ראַזירטער, אָבער דער מאַן איז מיר געפעלן געוואָרן. מען דאַרף האָבן כוח צו זאָגן „גענוג!" דעמאָלט זעט מען די זון, מען זעט דעם טאָג, מען פילט האַרץ און נשמה, מען קאָן שלאָפן, טראַכטן, שפּאַצירן, הערן, ווי דאָס לעבן גייט איבער גאַסן און שאָסייען. מען קאָן צו עמיצן רעדן, מען הערט, וואָס יענער רעדט, מיט איין וואָרט: מען עקזיסטירט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען, נישט נאָר פאַר די וועב־שטולן. „גענוג", מען מוז זיך זאָגן: „גענוג!" אין דעם ליגט דער גאַנצער סוד פון לעבן און אויב מען זאָגט זיך נישט דעם „גענוג" דאַן איז מען אַ פאַרפאַלענער...

זיידנער רופט זיך אָן:

— האָב איך טאַקע געזאָגט „גענוג".

— ביסטו טאַקע אַ בראַווער מענטש.

אָבער ליזאַ האָט פון דעם קורצן דיאַלאָג גאָרנישט פאַרשטאַנען. זי האָט אָנגעשטעלט אויף ביידע פריינט אירע אויגן און געפרעגט:

— וואָס הייסט גענוג? ווען האָט פעליקס געזאָגט „גענוג!" ווו האָט ער דאָס געזאָגט?

פעליקס האָט זיך געכאַפּט און גענומען איבערדרייען די פראַזן:

— איך וויל נישט זיין מער קיין פאַבריקאַנט, אַפילו דאַן, ווען איך וואָלט דערצו געהאַט די מעגלעכקייט...

— דאָס ווייסט מען נאָך נישט, ווען דו באַקומסט געלט, וואָלסטו ווידער געוועבט, איך רעכן...

— רעכן נישט, ליזאָ! ווייל מיין פאַבריקאַציע איז שוין אַ חלום...

גערעדט האָבן זיי אויף דעם הייסן זאַמד שטענדיק אין פראַגמענטן. אָנגעהויבן אַ טעמע און גלייך פאַרענדיקט, אָדער אינגאַנצן נישט פאַרענדיקט. דאָס האָט שוין די זון דערצו מיטגעווירקט. זי פלעגט צונעמען אַ טייל פון די כוחות און איינשמידן אין אַ פוילקייט. ליג און ריר זיך נישט, מאַטער נישט די געדאַנקען. דאָ איז פאַר דיר אַ נאַקעטע וועלט, נאַקעט דער ים, דער זאַמד און דער מענטש איז אויך נאַקעט, דעריבער שלעפּ נישט אַרויף קיין שווערע באַקליידונג אויף דעם געדאַנק...

איינמאָל איז צו זיי אויפן זאַמד צוגעקומען אַ ציגיינערין. זי האָט געשפרייזט באָרוועס, אין אַ לאַנגער קלייד פון שוואַרצן קאָליר מיט רויטע בלימלעך. דאָס קלייד איז אַלט געווען און אָפּגעקראָכן. די ציגיינערין — יונג מיט אוירינגלעך לאַנגע, גאָלדענע, אָדער פאַלש גאָלד, די אויגן מיט אַ שמייכל און געזוכט האָט זי די בליקן פון די דריי, וועלכע זענען געלעגן אויף דעם זאַמד. זי האָט אַריינגעדרונגען מיט אירע בליקן אין צווייטנס אויגן, ווי זי וואָלט וועלן פאַרכשופן:

— טרעפן! ווער וויל איך זאָל אים טרעפן זיין צוקונפט?

אַלקער האָט זי גענומען יאָגן:

— גיי אַוועק...

— דער פאַן איילט זיך אַזוי און דער פאַן ווייסט גאָרנישט...

— איך ווייס אַלץ...

— וואָס ווייסט דער פאַן?

— איך ווייס, אַז דו באַדאַרפסט אַ פּאָר גראָשן.

ער איז צוגעלאָפן צו זיינע בגדים און אַרויסגענומען פון קעשענע עטלעכע קליינע מטבעות.

די ציגיינערין איז אַ צופרידענע אַוועק.

נאָך איר אַוועקגיין האָט זיידנער געפרעגט ביי אַלקערן:

— וואָס האָסטו אַזוי האַסטיק געטריבן די ציגיינערין?

— איך האָב זיי נישט ליב, מיט יאָרן צוריק האָט מיר איינע פון זיי פאָראויסגעזאָגט, און געוואָרנט, אַז איך זאָל זיך היטן פאַר וואַסער, איך ווייס, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט, נאָר ווען איך קום צו וואַסער, אויפן ים, אָדער אויף אַ טייך, שטענדיק דערמאָן איך זיך דאָס. פאַרפאַלן,

איך מוז וועגן דעם טראַכטן און פון וואַנען וויים איך, אַז אַ צווייטע פון זיי וועט מיך נישט וואָרענען פאַר פייער? זאָלן זיי גיין. מיר האָבן גענוג פּאָראורטיילן, גענוג ספקות אין לעבן אָן די ציגיינערס. מיר טראָגן גענוג צרות פון די אַלע זאַכן, וואָס מיר וויסן. באַדאַרף מען נאָך אַ צוגאָב פון דעם, וואָס מיר וויסן נישט. זיי פאַרדרייען די קעפּ מיט אומגעצ־לומפּערטע פּלאַפּלעריי, די ציגיינערינס און ביי אונדז בלייבט עפּעס פון דער אומגעלומפּערטקייט.

מער האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט, ווייל די זון האָט אויסגע־גאָסן אַ שטראָם מיט צעגליטע שטראַלן אויף זייערע קערפּער און זיי אינ־גאַנצן צוגעדעקט מיט פייער. נישט צו רירן זיך געוועזן. אָבער אָלקערס מויל האָט נישט געקאָנט רוען, אפילו אין פייערדיקן גיהנום וועט ער האָבן וואָס צו רעדן און וואָס צו פרעגן:

— פעליקס! וואָס וואָלסטו געוואָלט, אַז די ציגיינערין זאָל דיר פאָראויסזאָגן? ניין! זאָג מיר, וואָס איז דיין בעסטער ווונטש?

— מיין בעסטער ווונטש? וואַרט אַ רגע...

— איך וואַרט, מיר האָבן דאָ אַלע צייט.

— אָלקער! איך האָב שוין. מיין בעסטער ווונטש איז: אַז בערעק פּוסבאַנק זאָל פאַרכאַפּן אַלע לאָדזשער פאַבריקן, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע, ער איינער אַליין זאָל פּראָדוצירן, עקספּאָרטירן און דיסקאָנטירן. און די אַלע גרויסע און גאָר גרויסע קנאַקערס זאָלן זיך וווּנדערן און אָנקוקן דעם נייעם יחסן מיט די קורצע פיסלעך און גרויסע אויערן.

— גוט, פעליקס... איך האָב נישט קעגן דעם, אַז דיין ווונטש זאָל דערפילט ווערן, און איר, פאַננאַ ליזאַ! וואָס איז אייער בעסטער ווונטש אין לעבן?

— מיין ווונטש? עס איז אַזוי הייס... יאָ, איך האָב אַ גוטן ווונטש, איך וואָלט געוואָלט זיך אַוועקזעצן אויף אַ שיף און פאָרן איבער דער וועלט, באַזוכן ווייטע לענדער, עקזאָטישע אינדזלען, אַ גאַנץ יאָר זאָל עס געדויערן און דערנאָך קאָנט איר טון מיט מיר, וואָס איר ווילט...

אָלקער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פלאַם־פייערדיקער זאַמד־וואַנע:

— פאַננאַ ליזאַ! הערט זיך איין, פאַננאַ ליזאַ! איך בין נישט קיין ציגיינער, און נישט קיין ציגיינערין, נאָר איך זאָג אייך פאָראויס: אייער ווונטש וועט מקוים ווערן, איז מיין נאָמען נישט אָלקער, אויב עס וועט נישט זיין, אַזוי ווי איר ווינטש זיך... איך זע שוין דעם טאָג, איך זע

ווי איר זעצט זיך אויף אַ שיף, איך פיל אייער פרייד פון דער וועלט־רייזע. איר וועט פאָרן מיט פעליקסן און עס קאָן זיין, אַז איך וועל זיך אויך מיטכאַפּן, איך קען אַ ביסל לענדער, איך וועל אייך צוניץ קומען אַלס טשיטשעראָנע. אָ, איר וועט פאָרן. פאַננאַ ליזאַ! איר האָט עס אַרויסגערעדט אין אַ גוטער מינוט, עס וועט מקוים ווערן.

ער האָט זיך געפרייט מיט זיינע בשורה־ווערטער.

ליזאַ האָט אויפגעהויבן פון זאַמד איר קאָפּ, זי האָט געקוקט אויף אַלעמען און געלאַכט. זיידנער האָט אויך געלאַכט און דערביי גערעדט צו אַלקערן:

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ, פון וואַנען נעמסטו די זיכערקייט, משוגענער?...

— פאַננאַ ליזאַ! עס וועט זיין אַזוי, ווי איר ווילט און אַזוי, ווי איך זאָג...

אויף דער פאַנטאַזיע־דיאַלאָג האָט זיך גיך איבערגעריסן, ווייל די זון האָט די מענטשן נישט אָפּגעלאָזט און זיי געהאַלטן אין קאָכעדיקן זאַמד. עס האָט געסמאַליעט דאָס לייב, מען האָט געקאָנט גלויבן, אַז מענטש מיט זאַמד וועט זיך צעשמעלצן און צונויפגיסן זיך אינאיינעם.

הייס און שטיל איז געווען. בלויז פון מענטשן־געזעמל, פון יענעם אָרט, ווו די אַלע האָבן זיך געבאָדן און געבריט, פון יענעם פּלאַץ פלעגט פון צייט צו צייט דערגיין אַ קוויטש. מען האָט געקאָנט טראַכטן, אַז אַ גליענדיקער שטראַל האָט דורכגעשאָסן אַ האַרץ און פון דעם איז דער קוויטש געקומען, נאָר אין דער אמתן האָבן מענטשן געשריגן דערפאַר, ווייל זיי שרייען דאָך שטענדיק...

אָבער די קליינע גרופּע איז געלעגן, ווי אָפּגעשטאָרבענע... זיידנער, ליזאַ און אַלקער.

מען איז לאַנג אַזוי געלעגן, אָן וואָרט, אָן אָטעם כמעט.

אַלקער האָט עפּעס דאָך געברומט. פון זיין ברומען האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, אַז ער האָט חשק אַ כאַפּ צו טון די צעגליטע זון און זי וואַרפן אין ים אַריין. און ים וואָלט אַ שפּריץ געטון. די קאָכעדיקע זון וואָלט אָפּגעקאָכט דעם גאַנצן ים מיט אַלע פיש און אַלקער וואָלט זיך געהאַט מיט וואָס צו באַרימען. דאָך די זון איז פאַרבליבן אויף איר אָרט, דער ים האָט זיך געטרייסלט, ווי פריער און אַלקער איז געווען צוגעשמידט צו דעם זאַמד און זיך געלאָזן פּרעגלען, ווי אַ געהאַרכזאַם פישעלע. אפילו

אַ פּאַפּיראָס האָט ער נישט פאַררויכערט, נישט געווען דערצו קיין כוח. אַלע דריי האָבן געשוויגן, ווי פרעמדע האָבן זיי דאָ אויסגעזען, פרעמדע, אָוועקגעשליידערטע אָן וואָרט, אָן געדאַנק, אָן ווילן...

מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט אַ „האַלאָ!" וואָס? ער איז דאָ אויך פאַראַן? בערעק. דער סאַמאָראָדנער און נישט אַליין, מיט אַ הונט איז ער געקומען. דעם הונט האָט ער געהאַלטן אויף אַ שנירל. דער הונט איז נישט געווען קיין סך קלענער, ווי דער באַלעבאָס זיינער. אַ הונט פון דער „בערנאַרדינער" הינט־משפחה. נישט קיין היימלעכער הונט, נישט קיין געזעלשאַפטלעכער, ער האָט אויף קיינעם נישט געקוקט, כאָטש דאָ זענען פאַר אים געווען נייע געשטאַלטן. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגעריקייט...

— האַלאָ! — האָט בערעק נאָכאַמאָל אויסגערופן.

די בערעקס לאָזן דעם „האַלאָ" נישט אַרויס פון מויל. דאָס איז אַ טייער וואָרט, מען פאַרשטייט עס אויף אַלע שפּראַכן. געקומען איז ער אין אַ באָד־קאָסטיום, ער האָט אָבער געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ פעל־קאָסטיום. זיין קערפּער איז געווען געדיכט באַדעקט מיט האָר. צי דאָס איז אַ פעל געווען פון אַ מאַלפּע, פון אַ שעפּס, אָדער פון אַ בער? דאָס איז געווען בערעקס פעל. ווען מען זעט נישט דעם גרויסן קאָפּ זיינעם, וואָלט מען געקאָנט טראַכטן: אַ חיה...

— האַלאָ! איך זוך אייך שוין אַ לאַנגע צייט, פּאַניע זיידנער. מען האָט מיר געזאָגט: זיידנער איז דאָ פאַראַן און אָלקער איז דאָ פאַראַן האָב איך מיך דערפרייט.

— זייט באַקאַנט! פּאַניע פּוסבאַנק, דאָס איז פריילין איליטאָוויטש...

— וועלכע איליטאָוויטש? אייער בוכהאַלטערס טאָכטער?

— יאָ, מיין געוועזענעם בוכהאַלטערס טאָכטער.

מען האָט געדאַרפט מיט אים רעדן, נאָר עס האָט זיך בעסער געוואָלט אים באַטראַכטן. מען האָט אים געמוזט באַטראַכטן. קוקנדיק אויף זיין ברייטן קערפּער, האָט מען געמוזט קומען צום באַשלוס, אַז אַזאַ קערפּער מוז האָבן לענגערע פיס און קוקנדיק אויף זיינע פיס האָט מען געמוזט קומען צום באַשלוס, אַז אַזעלכע פיס באַדאַרפן האָבן אַ העכערן קערפּער. די פּראָפּאָרציע צווישן קערפּער און פיס איז געווען אַ קאָמישע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד און דעם הונט פון לעדערנעם שנירל נישט אָפּגעלאָזט. דער הונט האָט געפּאָכעט מיט אַ רויטער צונג און

געדאַכט האָט זיך, אַז ער איז בייז געווען אויף דער היץ נישט מער ווי די מענטשן. מען האָט אויך נישט באַמערקט, אַז ער זאָל זיין זייער פריינט־לעך צו זיין באַלעבאָס...

— צו וואָס האָט איר אַזאַ גרויסן הונט, פאַניע פוסבאַנק?

— איך האָב שוין אַזאַ שוואַכקייט, פאַניע זיידנער! איך אַליין בין קליין געוואַקסן, האָב איך ליב אַ גרויסע מויער, אַ גרויסע פאַבריק, גרויסע פאַרדינסטן, איך האָב ליב אַלץ, וואָס איז גרויס און אַ הונט האָב איך אויך ליב אַ גרויסן...

— און צו וואָס באַדאַרפט איר עס אינגאַנצן?

— פאַרוואָס פרעגט איר עס ביי מיר? אַ סך מענטשן האַלטן הינט, האַלט איך אויך...

ער האָט געענטפערט אַ ביסל חוצפהדיק, געוואָרן דרייסטער, ווייזט אויס, אַז דאָס געלט איז צו אים געגאַנגען מיט מער שטראָם, ווי פריער. ביסלעכווייז, אָבער דער תקיף איז אין אים געוואַקסן, כאָטש אויף זייד־נערן האָט ער נאָך אַלץ געקוקט מיט נישט פאַרגינערישע אויגן.

— אויף לאַנג זענט איר דאָ געקומען? — האָט אַלקער געפרעגט...

— אויף עטלעכע טעג אינגאַנצן. מיט מיין מאַשין בין איך דאָ גע־קומען, מיט אַ מאַשין איז זייער באַקוועם, ווען עס פרעסט נישט אויף אַזוי פיל בענזין, וואָלט געווען נאָך באַקוועמער. און איר, פאַניע זיידנער, איר וועט דאָ לאַנג פאַרבלייבן?

— ביזן סוף פון זומער.

— און איר, פאַניע אַלקער? איר אויך ביזן סוף פון זומער?

— יאָ!

— און אייער אַרבעט אין לאָדזש?

— דערמאָנט דאָ נישט לאָדזש, דאָ איז נישטאָ קיין לאָדזש, קיין סימן פון לאָדזש.

— וואָס טוט איר דאָ גאַנצע טעג?

— מען באָדט זיך, מען וואַרעמט זיך אויף דער זון...

— איך בין אייך מקנא...

— טאָ בלייבט דאָ אויך...

— האַ־האַ! איך קאָן דאָ נישט בלייבן, איך האָב צופיל געשעפטן...

— טאָ וואַרפט אַריין די געשעפטן אין ים...

— יאָ, אייך איז לייכט צו זאָגן.

ער האָט כמעט אַ זיפֿץ געטון און דער כמעט־זיפֿץ האָט געזאָלט באַדייטן: איר קבצנים ווייסט גאָרנישט, וועלכע געשעפֿטן איך פֿיר און סאַר אַן אומזאַץ איך מאַך. און מיט וועמען איך באַגעגן זיך און ווי די דירעקטאָרן פֿון די בענק רעדן צו מיר. אייך איז גוט, ווייל איר האָט גאָרנישט...

אין דער אמתן האָבן אַלע דריי געהאַט אַ פֿאַרבאָרגענעם פֿאַרדרוס. צוליב וואָס איז דאָ געקומען דער בערעק? אין די פֿאַרמיטאָג־שעהען איז מען שטאַרק מיד אויף דער פֿליאַזשע, עס איז שווער אַ סך צו רעדן און מיט בערעקן מוז מען רעדן. ער איז דאָך אַ גאַסט. און ער רעדט אַליין אַ סך. זיין הונט שווייגט און ער, בערעק, האָט צו דערציילן פֿון לאָדזש אַזוי פֿיל מעשיות.

לאָדזש און לאָדזשער קאַמגאַרן־געשיכטעס! זיידנער פֿילט, אַז דאָס אַלץ איז אים שוין אַ ביסל פֿרעמד. אַן איינדרוק אַזאַ, ווי ער וואָלט עס מיטגעמאַכט מיט טויזנט יאָר צוריק, און ערשט קומט אַ ווייטער עכאָ. בערעק האָט דעם עכאָ געבראַכט, אָבער ליזאַ האָט די ערשטע באַווייזן אַ גוטן ביישפּיל, זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן זאַמד און אַזוי ווי קיין ליזאַ איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, אַזוי שווייגט זי. דערנאָך האָט זיך אויך אַזוי אויסגעצויגן אַלקער. געבליבן זיצן אין שמועס מיט בערעקן איז איין זיידנער, אָבער צוליב דער היץ האָט ער אַלץ ווייניקער גערעדט, אַזוי אַז בערעק האָט געמוזט פֿאַרענדיקן זיין ערשטן וויזיט.

— מען וועט זיך נאָך זען? פֿאַניע זיידנער!

— אוודאי, פֿאַניע פּוסבאַנק... וווּהין גייט איר איצט?

— איך גיי צו מיין שאָפֿער, דאַרטן באַדט זיך מיין שאָפֿער, איך האָב זייער אַ גוטן שאָפֿער...

— איר האָט שוין אַ שאָפֿער אויך? איר האָט דאָך אַליין געפֿירט די מאַשין...

— יאָ, איך האָב שוין אַ שאָפֿער, ווייל אַן אַ שאָפֿער איז נישט באַקוועם, עס נעמט צו ביי מיר אַ סך צייט, אַ שאָפֿער איז אַ נויטיקע זאַך, עס קאָסט טאַקע געלט, אָבער דערפֿאַר האָט מען אַ שאָפֿער...

ער האָט „אָפּגעשאָפֿערט" און האָט אַ צי געטון דעם הונט פֿאַרן לעדערנעם שנירל:

— קום, צעזאַר!

„צעזאַר" האָט זיך אַ ריר געטון אָן חשק. מען האָט עס גוט געזען

און פאַרשטאַנען, אַז צעזאַר איגנאָרירט זיין באַלעבאָס. דער הונט איז געגאַנגען, ווי אַ ברוגזער, ווי אַזאַ, וואָס האָט עפּעס פּרעטענזיעס צום באַלעבאָס. ווער ווייסט, אפשר גיט ער אים ווייניק צו עסן. אַ הונט, וואָס הייסט „צעזאַר" איז אפשר נישט צופרידן מיט אַ באַלעבאָס, וואָס הייסט „פּוסבאַנק".

— קום, צעזאַר! און צו די מענטשן אויפן זאַמד האָט ער נאָכאַמאָל אַ ווונק געטון:

— זייט געזונט!

אין דער לעצטער מינוט האָט אַלקער אַ פרעג געטון:

— איר באָדט זיך, פּאַניע פּוסבאַנק?

— ניין! מען האָט מיר פאַרבאָטן...

ער איז אַוועק.

אַלקער האָט דער ערשטער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, דערביי האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ פול מויל מיט זאַמד, ווייל ער איז געלעגן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

ליזאַ איז אויפגעשפּרונגען:

— אָט דאָס איז דער בערעק? אַ געראָטענער ביז גאָר.

זיידנער האָט אים פאַרטיידיקט:

— וואָס ווילט איר פון אים? ער האָט אַ סך ענערגיע, ער אַרבעט און מאַכט געלט...

— זאָל ער גיין מיט זיין געלט — האָט אַלקער געשריגן און ווידער געלאַכט — איר האָט געהערט? „קום, צעזאַר!" איר האָט געזען, ווער עס פירט היינט צעזאַרן פאַר אַ שטריקל. פון איין זאַך האָב איך גרויס עגמת נפש...

— פון וואָס פאַר אַ זאַך? אַלקער!

— איך ווייס נישט, ווי אַזוי אונטערצוואַרעמען דעם ים פאַר בע־רעקן, ער טאָר זיך נישט באָדן אין קיין קאַלט וואַסער.

קיין סך צרות האָבן זיי פון בערעקן נישט געהאַט. איינגאַנצן האָט ער פאַרבראַכט אין קאַרווי עטלעכע טעג. דאָס איז געווען אַ גאַסט, וועלכן מען האָט געזען אויף יעדן טריט און שריט. ער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן צוליב זיין גרויסן כלב. ער האָט דעם „צעזאַר" נישט אָפּגעלאָזן פון זיך אויף קיין רגע. עס קאָן אויך זיין, אַז דער הונט האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. אומעטום האָט מען געזען, ווי אַ קליין מענטשל שלעפּט אויף

אַ שנירל אַ גרויסן הונט. צווישן בערעק פּוסבאַנק און „צעזאַרן" איז קיין שלום־בית נישט געווען. בערעק שרייט: „קום!" און דער הונט שטופּט זיך צוריק. בערעק שרייט: „שטיי!" און דער הונט רייסט זיך פאַראויס... שטענדיק פלעגן זיך נייגעריקע אָפּשטעלן און קוקן, ווי אַ גרויסער כּלב מיט אַ נידעריקן מענטשן ראַנגלען זיך און קאָנען עפּעס נישט דורכקומען. עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן זיך, די צוויי נישט פאַרשטאַנען און צוליב וואָס שטעלן זיך מענטשן קוקן? דאָס איז דאָך דער ענין פון די צוויי... אָבער גאָס בלייבט גאָס און בערעק בלייבט — בערעק. ער האָט געוואָלט מען זאָל קוקן אויף אים.

פאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קארווי, האָט אויך זיין אויטאָמאָביל געקערט וועלטן. קארווי האָט איין גאַס און אויף דער דאָזיקער גאָס זענען פאַראַן געגוג אויטאָמאָבילן, נאָר בערעקס אויטאָמאָביל האָט זיך מער ווי אַלע געוואָרפן אין די אויגן. שטענדיק האָט ער מאַנעווורירט אַהין און צוריק. שטענדיק געסאָפּעט, געבלאָזן און סיגנאַליזירט. אַ נישט דערצויגענער אויטאָמאָביל. ער האָט נישט געוווסט די אַנשטענדיקייט פון שטיין אויף איין פּלאַץ, פון אַרטיקייט און רואיקייט. אַזאַ בערעק לאָזט זיך זען, ווען ער קומט ערגעץ צופאָרן, ער מיט זיין הונט, מיט זיין מאַשין. און זיין בלויע מאַשין איז שטענדיק גלאַנציק. קומט ער פון וועג, מוז עס דער שאָפער גליך אָפּרייניקן פון שטויב. דערביי וואַרפט ער צו זיין חכמה:

— דער שטויב איז צו ליגן אויפן שאָסיי, אָבער נישט אויף מיין מאַשין.

— „מיין" מאַשין...

זיין מאַשין...

ער לאָזט זיך הערן פון דערווייטנס. דערזעט ער זיידנערן, שרייט ער אויפן גאַנצן קול:

— פאַניע זיידנער! איך פאָר מאָרגן קיין לאָדזש, זייט געזונט...

אַ צוואַנציק מענטשן דערוויסן זיך איצט, אַז עפּעס אַ קליין מענטשל, וואָס שלעפּט אַרום אַ גאַנצן טאָג אַ גרויסן הונט, אַז דאָס דאָזיקע מענטשל מיט די אַרויפגעשפּרונגענע אויערן פאָרט שוין מאָרגן קיין לאָדזש. מ'איז אַ פּנים פון דעם צופרידן, זאָל ער פאָרן!

32

אין שפּעטיקן זומער

די טעג זענען רעגלמעסיק ליכטיק געווען. דאָס טרעפט גאַנץ אָפט אין שפּעטיקן זומער, ווען עס שטעלט זיך איין דער זוניקער פּעריאָד און דעמאָלט פאַרגעסט מען אָן די וואָלקנס. מען פאַרגעסט, אַז די דעקאָראַציע פון הימל קאָן זיך בייטן. עס הויבט זיך אָן אַ נייער טאָג און דער ים טאַנצט אים אונטער מיט זיין ריטמישן טאַנץ. מענטשן קומען צום ברעג. זיי שרייען שוין היינט נישט אַזוי אויפן קול. די פּאַליעס זענען רואיקער געוואָרן, שוין נישט ווי פריער. אַלץ איז עפּעס אין דערוואַרטונג. די מענטשן לאָזן זיך נאָך אַלץ אין וואַסער, נאָר זיי קוקן זיך איצט אַרום, צי די זון אויבן שטייט, ווי אַ וועכטער, זי האָט איר גרויסן לאָמפּ, זי באַ־לויכט אַלעמען, זי וואַרעמט, זי לאָקט, אָבער זי ברענט שוין נישט.

אין קאַרווי זענען שוין געוואָרן אַלץ וויניקער געסט. די שטאָט האָט שוין גערופן. די, מיט די קינדער זענען אַלע אַוועקגעפאָרן, ווייל דער שול־יאָר דאַרף זיך אינגיכן אָנהויבן. ליזאַ איליטאָוויטש האָט שוין עטלע־כע מאָל דערמאָנט, אַז זי באַדאַרף שוין באַלד פאָרן צו איר אַרבעט. זי איז געווען דערביי אומעטיק. אַוועק ביי איר דער חשק צו קנעלן מיט קינדער. אָלקער האָט שוין נישט איינמאָל אַריינגעוואָרפן די פראַזע:

— איר באַדאַרפט נישט פאָרן, לאָזט שוין אָפּ מיט דער לערעריי...

— וואָס הייסט אָפּלאָזן? — פרעגט ליזאַ — מען דאַרף דאָך אַרבעטן, מען באַדאַרף פאַרדינען...

— איך ווייס נישט...

אָלקער קוועטשט מיט די פּלייצעס און לאַכט:

— איך ווייס נישט...

— וואָס ווייסט איר נישט? אָלקער!

— איך ווייס נישט...

און ער טראָגט זיך אָפּ.

זיידנער מיט ליזען פאַרברענגען לעצטנס אַליין, זאַלבעצווייט. אָלקער ווערט אָפּגעריסן פון זיי אויף לאַנגע שעהען און אָפט אויך אויף אַ גאַנצן טאָג. אָלקער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער סטאַדע פון פּענסיאָנאַט

„ספּלענדיד". ער זאָגט, אַז ער האָט דאָרט געפֿונען איינע, וועלכע געפֿעלט אים. ער זאָגט, אַז ער מוז פֿון צייט צו צייט זיין מיט דער סטאַדע, אַנדערש איז די אָפּגעזונדערטקייט גאָרנישט ווערט. מען דאַרף זיך אַרומ־שלעפּן מיט זיי, אַריינדרינגען מוז מען אין די טיפֿענישן פֿון דער פּלאַכ־קייט, אויסלערנען זייערע חכמות, פּרעסן זייערע באַנאַליטעטן, זיך ווערגן מיט זייערע שאַבלאָנען און דעמאָלט, ווען מען האָט עס שוין גענוג, דאַן דאַרף מען זיך אָפּרוקן וואָס ווייטער און ווייטער, דעמאָלט דאַרף מען אָפּ־ציען דעם אָטעם און פֿאַרשטיין סאָרע ברכה דאָס איז די אָפּגעזונדערט־קייט:

— איך זאָג אייך, ליזאַ, איך זאָג דיר, זיידנער! מען קאָן אַלע מענטשן איינעמען, מען דאַרף זיך בלויז צופּאַסן צו זיי, רעדן מיט זייערע רייד, אָנקווועלן פֿון זייערע אייערנעכטיקע חכמות... נו, און אַ ביסעלע חנפֿענען, חניפֿה איז אַלץ. מיט דינאַמיט רייסט מען אויף שטיינערנע בערג, מיט חניפֿה קאָן מען אויפֿעפֿענען שטיינערנע הערצער. נו, זייט מיר געזונט, איך וועל גיין אַ ביסל צו דער מענטשהייט. איך קאָן אָן זיי נישט לעבן, פֿון צייט צו צייט מוז איך זיך מיט זיי באַגעגענען.

ליזאַ מיט זיידנערן גלויבן אַלקערן אויפֿן וואָרט. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַלקער טראַכט אויס תירוצים, אין דער אמתן וויל ער זיי באַפֿרייען אויף אַ צייט פֿון זיין פּערזאָן. זיי ביידע זענען איצט איינס און אַ דריטער איז איבעריק, ער מעג זיין דער טייערסטער, ער מעג אפֿילו זיין אַלקער — דאָס העלפֿט נישט: אַ דריטער איז איבעריק.

זיידנער מיט ליזען פֿאַרשטייען דאָס, נאָר זיי מאַכן זיך נישט וויסנ־דיק. זיי פֿאַרשטייען, אַז אַלקערן וועלן זיי נישט איבערמאַכן. ער האָט זיין עמפּינדלעכקייט און זיין קאָדעקס, ער אַנטלויפֿט, טאָ זאָל ער לויפֿן אַ ביסל, ער וועט קומען צוריק... זיי רעדן וועגן אַלקערן מיט גוטע ווער־טער. זיי פֿילן זיין פֿריינטשאַפֿט און זיי באַוווּנדערן עס. און ווען ער ווערט אויף לענגער פֿאַרשוווּנדן, זענען זיי אומרואיק. אפֿשר איז אים שוין לאַנגווייליק געוואָרן מיט זיי? זיי האָבן איצטער שטילע פֿרייד, אָבער ווי לאַנג קאָן זיך אַלקער פֿרייען מיט זייערס.

זיידנער מיט ליזען האָבן זיך שטיל איינגעלעבט. אין גוטע מינוטן האָבן זיי אַרומגערעדט זייער נעכטן און עפּעס גערעדט וועגן מאָרגן. אין לאָדזש וועט מען גיין צום רבֿ און אין לאָדזש האָט זיידנער עפּעס פּלענער, מען לייגט אים פּאָר אַ געשעפֿט, אַ שותּפֿות אַזאַ לייגט מען אים פֿאָר און

ער וועט זיך באַמיען, אַז ליזאַ זאָל אָוועקוואַרפן די מאַטעמאַטיק. עס וועט זיין גוט. ער פילט, אַז עס וועט זיין גוט און זאָל מען וועגן דעם מאָרגן צופיל נישט רעדן, ווען איצט איז מען אַזוי רואיק און צופרידן...

מען לייענט צוזאַמען, מען דערמאָנט פאַרגאַנגענע טעג, אינאיינעם עפּעס פון קינדער־יאָרן און מען וואַרט אויף אַלקערן. אינדערפרי איז ער אַוועק... אַלץ דאָרט אין דעם פּענסיאָנאַט „ספּלענדיד". וואָס טוט ער דאָרט?

ווען ער קומט צוריק, איז ער פול מיט כעס. ער ברענגט פּעק מיט קליינלעכקייטן פון די אַלע: אַזוי ווייניק מענטשן לעבן מיט געשמאַק און מיט דער געבענטשטער באַשיידנקייט... לאָז מיך אָפּ מיט זיי אַלע. איך גיי דאָרטן נישט מער. דערציילט בעסער, ווי איר פילט זיך? טייבעלעך, אויף מיין ערן וואָרט, אַ געבענטשטע פּאָר...

זיידנער רייסט אים איבער זיינע רייד:

— געגנוג, אַלקער! פאַרשעם אונדז נישט, מיר האָבן היינט אָרום־גערעדט אַ סך זאַכן. אין לאָדזש וועלן מיר גיין צום רב.

— מזל־טוב, אייך! וועל איך שוין ווידער נישט שלאָפן אַ נאַכט צוליב אייך.

— צוליב אונדז?

— יאָ, צוליב דיר און צוליב ליזען...

— פאַרוואָס וועסטו נישט שלאָפן?

— איך וועל אַ גאַנצע נאַכט טראַכטן מיט קנאה, פאַרוואָס מיר גיט זיך דאָס נישט איין אַזאַ געשיכטע מיט אַ פרוי. איידער איך גיי צו צו איר, אַנטלויף איך שוין. איך האָב אַ גליטשיקן כאַראַקטער, איך גליטש זיך אַרויס פון מיינע באַגעגענישן מיט פרויען. זיי זאָגן שטענדיק, אַז איך שטעל צו שנעלע טריט און איך זאָג, אַז זיי זענען נאַריש. פאַרדאָן! פריילין ליזאַ! איך מיין נישט דעם גליקלעכן אויסנאַם...

— רעדט אַלקער! וואָס איר ווילט... אויף מיין חשבון וועל איך נע־מען בלויז, דאָס וואָס איר רעדט צו מיר דירעקט...

— גוט! איך האָב שוין פאַרגעסן, וועגן וואָס איך האָב גערעדט. איך ווייס איינס: ווען איך טרעף די שענסטע פרוי, די שענסטע פון אַלע שענסטע, מיט אַלע מעלות, וואָלט איך איר באַשטימט נאָכגעלאָפן, דאָך, ווען איך וואָלט זי אָנגעיאָגט...

פעליקס זיידנער פרעגט אים פּלוצלינג:

— אַלקער! און די, וואָס איז דיר געפעלן געוואָרן? וואָס איז מיט איר געוואָרן?

זי האָט זיך אויפגעפרעסן...

— וואָס הייסט? איך פאַרשטיי נישט...

— זי האָט זיך אויפגעגעסן און מיך אויפגעפרעסן — האָט איינגע־שלונגען אונדזער באַקאַנטשאַפט, אונדזער ערשטן פלירט, אונדזער אויס־פלוג, אַלץ האָט זי אויפגעפרעסן, איך האָב זיך קוים געראַטעוועט פון איר...

— איך פאַרשטיי נישט...

— טאָ הער זיך איין, פעליקס! הער אויס, וועסטו פאַרשטיין: איך בין מיט איר צוגעפאָרן קיין גדיניע, דאָרט זענען מיר אַריין אין אַ רעס־טאָראַן, איך האָב זי פאַרבעטן אויף מיטאָג, האָט זי געגעסן, דאָס איז זייער גוט, ווען אַ מענטש האָט אַפּעטיט, אָבער קיין פרעסער באַדאַרף מען נישט זיין. אין רעסטאָראַן, ווו מיר זענען אַריין, איז געווען אַ גע־שמאַקער מאכל: פלאָנדרעס, עפּעס אַזוי ספּעציעל געקאָכט, אָדער גע־דעמפּט. האָב איך אויפגעגעסן איין פלאָנדרע און מיין באַגלייטערין האָט אַריינגעפּאַקט גאַנצע דריי שטיק. איך האָב נישט צו איר, נאָר צוזאַמען מיט די פלאָנדרעס האָט זי אויך אויפגעגעסן דאָס ביסל סימפּאַטיע, וואָס איך האָב געהאַט צו איר. אַזוי פיל איך און דאָ העלפט נישט דאָס טראַכטן, אַז זי האָט קעגן מיר מיט גאָרנישט געזינדיקט. איך מאַך דאָ מיין אויספיר: אַ פרוי וואָס עסט אויף אויף איינמאָל דריי אַזעלכע ניש־קשהדיקע פלאָנדרעס, קאָן ביי אַלקערן קיין סימפּאַטיע נישט האָבן און גענוג מיט איר...

זיידנער האָט אים אויסגעהערט און ליזאַ האָט אים אויסגעהערט. זיי האָבן ביידע געשמייכלט. דערנאָך האָט זיידנער געפרעגט:

— זאָג מיר, זי האָט געגעסן מיט אַ גאָפּל?

— אוודאי מיט אַ גאָפּל. אַן איידעלע דאַמע עסט מיט אַ גאָפּל, זי שמייכלט דערביי און קלויבט אויס די ביינדעלעך. זייער איידל זאָג איך דיר, אָבער דריי אַזעלכע פיש האָט זי אַריינגעפּאַקט...

— איך פאַרשטיי אָבער נישט, פאַרוואָס דו האָסט צו איר אַ פּרעַ־טענזיע. אויב זי האָט געגעסן מיט אַ גאָפּל איז אַלץ אין בעסטן אָרדענונג... ווי רעכנסטו? ליזאַ!

— דו ביסט פאָלקאָם גערעכט, פעליקס! מיט אַ גאָפּל מעג מען אויפעסן אפילו צוואַנציק פלאָנדרעס... אָבער מען דערפילט אַ מאָל, ווי

דער גאָפּל כאַפּט אָן אַ שטיק האַרץ, ביי אַ פּרעסערקע איז נישטאָ קיין חכמה, זי קאָן דיך אויפעסן אינגאַנצן.

ליזאַ פרעגט ביי אַלקערן:

— זי איז אַ שיינע?

— שיין, זייער, אַ מלאך...

— מיט אַזאַ אַפּעטיט, נישט אַנדערש, דער מלאך איז פון הימל געקומען אויסגעהונגערט, דאָרט שפּייזט מען זיך מיט גייסט, דיין מלאך האָט געהאַט אַפּעטיט פון אַ העלפאַנט, ווי איך זע...

זיי האָבן זיך האַרציק געריכצט מיט אים און פאָרוואורף געמאַכט, וואָס ער פאַרלאָזט זיי לעצטנס. ער האָט זיך שמייכלענדיק פאַרטיידיקט און צוגעזאָגט בעסער צו ווערן.

מען איז נאָך אַלץ געגאַנגען צום ים, כאָטש אַ סך פון די שטרויענע קאַבינעס זענען שוין געלעגן איבערגעדרייט און געסט זענען שוין גאָר ווייניק געווען. דער ווינט האָט אַריינגענומען די הערשאַפט. ביי טאָג איז אים נאָך געווען צו דערליידן, אָבער ביינאַכט האָט ער שוין פאַריאָמערט די וועלט. שטענדיק, ווען דער ווינט קומט סוף זומער, דוכט זיך אויס דעם מענטשן, אַז אַזאַ ווינט איז נאָך נישט געווען און אַזוי פיל אומעט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט פאַרשפּרייט.

אינדערפרי איז אָבער ווידער זון. די פריינט באַגעגענען זיך:

— ווער האָט געהערט ביינאַכט דעם ווינט? אַ וויסטע יאָמעריי...

— אָבער איצט איז גוט. די זון גיט אָפּ אירע רעשטלעך פייער, אַ געשמאַקע זון.

זיי אַלע דריי איז נישט געווען צו דערקענען. די זון האָט זיי היפּש אָפּגעסמאַליעט. ליזאַ האָט אויסגעזען, ווי אַ מיידל פון אַ ווייטער, עקזאָטישער אינדזל. די ווייסלען פון אירע אויגן האָבן פּערלדיק געבליצט אין דעם רעמל פונעם טונקעלן פּנים. די דראָבנע ציינדלעך זענען געלאָפן פאָראויס מיט אַ באַשטראַלטער ווייסקייט.

פעליקס זיידנער האָט זיך נאָכמער אויסגעגלייכט. צו דער שטענדיקער זיכערקייט פון זיין בליק איז צוגעקומען נאָכמער רואיקייט, בלויז די גרויע שלייפן האָבן דערמאָנט, אַז די יאָרן האַלטן אים שוין מיט כבוד אין זייערע הענט, ווען נישט די גרויע שלייפן, וואָלט ער געקאָנט אָנגיין פאַר אַ יונגנמאַן.

אויך אָלקער איז געווען געגוג אָפּגעבערענט. פון דער שטאָטישער בלייכקייט איז אויף זיין פּנים קיין סימן נישט פאַרבליבן. זיין רונדלעך פּנים האָט זיך אינגאַנצן פאַרטונקלט, די גרינלעכע אויגן האָבן פריש געלויכטן און עס האָט זיך שטענדיק אויסגעדאַכט, אַז ער זוכט עפּעס אַ שטיפעריי, ער וויל מיט עפּעס איבערראַשן... ער איז שטענדיק געווען אומרואיק. גייט מען מיט אים פאַרביי אַ בוים, דערלאַנגט ער אַ קוק אויף דעם בוים מיט אַזאַ בליק, אַט באַלד, ער וועט נעמען קלעטערן און שפּרינגען פון צווייג אויף צווייג. זעט ער אַ פּנים, וואָס געפעלט אים, איז ער גרייט גלייך זיך צו באַגריסן מיט אַזאַ איינעם און אים זאָגן קאָמפּלימענטן. דערזעט ער נישט קיין פיינעם עקזעמפּליאַר, שרייט ער אויס „נפשו!" ער רעאַגירט שטענדיק, ער מוז רעאַגירן. פונקט ווי ער וואָלט באַשטימט געוואָרן פון אַ העכערער קראַפט צו קאָנטראָלירן די נידעריקע טאָלן פון דער ערד. אַ מאָדנעם געפיל־געמיש פון שנאה און ליבע האָט דער מענטש פאַרמאָגט. אַ סך אומגערעכטיקייטן האָבן אים ווייי געטון און פון אַ סך גערעכטיקייטן האָט ער געלאַכט. אַ פלינק אויג צו באַמערקן דאָס קרומע פון לעבן און אַ שונא פון גראַדליניקייט... אַן איינגעשפּאַרטער און אַ נאָכגיביקער. די, וואָס האָבן פאַר אים נישט מורא געהאַט, יענע האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, געווען איז ער אין אַלגעמיין אַן אָריגינעלער טיפּ אין רויכיקן לאָדזש. נישט צוגעפּאַסט זיך און נישט איינגעפּאַסט זיך. אויף וויפל עס האָט זיך געלאָזט האָט ער געטראָטן אויפן אייגענעם וועג, וואָס אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ מין בלאָנדזשען אין אַ פרעמדער וועלט.

אַלע דריי האָבן שוין פאַרגעסן, ווען זיי זענען פון לאָדזש געקומען. די זאָרגלאָזע טעג האָבן אַלץ מער פאַרטושט די דעראינערונגען פון נעמען און קיין איינער פון זיי האָט נישט געוואָלט טראַכטן פון דעם, אַז פון לאָדזש איז מען געקומען און קיין לאָדזש וועט מען מוזן צוריקפאָרן. אָבער דאָך, די צייט גייט.

— מען דאַרף אַ טראַכט געבן וועגן לאָדזש, זאָגט ליזאַ — איך מוז שוין פאָרן, מיין אַרבעט...

— וואָס לאָדזש? נישטאָ קיין לאָדזש. מיר ווילן זיך פון דאַנענט נישט רירן, כל זמן די זון וועט וואַרעמען... געגוג מיט די שטעט און מיט דער ענגשאַפט, מענטש אויף מענטש, וואָגן אויף וואָגן. קנאה אויף קנאה, קאָנקורענץ, בייזע בליקן, ענגשאַפט, קרענק, שמוץ. די מיאוסטע נעסטן

בויט זיך אויס דער מענטש, אפילו די, מיט די ווייכע־קאַנאַפּעס, ווען זיי גייען צו צום פענצטער, זעען זיי מויערן און מויערן, פרעמדע פאַרהאַנ־גענע פענצטער... אָן שטח, וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן אָן שטח? מען דאַרף אַנולירן אַזאַ לעבן און זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש. שטח מוז מען האָבן. אויב נישט, וועלן מיר אַלע פאַרזונקען ווערן אין גרויקייט. מיר פילן נישט, ווי טיף מיר זענען שוין אין דער גרויקייט... מען דאַרף אַלץ אי־בערמאַכן, צו וואָס אַזעלכע ענגע גאַסן, בעת עס איז פאַראַן אַזאַ פרייער ברעג מיט ים, מיט האָריזאָנט...

— אדרבה, מאַך איבער! איך וועל דיר נישט שטערן, ליזאַ — אויך נישט, מיר וועלן דיר צוהעלפן אין דיינע פאַנטאַזיעס.

דער ים טאַנצט פאַר זייערע אויגן. היינט איז אַן אַנדער ים. שטענדיק שפּרינגען גרויסע פאַליעס, וועלכע זעען אויס, ווי זילבערנע פערדלעך, זילבערנע פוקסן און האָזן. צעשטראַלטע און צעוואַרעמטע לצים זענען אַרויף אויף דער פלאַך פון וואַסער און זיי לאָזן זיך דאָ ווילגיין. עס שווינדלט אין די אויגן פון זייער באַוועגלעכקייט, קיין איין גאַנצע גע־שטאַלט בלייבט נישט אין זכרון, עס לויפט און פאַרשווינדט כסדר, כסדר געדויערט דאָס רייצעניש... די וואַסער־וועלט טאַנצט און ביי אַלקערן טאַנצן די געדאַנקען:

— איך בין נישט קיין קעמפער, דאָך, אָפּטמאָל ווער איך אַריינגע־כאַפּט פון דעם גרויסן געדאַנק, סאַר אַ שיינע וועלט מען האָט געקאָנט מאַכן. סוף כל סוף זענען מיר דאָ אַלע געסט אויף דער ערד. פאַרוואָס זאָל מען פאַר די געסט נישט מאַכן אַ זעכציק־זיבעציקיעריקע סעודה, וועלכע מען זאָל געדענקען אויף יענער וועלט. וועמען גיט עפּעס די קנאה און די שנאה? האָ! די אַלע קלעפּ פון דער נאַטור מוזן מיר אָננעמען מיט אונטערטעניקייט, אָבער די קלעפּ, וואָס איין מענטש גיט דעם צווייטן, זאָל אין דער ערד אַריין. מענטש מיט מענטש מוז זיך פרייען:

זיידנער און ליזאַ לאַכן אינאיינעם:

— אַלקער! ביסט אַ משיח...

אַלקער רייסט איבער זיינע ווערטער אויף אַ רגע. ער בעט מיט די בליקן, מען זאָל אים נישט שטערן. ער בעט מיט ווערטער:

— לאַכן וועט איר דערנאָך, איצט הערט מיך אויס:

— מענטשן יאָגן זיך נאָך קלייניקייטן און זיי פאַרזעען דאָס גרעס־טע, דאָס וויכטיקסטע, די נאַטור פאַרזעען זיי. צוליב דער נאַטור אַליין

האָט געלוינט דורכצוקומען: מענטש מיט מענטש, קלאַס מיט קלאַס, פאָלק מיט פאָלק, מ׳דאַרף שלום מאַכן אויף אייביק. אויב איבער אַלעמען איז איין און דער זעלבער הימל, פאַרוואָס זאָלן אַלע נישט האָבן די זעלבע פרייד? זאָל מען בויען גרויסע הייזער, בלאָקן פון בעטאָן און אייזן, זאָל מען צוטיילן יעדן אַ צימער, אָדער צוויי צימערן, אָבער פענצטער זאָלן דאָרט זיין גרויסע און ברייטע, אַזוי, אַז אַלע זאָלן זען דעם הימל. יעדע שטוב אַ וועלטל פאַר זיך, פונקט ווי יעדער איינער האָט אַ נשמה פאַר זיך, אָבער צימער און נשמה מוזן מיט זון זיין פאַרגאָסן.

אַלקער האָט גערעדט און די פּאַליעס האָבן צוגענומען זיינע פראַזן. מער האָט אים קיינער נישט געהערט. ויידנער האָט געשוויגן, ליזאַ האָט מיט קיין וואָרט נישט רעאַגירט, עס איז געווען צו הייס צו רעדן, צו ענטפערן. אַלקער רעדט און דער ים רוישט, אַלקער רעדט און די זון ברענט...

כאָטש עס איז שוין געווען סוף זומער און די נעכט זענען געווען קיל, דאָך, ביי טאָג האָט נאָך פּאַסירט, אַז די זון האָט נאָך גוט אַ סמאַליע געטון. נאָכמיטאָג האָט זי בלויז געוואַרעמט, אָבער ביז מיטאָג האָט זי באַוויזן, וואָס זי קאָן. און מענטשן זענען געקראָכן אויפן זאַמד, אויס־געצויגן זיך, ווי די קעץ און הנאה געהאַט פון די שטראַלן, וועלכע האָבן זיי דורכגענומען.

ליזאַ און ויידנער האָבן געשוויגן. פריער האָבן זיי געלאַכט גוטמוטיק פון אַלקערס רייד, זענען זיי מיד געוואָרן פון הערן און לאַכן, זענען זיי שטיל געוואָרן אויפן זאַמד...

אַלקער רעדט ווייטער, ער קאָן זיך נישט אָפּשטעלן:

— איך, אַלקער, האָב זיך צו שפּעט געכאַפּט, אַז די וועלט איז שלעכט איינגעאָרדנט, ווען איך נעם זיך פריער, וואָלט שוין איצט געווען אַ שטיקל טאָלק, קודם כל וואָלט איך אַליין געוואָרן אַ בעסערער מענטש.

ער האָט סוף כל סוף דערזען, אַז מען הערט אים נישט. האָט אים אַ ביסל פאַרדראָסן, וואָס זיין פּאַטאָס גייט אַוועק אין ניוועץ און פאַר כעס האָט ער זיך אויך אויסגעצויגן אויפן זאַמד און האָט זיך איבערגעגעבן אין רשות פון די גליענדע שטראַלן. ער האָט זיך גענומען עפּעס דער־מאָנען: כמעט אַ וואָך צייט איז ער נאָכגעלאָפן איינער, זי האָט געהאַט אַ פיינע געשטאַלט, בלאָנדע האָר און אַ ליב קול. זי האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַן אָריגינעלער מענטש, אַז פרויען באַדאַרפן ליב האָבן אַזעלכן,

ווי ער איז. זי האָט אים געזאָגט זייער גוטע ווערטער און ער צו איר האָט אויך גערעדט גוטע רייד. אָבער ווי האָט זי אויסגעזען? ער קאָן זיך איר פנים נישט דערמאָנען... ער זעט בלויז אַ פלאָנדרע... ער זעט אַ סך פלאָנדרעס און די בלאָנדע שלינגט זיי איין, איינע נאָך דער צווייטער. אַלקער שוויגט, ווי די איבעריקע, דער טאָג שטעלט זיך אָפּ, די הייסע זון האָט פאַרצוימט דעם וועג פאַר לעבן, פאַר באַוועגונג. אָי, אַריינגיין אין ים און אַרומנעמען די פאַליעס, די קילע, די נאַסע, די פרישע, אַריינגיין אין ים און זיך לאָזן אַרומנעמען פון די וואַסערן. אַוועקשווימען מיט זיי ווייט, אָדער אין די אָפּגרונטן זיך אַראָפּלאָזן, טיף, גאָר טיף, אַבי נישט ברענען אַזוי... און נישט טראַכטן פון אַ פלאָנדרע. אַ פוילער איז דער אַלקער. די וועלט איבערמאַכן האָט ער נישט באַוויזן און אַ שיינע וועלט פאַלט נישט אַראָפּ פון בוים, ווי אַ שיין עפּעלע, איז ער אָפּט אין דער מעלאַנכאָליע. ער איז אין כעס אויף אַלעמען, אויף זיך, ביז ער כאַפּט זיך און דערלאַנגט אַ שאָקל מיט די פּלייצעס און לאַכט זיך אויס פון זיין כעס און פון דער וועלט.

— העי! חברה... פריינט מיינע...

— וואָס איז, אַלקער?

— די זון עקספּלאָאַטירט אונדזער געדולד און מיר לאָזן זיך פּרעג־לען. גענוג וועט זיין!

שפּעטער, ווען זיי גייען אַהיים ווי אָנגעגאָסענע מיט צעגליטע בליי, ווען זיי גייען פאַרביי דאָס וועלדל, וווּ עס איז קילער, רופט זיך אָן זייד־נער צו אַלקערן:

— דו האָסט עפּעס פריער גערעדט וועגן דער וועלט, וועגן אַ סך זון און גרויסע, ליכטיקע פענצטער... שטח האָסטו דערמאָנט, ליבע, פריינטשאַפט, נאַטור. ווו האָסטו דאָס אַלץ געפּאַקט, דאָך איך ווונדער זיך נישט, איך זאָג שוין לאַנג, אַז דו טראָגסט די גאַנצע וועלט אין זיך. איך האָב געהערט, ווי דו האָסט גערעדט...

— דו האָסט געהערט און זיך נישט אָנגערופן...

— קיין כוח נישט געווען... ווער האָט עס אַזוי פיל כוח, ווי דו?

— דו ביסט אַ בורזשוי, אַן איינגעבאַקענער, דערפאַר ביסטו פויל פאַר אַזעלכע געשפּרעכן...

— דו דאַרפסט אָבער געדענקען, אַז איך בין אַ באַנקראָטירטער בורזשוי...

— דיין „באַנקראָט״ איז אויך אַ בורזשואַזער קאַפּריז.

— ניין! אַ מענטשלעכער קאַפּריז..

דערביי האָט ער לייכט אַ שטויס געטון אַלקערן, אַז ער זאָל צופיל נישט רעדן, כדי ליזאַ זאָל נישט הערן. אַלקער איז שטיל געוואָרן און אַ קוק געטון האָט ער נישט היימלעך אויף זיין פריינט. עס האָט אים פאַר־דראָסן, וואָס זיידנער פאַרבאַרגט פון ליזען זיין אמתע לאַגע. וואָס מאַכט ער זיך פאַר אַן אָרעמאַן, בעת ער איז רייך?

צו וואָס די קאָמעדיע?

מיט ליזען פלעגט זיידנער פירן אַנדערע שמועסן. אַלקער האָט זיי געגעבן אַ סך פרייע שעהען. ער גנבעט זיך אַוועק אומגעריכט אין די אָוונטן און זיידנער גייט דעמאָלט אַליין צו ליזען, אין איר פּענסיאָנאַט. ער נעמט זי צו פון דאָרט און דעמאָלט שפּאַצירן זיי אויפן שטילן שאָסיי, אין וועלדל ביים ים. דער ים איז דאָס בעסטע אָרט. ער מאַכט צו ערנסט, דער ים. ער איז אַלט, אפילו זיינע יונגע שוימעלעך זענען אַלט, זיין אייביק קלאַפּן דעם ברעג איז אויך אַלט. אָבער, ווען מען זעט זיין גרויס אָפן פּנים, ווילט זיך זיין אָפנהערציק... מיט זיך. צו זיך, און צו אַלעמען.

דער שקר האָט עס די מענטשן אַוועקגעפירט פון דער נאַטור, דער שקר האָט זיי געגעבן פאַלשן גלאַנץ און אַנגעבלאָזנקייט, קינסטלעכע בלומען האָט ער זיי געגעבן אַנשטאָט אמתע...

— ווי רעכנסטו? פעליקס! אין ים וואָלט מען געקאָנט דערטרינקען די גאַנצע שלעכטס פון דער וועלט.

— מען דאַרף פּרוון.

זיידנער מיט ליזען זענען שוין געווען צוויי נאָענטע מענטשן, דאָ ביים ים האָט זיך זייער נאָענטקייט באַפעסטיקט. זיי האָבן זיך ליב געהאַט, אָבער נישט גערעדט וועגן זייער ליבע. און אין דעם איז געווען די גאַנצע שיינקייט פון דער אויפריכטיקייט. מען איז צוגעקומען איינער צום צווייטן, צוגעבונדן זיך, איינגעוווינט זיך און שוין צוריק נישט אַוועקגעגאַנגען. אין זייערע באַציאונגען זענען געווען נישט דערזאָגענישן, אָבער דאָס איז נישט געקומען פון אומצוטרוי, די נישט דערזאָגענישן זענען געווען אויס־דרוק פון באַשיידנקייט: איינס האָבן זיי ביידע פאַרשטאַנען און מיט קורצע ווערטער באַשטעטיקט: מען וועט גיין צוזאַמען אין לעבן. וועלכעס לעבן? ווו לעבן? וועגן דעם האָט מען זיך קיין סך נישט אָפּגעשטעלט.

דאָס וויכטיקסטע איז דאָך געווען: מען האָט זיך באַגעגנט און מען האָט זיך דערנענטערט. יעדע פּאָר שעה האָט מען זיך געזען. פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג, פאַר אָונט־ברויט און נאָך אָונט־ברויט. מיט איין וואָרט באַשטימט מען די מינוט פון דער נייער באַגעגעניש און די מינוט איז געווען ווי אַ געזעץ.

אין איינעם פון די לעצטע אָונטן אין קאַרווי איז זיידנער געווען פאַרנומען. ער האָט געמוזט אָנשרייבן עטלעכע בריוו קיין לאָדזש, נויטיקע בריוו. ער האָט דאָס גערופן „ליקווידאַציע־בריוו" און דעמאָלט איז אַלקער געגאַנגען מיט ליזען צום ים. דאָס האָבן זיי דאָך קיינמאָל נישט דורכגעלאָזן. ערב שלאָף מוז מען זיך געזעגענען מיטן ים. דער ים האָט שטאַרק גערוישט, ער האָט געוואָלט די וועלט מיט זיך מיטרייסן. אַלקער האָט געפּלאַפּלט, וואָס אין קאָפּ איז געקומען. ליזאַ האָט געלאַכט און ווען זי האָט אויפגעהערט צו לאַכן, האָט זי אַרויסגערעדט מיט ערנסט:

— עס ווילט זיך נישט אין שטאָט און עס ווילט זיך נישט צו דער מאַטעמאַטיק. איצט אָבער וועט דאָס מיר לייכטער זיין, אין לאָדזש וועל איך דאָך האָבן פעליקסן.

— איך רעכן, פּאַננאַ ליזאַ, אַז פון דער מאַטעמאַטיק באַדאַרפט איר אָוועקגיין.

— ניין! איך דאַרף אַרבעטן, פעליקס האָט גאָרנישט...

— פעליקס איז אַ רייכער מענטש, פּאַננאַ ליזאַ. ער שפּילט אַ קאָמעדיע פון אַן איינעם, וואָס האָט גאָרנישט.

— וואָס פּלאַפּלט איר? אַלקער! פאַר וועמען שפּילט פעליקס זיידנער אַ קאָמעדיע. פאַר מיר, איך האָב נאָך אַזאַ ערלעכן מענטש נישט געזען.

— ערלעך איז ער טאַקע, נאָר אַ קאָמעדיע שפּילט ער אויך.

— וועלכע קאָמעדיע? איך פאַרשטיי אייך נישט, אַלקער!

דעמאָלט האָט זי אַלקער גענומען אונטער דער האַנט און אַוועקגעפירט מיטן ברעג פון ים, געפירט און דערציילט וועגן זיידנערס אומחן צו דער פאַבריק, וועגן זיין פאַלשן באַנקראָט, וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געוווסט פון זיידנערס איבערלעבונגען און צום סוף האָט ער צוגעגעבן:

— איך האָב אייך אָנומלט געזאָגט, אַז איר וועט פאָרן אויף אַ וועלט־רייזע, איר וועט פאָרן.

זי האָט לאַנג געשוויגן. איבערראַשט געווען פון דער בשורה. דערנאָך האָט זי געפרעגט ביי אַלקערן:

— פעליקס האָט אייך געבעטן, איר זאָלט קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן?

— יאָ!

— און אייער וואָרט האָט איר נישט געהאַלטן...

— פעליקס האָט עס מיר אָנגעטרויט, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער מעג מיר אָנפאַרטרויען. איך האָב דאָס אייך דערציילט, ווייל איך פיל, אַז איר דאַרפט עס וויסן. איר דאַרפט וויסן, צי אייער פעליקס איז רייך, אָדער אָרעם... ווי אַזוי קאָן עס גאָר אַנדערש זיין? און דער עיקר: אייער חלום איז צו מאַכן אַ וועלט־רייזע, ווען איר דאָס אויספירן, איר זענט אַ מזלדיקע, אייער חלום וועט דערגרייכט ווערן.

ווי פריילעך די בשורה איז נישט געווען פאַר ליזען, איז זי דאָך אַראָפּגעפאַלן, ווי אַן אומגעריכטע לאַסט, ווייל זי האָט נישט געוווסט, ווי צו רעאַגירן און אָלקער האָט געלאַכט:

— פעליקס וועט זיין אויף מיר אין כעס און אפשר וועט ער מיך גאָר דערהרגענען... אַ קלייניקייט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ סוד און פּלוצלינג אויס סוד.

— קומט צו פעליקסן — האָט ליזאַ זיך אָנגערופן — איך וויל אים זען, איך וויל זען, ווי ער וועט מיר קוקן אין די אויגן... אַזאַ איינער, אַ בורזשוי און אַ באַנקראָטשיק אינאיינעם, אַ גביר און אַ קבצן. גוט! זאָל ער שוין זיין אַ גביר...

זי האָט זיך אויפגעמונטערט, די איבערראַשונג האָט שוין אָנגענומען אַ גוטע ווענדונג און אַזוי מיט שטימונג און פרייד, מיט פרייד און גע־מאַכטן ברוגז איז זי אַריינגעקומען צוזאַמען מיט אָלקערן צו פעליקסן.

— פעליקס!

— וואָס, מיין טייערע!

— קום אַהער!

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר.

— קוק מיר גלייך אין די אויגן!

— וואָס איז געשען?

זי האָט געלאַכט מיט אַ לאַכן פון אַ שטיפערקע.

— וואָס איז געשען? פרעגסטו... דו מאַכסט זיך תמעוואַטע, דו גנב, דו האָסט דאָך מיך באַגנבעט...

— איך פאַרשטיי נישט...

אין דעם האָט זיך אַריינגעמישט אַלקער:

—פעליקס! איך האָב אויסגעזאָגט ליזען דיין סוד. איך האָב אַלץ אויסגעזאָגט, זי ווייסט שוין, אַז דו ביסט נישט קיין קבצן, נאָר אַ רייכער מענטש.

פעליקס האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט כעס. דערנאָך אַ קוק געטון אויף ליזען, זי צו אים האָט געשמייכלט, גלייך אין פּנים געשמייכלט, אַזוי, אַז זיין כעס אויף אַלקערן איז מילדער געוואָרן:

— צוליב וואָס האָסטו דאָס געטון?

— כדי דו זאָלסט זיך אויפהערן באַרימען מיט דיין קבצנות.

— אַלקער! איך פרעג דיך נאָכאַמאָל: צוליב וואָס האָסטו דאָס געטון?

— ווייל איך האָב ליב אָנצוזאָגן גוטע בשורות און אַזאַ געלעגנהייט האָב איך נישט געקאָנט דורכלאָזן. ליזאַ וויל מאַכן אַ וועלט־רייזע, דאָס איז איר איינציקער חלום, ליזאַ איז אונדז שוין געוואָרן אַן אייגענער מענטש. מיר זענען מיט איר אַזוי אָפנהערציק און מיטאַמאָל פאַרבאָרגסטו אַזאַ וויכטיקן ענין. איצט ווייסט זי אַלץ און פעליקס! הער אויף צו פרעגן פראַגן און מאַך נישט פון דעם קיין טראַגעדיע, איך מיין פון דיין רייכקייט. מאַך נישט קיין טראַגעדיע, דאָס פּאַסט נישט פאַר קיין לאָדזשער און אפילו פאַר אַ געוועזענעם פאַבריקאַנט פּאַסט עס אויך נישט. פעליקס, גענוג! ליזאַ! הויבט אָן צו טראַכטן וועגן דער וועלט־רייזע און זאָל זיין מיט גליק.

33

פלוצלינג

רואיק איז געווען אין קארווי. געציילטע זומער־געסט זענען פאַרבליבן און יעדער איינער פון די געציילטע האָט דאָ געוואָלט נאָך עטלעכע געציילטע טעג. די שרייערס זענען אַלע אַוועקגעפאָרן, די קינדער מיט די מוטערס זענען אויך אַוועקגעפאָרן. די גרויסע פּליאַזשע איז פאַרבליבן ליידיק און דער ים האָט נישט געהאַט מער פאַר וועמען צו ווייזן זיינע קונצן. דער ים האָט זיך איצט אַליין געריניקט און אַליין געשייערט. נאָך אַזאַ זומער מיט אַזוי פיל מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין אים געוויקט — האָט דער ים זיך אַליין גוט אויסגעבאָדן. דאָ און דאָרט האָבן וואַסער־

קאַרליקעס מיט זילבערנע שוים־בערד זיך געהויבן און געקניט און עפּעס געקוויקלט. נישט געדוט, נאָר כסדר געאַרבעט. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז די פּאַליקע וואַסער־קאַרליקעס רעפּערירן דעם ים, זיי ברענגען אַלץ אין אָרדענונג און דאָס, וואָס די פּאַליעס האָבן נישט באַוויזן, האָט צוגעהאָלפן דער לייכטער ווינט. ער האָט זיך געגליטשט איבערן וואַסער, געבויגן און פאַרגלעט, אויסגעגלייכט און אויסגעגלאַנצט דעם איבערפלאַך פון וואַסער. די זון האָט צוגעשפּריצט מיט שטראַלן, אַזוי, אַז דער ים איז אַלץ מער יום־טובדיק געוואָרן.

דער זאַמד ביים ברעג האָט זיך געבומען איינלייגן. די הונדערטער און טויזנטער מענטשן־טריט זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן, די פּאַפּירלעך פון שאָקאָלאַד, די צעריסענע טאָג־בלעטער און אַלע אַנדערע אָפּפאַלן האָט ווינט צעטראָגן און צעשליידערט. זאַמד פון ברעג, זאַמד פון ים־שותפות איז ריין געוואָרן. זאַמד איז ווידער פאַרבליבן פאַר זיך אַליין. בלויז געציילטע טריט פלעגן זיך איינפרעסן אין זיין ווייכקייט, איבער נאַכט פלעגן די טריט־שפּורן פאַרשווּנדן ווערן. געציילטע געסט זענען נאָך פאַרבליבן אין קאַרווי... דער געוועזענער פאַבריקאַנט מיט זיין פריינט און די לערערין פון מאַטעמאַטיק זענען אויך געווען אין די געציילטע געסט. זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז אַלע דריי בלייבן זיי דאָ נאָך צען טעג:

— איצט זענען מיר דאָך אין דער אמתן אין קאַרווי, איצט זעען מיר דעם ים, דעם הימל, וואָס שפּיגלט זיך אין ים. פריער איז דאָס אַלץ געווען פאַרשריגן.

אומעטום איז געווען ליידיק. אין פּענסיאָנאַט ליידיק, אין דעם איינציקן קאַפע־הויז ליידיק, ביים ים, אין ים. אונטן און אויבן ליידיק. אַלע קאַבינעס אומגעדרייט אויפן זאַמד. דער זאַמד אַליין גלאַט, צוגעפּוצט און צוגעקעמט פון ביינאַכטיקן ווינט.

אַלקער האָט איצט נישט געהאַט אויף וועמען צו ברוגזן. קיינער האָט נישט געשריגן, קיין איין טלענירטער פּאַזשן־קאָפּ האָט זיך נישט געזען אין גאַנץ קאַרווי. דער רואיקער פּעליקס זיידנער איז איצט נאָך רואיקער געווען. ליזאַ איליטאָוויטש האָט באַדויערט אירע שילער, זי וועט זיי שוין קיין מאַטעמאַטיק נישט לערנען...

זי וועט חתונה האָבן מיט פּעליקסן און באַלד נאָך דער חתונה וועלן זיי אַרויספאָרן אויף אַ לאַנג־לאַנגע רייזע איבער דער וועלט. וועגן דער

דאָזיקער רייזע האָט מען איצט כסדר געשמועסט. דריי מענטשן אין אַ פּישער־שטעטל קאַרווי, וואָס ליגט אין פּוילן ביים באַלטישן ים, האָבן כסדר גערעדט וועגן אַ רייזע איבער אַלע ימען פון דער וועלט. איינמאָל האָט אָלקער געזאָגט צו זיינע פריינט, אַז ער פאָרט מיט מיט זיי. ער האָט אַ ביסל געלט, וויל ער דאָס אויסגעבן, דערפאַר האָט ער באַשלאָסן נאָכ־אַמאָל צו זען די שטעט, וועלכע ער האָט שוין אַמאָל באַזוכט און זען נייע שטעט און לענדער. מען האָט זיך געפרייט, וואָס מען וועט פאָרן צוזאַמען. דאָ אין דער שטילקייט האָט עס זיי אויסגעזען, אַז מער ווי זיי זאַלבעדריט זענען בישטאָ אויף דער וועלט און פאַר זיי אַלע חלומות, אַלע טעג פון דער צוקונפט, אַלע פּלענער. מען האָט אַרומגערעדט די גרויסע שטעט פון אייראָפּע און אַזאָ ליזאָ איז געווען ווי אַ קינד:

— איך וועל זיין אין פּאַריזש, איך וועל זען לאָנדאָן, איך וועל פאָרן און אָנקוקן די וועלט.

זי האָט עס שוין איבערגעלעבט. גיט איר פליגלען, פליט זי גלייך פון דאַנענט אַוועק. אָלקער איז געווען גוט געשטימט און ער האָט געמאָלן אין די שענסטע פאַרבן די ערטער, וואָס זיי וועלן זען. נישט איינמאָל האָבן די דריי אויסגעזען, ווי דריי קינדער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די עלטערן מיט דעם פּלאַן צו רייזן וויט־וויט און אָנקוקן די גרויסע לעגענדאַרישע וועלט. עס איז זיי געווען גוט מיטן חלום. עס איז געווען אַזוי גוט, אַז מען האָט געמעגט מיט אַזאַ חלום פון וויטקייטן און וואַנ־דערנישן בלייבן דאָ אין דער שטילער קאַרווי און רעדן טאָג און נאַכט פון דעם, וואָס זיי שטייט פאָר. זיי האָבן אין זכרון דורכגעקוקט די גאַנצע וועלט־קאַרטע. מען האָט זיך געוואָרפן מיט שטעט, ווי קינדער וואַרפן זיך מיט קאָלירטע קאַרטאָנקעס:

— אין ניו־יאָרק וועלן מיר לאַנג נישט זיצן. ניו־יאָרק איז גרויס און שווער...

— אין קאַליפאָרניע, דאָרט וועלן מיר פאַרבלייבן לענגער...

— אין ריאָ־דע־זשאַנעראָ...

— אויף טאַאיטי...

די וועלט איז געווען אין זייער רשות. אַזאָ אָלקער האָט איינמאָל גענומען און דערציילט פאַר ליזאָ איליטאָוויטש, אַז דער פריינט זייערער, דער געוועזענער פאַבריקאַנט פעליקס זיידנער איז נישט קיין קבצן, נאָר אַ רייכער מענטש און פון דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־רייזע

אין זייער פֿאַנטאַזיע... און עס איז נישט לאַנג צו וואַרטן, מען וועט דאָ אין קאַרווי נאָך זיין אַ ביסל, דערנאָך וועט מען אַריינפֿאָרן קיין לאָדזש און דאָרט דערליידיקן מיט פֿאָרמאַליטעטן, מיט דאָקומענטן און מען וועט פֿאָרן, פֿאָרן...

ווײַט זיין פֿון לאָדזש, פֿון רויך...

— פֿעליקס! מיר וועלן טאַקע פֿאָרן?

— יאָ! ליזאַ... מיר גייען זען די וועלט. טאַקע, ווי לעבט מען דאָס אויף דער וועלט און מען זעט נישט, ווו מען לעבט... מיר פֿאָרן, ליזאַ!

— און איך וועל אייך באַגלייטן. אין וועג וועל איך דערציילן, אַז אירביידע זענט פּרינץ און פּרינצעסע פֿון אַ קליין מלוכהלע, וואָס ליגט ביים באַלטישן ים.

— ווי הייסט דאָס מלוכהלע?

— קאַרווי... איר פֿאָרט ביידע אינקאָגניטאָ און איך בין אייער הויף־מיניסטער. איר וועט זען, איך וועל מאַכן פּריילעך. איך וועל פֿאַרשפּרייטן וועגן אייך לעגענדאַרישע מעשיות און די צייטונגען וועלן שרייבן און אין ראַדיאָ וועט מען רעדן...

— אָלקער!

— וואָס ווילסטו, פּרינץ פֿון קאַרווי?

— איך רעכן, אַז דו ביסט שוין אינגאַנצן משוגע...

— מעגסט זיך אָפּזאָגן פֿון זיין „פּרינץ", אָבער איך בלייב הויף־מיניסטער און איך בעט דיך, זאָלסט צו אַ מיניסטער רעדן מיט דרך־ארץ.

ליזאַ מישט זיך אַריין אין זייער פּרינצן־שמועס:

— איך האַלט, אַז אָלקער איז גערעכט! פֿעליקס... דו טאָרסט דעם מיניסטער אונדזערן נישט באַליידיקן און וואָס מיינסטו? מען קאָן זיך פֿון אַלץ אָפּזאָגן, פֿון דער פֿאַבריק האָסטו זיך אָפּגעזאָגט, נאָר פֿון „פּרינץ" וועסטו נישט פּטור ווערן. „פּרינץ פֿון קאַרווי". דאָס קלינגט שיין. אָלקער! עס בלייבט אַזוי. פֿעליקס זיידנער איז פֿון היינט אָן „פּרינץ פֿון קאַרווי"...

גערעדט האָבן זיי דאָס, ווען זיי זענען געזעסן אויף אַן איבערגע־דרייטער קאַבינע, וועלכע איז געווען געפֿלאָכטן פֿון אַזעלכע בויגיקע צווייגן־ריטער. זיי זענען געזעסן, געקוקט אין ים און געשפּילט זיך מיט ווערטער און פֿראַזן. דער ים איז אַזוי נאָענט געלעגן און געפּאָכעט מיט זיין בלויען פֿלאַך. אַ דינער שיכט וואַסער איז געקראָכן צום ברעג, אַ בלויער שיכט וואַסער, ווי אַ בלויער מאַנטל האָט זיך געוואָלט פֿאַרוואַרפֿן

אויף וועמען און באַלד איז עס צוריקגעשווומען. רואיק, שטיל, מען הערט ווי די לופט ציטערט פון איר רואיקייט. אַ קליין פייגעלע, אַ פּיטשינקעס האָט צוגעטאַנצט צום ברעג, עפּעס זוכט עס דאָרט, אוודאי אַ ווערעמל, אַ שוואַרצער זשוקל איז געקראָכן אויפן זאַמד און אָט קריכט ער אַריין אין דער זאַמדיקער שיטערקייט און אָט קריכט ער צוריק אַרויס. אויף זיין שוואַרצן גופל ליגן נאָך עטלעכע זאַמד־גאָלדענע שטויבעלעך... ווייסט אים דאָרט גאָט, דעם זשוקל, וואָס ער זוכט דאָ.

— אָלקער!

— וואָס ווילסטו, פעליקס!

— דו אַלס הויף־מיניסטער, רעד איבער מיט דער פּרינצעסין פון קאַרווי, זי זאָל זיך אויפבייען, וואָס שנעלער אַ וואַרעמען מאַנטל...

— וואָס, אַליין פאַרשטייט זי נישט, אַז זי דאַרף אַ מאַנטל.

— זי זאָגט, אַז דער אַלטער וועט גוט זיין און מיך פאָלגט זי נישט. רעד מיט איר...

— פריילינק ליזאַ! דער אַלטער מאַנטל איז געווען גוט צו לויפן אויף די לעקציעס פון מאַטעמאַטיק. די וועלט האָב ליב אַ שיינעם און אַ רייכן מאַנטל...

ליזאַ קוקט אויף זייביידן, ווי אויף קינדער און זי האַלט אונטער דאָס קינדער־שפּיל:

— נו, גוט... אויב דער מיניסטער אַליין באַפעלט, וועל איך פאָלגן און זיך לאָזן נייען אַ נייעם מאַנטל.

מען שווייגט צו ביסלעך, פּונקט ווי יעדער איינער פון זיי טראַכט זיך אַריין אין דעם ציל, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט. מען זעט אין די געדאַנקען שטעט, לענדער, ימען, אינדזלען, מען לעבט איבער. מען גייט ווייט אַוועק אין די געדאַנקען און מען באַמערקט נישט, ווי צו זייער פלאַץ, ווו זיי זיצן דערנענטערט זיך דעם באַלעבאָס פון פּענסיאָנאַט. זיי דערהערן דאָך די טריט פון איינעם. ער שטייט לעבן זיי און קוקט זיי אָן מיט פאַרוווּנדערונג:

— איר ווייסט נאָך גאָרנישט, איר זענט אַזוי רואיק.

— וואָס איז געשען?

— אין פּוילן איז אַ מאָביליזאַציע...

אַלע דריי קוקן אויף דעם מענטשן, וואָס האָט געבראַכט די שווערע

בשורה. מען קוקט און מען רעדט גאָרנישט. נאָר דער ניי־געקומענער וואַרפט ווערטער:

— די לעצטע געסט פון קאַרווי אַנטלויפן. די פּוילישע באַאַמטע טראָגן זיך אויך אָפּ. דאָ איז דאָך אַזוי נאָענט פון דער דייטשישער גרעניץ. איך פאָר אויך אַרויס פון דאַנענט, איך פאָר קיין לאָדזש, מיר פּאַקן זיך שוין, פאַרטאָג פאָרן מיר.

אָפּגערעדט, אָפּגעזאָגט און אַוועקגעגאַנגען.

אַלקער הויבט זיך אויף דער ערשטער, נאָך אים זיידנער, ליזאַ גייט זיי נאָך. דער זאַמד איז פּלוצלינג אַזוי האַרט געוואָרן, די פּיס אַזוי שווער געוואָרן און די זון האָט אַריינגעשאָסן אין ים אַ שטיק פייער, ברענט ער, דער ים און שטעכט אין די אויגן מיט דעם פייער אויף די, וועלכע ווילן איצט אויף אים אַ קוק געבן. די דריי טראָגן זיך אָפּ פון ברעג, זיי גייען צום פּענסיאָנאַט.

דער „פּרינץ פון קאַרווי", די „פּרינצעסין" ליזאַ און דער „הויף־מיניסטער" אַלקער...

— עס איז געשען, — זאָגט זיידנער — און דו, אַלקער, האָסט כּסדר גערעדט, אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין...

— דערווייל איז נאָך נישט מלחמה. דערווייל איז דאָס בלויז מאָביליזאַציע, מען סטראַשעט איינער דעם צווייטן, אָבער אונדזערע צען געזעגענונגס־טעג האָט עס שוין צעשטערט. מיר מוזן גלייך פאָרן קיין לאָדזש...

— דאָס הויבט זיך אַזוי אָן אונדזער וועלט־רייזע? אַלקער!

— אונדזער רייזע וועט נישט אָפּגעלייגט ווערן, מיר וועלן פאָרן, זאָלן די משוגענע מענטשן מאָביליזירן, זאָלן זיי פירן מלחמה, מיר האָבן אונדזער ציל... מיר וועלן פאָרן.

זיי האָבן באַגלייט ליזען ביז איר פּענסיאָנאַט. דאָרט האָט מען שוין געפּאַקט אין קאַסטנס די כלים. גאָפּל־מעסער, טעלערס, פאַנען. אין עס־צימער איז דער טיש געשטאַנען קרום, די שטולן פונאַנדערגעוואָרפן. דאָס זעלבע איז אויך ביי זיידנערן אין פּענסיאָנאַט...

— די מענטשעלעך האָבן זיך שוין צעטומלט — האָט אַלקער געזאָגט צו זיידנערן. ער האָט געוואָלט אָנהאַלטן זיין שטענדיקע איראָניע און שפּאַסיקן טאָן.

— דו ביסט אויך אַ מענטשעלע — האָט אים זיידנער געענטפערט... און דערביי צונויפגעקליבן אין אַ וואַליזע די בגדים זיינע.

— יאָ, מיר אַלע און די, וואָס קירעווען מיט אונדז זענען אויך מענטשעלעך, מאַריאָנעטקעס זענען מיר אַלע און צופאַל טוט מיט אונדז, וואָס אים ווילט זיך.

— צופאַל, אָדער נאַרישקייט, אַלקער! אַלץ איינס, מיר ראַנגלען זיך אויף אונדזער מיסט־קאַסטן און מאָרגן זענען מיר אַליין מיסט... קלייב צונויף דיינע בעבעכעס און באַגינען אַריין צוריק קיין לאָדזש...

— אַ שאָד דעם ים...

— נעם אים מיט...

מען האָט זיך געוואָרפן מיט ווערטער, אין וועלכע עס איז געווען אַ באַהאַלטענער ציל זיך איבערצוקליגן. אין איין האַלבע שעה זענען די מענטשן אַנדערש געוואָרן. איין בשורה האָט אַרויפגעצויגן אויף אַלע פּנימער אַ מאַסקע פון ערנסטקייט. מען האָט שוין גענומען אַנדערש טראַכטן, אַנדערש פילן און אַנדערש האָט מען שוין אַרויסגעוויזן דאָס, וואָס מען פילט. די צימערן זענען מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט ערנסט אונטער פענצטער די גאַס איז איצט געווען אַן אַנדער גאַס. די רואיקייט פון יאָרן איז פאַרשווונדן געוואָרן, אפילו די שטילקייט איז פרעמד געוואָרן צו מענטשן, זי האָט מער קיינעם נישט געטרייסט, נישט אַריינגענומען אין זיך. זי, די שטילקייט, האָט זיך אָפּגערוקט פון יעדן איינעם.

מען האָט אָפּגעגעסן אַ פאַרכמורעטן אָוונט־ברויט און די דריי האָבן זיך ווידער באַגעגנט. מען איז געגאַנגען אויף דעם לעצטן שפּאַציר אין קארווי, מען איז געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן ים.

דריי שאָטנס, דריי מענטשן. נעכטן אין דער זעלבער צייט זענען זיי געווען מונטערער. היינט איז אויף זיי אַראָפּגעפאַלן אַ וואָרט אַזאַ, ווי אַ שווערע לאַסט איז דאָס אַראָפּגעפאַלן: „מאָביליזאַציע" און נאָך מאָביליזאַציע קאָן דאָך קומען מלחמה, אומגליק פאַר טויזנטער און פאַר מיליאָנען. מען האָט געשפּרייזט ביים סאַמע ברעג, ביים וואַסער. דער ים איז געווען רואיק, די לופט רואיק, דער הימל אַ שוואַרצער און אַן אויסגעשטערנטער.

אַלקער האָט געוואָרפן זיינע פראַזן:

—דער שוואַרץ יאָר ווייסט זיי, די מענטשן, מיט זייערע מאָביליזאַציעס און מיט זייערע מלחמות.

נישט ליזאַ און נישט זיידנער, קיינער האָט אים נישט געענטפערט. מען האָט אים געלאָזן רעדן פאַר אַלע דריי.

— עפּעס אַ פּירער שרייט און רופט צו מלחמה. איך וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין קיין פּירער, ווען מען גיט מיר דאָס גאַנצע געווער פון דער וועלט, ווען איך האָב די מעגלעכקייט אַלע פעסטונגען איינצו־נעמען, אַלע לענדער צו אָקופּירן... ניין! איך נישט, איך וויל נישט באַ־זיגן. איך בין אַ יידי, איך האָב דאָס איבערגעלעבט און איבערגעשטיגן. אויב מלחמה, וועט עס זיין די שרעקלעכסטע מלחמה, איך וועל דער ער־שטער אַנטלויפן פון דאַנענט. איך וויל נישט זיין קיין קרבן פון דער מענטשלעכער נאַרישקייט. זאָל מען פירן מיליאָנען, ווי די שעפּסן, צום טויט, צום אונטערגאַנג, איך וויל נישט זיין קיין פאַרפירטער — ביים ברעג איז געשטאַנען אַ גרעסערער רודער־שיף, מיט אַראָפּגעלאָזטע זעג־לען, עטלעכע פישער האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער שיף צונויפגעוויקלטע נעצן, דערנאָך האָבן זיי די שיף אָפּגעשטופּט פון ברעג און אַוועק אין דעם ברייטערן וואַסער.

— העי! אַ גוטער סימן, — האָט אַלקער אויסגערופן — די פישער פאָרן נאָך פיש, ווי געוועגלעך, ווי אַלעמאָל, די אידיליע פון דער וועלט דויערט...

אָט אַזוי אַריינגעוואָרפן אַ פראַזע און עס האָט געווירקט:

— ביסט גערעכט! אַלקער... איך רעכן אויך, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן, וואָס זאָגסטו ליזע!

— איך וויל, אַז עס זאָל זיין גוט... איך וויל... מיין רייזע איבער דער וועלט...

— ליזאַ, מען וועט פאָרן, — שרייט אַלקער, אַלץ איינס, וואָס דאָ זאָל נישט פאָרקומען, מען וועט קומען קיין לאָדזש, מען וועט זיך גלייך נעמען צוגרייטן די רייזע.

— אויף אַלקערן מעגסטו זיך פאַרלאָזן, ליזאַ! ער וועט אַלץ דורכ־פירן...

— פאַר דעם פּרינץ און פאַר דער פּרינצעסין פון קאַרווי — אַלץ...

— עפּעס האָט עס פריער בעסער געקלונגען, פריילעכער, וואַרעמער.

דאָס האָט ליזאַ געזאָגט און די דריי זענען ווידער שטום געוואָרן. געשפּרייזט און געשוויגן. ליזאַ איז געגאַנגען אינמיטן און אירע באַגליי־טער האָבן זי געהאַלטן אונטער ביידע אָרעמס...

אַלקער האָט געפּרוווט עפּעס רעדן, דאָס מאָל וועגן דער שטילקייט:

— מקנא צו זיין די שטילקייט, אָט אַזוי אַריינגיין אין איר, צונויפּ־

גיסן זיך מיט איר און פילן די וועלט, אַראָפּקוקן און אַריינקוקן אין אַלץ און בלייבן אַ... שטילקייט.

ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער וועגן זיין פילאָזאָפיע, נישט פון דער שטילקייט, נישט פון ליזען און נישט פון זיידנערן, האָט ער זיך אָנגערופן ווי צו זיך אַליין:

— ווי מען וועט קומען קיין לאָדזש, וועט מען זיך נעמען צוגרייטן אַלע קלייניקייטן, מען וועט אָוועקפאָרן...

34

צעטרייסלטער קיום

מען איז געפאָרן אין אַן אָנגעשטאָפּטן וואַגאָן. געווען זענען דאָרט אַ סך זעלנער מיט ביקסן און אָן ביקסן, יונגע, שלאַנקע פּאָליאַקן מיט פּאַר־ביסענע ליפּן, מיט ערנסטע בליקן. נישט געווען אין וואַגאָן קיין פּלאַץ צום זיצן, נישט געווען קיין פּלאַץ, ווו צו שטיין. די לעצטע זומער־געסט זענען אַנטלאָפן פון פאַרשידענע קוראָרטן. עס זענען געלאָפן מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט בלייבן אין אַזעלכע טעג ביים גרענעץ־פּאַס. מענטשן זענען שוין געלאָפן און אָנגעפילט די וועלט מיט ענגשאַפט און אומאָרדענונג. דער אָנגעפּאַקטער עולם אין וואַגאָן האָט די דריי פריינט צעטיילט. אַלקער איז געווען אין עק פון וואַגאָן, ליזאַ ערגעץ אינמיטן, זיידנער צום סאַמע טיר פון דער צווייטער זייט. זיי האָבן געקוקט איינער צום אַנדערן, געווינקט מיט די אויגן, נאָר רעדן האָבן זיי נישט געקאָנט צווישן זיך. אי, ווי די מענטשן האָבן זיך געשטיקט. נעכטן איז אַזוי פריי געווען און איצט ווערגט מען זיך אָן לופט. לעבן אַלקערן איז געשטאַנען אַ דיקער קריסט, מיט אַ רויטן האַלדז, מיט אַ רויטן פּנים און איבערן פּנים אַ פּאָר גרויסע וואָנצן. אים איז געווען אַמערגסטן. מען האָט אים געזידלט, וואָס ער פאַרנעמט אַזוי פיל פּלאַץ און ער האָט געשאָלטן די דייטשן, מיט דעם האָט ער געוואָלט לינדערן די הייליקע אויפרעגונג פון עולם. נישט ער איז שולדיק, וואָס ער איז אַזוי דיק, נאָר שולדיק איז דער דייטש, וואָס צוליב אים האָט מען געמוזט פּראָקלאַמירן די מאָבי־ליזאַציע.

אַ מוטער האָט געהאַלטן לעבן זיך אַ דריי־יעריק מיידעלע, ביי דעם מיידעלע אין האַנט איז געווען אַ נעצל אַזאַ פון דורכזיכטיקן שטאָף, אַ נעצל צו כאַפּן שמעטערלינגען. דאָס האָט דערמאָנט זומער און די ליב־האַרציקייט פון פעלד, לאָנקע, בלום און שמעטערלינג...

אַלקער אַליין האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל פענצטער, האָט ער אַרויסגעקוקט אויפן וואַלד און פעלד, אויף רואיקייט, וואָס האָט ווייט נישט האַרמאָנירט מיט די אומרואיקע בליקן פון די פּאַסאַזשירן. ער האָט געקוקט צום הימל און אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז דער זעלבער הימל פון קאַרווי באַגלייט אים דעם גאַנצן וועג. שפּעטער האָט ער מיט די עלנבויגנס זיך דערשלאָגן אַ דורכגאַנג צו ליזען, ער האָט עס געמאַכט זייער פלינק און קעציש. ווי אַ קאַץ איז ער דורכגעקראָכן:

— ווי געפעלט איך, ליזאַ! די מאָביליזאַציע, איר האָט נאָך כוח?

— נאָך פאַראַן, קאַרווי האָט עפּעס געגעבן, אָבער נאָך איין רייזע אַזאַ און פאַרטיק מיט קאַרווי. גערעדט האָבן זיי געציילטע ווערטער און נישט פאַרענדיקט פיל פראַזן, ווייל מען האָט זיך געשטופּט כסדר, אויף יעדער סטאַציע זענען צוגעקומען מענטשן. דער וואַגאָן איז שוין לאַנג איבערפולט געווען און דאָך זענען מענטשן אַריינגעקראָכן, דערביי האָט מען זיך גוט געזידלט און דער דיקער מיט די וואָנצן האָט געהאַט פיל אויסצושטיין. מען איז געווען נישט העפלעך צו אים. איין פּאַסאַזשיר האָט געוואָרפן אויף זיין חשבון אַזאַ פראַזע:

— מיט אַזאַ בויך זיצט מען אינדערהיים.

— נעכטן איז מען איידעלער געווען — האָט דער בייכיקער געזאָגט.

און אַלע האָבן פלוצלינג דערפילט, אַז עס איז געווען אַ נעכטן און דער נעכטן האָט זיך געענדיקט.

אַלקער האָט געקוקט אויף ליזען, ליזאַ האָט געקוקט אויף אַלקערן און ביידע צוזאַמען האָבן מיט די אויגן געזוכט זיידנערן. ער איז דאָרטן פאַרשטופּט געווען אין אַ ווינקל מיט די מענטשן, פאַרקנוילט און פאַר־קנעטן געווען צווישן זיי. אַלקער האָט צו אים מיט אַ שמייכל געווונקען:

— קום צו אונדז, שלים־מזל, קום צו אונדז...

— אַ באַנקראָטשיק בלייבט אַ באַנקראָטשיק...

— אַלקער! באַליידיקט נישט פעליקסן, איר מיינט, אים איז דאָרטן גוט אין זיין געפּרעסטקייט...

— ער איז אַליין שולדיק, אַ מענטש, וואָס האָט יאָרן אין זינען גע־

האָט בלויז איין זאַך: וועבן... אַזאַ איינער טויג שוין נישט צו אַנדערע זאַכן. מען טאָר נישט אַראָפּלאָזן די הענט... מען מוז זיך דורכשטופּן.

אָבער זיידנער איז שוין פאַרבליבן אויף זיין פּלאַץ די גאַנצע צייט ביז דער צוג איז אָנגעקומען קיין לאָדזש. דאָס איז געווען אַרום צען אין אָוונט. אַלע זענען אַרויס פון די וואַגאָנעס. זיידנער איז ערשט צוגעקומען צו זיינע פריינט:

— אַ פיין שטיקל וועג... איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף איין פוס, ווייל פאַר דעם צווייטן פוס איז קיין פּלאַץ נישט געווען, אי, דיביינער. אַזוי מיד און צעבראָכן בין איך נאָך נישט געווען.

דער וואקזאַל איז פול געווען מיט אַ סך זעלנער און אָפיצירן. אויף די ווייטערדיקע רעלסן זענען געשטאַנען עטלעכע צוגן אָנגעפּאַקט מיט יונגע פּנימער פון די ניי־מאָביליזירטע. פיל פון זיי האָבן נאָך געטראָגן ציווילע בגדים. אַ באַוועגונג איז געווען אַ גרויסע, אָבער אָן רעש און געדראַנג. עס איז געווען אָרדענונג און דאָס האָט באַרואיקט די ניי־אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן.

ווען אַלקער, זיידנער און ליזאַ זענען אַריינגעפאָרן אין שטאָט און דערזען די באַלויכטענע פענצטער, דעם עולם אויף דעם אייביקן טראָטואַר פון דער פּיעטריקאָווער, דעמאָלט האָט אַלקער אָפּגעצויגן דעם אָטעם און געזאָגט פריילעך:

— גאָט צו דאַנקען, לאָדזש שטייט נאָך און לאָדזש גייט נאָך...

— וואָס דען האָסטו געמיינט?

עס איז געוואָרן שטימונג. מען האָט באַגלייט ליזען אַהיים און אָפּגערעדט האָט מען מיט איר, אַז צען אינדערפרי זאָל זי זיין אין דער קאַפע „זשעמיאַנסקאַ".

ווען אַלקער מיט זיידנערן זענען פאַרבליבן אַליין, האָט זיידנער גערעדט צו אַלקערן:

— איך ווייס נישט, וואָס דאָ וועט זיין און איך וויל נישט וויסן. ליזאַ איז איצט פאַר מיר אַלץ און מיט דעם „אַלץ" וויל איך אַרויס פון דאַנענט.

אויף דעם האָט אַלקער געענטפערט איין וואָרט:

— אוודאי.

זיי זענען אַרויס פון דער ציגל גאַס און זיך געפונען לעבן דער „אַסטאָריאַ". זיי זענען אַריין אינעווייניק, געוואָלט עפּעס הערן נייעס.

דאָ איז געווען דערצו דער בעסטער פּלאַץ. אָבער דער „בעסטער פּלאַץ" איז געווען פול געפּאַקט. קיין טישל האָט מען נישט געזען, ווייל יעדעס טישל איז געווען באַלאַגערט מיט צענדליקער מענטשן. יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און יידן קורץ־געקליידעטע, טייל זענען געשטאַנען און טייל זענען געזעסן. מען האָט גערעדט, דערציילט, געאַמפּערט זיך. אַלקערן מיט זיידנערן האָט קיינער נישט באַמערקט, זיי האָבן דאָ געמעגט קומען, אָדער נישט קומען... אַלץ איינס: „אַסטאַריאַ" איז סיי ווי געפּאַקט. אַלץ האָט גערעדט און דיספּוטירט. אָט ביי יענע טישלעך זענען דאָס געבוירן צוויי מחנות: אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן...

— עס וועט נישט זיין קיין מלחמה, — האָבן געזאָגט די אָפּטימיסטן — קיינעם לוינט נישט קיין מלחמה...

— עס וועט יאָ זיין מלחמה, דייטשלאַנד האָט אַ סך געווער און די אַנדערע האָבן גאָרנישט.

— אָט טאָקע דערפאַר, ווייל דייטשלאַנד האָט אַ סך געווער, באַדאַרף זי נישט קיין מלחמה, זי וועט אַלץ אויספירן אָן אַ מלחמה...

מען האָט גערעדט קלוג. עס האָט אויסגעדוכט, אַז די מענטשן ווייסן אַלץ. אָבער איינס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן: אויף אַלעמענס פּני־מער איז אַרויף אַ שווערע זאָרג, פון אַלע ליפּן איז אַראָפּ דער שמייכל. יעדן האָט געדריקט דער באַהאַלטענער שרעק. דער שרעק איז קלענער און גרעסער געוואָרן. דאָס האָט זיך געווענדט אָן די אַרגומענטן, וואָס דער צווייטער האָט געבראַכט, נאָר אינגאַנצן איז דער שרעק נישט אַוועק. ביי קיינעם נישט. אינעווייניק איז ביי יעדן געווען דער פּחד און נישט געווען אַזאַ לץ, וואָס זאָל דעם פּחד אויסלאַכן. יידן האָבן גערעדט און זיך געקרענקט. די אַלטע ראַסע, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען אַלע פייערן האָט איצט געפּרווט נאָכאַמאָל צו פאַרשטיין און אַריינדרינגען אין דער נייער סכנה. די קאָפּע האָט אויסגעזען, ווי אַ קלויז, אַלע פּלייצעס האָבן אויסגעזען אַ ביסל געבויגן, אַלע בליקן פאַרטיפט און פאַרשאַרפט. אַלקער האָט זיך געשטעלט ביי איין טישל און זיידנער ביי אַ צווייטן טישל. זיי האָבן ביידע גאָרנישט גערעדט און בלויז זיך צוגעהערט. ביי זיי ביידן אין די נשמות איז נאָך קאַרווי מיט די זאָרגלאָזע שעהען מיט די שפּאַצירן ביים ברעג פון ים, מיט דער רואיקייט פון אַזאַ פישער־שטעטל. אָבער אויך זיי זענען שוין געוואָרן ערנסט און דאַכט זיך, עלטער געוואָרן, על־טער, און אַלט, ווי די אַלע פון דער אַלטער ראַסע...

מען איז דאָרט גאָרנישט דערגאַנגען, ווייל קיינער האָט סוף כל סוף גאָרנישט געוווּסט. ווען אַלקער מיט זיידנערן זענען אַרויס פון „אַסטאָריאַ“, האָבן זיי זיך איינער פאַרן צווייטן מודה געווען, אַז זיי זענען, ווי צעדולטע און ערשט איצט האָבן זיי אָנגעהויבן צו גלויבן און פילן, אַז עס איז טאַקע פאַראַן אַ גרויסע סכנה:

— אַלץ איינס, אויב עס וועט נישט זיין קיין מלחמה פאַרן מיר מיט ליזען אַוועק, מיר האָבן איר צוגעזאָגט אַ וועלט־רייזע, אמת? פעליקס!

— אוודאי פאָרן מיר און אויב אַ מלחמה וועט יאָ זיין? אַלקער! און אויב אַ מלחמה וועט יאָ זיין?

— דעמאָלט פאָרן מיר נישט, נאָר מיר לויפן. קיין זעלנער זענען מיר נישט און קיין שפּעקולאַנטן ווילן מיר נישט זיין, טאָ צו וואָס באַ־דאַרפן מיר די מלחמה?

מען האָט זיך אָפּגעזעגנט און נאָכאַמאָל דערמאָנט איינער דעם צווייטן, אַז צען אינדערפרי באַגעגנט מען זיך אין דער „זשעמיאַנסקאַ“. מען וועט זען, מען וועט הערן, וואָס מענטשן זאָגן, מען וועט זען, וואָס מען האָט צו טון.

אַלע דריי זענען פּינקטלעך געקומען אינדערפרי. די „זשעמיאַנסקאַ“ איז אויך ערנסטער געוואָרן. די זעלבע קעלנער, די זעלבע קאַווע און די זעלבע אײדעלע צוקער־געבעקס, דער ערנסט אָבער האָט זיך געלייגט אויף אַלץ, ער איז מיטגעגאַנגען מיט יעדער שפּייז, וואָס איז געקומען אויפן טישל.

ליזאַ, אַלקער און פעליקס זיידנער האָבן געשמועסט זאַכלעך, אַלקער האָט זיך אונטערגענומען צו דערליידיקן פיל ענינים, וועלכע זענען פאַר־בונדן מיט זייער אָפּרייזע, מען האָט געדאַרפט אַרויסנעמען פּאַפּירלעך און פּאַפּירן פון פאַרשידענע אַמטן. ער, אַלקער, האָט באַקאַנטע צווישן די באַ־אַמטע, גאַנץ לאָדזש האָט ער געקענט.

ער איז טאַקע גלייך אַוועקגעגאַנגען. פעליקס מיט ליזען זענען פאַר־בליבן אַליין. זיי האָבן איצט אַנדערש גערעדט, ווי פריער. עס האָט אויסגעזען, אַז זיי זענען שוין גאַנץ אַלטע באַקאַנטע. איין ערנסטער מעת־לעת האָט די באַקאַנטשאַפט זייער'ע אַלט געמאַכט.

זיידנער האָט געפרעגט ביי ליזען, צי זי האָט געזאָגט אינדערהיים, וועגן איר פּלאַן אַרויסצופאָרן אויף אַ לאַנגער רייזע, צי זי האָט גערעדט וועגן אים, זיידנערן, אַז זי גייט מיט אים חתונה האָבן? ליזאַ האָט גע־

ענטפערט, אַז אין שטוב ביי זיי זענען אַלע צעטומלט. דער ברודער איז אַוועק אין דער מאָביליזאַציע, זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו רעדן וועגן זיך. אָבער היינט וועט זי אַלץ זאָגן... ווי גוטע, נאָענטע פריינט זענען זיי געזעסן, מיט איבערגעגעבנקייט געקוקט זיך אין די אויגן און אין די בליקן זייערע און אין די ווערטער זייערע האָט זיך געוועבט אַ דין־דין באַהאַלטענער צער, אַ שרעק, וואָס האָט פון יעדער פראַזע אָפּגעגנבעט אַ טייל און עס אַראָפּגעשלונגען...

דער שרעק איז געגאַנגען פון דער גאַס, כאָטש דאָרט האָט נאָך אַלץ געטומלט. לאָדזש האָט נאָך געאַרבעט, דער רויך האָט זיך געקנוילט איבער די הייזער, מען האָט פונאַנדערגעפירט שטיקער סחורה, טרעגער האָבן געטראָגן פּעקלעך. פון דער פּראָווינץ זענען נאָך געקומען אַ ביסל סוחרים. לאָדזש האָט נאָך געאַרבעט. דאָך געאַרבעט האָט מען מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט אַ קאָשמאַר אין מוח. יאָ מלחמה, נישט מלחמה? דער דאָזיקער מלחמה־שרעק איז געשפּרונגען פאַר די אויגן ביי יעדן מעטער שטאָף וואָס מען האָט אָפּגעשניטן, ביי יעדן חשבון, וואָס מען האָט געמאַכט, ביי יעדן טעלעפאָן־געשפּרעך. אַלץ איז נאָך אָנגעגאַנגען, ווי פריער, ערגעץ־ווו איז מען נאָך געזעסן און קאָמבינירט אַ נייעם מוסטער, מען האָט געפּאַקט פּעק מיט שטאָף, אויסגערעכנט אַוועקצושיקן אין פאַרשיידענע פּראָווינץ־שטעט און פּעק אויסגערעכנט אַוועקצושיקן ווייט־ווייט אין אַנדערע לענדער, אין אַנדערע ערד־טיילן. אַלץ איז נאָך אָנגעגאַנגען... דאָך אַ סך האָבן שוין נישט געוווּסט, צי מען דאַרף צאָלן אַ וועקסל און אַ סך האָבן שוין נישט געוווּסט, צי זיי וועלן באַקומען זייערע חובות? מען האָט געכאַפּט לייענען אַ סך צייטונגען, מען איז געלאָפן צום ראַדיאָ, אויסגעהערט, וואָס מען דערציילט און דער נאָגנדיקער, טעמפּער און נודנער „וואָס הערט זיך?" איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן און ער האָט גאָרנישט אויפגעקלערט. לאָדזש, די שטאָט פון אַרבעט, האָט נישט געקאָנט אַרבעטן. די פלייסיקע אומרואיקייט האָט נישט געקאָנט זיין אומרואיק, און רואיק האָט מען אויך נישט געקאָנט זיין... אין שטאָט האָט מען דערציילט, אַז אַ סך פון די גאָר רייכע זענען שוין אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע און אַ סך, וואָס האָבן געהאַט אויסלענדישע פּעסער האָבן זיך שוין אָפּגעטראָגן...

מאָביליזאַציע.

פון די יידישע הייזער זענען אַוועק אַ סך יונגעלייט. מען איז גע־

גאַנגען צו זעלנערײ רואיק, מיט ווירדע. מען מוז גײן, מען מוז זיך אַנט־קעגן שטעלן דעם דײטש. ער שרעקט די וועלט מיט טײכן בלוט צו פאַר־גיסן. דער דײטש איז עפּעס פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַזאַ אײנעם, וואָס זעט אויס, ווי אַ שד מיט קלײנע שטעכעוודיקע אויגעלעך און מיט צווײ שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס ליגן איבער זײנע ליפּן, ווי צווײ שוואַרצע שפּינען. דער דאָזיקער שרײט אין ראַדיאָ ביז דערווערגעניש און ווערט נישט דערוואָרגן. די שנאה גליט אין יעדן וואָרט זײנעם. די שנאה פּראַ־וועט שוין דעם גרעסטן יום־טוב, ווײל די וועלט איז שוין פאַרסמט...

און אין לאָדזש רויכערן די קוימענס. עס וועט זײן פינצטער און חושך, ווען דער רויך וועט פאַרשווינדן פון איבער לאָדזש. דאָס ווײסן אַלע. אפילו די אויסגעפּוצטע דאַמען אין די קאַפעס. הײנט רעדן זײ ווײ־ניקער, דערפאַר הערן זײ זיך מער צו. וואָס זאָגן זײ, די מענער? עס וועט זײן מלחמה, אָדער עס וועט נישט זײן? קײנער ווײסט נישט. מען וואַרט אויף נײעס פון וואַרשע. דאָרט איז דאָך דער פּאַרלאַמענט, דער פּרעזי־דענט מיט אַלע מיניסטאָרן. וואַרשע ווײסט אויך גאָרנישט. עס האָט געמאַכט דעם אײנדרוק, אַז וואַרשע וואַרט אויף נײעס פון הימל...

לאָדזש האָט נאָך געריכערט. דער געבענטשטער רויך, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם הימל, האָט באַרואיקט, נאָר אין די באַנק־הײזער זענען געשטאַנען מחנות מענטשן און אַרויסגענומען געלט, פּאַפּירלעך אַזעלכע, וועלכע עס איז גלײכער אין אַזעלכע טעג צו האַלטן בײ זיך אינדערהײם. פון די סײפן האָט מען אַרויסגענומען צירונג און די, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט, האָבן זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף גאָט אַלײן...

אין דער קאַפע „אַסטאָריאַ" האָבן זיך געשטופּט אַלץ מער מענטשן. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז דאָרט ווײסט מען מער נײעס, איז מען געלאָפן אַהין. קײן נײעס האָט מען דאָרט אויך נישט געוווּסט, דאָך וועגן לאָדזש האָט מען שטאַרק פילאָזאָפירט: מיליאָנען מעטער שטאָף ליגט פאַרטיק, מיליאָנען מעטער שטאָף דאַרפן פאַרטיק ווערן, וואָל, בוימ־וואָל, באַשטעלונגען, עקספּאָרט... זאָל די שעה קײן שעה נישט זײן, אויב היטלער גיט אַ קלאַפּ, וועט עס אַלץ אין דר'ערד אַרײַן...

— וואָס רעדסטו דאָרטן?... וואָס קאַמגאַרן?... וואָס עקספּאָרט? די מענטשן זענען וויכטיקער, די ײדן...

— שטעלט מען אָן די אויגן און מען פרעגט:

— וואָס די ײדן?

— די יידן זענען אין אַ גרויסער סכנה.

און פונקט, ווי איינער רופט אַרויס די פּראָזע, קומט אַ צווייטער און פאַרטושט עס. מען פאַררעדט זיך אַליין. מען פאַרטרייבט די שווע־רע שטימונג. און אַז עס קומט אַריין אַ נייער גאַסט, לויפט מען אים אַנטקעגן:

— עפּעס דאָ נייעס?

— וואָס הערט מען?

און גוט איז, ווען מען הערט פאַרן שלאָף פון עמיצן אַ גוט וואָרט. מען זוכט עס, מען וויל עס מיט אַלע חושים. אָט דער ברעסטאַווסקי, דער זשורנאַליסט פון לאָדזשער „פאָלקס־בלאַט", האָט היינט געזאָגט ביי זיין טישל אין „אַסטאָריאַ", אַז ער האָט אַזאַ געפיל, אַז פון גאַנצן טאַראַראַם וועט גאָרנישט זיין. פּוילן וועט נאָכגעבן מיט דאַנציג און מיט דעם קאָ־רידאָר און עס וועט זיך באַרואיקן. פון וואַנענט האָט דער ברעסטאַווסקי אַזאַ געפיל און וואָס איז ווערט ברעסטאַווסקיס געפיל? וועגן דעם וויל מען נישט טראַכטן, מען טאָר נישט טראַכטן... און אינדערפרי באַגינען דערוויסט מען זיך, אַז עס איז שוין מלחמה. אַזאַ פרייטיק, אַזאַ ערשטער סעפּטעמבער, אַזאַ ליכטיקער הערבסט־פרימאָרגן און אַזאַ פינצטערע בשורה. אין די רייכע הייזער און אין די אָרעמע, אין די פינצטערע קע־לערס, אומעטום, ווו מענטש האָט געאָטעמט, אַלעמען האָט עס, ווי אַ שוואַרצער בליץ געטראָפן.

אין דעם זעלבן פרייטיק האָבן די דריי פריינט באַדאַרפט באַקומען אין דער קאַנצעלאַריע פון לאָדזשער רעגירונגס־אַמט דריי אויסלענדישע פּעסער. אַלקער האָט עס פלינק אָרגאַניזירט דעם גאַנצן ענין און זיידנער האָט אים געקרוינט כסדר:

— ביסט אַ מזיק!

אָבער פרייטיק אינדערפרי איז ער שוין נישט געווען קיין מזיק. אין רעגירונגס־אַמט האָט מען אים געמאָלדן, אַז לאָדזש איז שוין טיילוויז עוואַקואירט און אַלע פּאַפּירן זייערע זענען אַוועק קיין וואַרשע. דאַרף מען לויפן קיין וואַרשע. אויף דער באַן איז שוין נישטאָ קיין פּאַרקער פאַר ציווילע. האָט אַלקער פאַר אַ גוטע סומעלע געפּאַקט אַ שאָפער, זענען אַלע דריי געקומען קיין וואַרשע און געלאָפן זוכן זייערע דאָקו־מענטן, די אויסלענדישע פּעסער. האָט מען זיי געענטפערט, אַז די פּאַפּירן זענען נאָך נישט אויסגעפּאַקט. ערשט אין דריי טעג אַרום...

און דערווייל איז מלחמה.

וואַרשע ווערט באָמבאַרדירט פון אַעראָפּלאַנען. וואַרשע איז די הויפּט־שטאָט און דאָ איז מער סכנה. זענען זיי געפאָרן צוריק מיטן זעלבן שאָפער, צוריק קיין לאָדזש. שווער געווען צו פאָרן, ווייל אומעטום מי־ליטער, האַרמאַטן. מען מוז וואַרטן. אָלקער פּרוּווט צו זאָגן אַ וויץ. עס גייט נישט. זיידנער גיט אָפּ זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ליזען און זי פרעגט ביי אירע באַגלייטער:

— וואָס זאָגט איר... מיר וועלן זיך אַרויסקריגן פון דער מלחמה?

— ליזאַ, זייט רואיק, עס וועט זיין גוט. די וועלט גייט נאָך נישט אונטער.

— אָבער אָלקער! איך בין שוין אַזוי מיד...

און זי צעוויינט זיך, ווי אַ קינד.

די צוויי מענער לעבן איר האָבן זי געטרייסט און לאַנגזאַם זי האָט זיך באַרואיקט. אָט גלאַט אַזוי, געוויינט אַ ביסל. נערוון. די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטון, איז דען אַ וווּנדער, וואָס די נערוון גיבן זיך אַ טרייסל?

די דריי זענען אויף אַן אמת געווען פריינט. געווען גוטע פריינט, ערלעכע, נאָר די נייע צרות מיט די שרעקן האָבן אַזוי ווי אָפּגעזונדערט איינעם פון צווייטן. די צרות האָבן אַרויפגעלייגט בליי אויף יעדנס נשמה און אָט דער בליי האָט עס געדריקט די פריינטשאַפט און אַלע געפילן אינאיינעם...

— אַלע זענען שטאַרק אָנגעשראָקן און פון דעם אַלעמענס שרעק ווילט זיך מער אַנטלויפן, ווי פון אייגענעם שרעק.

זיידנער האָט נישט דערהערט, וואָס אָלקער האָט געזאָגט, האָט ער איבערגעפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט: אָלקער!

— איך זאָג, אַז אַלעמענס שרעק שרעקט מער, ווי דער אייגענער...

— ס'איז נישט קיין אונטערשיד...

לאָדזש איז געלעגן אין טיפער פינצטערניש, ווען זיי זענען צוריק־געקומען, כאָטש די נאַכט האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. מיט מאַטערניש האָט מען זיך אָריענטירט, ווו מען איז אין דער וועלט. מענטשן־שאָטנס זענען געקראָכן אויף די טראָטואַרן און געטאַפּט די ווענט, געזוכט דאָס טויער פון הויז. קיין פינטעלע ליכט נישט געווען, אַלע פענצטער פאַר־

קלעפּט. די פינצטערניש וויל נישט קיין ליכט, דאָס שלעכטס פון דער וועלט וויל חושך. האָבן מענטשן געפּאָלגט און געמאַכט פינצטער. די פּאַ־בריקן זענען געשטאַנען, די אַרבעטער זענען געווען אינדערהיים. ערגעץ־ווו האָבן זיך עטלעכע מענטשן פאַרזאַמלט אין אַ קאַפע, ווו אַלע שויבן זענען געווען פאַרקלעפּט, מען האָט גערעדט אין דער שטיל, כאָטש קיינער האָט נישט געשטערט צו רעדן אַ ביסל העכער:

— דער דייטש קומט מיט שנעלע טריט...

— דער דייטש יאָגט די פּוילישע סאָלדאָטן...

איינער דעם צווייטן האָט עס איבערגעגעבן. ווערטער זענען שווער געוואָרן, שווייגן איז שווער געוואָרן און קוקן דעם צווייטן אין די אויגן איז אויך שווער געוואָרן. די שוואַרצע קאַווע איז ביטער, אָדער עס האָט אינגאַנצן נישט קיין טעם. דער שונא איז נאָך אין שטאָט נישט געווען, נאָר זיין טרייסטער שליח איז שוין אַריבער די שוועל פון יעדן הויז: דער שרעק. געשראָקן האָבן זיך אַלע. מען איז נישט געווען אַזוי נאַריש אום נישט צו פאַרשטיין מיט וואָס און מיט וועמען מען האָט דאָ צו טון. שרעק האָט געשטיקט דעם האַלדז. די חניקה אָבער האָט מען נישט אַרויסגעוויזן, מען האָט פאַרשטייפּט די ליפּן און געשוויגן. דאָס איז געווען די לעצטע מענטשלעכע דיסציפּלין, די דערהויבונג פון ווירדע. שבת אינדערפרי זענען די יידן פון קאָמענער ראַיאָן געגאַנגען פון דאַווענען מיט אויפגע־הויבענע קעפּ, אין די שבתדיקע קאַפּאָטעס מיט דעם טלית אונטערן אָרעם. אַנדערע פון זיי האָבן אפילו אונטערגעזונגען אַ ניגון, בלויז אין די אויגן האָט געגליט דער ערנסט צוזאַמען מיט גלויבן...

מען האָט איבערמענטשלעך געשוויגן אין יענע טעג. איינער דעם צווייטן האָט נישט געוואָלט מצער זיין, מען האָט געזוכט טרייסט פאַר זיך און אויך פאַרן צווייטן. אַ באַרג מיט צער איז געווען אַזאַ שטאָט, מען האָט געשפּרייזט מיט צער, געגעסן און געטרונקען מיט צער, געליטן טיף אין זיך, אָבער דאָך נישט אַרויסגעשריגן.

געווען איין מאָמענט פון האָפענונג: ענגלאַנד איז אַריין אין קריג מיט דייטשלאַנד. לאָדזש איז אַרויס אויף דער גאַס. פון זיך אַליין איז גע־שאַפן געוואָרן אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע. שמייכל איז אַרויף אויף די ליפּן און מיט שמייכל האָט מען געמאַכט אויסרופן פאַר ענגלאַנד...

אָבער מער, ווי אַ שעה האָט די שמחה נישט געדויערט. אין דער

קאַפּע „אַסטאָריאַ” האָט מען גלייך אָפּגעשאַצט דעם גאַנצן ענין און מען האָט געזאָגט:

— וואָס איז ענגלאַנד? ווו איז ענגלאַנד? ווייט פון דאַנענט, ענגלאַנד האָט נישט קיין געווער. אפשר שפּעטער וועט ענגלאַנד צונויף קומען, אָבער היטלער האָט שוין פאַרנומען קעלץ, ער גייט צו טשענסטאָכאָוו, ווי ווייט איז צו לאָדזש?

ווידער אַ פינצטערע נאַכט מיט אַ פּחד אין דער פינצטערניש. אַלקער האָט נישט געקאָנט קומען צו זיידנערן אוןביידע צוזאַמען האָבן זיי נישט געזען ליזען. אין די דאָזיקע טעג האָט מען גאָרנישט געקאָנט אויסרע־כענען און נישט פאָראויסזען. צווישן מענטש און מענטש איז די זעלנעריי אַריין. טאַנקען, האַרמאַטן און אין דער הויך — אַעראָפּלאַנען:

— האָ! עס פליט...

מען לויפט אין די טויערן...

—ניין! ס'איז אַ פּוילישער...

ערגעץ־ווו האָט מען זיך געפּרוווט וויצלען:

— מען איז אין פּעקל, לאָדזש איז אין פּעקל...

— לאָדזש איז פאַרשפּינט געוואָרן פון אַלע זייטן. אַזוי לאַנג גע־שפּינט, ביז מען איז פאַרשפּינט געוואָרן.

אָבער עס האָט זיך נישט געוויצלט. קעפּ זענען פול געווען מיט ביטערע מחשבות און דאָס פאַרשווייגן האָט דעמאָלט אויסגעזען, ווי דאָס שענסטע. טעג... אַזעלכע לאַנגע. שעהען לאַנגע, מינוטן לאַנגע. מען אַרבעט נישט און מען וואַרט. אויף וואָס וואַרט מען? אויף אומגליק. ועמען וועט דאָס אומגליק טרעפן? אַלעמען. מען האָט הייליק געשוויגן, אָבער גע־דאַנקען זענען געקראָכן ווי שלאַנגען און ווו־נישט־ווו אַ מאַמע און ווו־נישט־ווו אַ באָבע מיט אַ זיפץ:

— גאָט אין הימל! וואָס וועט דאָ זיין? מען זאָגט, אַז ער איז שוין ביי טשענסטאָכאָוו...

און באַלד צוגעביסן די ליפּן, מען זאָל קיין איבעריקס פון מויל נישט אַרויסברענגען. קינדער האָבן נאָך געשפּילט, קינדער ווייסן פון גאָרנישט, אָבער אויך זיי פלעגן אויפהויבן די קליינע אויגן און קוקן אין דער אַרומיקייט: פאַרוואָס שווייגן אַלע? די פאַבריקן זענען געשטאַנען. אַזוי פיל פאַבריקן אין אַזאַ גרויסער לאָדזש. מען האָט נישט געוועבט. אַזוי פיל שרייפּעלעך האָבן אויפגעהערט זייער שנעלן געלויף, אַזוי פיל טראַנס־

מיסיעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די מאַשינען זענען געשטאַנען שטום. מענטש האָט זיי נישט באַרירט און נישט באַלעבט... לאָדזש פון אַרבעט אין אַלע פיר און צוואַנציק מעת־לעת־שעהען. לאָדזש איז שטום געוואָרן... אָפּגעריסן זיך פון דער וועלט, אַליין פאַר זיך אין אַנגעשראָקנקייט... לאָדזש איז שטום געוואָרן. פון די קוימענס האָט נישט געשאָטן קיין רויך. דער הימל איז צו ריין געווען פאַר לאָדזש, צו ליכטיק. אָט די ליכטיקייט פון הערבסט־טאָג, די בלויקייט אין דער הויך האָט מער געשראָקן, ווי די ערגסטע פינצטערניש. די ליכטיקייט האָט געדראָט און אָנגעזאָגט בלוט און טרערן. די קוימענס אָן רויך האָבן אויסגעזען, ווי די לאַנגע העלדזער פון די האַרמאַטן, וועלכע זענען פאַרבליבן אָן אמוניציע. נישטאָ מיט וואָס צו שיסן... די מענטשן דאָ האָבן דערפילט, אַז מען האָט פאַרלוירן די האָפענונג און אָן האָפענונג קאָן מען נישט אָטעמען...

35

מען גייט

זיידנער, אַלקער און ליזאַ האָבן זייערע פּאַספּאָרטן פון וואַרשע נישט באַקומען, ווייל די באַאַמטע אין אַלע וואַרשעווער אַמטן האָבן שוין אַליין נישט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט זיי זענען. אויפן פינפטן טאָג פון דער מלחמה איז שוין פוילן געווען אַ צעפאָרענע מלוכה. די בירגער האָבן שוין נישט געהאַט וועמען צו פאָלגן. עס איז שוין געווען הפקר. לאָדזש האָט נאָך געעפנט אינדערפרי די קראָמען, אויף פּיעטריקאָווער גאַס האָבן זיך באַוויזן די גרינע טראַמוויי־וואַגאָנען, אָבער עלף דעם זייגער איז געווען אַ לופט־אָנגריף און אַלץ האָט זיך באַהאַלטן אין די קעלערס. ווען מען איז אַרויס פון די קעלערס, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז לעבן וואַקזאַל זענען געפאַלן באָמבעס, עטלעכע הייזער צעשמעטערט, נאָך עטלעכע הייזער זענען צעקלאַפּט געוואָרן, אין ווידזעוו פאַראַן פאַרוווּנדעטע און גע־הרגעטע. וועגן דעם האָט מען קיין סך נישט גערעדט. מען האָט אָבער אַ סך אָנגעהויבן צו רעדן, אַז די באָמבעס, וואָס מען האָט געוואָרפן, זענען געווען מיט גאַז... און דער איינגערעדטער גאַז האָט דערשראָקן. מען האָט אָנגעהויבן שפּירן דעם גאַז. מענטשן האָבן געשריגן, אַז זיי ווערגן זיך.

מען איז געלאָפן אין די אַפּטייקן קויפן טרינק־סאָדע, וואָס דאָס זאָל זיין אַ מיטל קעגן גאַז. מען האָט אָנגעהויבן ספּאַזמירן און אַ סך מענטשן האָט מען אַוועקגעפירט אין די שפּיטאָלן. דאָך, דער גאַז איז בלויז געווען דעם שרעקס פאַנטאַזיע און די אַלע נישט פאַרסמטע מענטשן האָבן זיך באַרו־איקט. דערנאָך, ווען עס איז רואיקער געוואָרן, האָט מען זיך געקאָנט צוקוקן, ווי פון לאָדזש רוקן זיך אַרויס די פאַרמעגלעכע אויטאָמאָבילן אָנגעפּאַקט מיט וואַליזעס. מענטשן זענען אַרויס פון שטאָט, מען איז געלאָפן קיין וואַרשע. וואַרשע איז געווען דער רעטנוגס־פּונקט. וואַרשע. וואַרשע, אַז מען וועט זיין אין וואַרשע, וועט שוין גוט זיין. אַזוי האָבן די לויפערס געטראַכט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך געצויגן די שנורן פון אויטאָמאָבילן. די פּריצים פון דער פּראָווינץ האָבן זיך אַ ריר געטון און די פּיעטריקאָווער האָט געזען אַלטמאָדישע קאַרעטן, איינגעשפּאַנטע פערד און רייטערס. עס זענען געפאָרן דאָרפישע פורן אָנגעפּאַקט מיט הינער, קאַטשקעס און אינ־דיקעס. אַ צוגעבונדענע קו, אָקסן, שעפּסן. אַלץ איז דאָס געטריבן גע־וואָרן צו וואַרשע, צו וואַרשע...

וועגן אַוועקגיין פון לאָדזש האָט מען גערעדט אויף שריט און טריט. עס זענען געווען אָנהענגער פון באַלדיקן אַנטלויפן, קיין רגע נישט טראַכטן. באַלד, באַלד...

עס גייט אַ כוח מיט בליי און פייער. שוואַכער! אַנטלויף! שוואַכער, היט דיין שוואַכקייט, דו קאָנסט עס אויך פאַרלירן. כל זמן די פיס טראָגן, אַנטלויף פון דער סכנה. די קעגנער האָבן אויך געהאַט מאָטיוון:

— ווו לויפן? דער וועג אַליין איז פול מיט סכנה. ווו וועט מען שלאָפן? וואָס וועט מען עסן? אויף אַן אָרט איז מען זיכערער און גאָט וועט העלפן.

דער שרעק איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן. דער רואיק־געלאַ־סענער פעליקס זיידנער האָט זיך איינגאַנצן פאַרלאָזן אויף זיין פריינט אָלקער און אָלקער האָט זיך געוואָרגן מיט זיין הילפסלאָזיקייט. ליזאַ האָט זיך פאַרלאָזן אויף זייביידן און פון דעם אַלץ איז גאָרנישט אַרויס־געקומען. אַלע דריי האָבן דאָך באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון לאָדזש, און גיין זאָל מען אַלע דריי צוזאַמען, מען וועט איינער דעם צווייטן נישט פאַרלאָזן און נישט אָפּלאָזן...

אַלע דריי צוזאַמען.

זיידנער האָט זייביידן, ליזען מיט אַלקערן, גערופן צו זיך אַהיים. ער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַן אייזערנע קאַסעטקע:

— איך האָב עס אַרויסגענומען פון סייף און מיט דעם וועלן מיר זיך טיילן. ליזאַ וועט אַ ביסל נעמען צו זיך אין רידיקיול און מיר וועלן דאָס איבעריקע אַריינפּאַקן צו זיך אין די טאַשן. דאָס איז ירושה־צירונג פון מאַמען און באָבען, יאָרן לאַנג האָב איך דאָס נישט אָנגעקוקט, ס'איז געלעגן אין סייף...

אין דער אייזערנע קאַסעטקע זענען געווען עטלעכע שנירלעך פּערל, רינגען מיט בריליאַנטן און רובינען־בראָשן, אַ גרויסער גאָלדענער זייגער מיט שווערע גאָלדענע קייטן, געווען גאָלדענע מטבעות, אַלטע, גאָר אַלטע...

— דאָס וועט צונוץ קומען. מיט דעם ביסל צירונג קאָן מען ווייט אַוועק, פעליקס!

— איך וויל נאָר דערגרייכן לאָנדאָן, דאָרטן האָב איך מיין געלט, אין דער שווייץ האָב איך אויך געלט, אין ניו־יאָרק אויך עפּעס. מען דאַרף נאָר אַרויס פון דאַנענט...

אָבער ליזאַ האָט אַזוי ווי אַ ציטער געטון. עס איז איר נישט געווען ליב דער הויפן צירונג, וואָס זיידנער האָט איר צוגעטיילט:

— ווי קום איך צו דעם? דאָס איז דאָך נישט מיינס.

— ליזאַ! נישטאָ קיין מיינס און נישטאָ קיין דיינס. איצט איז מלחמה. מיר מאָביליזירן זיך כדי צו ראַטעווען אונדזערע לעבנס. אַלקער! ווי זאָגסטו שטענדיק?

אַלקער פּרווט אויפוועקן זיין אַלטן איראָניש־זאָרגלאָזן שמייכל און ענטפערט:

— איך זאָג... איך זאָג, דאָס לעבן איז בילכער...

דערנאָך איז יעדער פון זיי געגאַנגען צו דערליידיקן פאַרשידענע ענינים פאַרן אַוועקפאָרן, פון לאָדזש אַרויסגיין. דאָס האָבן געוואָלט אַלע. מען האָט זיך געפילט געפאַנגען און דער געדאַנק פון אַנטלויפן איז געווען דער שטאַרקסטער, דער איינציקער געדאַנק. די דריי האָבן באַשלאָסן באַלד אינדערפרי אַרויסצוגיין פון לאָדזש. אויב מען וועט נישט קריגן קיין שאָפער מיט אַ מאַשין, וועט מען גיין צופוס. יאָ, באַלד אינדערפרי, אַזוי האָט מען אָפּגערעדט. לענגער טאָר מען נישט וואַרטן. דער דייטש איז נאָענט און מען רעדט, אַז אַרום לאָדזש און אין לאָדזש וועלן פאָרקומען

גרויסע שלאַכטן, בלוטיקע שלאַכטן... יאָ, באַלד אינדערפרי וועט מען אַוועק.

דאָך אין דעם זעלבן אָוונט, צען, עלף ביינאַכט האָט זיך אין די פּאַר־פינצטערטע לאָדזשער גאַסן גענומען רירן. מאַסן מענטשן זענען אַרויס אויף די גאַסן. פינצטער איז געווען, קיין שטראַל ליכט האָט נישט גע־טאָרט אַרויס פון אַ פענצטער. פינצטער און אין דער פינצטערניש האָבן גענומען קריכן שאָטנס. אין די צענדליקער, אין די הונדערטער, אין די טויזנטער מענטשן... יידן און קריסטן. געגאַנגען זענען מערסטנס מענער, אָבער פרויען מיט קינדער האָבן זיך אויך געזען. מערסטנס איז מען געגאַנגען צופוס. דאָך פיל אויטאָמאָבילן האָבן זיך אויך גערירט לאַנגזאַם, מיט פאַרלאָשענע לאָמפּן. די גרויסע לאַסט־וועגענער פון די פאַבריקן, האָבן איצט נישט פונאַנדערגעפירט קיין שטיקער סחורה, זיי זענען גע־פּאַקט געווען מיט אַרבעטער און זייערע משפחות, מיט פעקלעך בעטגע־וואַנט. בעל עגלהשע פורלעך מיט פערד איינגעשפּאַנט, האַנט־וועגעלעך מיט וואַליזעס. דאָס אַלץ האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן צו דער פּיעטריקאָווער גאַס און פון דער פּיעטריקאָווער — גלייך צו דעם בזשעזשינער שאָסיי, וואָס פירט צו וואַרשע. לאָדזש האָט זיך אין אַ פאַרפינצטערער נאַכט געלאָזן אין וועג אַריין. אַ סך טויזנטער און אַ סך צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן געטאַפּט די פינצטערניש און געגאַנגען אין איין ריכטונג: צו דעם בזשעזשינער שאָסיי. אַלץ האָט שטום און שוויגנדיק אַהין גע־צויגן...

עלף און צוועלף און שפּעטער אין דער נאַכט. מען האָט אויפגעוועקט שכנים, מען האָט זיך פאַרזאַמלט אויף די הויפן, מען האָט געהערט איין וואָרט:

— מען גייט...

דאָס איז נישט געווען באַפעל, אפילו קיין רוף איז דאָס נישט געווען, אפילו נישט קיין אָנזאָג. דאָך עפּעס אַ קלאַנג פון שרעק געבוירן. אַ קלאַנג, אַז קיין ברירה איז שוין נישטאָ...

מען גייט און אויב מען גייט, לאָמיר אויך גיין. איז מען פון טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען, איז מען פון די טויערן אַרויס און מען האָט זיך צונויפ־געגאָסן אויף דער גאַס אין צוזאַמענגעקוועטשטן מענטשן־שטראָם, מען איז אַריין אין קנויל. אָבער די גאַנצע פּיעטריקאָווער גאַס מיט די טראָטואַרן אינאיינעם האָט זיך באַוועגט אין דער פינצטער: אַ מחנה פון טויזנטער

און טויזנטער נפשות. אויף אַנדערע הויפן האָט מען געפּרוווט פּרעגן, וווהין מען גייט. אין דער פינצטער האָבן זיך אָנגעהויבן דיספּוטן. עס הערט זיך אַ קול:

— איך וועל נישט גיין צוליב צוויי זאַכן: ווייל איך האָב אַ גאָט אין הימל, וועט ער מיך נישט פאַרלאָזן און איך האָב אַ קראַנק ווייב אין שטוב, וועל איך זי נישט פאַרלאָזן.

דאָס האָט גערעדט אַ פרומער, פון די, וואָס טראָגן די לאַנגע קאַפּאָטע. קיין סך פון די פרומע יידן זענען נישט אַוועקגעגאַנגען, כאָטש די ווייבער זייערע האָבן זיך געבעטן, זיי זאָלן גיין, די מענער, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז דער דייטש וועט די מענער דערשיסן. די פרומע, וועלכע זענען יאָ אַוועק מיטן שטראָם, האָבן מיטגענומען טלית און תפילין, מער גאָרנישט.

מען גייט..

מען מוז גיין. זענען אַנדערע פאַרן אַוועקגיין געלאָפן אין זייערע קראָמען, אין די ביוראָס. מען האָט עפּעס געוואָלט ראַטעווען. דאָרט אין די ביוראָס און אין די קאַנטאָרן האָבן אַנדערע געהאַט אייזערנע קאַסעס. אין די קאַסעס איז געלעגן געלט, אַקציעס, ווערט־פּאַפּירן און היפּאָטעקישע דאָקומענטן. עפּעס ראַטעווען... מען האָט אין דער פינצטער זיך געגנבעט און אויפגעשלאָסן טירן, מיטגענומען דאָס, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אין איילעניש מיטגענומען און מען איז אַרויס אויף דער גאַס. פיל האָבן אפילו זייערע אייגענע קראָמען נישט פאַרשלאָסן צוריק.

מען גייט.

געוווען פאַלן מיט אַנדערע, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון זייער היים אויף דער גאַס בלויז אַ קוק צו טון, ווו די גאַס גייט, איז מען אָבער אַליין אַריינגעצויגן געוואָרן אין פינצטערן מאַרש. אַריינגעשלעפּט געוואָרן און מיטגעשלעפּט געוואָרן. עס זענען געגאַנגען דאָקטוירים, סוחרים, אַר־בעטער, אינזשיניערן. אין דער טייל פון דער מאַסע און אין יענער טייל האָט זיך לאַנגזאַם נאָכגעשלעפּט אַן אויטאָמאָביל, אָדער אַ גרויסער לאַסט־וואָגן. אַלץ האָט אַזוי געדריקטערהייט געשוויגן און יעדער אויטאָ האָט אויסגעזען, ווי אַ קאַסטן, וואָס פירט אַ געשטאָרבענעם און דער עולם פאַראויס און דער עולם, וואָס גייט נאָך. אַלע אבלים. נאַכט, פינצטערניש און אבלים... אפשר איז די וועלט געשטאָרבן און די נאַכט איז דאָס דער שוואַרצער קאַסטן, אין וועלכן עס ליגט די וועלט. דעם שוואַרצן קאַסטן טראָגן אויף זייערע אַקסלען די מענטשן, וועלכע גייען איצט צום בזשע־

זשינער שאָסיי. אַלץ איינס: שאָסיי, אָדער שטאָט. אומעטום איז חושך און אומעטום שווייגט מען. נאַכט האָט אָפּגעמעקט די פּנימער פון די גייערס. ווער האָט דאָרט ווער דערקענט. נישט געווען מער קיין פּנים, נאָר פיס, וואָס שפּרייזן אַלץ ווייטער און שאַרקען און שלייפן דעם שאָסיי אין אַ מאָנאָטאָנעם כסדר. אין יענער מחנה איז אויך געווען איינער אַן אַלקער, איינער אַ זיידנער און איינע אַן איליטאָוויטש און טויזנטער, טויזנטער „איינערס", וועלכע זענען איצט געוואָרן „איינס". אַ קנויל, וואָס באַוועגט זיך, אַ שוואַרצער קנויל אין אַ שוואַרצער נאַכט. הויך האָבן געפינקלט די שטערן. זיי, די שטערן, האָבן געלויכטן, ווי שטענדיק און נישט מורא געהאַט פאַר די אַעראָפּלאַנען, אָבער דאָ אויפן שאָסיי האָט אַ מענטש נישט געטאָרט אַ פּאַפּיראָס פאַררויכערן. דער שונא זאָל אַ פונק נישט דערזען.

מען האָט אַזוי אָפּגעמאָסטן צען קילאָמעטערס פינצטערניש, פופצן, צוואַנציק און אויסגעזען האָט, אַז דער וועג וועט זיין ענדלאָז אייביק. דער וועג, די נאַכט, די טראַגעדיע פון אַזוי פיל מענטשן. די נאַכט־טראַגעדיע האָט כסדר געבוירן נייע טראַגעדיעס. דאָ און דאָרט איז ווער געפאַלן מיט אַ זיפץ. נישט געווען קיין כוח צו גיין ווייטער — ווער האָט זיך אומגעקוקט?

אין מיטן וועג, ביי דער זייט פון שאָסיי שטייט אַ מענטש און לעבן אים אַ פּאַק מיט וואַליזעס. דער מענטש אַ נידעריקער, מיט צופיל אויפ־געהויבענע פּלייצעס. ער שטייט און ער היט, ווי אַ געדונגענער שומר, זיינע וואַליזעס, דאָס איז דאָך דער... דער בערעק פּוסבאַנק, אַ רייך־געוואָרענער אין לאָדזש. ווען עס איז נאָך ליכטיק געווען איז ער מיט זיין אויטאָמאָביל אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, קיין וואַרשע געפאָרן, ווי אַ סך אַנדערע, און מיטגענומען האָט ער פיל באַגאַזש, אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזן אַרויפלייגן אויף איין מאַשין. זענען אָנגעקומען פּוילישע זעלנער און רעקווירירט זיין אויטאָמאָביל. דעם באַגאַזש זיינעם האָבן זיי אַרויס־געוואָרפן. שטייט ער שוין אַזוי לאַנגע שעהען לעבן זיינע וואַליזעס, ער האָט שוין נישט קיין כוח צו שטיין, ער האָט אויך נישט קיין כוח אַוועק־צוגיין פון זיין האָב און גוטס. ער וואַרט עפּעס אויף אַ נס, אויף אַ וואָגן, וואָס זאָל מיטנעמען זיינע וואַליזעס. אויף דעם דאָזיקן וויסטן וועג איז נישט איינער אַזוי געשטאַנען לעבן די שווערע וואַליזעס.

מען גייט...

קיין וואַרשע גייט מען, פון לאָדזש גייט מען. דער דייטש זאָל נישט כאַפּן. ווער האָט זיי געהייסן גיין? ווער מיט וועמען האָט אָפּגערעדט? אַליין פון זיך. דער שרעק האָט דיקטירט און דאָ אויף דעם ברזשעזשינער שאָסיי מאַרשירט דער שרעק. אַ שווייגיקער ביז גאָר. מענטש האָט מורא צו רעדן מיטן צווייטן, אָדער ער האָט דערפילט די נוצלאָזיקייט פון וואָרט. אַזוי פיל מענטשן און אַזוי פיל שווייגן. בלויז אַ קו, וועלכע איז צוגעבונדן געווען צו אַ דאָרפישע פור האָט זיך צעמעקעט, אַזוי, אַז די נאַכט האָט עס דערהערט און טויזנטער מענטשן האָבן עס דערהערט. אַ קו האָט געשריגן און אויפן בהמישן לשון געמאַנט צו וועמען. אין אַזאַ נאַכט. אַ קו, אַ מליץ־יושר פאַר אַזוי פיל אויסגעליטענע און אָנגעשראָקענע מענטשן, וועלכע ווילן נישט רעדן, וועלכע האָבן שוין גאָרנישט צו זאָגן, אויב זיי דאַרפן אַזוי אַנטלויפן פון מענטש, וואָס האָט געוועזן.

אַ ווינטל האָט געבלאָזן אַ קילס און אַ שטילס. נאַטור האָט זיך רואיק צעלייגט אויף איר פעלד־געלעגער און געאָטעמט מיט הנאה פון איר רחבות. אַלץ איז עגאָאיסטיש, נאַטור אויך און באַגינען האָבן דייטשי־שע זעלנערישע מחנות איבערגעשניטן דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון לאָדזש קיין וואַרשע, דער אומבאַוואָפנטער מאַרש איז איבערגעשניטן גע־וואָרן.

די קוילן־וואַרפערס האָבן אַ סך פון זיי אַוועקגעלייגט אין בלוט באַגאָסן. טויזנטער פון די נאַכט־שאָטנס זענען איצט ביי דעם ליכט פון נייעם טאָג געלאָפן צוריק קיין לאָדזש. מען איז געלאָפן איבער די טרו־קענע הערבסט־פעלדער אין פאַרשידענע דערפער און שטעטלעך. דייטש האָט נאָכגעיאָגט, דייטש האָט געכאַפּט פיל פון זיי און דערהרגעט, פיל געטריבן צו אַרבעט, באַליידיקט, באַשפּיגן... אַ רויט־בלוטיקער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך יענער שוואַרצער נאַכט. אַ נאַכט, וואָס איז געווען די ערשטע פון טויזנט אַנדערע שוואַרצע נעכט, ווען מענטש איז געפייניקט געוואָרן מיט קלעפּ, מיט סם און מיט פייער.

שטעט און שטעטלעך זענען אין די גיהנום־נעכט, גאַסן און געסלעך, מיליאָנען לעבנס... און נישט איבערציילן וועט מען די נעמען, וואָס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן. נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן געהאַט חלומות, געהאַט צילן און פּלענער, צוליב דעם זענען זיי דאָך געבוירן געוואָרן, זיי זאָלן האָבן צילן און פּלענער און אַריין זענען זיי כמעט אַלע אין ווינט, וואָס טראָגט נאָך ערגעץ אַרום זייער אַש. דעם ווינט אַליין איז אַלץ איינס,

צי דאָס איז דער אַש פון איינעם אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט פעליקס זייד־נער, וועלכער האָט געוואָלט פטור ווערן פון זיין פאַבריק, ווייל דאָס איז אים צו לאַסט געווען, צי דאָס איז דער אַש פון דעם אינזשיניער אָלקער, וועלכער האָט זיך געוואָרפן שטענדיק מיט אַ פראַזע: „דאָס לעבן איז בילכער", צי דאָס איז דער לעצטער שטויב פון אַ לערערין מיט דעם נאָמען ליזאַ איליטאָוויטש, וועלכע האָט אַזוי שטאַרק געחלומט פון אַ וועלט־רייזע...

דעם ווינט איז אַלץ איינס...

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... **(אויסקאַרקויפט)**
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פּרץ **(אויסקאַרקויפט)**
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע **(אויסקאַרקויפט)**
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו **(אויסקאַרקויפט)**
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש **(אויסקאַרקויפט)**
6) **זרובבל** — באַרג חורבן **(קאַפּיטלען פּוילן)** **(אויסקאַרקויפט)**
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב **(אויסקאַרקויפט)**
8) **ד"ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 **(אויסקאַרקויפט)**
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 **(אויסקאַרקויפט)**
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן **(אויסקאַרקויפט)**
11) **ד"ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין **(אויסקאַרקויפט)**
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן **(אויסקאַרקויפט)**
13) **ד"ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר **(אויסקאַרקויפט)**
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו **(אויסקאַרקויפט)**
15) **ד"ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ **(אויסקאַרקויפט)**
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע **(אויסקאַרקויפט)**
17) **חיים גראַדע** — פּליטים **(לידער)** **(אויסקאַרקויפט)**
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... **(אויסקאַרקויפט)**
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד **(פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)**
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט **(אויסקאַרקויפט)**
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אַברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג **(אויסקאַרקויפט)**
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן **(אויסקאַרקויפט)**
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... **(חורבן וואַרשע)**
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פאַט** — הענעך
30) **ד"ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**פּאָעמע**)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פרצן...
36) **צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — **יצחק קאַצענעלסאָן**
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) **שלמה וואַגאַ** — זוורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אַברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פּאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעענישן (**זכרונות**)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**טאָג־בוך**)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (**ראָמאַן**)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) **שלום אַש** — פּעטערבורג (**ראָמאַן**)
57) **שלום אַש** — וואַרשע (**ראָמאַן**)
58) **שלום אַש** — מאָסקווע (**ראָמאַן**)
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **ערשטער באַנד**
62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **צווייטער באַנד**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פּאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)
69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)

71) **נחמן מייזיל** — געוועזן אַמאָל אַ לעבן...
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (**אויספאַרקויפט**)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן; און ליטעראַטור־־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו

יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
מנשה אונגער — חסידות אין פוילן און גאַליציע
מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך
מרדכי שטריגלער — גורלות

עס גרייט זיך צום דרוק:

ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
רחל אויערבאַך — פון רינגעלבלומס אַרכיוו
יוסף רייך — זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש — פּופּציק בריוו
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
הערשעלע — שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייך
גרשם באַדער — קראָקע
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע״
מיכאל מ. באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע—לאָדזש (**זכרונות**)
י. הירשהויט — נאַפט־מאַגנאַטן
דניאל טשאַרני — אַ ליטוואַק אין פוילן

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פוילישע ייִדנטום

★

אפרים אויערבאַך שרייבט וועגן ד״ר מוקדוניס בוך: „מיינע באַגע־גענישן״ („מאָרגן־זשורנאַל״, ניו־יאָרק, 18טער דעצעמבער 1949):

אַ וועלט מיט מענטשן זעען דאָ אין ד״ר א. מוקדוניס בוך „מיינע באגעגנישן״. דער צוגאַנג זיינער צו

מענטשן איז אַ קריטישער, ווארום מוקדוני איז קודם־כל אַ קריטיקער־פובליציסט. אז איר לייענט דאָס בוך, פילט איר דעם אָפּגעקילטן פובליציסטישן אָטעם, דער שריי־בער האָט אים באַוווסטזיניק אָפּגע־קילט, ווארום דער ברויזנדיקער טעמפעראמענט פונעם קריטיקער און פובליציסט קאָן נישט אָנגע־ווענדט ווערן אויף דער דערציילונג. דער דערציילער איז אינטים מיטן מענטש, וואָס ער באשרייבט, ער נעמט אים אריין אין זיך און לעבט אים איבער ווי זיך אַליין. דער קרי־טיקער שרייבט אביסל אָפּגעווויי־טערט פונעם מענטש, ער קוקט אויף אים מיט מבינות, ער צינדט זיך אָן סיי פון זיינע מעלות און סיי פון זיינע חסרונות.

אין מוקדוניס בוך פילט איר ממש דעם געראנגל צווישן דעם קריטיקער און דערציילער. ער ווענדט פון איין זייט אָן דעם קרי־טישן חוש זיינעם אויף לעבעדיקע מענטשן, אויפן שטעטל, אויף גע־שעענישן אין יידישן לעבן. פון דער אנדערער זייט צאמט ער אים, דעם

קריטישן חוש, קילט אָפּ דעם הייסן אָטעם, כדי צו קענען שפּינען די דערציילונג.

מוקדוני הויבט אָן דאָס בוך פון זיין קינדהייט, אָבער דער אריינפיר איז א מין טרויעריקע קריטיק אויפן שטעטל. ער הויבט אָן: „אלט, פארזאָרגט, צעהויקערט און קליין איז מיין שטעטל". אין די קינדער־יאָרן האָט מוקדוני, אָדער דער קליינער סענדערל, נישט געזען דאָס שטעטל זיינס ווי ס'איז „אלט, פארזאָרגט, צעהויקערט". איך מיין דערמיט צו זאָגן, אז די קינדהייט געשטאַלטיקט ער נישט, ווי ער האָט זי דעמאָלט איבערגעלעבט, נאָר ווי ער זעט זי איצטער. דערפאַר באַגעגנט זיך מוקדוני זייער ווייניק מיט זיך אַליין, ער באגעגנט זיך מיט אַנדערע. ער איז צו זיי שאַרף, ער כאַפּט אויף דאָס סאמע כאַראַקטעריסטישע אין זיי, די צייכענונגען קומען אַרויס מיט ברייטע שטריכן, ווי אַ מאָלערס סקיצירונגען, וואָס פון זיי דאַרף אַרויסוואַקסן דאָס בילד.

אז איר לייענט דאָס בוך, חידושט איר זיך, ווי אין אזא קליין שטעטל ווי לעכעוויץ זענען געווען אזוי פיל טיפּן. צום אָנהויב בוך פירט מוקדוני דורך דעם כלל, אז ווי דאָס שטעטל איז אַלט, אַזוי זענען די מענטשן: „אַלע אלטע, די מענער אלע בערדיקע, די ווייבער אלע צעקנייטשטע". אז ער הויבט אָן אָן צו דערציילן פון יעדן מענטש באַזונדער, וואקסן זיי אויס יעדער איינער מיט זיין וועלטל, מיט זיין טרויער און טראגיזם. ביזן מיטן פון צווייטן קאפּיטל דערציילט ער אין אלגעמיינע שטריכן פון די שטעטלשע מנהגים, פון די קצבים, שניידערס און מארק־הענדלער. אלעמען האָט ער צונויפגענומען אונטער איין הימל און אייך דאכט זיך, אז קיין חילוק איז נישטאָ פון איין ייד צום אנדערן. נאָר אָט פארנעמט ער זיך אין דער זייט און פאר אייך בליצט אויף א געשטאלט, וואָס שפּארט ארויס פון דעם כלל מיט איר באזונדערקייט.

שפרה'טשקע די הענדלערין, וואָס שלאָגט־אָפּ ביי אנדערע הענדלער די קניות ביי גויים אויפן יאריד. אינעם דאָזיקן קאפּיטל גיט מוקדוני נאָר אָ פּאָר שטריכן — איר מענה־לשון, איר שטייגער צוצוקומען צום גוי — אָבער אָ פּאָר קאַפּיטלעך וויטער קערט ער זיך ווידער אום צו איר און פון דער פארגרעבטער יידענע, וואָס איר גאנצע חיונה ציט זי פון דעם מויל אירן, ווערט אָ טייערע יידישע מאַמע, וואָס איז מקריב זיך פאר איר אייניקל, דעם וויל־לערנער, וואָס שטייט הינטער די פענצטער פון בית־המדרש צו

הערן דאָס זיסע קול זיינס ביים
לערנען.

אַ סך מאָל דאַכט זיך, אַז מוקדוני אַליין ריכט זיך נישט, אַז אַ גע־שטאַלט זאָל זיך פאַר אים אַנט־פּלעקן, אָבער אַז ער דערטאַפּט דאָס געשטאַלט, ווערט ער אַנגעצונדן, ער איילט זיך אַנצוצייכענען זיינע שטריכן, ער וויל אים דערפירן ביז אַ פינאַל, ער וויל אים אויסשעפּן.

צום אָנהויב, אַז מוקדוני רעדט פון זיין שטעטל אין אַלגעמיינע שטריכן, האָט ער נישט קיין געהוי־בענע מיינונג פון זיינע מלמדים, אָבער אַז ער דערציילט פון זיין ערשטן מלמד משה בצלאל, ווערט ביי אים דער ייד דערהויבן, אַ הויך־עטיש געשטאַלט מאָלט ער.

משה בצלאל איז אַ גוטער מענטש, די תלמידים טרעטן אים דערפאַר אויפן קאָפּ, ער צעלאָזט דעם חדר, ער וויל מער נישט זיין קיין מלמד. „פאַרפאַלן, קינדער — זאָגט ער — סיידן גאָט וועט מיר נישט וועלן געבן אַן אַנדער פרנסה, איך קען נישט מער זיין קיין מלמד, איך בין נישט יוצא“.

דער פרומער, שטילער, שוואַ־כער ייד ווערט אַ בעל־עגלה, ער האָרעוועט אַזוי לאַנג ביז דאָס פערד זיינס פאַלט אַוועק און דעמאָלט קומט ער צוריק צו מלמדות — דער אויבערשטער האָט אים נישט גע־וואָלט געבן קיין אַנדער פרנסה.

משה בצלאל האָט אויף זיין שטיי־גער געהאַט אַן אומרואיקן גייסט, ביי גויים וואָלט אַזאַ משה בצלאל געוואָרן אַ שיכור, ביי יידן האָט ער מיט די אייגענע הענט זיך אויפגעבויט אַ הייזל און געענדיקט האָט ער מיט פאַרקויפן ביכלעך. די ביכלעך האָט ער אויך פאַרקויפט אויף זיין אייגענעם שטייגער: נאָר לערנען־ביכלעך, קיין ראָמאַנען און קיין לידער האָט ער נישט פאַר־קויפט, ער האָט מסתמא געהאַלטן נאָר פון לערנען, נישט פון „פוסטע מעשׂות“.

אין בוך זענען דאָ טיפּן פון חסידים, פון מתנגדים, פון יידן טרייפניאַקעס, אָבער דער עיקר האָט מוקדוני אַ באַציאונג צו די פרומע יידישע מענטשן, זיי דערהויבט ער, זיי מאָלט ער מיט אַ באַזונדערער פּיעטעט. איין חסיד אין זיין שטע־טל, ישעיה, איז שמחת־תורה אַ־רויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און זיך געקושט מיט די גנבים, ווייל יידן זענען זיי, טייערע יידן. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט, האָט ער זיך געפילט שולדיק פאַרן רבונו של עולם. ער האָט דאָס קליינע שטיבל זיינס צעטיילט אויף צוויי חלקים — איין חלק פאַר זיך מיט דער פרומער פרוי זיינער און דער צווייטער חלק פאַר שלעפּער. אַ

הקדש האָט ער ביי זיך געמאַכט, די שלעפּערס האָבן עטלעכע מאָל צוגעגנבעט ביי אים דאָס ביסל אָרעמקייט, אָבער ער האָט קיינעם נישט דערציילט, דאָס ווייב זיינס האָט דערציילט פון אירע צרות. אַז יידן האָבן אים אויסגערעדט: ער דאַרף זיך היטן, זען וועמען ער נעמט אַריין אין שטוב, האָט ער געזאָגט: און אַז מען האָט שלעכטע קינדער, פאַרשליסט מען פאַר זיי די טיר, אָדער מען וואַרפט זיי אַרויס?

אַ טשיקאַווער ייד איז עליע באַנדע, ער איז אַ כשרער ייד, אַ ייד אַ למדן, אָבער צו דער אייגענער צייט לעבט ער פון אַ מין כאַבאַר, וואָס נאָר אין אַ יידישן שטעטל איז אַזעלכער מעגלעך געווען. דער עליע באַנדע איז אַ ייד אַ הפקרניק, אין אים איז דאָ אַ מין באַהעמישער הפקר, אָבער צו דער אייגענער צייט פאַרמאָגט ער אַן ערלעכקייט, וואָס זייער ווייניק פאַרמאָגן. אָט דעם צעשפּאָלטענעם יידן מאָלט מוקדוני מיט קאַרגע שטריכן, אָבער ער לעבט פאַר אייך, מיט אַלע זיינע משוגעתן און קרומקייטן, מיט אַלע זיינע חוזקרייען און פרומקייטן.

אין מוקדוניס בוך גייט דאָס יידישע שטעטל דורך דעם אינערלעכן איבערברוך, פון צניעותדיקער יידישער פרומקייט צו וועלטלעכקייט.

ער אַליין גייט דורך דעם דאָזיקן פּראָצעס, ביז פופצן יאָר איז ער אַ וויל־לערנער, א מתמיד און דערנאָך כאַפּט ער זיך צו צו די מעשה־ביכלעך. פון זיך אַליין דערציילט ער נישט ווי ער איז איבערגעגאַנגען צום וועלטלעכן בוך, עפּעס קומט אויס ווי דער איבערגאַנג איז ביי אים געווען נישט מער ווי אַן אַריבערשפּרונג. דערפאַר דערציילט ער פון אַ יונגעמאַנטשיק, אַן איידעם ביי זיי אין שטעטל, ווי ער האָט נעבעך איבערגעלעבט דאָס אָפּקומעניש פון די רוסישע ביכלעך.

דער איידעם האָט זיך געגרייט צו זיין אַ רב, אַזוי ווי אָבער אין פּוילן האָבן רבנים געמוזט האַלטן אַן עקזאַמען אויף רוסיש, האָט ער, דער יונגער לעכעוויצער איידעם, געלערנט רוסיש.

מוקדונין האָט ער גענומען פאַר אַ מיטלערנער, אין די ערשטע צייט האָבן די ביידע פלייסיק שטודירט רוסיש, אויסגעלערנט די רוסישע ווערטער אויף אויסנווייניק און אַ ביסל צוגעהאָרעוועט אויף גראַמאַטיק. דער יונגער איידעם האָט אונטערגעקרעכצט אויף דער גזירה, אָבער ער האָט זי געטראָגן מיט דער גלותדיק־יידישער הכנעה. אַז ס'איז געקומען צו לייענען פּושקינס „רוסלאַן און לודמילאַ", האָט זיך דער איידעם ביטער צעוויינט: זע

אויף וואָס ער דאַרף אויסבייטן די יידישע תורה, אויף אַ גויאישער ליבע, אויף אַ שייגעץ און אַ שיקסע.

אין בוך באַמאָלט מוקדוני די לעבעדיצער שול, ער ווייזט דאָ אַרויס קענטשאַפט אין מאָלעריי און דער עיקר, ער מאָלט דעם ארון קודש, די סטעליע, די פּרוכתן, דעם שולחן, מיט אַזוי פיל פּרטים, אַז אַ צייכענער קען זיך אָוועקזעצן און נאָכצייכענען די אַנטיק־שול. די מייסטערשאַפט אין באַמאָלן די שול אַנטפּלעקט פאַר אונדז מוקדוניס גרויסן זכרון און צו דער אייגענער צייט אויך זיין שאַרף אויג פאַר דעטאַלן — אַ שאַרפקייט וואָס ווערט קינסטלעריש.

אַ סצענע באַשרייבט מוקדוני, ווי ער איז אַמאָל אַריינגעפאַלן צום יידישן אַדוואָקאַט, דער פּריסטאַוו איז דאָרטן געווען, עטלעכע יידישע פרויען און מענער, וואָס האָבן זיך געחברט מיט נאַטשאַלסטווע. דער פּריסטאַוו איז שוין געווען היפּש שכור, ער האָט אָנגעהויבן פייניקן דאָס יידישע יינגל, ער האָט רק געוואָלט ער זאָל טרינקען. ס׳איז אַ בילד פון גויאישן סאַדיזם בנוגע יידן, דער גאַנצער שוידער פון יידישער רעכטלאָזיקייט אין צאַרישן רוסלאַנד איז פאַרקערפּערט אין דער דאָזיקער קליינער געשעעניש מיטן אָרעמען יידישן יינגל.

דאָס בוך „מיינע באַגעגענישן” וואָלט אפשר געקענט געלייטערט ווערן, אַמאָל פילט זיך אַ שלאַבעריקייט אין שרייבן, אַז איילקייט אין סטיל, אָבער די רייכקייט אין דער טיפן־גאַלעריע, דער יידישער מענטש, מיט זיינע ראַנגלענישן, מיט זיין דערהויבנקייט אין דער אָרעמקייט — דאָס אַלץ פאַרגיט אויף דעם ביסל מוטענקייט וואָס כאַפּט זיך אַריין דאָ און דאָרטן.

אַ שאָד נאָר וואָס מוקדוני איז נישט געווען אַ ביסל אינטימער מיט זיך אַליין, ביים לייענער דערוועקט זיך אַ חשק צו זען ווי ער אַליין — דער קליינער סענדערל — לעבט איבער דאָס שטעטל, ווי ער קוקט אויף זיך אַליין, נישט נאָר אויף אַנדערע.

ד״ר שלמה ביקל — איבער די ביכער וועגן וואַרשע אין זיין אַרטיקל: „וואַרשע אין איר אויפגאַנג און אונטערגאַנג" („דער טאָג", ניו־יאָרק, 15טער אַפּריל 1949) צוו. אַנד.

פון דעם פּעקל ביכער פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס כ'האָב באַקומען צוגעשיקט פנועם רירעוודיקן און דערפּאָל־גרייכן פאַרלאַג פונעם „פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטי־נע", געהערן דריי פון זיי מיט די בעסערע און געראָטענערע קאַפּיט־לען, בפירוש אַריין אין דער לעק־טור פאַר די דערמאָנונגס־טעג וועגן וואַרשע. אַלע די דריי ביכער, (א. אלמיס זכרונות „מאָמענטן פון אַ לעבן", אברהם טייטעלבוימס דערמאָנונגען וועגן „וואַרשעווער הייף" און נחום סאָקאָלאָווס עסייען וועגן „פּערזענלעכקייטן"), האָבן אַ שייכות צו איין און דער זעלבער צייט אין דער געשיכטע פון וואַר־שע. זיי דערציילן אַלע וועגן וואַר־שעווער יידישן לעבן פון די לעצטע פופציק יאָרן פאַרן איצטיקן חורבן. הייסט עס איין און די זעלבע „הגדה" אין דריי אויפלאַגעס? ניין. יעדעס פון די דריי ביכער באַ־וועגט זיך אויף אַן אַנדערער סאָ־ציאַלער טרעפּ פון דער יידישער וואַרשע און אַלע דריי דערגאַנצן זיך אַזוי אַרום און געבן אינאיינעם אַ בילד פון אַ שטיק יידיש לעבן, וואָס ציט זיך פון דעם סאַמע אונ־טערשטן שיכט פון אָרעמשאַפט אין די שטיבלעך לעבן גענשער בית־עולם. איבער די מיטלשטאַנד הויפן אויף טוואַרדע און קראָכמאַלנע ביז צו די וווינונגען פון די „פּערזענ־לעכקייטן", וועגן וועלכע עס דער־ציילט סאָקאָלאָוו.

אין א. אלמיס „מאָמענטן פון אַ לעבן" (זכרונות, בילדער און עפּי־זאָדן) פאַרכאַפּן דער עיקרשט די ערשטע עטלעכע קאַפּיטלעך, וואָס גיבן איבער וועגן „די נעסטן פון דער וואַרשעווער דייישער אָרעמ־קייט", וועגן די חושכדיקע נאָרעס", ווו „אָרעמע בעלי־מלאכות, טרע־גערס, גאַסן הענדלערס, ווי אויך אַ צומיש פון אונטערוועלט, וואַלגערן זיך צוזאַמען אין די גאַסן און היי־זער, אָן פרייד, אָן האָפענונג, אָן דעם באַוווסטזיין פון עפּעס בעסערס און שענערס"...

און דווקא אין אָט די ערשטע קאַפּיטלעך איז אלמיס, לויט מיין געשמאַק, אַ ביסל צו פעליעטאָניס־טיש לייכטע שפּראַך און לייכט שבלייכטער אופן פון דערציילן

נישט קיין שטער צו ברענגען די גאַנצע חושכדיקייט פון שטאָף. פאַרקערט, די לייכטקייט פונעם לשון און דער כלומרשט ווײלנדיקער טאָן פונעם סיפּור המעשה פאַרבן נאָך פינצטערער און גיבן צו נאָך מער טעם פון ביטערקייט צו דער שילדערונג פון דעם קראַנקן שאַכער, וואָס האָט „דאָס לעצטע פּיצעלע לעבן אַרויסגעהוסט" ביי דער גרויער, דיקער וואַנט וואָס איז געשטאַנען ביי די פענצטער פון דער שטוב אויף ניזקאַ 47, וווּ אלמיס עלטערן האָבן אַ שטיק צייט געוווינט.

אינטערעסאַנט, איך מיין פון קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, איז וואָס אלמי האָט צו דערציילן וועגן זיינע אַוואַנטורעס ווי פאָלקלאָרזאַמלער און וועגן זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער פּרעסע, וואָס זענען אין אַ געוויסע מאָס אויך די ערשטע טריט פון דער יידישוואַרשעווער פּרעסע גופא. וויכטיק, פאַרשטייט זיך, איז אויך דער פאָלקלאָריסטישער מאַטעריאַל וועלכן אלמי ברענגט.

* * *

אין אברהם טייטעלבוימס „וואַרשעווער הייף" ווערן אַרויסגעבראַכט אַ שלל מיט אינטערעסאַנטע

פאַרשווינען און אַ שפּע מיט טשיקאַווע געשעענישן, אָבער מען דערזעט נישט אַלעמאָל דעם פּאַנאָראַמע סך־הכל פון יעדן הויף און עס דערגייט נישט דער ספּעציפישער אַראָמאַט פון אַ יידישן הויף אין וואַרשע.



און נעמען נעמט זיך דאָס, ווי מיר דאַכט, דערפון, וואָס אברהם טייטעלבוים האָט צופיל ליב געהאַט יעדן פון די הויף איינוווינער, אַז ער זאָל אים געווען אויסלאָזן פון דער באַשרייבונג.

טייטעלבוים איז בדרך כלל געווען אַ גוטער און וואַרעמער פאַרטרעטירער פון מענטשן. ער האָט

דאָס באַווייזן נאָך פּאַר די „וואַרשע־
ווער הייף" מיט די אויסגעצייכנטע
פּאָרטרעטן פון זיינע חברים־שויש־
פּילער, וועלכע ער האָט פון צייט
צו צייט געדרוקט אין די יידישע
צייטשריפטן פון אַמעריקע און איי־
ראָפּע. אין די „וואַרשעווער הייף"
האָט ער דעם דאָזיקן כוח זיינעם
אָפּצומאָלן מענטשן נאָך שענער און
בולטער אַנטפּלעקט. דער חסרון
ביי די „וואַרשעווער הייף" איז
בלויז וואָס מחמת דער פילשאַפט
פון די פּאָרטרעטן, שטייען זיי
איינס לעבן ס'אַנדערע אין ענג־
שאַפט.

מער רחבות איז פאַראַן אויף
„טוואַרדע 2" און דאָס קאַפּיטל איז
דערפאַר נישט בלויז דאָס בעסטע
אין בוך, נאָר עס איז בכלל איינס
פון די שיינע ליטעראַרישע גע־
מעלן פון דער יידישער וואַרשע.

ר' איטשעלע דער מורה הוראה,
ר' הערש דער בעקער, וואָס האָדע־
וועט עופות, די סצענע פון דעם
האָן דעם דיקטאַטאָר, וואָס איז באַ־
פאַלן דעם רב ר' איטשעלע, און
ועל כולם די בילדער פון די צוויי
קאַרליקעס, ר' בעריש און שילעם
ווילנער (טאַטע און זון) — אַט דאָס
אַלץ אינאיינעם איז אַ פיין קאַפּיטל
פון וואַרעמע דערמאָנונגען און אויך
פון היפש געשמאַקער בעלעטריס־
טיק אין דער „הגדה" וועגן דעם
נאָענטן אַמאָל פון דער חרוב גע־
וואָרענער יידישער וואַרשע.

* * *

נחום סאָקאָלאָוו „פּערזענלעכ־
קייטן" איז אַ יידישע איבערזעצונג
פון זיין באַקאַנטן העברעאישן בוך
„אישים". די איבערזעצונג האָט
געמאַכט דער יידיש־אַרגענטינער
שרייבער משה שענדעריי.

נחום סאָקאָלאָוו איז נישט בלויז
געווען דער פּאָליהיסטאָר פון דער
העברעאישער ליטעראַטור אין דעם
זינען וואָס ער האָט אַ דאַנק זיין
גוואַלדאָוונער ערודיציע שרייבע־
ריש באַהערשט די ברייט פאַר־
צווייגסטע טעמאַטיק, נאָר ער איז

אויך געווען דער פאָליהיסטאָר דערמיט, וואָס ער האָט שרייבנדיק וועגן איין טעמע, גענוצט אָן אַ שיער ליטעראַרישע זשאַנערן מיטאַמאָל.

אין איין און דער זעלבער עסיי האָט מען ביי סאָקאָלאָוון געקענט געפינען זשורנאַליסטישע אינפאָרמאַציע און פיינע רייכע באַשרייבונג, פּאָפּולערע וויסנשאַפט און גייסטרייכן שמועס, שאַרפע געדאַנקלעכע פאָרמולירונגען און וועלט פרעמדע חקירות, סוגעסטיווע קינסטלערישע בילדער און ביליקע מגידישע אַלעגאָריעס. און די אַלע מינים שרייבן האָבן זיך ביי סאָקאָלאָוון נישט באַהעפט צו איין אָרגאַניש אייגענעם ליטעראַרישן זשאַנער.

אין דעם בוך זענען פאַראַן אומפאַרגעסלעכע שילדערונגען וועגן סאָקאָלאָווס באַגעגענישן מיט באַרימטע פערזענלעכקייטן, ווי חיים זעליג סלאָנימסקי, פרץ א״אַ. און מיט ווייניקער באַרימטע, ווי דער דאָזאָר ליבער קאָרנגאָלד פון וואַרשע און אנרי בערגזאָנס באָבע פערל מירל.

ווען אין סאָקאָלאָווס בוך זאָל נאָר זיין דער איינער פאַראַגראַף וואָס דערציילט וועגן אָט דער ווונדערלעכער טאָכטער פון וואַרשעווער יידישע גבירים, וואָס איז געווען די באָבע פון פראַנצויזישן פילאָזאָף בערגסאָן, וואָלט עס געווען גענוג קאָמפענסאַציע פאַר אַלע זייטלעך וואָס מען איז געצוווּנגען איבערצוהיפּן.

סאָקאָלאָוו האָט פערל מירלען געקענט ווען זי איז שוין געווען פאַראָרעמט: „זי איז געווען אָרעם, אַלע מיליאָנען אין „אייביקע פאָנדן״ זענען פאַרלוירן געגאַנגען, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי אַ קעניגין אַן אלמנה. אין איר הויב מיט די טונקל בלויע בענד אין טערקישן שאַל, אַ מין אַלטער גאָבעלין, גייט זי זיך טריט ביי טריט ווי אין אַ יום־טוב פראָצעסיע. אַ גאַנצער דור איז זיך געגאַנגען פון נאָוואָליפקי דורך דזשיקע, אַ דור פול מיט אַלטן חן, מיט פראַכטיקער קליידונג און חכמה, וואָלט איר זי באַדאַרפט הערן רעדן יידיש! עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. מען האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. נאָר צוויי מענטשן האָבן גערעדט אַזאַ יידיש: פערל מירל און מיין באָבע יוטע פון פלאָצק!״

„איך פלעג זיך אויפמערקזאַם צוהערן״ שרייבט ווייטער סאָקאָלאָוו, „און נישט ווילנדיק אַראָפּלאָזן די אויגן אין פאַרערונג״.

ביידע האָבן די פאַרערונג ערלעך פאַרדינט: די אַלטע פערל מירל, וואָס האָט אַזוי שיין גערעדט, און נחום סאָקאָלאָוו, וואָס האָט אונדז וועגן אירע רייד אַזוי ווונדערלעך דערציילט.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע
„דאָס פּוילישע יידנטום"
זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

Este libro se terminó de imprimir el
día veinte de Octubre de 1951 en
los Talls. Gráficos de Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231 — Buenos Aires

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס